STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03360

ZSHAN KRISTOF

Romain Rolland

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

זשאַן קריסטאָף

ערשטער באַנד

באַגינען

פון פראַנצויזיש
אהרן מאַרק

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1 9 3 1

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie"
B. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

די פרייע גייסטער פון אַלע נאַציעס
וואָס ליידן, וואָס קעמפן,
און וואָס וועלן זיגן.

ר. ר.

בּאַגינען

Dianzi, nell' alba preceda al giorno,
quando l'anima tua den tro dormia...
Purg XI.

איצט, אין בּאַגינען, פאַרן אָנבּרוך פון מאָרגן,
ווען דיין נשמה שלאָפט נאָך...
דאַנטע, קאַפּ. XI

Come, guando i vapori umidi i spessi
A diradar comincianci, la spera
Del sol debilemente entra per essi...
Purg. XVII

װען ס'פֿאַרשװינדן די פֿײַכטע און געדיכטע נעפּלען,
רײַסט זיך אַרױס און ס'שפּאַלט זײ דורך
אַ בלײַכער זון־שטראַל...
דאַנטע, קאַפּ. XVII

דאָס רוישן פון טייך הינטערן הויז ווערט אַלץ שטאַרקער. פון פרימאָרגן אָן קלאַפּט דער רעגן אין די פענסטער. פאַרנעפּלטע וואַסער־טראָפּנס רינען אַראָפּ איבער דער צעבראָכענער שויב. דער געלבלעכער טאָג ווערט פאַרלאָשן. אין צימער ווערט וואַרעמלעך און דושנע.

דער ניי־געבוירענער באַוועגט זיך אין זיין וויג. כאָטש דער אַלטער האָט, אַריינקומענדיק, איבערגעלאָזט זיינע הילצערנע שיך ביי דער טיר, סקריפּעט דאָך די פּאָדלאָגע אונטער זיינע טריט, און דאָס קינד הויבט אָן צו וויינען. טאַפּנדיק אין דער פינסטער, צינדט דער זיידע אָן דעם לאָמפּ, כדי דער קליינער זאָל זיך נישט דערשרעקן פאַר דער נאַכט, בעת ער וועט זיך אויפכאַפּן. דער פלאַם באַלייכט דאָס רויטע פּנים פונם אַלטן זשאַן־מישעל, זיין ווייסע, שטייפע באָרד, זיין בייזן אויסדרוק אין זיינע לעבעדיקע אויגן. איצט גייט ער צו צום וויגל. זיין מאַנטל שמעקט מיט פייכטקייט. עס שלעפּן זיך אים נאָך, בעת ער גייט, זיינע דיקע, בלויע זאָקן. לואיזע גיט אים אַ צייכן, ער זאָל נישט צוגיין צו נאָענט. זי איז בלאָנד, כמעט ווייס; אירע שטריכן זענען ווי צוזאַמענגעצויגן; איר זיס שעפּסן־פּנים איז געפלעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך; זי האָט בלייכע, דיקע ליפּן, וואָס זענען האַלב אָפן און שמייכלען דערשראָקן; זי רייסט נישט אָפּ די אויגן פונם קינד, אירע בלויע, אומקלאָרע אויגן, וואָס זייער שוואַרץ־אַפּל איז אַ קליין פּינטעלע, אָבער מיט אָן אַ שיער צערטלעכקייט.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און עס וויינט. זיין אומרויקער בליק בלאָנדזשעט אַרום. אַך, ווי שרעקלעך! דאָס פינסטערניש, דאָס אומדערטרעגלעכע ליכט פון לאָמפּ, די מוראדיקע זעענישן פון מח, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעטיילט פונם כאַאָס, די דריקנדיקע נאַכט,

וואָס אַרום אים, די תהומיקע שאָטנס, וואָס פון זיי רייסן זיך אַרויס, ווי בלענדנדיקע שפּיזן-ליכט, שטעכעדיקע איינדרוקן, ווייטיקן און גרויל-בילדער: אָט די ריזיקע געשטאַלטן, וואָס בויגן זיך איבער אים, אָט די אויגן, וואָס נעמען אים דורך און וואָס ער פאַרשטייט זיי נישט צומאָל!... עס האָט קיין כח נישט צו שרייען, דער פּחד פאַרגליווערט אים; זיינע אויגן און מויל זענען אָפן און עס אָטעמט פון דער טי-פעניש פון זיין האַלז. זיין גרויסער דיקער פּנים פאַרציט זיך אין אַ וויינענדיקער, משונהדיקער גרימאַסע; די הויט פון זיינע הענט און פּנים איז ברוין, כמעט בלוי, פול מיט געלבלעכע פלעקן.

— גאָט מיינער, ווי מיאוס ער איז! — האָט אַ זאָג געטאָן דער אַלטער מיט איבערצייגונג.

ער האָט צוריק אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אויפן טיש. לואיזע האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַ מיידעלע, וואָס מען האָט זיך אויף איר אָנגעבייזערט. זשאַן-מישעל האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איר אַ בליק פון דער זייט און זיך צעלאַכט:

— און דו וואָלסט וועלן איך זאָל דיר זאָגן, אַז ער איז שיין? דו וואָלסט אַליין נישט געגלויבט. מילא, ס׳איז נישט דיין שולד, זיי זענען אַלע אַזוי.

דאָס קינד איז געקומען צו זיך פון דער פאַרגליווערטקייט, אין וועלכער ס׳האָט אים אַריינגעבראַכט דאָס ליכט פון לאָמפּ און דעם אַלטנס בליק. עס האָט אָנגעהויבן צו שרייען. אפשר האָט עס מיטן אינסטינקט אַרויסגעפילט פון דער מאַמעס אויגן אַ צערטלעכקייט, וואָס האָט אים געגעבן מוט צו קלאָגן זיך. זי האָט אויסגעצויגן די אָרעמס און אַ זאָג געטאָן!

— גיב מיר אים.

דער אַלטער האָט, אויף זיין שטייגער, אָנגעהויבן צו דערקלערן איר זיינע טעאָריעס:

— מען טאָר די קינדער נישט נאָכגעבן, ווען זיי וויינען. מען דאַרף זיי לאָזן שרייען.

דאָך איז ער צוגעגאַנגען, האָט גענומען דאָס קינד און האָט גע-ברומט:

— אַזאַ פאַרזעעניש האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען.

לואיזע האָט מיט אירע גליענדיקע הענט אַ כאַפּ געטאָן דאָס

קינד און עס צוגעדריקט צו איר ברוסט. זי האָט עס אָנגעקוקט מיט אַ פאַרלעגענעם און גליקלעכן שמייכל.

— אוי, אָרעם קינד מיינס — האָט זי גערעדט אַ פאַרשעמטע — ווי מיאוס דו ביסט, ווי מיאוס דו ביסט, און ווי ליב איך האָב דיך!

זשאַן־מישעל האָט זיך אומגעקערט צום פייער און האָט אָנגעהויבן צו שאַרן אין דעם מיט אַ ברוגזער מינע; אָבער אַ לייכטער שמייכל האָט פאַרדעקט דעם בייזן אויסדרוק פון זיין פנים.

— טעלטערל, — האָט ער געזאָגט — נעם זיך נישט צום האַרצן, ער האָט נאָך גענוג צייט זיך צו ענדערן. און נאָך אַלעמען, וואָס מאַכט עס אויס? מ׳פאַרלאַנגט פון אים נאָר איין זאַך: ער זאָל זיין אַן אָרנטלעכער מענטש.

דאָס קינד האָט זיך איינגעשטילט, צודריקנדיק זיך צום וואַרעמען לייב פון דער מוטער. מען האָט געהערט, ווי עס זויגט דורשטיק די ברוסט. זשאַן־מישעל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַ ביסל אָן זיין שטול און האָט איבערגעחזרט מיט אַ וויכטיקער מינע:

— ס׳איז נישטאָ קיין שענערע זאַך אויף דער וועלט, ווי צו זיין אַן אָרנטלעכער מענטש.

ער האָט אַ וויל געשוויגן, נאָכקלערנדיק, צי ס׳וואָלט נישט געווען כדאי דעם געדאַנק ברייטער אַרומצורעדן, נאָר ער האָט נישט געפונען מער וואָס צוצוגעבן, און נאָך אַ קורצן שטילשוויגן האָט ער אַ פרעג געטאָן אין אַן אויפגערעגטן טאָן:

— ווי קומט עס, וואָס דיין מאַן איז נאָך נישטאָ אין דער היים?

— איך גלויב, אַז ער איז אין טעאַטער, — האָט לואיזע נישט זיכער געענטפערט — ער האָט אַ רעפּעטיציע.

— דאָס טעאַטער איז פאַרמאַכט, איך בין דאָרט נאָר־וואָס פאַרבייגעגאַנגען. אַ פרישער ליגן!

— ניין, באַשולדיק אים נישט שטענדיק. כ׳האָב, הפנים, שלעכט פאַרשטאַנען. מסתמא האָט אים פאַרהאַלטן איינע פון זיינע לעקציעס.

— ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אין דער היים. — האָט דער אַלטער געזאָגט אומצופרידן.

ער האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט און האָט באַלד אַ פרעג געטאָן שטילער, ווי פאַרשעמט:

— צי האָט ער... ווידער!...

— ניין, פאָטער, ניין, פאָטער — האָט לואיזע שנעל געענטפערט.

דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר; זי האָט אויסגעמיטן זיין בליק.

— ס׳איז נישט אמת. דו זאָגסט אַ ליגן.

זי האָט זיך שטיל פאַנאַנדערגעוויינט.

— גאָט מיינער! — האָט זיך צעשריגן דער אַלטער און האָט אַ שטויס געטאָן מיטן פוס דאָס פייער. די קאָטשערע איז מיט אַ טומל אַ פאַל געטאָן. די מוטער מיטן קינד האָבן אַ צאַפּל געטאָן.

— פאָטער, איך בעט דיך, — האָט לואיזע געזאָגט — ער וועט זיך צעוויינען.

דאָס קינד האָט זיך עטלעכע מינוט געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל עס שרייען אָדער ווייטער זויגן, נאָר אַזוי ווי טאָן ביידע זאַכן מיטאַמאָל האָט עס נישט געקאָנט, האָט עס אויסגעקליבן דאָס לעצטע.

זשאַן-מישעל האָט גערעדט ווייטער מיט אַ געדריקטער שטים, נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אויסגעשריגן מיט צאָרן.

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט פאַר גאָט, וואָס ער האָט מיר געגעבן אָט דעם שיכּור פאַר אַ זון! טאַקע כּדאַי געוווען אָפּצולעבן אַזאַ לעבן ווי איך, אָפּצוזאָגן זיך פון אַלץ, אַ גאַנץ לעבן!... אָבער דו, דו, צי ביסטו נישט בכּח אים איינצוהאַלטן? נאָך אַלעמען, צום טייוול! — איז דאָך עס דיין אויפגאַבע. ווען דו וואָלסט אים געקאָנט איינהאַלטן אין שטוב!...

לואיזע האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

— שטראָף מיך נישט, איך בין שוין אַזוי אויך געגנוג אומגליקלעך! כ׳האָב געטאָן אַלץ, וואָס איך בין געוווען בכּח צו טאָן. ווען דו ווייסט, ווי מיר פאַלט איין דאָס האַרץ, ווען איך בלייב אַליין. מיר דוכט זיך נאָר, אַז איך הער זיינע טריט אויף די טרעפּ און איך וואַרט דעמאָלס, אַז די טיר זאָל זיך עפענען... איך פרעג ביי זיך אַליין: גאָט מיינער! ווי וועט ער אויסזען אַריינקומענדיק?... אָט דער געדאַנק אַליין מאַכט מיך קראַנק.

זי האָט זיך צעכליפּעט, טרייסלענדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער. דער אַלטער איז אומרויק געוואָרן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט אַרויפגעצויגן די קאָלדרע, וואָס האָט זיך דערווייל פון איר אַראָפּגע־רוקט, אויף אירע ציטערנדיקע אַקסלען, און האָט מיט זיין גרויסער האַנט זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— נו, שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, איך בין דאָ פאַראַן.

זי האָט זיך דערמאָנט אַן קינד און זיך באַרויקט, פרווונדיק שמייכלען.

— ס׳איז אַן עוולה, וואָס כ׳האָב עס אייך דערציילט.

דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אָרעם קינד, כ׳האָב דיר געשאָנקען נישט קיין איבעריק שיי־נע מתנה.

— ס׳איז מיין אייגענע שולד. — האָט זי געענטפערט — ער האָט נישט געדאַרפט חתונה האָבן מיט מיר. ער באַדויערט, וואָס ער האָט עס געטאָן.

— וואָס, מיינסטו, באַדויערט ער?

— דו ווייסט עס אַליין זייער גוט. דו אַליין ביסט דאָך געווען זייער בייז, וואָס איך האָב מיט אים חתונה געהאַט.

— לאָמיר מער נישט רעדן וועגן דעם. אמת, ס׳האָט מיר אַ ביסל וויי געטאָן. אַזאַ בחור ווי ער — איך קאָן דאָך עס זאָגן אָן אַ באַ־ליידיקונג פאַר דיר, — אַזאַ בחור ווי ער, וואָס האָט מיר געקאָסט אַזוי פיל מי, אַן אויסגעצייכנטער מוזיקער, אַן אמתער קינסטלער, איז ווערט געווען צו טאָן אַ בעסערן שידוך ווי מיט דיר, — אַ מיידל אָן פאַרמעגן, אָן יחוס, און אפילו נישט פון אונזער פּראָפעסיע. אַז איינער פון דער משפּחה קראַפט זאָל חתונה האָבן מיט אַ מיידל, וואָס איז נישט מוזיקאַליש, — אַזאַ זאַך האָט מען שוין הונדערט יאָר נישט געזען! — אָבער דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז נישט געקוקט דע־רויף, טראָג איך נישט קיין כעס אויף דיר, און ווען כ׳האָב דיך נעענ־טער דערקענט, האָב איך דיך ליב באַקומען. און אַחוץ אַלעמען, — ווי נאָר זיין חתונה איז געוואָרן אַ געשעענע זאַך — איז אָפּגערעדט; עס בלייבט נישט מער, ווי צו דערפילן ערלעך די פליכטן.

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין שטול און האָט זיך אַוועקגעזעצט. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. לסוף האָט ער אין אַ פייערלעכן טאָן,

ווי יעדעס מאָל בעת ער פלעגט אַרויסברענגען ווינע אַפאָריזמען, געזאָגט:

— דער עיקר אין לעבן איז צו דערפולן די פליכטן.

ער האָט געוואַרט, מען זאָל אים אָפּפרעגן — און האָט אַ שפּיי געטאָן אויפן פייער; נאָר אַזוי ווי נישט די מוטער און נישט דאָס קינד האָבן גאָרנישט ניט געענטפערט, האָט ער געוואָלט נאָך עפּעס צו־געבן — און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

מער האָט מען נישט גערעדט. זשאַן־מישעל פאַרן פייער און לואיזע, זיצנדיק אין בעט, האָבן זיך ביידע טרויעריק פאַרטראַכט. דער אַלטער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזאָגט, האָט מיט פאַרביטערונג געטראַכט וועגן זיין זונס שידוך. לואיזע האָט אויך געטראַכט וועגן דעם, און געזוכט זיך צו באַשולדיקן, הגם זי האָט נישט געהאַט וואָס זיך פאַרצוּוואַרפן.

זי איז געווען אַ דינסט־מיידל, ווען זי האָט צו אַלעמענס—און נישט ווייניקער צו איר אייגענער—איבערראַשונג חתונה געהאַט מיט מעלכיאָר קראַפט, זשאַן־מישעלס זון. די קראַפטס האָבן קיין פאַרמעגן נישט געהאַט, זיי האָבן אָבער פאַרנומען אַ חשובן אָרט אינם שטעטל, ביים ברעג פונם רהיין, ווו דער אַלטער האָט זיך באַזעצט מיט לערך אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. דער מוזיקאַלישער טאַלענט פלעגט ביי זיי אַריבער בירושה פון טאַטע צו זון, און זיי זענען געווען באַרימט צווישן די מוזיקער פון גאַנצן לאַנד, פון קאָלאָניע ביז מאַנהיים. מעל־כיאָר איז געווען אַ פידלער אין הויף־טעאַטער, און זשאַן־מישעל האָט אַמאָל דיריגירט מיט דעם אָרקעסטער אויף די קאָנצערטן ביים גרויס־פירשט. דער אַלטער האָט זיך געפילט טיף דערנידעריקט פון זיין זונס שידוך; ער האָט געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען און אים געוואָלט מאַכן פאַר דעם גרויסן מאַן, וואָס ער אַליין האָט נישט גע־קאָנט ווערן. דער אומגעלומפּערטער שריט פון זיין זון האָט באַגראָבן אַלע זיינע האָפענונגען. דערפאַר איז ער געווען זייער אויפגעבראַכט און פלעגט די ערשטע צייטן שעלטן לואיזען מיט מעלכיאָרן. נאָר אַזוי ווי ער איז בטבע געווען אַ גוטער מענטש, האָט ער, בדיעבד, מוחל געווען זיין שנור, נאָכדעם ווי ער האָט זי נעענטער דערקענט,

און האָט אפילו אָנגעהויבן צו פילן צו איר אַ פּאַטערלעכע צערטלעכ־
קייט, וואָס פלעגט זיך ס'רוב אויסדריקן ביי אים אין אַ מין רוגזהדי־
קער מורמלעריי.

קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ס'האָט געטריבן מעלכיאָרן צו דעם שידוך,—ווייניקער פון אַלעמען האָט ער עס אַליין פאַרשטאַנען. זיכער איז, אַז דאָס איז נישט געווען לוזעס שיינקייט. אין איר איז נישט געווען קיין שום זאַך, וואָס זאָל קאָנען פאַרפירן. קליין, בלייך און שוואַך, איז זי געווען אַ מאָדנע־בולטער קאָנטראַסט צו מעלכיאָרן און מישעלן,—אָט די צוויי הויכע, ברייטע ריזן מיט די רויטע פּנימער און שטאַרקע פויסטן, וואָס פלעגן גוט עסן און טרינ־קען, האָבן ליב געהאַט צו לאַכן און פלעגן אַלעמאָל אָנמאַכן אַ גרויסן טומל. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי ווערט איינגאַנצן בטל נעבן זיי; מ'האָט זי קוים באַמערקט. און זי אַליין האָט זיך באַמיט, מען זאָל זי נישט באַמערקן. וואָלט מעלכיאָר געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש, וואָלט מען געקאָנט גלויבן, אַז ער האָט אויסדערוויילט לואיזען צוליב איר גוטסקייט. אָבער ער איז אייגנטלעך געווען אַ פּוסטער בעל־גאוה. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ משונהדיקע רעטעניש: אַזאַ בחור ווי ער, אַ גאַנץ שיינער, וואָס האָט דערצו געוווּסט, אַז ער איז שיין, וואָס האָט פון זיך געהאַלטן זייער שטאַרק און איז באמת נישט געווען אָן טאַלענט, וואָס האָט געקאָנט טאָן אַ רייכן שידוך און אפשר—ווער ווייס?—פאַרדרייען דעם קאָפּ איינער פון זיינע שילערינס פון די רייכע באַלעבאַטישע קרייזן,—ער פלעגט זיך אַלע מאָל דערמיט באַריימען,—זאָל פּלוצלינג אויסקלייבן אַ מיידל פון המון, אָן אָרעמע, אָן דערציונג און נישט קיין שיינע, וואָס האָט דערצו גאָרנישט געטאָן, כדי אים צו געווינען.

אָבער מעלכיאָר איז געווען פון יענע מענטשן, וועלכע טוען שטענדיק דעם היפּוך פון דעם, וואָס ס'ערוואַרטן פון זיי אַנדערע און אפילו וואָס זיי אַליין ערוואַרטן פון זיך. נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט געוואָרנט. מען זאָגט, אַז איין דערפאַרענער מענטש איז מכריע צוויי אומדערפאַרענע.—זיי האָבן זיך ליב געהאַט צו באַריימען, אַז קיין שום זאַך איז נישט בכּח זיי אָראָפּצופירן פון וועג און אַז זיי קערעווען דאָס שיפל פון זייער לעבן מיט אַ פעסטער האַנט צו אַ זיכערן ציל. אָבער זיי מאַכן דעם חשבון אָן זיך אַליין, ווייל זיי קאָנען זיך גופא נישט. אין אַ געוויסער מינוט פון אויסגעליידיקט־

קייט, וואָס טרעפט זיך זיי אין לעבן, גליטשט זיך זיי דער רודער אַרויס פון די הענט, און ווי נאָר די זאכן ווערן איבערגעלאָזן זייער אייגענעם גורל, באַקומען זיי, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, דעם בייזן פאַרגעניגן צו טאָן דעם היפוך פון דעם, וואָס ס׳האָט געוואָלט זייער באַלעבאָס. דאָס שיפל אָן דעם רודער גייט גלייך אויף אַ פעלז, און דער אין־פלוג־ניכטערער מעלכיאָר האָט גאָר חתונה מיט אַ קעכין־ און אין יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך פאַרבונדן מיט איר אויף אַ גאַנץ לעבן, איז ער דווקא נישט געווען נישט שיכּור און נישט באַ־ ווּסטלאָז; און קיין שטאַרקע לײדנשאַפט האָט ער אויך צו איר נישט געפילט; דערצו האָט נאָך געפעלט גאָר אַ סך. אָבער אינם מענטשן זענען פאַראַן אפשר גאָר אַנדערע כּוחות, אויסער שׂכל, האַרץ און חושים—געהיימניספולע כּוחות, וואָס באַהערשן אים אין מאָמענטן פון פוסטקייט, ווען זיינע איבעריקע גייסטיקע כּוחות דרימלען. ס׳קאָן זיין, אַז מעלכיאָר האָט זיך טאַקע אָנגעטראָפן מיט די דאָזיקע כּוחות אין דער טיפקייט פון די בלייכע האלב־דערשראָקענע אויגן, אין יענעם אָוונט, ווען ער איז צוגעגאַנגען צום מיידל אויפן ברעג פונם טייך און האָט זיך געזעצט נעבן איר אין געדיכטן אַאיר און האָט איר— ער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס—אויסגעצויגן זיין האַנט.

אָבער באַלד נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבן צו באַדויערן דאָס געשעענע. ער האָט עס נישט באַהאַלטן אפילו פאַר דער אָרע־ מער לואיזע, וואָס פלעגט אים, אין איר דערשלאָגנקייט, בעטן פאַר־ געבונג. ער איז נישט געווען קיין שלעכטער און פלעגט איר גערן מוחל זיין; אָבער אין עטלעכע טעג ארום פלעגן אים די חרטה־געפילן ווידער אָנהויבן מאַטערן, סיי אין דער געועלשאַפט פון זיינע חברים און סיי אויף זיינע לעקציעס ביי די רייכע שילערינס, וואָס האָבן גע־ קוקט אויף אים איצט מיט פאַראַכטונג און וואָס זייערע הענט פלעגן שוין איצט נישט ציטערן מער אונטער דער באַרירונג פון זיין האַנט, בעת ער פלעגט זיי פאַרריכטן די פינגער אויף די קלאַווישן. ער פלעגט אַהיימקומען אָנגעבלאָזן און בייז, און לואיזע האָט מיט אַ צו־ נויפגעדריקט האַרץ געלייענט פון זיין פנים די געוויינלעכע פאָר־ ווּרפן; טיילמאָל פלעגט ער בלייבן ביז שפּעט ביינאַכט אין אַ שענק: דאָרטן געשעפט טרייסט פאַר זיך און מחילה פאַר אַנדערע. אין אַזעל־ כע נעכט פלעגט ער קומען אַהיים מיט אַ ווילדן געלעכטער, וואָס

פלעגט לואיזען נאָך טרויעריקער, מאַכן ווי די איינגעהאַלטענע שטעכ־ווערטלעך און טענות אין די איבעריקע טעג. זי האָט זיך געפילט טיילווייז שולדיק אין זיין שיכּרות, וואָס האָט צוזאַמען מיט די פּאָר גראָשן איינגעשלונגען אויך די לעצטע שיריים פון איר מאַנס געזונטן פאַרשטאַנד. מעלכיאָר איז געזונקען וואָס אַ טאָג אַלץ טיפער. אין יענע יאָרן, ווען ער האָט געדאַרפט אַרבעטן אָן אויפהער צו אַנטוויקלען זיין מיטלמעסיקן טאַלענט, האָט ער זיך געקייקלט באַרג־אַראָפּ, און אַנדערע האָבן געירשנט זיין אָרט.

אָבער וואָס האָט עס געאַרט יענער געהיימער קראַפט, וואָס האָט אים צוזאַמענגעפירט מיט דעם פלאַקסהאָריקן דינסטמיידל? זי האָט אויסגעפירט איר ראָלע; און דער קליינער זשאַן קריסטאָף איז געקומען אויף דער ערד, וווהין ס'האָט אים אַראָפּגעבראַכט זיין גורל־

ס'איז געווען טיף אין דער נאַכט. לואיזעס שטים האָט אויפגעוועקט פון זיין פאַרגליווערטקייט דעם אַלטן זשאַן־מישעל, וואָס זיצנדיק ביים פייער, איז ער פאַרזונקען געווען אין שווערע מחשבות וועגן דעם היינט און וועגן דעם אַמאָל.

—פאָטער, ס'איז שוין געוויס שפּעט—האָט צערטלעך געזאָגט די יונגע פרוי.—דאַרפסט שוין גיין אהיים, האָסט אַ ווייטן וועג.

—איך וואַרט אויף מעלכיאָרן,—האָט געענטפערט דער אַלטער.

—ניין, איך בעט דיך, איך וויל בעסער, דו זאָלסט נישט בלייבן.

—פאַרוואָס?

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי אויפמערקזאַם אָנגעקוקט.

ער האָט איבערגעחזרט:

—דו האָסט מורא? ווילסט נישט, איך זאָל אים דאָ טרעפן?

—אַלזאָ... יאָ! ס'וועט נאָר ערגער מאַכן, איר וועט זיך צעקריגן. כ'וויל עס נישט, כ'בעט דיך!

דער אַלטער האָט אַ זיפץ געטאָן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

—לאָמיר גיין.

ער איז צוגעגאַנגען, אָנגערירט איר שטערן מיט זיין שטעכע־דיקער באָרד, אַ פרעג געטאָן, צי זי נויטיקט זיך נישט אין עפּעס, פאַרדרייט דעם לאָמפּ און איז אַרויסגעגאַנגען, אָנשטויסנדיק זיך אין דער פינסטערניש פון צימער אָן די שטולן. אָבער ווי נאָר ער איז צוגעגאנגען ביז די טרעפּ, האָט ער ווידער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיין זון, וואָס וועט קומען אַהיים שיכור. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן טרעפּ; זיך אויסגעמאָלט אין דמיון טויזנטער סכּנות, וואָס לויערן אויף זיין זון, אויב ער זאָל אים לאָזן אַליין אַריינקומען אהיים...

אין בעט, נעבן דער מוטער, איז דאָס קינד ווידער געוואָרן אומרויק. עפּעס אַן אומבאַקאַנטער ווייטיק האָט זיך אויפגעהויבן פון דער טיפעניש פון זיין עקסיסטענץ. עס האָט זיך געווערט קעגן אים. עס האָט זיך אינגאנצן איינגעקאָרטשעט, צונויפגעדריקט די פויסטן און אָנגעכמורעט די ברעמען. דער ווייטיק איז געוואקסן פּאַמעלעך, רויק, זיכער אין זיין קראַפט. דער קליינער האָט נישט געוווסט, וואָס דאָס איז און פון וואַנען עס קומט. ס׳האָט זיך אים געדאכט, אַז ס׳איז אומענדלעך און ס׳וועט צו דעם קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען. ער האָט אָנגעהויבן יאָמערלעך צו וויינען. די מוטער האָט אים גענו־מען גלעטן מיט אירע ווייכע הענט, און דער ווייטיק איז לינדער געוואָרן. אָבער ער האָט נאָך אַלץ געוויינט; ווייל דעם ווייטיק האָט ער געפילט שטענדיק נעבן זיך, אין זיך.—דער מענטש, וואָס ליידט, קאָן לינדערן זיין ווייטיק, ווען ער ווייסט פון וואַנען ער קומט; ער פאַרמאַכט אים, אַדאַנק זיין שכל, אין איין טייל פון זיין קערפּער, וואָס קאָן אויסגעהיילט, אָדער, אויב ס׳איז נויטיק—אָפּגעשניטן ווערן; ער שטעלט־פעסט זיינע גרענעצן און טיילט אים אָפּ פון זיך. דאָס קינד, אָבער, פאַרמאָגט נישט אָט דעם קוואַל פון טרייסט. עס קאָן זיך אַליין נישט נאַרן. זיין ערשטע באַגעגעניש מיטן ווייטיק איז טראַ־גישער און אמתדיקער. גלייך זיין אייגענע עקסיסטענץ, אַזוי האָט אויך דער שמערץ פאר אים קיין גרענעץ נישט; עס פילט אים טיף אין זיין ברוסט, אין זיין האַרץ, ווי דעם הערשער איבער זיין לייב. און אַזוי איז עס טאַקע: ער וועט דאָס שוין נישט אָפּלאָזן, ביז ער וועט עס נישט פאַרצוקן אינגאנצן.

די מוטער דריקט אים צו צום האַרצן מיט צערטלעכע רייד:

—נו, געגנוג שוין, לאָמיר שוין מער נישט וויינען, משיח מײַ־נער, מיין קליין גאָלדן פישעלע...

אָבער עס האָט נישט אויפגעהערט טרויעריק צו כליפּען. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז די אומגליקלעכע, באַוווסטלאָזע, געשטאַלט־לאָזע מאַסע טראָגט שוין אין זיך דעם פאָרגעפיל פון לעבן און פון אַלע יסורים, וואָס וועלן קומען. און קיין זאַך איז נישט בכּוח אים איינצושטילן...

די גלאָקן אין דער קירך פון דער הייליקער מאַרטין האָבן גע קלנגען אין דער נאַכט. זייער קלאַנג איז געווען ערנסט און שווער־אין דער לופט, וואָס איז געווען נאַס פון רעגן, האָבן זיי זיך געלאָזט הערן פונקט ווי טריט אויפן מאָך. דעמאָלט איז דאָס קינד, אינמיטן כליפּען, אַנטשוויגן געוואָרן. די ווונדערלעכע מוזיק האָט זיך אַריינ־געגאָסן אין אים מיט דער זאַפטיקייט פון אַ מילך־שטראָם. די נאַכט איז באַלויכטן געוואָרן, די לופט—מילד און וואַרעם. זיין ווייטיק איז פאַרשוווּנדן, זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן צו לאַכן—און מיט אַ זיפץ פון מידקייט האָט ער זיך איבערגעגעבן דעם טרוים.

די דריי גלאָקן האָבן ווידער אויסגעקלונגען די בשורה פון מאָרגנדיקן יום־טוב. צוהערנדיק זיך, האָט לואיזע אויך געטרוימט וועגן אירע פאַרגאַנגענע צרות און וועגן דעם, וואָס עס וועט שפּעטער ווערן פון איר קליין, טייער קינד, וואָס שלאָפט ביי דער זייט. שוין לאַנגע שעהן ווי זי איז געלעגן אין איר בעט מיד און צעווייטיקט. אירע הענט און לייב האָבן געגליט; די איבערבעט איז איר שווער געווען, ווי אַ משא; די פינסטערניש האָט זי געדריקט און געשראָקן, אָבער זי האָט זיך נישט דערוועגט צו רירן. זי האָט זיך איינגעקוקט אין איר קינד, און די נאַכט האָט נישט געשטערט צו לייענען אין זיינע זקנישע שטריכן. אַ שלאָף איז אָנגעפאַלן אויף איר, פיבערדיקע בילדער האָבן געשוועבט דורך איר מח. אָט דאַכט זיך איר, אַז מעלכיאָר עפנט די טיר—און דאָס האַרץ איז איר איינגעפאַלן. מינוטנווייז האָט זיך אין דער שטילקייט פאַרשטאַרקט דאָס רוישן פון טייך און איז געוואָרן, ווי דער ברום פון אַ חיה. די פענסטער־שויבן האָבן נאָך אייניקע מאָל אָפּגעקלאַפּט אונטערן פינגער פון רעגן. די גלאָקן האָבן געקלונגען אַלץ שטילער—און זענען אַנטשוויגן געוואָרן; און לואיזע איז אַנטשלאָפן געוואָרן נעבן איר קינד.

דערווייל האָט דער אַלטער זשאַן־מישעל די גאַנצע צייט גע־

וואַרט פאַרן הויז, ציטערנדיק פון קעלט און נאַסקייט; זיין באָרד איז געוואָרן דורכגעווייקט פון רעגן-נעפל. ער האָט געוואַרט ביז זיין זון, דער אויסוווּרף, וועט צוריקקומען: ווייל זיין שטענדיק-אַרבעטנדיקער קאָפּ האָט נישט אויפגעהערט צו מאָלן אים אָן אַ שיעור טראַגישע געשיכטעס, וועלכע קומען פאָר צוליב שיכּרות; און, הגם ער האָט נישט געגלויבט אין זייער מעגלעכקייט, וואָלט ער דאָך נישט געקאָנט צומאַכן קיין אויג אויף קיין רגע נישט, ווען ער זאָל נישט זען, ווי מעלכיאָר קומט צוריק בשלום אַהיים. דער געזאַנג פון די גלאָקן האָט אים געמאַכט זייער טרויעריק: ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע אָפּגענאַרטע האָפנונגען. ער האָט געטראַכט, צוליב וואָס ער שטייט דאָ, אין אַזאַ צייט, אויפן גאַס, און געוויינט פאַר חרפּה.

פאַמעלעך ציט זיך דער ברייטער שטראָם פון דער צייט. טאָג און נאַכט גייען-אויף און פאַרגייען, ווי דער צופלוס און אָפּפלוס פון אומענדלעכן ים. וואָכן און חדשים פאַרשווינדן און הויבן זיך אָן פון דאָס ניי, און די קייט פון טעג איז — ווי עס וואָלט געווען איין טאָג.

אַ טאָג אַ לאַנגער און אַן אומענדלעכער. אַ טאָג פון שווייגן, וואָס דער גלייכמעסיקער ריטם צעגלידערט אים אויף ליכט און פינסטערניש, צוזאַמען מיטן לעבנס-ריטם פונם קליינם טרוימענדיקן באַשעפעניש, וואָס שלאָפט טיף אין זיין וויג — מיט זיינע נויטווענדיקע, ווייטיקלעכע אָדער פריידיקע באַדערפעונישן, וואָס קומען און גייען אַזוי רעגלמעסיק, אַז ס׳דאַכט זיך, אַז זיי ברענגען עס נאָך זיך דעם רעגלמעסיקן טויש פון טאָג און נאַכט.

שווער באַוועגט זיך דער אומרו פון לעבן. דאָס קליינע באַשעפעניש איז אינגאַנצן פאַרטיפט אין דעם גאַנג פון זיין דופק. דאָס איבעריקע איז נישט מער ווי חלומות. אומקלאָרע, פאָרמלאָזע שטיקער חלומות, אַ שטויב-וואָלקן פון אַטאָמען, וואָס טאַנצן אַרום אָן אַ סדר, אָדער אַ דורכפליענדיקער שטורם-ווינט, וואָס רופט אַרויס געלעכטער אָדער שרעק. געשרייען, משונהדיקע האַוואַיעס, ווייטיקן, געלעכטערס, חלומות און חלומות... אַלץ, וואָס אַרום אים, איז אַ חלום, דער טאָג ווי-

די נאַכט... — און צווישן אָט דעם כאַאָס שיינט אַרויס דאָס ליכט פון די פּאָר פריינטלעכע אויגן, וואָס לאַכן צו אים, דער שטראָם פון לעבן און פרייד, וואָס גיסט זיך אַריין אין זיין קערפער פון דער מוטערס ברוסט, וואָס איז פון מילך אויפגעשוואָלן, — די קראַפט, וואָס דרימלט אין אים, די ריזיקע אומבאַוווסטע קראַפט, דער אויפגעבראַכטער אָקעאַן, וואָס בראָזט אין דער ענגער תפיסה פון זיין קינדערש גוף. ווער ס'וואָלט עס געקענט לייענען, וואָלט אין אים דערזען וועלטן פאַרטייעטע אין חושך, קליינע נעפלען, וואָס גיסן זיך צוזאַמען, אַן אוניווערסום, וואָס פאָרמירט זיך. זיין עקסיסטענץ האָט נישט קיין גרענעץ. עס איז אַלץ, וואָס עקסיסטירט.

די חדשים גייען. אויפן טייך פון זיין לעבן הויבן זיך אָן צו באַווייזן זכרונות־אינזלען. אין אָנהויב זענען דאָס קליינע אינזעלעך, פעלזן־שפּיצן, וואָס ווילן אַדורכרייסן די וואַסער־פלאַך. אַרום זיי און הינטער זיי שפּרייט זיך נאָך אויס, אין באַגינען־נעפּל, דער רויקער און אומענדלעכער וואַסער־לייוונט. שפּעטער — נייע אינזלען, באַגילדט פון דער זון.

אַזוי שווימען־אַרויף, מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט, פונם תהום פון זיין נשמה באַשטימטע פאָרמען, באַשטימטע בילדער. פון דעם גרויסן אומענדלעכן טאָג, וואָס חזרט איבער שטענדיק דאָס אייגענע מיט דער איינטאָניקער, מעכטיקער באַוועגונג פון זיין אומרו, הויבט אָן אַרויסצושווימען אַ קרייז פון טעג, וואָס בינדן זיך איינער אָן אַנדערן און וואָס זייערע פּראָפילן זענען אַמאָל לאַכנדיק, אַמאָל וויינענדיק. אָבער די רינגען פון דער קייט רייסן זיך אַלע ווײַלע איבער, און די זכרונות דערגרייכן איבער די קעפּ פון די וואָכן און חדשים.

דער טייך... די גלאָקן... ווי טיף ער קאָן זיך דערמאָנען אין די ווייטסטע שעהן פון זיין לעבן, — שטענדיק זינגען זייערע טיפע, היימישע שטימען...

נאַכט. ער דרימלט. אַ בלייכע ליכט שימערט איבער די שויבן. דער טייך רוישט. אין דער שטילקייט ווערט זיין רוישן מעכטיק; ער הערשט איבער אַלע באַשעפענישן. טיילמאָל גלעט ער זייער שלאָף און

עס דאַכט זיך, אַז ער שלאָפט אַליין ביים רווישן פון זיינע פּאַ־ליעס. טיילמאָל ווידער ווערט ער פול מיט רציחה און צעבערומט זיך ווי אַ חיה, וואָס גרייט זיך צום שפרונג. נאָר אָט שטילט זיך זיין צאָרן; ס׳דערהערט זיך אַ ביז־צום־אויסגיין זיסער געמורמל, פּונקט ווי־זילבערנע קלאַנגען, ווי קלאָרע גלעקעלעך, ווייכע, זינגענדיקע שטימען פון אַ ריטמישער מוזיק. אָ, די גרויסע מוטערלעכע שטים, וואָס שלאָפט קיינמאָל נישט איין! זי וויגט דאָס קינד, פּונקט אַזוי ווי זי האָט, דורך לאַנגע יאָרהונדערטער, פון דער וויג ביזן קבר, איינגעוויגט די פאַר־גאַנגענע דורות. זי רייסט זיך אַריין אין זיין טראַכטן, זי באַפּרוכפּערט זיינע חלומות, זי וויקלט אים איין אין דעם מאַנטל פון אירע פּליסנ־דיקע האַרמאָניעס, וואָס וועלן אים נאָך איינוויגן אפילו דעמאָלט, ווען ער וועט ליגן אויפן קליינעם בית עולם, אויף יענעם דרימלענדיקן ברעג, וואָס דער רהיין וואַשט אים מיט זיינע וואַסערן...

די גלאָקן... ס׳איז באַגינען! זיי שמועסן זיך איבער — אַ ביסל אומעטיק, פריינטלעך. רויק. ביים קלאַנג פון זייערע שווערע שטימען הויבן זיך אויף מחנות חלומות, טרוימען פון עבר, פאַרלאַנגען און פאַרלוירענע האָפנונגען און טרויעריקע בענקשאַפט נאָך די, וואָס זע־נען אַוועק, אָט די, וואָס דאָס קינד האָט נישט געקענט און איז דאָך געווען צווישן זיי און אויפגעלעבט אין זיך. יאָרהונדערטער — פול מיט זכרונות ווימלען אין דער מוזיק. אַזוי פיל טרויער־טעג, אַזוי פיל ימים־טובים! — הערנדיק זיי פון דער טיפקייט פון צימער, דאַכט זיך, ווי — אין דער קלאָרער לופט וואָלט מען געזען שווימען די וווּנדערלעכע טענער, גלייך ווי פרייע פייגל און דאָס וואַרעמע פאָכען פון ווינטל.

אַ שטיק פון בלויען הימל שמייכלט אַריין דורכן פענסטער. אַ זון־שטראַל גליטשט זיך אַריין דורך די פאָרהאַנגען אויפן בעט. דאָס וועלטל, וואָס דאָס קינד קוקט אָן, פון זיין בעט אַרויס, יעדן פרי־מאָרגן, ווען עס כאַפּט זיך אויף; אַלץ, וואָס דאָס הויבט אָן ביסלעכ־ווייז, מיט גרויס מי, צו דערקענען און אָנצורופן ביים נאָמען, ביז עס באַהערשט עס — אָט די גאַנצע מלוכה זיינע — איז פול מיט זון און ליכט. אָט איז דער טיש, ווו מ׳עסט, די שאַנק, ווו עס באַהאַלט זיך בעתן שפּילן, די פאַדלאָגע און פירקאַנטיקע פיגורן, אויף וועלכע עס קריכט, די טאַפּעטן אויף די ווענט, וואָס זייערע האַוואַיעס דערציילן אים משונהדי־קע אָדער מוראדיקע מעשות, דער זייגער, וואָס האַלט אין איין פּלוידערן־וועור־

טער, וואָס נאָר ער אַליין פאַרשטייט זיי. וויפל זאַכן זענען דאָ אין צימער! עס קען זיי נאָך נישט אַלע. יעדן טאָג הויבט עס אָן אויפסנייי זיינע פאָרשונגען אין דער מלוכה, וואָס געהער צו אים: — אַלץ געהער צו אים. קיין זאַך איז אים נישט גלייכגילטיק, אַלץ איז ווערט באַטראַכט צו ווערן, אַ מענטש צי אַ פליג. אַלין לעבט מיטן זעלבן לעבן: די קאַץ, דאָס פייער, דער טיש, די שטויב-קערנדלעך, וואָס טאַנצן אינם זון-שטראַל. דאָס צימער איז אַ לאַנד, דער טאָג איז אַ לעבן, ווי אַזוי וועט עס זיי ווידער געפינען אין די ריזיקע רוימען? די וועלט איז אַזוי גרויס! מ׳ווערט אין איר פאַרלוירן און בטל. די צורות, די זשעסטן און דער טומל, וואָס רינגלען אים אַרום מיט אַן אייביקן רעש!.. עס ווערט מיד, זיינע אויגן פאַרמאַכן זיך — און עס שלאָפט איין. עס איז דער זיסער, טיפער שלאָף, וואָס באַפאַלט אים פלוצלינג, אין איין אויגנבליק. אַוו עס זאָל זיך נישט געפינען, אויף דער מאַמעס שויס אָדער אונטערן טיש, ווו עס האָט זיך ליב צו באַהאַלטן. ס׳איז אים גוט. גוט...

די ערשטע טעג פון זיין לעבן רוישן אין זיין קאָפּ, ווי אַ פעלד פול מיט תבואה אָדער ווי אַ וואַלד, וואָס שאָקלט זיך אין ווינט און וואָס איבער אים ציען זיך די גרויסע שאָטנס פון די וואָלקנס...

די שאָטנס אַנטלויפן, די זון רייסט זיך אַריין אין וואַלד. קריסטאָף הייבט אָן צו געפינען זיין וועג אינם לאַבירינט פון די טעג.

אין דער פרי... זיינע עלטערן שלאָפן, ער ליגט אין זיין בעטל, אויסגעצויגן אויפן רוקן. ער קוקט זיך איין אין די ליכט-פלעקן, וואָס טאַנצן אַרום אויפן סופיט. עס פאַרשאַפט אים אָן אַ שיעור פאַרגעניגן. פלוצלינג צעלאַכט ער זיך הויך, מיט אַ גליקלעכן קינדערשן געלעכטער, וואָס הערנדיק אים, וואַקסט דאָס האַרץ פאַר פרייד. די מאַמע בויגט זיך-צו צו אים און פרעגט: „וואָס האָט דיר געטראָפן, נאַרעלע?” דעמאָ׳ט צעלאַכט ער זיך נאָך שטאַרקער און אפשר שטרענגט ער זיך אָן צו לאַכן, ווייל ער האָט אַ פובליקום. די מאַמע מאַכט אַ וויכטיקע מינע און לעגט-צו אַ פינגער צום מויל, ער זאָל נישט אויפוועקן דעם פאָטער; אָבער אירע פאַרמאַטערטע אויגן לאַכן צו אים קעגן איר

ווילן. זיי שושקען זיך... פּלוצלינג דערהערט זיך דעם פּאָטערס אַ ביי-זער ברום. זיי טוען ביידע אַ צאַפּל. די מאַמע דרייט זיך אויס צו אים מיטן רוקן, ווי אַ מיידל, וואָס מען האָט זי געכאַפּט ביי אַן עוולה, און זי מאַכט זיך שלאָפנדיק. קריסטאָף נורעט זיך איין אין זיין בעטל און האַלט איין דעם אָטעם...

אַ טויטע שטילקייט.

אין אַ ווײַלע אַרום באַווייזט זיך ווידער דאָס קליין קעפּל פון אונטער דער קאָלדרע אַרויס. אויפן דאַך סקריפּעט דאָס וועטער-פּענדל. די רינווע פּלוידערט. דער מאָרגן-גלאָק קלינגט; דער אָנגעשוווּמענער מזרח-ווינט האָט אים געבערענגט צו טראָגן דעם ענטפער פון אַנדערע גלאָקן אין די ווייטע דערפער, וואָס ליגן אויפן צווייטן ברעג פון טייך. די שפּערלינגען, וואָס האָבן זיך מחנותווייז פאַרזאַמלט ביי דער טרויבן-באַוואַקסענער מויער, מאַכן-אָן אַ פאַרטויבנדיקן רעש; פון זיי טיילן זיך אַרויס דריי אָדער פיר קולות, שטענדיק די אייגענע, גרילצנ-דיק העכער פון די איבעריקע, אַזוי ווי אין אַ קינדער-שפּיל.

אַ טויב וואָרקעט אויף אַ שפּיץ פון אַ קוימען. דאָס קינד לאָזט זיך פאַרוויגן פון די קולות. עס הויבט אָן שטיל צו זינגען. שפּעטער אַ ביסל העכער, דערנאָך הויך, אויפן קול און באַלד גאָר הויך, ביז דעם פּאָטערס בייזע שטים צעשרייט זיך ווידער: „אָט דאָס אייזל דאָרט וועט גאָר קיינמאָל נישט שטום ווערן. וואַרט נאָר, כ׳וועל דיר אָנ-רייסן די אויערן!” דעמאָלט פאַרוקט זיך דער קליינער אונטער דער קאָלדרע און ער ווייסט נישט, צי זאָל ער וויינען אָדער לאַכן. ער איז דערשראָקן און געפּאַלן ביי זיך; אָבער בשעת-מעשה רופט אַרויס ביי אים דעם טאַטנס איינפאַל, אַז ער איז אַן אייזל, דעם חשק הויך צו לאַכן. און ליגנדיק טיף אין זיין בעט, מאַכט ער נאָך דעם געשריי פון אַן אייזל. דאָס מאָל כאַפּט ער שמיץ. ער ברעכט אויס אין אַ שטאַרק געוויין. וואָס האָט ער דען געטון? ס׳האָט זיך אים אַזוי פאַרגלוסט צו זינגען, זיך אַ רודער צו טון! און דאָ טאָר ער זיך גאָרנישט רירן פון אָרט. ווי אַזוי קאָן מען עס שטענדיק נאָר שלאָפן? ווען וועט ער מעגן אויפשטיין?...

אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט דערהערט פון גאַס אַ קאַץ, אָדער אַ הונט — מיט איין וואָרט אַ טשעקאַווע זאַך. ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון בעטל, און זיינע קליינע באָרוועסע פיסלעך האָבן אומגעשיקט געטאָפּטשעט איבער דער

פּאָדלאָגע. ער האָט געוואָלט אַראָפּגיין פון די טרעפּ זען, וואָס דאָרט איז אַזוינס, — אָבער די טיר איז געווען צוגעמאַכט. כּדי זי צו עפּענען, איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אַ שטול. דער שטול האָט זיך איבערגעקערט, ער האָט זיך צעקלאַפּט און גענומען שרייען פון ווייטיק; אַחוץ דעם האָט ער נאָך געקריגן שמיץ אויך. שטענדיק שמייסט מען !....

ער געפינט זיך מיט דעם זיידן אין דער קירך. ער לאַנגווײַליקט זיך. ס'איז אים נישט ניחא. און די מענטשן רעדן עפּעס אַלע צוזאַמען ווערטער, וואָס ער פאַרשטייט זיי נישט, און שפּעטער בלייבן זיי אַלע שטיל מיטאַמאָל. זייערע פּנימער זענען אַלע פייערלעך און כּמעט בייז. זיי זעען גאָר אויס אַנדערש, ווי שטענדיק. ער קוקט אויף זיי מיט שרעק. די אַלטע לינע, די שכנטע, וואָס זיצט נעבן אים, האָט אַ בייז אויסזען; מאָמענטנווייז דערקענט ער אפילו דעם אייגענעם זיידן נישט. ער שרעקט זיך עפּעס. שפּעטער געוויינט ער זיך צו און ער טוט כּלערליי תחבולות צו פאַרטרייבן די צייט. ער שאָקלט זיך, ציט־אויס זיין האַלז צו באַטראַכטן דעם סופית, מאַכט האַוואַיעס, שלעפּט דעם זיידן פאַרן ראָק, איז בודק די שטרוי פון זיין שטול, ער פּרוווט אויסצובויערן אין אים אַ לאָך מיטן פינגער, הערט זיך צו צום געשריי פון די פייגל און גענעצט, אַז דאָס מויל, דאַכט זיך, ווערט אים צעריסן.

און פּלוצלינג — אַ וואַסערפאַל פון קלאַנגען: דער אָרגל שפּילט. אַ שוידער לויפט אים דורך איבערן רוקן. ער דרייט זיך אויס, שפּאַרט אָן דעם קין אין אָנלען פון שטול און בלייבט זיצן זייער סטאַטעטשנע. ער פאַרשטייט גאָרנישט פון דעם גאַנצן ליאַרם, ער ווייסט נישט, וואָס דאָס באַדייט: עס בליצט און עס שטורעמט אָן אויפהער, אַז מען קאָן זיך גאָר נישט פונאַנדערקלייבן. אָבער ס'איז גוט. פּונקט ווי דו וואָלסט גאָרנישט געזעסן אַ גאַנצע שעה אויף אַן אומבאַקוועמען שטול אין אַן אַלטער לאַנגווײַליקער שטוב. מ'שוועבט פריי אין דער לופטן, ווי אַ פויגל. און ווען דער שטראָם פון די קלאַנגען טראָגט זיך פון איין עק קירך ביזן אַנדערן, אויספּילנדיק די געוועלבן, אָנשלאָגנדיק זיך אָן

די ווענט, — איז פונקט ווי מען וואָלט מיטגעריסן געוואָרן מיט אים אין דער הויך און אויף פליגלען אַרומגעטראָגן געוואָרן אַהין און צוריק; מען דאַרף זיך נאָר לאָזן טראָגן פון שטראָם. מ'איז פריי, מ'איז גליקלעך. די זון האָט אויפגעשיינט... ער שלאָפט איין.

דער זיידע איז נישט צופרידן מיט אים. ער פירט זיך נישט גוט אויף בעת דער תפילה.

ער איז אין שטוב. ער זיצט אויף דער פּאָדלאָגע, מיט די פיסלעך אין די הענט. ער האָט נאָר-וואָס באַשלאָסן, אַז דער שטרוי-דיוואַן ביי דער טיר איז אַ שיף, און די פּאָדלאָגע איז אַ טייך. ווען ער זאָל אַראָפּגיין פונם דיוואַן, וואָלט ער זיכער דערטרונקען געוואָרן. ער איז פאַרוואונדערט און אפילו אַ ביסל אָנגעבלאָזן וואָס אַנדערע היטן זיך גאָרנישט, ווי ער, גייענדיק דורכן צימער. ער כאַפּט אָן דער מוטער פאַר איר קלייד: „דו זעסט דאָך, אַז דאָ איז וואַסער! מען מוז גיין דורך דער בריק!" — די בריק איז פון אַ רייע ווייסע שטיינדלעך, צווישן די רויטע ציגל פון דער פּאָדלאָגע. — די מאַמע גייט פאַרביי, נישט הערנדיק אפילו, וואָס ער רעדט. ער איז געקרענקט, פונקט ווי אַ דראַמאַטורג, וואָס זעט, ווי דאָס פובליקום שמועסט בעת זיין שטיק.

אין אַ ווייַלע שפּעטער האָט ער שוין ווען דעם פאַרגעסן. די פּאָדלאָגע איז שוין מער נישט קיין טייך. ער ליגט איצט אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג, מיטן קין אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. ער ברומט אַ ניגון פון זיין אייגענער קאָמפּאָזיציע, זויגנדיק ערנסט דעם גרויסן פינגער און באַשפּייענדיק זיך בשעת-מעשה. ער באַטראַכט, אין גאַנצן פאַרטיפט, אַ שפּאַלט צווישן די ציגל. די קרומע ליניעס פון די ציגל מאַכן האַוואַיעס פונקט ווי פּנימער. די קוים-באַמערקבאַרע שפּאַרע ווערט ברייטער און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טאָל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט בערג. אַ ווערימל קריכט אַרום: ער איז גרויס ווי אַ העלפאַנט. ס'וואָלט איצט געמעגט דונערן און בליצן, דאָס קינד וואָלט נישט געהערט.

קיינער פאַרנעמט זיך נישט מיט אים, און ער נויטיקט זיך נישט

אין קיינעם. ער קאָן זיך איצט באַגיין אָן דער דיוואַן-שיף און אָן די שפּאַלטן אין דער פּאָדלאָגע מיט זייערע פֿאַנטאַסטישע באַשעפֿענישן. זיין אייגענער קערפּער גענוגט אים. וואָס פֿאַר אַ קוואַל פֿון פֿאַרווײַלונג! שעהנווייז באַטראַכט ער זיינע נעגל, שטיקנדיק זיך פֿון געלעכטער. יעדער נאָגל האָט אַן אַנדערע צורה און דערמאָנט אים אַן אַנדערן באַקאַנטן מענטשן. ער הייסט זיי שמועסן צווישן זיך, טאַנצן און מלחמה האַלטן. און די איבעריקע טיילן פֿון קערפּער!... ער פֿאָרשט אויס ווייטער אַלץ, וואָס געהער צו אים. וויפֿל איבעראַשנדיקע זאַכן! און אייניקע זייער מערקווירדיקע. ער פֿאַרטיפֿט זיך נייגעריק אין זיינע באַטראַכטונגען.

שוין נישט איינמאָל האָט ער באַקומען שמיץ, ווען מען האָט אים דערבײַ געכאַפּט.

אָפּטמאָל וואַרט ער, אַז די מאַמע זאָל זיך אויסדרייען צו אים מיטן רוקן, כּדי זיך אַרויסצוכאַפּן פֿון שטוב. די ערשטע צייטן פֿלעג מען אים כאַפּן און אָפּפֿירן צוריק אַהיים, שפּעטער האָט מען זיך צוגעוויינט צו זיינע איינזאַמע שפּאַצירן, בתנאי ער זאָל נישט אַוועק צו ווייט. די שטוב איז געווען אין עק שטאָט; און ווייטער איז שוין געווען פֿעלד. כּל-זמן מען קאָן אים זען דורכן פֿענסטער, גייט דער קליינער, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, מיט אַ לאַנגזאַמען טריט, אונטערשפּרינגענדיק פֿון צייט צו צייט אויף איין פֿוס. אָבער ווי נאָר עס ענדיקט זיך דער וועג, און די קוסטעס הויבן אים אָן צו פֿאַרשטעלן, ענדערט ער מיטאַמאָל זיין גאַנג. קודם-כּל שטעלט ער זיך אָפּ, נאָכטראַכטנדיק — מיטן פֿינגער אין מויל —, וואָס פֿאַר אַ מעשה ער זאָל זיך היינט דערציילן; מעשות פֿאַרמאָגט ער אַ גוזמא. ס׳איז אפֿילו אמת, אַז זיי זענען אַלע ענלעך צו זיך און אַז יעדע פֿון זיי וואָלט פֿאַרנומען נאָר אַ דריי-פֿיר שורות. ער קלייבט אויס. געוויינלעך חזרט ער איבער די זעלבע מעשה, אַמאָל פֿון דעם אָרט, וווּ ער האָט זיך נעכטן אָפּגעשטעלט, אַמאָל ווידער פֿון סאַמע אָנהויב, מיט וואַריאַנטן; אָבער ס׳איז געווען גענוג אַ קלייניקייט, אַ צופֿעליק געהערט וואָרט, כּדי זיין געדאַנק אַרויפֿצופֿירן אויף אַ נייען וועג.

דער צופֿאַל איז געווען רייך אין שטאָף. ס׳איז זיך שווער פֿאָר-

צושטעלן, וואָס פאַראַ נוצן ס׳קאָן ברענגען אַ פשוט העלצל, אָדער אַן אָפגעבראָכענע צווייג, וואָס מ׳געפינט אויפן וועג הינטער אַ פלויט (אויב מ׳געפינט נישט, ברעכט מען אַליין אָפ). די צווייג פאַרוואַנדלט זיך אין אַ צויבער-שטעקעלע. אויב זי איז לאַנג און גלייך, ווערט זי אַ שפיז אָדער אַ שווערד. ס׳איז גענוג נאָר אַ פאָך צו טאָן מיט איר, אַז אַ גאַנצע אַרמיי זאָל אויפשטיין. קריסטאָף איז דער גענעראַל, ער גייט פאָרויס. ער גיט זיי דעם ביישפּיל, איינגעמענדיק מיט שטורם קליינע בערגלעך אויפן וועג. אויב דאָס צווייגל איז גענוג בויגעוודיק, פאַרוואַנדלט זיך עס אין אַ בייטש. קריסטאָף פאָרט רייטנדיק אויף אַ פערד, שפּרינגענדיק איבער אָפגרונטן. עס טרעפט, אַז דער זאָטל גליטשט זיך אַראָפ, און דער רייטער דערזעט זיך פלוצלינג אין אַ טיפן ראָוו, ווו ער באַטראַכט אַ פאַרזאָרגטער זיינע פאַרבלאָטיקטע הענט און צעריסענע קני. אויב ווידער דאָס שטעקל איז קליין, פאַוואַנדלט זיך קריסטאָף אין אַ קאַפּעלמייסטער; ער — אַליין דער קאַפּעלמייסטער און אַליין דער אָרקעסטער; ער דיריזשירט און ער זינגט; לסוף פאַרנויגט ער זיך פאַר די קוסטעס, וואָס דער ווינט שאָקלט זייערע קליינע גרינע קעפּלעך.

ער איז אויך אַ כשופמאַכער. ער שפּאַנט אַרום מיט גרויסע טריט איבער די פעלדער, קוקנדיק צום הימל און מאַכנדיק מיט די הענט. דאָס באַפעלט ער די וואָלקנס. ער וויל, אַז זיי זאָלן גיין אויף רעכטס. גייען זיי אָבער גראָד אויף לינקס. ער בייזערט זיך אויף זיי און ער באַפעלט עס זיי שטרענג. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ קוקט ער פון דער זייט, צי וועט זיך נישט געפינען לפחות איין קליין וואָלקנדל, וואָס וועט פאָלגן זיין באַפעל; אָבער זיי ציען זיך גאַנץ רויק אויף לינקס. דעמאָלט טופּעט ער מיט די פיס, דראָענדיק זיי מיט זיין שטעקעלע, און ער הייסט זיי, מיט כעס, גיין אויף לינקס — און באמת, דאָס מאָל זענען זיי געהאָרכזאַם. ער איז גליקלעך און שטאָלץ מיט זיין מאַכט. ער רירט אָן די בלומען און באַפעלט זיי צו פאַרוואַנדלען זיך אין גאָלדענע קאַרעטעס, אַזוי ווי עס קומט פאָר אין דער מעשה; און, הגם דאָס געשעט קיינמאָל נישט, דאָך איז קריסטאָף זיכער, אַז דאָס וואָלט געשען, ווען ער זאָל נאָר האָבן אַ ביסל מער געדולד. ער זוכט-אויס אַ גריל, צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ פערד: ער רירט אים לייכט אָן מיטן צויבער-שטעקעלע און זאָגט אַ שפּרוך. דער גריל אַנטלויפט — אָבער ער פאַרשטעלט אים דעם וועג. אַ ווײַלע שפּעטער

ליגט ער אויפן בויך און באַטראַכט אים, ער האָט פאַרגעסן זיין ראָלע פון אַ כשופמאַכער און האָט הנאה איבערצוקערן דאָס קליינע באַשע-פענישל אויפן רוקן, לאַכנדיק אויפן קול פון זיין ראַנגלען זיך.

אַמאָל פאַלט ער אויף אַ נייע המצאה: ער בינדט אָן אַן אַלטן פאָדעם אָן זיין צויבער-שטעקעלע און וואַרפט אים אַריין מיט אַן ערנס-טער מינע אין טייך, וואַרטנדיק, אַז אַ פיש זאָל זיך אָנכאַפן. ער ווייסט אפילו גאַנץ גוט, אַז די פיש זענען זיך נישט נוהג אויפצוועסן אַ פאָדעם אָן אַ האָק און אָן אַ ווערעמל; פונדעסטוועגן טראַכט ער, אַז איין איינ-ציק מאָל, און צוליב אים, מעגן זיי מאַכן אַן אויסנאַם; און ער איז דערגאַנגען אין זיין אומבאַגרענעצטן צוטרוי דערצו, אַז ער האָט אין גאַס אָנגעהויבן צו כאַפן פיש מיט אַ בייטשל דורך אַ צעשפּאָלטענער בלעך פון אַ רינשטאָק. פון צייט צו צייט ציט ער אַרויס זיין פאָדעם זייער אויפגערעגט, ווייל ס׳דאַכט זיך אים, אַז דאָס מאָל האָט ער גע-פאַנגען אַן אוצר, אַזוי ווי אין דער מעשה, וואָס דער זיידע האָט אים דערציילט...

אָפט פלעגן אים באַפאַלן אינמיטן דעם שפיל מינוטן פון מערק-ווירדיקער פאַרחלומטקייט און פאַרגעסונג. אַלץ, וואָס אַרום אים, פלעג ווערן מטושטש, ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער טוט און האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. דאָס פלעג קומען אומגעריכט. בעתן שפּאַציר אָדער בעתן גיין אויף די טרעפ, פלעג זיך אין אים פלוצלינג אויפ-עפענען אַ תהום. ס׳האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער טראַכט נישט מער. נאָר ווען ער פלעג קומען צו זיך, איז ער געווען ווי צעמישט, זיך דערזעענדיק אויפן זעלבן אָרט פון די פינסטערע טרעפ. ס׳איז אים געווען אַזוי מאָדנע, פונקט ווי ער וואָלט אַ גאַנץ לעבן דורכגעלעבט—אין משך פון די עטלעכע טריט.

דער זיידע האָט אים אָפט מיטגענומען מיט זיך אויף זיינע פאַר-נאַכטיקע שפּאַצירגענג. דער קליינער איז אונטערגעשפּרונגען ביי דער זייט, האַלטנדיק אים ביי דער האַנט. זיי זענען געגאַנגען דורך וועג-לעך און צעאַקערטע פריש-שמעקנדיקע פעלדער. די גרילן האָבן גע-גרילט. ריזיקע קראָען, שטייענדיק ביי דער זייט פון וועג, האָבן זיי-

אָנגעקוקט פונדערווייטן און זענען אַוועקגעפלויגן, ווען די שפּאַצירנדי-קע האָבן זיך דערנענטערט.

דער זיידע האָט געהוסט. קריסטאָף האָט גאַנץ גוט געוווסט, וואָס דאָס הוסטן באַטייט. דאָס האָט עס דעם אַלטן געמאַניעט צו דערציילן אַ מעשה; נאָר ער האָט געוואַרט, ביז דער קליינער וועט אים בעטן. קריסטאָף האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות מיטן פרעגן. זיי האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. דער אַלטער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין אייניקל, דער עיקר האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער האָט געפונען אין אים אַזאַ אויפמערקזאַם פובליקום. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן עפּיזאָדן פון זיין לעבן אָדער געשיכטעס פון גרויסע מענטשן, — אַמאָליקע און די היינטיקע — זיין שטים פלעג דעמאָלט ווערן באַגייסטערט און גערירט; ער האָט געציטערט פון קינדערשער פרייד, וואָס ער פלעג זיך סטאַרען צו באַהאַלטן. מ׳האָט געפילט, אַז ער אַליין באַגייסטערט זיך פון זיינע רייד. אַ צרה, וואָס בעת זיין רעדן האָבן אים שטענדיק אויסגעפעלט ווערטער. ס׳איז געווען זיין אייביקער חסרון, וואָס פלעג זיך איבערחזרן, וויפל מאָל ער האָט דערציילט מיט התלהבות. אָבער היות ער פלעג נאָך יעדן ענלעכן פאַל פאַרגעסן וועגן זיין חסרון, איז קיינמאָל נישט געקומען ביי אים צו קיין פאַרבעסערונג.

ער האָט גערעדט וועגן רעגולוס, אַרמיניוס, וועגן די שיסער פון ליטצאָוו, וועגן קערנער און פרידריך שטאַבס, דער יעניקער, וואָס האָט געוואָלט הרגענען נאַפּאָלעאָנען. זיין פּנים האָט געשטראַלט, ווען ער האָט דערציילט וועגן די אויסערגעוויינלעכע העלדישע מעשים. די היסטאָרישע נעמען פלעג ער דערביי אַרויסרעדן אַזוי פייערלעך, אַז ס׳איז געווען שווער זיי צו פאַרשטיין; דערצו האָט ער געהאַלטן פאַר אַ באַזונדער קונץ-שטיק צו לאָזן וואַרטן די אוידיטאָריע אין די סאַמע אינטערעסאַנטסטע ערטער — ער פלעג פלוצלינג איבעררייסן, פונקט ווי עפּעס וואָלט אים געוואָרגן אין האַלז, מיט אַ טומל שנייצן די נאָז, און זיין האַרץ פלעג וואַקסן, ווען דער קליינער האָט געפרעגט מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך געשטיקט פון אומגעדולד: „און ווייטער, זיידע, וואָס ווייטער?״

ווען ס׳איז געקומען דער טאָג, און קריסטאָף איז עלטער גע-וואָרן, האָט ער זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ מבין אויף דעם זיידנס שפּיצלעך, און פלעג בייזווויליק מאַכן זיך גלייכגילטיק צום המשך פון

דער מעשה: דאָס פֿלעג דעם אַלטן אומגעהויער קרענקען. אָבער איצט איז ער געווען אינגאַנצן אונטערגעוואָרפֿן דעם כּח פֿונם דערציילער. זיין פּוס פֿלעג קלאַפּן שטאַרקער ביי די דראַמאַטישע מאָמענטן. ער האָט נישט געוווּסט גענוי וועגן וועמען עס האַנדלט זיך, נישט אַ ווו, נישט ווען די פּאַסירונגען זענען פּאָרגעקומען, און צי האָט דער זיידע פּערזענלעך געקענט אַרמיניוסן, און צי רעגולוס איז נישט געווען אַמאָל — איין גאָט ווייסט פֿאַרוואָס! — איינער פֿון די, וואָס ער האָט דעם פֿאָריקן זונטיק געזען אין דער קירך. אָבער קריסטאָפֿס און דעם זיידנס הערצער פֿלעגן ווערן ברייטער פֿון נחת און שטאָלץ בעת די דערציילונגען פֿון די העלדישע מעשׂים, פּונקט ווי זיי אַליין וואָלטן אין זיי אַ חלק געהאַט: ווייל סיי דער אַלטער, סיי דער יונגער זענען געווען — קינדער.

קריסטאָף האָט ווייניקער ליב געהאַט, ווען דער זיידע פֿלעג אינמיטן, אין אַ פּאַטעטישן מאָמענט, אַריינשטעלן איינס פֿון זיינע גלייכווערטלעך, וואָס זענען אים געווען שטאַרק צום האַרצן. דאָס זענען געווען מוסר־השׂכּלדיקע באַטראַכטונגען, וואָס זייער תּמצית איז געווען זייער אָרנטלעכער, נאָר אַ ביסעלע באַקאַנט, פֿון דעם מין: „מילדקייט איז בעסער ווי צאָרן". — אָדער „ערע איז טייערער פֿון לעבן", — אָדער: „בעסער איז צו זיין אַ גוטער איידער אַ שלעכטער"; — נאָר ביים אַלטן פֿלעגן זיי אַרויסקומען מער פֿאַרפּלאָנטערט. דער אַלטער האָט קיין שום מורא נישט געהאַט פֿאַר זיין יונגער אוידיטאָריע און ער פֿלעג זיך לאָזן מיטרייסן מיט זיין כּסדרדיקער התלהבות; עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס ער חזרט איבער כּסדר די זעלבע אויסדרוקן, פֿאַרענדיקט נישט די זאַצן און רעדט, וואָס ס'פֿאַלט אים איין אין קאָפּ, כּדי אויסצופֿילן די בלויזן פֿון זיין פֿאַנטאַזיע, ווען ער פֿלעג פֿאַרלירן דעם פֿאָדעם פֿון דער דערציילונג; דערצו פֿלעג ער באַטאָנען אַנדערע ווערטער, כּדי צו געבן זיי מער וואָגיקייט, מיט זשעסטן, וואָס האָבן נישט גאָר געפּאַסט צום אינהאַלט פֿון דער מעשׂה. דער קליינער פֿלעג זיך צוהערן מיט גרויס דרך־ארץ און האָט געטראַכט, אַז דער זיידע איז אַ גלענצנדער רעדנער, נאָר אַ ביסעלע לאַנגווייליק.

זיי האָבן ביידע ליב געהאַט זיך אומצוקערן אָפֿט צו דער פֿאַנטאַסטישער מעשׂה וועגן קאָרסיקאַנער גרויסן מלחמה־מאַן, וואָס האָט איינגענומען גאַנץ אייראָפּע. דער זיידע האָט אים געקענט. ער האָט

זיך כמעט געשלאָגן קעגן אים. אָבער ער האָט געוווסט, ווי אָפּצושאַצן די גרויסקייט פון קעגנער; ער האָט עס צוואַנציק מאָל איבערגעחזרט: ער וואָלט אַוועקגעגעבן אַ האַנט, ווען אַזאַ מענטש זאָל געבוירן ווערן אויף דער און נישט אויף יענער זייט פונם רהיין. דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט: ער איז פון אים נתפעל געווען און גלייכצייטיק זיך געמוזט שלאָגן קעגן אים. אייגנטלעך האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז ער זאָל זיך מיט אים שלאָגן; נאָר ווען זיי זענען, בעתן מאַרש אויף אים, שוין געווען צען מייל פון נאַפּאָלעאָנען, איז אַ בהלה באַפאַלן די קליינע גרופּע אין וואַלד, און אַלע זענען זיך צעלאָפן, שרייענדיק: „מ׳האָט אונז פאַרראַטן!“ אומזיסט — דערציילט ווייטער דער זיידע, — האָט ער זיך געמיט צונויפצוקלייבן די צעלאָפענע; אומזיסט איז ער געפאַלן פאַר זיי אויף די קני, דראָענדיק און וויינענדיק: ער איז מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט זייער שטראָם, און צומאָרגנס האָט ער זיך געפונען אַ מהלך־רב פונם שלאַכט־פעלד, — אַזוי האָט ער אָנגערופן דאָס אָרט פון דער מהומה. — אָבער קריסטאָף האָט אים אומגעדולדיק אַרויפגעפירט צוריק אויף די מעשים פון דעם העלד גופא, און ער איז נתפעל געוואָרן פון זיין זיגרייכן וואַנדערן איבער דער וועלט. ער האָט אים געזען אין דער שפּיץ פון אָן אַ צאָל פעלקער, וואָס האָט מיט אויסגעשרייען פון ליבע געוואָרפן זיך, אויף זיין ווונק, ווי אַ שטורם, אין די רייען פון די שונאים, וואָס זענען אַנטלאָפן אין דער מהומה. ס׳איז געווען אַ צויבער־מעשהלע. דער זיידע האָט אַ ביסל צוגעגעבן אייגנס, צו באַפּוצן די געשיכטע; ער האָט געלאָזט נאַפּאָלעאָנען איינגענ־מען שפּאַניען און אויך ענגלאַנד, וועלכע דער אַלטער האָט נישט גע־קאָנט פאַרטראָגן.

עס פלעג טרעפן, אַז דער אַלטער קראַפט פלעג איבעררייסן זיינע באַגייסטערטע מעשות מיט בייזע פאָרווורפן קעגן זיין העלד. ס׳האָט זיך דערוועקט אין אים דער פּאַטריאָט, נישט אַזוי — אפשר — בעת ער האָט דערציילט וועגן דער שלאַכט ביי יענאַ, ווי וועגן דער צייט פונם קייזערס מפּלה. ער פלעג איבעררייסן אינמיטן, דראָענדיק מיטן פויסט צום טייך; ער פלעג שפּייען מיט פאַראַכטונג און איידל שילטן — צו אַנדערע קללות פלעג ער נישט אַראָפּנידערן. — ער האָט אים גערופן: מערדער, ווילדע חיה, מענטש אָן מאָראַל. נאָר אויב דער צוועק פון זיין רעדע איז געווען צו באַפעסטיקן אין קינד דאָס געפיל פון יושר, מוז מען מודה זיין, אַז ער האָט דעם ציל נישט

דערגרייכט. ווייל די קינדערשע לאָגיק איז געווען גיכער געניײַגט צו אַזאַ אויספיר: „אויב אַזאַ גרויסער מענטש ווי ער, איז געווען נישט מאָראַליש, הייסט עס, אַז די מאָראַל האָט אַ קנאַפּן ווערט, און דער עיקר איז נאָר צו זיין אַ גרויסער מענטש". דער אַלטער אָבער איז גע־ווען ווייט פון חושד צו זיין, אַז אַזעלכע געדאַנקען שפּאַצירן רויק ביי זיין זייט.

זיי האָבן ביידע געשוויגן, נאָכטראַכטנדיק, יעדערער אויף זיין שטייגער, די וווּנדערלעכע געשיכטעס; — סיידן דער זיידע פלעג טרעפן אויפן וועג איינעם פון זיינע נאָבעלע קונדן אויפן שפּאַציר. ער פלעג דעמאָלט בלייבן שטיין אָן אַ שיעור לאַנג, פלעג זיך טיף נייגן און אַרויסווייזן אָן אַ שיעור העפלעכקייט. דאָס קינד פלעג זיך פאַררויטלען, נישט ווויסנדיק פאַרוואָס. אָבער דער זיידע האָט געהאַט אַ טיפן דרך־ארץ פאַר דער פעסטגעשטעלטער מאַכט, פאַר די מענטשן, וואָס „זענען אַרויסגעשוווּמען", און עס קאָן זיין, אַז די העלדן פון זיין דערציילונג האָט ער אויך ליב געהאַט דערפאַר, ווייל ער האָט געזען אין זיי מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן העכער ווי אַנ־דערע.

אין די הייסע טעג פלעג זיך דער אַלטער קראַפּט זעצן אונ־טער אַ בוים און גלייך כאַפּן אַ דרימל. דעמאָלט פלעג קריסטאָף זיך זעצן נעבן אים אויף אַ הויפן וואַקלדיקע שטיינער, אויף אַ קילאָמע־טער־שטיין אָדער אויף אַן אַנדער הויכן און אומבאַקוועמען אָרט. ער פלעג שאָקלען מיט די פיסלעך, ברומענדיק פאַרחלומט אַ ניגון. אָדער ער פלעג זיך לעגן אויפן רוקן און זיך צוקוקן, ווי עס ציען די וואָלקנס, וואָס זעען אויס ווי אָקסן, ריזן, היטלען, אַלטע פרויען און רחבותדיקע פּייזאַזשן. ער האָט זיך שטיל מיט זיי דורכגעשמועסט; ס'האָט אים פאַרנומען אַ קליין וואָלקנדל, וואָס אַ גרויסער וואָלקן האָט עס געוואָלט איינשלינגען; ער האָט זיך געשראָקן פאַר די, וואָס זענען געווען זייער שוואַרץ, כמעט בלוי און וואָס זענען צו שנעל געלאָפן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי פאַרנעמען אין זיין לעבן אַ גרויס אָרט, און ס'האָט אים געוווּנדערט, וואָס נישט דער זיידע, נישט די מאַמע קוקן זיך דערויף נישט אום. דאָס זענען געווען מוראדיקע ברואים, וואָס זענען געווען מסוגל צו טאָן שלעכטס. צום גליק פלעגן זיי פאַרבייגיין גוטמוטיק, אַ ביסל משונהדיק, נישט בלייבנדיק שטיין אין וועג. עס פלעג זיך ענדיקן דערמיט, וואָס פון צופיל קוקן אין

דער הויך האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ און ס'פלעג אים נעמען וואַרפן העגט און פיס, גלייך אָט־אָט פאַלט ער אינם הימלישן תהום אַראָפּ. זיינע אויגן קלעפּן זיך. עס נעמט אים אַרום אַ שלאָף... שטיל... די בלעטער שאָרכן שטיל און ציטערן אויף דער זון, אַ לייכ־טער נעפּל שווימט אַרום אין דער לופטן; בלאָנדזשענדיקע פליגן קרייזן אַרום, רוישנדיק ווי אַן אָרגל; גרילן, פאַרשיכּורט פון דער היץ, גרילצן מיט אַ טומלענדיקער פריילעכקייט: אַלץ ווערט אַנטשוויגן... דער געשריי פון פּיקהאָלץ קלינגט אָפּ אינם וואַלד־געוועלב, ווי פאַרכשופט. ווייט, אויפן פליין, רופט אַ פויער זיינע אָקסן; דער געלאָף פון אַ פערד קלינגט אויפן ווייטן וועג. קריסטאָפס אויגן פאַרמאַכן זיך. נעבן אים קריכט אַ מוראַשקע אויף אַ פאַרטריקנטן צווייגל איבער אַ גריבל. דאָס קינד פאַרלירט זיין באַוווסטזיין... דורות גייען פאַרביי. ער כאַפּט זיך אויף. די מוראַשקע האָט נאָך ניט פאַרענדיקט איר נסיעה.

טיילמאָל שלאָפט דער זיידע צו לאַנג; זיין פּנים ווערט דע־מאָלט פאַרגליווערט, זיין לאַנגע נאָז ציט זיך נאָך מער אויס, זיין מויל צעעפנט זיך ברייט. קריסטאָף קוקט אים אָן אומרויִק, ער האָט מורא, טאָמער באַקומט זיין פּנים ביסלעכווייז אַ פאַנטאַסטישע געשטאַלט. ער זינגט אויפן קול, כּדי אים אויפצוועקן, אָדער ער גליטשט זיך מיט אַ גערודער אַראָפּ פונם שטיינער־הויפן. איינמאָל איז אים איינגעפאַלן צו באַוואַרפן זיין זיידנס פּנים מיט סאָסנע־נאָדלען און שפּעטער אים געזאָגט, אַז זיי זיינען אַראָפּגעפאַלן פון בוים. דער אַלטער האָט אים געגלויבט — ס'האָט דערוועקט אין קריסטאָפן אַ שטאַרק געלעכטער. אָבער דעם יינגל איז איינגעפאַלן אַן אומגעלומפּערטע המצאה, איבער־צוחזרן די שפּיל נאָכאַמאָל; נאָר אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, האָט ער זיך געטראָפן מיט דעם זיידנס אויגן, וואָס האָבן אים אָנגעקוקט. ס'איז געווען אַ האַרבער ענין: דער אַלטער איז געווען ערנסט און האָט קיינמאָל נישט דערלויבט אָנצורירן זיין כּבוד; זייערע באַציונגען זיינען קאַלט געוואָרן אויף אַ גאַנצער וואָך.

וואָס ערגער ס'איז געווען דער וועג, אַלץ שענער האָט ער אויסגעזען אין קריסטאָפס אויגן. דאָס אָרט פון יעדן שטיין באַזונדער האָט געהאַט פאַר אים זיין באַדייטונג; ער האָט זיי אַלע געקענט. די בולטקייט פון אַ שפּור, וואָס די רעדער האָבן נאָך זיך געלאָזט, האָט אים אויסגעוויזן אַלס אַ געאָגראַפיש געשעעניש, ווילכטיקער פון די טאַונוס־בערג. ער האָט געקענט די מאַפּע פון אַלע בערגלעך און גריבלעך,

וואָס האָבן זיך געפונען אויפן שטח פון צוויי קילאָמעטער אַרום זייער שטוב. און דערפאַר, ווען ער פלעג אַריינפירן וועלכן ס'איז שינוי אין דער באַשטימטער אָרדנונג פון די וועגלעך, האָט ער זיך געהאַלטן נישט ווינציקער וויכטיק פאַר אַן אינזשינער, וואָס פירט אָן מיט אַ גרופּע אַרבעטער; און ווען ער פלעג מיטן קנאַפּל אויסגראָבן אַ בער־געלע ערד און פאַרשיטן דאָס גריבל, וואָס האָט זיך אונטן געשאַפן, האָט ער געטראַכט, אַז דער טאָג איז אים נישט אַוועק אומזיסט.

טיילמאָל טרעפן זיי אויפן שאָסיי אַ פּויערל אויף זיין וועגל. דאָס פּויערל קען דעם זיידן. מ'זעצט זיך אַרויף, ס'איז געווען ממש אַ גן־עדן אויף דער ערד. דאָס פערד איז שנעל געלאָפן, קריסטאָף האָט געלאַכט פון הנאה — סיידן עס איז זיי אויסגעקומען צו באַגע־גנען אַ־דערע שפּאַצירנדיקע: דעמאָלט פלעג ער מאַכן אַן ערנסטע גלייכגילטיקע מינע, גלייך אַ מענטש, וואָס איז געוווינט צו אַזעלכע רייזעס; אָבער זיין האַרץ איז פול געווען מיט שטאָלץ. דער זיידע מיט יענעם מאַן שמועסן, נישט זאָרגנדיק וועגן קליינעם. איינגעדריקט צווישן זייערע קני, צוגעקוועטשט מיט זייערע פיס, כמעט־הענגענדיק אין דער לופטן, האָט ער זיך געפילט פולשטענדיק גליקלעך; ער האָט געפלוידערט אויפן קול, נישט לייגנדיק קיין אכט, צי מ'ענטפערט אים. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די באַוועגונגען פון די פערדישע אויערן. וואָס פאַר אַ משונהדיקע ברואים זיי זענען, אָט די אויערן! זיי האָבן זיך געבויגן אויף אַלע זייטן, אויף רעכטס, אויף לינקס, זיי האָבן זיך געוואָרפן פאָרויס און זענען אַרונטערגעפאַלן אויף הינטן אויף אַזאַ לעכערלעכן שטייגער, אַז ער האָט געקייכט פון געלעכטער. ער האָט געקנייפּט דעם אַלטן, כדי אים אויפמערקזאַם צו מאַכן. דער אַלטער האָט אים אַ שטופּ געטון, זאָגנדיק, ער זאָל אים לאָזן צורו. קריסטאָף פאַרטראַכט זיך: הייסט עס, אַז אַ דערוואַקסענער מענטש ווערט פון קיין שום זאַך נישט נתפּעל, ער איז שטאַרק, ער ווייסט אַלץ. און ער האָט זיך באַמיט צו ווערן אַ דערוואַקסענער, צו באַהאַלטן זיין נייגעריקייט, צו מאַכן זיך גלייכגילטיק.

ער ווערט אַנטשוויגן. דער רעש פון די רעדער שלעפערט אים איין. די גלעקלעך פון פערד טאַנצן. דזין, דזין, דזין, דזין! די לופט איז פול מיט קלאַנגען; זיי שוועבן אַרום די זילבערנע גלעקעלעך, ווי דאָס זשומען פון די בינען; זיי וויגן זיך פריילעך צום ריטם פון די רעדער; ס'איז אַ קוואַל פון ניגונים: איינער פליסט אַרויס פונם אַנ־

דערן. קריסטאָף איז אַנטציקט, דער עיקר איינער פון זיי ווייזט אים אויס אַזוי שיין, אַז ער וויל אויפמערקזאַם מאַכן דעם זיידן. ער צעזינגט זיך אויפן קול. קיינער באַמערקט עס נישט. ער הויבט אָן נאָכאַמאָל, מיט אַ טאָן העכער, — שפּעטער גאָר הויך, — ביז דער אַלטער זשאַן מישעל בייזערט זיך אָן אויף אים: „ווער שוין אַמאָל אַנטשוויגן! כ׳קאָן שוין ניט פאַרטראָגן דיינע געוואַלדן, ווי פון אַ טראָמפּייט!“ — עס פאַרהאַקט אים דער אָטעם; ער ווערט רויט ביז איבער די אויערן און ער בלייבט שטיל, אַ געקרענקטער. ער קערט זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג פון די צוויי מגושמדיקע שוטים, וואָס זענען נישט מסוגל צו פאַרשטיין זיין דערהויבענעם געזאַנג, וואָס עפנט־אויף אַלע הימלען: ער געפינט, אַז זיי זענען ביידע זייער מיאוס, מיט זייערע בערד, וואָס זענען שוין פון אַכט טאָג נישט געגאָלט, און עס שטינקט פון זיי.

ער לאָזט זיך טרייסטן, קוקנדיק אויפן שאָטן פון פערד. אָט איז ווידער אַ ווונדערלעך בילד. אָט די שוואַרצע חיה, וואָס לויפט איבערן שאָסיי, ליגט גאָר אָן אַ זייט. אין אָוונט, ווען מען פאָרט צוריק אַהיים, פאַרדעקט זי אַ גרויס שטיק פעלד; און ווען זי טרעפט אָן אַ קופּע היי, ציט זיך אויס איר קאָפּ ביזן שפּיץ פון דער קופּע, און זי קערט זיך ווידער אום צוריק אויף איר אָרט, ווען זיי פאָרן אַדורך; איר מאָרדע ווערט דעמאָלט אויסגעצויגן און זעט־אויס ווי אַ געפּלאַצטער לופט־באַלאָן; די אויערן ווערן לאַנג און שפּיציק, ווי די וואַקסענע ליכט אין דער קירך. איז עס באמת נאָר אַ שאָטן, אָדער טאַקע אַ לעבעדיק באַשעפעניש? קריסטאָף וואָלט זיך באמונות נישט איינגעשטעלט צו טרעפן זיך מיט איינעם אַזעלכן אויג אויף אויג. ער וואָלט אים נישט נאָכגעלאָפן, ווי דעם זיידנס שאָטן, כדי אים אַרויפצושפּרינגען אויפן קאָפּ און טרעטן מיט די פיס. — די בוימער־שאָטנס אין זונאונטערגאַנג באַשעפטיקן אויך זיינע מחשבות. זיי לייגן זיך, ווי אַ צוים איבערן וועג. זיי זעען אויס ווי אומעטיקע, משונהדיקע געשפּענסטער, וואָס רעדן: „גייט נישט ווייטער“. און די סקריפּנדיקע אַקסן פון וואָגן און די פערדישע פּאָדקאָוועס זאָגן נאָך: „נישט ווייטער!“

דער זיידע און דער בעל עגלה ווערן גאָרנישט מיד פון זייער פּלוידערן אָן אַ סוף. ווען־נישט־ווען הויבן זיי אויף די שטימען, דער עיקר — ווען עס האַנדלט זיך וועגן לאָקאַלע ענינים און וועגן די שלעכטע פּרנסות. דאָס ייִנגל הערט אויף צו טרוימען און קוקט זיי

אומרויק אָן. עס דאַכט זיך אים, אַז זיי קריגן זיך ביידע, און ער האָט מורא עס זאָל נישט קומען צו קיין געשלעג. באמת איז עס גראָד פאַרקערט, אַ מאָמענט, ווען די שותּפותדיקע שנאה פאַרייניקט זיי און זיי פאַרשטייען זיך צום בעסטן. אָבער ס׳רוב רעדן זיי אָן אַ סימן פון האַס און אויפרעגונג וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, שרייענדיק אויפן גאַנצן קול, סתּם צוליב דער הנאה פון שרייען, לויטן שטייגער פון המון. אָבער קריסטאָף, וואָס פאַרשטייט נישט זייער שמועס, הערט נאָר זייערע געוואַלדן, ער זעט זייערע אויפגעבראַכטע פּנימער און ער טראַכט מיט אַנגסט: „ווי בייז ער זעט אויס! זיי האָבן זיך זיכער פיינט; ווי ער וואַרפט מיט די אויגן! ווי ער צעעפנט דאָס מויל! ער האָט מיך באַשפּיגן פון כּעס. גאָט מיינער, ער וועט דערהרגענען דעם ייִדן...״

דער וואָגן שטעלט זיך אָפּ. דער פויער זאָגט: „אָט זענען מיר געקומען צופאָרן״. ביידע דם־שונאים דריקן זיך די הענט. דער ייִדע קריכט אַראָפּ דער ערשטער. דער פויער דערלאַנגט אים דאָס ייִנגל. אַ שמיץ מיטן בייטש. דער וואָגן דערווייטערט זיך, און זיי געפינען זיך ווידער ביים אָנהויב פונם אויסגעקרומטן וועג ביים רהיין. די זון זינקט אַראָפּ אויף די פעלדער. דאָס וועגל שלענגלט זיך כּמעט אויף דער זעלבער פלאַך, ווי דאָס וואַסער. דאָס געדיכטע, ווייכע גראָז בויגט זיך מיט אַ שאָרך אונטער זייערע טריט. אָלכעס, ביז אַ העלפּט אין וואַסער, בויגן זיך אַריבער איבערן טייך. אַ מחנה פליגן טאַנצן. אַ שיפל פאָרט אַדורך אָן געררויש; דער פליסנדיקער שטראָם טראָגט דאָס אַוועק, און די רודערס פונם שיפל באַוועגן זיך. די פאַליעס זויגן די אַראָפּהענגענדיקע צווייגן פון די ווערבעס מיט אַ שטילן רויש פון זייערע ליפּן. דאָס ליכט ווערט טונקל און גייט אויס. די לופט איז פריש, דער טייך — זילבער־גרוי. מ׳גייט צוריק אַהיים, די גרילן זינ־ גען. און אויפן שוועל שמייכלט דאָס טייערע פּנים פון דער מאַמע...

אָ, זיסע זכרונות, האַרציקע בילדער, וואָס וועלן, ווי די האַרמאָ־ ניע פון פליענדיקע פויגל־מחנות, דורערן דאָס גאַנצע לעבן: די שפּעטערדיקע רייזעס איבער דער וועלט, די גרויסע שטעט, די ברויזנדיקע ימען, די לענדער פון אונזערע חלומות, די געליבטע פּנימער — זיי אַלע קריצן זיך נישט איין אין דער נשמה מיט אַזאַ דייטלעכקייט, ווי די קינדערשע שפּאַצירן, אָדער דאָס פּשוטע ווינקל פון גאָרטן, וואָס מ׳זעט יעדן טאָג פון פענסטער דורך דער דינער פאַרע, וואָס ס׳האָט

אָנגעהויכט אויף דער שויב אַ קליין צוגעפּרעסט מיילעכל פון אַ זאָרג־לאָז קינד...

אָוונט. די טיר פון הויז איז פאַרשלאָסן. די היים... זי באַשירמט אים פון אַלץ, וואָס דערוועקט אַ פּחד: פון שאָטנס, פון דער נאַכט, פון שרעק, פון זאַכן אומבאַקאַנטע און געהיימע. קיין שום שונא וועט נישט אַריבערטרעטן די שוועל... דאָס פייער פלאַקערט־אויף. אַ גאָלדן־ברוינע גאַנז בראָט זיך וויַיך אויף דער פייערפאַן. אַ געשמאַקער ריח פון שמאַלץ און געבראָטנס פילט אָן דאָס צימער. דער תּענוג פון עסן, דאָס גליק, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין גלייכן, פרומע באַגייסטערונג, דער ציטער פון פרייד! ער ווערט מאַט פון דער זיסער וואַרעמקייט, פון דער טעגלעכער אָנשטרענגונג, פונם טומל פון די היימישע קולות. דאָס געפיל פון זאַטקייט ברענגט אים אַריין אין אַ מין התלהבות, און די פּנימער, די שאָטנס, און דער אַבאַזשור פון לאָמפּ און די פייער־צונגען, וואָס טאַנצן אַרום מיט אַ רעגן פון שטערנס אינם קוימען, אַלץ באַקומט אַ פריילעכן און פאַרכּשופטן אויסזען, קריסטאָף לייגט צו די באַק צום טעלער, כּדי בעסער צו פילן אָט דאָס גליק.

ער ליגט אין זיין וואַרעם בעטל. ווי איז ער אַהערגעקומען? אַ ווייכע מידקייט באַפאַלט אים. דער טומל פון די שטימען און די זכרונות פון טאָג מישן זיך צונויף אין זיין מוח. דער פאָטער נעמט דער פידל. שאַרפע, פליסנדיקע טענער צעקלאָגן זיך אין דער נאַכט. אָבער צום גליקלעכסטן איז ער דעמאָלט, ווען די מאַמע קומט צו, נעמט די האַנט פון פאַרשלאָפענעם קריסטאָף און איבערבויגנדיק זיך איבער אים, זינגט זי אים שטיל, אויף זיין פאַרלאַנג, אַן אַלט לידל, וואָס זיינע ווערטער באַטייטן גאָרנישט. דער פאָטער האַלט דעם ניגון פאַר נאַריש, אָבער קריסטאָפן ווערט ער קיינמאָל נישט נמאס. ער האַלט איין דעם אָטעם; עס וויל זיך אים לאַכן און וויינען צוזאַמען; זיין האַרץ איז שיכּור. ער ווייסט שוין נישט, ווו ער איז, די צערטלעכקייט נעמט אים אַרום; ער פאַרוואַרפט זיינע קליינע אָרעמס אַרום דער מאַמעס האַלז און דריקט זי מיט אַלע כּוחות. זי זאָגט אים לאַכנדיק:

— דו ווילסט מיך דערשטיקן.

ער נעמט זי אַרום נאָך שטאַרקער. ווי ליב ער האָט זי! ווי ליב ער האָט אַלץ! אַלע מענטשן, אַלע זאַכן! אַלץ איז גוט, אַלץ איז שיין... ער ווערט אַנטשלאָפן. אין איוורן שרייט דער גריל. דעם זיידנס מעשהלעך, די העלדישע געשטאַלטן שוועבן אַרום אין דער גליקלעכער נאַכט... צו זיין אַזאַ העלד ווי זיי!... ער איז... אַך! ווי גוט עס איז צו לעבן!...

וואָס פאַר אַן איבערפלוס פון כוחות, פון פרייד און פון שטאָלץ פאַרמאָגט אין זיך דאָס קליינע באַשעפעניש! וואָס פאַר אַ קוואַל פון ענערגיע! זיין נשמה און גוף זענען שטענדיק אין באַוועגונג, מיטגע־צויגן מיטן שטראָם, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ווי אַ קליינע סאַלאַ־מאַנדרע טאַנצט ער טאָג און נאַכט אַרום פייער. אַ באַגייסטערונג, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס און וואָס אַלץ רייצט זי. אַ פאַרשכורנ־דער חלום, אַ שפּרודלדיקער קוואַל, אַן אוצר פון האָפנונגען, וואָס נעמט זיך קיינמאָל נישט אויס. אַ געלעכטער, אַ געזאַנג, אַן אייביקע שכרות. דאָס לעבן צוימט אים נאָך נישט; ער רייסט זיך אַרויס יעדע ווייַלע; ער שווימט אינעם אין־סוף. ווי גליקלעך ער איז! און באַשאַפן גליקלעך צו זיין! מיט זיין גאַנץ וועזן גלויבט ער אין גליק, ער האַלט זיך אָן דעם מיט אַלע זיינע קליינע ליידנשאַפטלעכע כוחות!...

דאָס לעבן אָבער וועט נישט פאַרזוימען צו לערנען אים שכל!

L'alba vinceva l'ora mattutina
che fuggia innanzi, si che lontano
connobbi il tremolar della marina.
Purg I.

דער מאָרגן האָט באַזיגט די שעה פֿון באַגינען,
וואָס איז אַ פֿאַרבײַלײַכטע אַנטלאָפֿן, ביז כ'האָב פֿון
װײַטן דערזען דעם ברויזנדיקן ים.

דאַנטע, קאַפּ. I.

די קראַפּטס האָבן געשטאַמט פון אַנטווערפּן. דער אַלטער זשאַן מישעל האָט געהאַט פאַרלאָזן דאָס לאַנד צוליב אַ ייִנגלשער אינטריגע, נאָך אַ געפּערלעכן געשלעג, — געשלעגן פלעגן זיך ביי אים אָפּט איבערחזרן, ווייל ער איז געווען אַ מוראדיקער כּעסן — וואָס האָט זיך איין מאָל געענדיקט באַזונדערס טרויעריק. ער האָט זיך דעמאָלט, ערך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, באַזעצט אין אַ קליינער פּראָווינץ-שטאָט; אירע רויטע פאַרשפּיצטע דעכער און באַשאָטנטע גערטנער, וואָס זענען געלעגן משופּעדיק אויף אַ באַחנט בערגל, האָבן זיך געשפּיגלט אין די העל-גרינע אויגן פונם פאָטער רהיין. אַלס אַן אויסגעצייכנטער מוזיקער, איז ער אינגיכן געוואָרן אָנערקענט אינם לאַנד, ווו אַלע זענען מוזיקאַליש. ער האָט זיך דאָ אינגאַנצן איינגעבירגערט, חתונה האָבנדיק אין פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן מיט קלאַרע סאַרטאָריוס, די טאָכטער פונם קאַפּעלמייסטער פון דעם פירשטלעכן אָרקעסטער, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן זיין אָרט. קלאַרע איז געווען אַ ווילע דייטשקע, וואָס האָט געהאַט צוויי תּאוות: קיך און מוזיק. דעם מאַן האָט זי פאַרגעטערט, כּמעט אַזוי ווי איר פאָטער. זשאַן מישעל האָט נישט ווינציקער געהאַלטן פון זיין פרוי. זיי האָבן אָפּגעלעבט פופצן יאָר אין נחת און געהאַט פיר קינדער. שפּעטער איז קלאַרע געשטאָרבן, און זשאַן מישעל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט שפּעטער מיט פינף חדשים חתונה געהאַט מיט אָטיליע שיף, אַ צוואַנציק-יאָריק מיידל מיט רויטע באַקן, אַ געזונטע און אַ פרישע. אָטיליע האָט געהאַט די זעלבע מעלות, וואָס קלאַרע, און זשאַן מישע, האָט זי ליב געהאַט ווי יענע. אין אַכט יאָר אַרום איז זי אויך געשטאָרבן, באַווייזנדיק אין משך פון דער צייט צו שענקען

אים זיבן קינדער. צוזאַמען, הייסט עס, האָט באַטראָפן עלף, פון וועל־כע בלויז איינס איז געבליבן לעבן. הגם ער האָט זיי אַלע שטאַרק ליב געהאַט, פונדעסטוועגן האָבן די אָפטע אומגליקן נישט אַוועקגע־רויבט ביי אים זיין סאָלידע גוטע שטימונג. דער גרעסטער קלאַפּ איז געווען פאַר אים אָטיליעס טויט — מיט דריי יאָר צוריק, אין די יאָרן, ווען ס׳איז שווער אָנצוהויבן אַ לעבן פונדאָסניי און צו שאַפן זיך אַ נייע היים. אָבער נאָך אַ קורצע צייט פון צעטומלטקייט, האָט דער אַלטער זשאַן מישעל צוריק געוווּנען זיין גייסטיקע גלייכגעוויכט, וואָס קיין שום אומגליק איז נישט בכח געווען אומצוברענגען.

ער איז געווען אַ פּלנדיקער מענטש, אָבער דאָס געזונט איז ביי אים געשטאַנען העכער פון אַלץ. ער האָט פאַרמאָגט אַ פּיזישן עקל צו טרויער און אַ דראַנג צו פריילעכקייט און פולן, קינדערשן געלעכ־טער. וואָס פאַר אַ דאגות עס זאָלן אים נישט מאַטערן, האָט ער קיינ־מאָל נישט געטרונקען מיט קיין איין כוס ווייניקער און נישט געגעסן מיט קיין איין ביסן קנאַפּער, ווי תמיד, און די מוזיק האָט ער קיינ־מאָל נישט אָפּגערוקט פון זיך אָן אַ זייט. דער אָרקעסטער אונטער זשאַן מישעלס האַנט איז געוואָרן באַקאַנט אין די רהיינער געגנטן, און זשאַן מישעל גופא, וואָס איז געווען אַטלעטיש געבויט און פלעגט אָפט אַרויס פון די כלים, איז געוואָרן אַ לעגענדאַריש געשטאַלט. ער האָט זיך נישט געקאָנט צוימען, נישט געקוקט אויף זיינע אָנשטרענ־גונגען; ווייל, אין גרונט גענומען, איז דער מענטש געווען אַ פחדן און האָט מורא געהאַט זיך צו קאָמפּראָמיטירן; ער האָט ליב געהאַט דעם אויסערלעכן גלאַנץ און מורא געהאַט פאַר דער עפנטלעכער מיי־נונג. אָבער דאָס בלוט פלעג אים מיטרייסן: ס׳פלעג אים פינסטער ווערן אין די אויגן, און אַן אומגעדולדיקע משוגעת פלעג אים אָנכאַפּן נישט נאָר אויף די רעפּעטיציעס פון אָרקעסטער, נאָר אַפילו בעת אַ קאָנצערט. נישט איין מאָל פלעג ער אין דער אָנוועזנהייט פונם פירשט אַ שליידער טון דאָס שטעקעלע און ווי אַ וואַנזיניקער נעמען טו־פּען מיט די פיס, שרייענדיק מיט אַ ווי דן, שטאַמלענדיקן קול אויף איינעם זיינע מוזיקאַנטן. דעם פירשט האָט עס געווילט, אָבער די אויסגעזידל־טע, באַליידיקטע מוזיקאַנטן האָבן געטראָגן אויף אים אַ כעס. אומזיסט פלעג זשאַן מישעל, אַ פאַרשעמטער, אַ ווײלע שפּעטער, זיך באַמיען צו פאַררייבן דעם שלעכטן איינדרוק מיט איבערטריבענער העפלעכ־קייט — ביי דער ערשטער געלעגנהייט פלעג עס ווידער אויסברעכן,

און זיין צערייצטקייט, וואָס איז, מיט די יאָרן, געוואָרן אַלץ שטאַרקער, האָט געמאַכט זיין לאַגע אומדערטרעגלעך. ער האָט עס אַ״יין געפּילט, און איין מאָל, ווען דער אָנפֿאַל פֿון שגעון האָט שיעור נישט אַרויסגערופֿן קיין שטרייק פֿונם גאַנצן אָרקעסטער, האָט ער זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע. ער האָט געהאָפֿט, אַז נאָך אַזוי פֿי. מי־פּולע פֿאַרדינסטן, וועט מען בשום אופֿן נישט אָננעמען זיין דימיסיע, אַז מען וועט אָנשטיין אויף אים, ער זאָל דאָך בלייבן — די האָפֿנונג האָט אים אָבער פֿאַרפֿירט. ער איז געוועזן צו שטאָלץ חרטה צו האָבן און זיין דעמיסיע צוריקצוציען, און ער איז אַוועק אַ פֿאַרביטערטער, באַקלאָגנדיק זיך אויף דער מענטשלעכער אומדאַנקבאַרקייט.

זינט דעמאָלט האָט ער נישט געוווּסט, ווי אויסצופֿילן זיינע טעג. ער איז אַלט געוועזן אַריבער זיבעציק, אָבער נאָך גענוג קרעפֿטיק, האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן און אַרומצולויפֿן איבערן שטאָט פֿון אינדערפֿרי ביזן אָוונט: געגעבן לעקציעס, געשמועסט, געדרשנט, געמישט זיך אומעטום. ער פֿלעג האָבן אַלערליי גוטע המצאות, אויסצוזוכן זיך פֿאַרשידענע מיטלען צו זיין באַשעפֿטיקט: ער האָט זיך גענומען צו פֿאַריכטן מוזיקאַלישע אינסטרומענטן; דערביי אויסגעטראַכט נייעסן, געפּרוּווט און טיילמאָל געמאַכט אויסבעסערונגען. חוץ דעם איז ער געוועזן אַ קאָמפּאָזיטאָר לכּל הדעות, זיך באַמיט צו קאָמפּאָנירן. איין מאָל האָט ער אָנגעשריבן אַ *Missa solemnis*, וועגן וועלכער ער פֿלעג אָפֿט רעדן און וואָס איז געוועזן דער שטאָלץ פֿון דער משפּחה. ס'האָט אים געקאָסט אַזוי פֿיל מאַטערניש, אַז ער האָט, איינמאָל, בעתן שרייבן, שיר נישט באַקומען אַ האַרץ־שלאַג. ער פֿלעג זיך איינרעדן, אַז דאָס ווערק איז געניאַל, ער האָט אָבער גאַנץ גוט געוווּסט, אין וואָס פֿאַר אַ מצב פֿון גייסטיקער פּוסטקייט ער האָט עס געשאַפֿן, און זיך נישט דערוועגט אַריינצוקוקן ווען־עס־איז אין כּתב־יד, ווייל יעדעס מאָל פֿלעגט ער דערקענען אין די באַזונדערע מוזיק־פֿראַזן, וואָס ער האָט געשאַפֿן, צונויפֿגעקלעפּטע מיט מאַטערניש און אָנשטרענגונג פֿון ווילן ברעקלעך פֿון אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן. דאָס פֿלעג אים פֿאַרשאַפֿן גרויסע יסורים. טיילמאָל פֿלעגן אים קומען אין קאָפּ אַריין איינפֿאַלן, וואָס ער האָט געפֿונען פֿאַר גרויסאַרטיק. ער לויפֿט שנעל, מיט האַרץ־קלאַפּעניש צו צום טיש: האָט ער, ענדלעך, דאָס מאָל די אמתע שטימונג? אָבער ווי נאָר ער פֿלעג נעמען די פֿעדער אין האַנט, האָט ער זיך ווידער דערפֿילט איינזאַם און שטום; און אַלע זיינע אָנשטרענ-

גונגען צוריקצוכאַפּן די פאַרשווונדענע טענער פלעגן זיך ענדיקן דער־מיט, וואָס ער האָט דערהערט באַקאַנטע מעלאָדיעס פון מענדעלסאָן אָדער בראַהמס.

„עס זענען פאַראַן — שרייבט זשאָרזש זאַנד — אומגליקלעכע גאונים, וואָס באַזיצן נישט די מעגלעכקייט אויסצודריקן זייערע געפילן, וואָס נעמען־מיט אין קבר אַריין זייער אומבאַקאַנט שאַפן, ווי ס׳האָט געזאָגט אַ מיטגליד פון דער גרויסער פאַמיליע פון שטומע און שטאַמלער, זשאָפרואַ סענט־הילער". זשאַן מישע, האָט געהערט צו אָט דער משפחה. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסדריקן נישט אין מוזיק, נישט אין וואָרט, און ער פלעג זיך איינרעדן, ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט רעדן, שרייען, זיין אַ גרויסער מוזיקער, אַן אויסגעצייכנטער רעדנער! ס׳איז געווען זיין פאַרבאָרגענע ווונד; ער האָט עס קיינמאָל פאַר קיינעם נישט דערציילט, אַפילו פאַר זיך אַליין נישט; ער האָט זיך געמיט נישט צו טראַכטן וועגן דעם, אָבער עס האָט זיך געטראַכט קעגן זיין ווילן, און דאָס פלעג אים פאַרביטערן דאָס האַרץ.

אָרעמער זקן! אין קיין זאַך איז אים נישט געלונגען צו אַנט־פּלעקן זיין אייגענעם „איך". ער האָט געטראָגן אין זיך אַזוי פיל שיינע קרעפּטיקע זוימען, וואָס זענען קיינמאָל נישט אויפגעגאַנגען. ער האָט געהאַט אַ טיפן, רירנדיקן גלויבן אין דער הייליקייט פון דער קונסט, אין דעם מאָראַלישן ווערט פון לעבן — וואָס פלעג זיך אָבער אויסדרוקן ס׳רוב אויף אַ פּאַטעטישן און לעכערלעכן אופן. אַזוי פיל איידעלער שטאָלץ — און אין לעבן אַ כמעט־קנעכטישע באַוווּנדערונג פאַר די אויבערשטע פון דער געזעלשאַפט. אַזאַ שטאַרקער דראַנג צו אומאָפּהענגיקייט, און דערביי — די געמיינסטע הכנעה. פּרעטענזיעס פון אַ שטאַרקן גייסט און אַלע מיני אַבערגלויבנס. באַגייסטערונג פאַר העלדישקייט און אמתן מוט — און אַזוי פיל פחדנות! — אַ נאַטור, וואָס בלייבט שטיין אין מיטן וועג.

אַלע זיינע אַמביציעס האָט זשאַן מישעל אַריבערגעטראָגן אויף זיין זון, און מעלכיאָר האָט לכתחילה צוגעזאָגט זיי צו פאַרווירקלעכן. ער האָט פון קינדווייז אָן געהאַט גרויסע פעיקייטן צו מוזיק. ער איז

געגאַנגען פּאָרויס מיט אַ זעלטענער לײַכטקייט און איז גאָר אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַ ווירטואָז, וואָס איז לאַנג געווען דער ליבלינג, כמעט דער אָפּגאָט אויף די הויף־קאָנצערטן. ער האָט אויך גוט גע־קאָנט שפּילן פּיאַנאָ און אויף אַנדערע אינסטרומענטן. ער איז געווען אַ שיינער רעדנער, פיין געבויט, נאָר אַ ביסל מגושמדיק, — אַ טיפּ, וואָס מ׳האַלט אין דייטשלאַנד פאַר אַ קלאַסישער שיינקייט: אַ ברייטער אויסדרוקסלאָזער שטערן, דיקע, רעגלמעסיקע שטריכן און אַ געקרייזל־טע באָרד — אַ יופּיטער פונם רהיין־ברעג. דער אַלטער איז געווען אויפן זיבעטן הימל צוליב זיין זונס ערפאָלג; ער פלעג כאַפּן התפעלות פון דער ווונדערלעכער שפּיל פונם ווירטואָז, — ער, וואָס האָט נישט געקענט שפּילן אויף קיין שום אינסטרומענט. מעלכיאָרן, להיפוך, פלעג אָנקומען גאַנץ לײַכט אויסצודריקן דאָס, וואָס ער טראַכט. די צרה איז נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט בכלל נישט געטראַכט, און דאָס האָט אים קיינמאָל נישט געאַרט. ער האָט פּשוט געהאַט אַ נשמה פון אַ קאָמעדיאַנט, וואָס איז מדקדק אויף די קלאַנגען פון זיין שטים, אָן שום אינטערעס פאַר זייער באַדייטונג, און וואָס פאַרשט מיט אומ־רו און פוסטער גאוה זייער איינדרוק אויפן עולם.

ס׳איז באַזונדערס מאָדנע, וואָס נישט געקוקט אויף זיין שטענ־דיקער זאָרג פאַר זיין אויסזען אויף דער סצענע, פונקט ווי זשאַן מישעל, און נישט געקוקט אויף זיין פּחדנותדיקן רעספּעקט פאַר גע־זעלשאַפטלעכע קאָנווענאַנסן, איז דאָך געווען אין אים שטענדיק עפּעס פּלוצלינגדיקס, אומגעריכטס, נישט פאָרויסגעזעענס, וואָס האָט אַרויסגע־רופן ביי לייטן די מיינונג, אַז אַלע קראַפטס זענען אַ ביסל משוגע. לכתחילה האָט עס גאָר נישט געשאָדט; ס׳האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז זיינע משוגעתן זאָגן עדות אויף זיין כלומרשטן זשעני; ווייל ביי מענטשן מיט אַ גוטן פאַרשטאַנד איז אַ פעסטגעשטעלטער כלל, אַז אַ קינסטלער איז אַ מענטש אָן פאַרשטאַנד. אָבער אין אַ צייט אַרום האָט מען אויס־געפונען דעם כאַראַקטער פון זיינע שגעונות: זייער מקור איז פּשוט געווען די כּוסה. ניטשע זאָגט, אַז באַקכוס איז דער גאָט פון מוזיק. ביי דער דאָזיקער מיינונג האָט זיך אויך געהאַלטן מעלכיאָרס אינ־סטינקט; נישט מער וואָס אין דעם פאַל איז זיין גאָט געווען זייער אומדאַנקבאַר: אָנשטאָט צוגעבן אים אידעען, וואָס ער האָט נישט פאַר־מאָגט, האָט ער ביי אים צוגענומען דאָס לעצט ביסל, וואָס ער האָט נאָך געהאַט. נאָך זיין אומזיניקן שידוך (עס איז געווען אַן אומזין אין

לייטנס אויגן און דערפֿאַר אויך אין זיינע) האָט ער אָנגעהויבן זינקען וואָסאַמאָל טיפֿער. ער האָט פֿאַרנאַכלעסיקט די מוזיק, — אַזוי לאַנג זיכער אין זיין העכערקייט פֿון אַנדערע, ביז ער האָט זי, מיט דער צייט, אינגאַנצן פֿאַרלאָרן. ס׳זענען אויפֿגעקומען אַנדערע ווירטואָזן, וואָס האָבן אָפּגעשירעמט זיין לייטזעליקייט ביים פּובליקום. דאָס האָט אים שרעקלעך וויי געטון, אָבער אָנשטאָט צו דערוועקן אין אים ענערגיע, האָבן אים די מפּלות געמאַכט אינגאַנצן מוטלאָז. ער האָט זיך נוקם געווען, זידלענדיק זיינע קעגנער פֿאַר חברים אין שענק. בשעת ער האָט אין זיין פּוסטער נאַרישער גאווה געמיינט, אַז ער וועט ירשע־נען דעם טאַטן אַלס דירעקטאָר פֿונם אָרקעסטער — איז דערווייל אַן אַנדערער נאָמינירט געוואָרן אויף זיין אָרט. ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ קרבן און פֿלעג מאַכן דעם אָנשטעל פֿון אַ נישט־אָנערקענטן גאון. אַדאַנק דער אַלגעמיינער אַכטונג צום אַלטן קראַפּט, איז מעלכיאָר געבליבן אַ פֿידלער אין אָרקעסטער; אָבער ביסלעכווייז האָט ער פֿאַר־לוירן אַלע זיינע לעקציעס אין שטאָט. ס׳איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פֿאַר זיין אייגנליבע, אָבער נאָך אַ שטאַרקערער — פֿאַר זיין קעשענע. אין משך פֿון עטלעכע יאָר האָבן זיך זיינע הכנסות געהאַלטן אין איין פֿאַרקלענערן אַדאַנק די שווערע נסיונות. נאָכדעם ווי מ׳האָט דערקענט דעם אמתן ווילטאָג, איז געקומען דער דלות, וואָס איז פֿון טאָג צו טאָג געוואַקסן. מעלכיאָר האָט דערפֿון נישט געוואָלט וויסן. ער האָט אויף קיין איין פּרוטה נישט פֿאַרקלענערט זיינע הוצאות אויף קליידער און פֿאַרגעניגנס.

ער איז בטבע נישט געווען קיין שלעכטער. אדרבא, אַ ביסל אַ גוטער, וואָס דאָס איז אפֿשר נאָך ערגער, אַ שוואַכער — אָן אַ שום שטויס־קראַפֿט, אָן מאָראַלישע כּוחות, כאָטש ער האָט זיך, איבעריקנס, געהאַלטן פֿאַר אַ גוטן פֿאָטער, אַ גוטן זון, אַ גוטן מאַן, אַ גוטן מענטש— און אפֿשר האָט ער טאַקע באמת פֿאַרמאָגט די אַלע גוטע מעלות, אויב דערצו וואָלט געגנוג געווען אַ ביליקע גוטסקייט, וואָס גייט לייכט אַרי־בער אין ווייכהאַרציקייט, און דער בהמהשער אינסטיקט, וואָס רופֿט אַרויס אַ ליבע צו די אייגענע, ווי צו אַ טייל פֿון דעם אייגענעם קערפּער. מ׳קען אפֿילו נישט זאָגן, אַז מעלכיאָר איז לגמרי געווען אַן עגאָיסט: ער איז דערצו געווען צו ווייניק פּערזענלעכקייט. ער איז אייגנטלעך גיט געווען גאָרנישט. עפּעס שרעקלעכס איז פֿאַראַן אינם לעבן פֿון יענע מענטשן, וואָס זענען גיט גאָרנישט. ווי אַ מאַסע, וואָס

מען האָט אַ וואָרף געטון אין דער לופטן, פאַלן זיי מיטן כּח פון אי-נערציע אַראָפּ; זייער פאַלן איז אַ געזעץ; פאַלנדיק, שלעפּן זיי מיט זיך נאָך אַלץ, וואָס געפינט זיך נעבן זיי.

אין יענער צייט, ווען די לאַגע פון דער פאַמיליע איז געוואָרן צום שווערסטן, האָט דער קליינער קריסטאָף אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס אַרום אים קומט פאָר.

ער איז שוין מער נישט געווען קיין בן-יחיד. מעלכיאָר האָט יעדן יאָר מזכּה געווען זיין ווייב מיט אַ קינד, נישט זאָרגנדיק פאַר דער צוקונפט. צוויי זענען געשטאָרבן גאָר יונג. די איבעריקע צוויי זענען אַלט געווען: דריי און פיר יאָר. מעלכיאָר האָט זיך מיט זיי אינגאַנצן נישט פאַרנומען. לואיזע, וואָס איז געצוווּנגען געווען צו גיין פאַרדינען, פלעג זיי אָנטרויען קריסטאָפן, וואָס איז שוין דעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר.

פאַר קריסטאָפן איז עס געווען אַ קרבן: ער האָט זיך צוליב דעם געמוזט אָפּזאָגן פון זיינע באַליבטע נאָכמיטאָג-שפּאַצירן אין די פעלדער. אָבער ער איז געווען שטאָלץ, וואָס מען האַלט אים פאַר אַ דערוואַקסענעם, און האָט ערנסט דערפילט זיין פליכט. ער האָט זיך באַמיט וואָס בעסער צו פאַרשפּילן דאָס קליינוואַרג, איינגעמענדיק זיי מיט זיין אייגן שפּילצייג און גערעדט מיט זיי אויפן זעלביקן אופן, ווי ער האָט געהערט דער מאַמען רעדן מיט אַ קינד. אָדער ער האָט זיי אַרומגעטראָגן אויף די הענט איינעם נאָכן צווייטן, ווי ער האָט עס געזען ביי אַנדערע. ער האָט זיך געקאָרטשעט אונטער דער משא, צונויפגעפּרעסט די ציין און צוגעדרוקט מיט אַלע כּוחות דאָס קליינע ברודערל צום האַרצן, כּדי אים נישט אַראָפּצולאָזן אויף דער ערד. די קליינע האָבן געוואָלט, ער זאָל זיי אָן אויפהער אַרומטראָגן, און קיינ-מאָל נישט מיד געוואָרן דערפון, און ווען קריסטאָף האָט שוין מער קיין כּח נישט געהאַט, האָבן זיי געוויינט אָן אַ סוף. זיי פלעגן אים פאַרשאַפן גרויס עגמת-נפש, און נישט איינמאָל איז ער געווען צוליב זיי אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. זיי זענען געווען שמוציק און זיך געבויטיקט אין מוטערלעכער זאָרג. קריסטאָף האָט זיך קיין עצה נישט

געקאָנט געבן. זיי האָבן אים אויסגעמאַטערט איבער דער טבע. צייטנווייז האָט ער געהאַט חשק אָנצופּאַטשן זיי, נאָר ער האָט געטראַכט: „זיי זענען קליין, זיי ווייסן נישט”. און ער האָט זיך גרויסמוטיק געלאָזט קנייפּן, שלאָגן און מאַטערן. ערנעסט האָט געוויינט, אָן אַ שום סיבה, געטופּעט מיט די פּיס, געקייקלט זיך אויף דער ערד — ס׳איז געווען אַ נערוועז קינד, און לואיזע האָט אָנגעזאָגט קריסטאָפֿן, ער זאָל אים נאָכגעבן אַלע קאַפּריזן. וואָס שייך רודאָלפֿן, איז ער געווען בייז ווי אַ מאַלפּע; ער האָט אויסגענוצט די מינוטן, ווען קריסטאָף פֿלעג טראָגן ערנעסטן אויף די הענט, כּדי הינטער זיינע פּלייצעס אָפּצוטון דערווייל אַלערליי שפּיצלעך: צעברעכן דאָס שפּילצייג, איבערקערן דאָס וואַסער, איינריכטן זיין קליידעלע, אָדער אַראָפּוואַרפֿן און צעברעכן טעלער, נישטערנדיק אין שאַפֿע.

און ווען לואיזע פֿלעג קומען צוריק אַהיים, האָט זי אָנשטאָט לויבן קריסטאָפֿן, געזאָגט צו אים אָן בייזקייט, אָבער מיט פֿאַרדרוס, זעענדיק דעם חורבן:

— מיין אָרעם קינד, ביסט נישט איבעריק געשיקט.

קריסטאָף איז געווען געקרענקט און זיך שיר נישט צעוויינט.

לואיזע, וועלכע האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט צו פֿאַרדינען אַ גראָשן, פֿלעג זיך פֿאַרדינגען פֿאַר אַ קעכין אויף אַלערליי שמחות, ביי טויף-פֿייערונגען אָדער חתונות. מ׳קלײַאָר האָט זיך נישט ווויסנדיק געמאַכט דערפֿון. עס האָט אַ ביסל אָנגערירט זיין איינגליבע, אָבער אין כּעס איז ער נישט געווען, — וויפֿל מאָל עס איז געשען אָן זיין וויסן. דער קליינער קריסטאָף האָט נאָך די מינדסטע השגה נישט געהאַט וועגן די צרות פֿון לעבן; דער איינציקער צוים פֿאַר זיין פֿרייהייט איז געווען דער ווילן פֿון זיינע ע׳טערן, וואָס האָבן דאָך קיין גרויסע שטערונגען נישט געמאַכט, און געלאָזט אים גיין זיין וועג. זיין איינציקער ווונש איז געווען צו ווערן אַ דערוואַקסענער, כּדי צו קאָנען טון אַלץ, וואָס ער וויל. ער האָט זיך גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט די מניעות, וואָס טרעפֿן זיך אויף יעדן טריט און שריט. עס איז אים אויך קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלן, אַז זיינע עלטערן זענען

נישט קיין פולע באַלעבאַטים איבער זיך. אין יענעם טאָג, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט, אַז צווישן דעם כּלל מענטשן זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס באַפֿעלן, און אַנדערע, וואָס וואַרפֿן זיך אונטער און פֿאָ.גן, און אַז זיינע עלטערן זענען נישט פֿון די ערשטע, איז זיין גאַנץ וועזן געוועזן אויפֿגעבראַכט — ס'איז געוועזן דער ערשטער קריזיס אין זיין לעבן.

ס'איז געווען אַ נאָכמיטאָג. די מוטער האָט אים אויסגעפּוצט אינם ריינסטן אָנצוג, וואָס נאָר איר אויסערגעוויינלעכע געדולד האָט געמאַכט פֿאַר אַ לייט פֿון אַן אַלטן געשענקטן בגד. קריסטאָף איז געגאַנגען זיך זען מיט דער מאַמען, לויט ווי ער האָט מיט איר אָפּגערעדט, אין דעם הויז, וווּ זי האָט געאַרבעט. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט, ווען ער האָט באַדאַרפֿט איינער אַליין אַהין אַריינגיין. אַ דינער האָט זיך אַרומגעדרייט פֿאַרן טויער; ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס קינד און אין אַ העפֿלעכן טאָן געפֿרעגט, וואָס עס דאַרף דאָ. קריסטאָף האָט זיך פֿאַרויטלט און געשטאַמלט, אַז ער איז געקומען זען „די מאַדאַם קראַפֿט“, — ווי מ'האָט אים אָנגעזאָגט זיך צו פֿרעגן.

— מאַדאַם קראַפֿט? וואָס ווילסטו פֿון דער מאַדאַם קראַפֿט? — האָט געפֿרעגט דער דינער, באַטאָנענדיק איראָניש דאָס וואָרט: מאַדאַם. — ס'איז דיין מאַמע? גיי אַריין, דו וועסט געפֿינען לואיזען אין קיך, אין עק קאָרידאָר.

קריסטאָף איז אַריינגעגאַנגען, נאָך מער פֿאַרויטלט; ער האָט זיך געשעמט, וואָס מ'רופֿט זיין מאַמען היימיש ביים נאָמען: לואיזע. ער האָט זיך געפֿילט דערנידעריקט; זיך געוואָלט ראַטעווען. אַנטלויפֿן צו זיין ליבן טייך, אונטערן שאָטן פֿון די קוסטעס, וווּ ער פֿלעג זיך דערציילן מעשׂות.

אין קיך איז ער אַריינגעפֿאַלן צווישן אַנדערע שטוב-דינער, וואָס האָבן אים אויפֿגענומען מיט הילכיקע געשרייען. אין ווינקל, נעבן אויוון, האָט ער דערזען זיין מאַמע, וואָס האָט געשמייכלט צו אים מיט אַ שמייכל פֿון צערטלעכער פֿאַרלעגנהייט. ער איז צוגעלאָפֿן צו איר און זיך באַהאַלטן אין איר קלייד. זי האָט געטראָגן אַ ווייסן פֿאַרטוך און געהאַלטן אַ הילצערנעם לעפֿל אין האַנט. ער איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן, ווען זי האָט פֿאַרלאַנגט פֿון אים, ער זאָל אויפֿהייבן דעם קאָפּ, מען זאָל זען זיין פּנים, און ער זאָל יעדן איינציקן דערלאַנגען די האַנט און זאָגן „גוט מאָרגן“. ער האָט נישט געוואָלט; ער

האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די הענט. ביסלעכווייז האָט ער געקראָגן מוט און שטילערהייט האָט ער גענומען וואַרפן דורכן אַקסל צעשמייכלטע, לאַכנדיקע בליקן, באַהאַלטנדיק זיי ווידער, ווי נאָר עמעצער האָט אויף אים אַ קוק געטון. ער האָט באַטראַכט די מענטשן אַרום זיך. זיין מוטער האָט אויסגעזען זייער פאַרטון און וויכטיק: ער האָט זי כּמעט נישט דערקענט. זי איז אַרומגעגאַנגען פון איין פאַן צו דער אַנדערער, פאַרזוכנדיק פון זיי און מיט אַ זיכערקייט געגעבן צו פאַרשטיין די פאַרשריפטן, וועלכע די געווינלעכע קעכין האָט אויסגעהערט מיט גרויס רעספּעקט. ביי אים איז דאָס האַרץ געוואַקסן פאַר שטאָלץ, זעענדיק ווי מ׳שעצט דאָ זיין מאַמע, און וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָלע זי שפּילט אין דער דאָזיקער שיינער קיך, דער באַפּוצטער מיט פּרעכטיק־שיינענדיקע זאַכן פון גאָלד און מעש.

נאָר פלוצלינג זענען אַלע שטיל געוואָרן, ס׳האָט זיך געעפנט די טיר. ס׳איז אַריינגעקומען אַ דאַמע, רוישנדיק מיט איר זיידן קלייד. זי האָט זיך מיט אַ חשדפולן בליק אַרומגעקוקט. זי איז נישט געווען יונג און דאָך האָט זי געטראָגן אַ העל קלייד מיטברייטע אַרבל: זי האָט געהאַלטן אין האַנט איר שלעפּ, אים נישט איינצושמירן. דאָס האָט איר אָבער נישט געשטערט צוצוגיין צום פייער, אַריינצוקוקן אין די טעפּלעך און צו פאַרזוכן פון יעדן איינעם. ווען זי האָט אַ ביסל אויפגעהויבן די האַנט, איז דער אַרבל אַראָפּגעפאַלן, אָפּדעקנדיק די האַנט ביזן עלנבויגן. קריסטאָף האָט עס געפונען פאַר מיאוס און נישט־פּאַסיק. מיט וואָס פאַר אַ טרוקענעם און בייזן טאָן זי האָט גערעדט צו לואיזען! און מיט וואָס פאַר אַ הכנעה לואיזע האָט איר געענטפערט! קריסטאָף איז געווען איבערראַשט. ער האָט זיך באַהאַלטן אין זיין ווינקל, מ׳זאָל אים נישט דערזען. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. די דאַמע האָט געפרעגט, וועמעס יינגעלע עס איז. לואיזע האָט אים צוגעפירט און פאָרגעשטעלט. זי האָט אים צוגעהאַלטן ביידע הענט, ער זאָל נישט באַהאַלטן דאָס פּנים. און כאָטש אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַרויסרייסן און אַנטלויפן, האָט ער דאָך געפילט, אַז דאָס מאָל טאָר ער נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. די דאַמע האָט זיך צוגעקוקט צום קינדס דערשראָקן פּנימל, און די ערשטע באַוועגונג אירע איז געווען אַ פריינטלעכער, כּמעט מוטערלעכער שמייכל. באַלד האָט זי ווידער אַרויסגעוויזן דעם אויסדרוק פון אַ באַלעבאָסטע און אָנגע־

הויבן אים אויסצופֿרעגן, ווי ער פֿירט זיך אויף און צי ער איז פֿרום. פֿראַגן, אויף וועלכע ער האָט נישט געענטפֿערט קיין וואָרט. זי האָט באַקוקט זיין אַנצוג, און לואיזע האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ער ליגט אויסגעצייכנט. זי האָט געצויגן דאָס רעקל, אויסצוגלייכן די קנייטשן. קריסטאָף האָט געוואָלט אויסשרייען פֿון ענגשאַפֿט. און ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס זיין מאַמע דאַנקט אַזוי.

די דאַמע האָט אים אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און געזאָגט, אַז זי וועט אים פֿירן צו אירע קינדער. קריסטאָף האָט געוואָרפֿן אַ פֿאַרצווייפֿלטן בליק אויף דער מוטער; אָבער יענע האָט אַזוי הכנעהדיק געשמייכלט צו דער דאַמע, אַז ער האָט גלייך פֿאַרשטאַנען, ווי ווייניק הילף ער האָט פֿון איר צו דערוואַרטן. און ער איז נאָכגעגאַנגען זיין פֿירערין, ווי אַ שעפּס, געפֿירט צום שעכט-הויז.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ גאָרטן, ווו צוויי קינדער, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע, כמעט אין זעלבן עלטער וואָס ער, זענען געשטאַנען, ווי אָנגעבלאָזן איינס אויפֿן אַנדערן. קריסטאָפֿס אַריינקומען האָט אַריינגעבראַכט אַ שינוי. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו באַטראַכטן דעם גאַסט. קריסטאָף, פֿאַרלאָזן פֿון דער דאַמע צווישן די קינדער, איז געבליבן שטיין ווי אַ געפּלעפּטער אין דער אַלייע, נישט דערוועגנדיק זיך אויפֿצוהויבן די אויגן. יענע צוויי, וואָס זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך אַ פּאָר טריט ווייטער, האָבן אים באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, זיך געשטופּט מיט די עלנבויגנס און שפּאָטיש געשמייכלט. לסוף האָבן זיי זיך ענטשלאָסן. זיי האָבן אים געפֿרעגט, ווער ער איז, פֿון וואַנעט ער קומט און וואָס עס טוט זיין טאַטע. אַ פֿאַרגליווערטער, האָט קריסטאָף גאָר נישט געענטפֿערט; ער איז געווען דערשראָקן ביז טרערן, דער עיקר צוליב דעם קליינעם מיידעלע, מיט די בלאָנדע צעפּ, קורץ קליידל און באָרוועסע פֿיסלעך.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שפּילן. ווען קריסטאָף האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, איז דאָס קליינע פּריצל געבליבן שטיין פֿאַר אים און אָנרירנדיק דעם אַנצוג, געזאָגט:

— זע נאָר, ס'איז דאָך מיינס!

קריסטאָף האָט גאָר נישט פֿאַרשטאַנען. באַליידיקט פֿון אַזאַ חשד, אַז ער טראָגט אַ פֿרעמדן אַנצוג, האָט ער ענערגיש געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— כ'דערקען אים, גאַנץ גוט, — האָט גערעדט דער קליינער, —

ס׳איז מיין אַלטער, בלויער אַנצוג: אָט דאָ איז פאַראַן אַ פעקל.

און ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער. נאָכדעם האָט ער ווידער באַטראַכט קריסטאָפס פּיס און האָט אים געפרעגט, מיט וואָס זענען פאַרלאַטעט די שפּיצן פון זיינע פאַריכטע שיך. קריסטאָף האָט זיך באַגאָסן מיט אַ רויטקייט. דאָס מיידעלע האָט זיך אָנגעבלאָזן און אַריינגערוימט דעם ברודער אין אויער, — קריסטאָף האָט עס געהערט — אַז ס׳איז אַ קינד פון אָרעמעלייט. דאָס האָט קריסטאָף נישט געקאָנט פאַרשווייגן, ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט צושמעטערן אָט די באַליידיקענדיקע מיינונג און ער האָט אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, אַז ער איז אַ זון פון מעלכיאָר קראַפט, און אַז זיין מאַמע איז לואיזע די קעכין, ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער יחוס איז פונקט אַזוי שיין ווי יעדער אַנדערער, און ער איז געווען גערעכט.— אָבער די קליינע, וואָס די נייעס האָט זיי, איבעריקנס, פאַראינטערעסירט, האָבן, ווייזט אויס, זייער מיינונג נישט געביטן, זיי האָבן אים געפרעגט, וואָס ער וועט ווערן: אַ קוכער אָדער אַ קוטשער? קריסטאָף איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געפילט ווי אַ פראָסט פאַרגליווערט אים דאָס האַרץ.

זיין שווייגן האָט זיי צוגעגעבן מער מוט, און די צוויי רייכע קינדער, וואָס האָבן מיטאַמאָל דערפילט צום קליינעם קבצן אַ שטאַרקע שנאה, וואָס דערוועקט זיך אָפטמאָל ביי קינדער אָן אַ שום סיבה, האָבן אָנגעהויבן צו זוכן עפּעס אַ מיטל אים צו פייניקן. באַזונדערס אכזריותדיק איז געווען די קליינע. זי האָט באַמערקט, אַז קריסטאָפן וועט זיין שווער צו לויפן צוליב דעם ענגן אַנצוג, און זי איז געפאַלן אויף אַ שפּיצל — הייסן אים שפּרינגען איבער אַ באַריער, וואָס זיי האָבן באַלד צורעכט געמאַכט פון קליינע בענק, און געפאָדערט פון קריסטאָפן ער זאָל אַריבערשפּרינגען. דאָס אָרעמע יינגל האָט זיך נישט דערוועגט צו זאָגן, וואָס עס שטערט אים צו טון זייער פאַרלאַנג. עס האָט צוזאַמענגענומען אַלע כּוחות, אַ שפּרונג געטון און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, ווי גרויס עס איז געווען. זיי האָבן געקייכט פון געלעכטער. עס האָט געמוזט אָנהויבן פון ס׳ניי. מיט טרערן אין די אויגן האָט עס אָנגעשטרענגט אַלע כּחות און דאָס מאָל האָט עס אים אָפּגעגליקט אַריבערצושפּרינגען. דאָס אָבער האָט נאָך נישט צופרידנגעשטעלט זיינע פייניקער, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז די באַנק איז צו נידעריק; זיי האָבן צוגעשטעלט נייע זאַכן און אויפגעבויט

אַ נייעם באַריער, אַזוי אַז מען האָט געמוזט, שפּרינגענדיק, ברעכן האַלז און נאַקן. קריסטאָף האָט געפּרוווט זיך ווערן; ער האָט דער־קלערט, אַז ער וועט מער נישט שפּרינגען. דאָס קליינע מיידל האָט אים דעמאָלט אָנגערופן פּחדן און געזאָגט, אַז ער האָט מורא. דאָס האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. און זיכער, אַז ער וועט פאַלן, האָט ער אַ שפּרונג געטון און טאַקע געפאַלן. זיינע פיס האָבן זיך פאַר־טשעפּעט, און דער גאַנצער בנין האָט זיך צוזאַמען מיט אים איבער־געקערט. ער האָט זיך צעריסן די הענט און שיר נישט צעשפּאָלטן דעם קאָפּ; דערצו האָבן אים — אַ צולאָג צו די צרות — געפּלאַצט די הויזן אויף די קני און ערגעץ־אַנדערש. ער איז אַזש קראַנק גע־וואָרן פון חרפּה; ער האָט געהערט ווי ביידע קינדער האָבן געטאַנצט אַרום אים פון שמחה. עס האָט אים שרעקלעך געקרענקט. ער האָט געפילט, אַז זיי פאַראַכטן אים, אַז זיי האַסן אים — פאַרוואָס? פאַר־וואָס? ער וואָלט געוואָלט שטאַרבן! ס׳איז נישטאָ קיין אַכזריותדיקע־רער ווייטיק, ווי די יסורים פון אַ קינד, וואָס אַנטדעקט צום ערשטן מאָל דאָס מענטשלעכע רשעות; ער פילט זיך שפּעטער גערודפט פון דער גאַנצער וועלט, און האַלט, אַז ס׳קאָן אים קיין זאַך נישט העלפן: ס׳איז מער קיינער נישטאָ, קיינער נישט!... קריסטאָף האָט געפּרוווט אויפשטיין: דאָס קליינע פּרצל האָט אים אַ שטויס געטון און ער איז ווידער אומגעפאַלן. דאָס מיידל האָט אים געשטויסן מיט די פיס. ער האָט געפּרוווט נאָכאַמאָל אויפשטיין — האָבן זיי זיך ביידע אויף אים אַ וואָרף געטון, זיך געזעצט אויף זיין רוקן, צודריקנדיק זיין פּנים צו דרערד. נאָר דאַן האָט זיך דער צאָרן אין אים צעפלאַקערט: ס׳איז שוין געווען איבער דער מאָס! זיינע ברענענדיקע, געשוואָלענע הענט, זיין צעריסענער, שיינער אַנצוג — אַן אמתע קאַטאַסטראָפע פאַר אים! — די חרפּה, דער ווייטיק, דער פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט, אַזוי פיל אומגליקן פאַר איינמאָל, האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַ ווילדן צאָרן. ער האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די הענט און קני, און ווי אַ הונט זיך אַזוי צעטרייסלט, אַז זיינע פּייניקער האָבן זיך אַרונטערגעקייקלט איינער אויפן אַנדערן; און ווען זיי האָבן אָנגע־הויבן פונדאָסניי, האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו זיי מיט אַ געבויגע־נעם קאָפּ, אַ פּאַטש געטון דאָס מיידעלע און מיט איין שטויס אַ שליי־דער געטון דאָס יינגל אויף אַ בלומען־בייט.

ס׳איז געוואָרן אַ יללה. די קינדער זענען מיט אַ גרויס געוויין

אַנטלאָפֿן אַהיים. מען האָט געהערט דאָס קלאַפּן פֿון טירן און בייזע געשרייען. ס׳איז געקומען צולויפֿן די מאַדאַם אַזוי שנעל, ווי נאָר די שלעפּ פֿון איר קלייד האָט איר דערלויבט, קריסטאָף האָט זי געזען גייענדיק, נאָר נישט געפּרוווט אפֿילו צו אַנטלויפֿן. ער איז געווען באַרוישט פֿון דעם, וואָס ער האָט געטון: ס׳איז געווען אַן אומדערהערט פֿאַרברעכן, אָבער ער האָט קיין חרטה נישט געהאַט. ער האָט געוואַרט. ער איז געווען פֿאַרלוירן. גוט אַזוי! ער איז דערפֿירט געוואָרן צו פֿאַרצווייפֿלונג.

די דאַמע האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים. ער האָט געפֿילט קלעפּ. ער האָט געהערט, ווי זי רעדט, מיט אַ צאָרנדיקער שטים, אַ ים מיט ווערטער; אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט אונטערשיידן. זיינע צוויי קליינע שונאים זענען צוריקגעקומען צו זען זיין שאַנד, און זיי האָבן מוראדיק געשריען. אַלע דינער זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן: ס׳איז געווען אַ געמיש פֿון קולות. כּדי צו פֿאַרגרעסערן זיין מפּלה, האָט מען געשיקט רופֿן לואיזען, נאָר אַנשטאָט אים צו פֿאַרטיידיקן, האָט זי אים אויך אָנגעהויבן צו שלאָגן, איידער זי האָט נאָך געוווּסט, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, און זי האָט פֿאַרלאַנגט, ער זאָל זיי איבערבעטן. ער האָט מיט כּעס אָפּגעזאָגט. זי האָט אים אָנגעהויבן האַסטיק צו טרייסלען, און שלעפּן צו דער דאַמע מיט די קינדער, ער זאָל זיך שטעלן פֿאַר זיי אויף די קני. אָבער ער האָט געטופּעט מיט די פֿיס, געשריען און האָט אַ ביס געטון דער מאַמע אין האַנט. ער האָט זיך לסוף געראַטעוועט, און זיך אַדורכגעריסן צווישן די לאַכנדיקע משרתים.

ער איז אַוועק מיט אַ שווער געמיט. זיין פּנים האָט געברענט פֿון כּעס און פֿון די קלעפּ, וואָס ער האָט געקריגן. ער האָט זיך באַמיט גאָרנישט צו טראַכטן און צוגעאײַלט זיינע טריט, כּדי זיך נישט צעוויינען אין מיטן גאַס. ער האָט נאָר געוואָלט זיין אינדערהיים, ווו ער וועט קאָנען פֿריי לאָזן זיינע איינגעהאַלטענע טרערן; ס׳האָט אים געשטיקט אין האַלז, און דאָס בלוט האָט האַסטיק פּולסירט אין קאָפּ, וואָס האָט געהאַלטן אָט־אָט ביים פּלאַצן.

לסוף איז ער אַריין אין שטוב; ער איז געשווינד אַדורכגעלאָפֿן די אַלטע, שוואַרצע טרעפּ ביז צו זיין שטענדיקן ווינקל ביים פֿענסטער איבערן טייך; ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אָן כּוחות — און אַ מבול פֿון טרערן האָט אין אים אויפֿגעקוואַלט. ער האָט אַליין נישט געוווּסט געניו, פֿאַרוואָס ער וויינט; ער האָט אָבער געמוזט וויינען.

און ווען דער ערשטער שטראָם איז אָפּגעשווומען, האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט צו קלאָגן, ווייל אין אַזאַ מין פאַרביטערונג האָט ער געוואָלט וויינען, כדי אָנצוטון זיך יסורים, פונקט ווי ער וואָלט דערמיט געפייניקט נישט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך אַנדערע. שפּעטער האָט ער געטראַכט, אַז באַלד וועט קומען דער טאַטע, און די מאַמע וועט אים אַלץ דערציילן. און דעמאָלט וועט צו זיינע יסורים נישט נעמען קיין סוף. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו אַנטלויפן, אַלץ איינס וווּהין, און קיינמאָל נישט צוריקצוקומען.

נאָר אין דעם מאָמענט, ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף זיין פאָטער, וואָס איז געגאַנגען אַהיים.

— וואָס טוסטו דאָ, ממזר? וווּ גייסטו? — האָט מעלכיאָר אַ פרעג געטון.

ער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

— דו האָסט שוין אָפּגעטון אַ שטיקל אַרבעט? וואָס האָסטו אָפּגעטון?

קריסטאָף האָט עקשנותדיק געשוויגן.

— וואָס האָסטו געטון? — האָט מעלכיאָר איבערגעחזרט. — וועסט ענטפערן, צי ניין?

דאָס קינד האָט זיך צעוויינט און מעלכיאָר האָט אָנגעהויבן צו שרייען, — איינער העכער פונם אַנדערן, ביז זיי האָבן דערהערט ה/ו־איזעס איילנדיקע טריט אויף די שטיגן. זי איז אַריינגעפאַלן, נאָך אַלץ אַן אויפגערעגטע, אין שטוב אַריין. זי האָט אָנגעהויבן מיט שאַרפן מוסר געמישט מיט פרישע קלעפּ; באַלד איז אויך מעלכיאָר, ווי נאָר ער האָט תּופס געווען — און אפשר נאָך איידער ער האָט תּופס געווען — וועגן־וואָס עס האַנדלט זיך, צוגעשטאַנען מיט קלעפּ, וואָס האָבן געקאָנט דערהרגענען אַן אָקס. ביידע האָבן געשריען. דאָס קינד האָט געיאָמערט. דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן זיך ביידע שטאַרק צעווערטלט. שלאָגנדיק זיין זון, האָט מעלכיאָר געטענהט, אַז גערעכט איז דעד קליינער, ווייל אָט צו וואָס מען דערוואַרט זיך, גייענדיק דינען צו מענטשן, וואָס מיינען, אַז אַלץ מעגן זיי ווייל זיי האָבן געלט. און לואיזע פון איר זייט, שלאָגנדיק קריסטאָפן, האָט געשריען צום מאַן, אַז ער איז ברוטאַל, אַז זי פאַרווערט אים צו שלאָגן איר קינד, אַז ער האָט דאָס קינד צעבלוטיקט. באמת, קריסטאָפן איז געריבען בלוט פון נאָז, אָבער עס האָט אים נישט געאַרט און ער האָט

נישט געפילט קיין שום דאַנקבאַרקייט צו דער מאַמע, וואָס האָט אים מיט אַ נאַס טיכל אײַנגעהאַלטן דאָס בלוט, נישט אויפהערנדיק אים, דערבײַ, צו זידלען. לסוף האָט מען אים אַרײַנגעשטופּט אין אַ פּינסטערע קאַמער, און פאַרשפּאַרט אָן אָוונט-ברויט

ער האָט געהערט ווי זײַנע עלטערן קריגן זיך, און אַליין נישט געוווּסט, וועמען פון זיי ער האָט מער פײַנט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די מאַמע, ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט געריכט פון איר אַזאַ רשעות. אַלע זײַנע אומגליקן פונם טאָג האָבן אים איצט געפּייניקט: אַלץ וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן, די אומגערעכטיקייט פון די קינדער, די אומגערעכטיקייט פון דער דאַמע, די אומגערעכטיקייט פון זײַנע עלטערן און — וואָס ער האָט אויך געפילט ווי אַ לעבעדיקע ווונד, נישט פאַרשטייענדיק אַליין פאַרוואָס — די דערנידערונג פון זײַנע עלטערן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי שטאָלצירט. די הכנעה פאַר יענע רײַכע און שלעכטע לײַט, אָט די געמיינהייט, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל דערקענט מיט אַן אומקלאָרן באַוווּסטזײַן, — האָט בײַ אים אויסגעזען נידעריק. אַלץ אין אים האָט פּראָטעסטירט: די באַוווּנדערונג פאַר זײַנע אייגענע, דער רעליגיעזער רעספּעקט, אַלץ וואָס פלעג אין אים דערוועקן זײַן צוטרוי צום ‚עבן, די נאַאיווע באַדערפעניש צו ליבן אַנדערע און פון זיי געליבט צו זײַן, זײַן מאָראַלישער בלינדער, אָבער אַבסאָלוטער, גלויבן. ס'איז געווען אַ פולשטענדיקער חורבן. ער איז צוגעדריקט געוואָרן פון אַ ברוטאַ‚ער קראַפט, אָן אַ שום מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן זיך אָדער אַנטרינען צו ווערן פון איר. דאָס לעצטע געפיל האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם. ער האָט געמיינט, אַז אָט שטאַרבט ער. זײַן גאַנצער קערפּער איז פאַרשטייפט געוואָרן אין אַ פאַרצווייפלטן פּראָטעסט. ער האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן, מיט די פיס און קאָפּ אָן וואַנט, געשריגן, געוואָרפן זיך אין קאָנוווּלסיע און לסוף אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, צעקלאַפּנדיק זיך אָן די מעבל.

זײַנע עלטערן זענען געקומען צולויפן, און גענומען אים אין די אָרעמס. איצט האָט יעדער איינער אים געוואָלט אַרויסווײַזן וואָס-מער צערטלעכקייט. די מאַמע האָט אים אויסגעטון, געלעגט אין בעט, זיך געזעצט צוקאָפּנס און געזעסן, ביז ער האָט זיך באַרויקט, אָבער ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, ער האָט איר נישט מוחל געווען און זיך געמאַכט שלאָפנדיק, כּדי פּטור זײַן פון אירע קושן פאַרן שלאָף. די מאַמע האָט אים אויסגעוויזן בייז און געמיין. ער האָט נישט אָנ-

געהויבן צו באַגרייפן, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין, כדי זיך און אים אויסצוהאַלטן, און וויפל עס האָט איר געקאָסט דאָס, וואָס זי האָט געמוזט שטיין אויף דער זייט פון זיינע באַליידיקער.

נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעוויינט דעם גאַנצן קוואַל פון טרערן, וואָס געפינט זיך אין די אויגן פון אַ קינד, האָט ער זיך דערפילט אַ ביסל לייכטער. ער איז געווען מיד, אָבער זיינע נערוון זענען גע-ווען צופיל אָנגעשטרענגט, ער זאָל קאָנען שלאָפן. די בילדער פון בייטאָג האָבן אָנגעהויבן אַרומצושוועבן אין זיין פאַרמאַטערטן דמיון. דערהויפט איז געווען דאָס קליינע מיידל מיט אירע בלישטשענדיקע אויגן, מיט איר פאַרריסענעם — אין אַ גרימאַסע פון פאַראַכטונג — נעזל, מיט די האָר איבער די אַקסלען, מיט אירע נאַקעטע פיסלעך און קינדערשע געמאַכטע רייד. ער האָט אויפגעשוידערט, ווען ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט ווידער איר שטים. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי נאַריש ער האָט זיך געהאַלטן קעגן איר און דערפילט צו איר אַ ווילדע שנאה. ער האָט איר נישט געקאָנט מוחל זיין דעם בזיון, און ס'האָט זיך אין אים דערוועקט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צו דערנידעריקן זי און ברענגען זי צו טרערן. ער האָט געזוכט מיטלען ווי עס אויסצופירן, אָבער גאָרנישט ניט געפונען. ס'איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט, אַז זי זאָל זיך ווען-עס-איז מיט אים אינטע-רעסירן. נאָר כדי זיך צו באַרויקן, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז אַלץ קומט פאָר, ווי ער וויל. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַ מעכטיקער און באַרימטער מאַן, און אין דער זעלבער צייט באַשלאָסן, אַז זי פאַרליבט זיך אין אים. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דערציילן איינע פון יענע זינלאָזע מעשות, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר ווירקלעכער, ווי די ווירקלעכקייט אַליין.

זי גייט אויס פון ליבע צו אים, נאָר ער שטויסט זי אָפּ פון זיך. בעת ער גייט פאַרביי איר הויז, קוקט זי ווי ער גייט דורך, פון הינטער די פאָרהאַנגען; ער ווייסט, אַז זי קוקט אויף אים, אָבער ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, און ער רעדט מיט עמעצן פריילעך. און כדי צו פאַרגרעסערן אירע ליידן, פאַרלאָזט ער דאָס לאַנד און פאָרט אַוועק ערגעץ ווייט. ער טוט אויף ווונדערלעכע זאַכן (דאָ האָט ער אַריינגעשטעלט אין זיין מעשה אויסגעקליבענע פראַגמענטן פון זיידנס העלדישע מעשות.) זי ווערט דורך דער צייט קראַנק פון עגמת נפש און צער. איר מוטער, די שטאָלצע דאַמע, קומט אים בעטן רחמים:

„מיין אָרעמע טאָכטער האַלט ביים שטאַרבן, איך בעט אייך, קומט צו גיין!” ער קומט. זי ליגט מיט אַ בלייכן און איינגעפאַלענעם פּנים. זי ציט אויס צו אים אירע אָרעמס. זי קאָן נישט רעדן, נאָר אָנגעכאַפּט זיינע הענט און זי קושט זיי, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. דעמאָלט טוט ער אויף איר אַ קוק ווונדערלעך־מילד און צערטלעך. ער באַפעלט איר געזונט צו ווערן, און ערלויבט איר זי זאָל אים ליב האָבן. — אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט מיט הנאה איבערגעחזרט די זעלבע באַוועגונגען און ווערטער אָן אַ שיעור מאָל, כּדי זיך אָנצוטון אַ נחת־רוח, איז אים באַפאַלן דער שלאָף, און אַ געטרייסטער איז ער איינגעשלאָפן.

אָבער ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז שוין געווען טאָג; און דער טאָג האָט שוין נישט געשטראַלט מיט דער זע׳בער זאָרגלאָזיקייט, ווי דער פריערדיקער מאָרגן: עפּעס האָט די וועלט זיך געביטן. קריסטאָף האָט דערקענט די מענטשלעכע אומגערעכטיקייט.

עס פלעגן טרעפן צייטן, ווען דער דלות האָט שטאַרק געפייפט אין אַלע ווינקעלעך פון זייער שטוב. אַזעלכע צייטן פלעגן ווערן וואָס אַמאָל אָפטער, אין אַזעלכע טעג האָבן זיי געפאַסט אמתע תעניתים. קיינער האָט עס נישט געפילט אַזוי שטאַרק ווי קריסטאָף. דער טאַטע האָט גאָרנישט ניט געזען; ער פ׳עג נעמען עסן דער ערשטער, און פאַר אים איז שטענדיק געווען גענוג. ער האָט דערביי הויך גערעדט, לאַכנדיק פון זיינע אייגענע חכמות; ער האָט קיינמאָל נישט באַמערקט דעם בליק פון זיין ווייב, וואָס פלעג שמייכלען מיט אַ געמאַכטן שמייכל, קוקנדיק אומרויק אויפן חלק, וואָס ער האָט זיך גענומען. נאָך זיין עסן פלעג די שיסל בלייבן האַלב־ליידיק. לואיזע פלעג צעטיילן די קליינוואַרג צו צוויי קאַרטאָפל פאַר יעדערן, און ווען עס איז דערגאַנגען צו קריסטאָפן, איז אין שיסל געבליבן בלויז דריי, און די מאַמע האָט נאָך נישט געהאַט געגעסן. ער האָט עס געוווסט פון פריער, ער האָט געציילט די קאַרטאָפל, איידער זיי זענען אָנגעקומען צו אים. דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעטון אַ כּח און געזאָגט אין אַ טאָן, ווי נישט דאָס וואָלט ער אויסן געווען:

— נאָר איינע, מאַמע.
זי איז געוואָרן אַ ביסל אומרויק.
— צוויי, ווי אַלעמען.
— ניין, איך בעט דיך, נאָר איינע.
— ביסט דען נישט הונגעריק!
— איך בין נישט שטאַרק הונגעריק.
אָבער זי האָט אויך מער נישט גענומען ווי איינע, און ביידע האָבן געשיילט די קאַרטאָפל זייער פּאָרזיכטיק, געטיילט די קאַרטאָפל אויף גאָר קליינע ברעקעלעך באַמיענדיק זיך צו עסן, ווי נאָר מעגלעך פּאַמעלעכער. די מאַמע האָט אים נאָכגעקוקט. ער איז שוין געווען פאַרטיק.
— נו, נעם שוין די אויך!
— ניין, מאַמע.
— הייסט עס ביסט נישט געזונט?
— איך בין געזונט, נאָר כ׳האָב גענוג געגעסן.

עס פלעג טרעפן, אַז דער פאָטער האָט אים אויסגערעדט, אַז ער איז אַן עקשן, און האָט צוגענומען פאַר זיך די לעצטע קאַרטאָפל. אָבער קריסטאָף האָט זיך אָנגעהויבן היטן און פלעג איבערלאָזן די קאַרטאָפל פאַר זיין יונגערן ברודערל ערנעסט, וואָס איז שטענדיק געווען הונגעריק און וואָס פלעג באַלד פון אָנהויב ביים עסן ווארפן אַן אויג צו קריסטאָפן און אים למוף פרעגן:
— דו וועסט עס שוין נישט עסן? גיב זשע עס מיר, קריסטאָף!

אַך, ווי קריסטאָף האָט פיינט געהאַט זיין פאָטער, ווי ער האָט אים געהאַסט דערפאַר, וואָס ער האָט וועגן זיי נישט געטראַכט, און אים איז גאָר אויפן זינען נישט אַרויף, אַז ער עסט אויף זייער חלק! קריסטאָף איז געווען אַזוי הונגעריק, אַז ער האָט אים געהאַסט און אים געוואָלט עס זאָגן; אָבער אין זיין שטאָלץ האָט ער געטראַכט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט דערויף, כל-זמן ער פאַרדינט אַליין נישט אויף זיין לעבן. דאָס ברויט, וואָס דער פאָטער נעמט ביי אים צו, האָט זיין פאָטער אַליין פאַרדינט. און ער אַליין טויג נאָך צו גאָרנישט. ער איז געווען אַן עול אויף אַלעמען, און נישט געהאַט דאָס רעכט צו רעדן; שפּעטער וועט ער רעדן, — אויב עס וועט נאָר

דויערן ביז יענעם שפעטער. אָ, ער וועט נאָך פריער שטאַרבן פֿאַר הונגער!...

ער האָט געליטן מער פון די איבעריקע קינדער פון די שרעק־לעכע תעניתים. זיין געזונטער מאָגן האָט אים געפייניקט; טיילמאָל פלעג ער אינגאַנצן ציטערן, ס'האָט אים ווי געטון דער קאָפּ; ער האָט געפילט אַ שטעכעניש אין האַרצן, אַ שטעכעניש, וואָס ווערט אַלץ גרעסער און ברייטער, ווי געבויערט מיט אַן עגבויער. ער האָט זיך אָבער נישט באַקלאָגט; ער האָט געפילט, ווי די מאַמע קוקט אים נאָך און ער פלעג זיך מאַכן גלייכגילטיק. לואיזע האָט, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרשטיין, אַז איר קליין יינגל זאָגט זיך אָפּ פון עסן, כדי די אַנדערע זאָלן האָבן מער.

זי האָט פאַרטריבן דעם געדאַנק, אָבער ער איז שטענדיק צו־ריקגעקומען. זי האָט זיך נישט דערוועגט אויפצוקלערן די זאַך, צו פרעגן קריסטאָפן, צי ס'איז אמת, וואָרום אפילו ווען ס'איז אמת, וואָס קאָן זי העלפן? זי אַליין איז פון אירע קינדער־יאָרן אָן געוויינט גע־ווען נישט צו דערעסן. וואָס העלפט דאָס באַקלאָגן זיך, ווען מען קאָן נישט מאַכן אַנדערש? אמת, איר איז אויפן זינען נישט אַרויף, אַז מיט איר שוואַכן געזונט און ק׳יינע באַדערפענישן ליידט זי ווייניקער פאַרן קינד. זי האָט מיט אים קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט; נאָר איין מאָל אָדער צוויי, ווען אַלע זענען אַוועק, די קינדער אויפן גאַס און מעלכיאָר צו זיינע עסקים. האָט זי געבעטן איר בכור צו בלייבן איר צוצוהעלפן אַ ביסל. קריסטאָף האָט איר צוגעהאַלטן דעם קנויל וואָל, בעת זי האָט געוויקלט. פלוצלינג האָט זי אַלץ אַ וואָרף געטון און אים ליידנשאַפטלעך צוגעצויגן צו זיך.

זי האָט אים גענומען אויף די קני, כאָטש ער איז שוין געווען אַ שווער יינגל. און אים צוגעדריקט צום האַרצן. ער האָט פעסט אַרומגענומען איר האַלז מיט זיינע אָרעמס און זיי האָבן ביידע גע־וויינט קושנדיק זיך, ווי פאַרצווייפלטע.

— מיין אָרעם קליין יינגל!...

— מאַמע. טייערע מאַמע!...

מער האָבן זיי נישט גערעדט, זיי האָבן זיך אָבער פאַרשטאַנען

עס האָט לאַנג געדויערט ביז קריסטאָף האָט זיך אַרומגעזען, אַז זיין פאָטער שיכּורט. מעלכיאָרס תּאווה איז, ביז אַ געוויסער צייט, נישט אַריבערגעטרעטן באַשטימטע גרענעצן. לפּחות, די ערשטע צייטן; זי איז נישט געווען ברוטאַל. זי האָט זיך ס'רוב אויסגעדריקט אין אַן איבערגעטריבענער פריילעכקייט. ער פלעג רעדן שטותערייען, שעהן לאַנג זינגען, פויקנדיק מיט די פינגער אויפן טיש. טיילמאָל פלעג ער צווינגען לואיזען אָדער די קינדער צו טאַנצן מיט אים. קריסטאָף האָט גאַנץ גוט געזען, אַז דאָס פאַראומערט די מאַמען; זי פלעג זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל און נישט אויפהויבן די אויגן פון איר אַרבעט; זי האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף איר מאַן, דעם שכּור, און פלעג אים מילד איינעמען, ווען ער האָט גערעדט נבול-פּה, אַז זי זאָל רויט ווערן. אָבער קריסטאָף האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען; ער האָט זיך אַזוי געגויטיקט אין פריילעכקייט, אַז די ווילדע שמחה פון זיין טאַטן איז געווען פאַר אים כּמעט אַ יום-טוב. די שטימונג אין שטוב בכּלל איז געווען אַן אומעטיקע, און די ווילדע שטיק זענען געווען אַ שטיקל צעשטרייונג. ער האָט געלאַכט פון גאַנצן האַרצן ביי זיין טאַטנס משונהדיקע האַוואַיעס און נאַרישע וויצן; ער האָט מיט אים געטאַנצט און געזונגען, און געהאַט פאַריבל אויף דער מאַמע, ווען זי האָט מיט אַן אויפגערעגטער שטים אים געהייסן שווייגן. וואָס פאַר אַ בייז איז אין דעם געווען, אַז דער טאַטע אַליין טוט עס? הגם זיין שאַרפער אויג האָט שטענדיק געוואַכט און אים קיינמאָל נישט געלאָזט פאַרגעסן דאָס, וואָס ער האָט געזען; הגם, ער האָט באַמערקט, אַז דעם פאָטערס באַנעמונג שטימט נישט אַלע מאָל מיט זיין קינדערשן און שטאַרקן יושר-געפיל, האָט ער אים דאָך נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן. ס'איז אַזאַ שטאַרקע נויטווענדיקייט פאַר אַ קינד! ס'איז בלי ספק איינע פון די פאָרמען פון דער אייביקער מענטשלעכער אייגנליבע, ווען אַ מענטש פילט זיך צו שוואַך נאָכצוגעבן זיינע פאַרלאַנגען, און צו באַפרידיקן זיין שטאָלץ, טראָגט ער זיי איבער: קינדווייז — אויף זיינע עלטערן; אַלס מאַן, ווידער, וואָס איז באַזיגט געוואָרן פון לעבן, — אויף זיינע קינדער. זיי זענען, אָדער זיי וועלן זיין, אַלץ וואָס ער אַליין האָט געחלומט: זיינע קעמפער, די נקמה-נעמער פאַר זיינע עוולות. אינם גרויסמוטיקן אָפּזאָגן זיך לטובת זיי, מישן זיך צונויף, אין אַ פאַרשכּורטן קאַמף, ליבע און עגאָיזם. קריסטאָף האָט גערנוויליק מוחל געווען דעם פאָטער אַלע

זיינע עוולות און געזוכט נאָר אַן אויסרייד, אַז דער פּאָטער זאָל אים גע־פּעלן: ער האָט באַוואונדערט זיין געשטאַלט, זיינע שטאַרקע אָרעמס, זיין שטים, זיין געלעכטער, זיין פריילעכקייט, און געשיינט פון גאווה, ווען ער האָט געהערט לויבן דעם טאַלענט פונם ווירטואָז, אָדער ווען מעלכיאָר אַליין פלעג דערציילן, מיט גרויסע גוזמאות, מכּח זיינע דערפאָלגן. קריסטאָף האָט געגלויבט דעם פּאָטערס באַרימעריי און געקוקט אויף זיין טאַטן, ווי אויף אַ זשעני אָדער אַ העלד פונם זיידנס מעשות.

איינמאָל אין אָוונט, אַ זייגער זיבן, איז קריסטאָף געווען איי־נער אַליין אין שטוב. די יונגערע קינדער זענען געגאַנגען שפּאַצירן מיט זשאַן מישעלן. לואיזע האָט געוואַשן וועש ביים טייך. פּלוצלינג האָט זיך אויפגעעפנט די טיר, און מעלכיאָר האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב אַריין אָן אַ היטל, מיט צעקנוידערטע מלבושים. ביים אַריינ־קומען האָט ער געמאַכט אַ מין טענצל און איז אַ פאַל געטון אויף אַ שטול נעבן טיש. קריסטאָף האָט אָנגעהויבן לאַכן, מיינענדיק, ווי אַלע מאָל, אַז דאָ קומט פאָר איינער פון די געוויינלעכע שפּאַסן, און ער איז צוגעגאַנגען צו אים. אָבער דאָס וואָס ער האָט דערזען, האָט ביי אים צוגענומען יעדן חשק צו לאַכן. מעלכיאָר איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, און געקוקט פאַר זיך, חסר־דעה, מיט פינטלדיקע אויגן; זיין פּנים איז געווען שאַרלאַך־רויט; דאָס מויל אָפן, און פון צייט צו צייט האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ נאַרע־שעוואַטער געלעכטער. קריסטאָף איז געליימט געוואָרן. לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז דער פּאָטער שפּאַסט, אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז ער רירט זיך נישט פון אָרט, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק.

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ! — האָט ער געשריען.

מעלכיאָר האָט נישט אויפגעהערט צו קרייען ווי אַ האָן. קרי־סטאָף האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און אין פאַרצווייפלונג גע־טרייסלט אים מיט אַלע כּוחות:

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ טייערער, ענטפער מיר, איך בעט דיך!

מעלכיאָרס קערפּער האָט זיך געוואַקלט, ווי אַ ווייכע מאַסע, און ער איז כּמעט אומגעפאַלן; זיין קאָפּ האָט זיך אויסגעבויגן צו קריסטאָפס קעפל; ער האָט אים אָנגעקוקט און געשטאַמלט אומפאַר־שטענדלעכע, משונהדיקע קלאַנגען. ווען קריסטאָפס אויגן האָבן אָנגע־טראָפן זיין פאַרגאָסענעם בליק, איז אים באַפאַלן אַ ווילדע אימה.

ער איז אַנטלאָפן אין ווייטסטן ווינקל פון חדר, געפאַלן נעבן בעטל אויף די קני און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די קישנס. אַ לאַנגע צייט איז ער אַזוי געבליבן ליגן. מעלכיאָר האָט זיך לאַכנדיק שווער געשאָקלט אויף זיין שטול. קריסטאָף האָט זיך פאַרשטאָפט די אויערן, כדי גאָרנישט צו הערן, און אינגאַנצן געציטערט. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען. אַ שרעקלעכע איבער-קערעניש, שרעק, ווייטיק, גלייך ווי נאָך דעם טויט פון עמעצן, אַ טייערן און טיף-געשעצטן.

קיינער איז נישט אָנגעקומען, זיי זענען געווען אַליין; די נאַכט איז צוגעפאַלן, און קריסטאָפס מורא האָט זיך פון מינוט צו מינוט פאַרשטאַרקט. ער האָט זיך געמוזט צו הערן, קעגן זיין ווילן, צו דער פרעמדער, נישט-היימלעכער און איצט אינגאַנצן-אומבאַקאַנטער שטים, און דאָס בלוט אין אים איז פאַרקילט געוואָרן. אין דער אַרומיקער שטילקייט איז די שטים געווען נאָך שרעקלעכער; דער אַלט-כריפּענדיקער זייגער האָט נאָר צוגעקלאַפּט צום טאַקט צו דער זינלאָזער פּלאַפּלעריי. קריסטאָף האָט עס מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, און געוואָלט אַנטלויפן. אָבער כדי אַרויסצוגיין, האָט ער געדאַרפט דורכגיין פאַרביי דעם פאָטער; קריסטאָף האָט אויפגעשוידערט פונם געדאַנק, זיך ווידער אָנצוטרעפן מיט זיין בליק. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט דערפון שטאַרבן. ער האָט געפּרוווט אויף אַלע פיר צוקריכן צו דער טיר פון צימער. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, נישט אויפגעהויבן די אויגן און זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער באַוועגונג פון מעלכיאָרן, וועמענס פיס ער האָט געזען אונטערן טיש. איין פוס פונם שכור האָט געציטערט. קריסטאָף האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער אַ דריק געטאָן די קלאַמקע אָבער פון שרעק האָט ער זי צוריק אָפּגעלאָזן, און די טיר האָט זיך פאַרהאַקט מיט אַ טומל. מעלכיאָר האָט זיך אויסגעדרייט. אַ קוק צו טון; דער שטול, אויף וועלכן ער האָט זיך געשאָקלט, האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט, און מעלכיאָר איז מיט אַ רעש אומגעפאַלן. דערשראָקן האָט קריסטאָף שוין מער קיין כח נישט געהאַט צו אַנטלויפן. ער איז געבליבן שטיין אַ צוגעשמידטער צו דער וואַנט, קוקנדיק אויפן פאָטער, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן ביי זיינע פיס. קריסטאָף האָט געשריען נאָך הילף.

דאָס האָט מעלכיאָרן אַ ביסל אויסגעניכטערט. נאָכדעם ווי ער

האָט אָנגעשאָלטן און אָנגעזידלט און אפילו אָנגעשלאָגן דעם בייזווי־
ליקן שטול מיט דער פויסט, און נאָכדעם, ווי ער האָט אומזיסט אָנ־
געשטרענגט אַלע כּוחות זיך אויפצוהייבן, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט,
זיצנדיק אויף דער ערד, מיטן רוקן אָן טיש און זיך אַרומגעקוקט.
ער האָט אָנגעהויבן דערקענען, ווי ער איז. ער האָט דערזען דעם
וויינענדיקן קריסטאָפן און אים צוגערופן צו זיך. קריסטאָף האָט גע־
וואָלט אַנטלויפן, נאָר נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. מעלכיאָר
האָט אים נאָכאַמאָל גערופן, און ווען ער איז נישט צוגעקומען, האָט
ער מיט כּעס גענומען שעלטן. קריסטאָף האָט זיך דערנענטערט, צי־
טערנדיק מיט אַלע אברים. מעלכיאָר האָט אים צוגעצויגן צו זיך
און אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני. ער האָט אים קודם־כּל אָנגעריסן
פאַר די אויערן, האַלטנדיק דערביי אַ לאַנגע מוסר־דרשה, מיט אַ
שטאַמלענדיקן לשון, וועגן כּבוד־אָב. שפּעטער האָט אים אַ בייער
איינפאַל אַ בליק געטון אין קאָפּ, ער האָט קריסטאָפן געטרייסלט,
זאָגנדיק בשעת־מעשה גראָבע וויצן. ער האָט זיך געקייקלט פון גע־
לעכטער. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, אויף אָן אַ שום סיבה, איז ער
אַריינגעפאַלן אין טרויעריקע מחשבות. ער האָט רחמנות געקראָגן
אויפן קינד און אויף זיך אַליין. ער האָט אים אָנגעהויבן דריקן צו
זיך, ביז דערשטיקט צו ווערן, באַדעקנדיק אים מיט קושן און טרערן;
לסוף האָט ער אים גענומען איינוויגן, זינגענדיק „דע פּראָפונדיס״.
קריסטאָף האָט נישט געמאַכט די מינדסטע באַוועגונג זיך צו באַ־
פרייען; ער איז געווען פאַרגליווערט פון שרעק. צוגעדריקט צו זיין
פאָטערס ברוסט, האָט ער געפילט אויף זיין פּנים דעם פאָטערס
אָטעם, פול מיט בראָנפן, און זיינע גרעבסן, וואָס ער האָט דורכגע־
מישט מיט קושן און עקלדיקע טרערן; ער איז פּשוט אויסגעגאַנגען
פון עקל און שרעק. ער האָט געוואָלט שרייען, נאָר ער האָט נישט
געקאָנט אַרויסברענגען דעם מינדסטן געשריי פון מויל. ער איז גע־
ווען אין אָט דעם צושטאַנד, דאַכט זיך, אַ גאַנצע אייביקייט, — ביז
די טיר האָט זיך געעפנט, און לואיזע איז אַריינגעקומען מיט אַ קויש
אויף דער האַנט. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, דער קויש איז אַרויס־
געפאַלן פון די הענט; זי האָט זיך האַסטיק אַ לאָז געטון צו קרי־
סטאָפן, און מיט אַ שנעלקייט, וואָס איז פון איר נישט געווען צו
דערוואַרטן, האָט זי אַרויסגעריסן קריסטאָפן פון מעלכיאָרס אָרעמס.

— אַך געמיינער שכּור, — האָט זי געשריען.

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פון צאָרן.

קריסטאָף איז געווען זיכער, אַז דער טאַטע וועט זי דערהרגע-נען. אָבער מעלכיאָר איז געוואָרן אַזוי איבעראַשט פון זיין ווייבס אימהדיקן אויסזען, אַז ער האָט גאָרנישט געענטפערט און זיך צע-וויינט. ער האָט זיך געקייקלט אויף דער ערד, זיך געקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן וואַנט, און געשריען, אַז זי איז גערעכט, אַז ער איז אַ שיכּור, אַז ער ברענגט אַן אומגליק אויף זיינע אייגענע, אַז ער מאַכט אַ תּל פון די אָרעמע קינדערלעך און אַז ער וויל שטאַרבן. לואיזע האָט זיך מיט פאַראַכטונג אָפּגעקערט פון אים. זי האָט אַוועק-געפירט קריסטאָפן אין צווייטן צימער און זיך באַמיט אים צו באַ-רויקן. דער קליינער האָט נישט אויפגעהערט צו ציטערן און נישט געענטפערט אויף דער מאַמעס פראַגן; לסוף האָט ער זיך פונאַנדער-געוויינט. לואיזע האָט אים אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיט וואַסער, זי האָט אים געקושט, איינגענומען אים מיט צערטלעכע רייד און צוזאַ-מען מיט אים געוויינט. ענדלעך האָבן זיי זיך ביידע באַרויקט. זי האָט זיך געשטעלט אויף די קני און אויך אים אויף די קני אַוועק-געשטעלט נעבן זיך. זיי האָבן תּפילה געטאָן צו גאָט, אַז ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבן און צושיקן אַ רפואה דעם טאַטן, און אים אויסהיילן פון אָט דער דאָזיקער עקלדיקער תּאווה, און אַז מעלכיאָר זאָל ווערן גוט און מונטער, ווי אַמאָל. לואיזע האָט געלעגט שלאָפן דאָס קינד. עס האָט געבעטן, זי זאָל בלייבן ביי זיין בעט און האַלטן אים פאַר דער האַנט. לואיזע איז געבליבן זיצן שפּעט אין דער נאַכט נעבן קריסטאָפן—ער האָט געהאַט היץ. דער שיכּור האָט געכראָ-פּעט אויף דער ערד.

אין דער שול פלעג קריסטאָף פאַרברענגען די צייט מיט באַ-טראַכטן די פליגן אויפן סופיט און מיט טיילן קלעפּ זיינע שכנים, און זיי אַראָפּשטופּן פון דער באַנק. דער לערער האָט אים פיינט געהאַט, פאַרוואָס ער קאָן נישט איינזיצן אויף אַן אָרט, און אויך פאַר זיין לאַכן און פוילקייט. אין איינעם אַ טאָג, ווען קריסטאָף האָט אַזוי געשטיפט, האָט דער לערער אים געמאַכט אַ אָנצוהערעניש אויף אַ געוויסער גוט-באַקאַנטער פּערזאָן אין שטאָט, וואָס קריסטאָף וויל גיין, ווייזט אויס, אין אירע דרכים. אַלע קינדער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער, און אייניקע האָבן געפונען פאַר נויטיק אויפ-צוקלערן אים דעם רמז מיט גאַנץ קלאָרע און שאַרפע פּרטים. קרי-סטאָף האָט זיך אויפגעהויבן רויט פון חרפּה, אַ כאַפּ געטאָן זיין טינ-

טער און אַ שליידער געטאָן אינם קאָפּ פון דעם יינגל, וואָס האָט זיך דער ערשטער צעלאַכט. דער לערער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים, אים געשלאָגן, מ׳האָט אים געשמיסן, געהייסן זיך שטעלן אויף די קני און שווער באַשטראָפט.

ער איז געקומען אַהיים אַ בלאַסער; אַ שטילער, פאַרביסענער צאָרן האָט אין אים געברענט; ער האָט קאַלטבלוטיק דערקלערט, אַז ער וועט אין דער שול מער נישט גיין. מ׳האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע ווערטער. צומאָרגנס אין דערפרי, ווען די מאַמע האָט אים דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין שפּעט און שוין צייט צו גיין אין שול, האָט ער רויק געענטפערט: „איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך וויל אַהין מער נישט גיין". לואיזע האָט אים געבעטן, געשריען און געדראָט—ס׳האָט גאָרנישט נישט געהאָלפן. ער איז געבליבן זיצן, איינגעעקשנט, אין זיין ווינקל. מעלכיאָר האָט אים געשלאָגן מכות-רצח. ער האָט געוויינט, אָבער וויפל מאָל מען האָט אים, נאָך יעדן קלאַפּ געפרעגט, צי ער וועט גיין, האָט ער געענטפערט פאַרביסן: „ניין!" מען האָט אים געהייסן לכל-הפחות דערציילן פאַרוואָס, אָבער ער האָט פאַרביסן די ציין און נישט געוואָלט רעדן קיין וואָרט. מעלכיאָר האָט אים גענומען אויף די הענט, אַוועקגעטראָגן אין שול און אים געבראַכט צום לערער. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, האָט ער גענומען ברעכן אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געפינען אונטער זיין האַנט: דעם טינטער, די פעדער; ער האָט צעריסן זיין העפט און בוך,—און געקוקט אויפן לערער מיט אַן אַרויספאָדערנדיקן בליק. מ׳האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַ פינסטערער קאַמער; אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט אים דער לערער געפונען, מיט אַ טיכל אַרום האַלז, ווי ער האָט געשלעפּט ביי ביידע עקן מיט אַלע כוחות: ער האָט זיך געוואָלט דערשטיקן.

מען איז געווען געצוווּנגען אָפּשיקן אים אַהיים.

קריסטאָף איז געווען פאַרהאַרטעוועט קעגן קראַנקהייטן. ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער און פון זיין זיידן זייער קרעפטיקן קערפּער-בוי. מ׳האָט זיך נישט געפּיעשטשעט אין דער משפחה: קראַנק

אָדער נישט קראַנק, — אָבער מען האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט און קיין שום זאַך אין דער וועלט איז נישט געווען מסוגל צו מאַכן דעם מינדסטן שינוי אין די רגילותן פון די ביידע קראַפּטס, — דעם פאָטער און דעם זון. זיי פלעגן אַרומגיין, וואָס פאַר אַ וועטער עס זאָל נישט זיין, שפּאַצירן סיי זומער, סיי ווינטער. שעהנווייז בלייבן אויפן רעגן אָדער אויף דער זון, אָפּטמאָל מיט אַ בלויזן קאָפּ און אָפּגעקנעפּלטע קליידער, צוליב אָפּגעלאָזנקייט אָדער בריהשאַפט; פלעגן אָפּגיין וויאָרסטן, נישט ווערנדיק קיינמאָל מיד. און האָבן מיט אָפּ־שיילעכן רחמנות געקוקט אויף דער אָרעמער לואיזן, וואָס פלעג נישט רעדן גאָרנישט, אָבער איז געצווונגען געווען צו בלייבן אָפּט שטיין, אַ בלאַסע, מיט געשוואָלענע פיס און אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

קריסטאָף איז נישט געווען ווייט פון צו פאַראַכטן די מאמע, פונקט ווי זיי; ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי איז מען עס קראַנק; ווען ער פלעג פאַלן, זיך צעקלאַפּן, צעשניידן אָדער אָפּבריען, האָט ער נישט געוויינט; ער פעג נאָר זיין בייז אויף דער זאַך, וואָס האָט אים אָנגעטון אַ ווייטאָק. די מגושמדיקייט פון זיין פאָטער און פון זיינע קליינע חברים, די ראַסן־חברים, מיט וועלכע ער פלעג זיך שלאָגן — דאָס אַלץ האָט אים שטאַרק פאַרהאַרטעוועט. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין קלעפּ, און איז נישט איינמאָל געקומען מיט אַ צעבלוטיקטער נאָז און צעבאַלטן שטערן. איינמאָל האָט מען אים געמוזט כּמעט אַ דערשטיקטן אַוועקשלעפּן פון איינעם פון די ווילדע געשלעגן, בעת ער האָט זיך אַרונטערגעקייקלט אונטער זיין שונא, און יענער האָט אים מיט רציחה צוגעקוועטשט דעם קאָפּ צום טראָ־טואַר, ער האָט עס געהאַלטן פאַר גאַנץ נאַטירלעך און איז גרייט געווען צו טון מיט אַן אַנדערן דאָס, וואָס מ׳האָט געטון מיט אים.

און דאָך האָט ער מורא געהאַט פאַר אָן אַ שיר זאַכן. כאָטש קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט — וואָרום ער איז געווען זייער שטאָלץ, — האָט ער דאָך פון קיין שום זאַך נישט געהאַט אויסצו־שטיין אַזוי פיל יסורים, ווי פון די שטענדיקע פּחדים אין זיינע קינ־דער־יאָרן. אין משך פון אַ צוויי־דריי יאָר האָבן זיי געלעבט אין אים, ווי אַ קראַנקהייט.

ער האָט זיך געשראָקן פאַר דאָס געהיימניספולע, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער פינסטערניש; פאַר די בייזע רוחות. וואָס לויערן, דאַכט זיך, אויף זיין לעבן; פאַרן געווימל פון אימהדיקע ברואים,

וואָס יעדער קינדערשער מאַרך טראָגט אין זיך און פאַרבינדט מיט אַלץ, וואָס ער זעט—בלי ספק פאַרבלייבענישן פון אַן אויסטערלישער חיה, דמיונות פון די ערשטע טעג פון באשאַף, וואָס זענען נאָך נאָענט צום גאָרנישט; פונם מוראדיקן שלאָף אין דער מוטערס בויך, פון לאַרוועס דערוואַכן אין דער טיפעניש פון דער מאַטעריע.

ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער בוידעם־טיר: זי איז געווען אויף די טרעפּ און איז כּמעט שטענדיק געווען אָפן. ווען ער האָט געדאַרפט פאַרבייגיין, האָט ער געפילט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אים האַסטיק, ער פלעג זיך אָנטון אַ כּוח און אַ שפרונג טון, אָפּווענדנדיק זיין בליק פון אָרט. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמעצער אָדער עפּעס געפינט זיך הינטער דער טיר. ווען זי איז געווען פאַרשלאָסן, האָט ער געהערט בעשיינפּערלעך, ווי הינטער איר באַוועגט זיך עפּעס. און ס׳איז גאָר קיין וווּנדער נישט, ווייל דאָס זענען געווען גרויסע מייז, אָבער ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ משונהדיק פאַרזעעניש מיט צעבראָכענע ביינער, מיט אַראָפּהענגענדיקע שטיקער פלייש, מיט אַ קאָפּ פון אַ פערד, אויגן, וואָס מען קאָן פון זיי שטאַרבן און אָפּגעריסענע אברים. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, אָבער ס׳האָט זיך אים געטראַכט קעגן זיין ווילן. מיט אַ ציטערדיקער האַנט פלעג ער נאָכקוקן, צי דער ריגל פון דער טיר איז גוט פאַרוקט, וואָס האָט אים דאָך נישט געשטערט צען מאָל זיך אומצוקוקן הינטער זיך, בעת ער איז געגאַנגען אויף די טרעפּ.

ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער נאַכט, בעת ער איז געווען אין דרויסן. עס האָט געטראָפן, אַז ער האָט זיך פאַרזאָמט ביים זיידן אָדער מען האָט אים אין אָוונט נאָך עפּעס געשיקט. דער אַלטער קראַפּט האָט געוווינט נישט ווייט הינטערן שטאָט, אין דעם לעצטן הויז אויף דער קעל־נער גאַס. צווישן זיין הויז און די ערשטע באַלויכטענע פענסטער פון דער שטאָט איז געווען אַ צווי אָדער דריי הונדערט טריט, וואָס האָבן קריסטאָפן אויסגעוויזן דריי מאָל אַזוי פיל. אויף אַ שטיקל וועג, פון עטלעכע מינוט גאַנג, איז דער וועג געוואָרן קרום, און מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט זען. אין אָוונט איז די געגנט פוסט געווען, די ערד איז געוואָרן שוואַרץ און דער הימל בלייך. אַרויסקומענדיק פון די קוסטעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם וועג, האָט מען געקאָנט דערזען אַ געלבלעכע שיין אויפן ראַנד פון האָריזאָנט, אָבער די שיין האָט נישט געלויכטן, זי איז געווען נאָך-דערדריקנדיקער, ווי די נאַכט. זי האָט נאָך טיפער געמאַכט די פינסטערניש אַרום זיך; ס׳איז געווען אַ טויטע שיין, די

וואַלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן ביז דער ערד. די קוסטעס האָבן אויסגעזען ריזיק־גרויס און זיך באַוועגט. די בוימער־סקעלעטן האָבן אויסגעזען, ווי משוגעהדיקע זקנים. די מייל־שטיינער האָבן געשיינט, ווי בלאַסע לייוונטן. דער חושך האָט זיך באַוועגט. אין די גראָבנס זענען געזעסן קאַרליקעס, אין גראָז האָבן אַרומגעבלאָנדזעט בלענד־ליכטלעך, אַ בהלהדיקער פליגל־געררויש אין דער לופטן, גרילצענדיקע געשרייען פון ווערים און פליגעלעך וואָס זענען געקומען מ׳ווייסט נישט פון וואַנען. קריסטאָף איז געגאַנגען דורך דאָרטן, אין דער דערוואַרטונג פון אַן אומגעוויינלעכער נאַטור־געשעעניש. ער איז געלאָפן, און דאָס האַרץ האָט געפּלאַטערט אין זיין ברוסט.

ווען ער פלעג דערזען דאָס ליכט אין זיידנס צימער, האָט ער זיך באַרויקט. אָבער צום ערגסטן איז געווען, ווען ער האָט דעם זיידן נישט געטראָפן אין דערהיים. דעמאָלט איז דער שרעק אַריבער אין אַ גרויל, דאָס אַלטע הויז, פאַרוואָרפן אין מיטן פעלד, האָט גע־שראָקן דאָס קינד אפילו באַטאָג. ווען דער זיידע איז דאָרט געוועזן, האָט ער אינם שרעק פאַרגעסן; נישט זעלטן אָבער פלעג דער אַלטער אַוועקגיין און אים איבערלאָזן אַליין, נישט זאָגנדיק אים גאָרנישט. קריסטאָף פלעג עס לכתחילה נישט באַמערקן. אין צימער איז שטיל. אַלע זאַכן זענען אים היימיש און נאָענט. אָט שטייט דאָרט דאָס בעט פון ווייסן האָלץ; צוקאָפּנס פון בעט אויף אַ פּאָליצע די ביבל, קינסט־לעכע בלומען אויפן קאַמין מיט די פּאָטאָגראַפיעס פון ביידע ווייבער און פון די עלף קינדער.—ביי יעדערן פון זיי האָט דער אַלטער פאַר־צייכנט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן און ווען ר׳איז געשטאָרבן. — אויף די ווענט—אַפּאָריזמען אין רעמלעך און שלעכטע בילדער פון מאצארטן און בעטהאָווען.

אַ קליינע פּיאַנינאָ שטייט אין איין ווינקל, און אַ וויאָלענטשעל אינם צווייטן; רייען צוואָרפענע ביכער, הענגענדיקע לולקעס, און אויפן פענסטער גערַאַניום־טעפּ. ער איז אַרומגערינגלט פון פריינט... די טריט פונם זיידן הערן זיך פון צווייטן צימער. אַהין און צוריק; מ׳הערט אים אָפּט מאָל פיילן אָדער קלאַפּן טשוועקעס; ער רעדט צו זיך אַליין, חכמהט זיך אויפן אייגענעם חשבון, אָדער ער זינגט מיט זיין גראָבער שטים, צונויפמישנדיק פאַרשידענע שטיקלעך פון קירך־כאָר, סענטימענטאַלע לידער, מיליטערישע מאַרשן און שכור־לידלעך. מען פילט זיך דאָ זיכער, ווי אונטער אַ שוץ. קריסטאָף פלעג דאָ

זיצן אין אַ גרויסן פּאָטער־שטול ביים פענסטער, מיט אַ בוך אויף די קני. איינגעבויגן איבערן בוך, פּלעגט ער באַטראַכטן די בילדער. דער טאָג פאַרגייט, אין די אויגן ווערט טונקל, ער הערט אויף אַריינצוקוקן אין בוך און ווערט פאַרזונקען אין אַן אומקלאָרער טרוימעריי. אַ ראָד פון אַ וואָגן סקריפּעס אויפן וועג פון דער ווייטן. אַ קו מעקעט ערגעץ אויף די פעלדער. די שטאָט־גלאָקן קלינגען פויל און פאַרשלאָפן צו אָוונט־תּפילה. אַ פאַרבאָרגענע בענקשאַפט, פאַרנעפּלטע פאָרגעפילן דער־וואַכן אין האַרצן פונם אין חלומות פאַרוועבטן קינד.

פלוצלינג, — קריסטאָף כאַפּט זיך אויף, באַהערשט פון אַ שטילן אומרו. ער הויבט אויף די אויגן, — נאַכט. ער הערט זיך צו — שטיל, דער זיידע איז נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגען. אַ שוידער לויפט אים דורך איבערן לייב. ער בויגט זיך אַרויס דורכן פענסטער, אפשר וועט ער אים נאָך דערזען: דער וועג איז פוסט, די אַרומיקע זאַכן האָבן באַקומען אַן אימהדיקן אויסזען. גאָט! און אויב דאָס זאָל זיך איצט באַווייזן! — ווער?... ער האָט נישט געקאָנט אָנרופן, וואָס דאָס איז. די פאַרבאָרגענע שרעקלעכע זאַך... די טירן פאַרמאַכן זיך שלעכט, די הילצערנע טרעפּ קרעכצן, פונקט ווי מ׳וואָלט געגאַנגען אויף זיי. דאָס ייִנגל שפּרינגט אַראָפּ פון זיין אָרט און שלעפּט אַוועק דעם פּאָטער־שטול, די צוויי שטולן און דעם טיש אין ווייטסטן ווינקל פון חדר; ער בויט זיך פון זיי אַ פעסטונג: דעם פּאָטער־שטול שטעלט ער מיטן רוקן צום וואַנט, איין שטול רעכטס, איין שטול לינקס און דעם טיש פון פאָרנט. אין מיטן שטעלט ער אַוועק אַ טאָפּלטן לייטער, און אַרויפקריכנדיק אויפן שפּיץ מיטן בוך און נאָך עטלעכע בענדער, אַלס כלי־זין אין פאַל פון באַלאַגערונג, אָטעמט ער פריי אָפּ, זיכער — אין זיין קינדערשער פאַנטאַזיע, — אַז דער שונא וועט בשום־אופן זיך נישט דורכרייסן דורך דער פעסטונג: עס איז נישט דערלויבט.

אָבער דער שונא איז נישט איינמאָל אַרויסגעקראָכן פון בוך גופא — צווישן די בילער, וואָס דער זיידע פלעג צונויפקויפן, זע־נען געווען אייניקע מיט בילדער, וועלכע האָבן געמאַכט אויפן קינד אַ טיפן רושם: זיי האָבן אים געצויגן און בשעת־מעשה גע־שראָקן. דאָרטן זענען געווען פאַנטאַסטישע בילדער פון די נסיונות, וואָס עס איז ביי געשטאַנען דער הייליקער אַנטאָניוס, ווו סקעלעטן פון פויגל זענען געגאַנגען נקיות אין פלעשלעך, מיליאָנען אייעלעך זענען ווי ווערים אַרומגעקראָכן אין צעשפּאָלטענע זשאַבעס, קעפּ זענען גע־

גאַנגען אויף דינע פיסלעך, הינטנס האָבן געשאַלט אין טראָמייטן, און קיך־געשיר און פגרים פון חיות האָבן אַרומגעשפּאַצירט מיט חשיבות, אַרומגעוויקלט מיט גרויסע ליילעכער, באַגריסנדיק זיך, ווי אַלטע דאַמען. קריסטאָף האָט זיך פאַר זיי געשראָקן און דאָך פלעג ער זיך צו זיי שטענדיק אומקערן, געשטויסן פונם עקל, וואָס ער האָט צו זיי געפילט. ער פלעג זיי לאַנג אָנקוקן, וואַרפנדיק פון צייט צו צייט אַ פאַרגנבעטן בליק, כדי צו זען, וואָס עס רירט זיך דאָרטן אין די פאַלדן פון די פאָרהאַנגען. — נאָך עקלדיקער איז געווען פאַר אים אַ בילד פון אַן אָפּגעשונדענעם מענטשן אין אַן אַנאַטאָמיע־בוך. ער פלעג ציטערן איבערצוקערן דאָס זייטל, ווען ער פלעג צוקומען צו דעם אָרט, ווו דאָס בילד איז געווען. אָט די פאָרמלאָזע צייכנונגען האָבן געהאַט אויף אים אַ טיפע ווירקונג. די שעפערישע קראַפט, וואָס געפינט זיך טיף אינם קינדערשן מוח, האָט די אָרעמקייט פון בילד אויסגעפילט מיט אינהאַלט. ער האָט נישט געזען קיין שום אונטערשיד צווישן אָט די שמירעכצן און דער ווירקלעכקייט. ביינאַכט האָבן זיי געהאַט אַ שטאַרקערע ווירקונג אויף זיינע חלומות, ווי בייטאָג, בעת ער האָט די לעבעדיקע בילדער געזען.

ער האָט זיך געשראָקן פאַרן שלאָף. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָבן אים די קאָשמאַרן פאַרסמט די רו. — ער האָט געבלאָנדזעט איבער קעלערס און געזען, ווי ס׳קומט אַריין דער אָפּגעשונדענער מענטש, קריכט דורכן פענסטערל, און מאַכט שרעקלעכע האַוואַיעס. — ער געפינט זיך אַליין אין צימער און ער דערהערט טריט אין קאָרידאָר; ער וואַרפט זיך צו דער טיר, זי גוט צו פאַרשפאַרן, אָבער קוים נעמט ער אָן די קלאַמקע, הויבט אָן עמעצער פון דרויסן צו רייסן די טיר; ער קאָן נישט איבערדרייען דעם שליסל, ער פאַרלירט די כוחות און נעמט רופן הילף. ער האָט גוט געוווּסט, ווער עס וויל פון דער צווייטער זייט אַריינגיין. אַן אַנדערש מאָל חלומט זיך אים, אַז ער איז צווישן די אייגענע, און פּלוצלינג בייטן זיך זייערע פּנימער און זיי ווערן משוגע. — אָט לייענט ער געלאַסן און דערפילט, אַז אַן אומגעזעען, פאַרבאָרגן באַשעפעניש געפינט זיך אַ ר ו ם אים. ער וויל אַנטלויפן, ער איז געבונדן. ער וויל שרייען — דאָס מויל איז אים פאַרשטאָפּט. אַן עקלדיקע אומאָרעמונג שטיקט אים זיין האַלז. ער כאַפּט זיך אויף אָן אַן אָטעם און קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. אַ לאַנגע צייט

נאָך זיין אויפכאַפּן זיך הערט ער נישט אויף צו ציטערן, און קאָן נישט צו זיך קומען פונם טויט-שרעק.

דאָס צימער, ווו ער איז געשלאָפן, איז געווען אַ קליין קעמערל אָן פענסטער און אָן אַ טיר; בלויז אַן אַלט פאָרהאַנגל איז געהאָנגען ביים איינגאַנג אויף אַן אייזערנעם דראָט, און אָפּגעטיילט עס פון די עלטערנס צימער. די געדיכטע לופט האָט אים געשטיקט, די ברידער, וואָס זענען געשלאָפן מיט אים אין איין בעט, פלעגן אים שטויסן מיט די פיס. זיין קאָפּ פלעג אים ברענען, און ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער מאַכט פון פחדימדיקע דמיונות, וואָס אין זיי זענען די קליינע דאגות פון פאַרגאַנגענעם טאָג געוואָרן אומענדלעך גרויס. אין אַ צו-שטאַנד פון פאַרשאַרפטער נערוון-אָנשטרענגונג, געגרעגעצט מיט קאָשמאַר, האָט די לייכטסטע באַוועגונג געבראַכט גרויסע יסורים. דאָס סקריפּען פון דער פּאָדלאָגע האָט אים געשראָקן. זיין פּאָטערס אָטעמען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פאַנטאַסטישע קלאַנגען; עס האָט אויפגעהערט צו זיין דער אָטעם פון אַ מענטשן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס סאָפּעט אַ רי-זיקע חיה, וואָס הויערט דאָ נעבן אים. די נאַכט האָט אים געשטיקט; זי וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, זי וועט שטענדיק אַזוי דויערן; שוין לאַנגע חדשים, ווי ער ליגט דאָ. ער אָטעמט אָפּ, הויבט זיך אונ-טער אַ ביסל אויפן בעט, זעצט זיך אוןווישט אָפּ דעם שוויס פונם פנים מיטן אַרבל פון העמד. טייל מאָל פלעג ער אַ שטופּ טון זיין ברודער רודאָלף, געוואָלט אים אויפוועקן, אָבער יענער פלעג אַ ברום טון, איינוויקלען זיך אין דאָס איבעריקע שטיקל קאָלדרע און ווידער געשמאַק אַנטשלאָפן ווערן.

אַזוי פלעג ער בלייבן אין פיבערישן טויט-שרעק, ביז אַ ווייסער שטראַל פלעג זיך באַווייזן אויף דער ערד אונטערן פאָרהאַנג. די בלייכע דערשראָקענע שיין פון ווייטן באַגינען פלעג אים ברענגען רו און פרידן. ער האָט געפילט, ווי די שיין גליטשט זיך איבערן צימער, נאָך איידער מ'האָט זי געקאָנט אונטערשיידן פון דער פינסטערניש. די היץ האָט אים אָפּגעלאָזט, זיין בלוט האָט זיך באַרויקט, גלייך אַ טייך, וואָס האָט זיך פונאַנדערגאָסן און קערט זיך אום צוריק אין זיינע ברעגעס; אַ מילדע וואַרעמקייט פלעג דורכנעמען זיין לייב, און זיינע אויגן, וואָס זענען געווען דורכגעפּרעסן פון שלאָפלאָזיקייט, פלעגן זיך שליסן.

די צייט פון שלאָפן פלעג ער אָפּוואַרטן אין אָוונט מיט אַ גע-

פיל פון שרעק. ער פלעג ביי זיך באַשליסן, זיך שטאַרקן און אויף צו זיין אַ גאַנצע נאַכט פון דער שרעק פאַר קאָשמאַרן. אָבער סוף כל סוף פ.עג אים די מידקייט באַהערשן, און שטענדיק האָבן די שרעק-בילדער זיך באַוויזן גראָד דעמאָלט, ווען ער האָט זיך אויף זיי צום ווייניקסטן געריכט.

נאַכט פון פחד! אַזוי זיס פאַר ס'רוב קינדער, אַזוי שרעקלעך פאַר אַנדערע פון זיי!... ער האָט מורא געהאַט צו שלאָפן. אין שלאָף צי אויף דער וואָר, שטענדיק האָבן אים אַרומגערינג.ט פּחדומדיקע בילדער, זעעכישן פון זיין גייסט, רוחות וואָס שוועבן אַרום אינם בין השמשות פון דער קינדהייט, ווי אין דער דעמערונג פון אַ קראַנקהייט.

אָבער די אַלע דמיונות האָבן אינגיכן באַדאַרפט פאַרשווינדן פאַר יענעם גרויסן פחד, וואָס פרעסט אויף אַלע מענטשן און וואָס דער שכל וויל אים אומזיסט פאַרגעסן אָדער פאַרלייקענען: **ד ע ר ט ו י ט**.

איינמאָל, ווען קריסטאָף האָט גענישטערט אין שאַנק, האָט ער אָנגעטראָפן מיט דער האַנט אויף פאַרשידענע זאַכן, וואָס ער האָט זיי פון פריער נישט געקענט: אַ קינדערש קליידל און אַ היטעלע אין פאַסן. ער האָט זיי מיט אַ געפיל פון נצחון געבראַכט צו דער מאַמע; אָבער אַנשטאָט אַ שמייכל טון צו אים, האָט זי געמאַכט אַ בייזע מינע און געהייסן, ער זאָל עס תיכף אָפּטראָגן צוריק, פונוואַנעט ער האָט עס גענומען. ווען ער האָט אָנגעהויבן פרעגן פאַר־וואָס, נישט דערפילנדיק באַלד, וואָס זי באַפעלט אים, האָט זי אָן אַ שום תשובה, אַרויסגעריסן ביי אים די זאַכן פון די הענט, און זיי אַוועקגעלייגט אויף אַ פּאָליצע, ער האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען. ער איז זייער נייגעריק געוואָרן און צוגעשטאַנען צו איר מיט פראַגן. לסוף האָט זי אים אויסגעזאָגט, אַז די זאַכן זענען נאָך זיינס אַ ברו־דערל, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן, נאָך איידער ער, קריסטאָף, איז געקומען אויף דער וועלט. דאָס נייעס האָט אים איבעראַשט. ער האָט קיינמאָל נישט געהערט, מ'זאָל ווען עס איז רעדן וועגן דעם דאָזיקן ברודער. ער איז אַ ווילע שטיל געבליבן און באַלד אויף ס'ביי אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן דעם עפּעס מער. די מאַמע איז

געווען צערודערט; פונדעסטוועגן האָט זי אים דערציילט, אַז מ׳האָט אים גערופן, ווי אים, — קריסטאָף, נאָר ער איז געווען אַ סך לייטי־שער. ער האָט איר געשטעלט נאָך פראַגן, אָבער זי האָט מער נישט געוואָלט ענטפערן. זי האָט נאָר צוגעגעבן, אַז דאָס ברודערל איז אויפן הימל און בעט גאָט פאַר זיי אַלעמען. קריסטאָפן האָט זיך נים איינגעגעבן אַרויסצוקריגן נאָך עפּעס פון איר; זי האָט אים גע־הייסן שווייגן און נישט שטערן אַרבעטן. זי האָט באמת אויסגעזען זייער פאַרנומען מיט איר נייען; איר פּנים איז געווען אָנגעכמורעט, און זי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן. נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי געוואָרפן אַן אויג צום ווינקל, ווו ער איז געזעסן אָנגעבלאָזן, אַ שמייכל געטון און אין אַ מילדן טאָן געהייסן אים, ער זאָל גיין אין דרויסן זיך שפּילן.

די אָפּגעריסענע שטיקלעך פון זייער שמועס האָבן קריסטאָפן טיף אויפגערודערט. הייסט עס, אַז ס׳איז געווען אויף דער וועלט אַ קינד, זיין מאַמעס אַ יינגעלע, אינגאַנצן אַזאַ ווי ער, וואָס האָט גע־הייסן דעם זעלבן נאָמען, געווען ענלעך צו אים און — איז גע־שטאָרבן! — געשטאָרבן; ער האָט אייגנטלעך נענוי נישט געוווסט, וואָס עס באַטייט; עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך, משמעות. — און קיינמאָל האָט מען וועגן יענעם קריסטאָף נישט גערעדט; ער איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. און די זעלבע זאַך וועט זיין, ווען קריס־טאָף וועט שטאַרבן? — דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים נישט אויפ־געהערט צו מאַטערן אויך אין אָוונט, ווען ער ׳איז געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע, און געזען זיי לאַכנדיק און שמועסנדיק וועגן גלייכגילטיקע זאַכן. הייסט עס, מען וועט זיין פריי־לעך אויך נאָך זיין טויט! אָ, ער וואָלט קיינמאָל אין לעבן נישט געגלויבט, אַז זיין מאַמע זאָל זיין אַזאַ עגאָיסטין; זי זאָל נאָך קאָ־נען לאַכן און זיך פרייען נאָכן טויט פון איר קליין יינגעלע! ער האָט זיי אַלע געהאַסט, געהאַט חשק צו באַוויינען זיך אַליין, זיין אייגענעם טויט פאָרויס צו באַוויינען. אין דער זעלביקער צייט האָט ער שטאַרק געוואָלט פאַרוואַרפן זיי מיט אַ רייע פראַגן, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מוט; ער האָט זיך דערמאָנט, מיט וואָס פאַראַ שטרענגן טאָן די מאַמע האָט אים געהייסן שווייגן. צום סוף האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן; און ווען ער איז גע־

גאַנגען שלאָפן, האט ער אַ פרעג געטון לואיזען, וואָס איז געקומען צו זיין בעט אַ קוש צו טון אים פאַרן שלאָף:

— מאַמע, איז ער געשלאָפן אין מיין בעט?

די אָרעמע מוטער האָט אַ ציטער געטאָן, און מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך געשטאַרקט צו זיין גלייכגילטיק, האָט זי געפרעגט:

— ווער?

— דאָס קליינע יינגעלע... וואָס איז געשטאָרבן, — האָט קריסטאָף שטיל געענטפערט.

דער מאַמעס הענט האָבן אים האַסטיק אָנגעכאַפּט:

— שווייג, שווייג! — האָט זי געזאָגט.

איר שטים האָט געציטערט. קריסטאָף האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן איר ברוסט און געהערט, ווי ס׳האָט געקלאַפּט איר האַרץ. אַ מינוט האָבן זיי ביידע געשוויגן; זי האָט זיך אָנגערופן:

— מ׳דאַרף קיינמאָל מער נישט רעדן וועגן דעם, טייערינקער... שלאָף רויק, ניין, ס׳איז נישט זיין בעט.

זי האָט אים אַ קוש געטון; אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איר באַק איז נאַס. ער האָט געוואָלט זיין אין דעם זיכער; דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים געמאַכט גרינגער אויפן האַרצן; הייסט עס, אַז זי ליידט פון דעם! שפּעטער האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו צווייפלען, הערנדיק, ווי זי רעדט אין שכנותדיקן צימער מיט איר שטילער געוויינלעכער שטים. וועלכעס איז דאָ אמת? צי דאָס, וואָס ס׳איז שטענדיק, אָדער דאָס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיט אַ ווײַלע פריער? אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געדרייט אויפן געלעגער און נישט געפונען קיין ענטפער. ער האָט געוואָלט זען, ווי די מאַמע ליידט, ווי זי האָט צער; נישט דערפאַר, ווייל ס׳האָט אים נישט וויי געטון דער געדאַנק, אַז די מאַמע ליידט, נאָר ער וואָלט געפונען אין דעם אַ טרייסט פאַר זיך! ער וואָלט זיך נישט געפילט אַזוי עלנט. — ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן און צומאָרגנס וועגן דעם שוין מער נישט געטראַכט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז איינער פון זיינע חברים, וואָס ער פלעג זיך מיט אים שפּילן אין דרויסן, נישט געקומען צו דער געוויינלעכער צייט. איינער פון דער חברה האָט דערציילט, אַז דער חבר איז קראַנק, מען האָט זיך צוגעוויינט נישט צו זען אים בעתן שפּילן; די סיבה איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע, ס׳איז אַ פּשוטע

זאַך. — אין אָוונט איז קריסטאָף, ווי שטענדיק, געגאַנגען שלאָפֿן; ס׳איז נאָך געווען פרי, און פון דעם אַלקער, ווו זיין בעט איז גע-שטאַנען, האָט מען געקאָנט זען דאָס ליכט אין זיין עלטערנס צימער. מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ שכנטע איז אַריינגעקומען אַ ביסל צו שמועסן. קריסטאָף האָט זיך צוגעהערט מיט איין אויער, און דער-ציילט זיך דערביי, אויף זיין שטייגער, אַ מעשה. נאָר איינצעלנע ווער-טער פונם געשפּרעך זענען דערגאַנגען צו זיינע אויערן. פּלוצלינג האָט ער דערהערט, ווי די שכנטע זאָגט, אַז „ער איז געשטאָרבן״, דאָס בלוט איז אין אים געגליווערט געוואָרן, ער האָט פאַרשטאַנען וועגן וועמען דאָ גייט. ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, זיינע עלטערן האָבן געגעבן אַ געשריי. מעלכיאָר האָט אַ גע-שריי געטון מיט זיין הילכיקער שטים:

— קריסטאָף, דו הערסט? דער אָרעמער פריטץ איז גע-שטאָרבן.

קריסטאָף האָט זיך באַהערשט און שטיל געענטפערט:

— יאָ, פּאַפּאַ.

עפּעס האָט אים אין האַרצן פאַרקלעמט, ווי מיט אַ צוואַנג. מעלכיאָר האָט זיך אָפּגערופן:

— יאָ, פּאַפּאַ, דאָס איז אַלץ, וואָס דו געפינסט פאַר נויטיק צו זאָגן? האָסט גאָרנישט דעם מינדסטן צער?

לואיזע, וועלכע האָט פאַרשטאַנען איר קינד, האָט געזאָגט:

— שאַ, לאָז אים שלאָפֿן!

און מ׳האָט ווייטער גערעדט אין דער שטיל. אָבער קריסטאָף האָט אָנגעשטרענגט דאָס אויער און נישט פאַרלוירן קיין איין פּרט... די קראַנקהייט, טיפוס, קאַלטע בעדער, רעדן פון היץ, צער פון די עלטערן. ער האָט נישט געקאָנט אָטעמען; עפּעס אַ קויל איז אים געלעגן אין האַלז און אים געשטיקט; עס האָט אים געשווינדערט; אַט די אַלע שרעקלעכע זאַכן האָבן זיך אים טיף איינגעקריצט אין זיין מח. דער עיקר האָט ער געדענקט, אַז די קראַנקהייט איז אָנשטעק-קענדיק, דאָס הייסט, אַז ער אַליין קאָן נאָך שטאַרבן אויפן זעלבן אופן. אַ שווידער איז אים אַריבער דורכן לייב. ער האָט זיך דער-מאָנט, אַז ער האָט געגעבן פריטצן די האַנט דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט אים געזען, און אַז דעם אייגענעם טאָג איז ער פאַרבייגע-גאַנגען זייער הויז. — פונדעסטוועגן האָט ער נישט געמאַכט קיין

טומל, כדי איינצושפּאָרן רייד, און ווען דער פּאָטער האָט אים, נאָכ־דעם ווי די שכנטע איז אַוועקגעגאַנגען, געפרעגט: קריסטאָף, דו שלאָפסט?" האָט ער גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געהערט, ווי מעלכיאָר האָט געזאָגט צו לואיזען:

— דאָס קינד האָט גאָר קיין האַרץ נישט.

לואיזע האָט נישט געענטפערט; אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי שטיל אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג און אַ קוק געטון צום בעטל. קריסטאָף האָט קוים באַוויזן צו פאַרמאַכן די אויגן און נאָכצומאַכן דאָס רעגלמעסיקע אָטעמען, וואָס ער האָט געהערט פון זיינע שלאָפנ־דיקע ברידער. לואיזע איז אַוועק אויף די שפּיץ-פינגער. און דאָך, ווי וואָלט ער זי געוואָלט פאַרהאַלטן! ווי וואָלט ער איר געוואָלט דערציילן וועגן זיין שרעק, בעטן איר הילף, לפּחות באַרויקונג! אָבער ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט מען אָפּלאַכן פון אים, טאָמער וועט מען אים האַלטן פאַר אַ פּחדן — איבעריקנס, ער האָט שוין גוט געוווּסט, אַז אַלץ, וואָס מ'וועט אים זאָגן, וועט גאָרנישט העלפן. לאַנגע שעהן איז ער געלעגן אין איין שרעק און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פילט, ווי די קראַנקהייט קריכט אין אים אַריין, קאָפּ-ווייטאָק און דריקעניש אין האַרצן, און ער האָט מיט אַנגסט געטראַכט: „ס'איז מיין סוף, איך בין קראַנק, איך האַלט ביים שטאַרבן, איך האַלט ביים שטאַרבן!..." איינמאָל האָט ער זיך אונטערגעהויבן אין בעט און שטיל אַ רוף געטון די מאַמען: אָבער זיי זענען געשלאָפן, ער האָט זיך נישט דערוועגט זיי אויפ־צוּוועקן.

פון יענער צייט אָן איז זיין קינדהייט געוואָרן פאַרסמט מיטן רעיון פון טויט. זיינע נערוון האָבן אים פאַרשאַפט, אָן אַ שום סיבה, פאַרשידענע מיני מחלות: האַרץ־קלעמעניש, שטעכעניש, שטיקעניש. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך געפּייניקט פון ווייטאָקן; אין יעדן שמערץ האָט ער געזען די ווילדע חיה, וואָס וויל אים צונעמען דאָס לעבן. וויפל מאָל פלעג ער פאַרפּייניקט ווערן, עטלעכע טריט פון דער מו־טער, וואָס איז געזעסן נאָענט נעבן אים, נישט פילנדיק גאָרנישט. ווי שטאַרק ער זאָל נישט ליידן, איז ער דאָך געווען שטאַרק גענוג צו פאַרבאָרגן אין זיך, צוליב אַ מאָדנעם געמיש פון געפילן: פון שטאָלצ־קייט — נישט צו דאַרפן אָנקומען צו פרעמדער הילף, פון חרפּה, וואָס ער האָט מורא און פון די צוימען פון אַ געפיל, וואָס ער וויל

נישט אַנטון יענעם קיין צער. אָבער ער האָט געטראַכט אָן אויפהער: „דאָס מאָל בין איך טאַקע קראַנק. שווער קראַנק. עס הויבט זיך אָן די אַנגינע"... דאָס וואָרט איז אים צופעליק געבליבן אין זכרון... „גאָט מיינער! נאָר נישט דאָסמאָל!..."

אָפטמאָל האָט ער געהאַט פרומע געדאַנקען. ער האָט גערן געגלויבט דאָס, וואָס די מאַמע פלעג אים דערציילן, אַז די נשמה גייט אַרויף נאָכן טויט צו גאָט, און אַז אויב זי איז גוט און פרום, גייט זי אַריין אין גן־עדן. אָבער ער האָט זיך געשראָקן פאַר אָט דער רייזע. ער האָט גאַרנישט מקנא געווען די קינדער, וועלכע גאָט איז מזכה, ווי די מאַמע פלעג דערציילן, רופנדיק זיי צו זיך אין מיטן שלאָף, כדי זיי אויסצולייזן פון דער מאַטערניש פאַרן טויט. איינשלאָפנדיק פלעג ער ציטערן, אַז גאָט זאָל נישט איינפאַלן צו טון מיט אים דעם דאָזיקן חסד. ער האָט געטראַכט, ווי שרעקלעך עס מוז זיין, פלוצלינג צו פילן זיך אַרויסגעריסן פון דעם וואַרעמען בעט, און געשלעפּט דורך עפּעס אַ חלל פאַר גאָטס געזיכט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם רבונו של עולם, ווי אַ ריזיקע זון, וואָס רעדט מיט אַ דונערדיקן קול: וואָס פאַר אַ ווייטיקלעכן איינדרוק דאָס מוז מאַכן! ווי ער מוז אויסשרפענען די אויגן, די אויערן, די גאַנצע נשמה! דערביי קאָן גאָט שטראָפן — מ'קען גאָרנישט וויסן...—איבעריקנס, דאָס האָט נישט אויסגעשלאָסן אַלע איבעריקע פאַרזעעענישן, וואָס ער האָט, אייגנטלעך, גוט נישט געקענט, נאָר פון וועלכע ער האָט געהערט שמועסן: וועגן דעם קערפּער, וואָס ליגט אין אַ קאַסטן איינער אַליין, טיף אין אַ גרוב, אַ פאַרגעסענער, אויף איינעם פון די עקלדיקע בית־עלמינס, וווּ מ'פירט קריסטאָפן תפילה טון... גאָט, גאָט! ווי טרויעריק!...

און פונדעסטוועגן איז אויך דאָס לעבן נישט געווען פריילעך: מ'האָט געמוזט ליידן הונגער, זען יעדן טאָג דעם טאַטן שכור, כאַפּן קלעפּ, ליידן אַלערליי יסורים — פון דעם רשעות פון אַנדערע קינדער, פון באַליידיקנדיקער רחמנות פון דערוואַקסענע, און נישט פאַרשטאַנען צו זיין פון קיינעם, אפילו נישט פון דער מאַמע. אַלע באַליידיקן דיך, קיינער האָט דיך נישט ליב, ביסט איינער אַליין, אינגאַנצן אַליין, און קיינער רעכנט זיך נישט מיט דיר!—יאָ! אָבער דווקא דאָס האָט אים אָנגעפילט מיטן דראַנג צום לעבן. ער האָט געפילט אין זיך אַ קוואַל פון ברענענדיקן צאָרן. ס'אַרא מאָדנע קראַפטן! זי איז נאָך

געווען עפּעס ווייט און פאַרשפאַרט, איינגעהאַלטן און דערשטיקט; ער האָט גאָר קיין השגה נישט געהאַט, וואָס זי איז בכוח שפּעטער אויפ־צוטון. אָדער זי איז געווען אין אים; ער איז געווען זיכער אין איר; זי האָט אין אים געררישט און געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. מאָרגן, מאָרגן, אָ, ווי זי וועט נקמה נעמען! ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן ברענענדיקן דורשט זיך נוקם צו זיין פאַר אַלדאָס שלעכטס, פאַר גאָר דעם אומרעכט, צו באַשטראָפן די רשעים און אויפצוטון גרויסע זאַכן. „אָ, ווען איך דערלעב נאָר...” (ער פלעג אַ ביסל נאַכטראַכטן) „ביזן אַכצנטן יאָר!” טיילמאָל פלעג ער צוגעבן ביז איין און צוואַנציק: ס'איז געווען די ווייטסטע גרענעץ. ער האָט געגלויבט, אַז עס וועט אים קלעקן צייט איינצונעמען די וועלט. ער האָט געטראַכט וועגן די העלדן, וואָס זענען אים געווען טייער, וועגן נאַפּאָלעאָן און וועגן דעם אַנדערן, וואָס איז געווען ווייטער פון אים, אָבער ליבער, וועגן אַלעקסאַנדער מוקדן. ער וועט אויך זיכער זיין, ווי זיי. אויב ער וועט נאָך לעבן בלויז צוועלף יאָר. ער האָט נישט באַדויערט די, וואָס זענען געשטאָרבן צו דרייסיק יאָר. זיי זענען געווען זקנים, וואָס האָבן געגאָסן פון לעבן, און אויב זיי האָבן נישט אויסגענוצט דאָס לעבן, איז עס געווען זייער שולד. אָבער שטאַרבן איצט — ווי שרעקלעך דאָס איז! ווי גרויס אָבער איז דאָס אומגליק צו שטאַרבן אין די ערשטע קינדער־יאָרן, צו בלייבן אויף אייביק אין דעם זכרון פון מענטשן אַ קליין ייִנגל, אויף וועלכן יעדערער האָט דאָס רעכט זיך צו בייזערן־—ער האָט ביטער געוויינט, גלייך ער וואָלט שוין באמת געשטאָרבן.

אָט די שרעק פאַרן טויט האָט פאַרביטערט די יאָרן פון זיין קינדהייט.—נישט מער, וואָס זי איז פאַרלייכטערט געוואָרן דורך דער ביטערקייט פון לעבן, דורכן טרויער פון זיין אייגענעם לעבן.

נאָר אין מיטן דער שווערער פינסטערניש פון דער שטיקנדיקער נאַכט, וואָס איז, דאַכט זיך, געדיכטער געוואָרן פון שעה צו שעה, האָט אַ בליץ געטון אַ שיין, ווי אַ פאַרלוירענער שטערן אין די פינסטערע ווייטע־נישן, אַ שיין, וואָס האָט געדאַרפט באַלייכטן זיין לעבן: די געטלעכע מוזיק.

דער זיידע האָט געשענקט זיינע קינדער אַ מתנה — אַן אַלטע פיאַנינאָ, אַ שבר-כּלי — וואָס ער האָט באַקומען פון איינעם פון זיינע תּלמידים, וועלכער האָט געוואָלט פון איר פּטור ווערן, און וואָס נאָר דער שטאַרקער געדולד פון אַלטן האָט זי געבראַכט אין כּמעט אַ גוטן צושטאַנד. די מתּנה איז נישט איבעריק פריינטלעך אָנגענומען געוואָרן. לואיזע האָט געטענהט, אַז די שטוב איז אַזוי גענוג קליין, ווען מ׳זאָל זי אפילו נישט אָנשטעלן מיט קיין אַנדערע זאַכן, און מעלכיאָר האָט געזאָגט, אַז דער פאָטער זשאַן מישעל האָט דאָ גאָרנישט דערלייגט: ס׳איז האָלץ צום ברענען. בלויז דער קליינער קריסטאָף איז געווען צופרידן פונם גאַסט, אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס איז אַ מאַגישער קאַסטן, פול מיט וווּנדערלעכע מעשׂות, ווי עס ווערט דערציילט אין דעם בוך „טויזנט און איין נאַכט”, פון וועלכן דער זיידע פלעג אים פון צייט צו צייט אַרויסלייענען עטלעכע זייטן, וואָס האָט זיי ביידן פאַרשאַפט נחת-רוח. ער האָט געהערט, ווי דער טאַטע פּרובירט-אויס די קלאַווישן און ווי זיי לאָזן פלוצים אַרויס אַ רעגן פון קלאַנגען, גלייך טראָפּנס-וואַסער, וואָס דער ווינט שאָקלט אַראָפ פון די צווייגן נאָך אַ רעגן. ער האָט געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן: „נאָך!” אָבער מעלכיאָר האָט מיט ביטול פאַרמאַכט די פיאַנינאָ און געזאָגט, אַז זי טויג אויף צרות. קריסטאָף האָט זיך נישט איינגעעקשנט, נאָר פון דעמאָלט אָן פלעג ער זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומדרייען אַרום דעם אינסטרומענט. און ווי נאָר מ׳פלעג זיך אָפקערן, פלעג ער אויפהויבן דאָס דעקל און אַ דריק טון לייכט אַ קלאַוויש, פונקט ווי ער וואָלט צוגעקוועטשט מיטן פינגער די גרינע סקאָרופּע פון אַ גרויסן וואָרעם. ער האָט געוואָלט אַרויסשלעפן די חיה, וואָס איז דאָרט פאַרשפאַרט געווען. טיילמאָל פלעג ער אין איילעניש אַ דריק טון צו שטאַרק, און די מאַמע האָט אַ געשריי געטון: „וועסט נישט זיין שטיל? טשעפּע נישט יעדע זאַך!” פאַרמאַכנדיק דאָס דעקל פלעג ער זיך צוקלעמען אַ פינגער און זיך שטאַרק געקרומט פון ווייטיק, זויגנדיק דעם צוגעקוועטשטן פינגער...

פון דער צייט אָן איז זיין גרעסטע פרייד געווען, ווען די מאַ-

מע האָט געדאַרפט ערגעץ אַוועקגיין בייטאָג אויף אַרבעט אָדער אַרויס-גיין אין גאַס. ער פלעג זיך צוהערן צו אירע טריט אויף די טרעפ: זיי דערווייטערן זיך. קריסטאָף איז אַליין. ער עפנט אויף די פּיאַנינאָ, רוקט-צו אַ שטול און זעצט זיך; זיינע אָרעמס דערלאַנגען קוים צו דעם הויכן אינסטרומענט — און ס'איז פאַר אים איבערגענוג. צו וואָס וואַרט ער ביז ער בלייבט אַליין? קיינער וואָלט אים דאָך נישט גע-שטערט צו שפּילן, אַבי נאָר ער זאָל נישט אָנמאַכן קיין גרויס טומל. אָבער ער שעמט זיך פאַר אַנדערע. ער האָט נישט קיין מוט. דערצו שמועסט מען כסדר, מ'דרייט זיך אַרום — דאָס שטערט אים זיין פאַרגעניגן. און ס'איז דאָך אַ סך בעסער, ווען מען בלייבט איינער אַליין!... קריסטאָף האַלט איין דעם אָטעם, די שטילקייט זאָל טיפער ווערן, און אויך דערפאַר, וואָס ער איז אַ ביסל געריירט, גלייך ער וואָלט געגאַנגען שיסן פון אַ האַרמאַט. דאָס האַרץ קלאַפּט אים האַסטיק, ווען ער לייגט אַרויף די פינגער אויף די קלאַווישן: טיילמאָל, ווען דער קלאַוויש הויבט זיך אויף, נאָכדעם ווי ער איז געווען צוגעדריקט אַ ביסל, לעגט קריסטאָף אַרויף דעם פינגער אויף אַן אַנדערן. האָט ער דען געוווּסט, וואָס פאַר אַ קלאַנג עס וועט אַרויס פון דעם אָדער יע-נעם קלאַוויש? נאָר פּלוצלינג דערהערט זיך אַ קלאַנג: איין קלאַנג איז טיף, אַן אַנדערער — דין און שאַרף, נאָך איינער — קלינגט, און אַנ-דערע ווידער — ברומען בייז. דאָס קינד הערט זיך צו אַ לאַנגע צייט, ווי איין קלאַנג נאָכן אַנדערן ווערט שוואַכער און גייט אויס; זיי וויגן זיך אין דער לופטן, ווי גלאָקן, ווען מען הערט אין פעלד און וואָס דער ווינט ברענגט צוטראָגן זייער שטים און טראָגט זיי אַוועק צוריק; און שפּעטער, ווען מען שטעלט אָן דאָס אויער, הערט מען נאָך אַלץ אין דער ווייטקייט שטימען, וואָס מישן זיך צונויף און קרייזן אַרום, ווי דאָס זשומען פון פליגן; עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן זיך גערופן, געצויגן נאָך זיך אין דער ווייטן... אין דער ווייטן... אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז די געהיימע באַהעלטעניש. און זיי ווערן פאַרזונקען און פאַרשוווּנדן... אָט זענען זיי נעלם געוואָרן!... ניין! זיי מורמלען נאָך אַלץ...

אַ שטילער פליגל-גערויש... ווי מערקווירדיק דאָס אַלץ איז! די קלאַנגען זענען ווי גייסטער, נאָר ווי געהאָרכזאַם זיי זענען, ווי זיי לאָזן זיך עס פאַרשפּאַרן, ווי געפאַנגענע, אין דעם אַלטן קאַסטן — ער הויבט עס נישט אָן צו פאַרשטיין!

אָבער צום שענסטן פון אַלץ איז עס דעמאָלט, ווען מען לייגט אַרויף צוויי פינגער אויף צוויי קלאַווישן פאַר אַמאָל. מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס ס׳וועט אַרויסקומען. טיילמאָל זענען די צוויי גייסטער שונאים צווישן זיך; זיי רעגן זיך אויף, זיי שלאָגן זיך, זיי האַקן זיך, זיי ברומען בייז איינער אויפן אַנדערן; זייער שטים ווערט שטאַרקער; זי שרייט אַמאָל מיט צאָרן, אַמאָל ווידער מיט טרויער. קריסטאָף איז נתפעל פון זיי. זיי זעען אים אויס, ווי געשמידטע ברואים, וואָס צערייסן די קייטן און ברעכן די ווענט פון זייער תפיסה; עס דאַכט זיך אים, אַז אָט־אָט צעשמעטערן זיי די ווענט און רייסן זיך אַרויס אין דרויסן, ווי די רוחות, וואָס וועגן זיי דערציילט זיך אין די מעשה ביכלעך; די גייסטער, וואָס ליגן פאַרשפּאַרט אין אַראַבישע קעסטעלעך, פאַרזיגלט מיטן זיגל פון שלמה המלך. אַנדערע קלאַנגען גלעטן דיך; זיי פלייסן זיך דיך אָפּצונאַרן; אָבער זיי ווילן נישט מער, ווי בייסן און זיי האָבן היץ. קריסטאָף ווייסט נישט, וואָס זיי ווילן: זיי ציען אים צו זיך און צעטומלען אים; ער ווערט כּמעט רויט. — אין אַן אַנדערש מאָל ווידער טרעפן זיך טענער פאַרליבטע: זיי נעמען זיך אַרום, ווי מיט הענט, ווען מ׳קושט זיך; זיי זענען באַחנט און זיס. דאָס זענען די גוטע גייסטער; זיי האָבן לאַכנדיקע פּנימער און אָן קנייטשן; זיי האָבן ליב דעם קליינעם קריסטאָף, און דער קליינער קריסטאָף האָט זיי ליב; זיינע אויגן זענען פול מיט טרערן, ווען ער הערט זיך צו צו זייערע שטימען, און ער ווערט קיינמאָל נישט מיד זיי ווידער אַרויסצורופן. זיי זענען זיינע פריינט, זיינע טייערע, צערטלעכע פריינט...

אַזוי בלאָנדזעט אַרום דאָס קינד איבערן וואַלד פון קלאַנגען און עס פילט אַרום זיך טויזנטער פאַרבאָרגענע כּוחות, וואָס גלעטן אים און רופן אים, צערטלענדיק אָדער פאַרשלינגענדיק אים...

איינמאָל האָט אים מעלכיאָר דערשראָקן קריסטאָף האָט זיך אַ הויב געטון פון שרעק, דערהערנדיק זיין הילכיקע שטים. קריסטאָף האָט געמיינט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ שווערע עוולה, ער האָט געשווינד אויפגעהויבן די הענט צו די אויערן, כּדי זיך צו באַשיצן פון די מוראדיקע פּעטש. אָבער מעלכיאָר האָט זיך דאָסמאָל גראָד נישט געבייזערט; ער איז געווען אויפגעלעגט און אפילו געלאַכט.

— הייסט עס, אַז דיך אינטערעסירט עס, יינגאַטש איינער? —

האָט ער געפּרעגט, גלעטנדיק אים פּריינטלעך איבערן קאָפּ. — ווילסט, איך זאָל דיך לערנען שפּילן?

צי ער וויל!... ער האָט אַרויסגעמורמלט, אַז יאָ. און זיין פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד. זיי האָבן זיך ביידע געזעצט ביים פּיאַני־נאָ. קריסטאָף איז געזעסן דאָסמאָל אויף אַ הויפן דיקע ביכער און, אַ פּאַרטיפּטער, אויסגעהערט די ערשטע לעקציע. ראשית־כּל האָט ער זיך דערוווסט, אַז די דאָזיקע ברומענדיקע גייסטער הייסן משונהדיקע נעמען, איינזילביקע, אָדער אפילו פון איין אות. ס׳האָט אים געוווּנ־דערט, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַנדערע נעמען: שיינע, קלינגענדי־קע נעמען, ווי די פּרינצעסינס אין די צויבער־מעשהלעך. ס׳איז אים נישט געפעלן געוואָרן די היימישקייט, מיט וועלכער דער פאָטער האָט גערעדט וועגן זיי. חוץ דעם, ווען מעלכיאָר האָט זיי אַרויסגעבראַכט, זענען עס געוואָרן אינגאַנצן אַנדערע ברואים; זיי זענען געווען עפּעס גלייכגילטיק, ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון אונטער זיינע פינגער. דאָך האָט זיך קריסטאָף מיט גרויס צופרידנהייט דערוווסט וועגן די באַציונגען צווישן זיי, וועגן זייער יחוס, וועגן די גאַמעס, וואָס זע־נען ענלעך צו אַ מלך, וועלכער פירט אָן מיט אַן אַרמיי, אָדער צו אַ מחנה נעגערס, וואָס מאַרשירן אין רייען. מיט גרויס שטוינונג האָט ער געזען, אַז יעדער זעלנער, אָדער יעדער נעגער, קאָן ווערן אַ מלך און זיך שטעלן אָן דער שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג, און אפילו פון גאַנ־צע באַטאַליאָנען, פון איין עק קלאַוויר ביזן צווייטן. עס האָט אים געוויילט צו האַלטן דעם שנור, אויף וועלכן זיי ציען זיך. אָבער דאָס א׳ז געווען נאָך קינדישער, ווי דאָס וואָס ער האָט געזען פריער: ער האָט מער נישט געפונען דעם פאַרכּשופטן וואַלד. פונדעסטוועגן האָט ער געלערנט מיט חשק, ס׳האָט אים נישט געלאַנגווייליקט און דערצו האָט אים איבערראַשט זיין פאָטערס געדולד. מעלכיאָר איז גאָרנישט מיד געוואָרן אָנהויבן מיט אים צען מאָל די זעלבע זאַך. קריסטאָף האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיין טאַטע באַמיט זיך אַזוי: הייסט עס, אַז דער טאַטע האָט אים ליב? ווי גוט ער איז! דאָס קינד האָט געאַרבעט, און זיין האַרץ איז פול געווען מיט דאַנקבאַרקייט.

ער וואָלט געלערנט מיט אַ קלענערער התמדה, ווען ער זאָל וויסן, וואָס עס קומט פאָר ביי זיין לערער אין קאָפּ.

פון יענעם טאָג אָן פֿלעג אים מעלכֿיאָר מיטנעמען צום שכֿן, ביי וועלכֿן זיי פֿלעגן שפּילן דריי מאָל אַ וואָך, נאָך מיטאָג קאַמער־מוזיק. מעלכֿיאָר האָט געשפּילט ערשטע פֿידל און זשאַן מישעל — וויאָלאָנטשעל. די איבעריקע צוויי זענען געווען: אַ באַנק־אָנגעשטעלטער און אַן אַלטער זייגערמאַכער פֿון דער שילער־גאַס. פֿון צייט צו צייט פֿלעג צושטיין צו זיי אויך דער אַפּטייקער מיט אַ פֿלייט. מ׳פֿלעג זיך צוזאַמענקומען פֿינף אַ זייגער און שפּילן ביז ניין. צווישן איין שטיק און דעם צווייטן פֿלעג מען טרינקען ביר. שכֿנים פֿלעגן קומען און אַוועקגיין, און אָנגעשפּאַרט צו דער וואַנט פֿלעגן זיי זיך צוהערן, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. זיי פֿלעגן צושאָקלען מיט די קעפּ, צוקלאַפּן מיט די פֿיס צום טאַקט און אָנפֿילן דעם חדר מיט רויך־וואָלקנס. איין בלאַט אין געגאַנגען נאָך דעם אַנדערן, איין שטיק — נאָך דעם צווייטן, און די געדולד פֿון די שפּילער פֿלעג גאָרנישט שוואַכֿער ווערן. מ׳פֿלעג גאָרנישט ניט רעדן, געווען שטאַרק פֿאַרטון, מיט אָנגעכמורעטע פּנימער, נאָר פֿון צייט צו צייט פֿלעג זיך הערן אַ ברום פֿון נחת־רוח. זיי זענען נישט געווען מסוגל נישט נאָר אויסצודריקן די שיינקייט פֿון אַ שטיק, נאָר אפֿילו עס צו פֿילן. זיי האָבן געשפּילט נישט גאָר ריכֿטיק און נישט גאָר אין טאַקט; אָבער זיי פֿלעגן קיינמאָל נישט אָפּווייכֿן פֿון וועג און שטרענג אָפּגעהיט די פֿאַרשידענע ניואַנסן, וואָס זענען געווען פֿאַרצייכֿנט אין די נאָטן. זיי האָבן פֿאַרמאָגט יענע מוזיקאַלישע לייכֿטקייט, וואָס פֿלעג זיך צופֿרידנשטעלן מיט אַ קלייניקייט, יענע שלמות פֿון דער מיטלמעסיקייט, וואָס טרעפֿט זיך אָפּט ביי דער ראַסע, וועלכֿע רעכֿנט זיך פֿאַר דער מוזיקאַלישסטער אין דער וועלט. זיי האָבן אויך פֿאַרמאָגט דעם הונגער, וואָס איז נישט קיין גרויסער איבערקלייבער אויף דעם איכֿות פֿון דער שפּייז, אַבי די כּמות שטעלט זיי צופֿרידן; זיי האָבן פֿאַרמאָגט יענעם געזונטן אַפּעטיט, וואָס פֿאַר אים איז יעדע מוזיק אַ גוטע, וואָס־מער זי איז גשמיותדיק, — און וואָס מאַכֿט נישט קיין אונטערשיד צווישן בראַמס און בעטהאָווען אָדער, — אין די ווערק פֿון דעם זעלבן מייסטער, — צווישן אַ פֿלאַכֿן קאָנצערט און אַ רירנדיקער סאָנאַטע, ווייל זיי זענען פֿון איין טייג געקנאָטן.

קריסטאָף האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, אין אַ ווינקל, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן הינטער דער פּיאַנינאָ. דאָרט האָט אים קיינער נישט געשטערט; ווייל צוצוקומען אַהין האָט מען געדאַרפט קריכן אויף אַלע פיר. ס׳איז געווען דאָרט כמעט פינסטער, און דאָס קינד האָט קוים געהאַט גענוג פּלאַץ צום זיצן צונויפגעקאָרטשעט אויף דער ערד. דער טאַבאַק־רויך פלעג אים אַריין אין די אויגן און האַלז, און אויך דער שטויב, וואָס איז געלעגן אין דיקע שיכטן, ווי שעפּסן-וואָל; אָבער דאָס האָט אים נישט געאַרט; ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, זיצנדיק מיט די פיס אונטער זיך, ווי אַ טערק און פאַרגרעסערנדיק בשעת־מעשה, די לעכער אינם לייוונט פון פּיאַנינאָ מיט זיינע שמוציקע פינגער. נישט אַלץ וואָס מ׳האָט געשפּילט איז אים געפעלן, אָבער קיין איין זאַך פון די, וואָס זיי האָבן געשפּילט, איז אים נישט נמאס געוואָרן, און ער האָט זיך קיינמאָל נישט געגעבן קיין טרחה צו פאָרמולירן זיינע מיינונגען, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ער איז צו קליין און קען נאָך גאָרנישט. אַמאָל פלעג אים די מוזיק איינשלעפערן, אַמאָל ווידער אויפמונטערן, אָבער קיינמאָל איז אים גלייכגילטיק נישט געווען. שיינע מוזיק פלעג אים שטענדיק, אָן זיין וויסן, באַגייסטערן. ווען קיינער האָט אים נישט געזען, האָט ער געמאַכט מיטן פּנים משונהדיקע האַוואַיעס; ער האָט געדרייט מיט דער נאָז, געקריצט מיט די ציין אָדער אַרויסגעשטעלט אַ צונג; ער פלעג אָנשטעלן בייזע אויגן אָדער פאַרגלאָצן זיי; ער פלעג טרייסלען הענט און פיס מיט אַ חוצפּהדיקער מינע; ער האָט געהאַט חשק צו מאַרשירן, קלאַפּן, צו מאַכן אַש און בלאָטע פון דער גאַנצער וועלט. ער פלעג אַזוי פיל שטיפן, אַז עס פלעג זיך סוף כל סוף באַווייזן אַ קאָפּ איבער דער פּיאַנינאָ און אַ געשריי טון צו אים: „הער נאָר, חברה-מאַן, ביסט אַראָפּ פון זינען? וועסט צורו לאָזן די פּיאַנינאָ? וועסט צונעמען די הענט? איך וועל דיר באַלד אָנרייסן פאַר די אויערן!‟ — ער פלעג פאַרטעמפּט און בייז ווערן. פאַרוואָס שטערט מען אים זיין פאַרגעניגן? ער האָט דאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון. הייסט עס, אַז ער וועט אייביק

גערודפט זיין! זיין פאָטער פלעג נאָך צו באַמקען. ער פלעג אים פאָרוואַרפן, אַז ער מאַכט־אָן אַ טומל, און אַז ער האָט נישט ליב די מוזיק. דער סוף איז געווען, אַז ער אַליין האָט אָנגעהויבן צו גלייבן אין דעם. — גרויס וואָלט געווען די אַנטוישונג פון די עטלעכע באַאַמטע, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביי די קאָנצערטן, ווען עמעצער וואָ׳ט געקומען און זיי דערציי׳לט, אַז דער איינציקער פון דער גאַנצער חברה, וואָס פילט באמת די מוזיק, איז גאָר דער קליינער קריסטאָף.

אויב זיי ווילן מ׳זאָל זיצן שטיל, פאַרוואָס זשע שפילן זיי זאַכן, וואָס רופן צו טאַנצן? עס זענען דאָרט געווען צעגאַלאָפירטע פערד, שווערדן, מלחמה־געשרייען, די שטאָלץ פון נצחון; און זיי פאַרלאַנגען, ער זאָל בלייבן רויק ווי זיי, צושאָקלען מיטן קאָפ און ציילן דעם טאַקט מיטן פוס. זיי האָבן געדאַרפט שפילן שטילע טרוימען אָדער איינע פון יענע פלוידערייען, וואָס רעדן אַ סך, נישט־זאָגנדיק גאָרנישט; אַזעלכע זאַכן פעלן דאָך נישט אין דער מוזיק: אָט, למשל, דאָס שטיקל פון גאָלדמאַרקן, וואָס דער אַלטער זייגערמאַכער האָט נאָרוואָס גערעדט וועגן דעם מיט אַ צופרידענעם שמייכל: „ס׳איז שיין. דאָ זענען נישטאָ קיין שפיצן, אַלע קאַנטן זענען פאַרגלעט...״ ביי דעם איז דער קליינער געווען זייער שטיל. ער איז שלעפעריק געוואָרן. ער האָט נישט געוווסט, וואָס מ׳שפילט; ער האָט אפילו אויפגעהערט צו צוהערן זיך; אָבער ער איז געווען גליקלעך, זיינע גלידער זענען געוואָרן שווער, ער האָט געטרוימט.

זיינע טרוימען זענען נישט געווען קיין פאַרענדיקטע געשיכטעס; זיי האָבן נישט געהאַט נישט קיין אָנהויב, נישט קיין סוף. זעלטן־ווען זיי האָבן פאַרמאָגט אַ באַשטימטע פאָרם: אָט האָט ער געזען די מאַמע, ווי זי באַקט אַ קיכל און נעמט אַראָפ מיטן מעסער די צוגעקלעפטע שטיקלעך טייג פון די פינגער; — אַ וואַסער־מויז, וואָס ער האָט נעכטן געזען שווימען אין טייך; — אַ בייטש, געמאַכט פון אַ ווערבע־צווייג... איין גאָט ווייסט, פאַרוואָס די זכרונות זענען גראָד איצט אים אַרויף אויפן זינען! — אָבער ס׳רוב פלעג ער גאָרנישט נישט זען, און דאָך האָט ער געפילט אַן אומענדלעכע צאָל זאַכן פון גרויס וויכטיקייט, וועלכע מ׳קאָן נישט אַרויסרעדן, ווייל ס׳איז נישט נויטיק וועגן זיי צו רעדן, ווייל מ׳קען זיי גוט און ווייל זיי זענען און וועלן זיין שטענדיק. עס זענען געווען זאַכן אומעטיקע, אומעטיקע ביז צום טויט,

אָבער ס׳איז נישט געווען אין זיי קיין ווייטיקלעכער טרויער, אַזאַ וואָס מען באַגעגנט אין לעבן. זיי זענען נישט געווען מיאוס און עקלדיק, ווי דאַן ווען קריסטאָף כאַפּט פון טאַטן פּעטש, אָדער ווען ער טראַכט, מיט אַ קראַנק האַרץ פון חרפּה, וועגן אַ ייִעלכן ס׳ניט איז בזיון: זיי האָבן אויסגעפּילט די נשמה מיט אַ ווייכער מעלאַנכאָליע. עס זענען אויך געווען זאַכן ליכטיקע, וואָס האָבן צעגאָסן אַרום זיך אַ שפע פון פרייד, און קריסטאָף האָט געטראַכט: „יאָ אַזוי איז עס... אַזוי וועל איך אייך שפּעטער מאַכן.” ער האָט נישט געוווּסט, וואָס דער „אַזוי” באַטייט און צוואָס ער זאָגט עס; אָבער ער האָט געפילט, אַז ס׳איז אַ נויטווענדיקייט צו זאָגן עס, און אַז ס׳איז קלאָר, ווי דער טאָג. ער האָט זיך צוגעהערט צום רעש פון אַ ים, וואָס האָט גערוישט נאָענט נעבן אים, אָפּגעטיילט בלויז מיט זאַמד-בערגלעך. קריסטאָף האָט נישט געהאַט די מינדסטע השגה, וואָס איז עס פאַר אַ ים און וואָס, אייגנ-טלעך, וויל ער פון אים; אָבער ער האָט געהאַט דאָס באַוווּסטזיין, אַז דער ים וועט סוף כּל סוף דורכרייסן די מחיצה — און דעמאָ,ט!... דעמאָלט וועט זיין גוט, ער וועט זיין אינגאַנצן גליקלעך, נישט מער ווי זיך צוהערן, וויגן זיך אינם רעש פון זיין מעכטיקער שטים — און אַלע קליינע דאגות און בזיונות וועלן פאַרגעסן ווערן; זיי זענען פאַר-בליבן אויף שטענדיק טרויעריק, אָבער זיי האָבן שוין מער נישט באַ-ליידיקט, געקרענקט: אַלץ האָט אויסגעזען נאַטירלעך, כּמעט פול מיט צערטלעכקייט.

גאַנץ אָפט איז עס געווען די מיטלמעסיקע מוזיק, וואָס האָט אים פאַרשכורט. די וואָס האָבן געשריבן זי, די מוזיק, זענען געווען קבצנים, וועלכע האָבן קיין שום זאַך אין זינען נישט געהאַט, אויסער צו פאַרדינען געלט אָדער אויסצופילן די פּוסטקייט פון זייער לעבן; זיי פלעגן צוזאַמענשטעלן נאָכן לויט אָנגענומענע כּללים, אָדער בפירוש כּדי צו זיין אָריגינעל — קעגן די אָנגענומענע כּללים. אָבער טענער, ווען אַפילו זיי ווערן געשפּילט פון אַ פּשוטן מענטש, פאַרמאָגן אַזאַ לעבנס-כּוח, אַז זיי קאָנען מאַכן אַ שטורם אין אַ נאַאיווער נשמה. עס קאָן זיין, אַז אויך די חלומות, וואָס ווערן דערוועקט דורך קליינע מענטשעלעך, זענען געהיימניספולער און פרייער פון די, וואָס ווערן באַהויכט פון אַ מעכטיקן, שעפערישן געדאַנק, וואָס רייסט אייך מיט מיט זיין קראַפט, מחמת די באַוועגונג און חלל און די פלאַכע פלאַפּלע-ריי שטערן נישט די נשמה אין אירע אייגענע באַטראַכטונגען...

אַזוי בלייבט דאָס קינד זיצן, עס ווערט פֿאַרגעסן פֿון אַלעמען, און אָן אַלעמען פֿאַרגעסט עס, אינם ווינקל הינטער דער פּיאַנינאָ, — ביז עס דערשפּירט מיטאַמאָל, ווי מוראַשקעס קריכן אים אַרום אין די פֿיס. דעמאָלט פֿלעג ער זיך דערמאָנען, אַז ער איז נאָך אַ קליין יינגל, מיט שוואַרצע נעגל, וואָס רייבט אָפּ דאָס נעזל אָן וואַנט האַלטנדיק בשעת־מעשה די פֿיס אין די הענט.

יענעם טאָג, ווען מעלכיאָר איז אַריינגעקומען אויף די שפּיץ־פֿינגער און געפֿינען דאָס קינד, זיצנדיק ביי דעם הויכן קלאַוויר, האָט ער אים אַ ווײַלע באַטראַכט, און פּלוצלינג האָט אים אַ געדאַנק אַ בליץ געטון אין מח: „אַ וווּנדער קינד, בנמאנות! ווי איז עס מיר פֿריער נישט איינגעפֿאַלן?" ער איז, אמת, געווען זיכער, אַז דער קלײנער איז זייער אַ פּראָסט, אומפֿעיִק יינגל, געראָטן אין דער מוטער. אָבער פּרובירן קאָסט דאָך גאָרנישט. עס קאָן דאָך אַמאָל טרעפֿן אַזאַ גליק! ער וועט מיט אים אַרומפֿאָרן איבער גאַנץ דייטשלאַנד און אפשר נאָך, ווער ווייסט, קיין אויסלאַנד. מ'וועט דעמאָלס לעבן אַ טאָג! און מ'וועט זיך איינקויפֿן אין יחוס. — וואָס ער זאָל נישט טון, האָט מעלכיאָר שטענדיק געוואָלט איינקויפֿן זיך אין יחוס — און עס פֿלעג זיך אים לכתחילה אויסדאַכטן, אַז ס'וועט אים געראָטן.

מיט זיין געווײַנלעכער זיכערקייט אין זיך, האָט ער טאַקע באַלד נאָכן אָוונט־ברויט, נאָך מיט דעם ביסן אין מויל, פֿונסניי אַוועקגעזעצט קריסטאָפֿן פֿאַר דער פּיאַנינאָ, כדי מיט אים דורכצוגיין נאָכאַמאָל די בייטאָגיקע לעקציע, ביז די אויגן האָבן זיך ביי קריסטאָפֿן אַזש געקלעפּט פֿון מידקייט. אויף מאָרגן ווידער דאָס אייגענע — דריי מאָל. אַזוי אויך איבערמאָרגן, און — כסדר. קריסטאָפֿן האָט עס דערעסן. עס איז אים נמאס געוואָרן, ווי דער טויט, און לסוף האָט ער מער נישט אויסגעהאַלטן און זיך גענומען בונטעווען. ס'איז דאָך אַן אומזין, אים אַזוי צו מאַטערן, צוואָס טויג עס אַרומצוגאַלאָפּירן מיט די פֿינגער איבער די קלאַווישן, פֿאַרבייגן דעם גראָבן פֿינגער, אָדער רירעוודיקער צו מאַכן דעם קליינעם פֿינגער, וואָס פֿלעג זיך נאָך אַלץ פֿאַרטשעפּען אָן זיינע שכנים. קריסטאָף פֿלעג אַרויס פֿון די כלים. קיין שום שיינ־

קייט האָט ער אין דעם נישט געזען. עס זענען פאַרשוווּנדן אָט די אַלע פאַרכשופטע קלאַנגען, די ווונדערלעכע ברואים, וואָס האָבן זיך צו אים אַנטפּלעקט. טרוקענע גאַמען, איינטאָניקע, לאַנגווייליקע איבונגען האָבן זיך געטווישט איינע נאָך דער אַנדערער, ווי די נודנע שמועסן ביים טיש וועגן די צוגעגעסענע, פון האַלז-קריכנדיקע מאכלים. דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן זיך צוצוהערן צום פאָטערס לעקציעס גלייכגילטיק און אָן שום אינטערעס. מען האָט אויף אים געשריען. אָבער ער האָט ווייטער זייער שלעכט געשפּילט. די קלעפּ אין נאַקן האָבן נישט געבראַכט קיין שום פּעולה, ער פלעג דערפון נאָר בייזער און איינגעשפּאַרטער ווערן. איינמאָל האָט ער געהערט, ווי מעלכיאָר פאַנטאַזירט אין צווייטן צימער פאַר זיין הויזגעזינד. די פאַרביטערונג איז שוין דעמאָלט איבערגעגאַנגען יעדע גרענעץ. הייסט עס, אַז נאָר כדי אַרויסצושטעלן אים ווי אַ געלערנט הינטל מאַטערט מען אים אַזוי און מען צווינגט אים אַ גאַנצן טאָג צו קלאַפּן אויף די אַלטע ביינדלעך, אַז ער האָט אפילו קיין צייט נישט אויף אַ מינוט אַראָפּצוכאַפּן זיך צו זיין ליבן טייך. וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער געטון, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף אים? ער איז בייז געוואָרן, באַליידיקט אין זיין שטאָלץ און דורשט נאָך פרייהייט, ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, ער שפּילט נישט מער קיין מוזיק, אָדער ער׳ט שפּילן אַזוי שלעכט, ס׳זאָל דעם נאַצן נמאס ווערן. עס איז אַ שווער שטיקל אַרבעט, אָבער ער מוז עס דורכפירן, ער מוז ראַטעווען זיין פרייהייט!

און טאַקע באַלד, אויף דער נאָענטער לעקציע האָט ער אָנגעהויבן אויסצופירן זיין באַשלוס. בכּיוון האָט ער איבערגעהיפּערט און געפעלשט די טענער. מעלכיאָר האָט אויף אים געשריען, זיך געוואָרפן, און ס׳האָבן אָנגעהויבן צו האָגלען קלעפּ. ביי יעדן פאַלשן טאָן האָט ער מיט דער דיקער ווירע אַראָפּגעלאָזט דעם קינד איבער די פינגער, און בעת-מעשה אים אַזוי אַריינגעהילכט אין אויער, אַז ער האָט אים שיר נישט טויב געמאַכט. קריסטאָף האָט זיך איינגעקאָרטשעט פון ווייטיק, פאַרביסן די ליפּן, נישט אויסצוברעכן אין אַ געוויין; ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן און ווייטער געשפּילט, אַריינציענדיק, ביי יעדן קלאַפּ, דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די מעטאָדע איז פאַלש. מעלכיאָר איז אַזוי איינגעשפּאַרט געווען, ווי זיין זון, ער האָט געשווירן אָפּצוזיצן מיט אים אפילו צוויי טעג און נעכט, און נישט דורכצולאָזן קיין איין פאַלשן

טאָן. דערצו האָט זיך שוין צו בולט אַרויסגעוויזן פאַר מעל־כיאָרן קריסטאָפס כּוונה, בעת ער האָט געזען, ווי דעם קינדס הענטל מיידט יעדעס מאָל בכּוון אויס דעם ריכטיקן אָרט פון קלאַוויש. און דאַן האָבן זיך די קלעפּ פון דער ווירע פאַרטאָפּלט. קריסטאָפן זענען פּשוט אָפּגענומען געוואָרן די פינגער. ער האָט פאַרשטיקט דעם געוויין, געכליפּעט און געשלינגען די טרערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אויף אַזאַ אופן גאָרנישט אויספירן, און אַז ער מוז זיך לאָזן אויף אַ פאַרצווייפלטן שריט. און צאַפּלענדיק פון דעם שטורם, וואָס זיין דערקלערונג — האָט ער געוווּסט — וועט אַרויסרופן, האָט ער פעסט געזאָגט:

— פּאַפּאַ, איך וויל מער נישט שפּילן.

מעלכיאָר איז שיעור פון דער הויט נישט געשפּרונגען.

— וואָס? וואָס? — האָט ער געשריען.

ער האָט אים געריסן פאַרן עלנבויגן, ווי ער וואָלט אים וועלן צעברעכן. קריסטאָף, נאָך שטאַרקער ציטערנדיק, האָט אויפגעהויבן דעם עלנבויגן, צו פאַרשטעלן זיך פאַר די קלעפּ, און איבערגעחזרט:

— איך וויל מער נישט שפּילן, ערשטנס, וויל איך נישט, מ׳זאָל מיך כּסדר שלאָגן, און חוץ דעם...

ער האָט נישט געענדיקט. אַ שרעקלעכער קלאַפּ האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם. מעלכיאָר האָט געדונערט:

— אַזוי גאָר? דו ווילסט נישט, מ׳זאָל דיך שלאָגן? ווילסט נישט?...

אַ האָגל פון קלעפּ האָט זיך ווידער אַ שאָט געטון.

קריסטאָף האָט געשריען, שלוכצנדיק:

— און חוץ דעם... איך האָב נישט ליב קיין מוזיק!... איך האָב נישט ליב קיין מוזיק!...

ער האָט זיך אַראָפּגעגליטש פון זיין שטול. מעלכיאָר האָט אים ברוטאַל צוריק אַוועקגעזעצט, און שלאָגנדיק מיט דעם קינדס פויסטן אָן פּיאַנינאָ, האָט ער געשריען:

— דו וועסט שפּילן!

און קריסטאָף האָט געשריען:

— ניין, ניין! כ׳וועל נישט שפּילן!

מעלכיאָר האָט לעת־עתּה אָפּגעטרעטן, ער האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון צימער און נאָכגעשריען, אַז ער וועט נישט קריגן צו עסן

אַ גאַנצן טאָג, ניין, אַ גאַנצן חודש, ביז ער וועט נישט איבערחזרן אַלע איבונגען ביז איינער. ער האָט אים אַ שטויס געטון מיטן פוס, אַרויסגעשטופּט אין דרויסן און פאַרהאַקט הינטער אים די טיר.

קריסטאָף האָט זיך געפונען אויף די שמוציקע, פינסטערע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום בוידעם. אַ קאַלטער צוג-ווינט האָט געבלאָזן דורך אַ צעבראָכן פענסטער, די ווענט זענען געווען שטאַרק פייכט. קריסטאָף האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די צעפוילטע טרעפּ; זיין האַרץ האָט זיך געוואָרפן אין זיין ברוסט פון ערגערניש און פאַרדרוס. שטילערהייט האָט ער געזידלט דעם פאָטער:

— אַ חיה, אָט דאָס ביסטו! אַ חיה רעה... אַ פרא-אדם... אַ רוצח יאָ, אַ רצח... איך האָב דיך פיינט, פיינט! אָך, הלוואי שטאַרבסטו! הלוואי!

זיין האַרץ איז פול געווען. פאַריאושט האָט ער געקוקט אויף די שמוציקע שטיגן, אויף דעם שפינוועבס, וואָס האָט געציטערט פון ווינט אין דער צעבראָכענער שויב. ער האָט זיך געפילט עלנט און פאַריתומט, און אָן אַ שיעור אומגליקלעך. ער האָט אַריינגעקוקט אין חלל צווישן די באַריערן פון די שטיגן. וואָס וואָלט געווען, ווען ער וואַרפט זיך אַראָפּ אונטן, אָדער ער שפּרינגט אַרויס דורכן פענסטער?... יאָ, ער וועט זיך נעמען דאָס לעבן — און זאָלן זיי וויסן... אָ, ווי זיי וועלן שוין חרטה האָבן! ער האָט שוין פאַרנומען דעם קלאַפּ פונם אַראָפּגעפאַלענעם קערפּער צווישן די שטיגן. די טיר פראַלט זיך האַסטיק אויף, האַרצרייסנדיקע קולות געוואַלדעווען: ער איז אַראָפּגע-פאַלן! ר׳איז אַראָפּגעפאַלן! האַסטיקע טריט לאָזן זיך אַראָפּ פון די טרעפּ. טאַטע-מאַמע וואַרפן זיך אַרויף אויף זיין קערפּער און וויינען. די מאַמע קלאָגט: „האָסט אים דערהרגעט!” דער טאַטע פאַרברעכט די הענט, פאַלט אויף די קני, און, שלאָגנדיק זיך קאָפּ אָן וואַנט, שרייט ער: כ׳בין גאָר קיין מענטש נישט! וויי איז מיר! כ׳בין אַ מיאוסער מענטש! די דאָזיקע מחשבות האָבן אַ ביסל פאַרלייכטערט און ווייך געמאַכט זיין האַרץ. ער האָט רחמנות געקראָגן אויף די עלטערן, וואָס באַוויינען אים אַזוי, אָבער באַלד האָט ער זיך מיישב געווען, אַז זיי האָבן עס כשר פאַרדינט, און ווידער אָנגעהויבן זיך נוקם זיין...

ווען ער האָט געענדיקט אָט די מעשה, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער געפינט זיך צלץ אויבן, אויף די טרעפּ, אין דער פינסטערניש. ער האָט נאָכאַמאָל אַראָפּגעקוקט — און ס׳האָט אים אָפּגענומען דער

אַנצער חשק זיך אַראָפּצוּוואַרפן. ער האָט אפילו אַ ציטער געטון פון שרעק און זיך אַ ביסעלע אָפּגערוקט פון באַריער, ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן... דעמאָלט ערשט האָט ער דערפילט, אַז ער איז געפאַנגען און פאַרשפאַרט אין אַן ענגער תּפיסה, ווי אַ פויגל אין שטייג, אויף אייביק פאַרשפאַרט — עס איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה, סיידן זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, אָדער זיך אַ מעשה אָנטון און זיך פּייניקן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און געריבן מיט די קליינע שמוציקע הענטלעך די אויגן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך דאָס גאַנצע פּנים איינגעשמירט אין בלאָטע. וויינענדיק אַזוי האָט ער ביסלעכווייז פאַרגעסן דאָס געשעענע און אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן אויף אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפונען אַרום אים. ער איז אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבן און גענומען באַטראַכטן די שפּין, וואָס האָט זיך נאָר וואָס גענומען רירן. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט און אויפסניי אָנגעהויבן צו וויינען, אָבער שוין מיט ווייניקער איבערצייגונג און עקשנות. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין אייגענעם געוויין און מעכאַניש ווידער געשלוכצט, שוין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס. ער האָט זיך אויפגעהויבן, דאָס פענסטער האָט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, און מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט נישט אַראָפּצופאַלן חלילה, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ראַם און אָנגעהויבן נאָכצוקוקן די שפּין, וואָס איז אים געווען טשעקאַווע און עקלדיק.

טיף, אונטן, ביים הויז האָט זיך געצויגן דער רהיין. זיצנדיק אויף דעם פענסטער, האָט מען זיך געפונען, ווי הענגענדיק איבערן הימל, וואָס האָט געציטערט אין וואַסער. קיינמאָל האָט קריסטאָף נישט אויסגעמיטן, ווען ער איז דורכגעלאָפן די טרעפּ, אַראָפּצוקוקן אין שטראָם. אָבער קיינמאָל האָט ער אים נישט געזען, ווי איצט. דער צער פאַראיידלט די חושים, פונקט ווי יעדע זאַך ווערט מסוגל טיפער זיך איינצוקריצן אין אויג, נאָכדעם ווי די טרערן האָבן אַראָפּגעשווענקט די לעצטע שפּורן פון די זכרונות. דער טייך האָט אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיק, אומבאַגרייפלעך באַשעפעניש, און אומגעוויינלעכער און מעכטיקער פון אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט געזען. קריסטאָף האָט זיך צוגעבויגן צום פענסטער, דעם טייך גוט אָנצוקוקן. ער האָט צוגעדריקט זיין נאָז און מויל צו דער שויב. וווּהין גייט ע ר? ווו פליסט ע ר? וואָס איז ז י ין באַגער? ע ר איז אַזוי

זיכער אין זיך! ער גייט אַזוי רויק זיין וועג! קיין זאַך קאָן נישט אָפּהאַלטן זיין גאַנג. ווער וועט זיך אים אַנטקעגנשטעלן?... יעדע שעה, יעדע רגע, אין רעגן אָדער אויף דער זון, עס מעגן שמחות און טרויערן פּאָרקומען ביים מענטשן — ער שווימט זיך רויק ווייטער; ער פליסט, און קיין שום זאַך אַרט אים נישט, קיין זאַך גייט אים נישט אָן. ער פילט נישט קיין ווייטיק, ער שפּילט זיך מיט דער שפע פון זיינע אייגענע כוחות. וואָס פאַר אַ תענוג איז עס, צו זיין ווי ער, צו לויפן אין די פעלדער צווישן ווערבע־צווייגן, דורך קליינע בליצנדיקע קיזל־שטיינער, און צו גראָבן אין ברעקלענדיקן זאַמד, אָן ווייטיק, אָן יסורים, פון קיינעם נישט געצוווּנגען — צו זיין פריי!...

מיט אַ גיריקער קנאה האָט דאָס יינגל אַראָפּגעקוקט צום טייך און זיך צוגעהערט צו זיין גערויש. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער טייך רופט אים און ציט אים צו זיך. ווען ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער געזען פאַר זיך אַ שפּיל פון פאַרבן: בלוי, גרין און גאָלד און גרויסע פליענדיקע שאָטנס און ליכט־פלעקן. די זעאונגען האָבן אָנגעהויבן זיך געשטאַלטיקן און אָננעמען בולטע פאָרמען. אָט איז אַ ברייטער פליין, טייך־ריטלעך און תבואה־כוואַליעס, וואָס וויגן זיך אויפן ווינט און שמעקן מיט גראָז און מיענטע. אומעטום — בלומען, קאָרן־בלומעלעך, מאָן־בלומען און פייגעלעך. ווי שיין דאָס איז! ווי געשמאַק די לופט איז! ווי גוט איז זיך אויסציען אין געדיכטן, ווייכן גראָז! קריסטאָף פילט אַ תענוג אין האַרצן, ער איז אַ ביסל מבולבל, ווי אין די ימים טובים, ווען דער פאָטער גיסט אים אַריין אין אַ גרויסן גלאָז אַ ביסל רהיין־ווין... דער טייך ציט זיך ווייטער. די לאַנדשאַפט האָט זיך געביטן... מען זעט ביימער, וואָס בויגן זיך איבערן טייך און טובלען אין אים זייערע פאַרשפּיצטע בלעטער, פונקט ווי קליינע צאַרטע הענטלעך, וואָס ציטערן און דרייען זיך אין וואַסער. אַ פאַרשלאָפן דאָרף צווישן ביימער שפּיגלט זיך אין וואַסער, ציפּריסן און צלמים ווינקען פון איבערן ווייסן בית־עלמין־מויער, וואָס שווענקט זיך אין שטראָם. און אָט זענען פעלזן, בערג־קייטן, וויינגערטן אויף די משופּעדיקע הויכקייטן, אַ יאָדלע־וואַלד און חורבות פון אַלטע שלעסער... און אָט זענען ווידער פעלדער, כוואַליעס תבואה, פייגל, זון....

דער גרויסער גרינער שטראָם ציט זיך כסדר פאַרביי קריסטאָפן. ער איז געאייניקט, דער טייך, ווי אַ געשלאָסענער געדאַנק, אָן כוואַ־

ליעס, כמעט אָן פֿאַלדן, זיינע וואַסערן שפּיגלען זיך מיט אַ לייכטנדיקן, פֿולן גלאַנץ, קריסטאָף האָט אויפֿגעהערט צו זען. ער האָט פֿעסט צוגעמאַכט די אויגן, צו פֿאַרנעמען אים מיטן געהער. דער אומאויפֿהערלעכער רעש פֿון טייך צעמישט אים; ס׳שווינדלט אים אין קאָפּ. ער פֿילט זיך פֿאַרשלונגען פֿון דעם מעכטיקן, אייביקן חלום. איבערן אָפּגרונט פֿון די ברויזנדיקע כוואַליעס טראָגן זיך לייכטע ריטמען מיט שווינדלענדיקער פֿרייד. פֿון די ריטמען הויבט זיך אויף אַ מוזיק, ווי דער ווייַנשטאָק, וואָס פֿלעכט זיך אַרום אַ גראַטע: אַקאָרדן פֿון זילבערנע סטרונעס, וויינענדיקע פֿידלען, און דורך טרערן שמייכלענדיקע פֿלייטן מיט פֿאַררונדיקטע טענער... די לאַנדשאַפֿטן זענען פֿאַרשוווּנדן. דער טייך איז פֿאַרשוווּנדן. אַ מאָדנע זיסע בין השמשות-לופֿט שוועבט אַרום. קריסטאָפֿס האַרץ ווערט ברייטער און ציטערט פֿון אויפֿרעגונג. וואָס זעט ער אַצינד? אַ! וואָס פֿאַר אַ ליבלעכע פּנימער! אַ מיידעלע, אַ שוואַרץ-לאָקיק רופֿט אים ווייך און שפּאָטיש... דאָס בלייכע געזיכט פֿון אַ בלוי-אויגיק ייִנגל קוקט אים טרויעריק אָן. טייל אויגן שמייכלען, אַנדערע, נייגעריקע, חוצפּהדיקע, — וואָס מאַכן רויט זיין פּנים, טרייַע און אומעטיקע אויגן, ווי דער געטרייער בליק פֿון אַ הונט, און אויגן באַפֿעלנדיקע, און אויגן פֿול מיט ווייטיק... און אָט איז אַ בלייך פּנים פֿון אַ פֿרוי, מיט שוואַרצע האָר, געשלאָסענע ליפּן, מיט אויגן גרויסע, וואָס צעגיסן זיך איבערן גאַנצן פּנים, זיי עסן זיך איין מיט אַ טיפֿער ווייטיקלעכער קראַפֿט. און די טייערסטע פֿון אַלע, אָט די וואָס לאַכט צו אים מיט אירע קלאָרע גרויע אויגן, דורך עטוואָס געעפֿנטע ליפּן, מיט בלאַנקענדיקע ציינדלעך... אַך, דער געליבטער צערטלעכער שמייכל פֿול מיט פֿאַרגעבונג! עס צעגייט דאָס האַרץ פֿון גוטסקייט, ווי גוט איז צו זיין געליבט! נאָך! שמייכל נאָך צו מיר, טייערסטע; גיי קיינמאָל נישט אַוועק!...

אַך! עס איז פֿאַרשוווּנדן! נאָר אין האַרץ איז אַ שמחה, נישט-אויסצודריקן. יעדער ווייטיק, יעדער טרויער איז פֿאַרשוווּנדן. ס׳איז גאָרנישט פֿאַראַן חוץ אַ שטילן חלום, אַ צערטלעכע מוזיק, וואָס פֿלאַטערט און שוועבט, ווי די זומער-פֿעדים אין דער זון-ליכט אין אַן אלול-טאָג... — וואָס איז דאָ געשען? וואָס פֿאַר אַ געשטאַלטן זענען דאָ אַדורך, וואָס האָבן פֿול געמאַכט דאָס האַרץ פֿון קינד און עס דורכגענומען מיט אַ זיסן שוידער? ער האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען; און דאָך האָט ער זיי געקענט: ער האָט זיי דערקענט. פֿון וואַ-

נעט זענען זיי געקומען? פון וועלכן פינסטערן אָפּגרונט פון דער עקזיסטענץ זענען זיי אַרויפגעשווומען? צי פון דעם, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשווונדן? אָדער וואָס ס'וועט ערשט קומען?

אַצינד איז דאָס אַלץ אויסגעלאָשן. אַלע פאָרמען האָבן זיך אויפגעלייזט... ווידעראַמאָל, ווי דורך אַ טוי־שלייער טוט זיך אַ גאָס דער שטראָם און פאַרהילט זיך צוריק, ווי ער וואָלט זיך אַצינד געטראָגן אין דער לופטן; ער איז אַרויס פון די ברעגעס, באַדעקט די פעלדער און שטראָמט רויק, לאַנגזאַם, מאַיעסטעטיש, כמעט אָן באַוועגונג, און ווייט־ווייט, ווי אַ שטאָלענער גלאַנץ אין האָריזאָנט ציט זיך דער וואַסער־שפּיגל, ווי אַ שנור פון ציטערנדיקע כוואַליעס. — דער ים, דער טייך שטראָמט אַראָפּ צו אים, ווי ער וואָלט געאיילט אַנטקעגן אים. ער פליסט אַריין אין אים. ער פאַרשווינדט... די מוזיק שטורעמט־אויף. ער בענקט נאָך אים, שיינע טאַנץ־ריטמען שוועבן אַרום באַפליגלטע אין דער לופטן. מיט נצחון און פרייד זאַפּן זיי אין זיך איין און פאַרשלינגען אַלץ אַרום. דער באַפרייטער גייסט שניידט דורך דעם רוים, ווי שוואַלבן שכורע פון ליכט טומלען זיך אין די לופט־כוואַליעס און טראָגן זיך איבערן הימל מיט גרילצענדיקע געשרייען: גליק! גליק! נישטאָ קיין אַנדער זאַך אַחוץ גליק אָן אַ גרילץ!

שעהן זענען פאַרביי, עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די טראָפּ זענען איינגעזונקען אין דער נאַכט. רעגן־טראָפּנס האָבן אויפן טייך־שפּיגל אָנגעהויבן מאַכן קרייזלעך, וואָס דער שטראָם האָט זיי טאַנצנדיק אַוועקגעטראָגן. ווען־נישט־ווען האָט זיך אַ צווייגל אָדער אַ שטיקל שוואַרצע קאָרע פאַרבייגעטראָגן און אָן געוויש פאַרשווונדן. אַ געזעטיקטע האָט זיך די רוצחישע שפּין פאַרוקט אין אַ פינסטערן ווינקל.— און דער קליינער קריסטאָף איז נאָך אַלץ געזעסן איינגעקאָרטשעט אויפן פענסטער מיט זיין בלאַסן, איינגעשמירטן און פון טיפן גליק שיינענדיקן פנים. ער איז געשלאָפן.

III

E la faccia del sol nascere ombrata
Purg xxx.

אין דאָס פּנים פון דער זון, בעת איר אויפגיין,
איז פאַרפינסטערט געוואָרן.

דאַנטע קאַפּ xxx

ער האָט געמוזט נאָכגעבן. נישט געקוקט אויף זיין שטאַרקן האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, האָבן די קלעפּ דאָך גובר געווען זיין עק־שנות. דריי שעה יעדן אינדערפרי און דריי שעה יעדן אָוונט האָט קריסטאָף געמוזט זיצן ביים פּייניקונג־אינסטרומענט. איינגעקאָרטשעט פון אָנשטרענגונג און פאַרדרוס, מיט גרויסע טרערן, וואָס האָבן זיך געקייקלט איבער זיינע באַקן און נאָז, פלעג ער אַרומלויפן איבער די ווייסע און שוואַרצע ביינדלעך מיט זיינע קליינע רויטע הענטלעך אָפט פאַרפרוירן פון קעלט, אין דער אייביקער סכנה, וואָס האָט געלויערט אויף אים מצד דער ווירע, וואָס פלעג נאָך יעדן פאַלשן טאָן אַראָפּלאָזן אַ קלאַפּ, און מצד די געשרייען פונם לערער, וואָס ער האָט נאָך מערער פיינט געהאַט, ווי די קלעפּ. ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז די מוזיק האָט ער פיינט בתּכלית השנאה. און פונדעסטוועגן האָט ער געלערנט מיט גרויס התמדה, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט דערקלערן אפילו מיט זיין שרעק פאַר מעלכיאָרן. געוויסע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט פון זיין זיידן, האָבן געמאַכט אויף אים אַ טיפן רושם. דער אַלטער, זעענדיק ווי זיין אייניקל וויינט, האָט אים איינמאָל אַ זאָג געטון מיט יענער וויכטיקייט, וואָס ער פלעג באַנוצן אפילו אין אַ שמועס מיט אַ קינד, אַז ס'איז כדאי אויסצושטיין אַ ביסל צרות פאַר דער שענסטער און איידלסטער קונסט, וואָס איז געגעבן די מענטשן צו זייער טרייסט און רום. קריסטאָף איז געווען זייער דאַנק־באַר דעם זיידן פאַר זיין שמועסן מיט אים, ווי מיט אַ גרויסן, און טיף אין זיך איז ער גערירט געווען פון די נאַיווע ווערטער, וואָס האָבן געשטימט מיט זיין קינדערשן סטאָאיציזם און דערוואַכנדיקן שטאָלץ.

אָבער מער ווי אַלע אַרגומענטן האָט אים צוגעבונדן, קענגן זיין אייגענעם ווילן, דער טיפער זכרון פון געוויסע מוזיקאַלישע עמפּפינ־דונגען; זיי האָבן אויף לעבן-לאַנג פאַרשקלאַפט אים צו דער פאַר־האַסטער קונסט, וואָס קענגן איר האָט ער בחנם געפּרווט זיך צו ווערן.

ווי דער שטייגער איז אין דייטשלאַנד, איז אויך אין דער שטאָט געווען אַ טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט אָפּערעס, קאָמישע אָפּערעס, אָפּערעטעס, דראַמעס, קאָמעדיעס, וואָדעווילן און בכלל אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט שפּילן, פון אַלע מינים און פאָרמען. די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען דריי מאָל אַ וואָך, פון זעקס ביז ניין אין אָוונט. דער אַלטער זשאַן־מישעל האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין פאָרשטעלונג, און פאַר אַלע געהאַט איין און דעם זעלבן אינטערעס. איינמאָל האָט ער מיטגענומען מיט זיך זיין אייניקל. אַ לאַנגע צייט פאַר דעם האָט ער אים באריכות דערציילט וועגן דעם שטיק. קריסטאָף האָט דעמאָלט גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען, ער האָט נאָר געוווסט, אַז דאָרט וועלן פאָרקומען שרעקלעכע זאַכן, און ברע־נענדיק אינגאַנצן פונם חשק זיי צו זען, האָט ער זיך בשעת מעשה געשראָקן און נישט געהאַט קיין מוט זיך מודה זיין אין דעם. ער האָט געוווסט, אַז דאָרט וועט פאָרקומען אַ שטורם און מורא געהאַט, אַז אַ דונער זאָל אים נישט דערשלאָגן, ער האָט געוווסט, אַז ס׳וועט פאָרקומען אַ שלאַכט און נישט געווען זיכער, אַז ער וועט נישט דער־הרגעט ווערן. ליגנדיק אין בעט ערב דעם באַשטימטן טאָג, האָט ער זיך שוין געשראָקן נישט אויף קאַטאָוועס, און אין דעם טאָג פון דער פאָרשטעלונג האָט ער כמעט געבעטן גאָט, אַז ס׳זאָל זיך מאַכן דעם זיידן עפּעס אַ מניעה אין וועג. אָבער ווען די שעה איז געקומען, און דער זיידע איז נאָך אַלץ נישט געווען, האָט ער אָנגעהויבן אומ־רויק ווערן, און יעדע ווײַלע געקוקט דורכן פענסטער. לסוף איז דער זיידע געקומען, און זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען. זיין האַרץ האָט זיך געוואָרפן אין ברוסט, די צונג איז אים טרוקן געוואָרן, און ער האָט נישט געקאָנט רעדן קיין וואָרט.

זיי זענען צוגעקומען צו דעם געהיימסניספולן בנין, וואָס וועגן אים האָט מען אַזוי אָפט גערעדט ביי זיי אין דערהיים. ביים אַריינ־גאַנג האָט זשאַן מישעל געטראָפן עטלעכע באַקאַנטע, און דער קליי־נער, וואָס האָט פאַר גרויס מורא, טאָמער פאַרפירט ער אים — אים געהאַלטן פעסט פאַר דער האַנט, האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין,

ווי אַזוי קאָן מען עס רויק רעדן און לאַכן אין אַזאַ מאָמענט.

דער זיידע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטענדיקן אָרט, אין דער ערשטער רייע, גלייך ביים אָרקעסטער. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער באַלוסטראַדע און זיך אַריינגעקאָנט אין אַ לאַנגן שמועס מיטן קאָנטראַבאַס. ער איז דאָ געווען ווי ביי זיך אין דער היים; מען האָט זיך דאָ צוגעהערט צו זיינע ווערטער, אים געהאַלטן פאַר אַ מומחה אין הלכות מוזיק; און ער פלעג עס אויסנוצן, מ׳קאָן זאָגן, אָפטמאָל אַפילו איבער דער טבע. קריסטאָף איז נישט געווען בכח זיך צוצוהערן. ער איז געווען דערשעפט פון אומגעדולד און געוואַרט אויפן אָנהויב פון דער פאָרשטעלונג; ער איז איבערראַשט געוואָרן פונם אויסזען פון טעאַטער־זאַל, וואָס האָט אין זיינע אויגן פרעכטיק אויסגעזען, און פונם גרויסן שטראָם מענטשן, וואָס האָט שרעקלעך גערוישט. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אויסצודרייען דעם קאָפ, ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלעמענס בליקן זענען אָנגעשטעלט אויף אים. ער האָט קאָנוולסיוו צונויפגעקנייטשט זיין קליין היטל צווישן די קני, און זיינע גרויסע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויף דעם פאַרכשופטן לייוונט, וואָס פאַר אים.

לסוף האָט מען דריי מאָל אַ קלאַפּ געטון. דער זיידע האָט אויסגעשנייצט די נאָז און אַרויסגעשלעפּט פון זיין טאַש דאָס ליברעטאָ, וואָס ער פלעג לייענען וואָרט ביי וואָרט מיט אַזאַ געטרייקייט, אַז טיילמאָל פלעג ער צוליב דעם נישט קוקן אַ צייט אויף דער סצענע. דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן. באַלד פון די ערשטע טענער האָט זיך קריסטאָף דערפילט אַ באַרויקטער. אין דער מלוכה פון קלאַנגען האָט ער זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, און פון דער מינוט אָן — כאָטש דער גאַנצער ספּעקטאַקל איז געווען פרעמד און משונהדיק — האָט אַלץ ביי אים אויסגעזען נאַטירלעך.

דער פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעדעקט בוימער פון קאַרטאָן און מענטשן, וואָס זענען נישט געווען פיל נאַטירלעכער, ווי די בוימער. דער קליינער האָט געקוקט, און דאָס מויל האָט זיך אים צעעפנט פון וווּנדער; אָבער איבערראַשט איז ער נישט געווען, הגם די האַנדלונג איז פאָרגעקומען אויפן לעגענדאַרן מזרח, וועגן וועלכן ער האָט נישט געהאַט קיין שום השגה. די פּאָעמע האָט אייגנטלעך פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ נאַריש געמיש, וואָס ס׳איז אוממעגלעך אין אים זיך פאָרנאַנדערצוקלייבן. קריסטאָף האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען; אין קאָפּ האָט

זיך אים אַלץ צוזאַמענגעמישט; ער האָט פאַרביטן איין פּערזאָן אויף אַ צווייטער, געצויגן דעם זיידן פאַרן אַרבל און געשטעלט אים משונהדיקע קלאָץ־קשיות, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער הויבט זיך נישט אָן פונאַנדערצוקלייבן. און דאָך — נישט נאַר, וואָס ער האָט זיך נישט געלאַנגווייליקט, נאָר ס'האָט אים, אדרבא, ליידנשאַפטלעך פאַראינטערעסירט. לויט דעם נאַרישן ליברעטאָ האָט ער זיך פון איינער פאַנטאַזיע אויפגעבויט אַ ראָמאַן, וואָס האָט אייגנטלעך נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דעם, וואָס מ'האָט געשפּילט; אמת, אַלע ווײַלע האָבן די געשעענישן אויף דער סצענע אָפּגעלייקנט זיינע געדאַנקען, און ער האָט געמוזט אָנהויבן זיי פון דאָס ניי, אָבער דאָס האָט אים נישט צעטומלט. צווישן די מענטשן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אויף דער סצענע און זיך פּשוט געריסן ביי די גאָרגלען שרייענדיק, האָט ער זיך אויסגעקליבן עטלעכע, וואָס האָבן געפונען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן, און ער האָט מיט האַרצקלאַפּעניש נאָכגעפאָלגט נאָך זייער גורל. מער פון אַלע האָט געפאַנגען זיין האַרץ איין יפהפיה, אגב, נישט זייער קיין יונגע, מיט לאַנגע, פלאַקערדיקבלאָנדע האָר, מיט אומגעווייניך־גרויסע אויגן און באָרוועסע פיס. די אומגעלומפּערטע סתירות פון דער אינסצעניזירונג האָבן אים נישט שאָקירט. זיינע שאַרפע אויגן האָבן גאָרנישט באַמערקט די משונהדיקע מיאוסקייט פון די אומנאַטירלעך-גרויסע און דיקע אַקטיאָרן; נישט באַמערקט די צעדרייטע כאָריסטקעס, וואָס זענען אין קיין שום פּרט נישט געווען אין אָרדנונג און געווען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען; נישט די לעכערלעכקייט פון די זשעסטן, פון די פּנימער, וואָס זענען געוואָרן רויט און אָנגעשוואָלן פון די מוראדיקע געשרייען, פון די גרויסע פּאַרוקן, נישט די הויכע קנאַפּל פונם טענאָר און נישט — לסוף — די שמינקע פון זיין געליבטער דאַמע, וואָס איר פּנים איז געווען טאַטואירט מיט פאַרשידנפאַרביקע בלייפעדערס. ער איז געווען אין דער לאַגע פון אַ פאַרליבטן, וואָס זיין ליידנשאַפט לאָזט אים נישט צו זען ניכטער דעם געליבטן אָביעקט. די ווונדערלעכע קראַפט פון אילוזיע, וואָס איז אַזוי נאַטירלעך ביי קינדער, האָט נישט צוגעלאָזן קיין שום שלעכטע איינדרוקן און האָט זיי, לויט איר ווילן, איבערגעאַנדערשט.

מער פון אַלץ האָט די מוזיק אויפגעטון אָט דעם ווונדער. זי האָט פאַרשלייערט די זאַכן מיט אַ נעפּלדיקער אַטמאָספער, ווו אַלץ

האָט אויסגעזען שיין, איידל און ווי עס דאַרף צו זיין. זי האָט דערוועקט אין דער נשמה אַ ברענענדיקן דורשט ליב צו האָבן, און אין דער אייגענער צייט געוועבט פאַר דער ליבע זעאונגען, כדי אויסצופילן דעם תהום, וואָס זי אַליין האָט אויפגעעפנט. דער קליינער קריסטאָף איז געווען אויסער זיך פון התפעלות. עס זענען דאָ געווען אַזעלכע ווערטער, זשעסטן, מוזיקאַלישע פראַזן, וואָס האָבן אויף אים געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. ער האָט זיך נישט דערוועגט אויפצוהייבן די אויגן, נישט געוווסט צי דאָס איז גוט אָדער שלעכט; די פאַרב פון זיין פנים האָט זיך כסדר געביטן פון רויט אויף ווייס; מאָמענטנווייז זענען אים טראָפנס שווייס אַרויס אויפן שטערן און ער האָט געציטערט פאַר שרעק, טאָמער באַמערקן די אַלע מענטשן, וואָס זענען דאָ פאַראַן, זיין צעטומלטקייט. ווען ס׳זענען אין פערטן אַקט פון דער אָפערע אָנגעקומען די אומפאַרמיידלעכע קאַטאַסטראָפעס, וואָס פאַלן געוויינלעך אויף די קעפ פון די פאַרליבטע, כדי צו געבן די מעגלעכקייט דעם טענאָר און די פרימאַדאָנע זיך צו באַווייזן מיט דער פראַכט פון זייערע העכסטע טענער,—האָט דאָס קינד געמיינט, אַז עס ווערט דערשטיקט; ס׳האָט אים וויי געטון אין האַלז, ווי ער וואָלט זיך פאַרקילט; ער האָט זיך מיט די הענט געטאַפט ביים האַלז, נישט געקאָנט אַראָפשלינגען דעם שפייעכץ. די טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלז. זיינע הענט און פיס האָבן אים ווי אָפגענומען פון קעלט. צום גליק איז דער זיידע געווען נישט ווייניקער נתפעל פון אים. ער האָט געשעפט נחת פון טעאַטער מיט דער נאַאיווקייט פון אַ קינד. אין די דראַמאַטישע ערטער פלעג ער אָפהוסטן מיט אַ גלייכגילטיקער מינע, צו פאַרבאָרגן זיין אויפרעגונג; אָבער קריסטאָף האָט עס געזען, און ס׳האָט אים הנאה געטון. ס׳איז געווען זייער הייס, קריסטאָף איז געפאַלן פון די פיס פאַר מידקייט, דערצו איז אים געווען נישט באַקוועם צו זיצן. אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, צי וועט עס נאָך לאַנג דויערן? הלואי זאָל עס זיך נאָך נישט ענדיקן!

און פלוצים האָט זיך אַלץ געענדיקט, ער קאָן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס. דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפגעלאָזן, אַלע הויבן זיך אויף, דער כשוף איז פאַרשוווּנדן.

זיי זענען געגאַנגען אַהיים שפעט ביינאַכט, אָט די צוויי קינדער, דער אַלטער און דער יונגער. סאַר אַ שיינע נאַכט! וואָס פאַר

אַ בלייכע לבנה־שיין! זיי האָבן ביידע געשוויגן, און איבערגעחזרט אַלץ אין זכרון. לסוף האָט דער אַלטער געזאָגט:

— ביסט צופרידן, קליינער?

קריסטאָף האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט ענטפערן; ער איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט פון איבעראַשונג, און נישט געוואָלט רעדן, נישט צו צעשטערן דעם כּישוף. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און אַרויסגעמורמלט זייער שטיל, מיט אַ טיפן זיפץ:

— אָ, יאָ!

דער אַלטער האָט אַ שמייכל געטון. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געענטפערט:

— זעסטו שוין, סאַראַ וווּנדערלעכע זאַך ס'איז די מלאכה פונם מוזיקער? צו שאַפן אַזעלכע ווערק, אַזעלכע וווּנדערלעכע ספּעקטאַקלען—קאָן נאָך זיין עפּעס העכער דערפון? דאָס הייסט דאָך פּשוט צו זיין אַ גאָט אויף דער ערד.

דער קליינער איז נשתומם געוואָרן. וואָס? אָט דאָס האָט געשאַפן אַ מענטש! און ער האָט אַזוי גאָרנישט געטראַכט. ס'האָט זיך אים כּמעט געדאַכט, אַז דאָס איז אויפגעקומען פון זיך אַליין, אַז עס איז אַ ווערק פון דער נאַטור!... אַ מענטש, אַ מוזיקער! אַזאַ ווי ער אַליין וועט אַמאָל ווערן! אָך! ווען ער קאָן זיין כאָטש איין טאָג, כאָטש איין איינציקן טאָג! און שפּעטער... וואָס עס זאָל נישט זיין! אפילו שטאַרבן, אויב מ'דאַרף! ער האָט געפרעגט:

— ווער האָט דאָס אַלץ געמאַכט?

דער זיידע האָט אים דערציילט וועגן פראַנץ־מאַריאַ האַסלער, אַ יונגן דייטשן קינסטלער, וואָס האָט געוווינט אין בערלין, וועמען ער האָט אַמאָל געקענט. קריסטאָף האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן. פּלוצלינג האָט ער געזאָגט:

— און דו, זיידע?

דער אַלטער האָט אַ ציטער געטון.

— וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— ציי האָסטו אויך געמאַכט אַזעלכע זאַכן?

— געוויס — האָט געענטפערט דער אַלטער מיט אַ ברוגזדיקער שטים.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און עטלעכע טריט ווייטער האָט ער טיף אָפּגעזיפצט, ס'איז געווען דאָס אָנגעווייטאָגסטע אָרט אין זיין

לעבן. כּל ימיו האָט ער געשטרעבט אָנצושרייבן עפּעס פאַרן טעאַטער, נאָר די געטלעכע שטימונג האָט אים שטענדיק געגנאַרט. ער האָט אמת געהאַט צווישן זיינע כּתבים איין אָדער צוויי אַקטן, וואָס ער האָט פאַרפאַסט; אָבער ער האָט אַזוי ווייניק געגלויבט אין זייער ווערט, אַז ער האָט קיינמאָל קיין מוט נישט געהאַט צו ווייזן זיי עמעצן אויף מבינות.

מער האָבן זיי נישט גערעדט קיין וואָרט, ביז זיי זענען געקומען אַהיים. די נאַכט זענען זיי ביידע נישט געשלאָפן. דעם אַלטן האָבן געמאַטערט זיינע ווייטיקן. כּדי זיך צו טרייסטן האָט ער גענומען די ביבל; — קריסטאָף, ליגנדיק אין בעט, האָט זיך ווידער דערמאָנט אַלע געשעענישן פונם אָוונט; ער האָט אויפגעלעבט די קלענסטע פּרטים, אויך דאָס מיידל מיט די באָרוועסע פיס האָט זיך אים באַוויזן. ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן, האָט אים אַ מוזיק־פראַזע אָנגעהויבן צו קלינגען אין די אויערן מיט אַזאַ דייטלעכקייט, גלייך דער אָרקעסטער וואָלט דאָ, נעבן זיין בעט, געשפּילט. ער האָט אַ ציטער געטון און זיך אויפגעהויבן; דער קאָפּ איז אים שכּור געווען פון מוזיק, און ער האָט געטראַכט: „ס'וועט זיין אַ צייט, ווען איך וועל אויך שרייבן, איך! אוי צי וועט עס מיר נאָר געלינגען?"

פון דער צייט אָן האָט קריסטאָף געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: צו גיין נאָכאַמאָל אין טעאַטער; ער האָט גענומען שפּילן מיט שטאַרקערער התמדה, ווען מ'האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט מיטצונעמען אין טעאַטער. ער האָט מער וועגן קיין אַנדערע זאַכן נישט געטראַכט: די ערשטע האַלבע וואָך פלעג ער טראַכטן וועגן דער פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט שוין געזען, און די אַנדערע האַלבע וואָך פלעג ער טראַכטן וועגן דער פאָרשטעלונג, וואָס וועט ערשט פאָרקומען. ער פלעג ציטערן, טאָמער וועט ער פאַר דער פאָרשטעלונג קראַנק ווערן, און זיך איינרעדן דריי פיר קראַנקהייטן מיטאַמאָל. ווען דער דאָזיקער טאָג פלעג קומען האָט ער קיין מיטאָג נישט געגעסן, נאָר אַרומגעבלאָנדזשעט פון אָרט צו אָרט, ווי אַ נשמה אין כּף־הקלע, צענדליקער מאָל געקוקט אויפן זייגער, און אַלץ געמיינט, אַז דער אָוונט וועט שוין מסתמא, קיינמאָל נישט קומען; לסוף פלעג ער מער נישט אויסהאַלטן אין אַרויסלויפן פון שטוב אַ שעה פאַרן אָנהויב, מיט דער מורא, טאָמער געפינט ער קיין אָרט נישט; און ווי נאָר ער איז דער ערשטער געקומען אין ליידיקן זאַל האָט ער באַלד אָנגעהויבן אומרויק צו ווערן. דער זיידע האָט אים

געהאַט דערציילט, אַז אַ פּאָר מאָל האָט שוין געטראָפן, אַז עס איז געקומען זייער אַ קליינער עולם, און די שפּילער האָבן בעסער אומגעקערט דאָס געלט פאַר די בילעטן און נישט געשפּילט. ער האָט נאָכגעקוקט די אַריינקומענדיקע, געציילט זיי: „דריי און צוואַנציק, פיר און צוואַנציק, פינף און צוואַנציק... אָ, ס'איז נאָך ווייניק... עס וועט שוין אַזוי שטענדיק זיין ווייניק!" און ווען ער פלעג זען אַרויפגיין אויף אַ באַלקאָן אָדער אין פּאַרטער עפּעס אַ חשובן מענטשן, פלעג אים גרינגער ווערן אויפן האַרצן; ער האָט געזאָגט צו זיך: „אָט אָ דעם, וועלן זיי נישט האָבן קיין העזה צוריקצושיקן. פאַר אים וועלן זיי געוויס שפּילן." — אָבער ער איז נאָך אַלץ נישט געווען פולשטענדיק זיכער; ער פלעג זיך ערשט באַרויקן, ווען די מוזיקאַנטן האָבן פאַרנומען זייערע ערטער אין אָרקעסטער. ער פלעג נאָר אַלץ ביז דער לעצטער מינוט מורא האָבן, טאָמער הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג, און מ'גיט צו וויסן וועגן געוויסע שנוים אין דער פאָרשטעלונג, אַ זאַך, וואָס האָט שוין אויך אַמאָל געטראָפן. ער האָט געקוקט מיט זיינע קליינע אויגן פון אַ רויב־פויגל אויף דעם שטענדער פון דעם קאָנטראַבאַס, כדי צו זען, צי דער טיטל אויפן נאָטן־העפט איז דער אייגענער, ווי דער נאָמען פון דער פאָרשטעלונג. און אין צוויי מינוט אַרום, נאָכדעם ווי ער האָט עס געזען, האָט ער שוין אַהין ווידער געקוקט אומרויק, צי האָט ער נישט געהאַט קיין טעות... דער קאַפּעלמייסטער האָט זיך פאַרשפּעטיקט. ער איז זיכער קראַנק... אונטערן פאָרהאַנג האָט מען זיך כסדר באַוועגט, ס'האָט זיך געטראָגן פון דאָרטן אַ רעש פון קולות און איילנדיקע טריט. צי איז דאָרט נישט געשען אַמאָל אַן אומגליק?... נאָר אָט איז ווידער שטיל. דער קאַפּעלמייסטער זיצט שוין אויף זיין אָרט. דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין סוף כל סוף פאַרטיק... ער האָט געברענט פון אומגעדולד; — לסוף דערהערט זיך דער סיגנאַל. דאָס האַרץ נעמט אים האַסטיק קלאַפּן. דער אָרקעסטער שפּילט דעם פאָרשפּיל, און אין משך פון עטלעכע שעה שווימט קריסטאָף אַרום אין אומענדלעכן גליק, וואָס ווערט פאַרשטערט נאָר פון דעם איינציקן געדאַנק, אַז באַלד וועט זיך עס ענדיקן.

אינגיכן האָט אַ ניי געשעעניש אין דער מוזיקאַלישער וועלט אויפגערודערט קריסטאָפס נשמה. פראַנץ מאַריאַ האַסלער, דער מחבר פון דער ערשטער אָפּערע, וואָס האָט געמאַכט אויף קריסטאָפן אַזאַ רושם, איז געקומען צו פאָרן. ער האָט געדאַרפט דיריגירן אויף אַ קאָנצערט פון זיינע אייגענע ווערק. דאָס שטעטל האָט געקאָכט ווי אַ קעכל. וועגן אָט דעם יונגן מוזיקער האָט מען אין דייטשלאַנד זיך זייער שטאַרק מתווכח געווען, און אין משך פון פופצן טעג נאָך איידער ער איז געקומען, האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן אים. דער טומל פאַרשטייט זיך איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען ער איז לסוף געקומען. ביי מעלכיאָרן און ביים אַלטן זשאַן־מישעל האָט זיך די טיר אַ גאַנצן טאָג נישט פאַרמאַכט, און אָן אויפהער זענען פריינט אַריין און אַרויס, נאָכפרעגנדיק זיך נייעס אָדער מיטברענגענדיק גוזמאות און סתם באָבע־מעשות וועגן די מאָדנע רגילותן פונם מוזיקער. דאָס קינד האָט זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען מיט אַ ליידנשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט. דער געדאַנק, אַז דער גרויסער מאַן געפינט זיך דאָ, אין זיין שטאָט, אַז ער אָטעמט מיט דער זעלבער לופט, אַז ער טרעט איבערן זעלבן ברוק, אָט דער געדאַנק האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ צושטאַנד פון שטומער התפעלות. איצט האָט ער געלעבט מיט דער איינער האָפנונג אים צו זען.

האַסלער איז פאַרפאָרן אין פאַלאַץ, וווהין דער גרויספירשט האָט אים גאַסטפריינטלעך איינגעלאַדן. ער איז די גאַנצע צייט אין ערגעץ נישט אַרויסגעגאַנגען, אַחוץ אין טעאַטער אויף די פראָבעס, וווהין מ׳האָט קריסטאָפן נישט אַריינגעלאָזן, און מחמת פוילקייט פלעג ער שטענדיק פאָרן הין און צוריק אין דעם פירשטס קאַרעטע. קריסטאָף האָט דעריבער געהאַט גאַנץ ווייניק אויסזיכטן אים צו טרעפן; בלויז איין איינציק מאָל האָט זיך אים איינגעגעבן צו כאַפּן אַ קוק טיף אין דער קאַרעטע, בעת זי איז פאַרבייגעפאָרן, אויף זיין פעלץ, — כאָטש ער פלעג לאַנגע שעהן אָפּוואַרטן אויף דער גאַס, שטויסנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אויף רעכטס, אויף לינקס, פאָרנט און הינטן, כדי זיך דורכצושלאָגן דורכן גרויסן עולם נייגעריקע און פאַרבלייבן שטיין אין דער ערשטער רייע. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער פלעג אָפּשטיין האַלבע טעג פאַר די פענסטער פון פאַלאַץ, אויף וועלכע, מ׳האָט געזאָגט, אַז זיי געהערן צום מייסטערס צימער. אָבער מער ווי די לאָדנס האָט ער נישט געזען. ווייל האַסלער פלעג אויפשטיין שפּעט,

און די פענסטער זענען פאַרבליבן פאַרמאַכט כמעט אַ גאַנצן פרימאָרגן. דער־בער טאַקע האָבן באַהאַוונטע מענטשן דערציילט, אַז האַסלער פאַר־טראָ:ט נישט דעם טאָג און ער לעבט אין אייביקער נאַכט.

לסוף איז קריסטאָפן באַשערט געווען צו זען פון דער נאָענט דעם העלד. ס׳איז געווען אין טאָג פונם קאָנצערט. די גאַנצע שטאָט איז געקומען. דער גרויספירשט און זיינע הויף־לייט האָבן פאַרנומען די גרויסע פירשטלעכע לאָזשע, באַפּוצט מיט אַ קרוין, וואָס צוויי די־קע כּרובים מיט רונדיקע פיסלעך האָבן געהאַלטן אין דער לופטן. דאָס טעאַטער האָט אויסגעזען יום־טובדיק. די בינע איז באַצירט געווען מיט דעמב־צווייגן און בליענדיקע לאָרבער. אַלע מוזיקאַנטן, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען אין שטאָט, האָבן געהאַלטן פאַר אַ כּבוד צו באַטיי־ליקן זיך אין אָרקעסטער. מעלכיאָר האָט פאַרנומען זיין אָרט, און זשאַן מישעל האָט דיריגירט מיט די כאָרן.

ווען האַסלער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, האָט זיך פון אַלע זייטן אויפגעהויבן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, און די דאַמען האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער, אים בעסער צו זען. קרי־סטאָף האָט אים געפרעסן מיט די אויגן. האַסלער האָט געהאַט אַ יונג שיין פּנים, אָבער שוין אַ ביסל געקנייטשט און פאַרמאַטערט. די האָר אויף זיינע שלייפן זענען געווען אויסגעקראָכן, און אַ פריצייטיקער פליך האָט געגלאַנצט צווישן זיינע בלאָנדע, געקרייזלטע האָר. זיינע בלויע אויגן האָבן אומזיכער אַרומגעבלאָנדזעט. ער האָט געהאַט קליינע בלאָנדע וואָנסעלעך און אויסדרוקספולע ליפן, וואָס זענען זעלטן גע־ווען אין באַוועגונג, אומרויקע ליפן, וואָס האָבן אָן אויפהער געצוקט אין טויזנטער אומבאַמערקטע באַוועגונגען. ער איז געווען הויך, אָבער איינגעבויגן, נישט מחמת שעמעוודיקייט, נאָר פשוט צוליב מידקייט אָדער לאַנגווייליקייט, ער האָט דיריגירט מיט אַ קאַפּריזער לייכטקייט, וויגנדיק זיך מיטן גאַנצן מגושמדיקן גוף, און איבערגעוואָרפן זיך, פּונקט ווי זיין מוזיק, פון רויקע, ווייך־לאַשטשענדיקע זשעסטן אין האַסטיק מיאוסע באַוועגונגען. מ׳האָט געזען, אַז עס איז שרעקלעך נערוועאיש, און אַז זיין מוזיק שפּיגלט ער אָפּ אויסגעצייכנט. אָט דאָס צאַפּלדיקע און קאַפּריזע לעבן האָט זיך טיף איינגעקריצט אין דעם שטענדיק־אַפּאַטישן אָרקעסטער. קריסטאָף האָט שווער געאָטעמט; כאָטש ער האָט מורא געהאַט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, האָט ער דאָך נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט; ער האָט זיך געדרייט, אַלע

ווילע זיך אויפגעהויבן פון אָרט. די מוזיק האָט גערעדט צו אים מיט אַזאַ אומגעריכטער מיטרייסנדיקער שפּראַך, אַז נישט ווילנדיק האָט ער געוואָרפן מיטן קאָפּ, מיט די הענט און פיס, צום גרויסן פאַריבל פון זיינע שכנים, וואָס האָבן זיך, ווי נור איינער האָט געקאָנט, באַשיצט פון זיינע אָנפאַלן. אגב, איז דאָס גאַנצע פובליקום געווען באַגייסטערט און מיטגעריסן, — נישט אַזוי פון האַסלערס ווערק, ווי פון זיין גרויסן שם און דערפאָלג. לסוף איז אויסגעבראָכן אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען, וואָס די טרומייטן פון אָרקעסטער האָבן, לויט דעם דייטשן מנהג, באַגלייט מיט זייערע טריומף-קולות, כּדי צו באַגריסן דעם זיגער. קריסטאָף האָט געציטערט פון שטאָלץ, גלייך דער גאַנצער כּבוד וואָלט געווען פון זיינעטוועגן. ער האָט זיך געפרייט צו זען אויף האַסלערס פּנים אַ קינדערשע שמחה. דאַמען האָבן געוואָרפן בלומען, מענער האָבן געפאָכעט מיט זייערע היטלען, און דער גאַנצער עולם האָט געשטראָמט צו דער בינע. יעדערער האָט געוואָלט דריקן דעם מייסטער די האַנט. קריסטאָף האָט געזען, ווי איינע אַ באַגייסטערטע פרוי האָט מיט ענטוזיאַזם צוגעטראָגן זיין האַנט צו אירע ליפּן, און אַ צווייטע האָט צוגעכאַפּט דאָס טאַשן-טיכל, וואָס האַסלער האָט געהאַט איבערגעלאָזן אויף זיין שטענדער. ער האָט אויך געוואָלט צוגיין נעענטער צו דער בינע, הגם ער האָט אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס; ווען ער וואָלט אין דעם מאָמענט זיך געפונען נאָענט צו האַסלערן, וואָלט ער אויף זיכער אַנטלאָפן פאַר אויפרעגונג און שרעק. און דאָך האָט ער זיך געשטויסן ווילד מיטן קאָפּ, ווי אַ באָק, אין די קליידער און פיס, וואָס האָבן אים אָפּגעטיילט פון האַסלערן, — ער איז געווען צו קליין. ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן דורכצושפּאַרן.

צום גליק איז דער זיידע צוגעקומען צו אים, בעת מ'איז אַרויס פונם קאָנצערט, מיטצונעמען אים אויף אַ סערענאַדע, וואָס מ'האָט איינגעאָרדנט לכּבוד האַסלערן. ס'איז געווען נאַכט, מען האָט אָנגעצונדן שטורקאַצן. אַלע מיטגלידער פון אָרקעסטער זענען דאָרט געווען. מ'האָט געהאַלטן אין איין שמועסן וועגן דעם פּרעכטיקן ווערק, וואָס מ'האָט היינט געהערט. זיי זענען צוגעקומען צום פּאַלאַץ און אָן אַ טומל זיך אַוועקגעשטעלט אונטער די פענסטער פון קינסטלער. מ'האָט די אַלע הכנות געמאַכט אין דער שטיל, הגם ס'איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, און האַסלער האָט פונקט ווי אַנדערע געוווסט, וואָס מ'האָט דאָ געפּלאַנעוועט. אין דער הערלעכער שיינקייט פון דער נאַכט

האָבן זיי אָנגעהויבן צו שפּילן באַוווּסטע פראַגמענטן פון האַסלערן. ער האָט זיך באַוויזן אין פענסטער צוזאַמען מיטן פּירשט, און מ׳האָט זיי מקבל-פּנים געווען מיט הילכיקע אויסגעשרייען. ביידע האָבן באַגריסט דעם עולם. ס׳איז אַרויסגעקומען אַ באַדינער און אין פּירשטס נאָמען איינגעלאַדן די מוזיקער אין פּאַלאַץ. זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך זאַלן, וואָס זייערע ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט בילדער פון נאַקעטע מענער מיט פּאַנצערס, וואָס זענען רויט-ברוין געווען און געהאַט אַ העלדיש אויסזען. דער הימל איז באַדעקט געווען מיט געדיכטע וואָלקנס, ענלעך צו שוואָמען. עס זענען דאָרט אויך געווען מענער און פרויען פון מירמלשטיין מיט בלעכענע פּאַרטוכער. — זיי האָבן ווייך געטראָטן איבער די טעפּיכער, אַז מ׳האָט קוים געהערט זייערע טריט און לסוף זענען זיי אַריין אין אַ זאַל, וווּ ס׳איז געווען ליכטיק ווי בייטאָג, און וווּ די טישן זענען געווען געדעקט און אָנגעשטעלט מיט אַלערליי געטראַנקען און כל טוב.

דאָרט איז געווען דער גרויספּירשט, אָבער קריסטאָף האָט אים נישט געזען: ער האָט כסדר געקוקט אויף האַסלערן. האַסלער איז אַרויסגעגאַנגען מקבל פּנים זיין די מוזיקער און האָט זיי געדאַנקט; ער האָט געזוכט ווערטער, זיך פּאַרפּלאָנטערט אין אַ זאַץ און זיך געראַטעוועט מיט אַ לצנישן וויץ, וואָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ שטאַרק געלעכטער. מ׳האָט זיך געזעצט צום טיש. האַסלער האָט איינגעלאַדן צו זיך פיר אָדער פינף קינסטלער, דער עיקר האָט ער אויסגעטיילט קריסטאָפס זיידן און אים געזאָגט עטלעכע לויב-ווערטער: ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זשאַן-מישעל איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן זיינע ווערק, און געזאָגט, אַז אָפט פלעג ער הערן רעדן וועגן אים פון זיינעם אַ פריינט, זשאַן מישעלס אַ געוועזענעם תּלמיד. דער אַלטער האָט זיך געשמאָלצן פאַר נחת, און געדאַנקט אים אָן אַ שיעור. ער האָט אַזוי פיל איבערגעטריבן האַסלערס שבחים, אַז נישט געקוקט אויף זיין גרויסער באַוווּנדערונג פאַרן מייסטער, האָט זיך דער קליינער דאָך געפילט פאַרשעמט. פונדעסטוועגן האָבן האַסלערן, משמעות, גאָרנישט געוווּנדערט די גוזמאדיקע לויב-געזאַנגען און ער האָט זיי אָנגענומען פאַר ליב און נאַטירלעך. לסוף האָט דער זיידע זיך אינגאַנצן פאַרלוירן אין זיין רעדע, ער האָט אַ צי געטון קריסטאָפן פאַרן הענטל און אים פאָרגעשטעלט פאַר האַסלערן. האַסלער האָט אַ שמייכל געטון צו קריסטאָפן, און אים אַ גלעט געטון

נאַכלעסיק איבערן קעפּל; דערהערנדיק אָבער, אַז דער קליינער האָט ליב זיין מוזיק און אַז איידער האַסלער איז געקומען, איז ער פון אומ-געדולד לאַנגע נעכט נישט געשלאָפן, האָט ער אים גענומען אין די אָרעמס און פריינטלעך אים אויסגעפרעגט. קריסטאָף, רויט פון גליק און שטום פון אויפרעגונג, האָט נישט געהאַט קיין מוט צו קוקן אים אין די אויגן. האַסלער האָט אים אָנגענומען פאַרן קין און אויפגעהויבן אים דעם קאָפּ. קריסטאָף האָט זיך אָנגעטון אַ כוח, אַ קוק געטון אויף אים און זיך צעלאַכט, ווען ער האָט דערזען, אַז האַסלערס אויגן זע-נען גוטע און לאַכנדיקע. ער האָט זיך געפילט אַזוי גליקלעך, אַזוי וווּנדערלעך-גליקלעך אין די אָרעמס פון זיין טייערן, גרויסן מאַן, אַז ער האָט זיך אַזש צעוויינט. האַסלערן האָט טיף גערירט די דאָזיקע נאַיווע ליבע, ער איז געוואָרן נאָך האַרציקער, אַרומגענומען קריסטאָפן און גערעדט צו אים מיט אַ מוטערלעכער צערטלעכקייט, אַריינגע-וואָרפן בשעת-מעשה לצנותדיקע ווערטלעך, געקיצלט אים, כדי אים לאַכנדיק צו מאַכן. קריסטאָף האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער אינמיטן וויינען. ער איז באַלד געוואָרן מיט האַסלערן זייער היימיש און אָן שום פאַרלעגנהייט אים געענטפערט אויף זיינע פראַגן. ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיך, וועגן זיינע קליינע פּלע-נער, — גלייך ער און האַסלער וואָלטן געווען אַלטע גוטע פריינט. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל ווערן אַזאַ מוזיקער ווי האַסלער, שאַפן שיינע זאַכן, ווי ער, און ווערן אַ גרויסער מענטש. קריסטאָף, וואָס איז שטענדיק געווען אַ שעמעוודיקער, האָט גערעדט איצט מיט אַ פולשטענדיק צוטרוי; ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער רעדט, געווען אין אַ צושטאַנד פון באַגייסטערטער התפעלות. האַסלער האָט געלאַכט פון זיין פּלוידעריי און אים געזאָגט:

— אַז דו וועסט זיין אַ גרויסער און וועסט ווערן אַ גוטער מו-זיקער, זאָלסטו קומען צו מיר אין בערלין. איך וועל פאַר דיר עפּעס טון.

קריסטאָף איז געווען אַנטציקט און נישט געקאָנט ענטפערן. האַסלער האָט זיך געריצט מיט אים:

— דו ווילסט נישט?

קריסטאָף האָט געשאָקלט ענערגיש מיטן קאָפּ, אַ פינף זעקס מאָל, אויף יאָ.

— נו, איז אָפּגעמאַכט?

קריסטאָף האָט ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גיב-זשע מיר כאָטש אַ קוש!

קריסטאָף האָט פּרוּוואָרפן זיינע הענט אַרום האַסלערס האַלז און אים אַרומגענומען מיט אַלע כוחות.

— דו, מחבל, מאַכסט מיך אינגאַנצן נאַס! לאָז-אָפּ! וויש בעסער אָפּ דאָס נעזל!

האַסלער האָט געלאַכט און אַליין אים אָפּגעווישט די נאָז. דער קליינער איז געווען פאַרשעמט און גליקלעך. האַסלער האָט אים אַראָפּגעלאָזן אויף דר׳ערד, אָנגענומען אים פאַר דער האַנט, צוגעפירט צום טיש, אָנגעשטאָפּט אים פולע קעשענעס מיט נאַשוואַרג און אָפּגעלאָזן אים מיט די ווערטער:

— זיי געזונט! געדענק, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט.

קריסטאָף איז געשווימען אין אַ ים פון גליק. די גאַנצע וועלט האָט פאַר אים איצט נישט עקסיסטירט. ער האָט זיך שפּעטער גאָרניטש געקאָנט דערמאָנען, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען אין יענעם אָוונט; ער האָט מיט ליבשאַפט נאָכגעקוקט יעדע ענדערונג אויף האַסלערס פּנים, יעדע באַוועגונג זיינע. איין וואָרט נאָר איז אים שטאַרק אַריין אין קאָפּ. האַסלער האָט געהאַלטן אַ טאָסט, און זיין פּנים איז פּלוצלינג פאַרקרימט געוואָרן. ער האָט געזאָגט:

— אין אַזעלכע פריידיקע טעג לאָמיר נישט פאַרגעסן אין אונזערע שונאים. נישט זיי האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר זענען נישט צעטרעטן געוואָרן, און נישט מיר זענען בכח זיי אומצוברענגען. און דעריבער הייב איך אויף מיין כּוס, און טרינק לכבוד דעם, וואָס עס זענען פאַראַן מענטשן, פאַר וועמעס געזונט... מיר טרינקען נישט!

דער גאַנצער עולם האָט אַפּלאָדירט און געלאַכט פון דעם אייגנאַרטיקן טאָסט; האַסלער האָט מיטגעלאַכט און געווינען ווידער זיין אויפגעלעגטע שטימונג. אָבער קריסטאָפן איז געוואָרן נישט היימלעך. הגם ער האָט זיך נישט דערוועגט צו משפּטן די מעשים פון זיין העלד, האָט אים געקרענקט, וואָס יענער טראַכט וועגן מיאוסע זאַכן אין אַ צייט, ווען ער דאַרף וועגן דעם נישט טראַכטן, אין אַן אָוונט, ווען אַלע פּנימער און געדאַנקען דאַרפן שיינען פאַר פרייד. אָבער דער איינדרוק איז געווען אַ פאַרנעפּלטער; ער איז תיכף אָפּגעווישט געוואָרן דורך דער שפּע פון פרייד און דורך אַ ביסל שאַמפּאַניער, וואָס ער האָט אַ זופּ געטון פון זיידנס כּוס.

אויפן וועג אַהיים האָט דער אַלטער נישט אויפגעהערט רעדן

צי זיך אַליין: די שבחים, וואָס ער האָט געהערט פון האַסלערן, האָבן אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים; ער האָט געטענהט, אַז האַסלער איז אַ גאון, וואָס טרעפט זיך איינמאָל אין הונדערט יאָר.

קריסטאָף האָט געשוויגן, פאַרזיגלענדיק אין האַרצן זיין פאַר־שכורטע ליבע: ער האָט אים געקושט, ער האָט אים געהאַלטן אין זיינע אָרעמס! ווי גוט ער איז! ווי גרויס ער איז!

— אַך, — האָט ער געטראַכט אין בעטל, אַרומנעמענדיק ליידנ־שאַפטלעך די קישן, — איך וויל שטאַרבן, שטאַרבן פאַר אים!

דער שטראַלנדיקער קאָמעט, וואָס האָט זיך אויף איין אָוונט באַוויזן אויפן הימל פון קליינעם שטעטל, האָט געהאַט אויף קריסטאָפס נשמה אַ שטאַרקן און אַנטשיידנדיקן איינפלוס. אין זיינע גאַנצע קינ־דעריאָרן איז עס געווען דער ליכטיקער מאָמענט, צו וועלכן דעם קינדס אויגן האָבן אָן אויפהער געקוקט, און אַ דאַנק דעם האָט דאָס קליין, זעקסיעריק מענטשעלע באַשלאָסן זיך נעמען צו פאַרפאַסן מוזיק. אין דער אמתן האָט ער שוין לאַנג געהאַט פאַרפאַסט שטיקלעך־מוזיק, אַליין נישט וויסנדיק דערפון. ער האָט נישט געוואַרט מיטן קאָמפּאָ־נירן, ביז ער האָט זיך דערוויסט, אַז ער קאָמפּאָנירט.

אַלץ איז מוזיק פאַר אַ מוזיקאַלישער נשמה. אַלץ, וואָס וויברירט, רירט זיך, באַוועגט זיך און צאַפּלט, — די זוניקע זומער־טעג, די נעכט מיט די וואָיענדיקע ווינטן, דאָס פליסנדיקע ליכט, דאָס שימערן פון די שטערן, דער שטורם, דער געזאַנג פון די פייגל, דאָס זשומען פון די פליגן, דער גערויש פון דיביימער, שטימען געליבטע אָדער גע־האַסטע, דאָס היימישע קנאַקן פון פייער, דאָס סקריפּען פון דער טיר, דאָס בלוט, וואָס פולסירט אין די אָדערן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, — אַלץ, וואָס עקסיסטירט — איז מוזיק: מ׳דאַרף זי נאָר דער־הערן. די מוזיק פון גאָר דער וועלט האָט אָפּגעקלונגען אין קריסטאָפן. צאַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט, האָט זיך איבערגעשמאָלצן אין מוזיק. ער איז געווען ווי אַ זשומענדיקער בינשטאָק. אָבער קיינער האָט עס נישט באַמערקט, און ווינציקער פון אַלעמען — ער אַליין.

אַזוי פלעג ער ווי דער שטייגער פון קינדער, אונטערזינגען אָן

אויפהער אין יעדער שעה פון טאָג; וואָס ער זאָל בעת מעשה נישט טון; ווען ער פלעג שפּאַצירן אין גאַס, שפּרינגענדיק אויף איין פוס; אָדער ווען ער פלעג ליגן ביים זיידן אויף דער ערד, מיטן קאָפּ צווישן די הענט, פאַרטיפט אין אַ בילדער-בוך; אָדער ווען ער פלעג בעתן אָנפאַלן פון בין-השמשות זיצן אויף זיין קליין בענקעלע אינם טונקעלסטן ווינקל פון דער קיך, אַ פאַרחלומטער, נישט טראַכטנדיק דערביי וועגן גאָרנישט, — שטענדיק האָט מען געהערט דאָס איינטאָניקע מורמלען פון זיין קליין טרומייטערל, וואָס ער האָט נאָכגעמאַכט מיט אַ פאַרמאַכטן מויל, אָנגעבלאָזענע באַקן אָדער שפּילנדיקע ליפּן. דאָס פלעג דויערן גאַנצע שעהן, און ער איז גאָרנישט מיד געוואָרן. זיין מאַמע האָט קיין שום אַכט אויף דעם נישט געלעגט, אָדער זי פלעג אַמאָל פלוצלינג זיך אָנבייזערן אויף אים.

נאָר אָפּטמאָל, ווען ס'איז אים נמאס געוואָרן אָט דער פאַרשלאָפענער צושטאַנד, פלעג ער דערפילן אַ באַדערפעניש אַ רודער צו טון און אָנמאַכן אַ טומל. דעמאָלט פלעג ער אויסטראַכטן נגונים און זיך צעזינגען אויפן גאַנצן קול. פאַר יעדן באַזונדערן צופאַל פון זיין לעבן פלעג ער צוטראַכטן אַ באַזונדערן נגון. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן נגון אין דער פרי ביים פּליעסקען אין אַ שיסל וואַסער, ווי אַ קליין קאַטשקעלע. ער האָט אויך געהאַט אַ נגון, בעת ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן שטול פאַר דעם פּיאַנינאָ, פאַר אָט דעם פאַרהאַסטן אינסטרומענט, — און אַן אַנדערן ניגון, ווען ער פלעג אַראָפּגיין פון דאָרטן (דער לעצטער ניגון איז געווען אָן אַן ערך פריילעכער פון יענעם). ער האָט געהאַט אַ ניגון פאַר יענעם מאָמענט, ווען די מאַמע פלעג אים דערלאַנגען דאָס עסן צום טיש: — ער איז דעמאָלט פאָרויס געגאַנגען, בלאָזנדיק אַ מאַרש אין טרומייט. — ער פלעג זיך אַליין אויפשפּילן טריומף-מאַרשן, גייענדיק פייערלעך פון דער עסשטוב אין שלאָף-צימער. לכבוד דעם פלעג ער אָפּטמאָל אָרגאַניזירן אַ מאַרש מיט זיינע צוויי קליינע ברידער: אַלע דריי פלעגן גיין ערנסט, טריט ביי טריט, איינער נאָכן אַנדערן, יעדערער מיט זיין מאַרש. אָבער קריסטאָף פלעג דעם שענסטן מאַרש פאַר זיך איבערלאָזן, אַזוי איז געווען זיין יושר. יעדערער פון די נגונים איז געווען שטרענג באַשטימט פאַר אַ באַזונדערער געלעגנהייט, און קריסטאָפן איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פאַרטוישן זיי. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט זיך זיכער טועה געווען, ער אָבער האָט געקאָנט אונטער-

שיידן אַלע ניואַנסן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט.

איינמאָל איז ער אַרומגעלאָפן ביים זיידן איבער דער שטוב, צוקלאַפּנדיק מיטן קנאַפּל צום טאַקט; מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ אויף הינטן, מיטן בויך פאָרויס האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין שטוב אָן אַ סוף, ביז דער קאָפּ האָט אים אַזש גענומען שווינדלען, און געזונגען דערביי איינע פון זיינע קאָמפּאָזיציעס. דער זיידע האָט זיך געגאָלט די באָרד, האָט ער איבערגעריסן זיין אַרבעט און מיט אַן אָנגעזייפט פּנים, האָט ער אויף אים אַ קוק געטון און געפרעגט:

— וואָס זינגסטו דאָרטן, קליינער?

קריסטאָף האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט.

— זינג איבער נאָכאַמאָל! — האָט געזאָגט זשאַן-מישעל.

קריסטאָף האָט געפּרוווט, אָבער נישט געקאָנט זיך דערמאָנען יענעם ניגון. שטאָלץ, וואָס דער זיידע לעגט אַכט אויף זיין זינגען, האָט ער אים געוואָלט איבעראַשן מיט זיין שטים; ער האָט איבערגעזונגען אַ גרויסע אַריע פון אַן אָפּערע; אָבער נישט דאָס האָט געמיינט דער אַלטער. זשאַן-מישעל האָט מער נישט גערעדט, ער האָט זיך געמאַכט, ווי דער קליינער גייט אים גאָרנישט אָן. דאָך האָט ער געלאָזט האַלב אָפן די טיר פונם צימער, בעת דער קליינער האָט זיך דאָרט איינער אַליין געשפּילט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט קריסטאָף, אַרומגערינגלט מיט אַ קרייז שטולן, גענומען אויסשפּילן אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע, וואָס ער האָט געשאַפן פון די שטיקלעך, וואָס ער האָט געדענקט פון טעאַטער; גאָר ערנסט האָט ער אויסגעפירט אַ מענועט, פּונקט ווי ער האָט עס געזען, דערביי געזינגען צום טאַקט און זיך פאַרנייגט פאַר בעטהאָווענס פּאָרטרעט, וואָס איז געהאָנגען איבערן טיש. אויסדרייענדיק זיך אינם פּירועט-טאַנץ, האָט ער דערזען דורכן שפּאַלט פון טיר דעם קאָפּ פון זיידן, וואָס קוקט זיך צו צו זיין שפּיל. ער האָט געמיינט, אַז דער אַלטער מאַכט חוזק פון אים, און ער איז פאַרשעמט געבליבן; ער איז באַלד צוגעלאָפן צום פענסטער און צוגעדריקט דאָס פּנים צו דער שויב, ווי ער וואָלט געווען פאַרנומען מיט זייער אַ טשעקאַווער זאַך. דער אַלטער האָט גאָרנישט געזאָגט: ער איז צוגעגאַנגען און אים אַ קוש געטון. קריסטאָף האָט דערקענט, אַז דער זיידע איז צופרידן. זיין קינדערשע אייגנליבע האָט אים דערוועגט צו דערגיין, וואָס דאָס באַטייט; ער האָט געניי גאָר נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס דעם

זיידן איז איצט אַזוי געפעלן, דער טאַלענט פון אַ דראַמאַטישן קינ־סטלער, אַ מוזיקער, אַ זינגער אָדער אַ טענצער. ער איז גענייגט גע־ווען צו גלויבן, אַז עס איז דאָס לעצטע, ווייל ער האָט שטאַרק גע־האַלטן פון זיין טאַנצן.

אין אַ וואָך אַרום — ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן די גאַנצע מעשה, האָט אים דער זיידע מיט אַ געהיימניספולער מינע געזאָגט, אַז ער האָט אים עפּעס צו ווייזן. ער האָט אויפגעעפנט דאָס דעקל פון זיין שרייב־טיש, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ נאָטן־העפט. אַוועקגעלעגט עס אויף דער פּיאַנינאָ און געהייסן אים שפּילן. שטאַרק פאַראינטערע־סירט, האָט קריסטאָף קוים איבערגעלייענט די נאָטן. דאָס העפט איז געווען פאַרשריבן מיטן זיידנס גרויסער האַנטשריפט, וואָס איז דאָס מאָל געווען באַזונדערס געצירקלט. די קעפּלעך באַפּוצט מיט קריינד־לעך און צייכנס. — אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער אַלטער, וואָס איז געזעסן נעבן קריסטאָפן און געמישט די בלעטער, אים געפרעגט, וועמעס מוזיק דאָס איז. קריסטאָף איז שטאַרק פאַרטון געווען אין זיין שפּילן, כדי בעסער צו פאַרשטיין די מוזיק, האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט.

— קוק זיך גוט צו! דערקענסט נישט?

יאָ, ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער דערקענט עס; ער האָט אָבער נישט געוווסט, ווו ער האָט עס געהערט... דער זיידע האָט גע־לאַכט:

— דערמאָן זיך!

קריסטאָף האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך ווייס נישט.

וואָס אַן אמת, — עפּעס איז אים יאָ דורכגעפלויגן אין קאָפּ; ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ניגונים... אָבער ניין! ער האָט נישט געהאַט קיין מוט... ער האָט זיי נישט געוואָלט דערקענען:

— זיידע, איך ווייס נישט!

ער איז רויט געוואָרן.

— אוי, נאַרעלע, דערקענסט גאָרנישט, אַז דאָס זענען דיינע אייגענע מעלאָדיעס?

איצט איז ער שוין געווען זיכער! אָבער ווען ער האָט דער־הערט די ווערטער, האָט אים דאָס האַרץ האַסטיק גענומען קלאַפּן:

— אָ, זיידע!...

דער אַלטער האָט געשטראַלט פאַר פרייד און אים דערקלערט וואָס דאָס העפט באַדייט:

—זעסט: אַריע. ס'איז דאָס, וואָס דו האָסט געזונגען דינסטיק, ווען דו ביסט געלעגן אויסגעצויגן אויף דר'ערד. — מאַרש. ס'איז דאָס, וואָס כ'האָב דיר געהייסן איבערזינגען יענע וואָך, און דו האָסט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. — מענועט. ס'איז דאָס, וואָס דו האָסט געטאַנצט פאַר מיין שטול... טו אַ קוק.

אויפן שער-בלאַט איז געווען אָנגעשריבן מיט וווּנדער-שיינע גאָטישע אותיות:

די פרייד פון דער קינדהייט: אַריעס מענועטן, וואַלסן און מאַרשן—ערשטער באַנד, פון זשאַן קריסטאָף קראַפט.

קריסטאָף איז געווען איבעראַשט צו זען זיין נאָמען, דאָס שיינע קעפל, דאָס דיקע העפט, זיין ווערק!... ער האָט נישט אויפגעהערט צו שטאַמלען:

— אָ, זיידע! זיידע!

דער אַלטער האָט אים צוגעדריקט צו זיך. קריסטאָף האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן אַלטנס קני און באַהאַלטן זיין קאָפּ אין זשאַן-מישעלס ברוסט. ער איז געווען רויט פון גליק. דער אַלטער נאָך מער גליקלעך פון אים, האָט געענטפערט מיט אַ כלומרשט גלייכגילטיקן טאָן; ער האָט געפילט, אַז אָט צעוויינט ער זיך פון גערירטקייט.

— נאַטירלעך, האָב איך צוגעשריבן די באַגלייטונג און די האַרמאָניע, וואָס גיט צו דעם כאַראַקטער פון אַ מעלאָדיע. און חוץ דעם... (ער האָט אַ הוסט געטון) און אַ חוץ דעם האָב איך אויך צוגעגעבן אַ טריאָ צום מאָנועט, ווייל... ווייל אַזוי איז מען זיך נוהג... און חוץ דעם... סוף-כל-סוף, מיין איך, איז עס נישט שלעכט.

ער האָט עס דורכגעשפילט. — קריסטאָף איז געווען זייער שטאָלץ מיטצואַרבעטן מיט זיין זיידן:

—אָבער, אויב אַזוי, זיידע, דאַרף דאָך דיין נאָמען אויך דאָ שטיין.

— נישט כדאי! ס'איז נישט כדאי, אַז אַנדערע, אויסער דיר, זאָלן עס וויסן... — נאָר.. — (דאָ האָט זיין שטים גענומען ציטערן) — נאָר שפעטער, אַמאָל, ווען איך וועל שוין מער נישט זיין, וועסטו זיך דערמאָנען אָן דיין אַלטן זיידן, נישט אמת? וועסט אים נישט פאַרגעסן?

דער אָרעמער אַלטיטשקער האָט אים נישט אַלץ דערציילט: ער האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם אומשולדיקן נסיון אַריינצופירן איינע פון זיינע אומגליקלעכע מעלאָדיעס אין זיין אייניקלס ווערק, וואָס וועלן אים — דאָס האָט ער פאָרגעפילט — איבערלעבן; אָבער דער פאַרלאַנג צו באַטייליקן זיך אין דעם דאָזיקן מכלומרשטן רום פון זיין אייניקל, איז געווען אַ באַשיידענער און אַ טיף־רירנדיקער. ער האָט זיך באַגנוגט אַריינצוגעבן אַנאָנים אַ קליינעם טייל פון זיינע געדאַנקען, כדי צו לאָזן נאָך זיך אַ זכר. — קריסטאָף איז געווען זייער גערירט און באַדעקט זיין פּנים מיט קושן. דער אַלטער, וואָס האָט זיך אַלץ מער נאָכגעגעבן זיין אייגענער ווייכקייט, האָט אים געקושט אין די האָר.

— נישט אמת. דו וועסט עס געדענקען? אַמאָל, ווען דו וועסט ווערן אַ גוטער מוזיקער, אַ גרויסער קינסטלער, וואָס פאַרשאַפט כבוד זיין פאַמיליע, זיין קונסט און זיין פאָטערלאַנד, ווען דו וועטט זיין באַרימט, וועסטו דאָך געדענקען, אַז דאָס האָט דיין אַלטער זיידע דער ערשטער אַנטפּלעקט, און פאָרויסגעזאָגט דיר, וואָס פון דיר וועט ווערן?

טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן, הערנדיק זיינע אייגענע ווערטער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן באַמערקן די סימנים פון זיין שוואַכקייט. ער האָט אָנגעהויבן צו הוסטן, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ בייזן אויסדרוק, אָפּגעשיקט דעם קליינעם אַהיים און באַהאַלטן דעם כתב־יד, ווי אַן אבן־טוב.

קריסטאָף איז אַהיימגעקומען שיכור פון גליק. די שטיינער האָבן אַרום אים געטאַנצט. אָבער דער קבלת־פּנים, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים געמאַכט, האָט אים אַ ביסל אויסגעניכטערט פון זיין שיכרות. ער האָט זיי, פאַרשטייט זיך, תיכף גענומען דערציילן די גדולות פון זיינע מוזיקאַלישע דערגרייכונגען. זיי אָבער האָבן זיך צעשריען אויף אים. די מוטער האָט חוזק געמאַכט. מעלכיאָר האָט געזאָגט, אַז דער אַלטער איז אַ חסר־דעה און ער וואָלט בעסער געדאַרפט זאָרגן וועגן זיך אַליין, איידער צו פאַרדרייען דעם קליינעם דעם קאָפּ מיט אַזעלכע איינרע-

דענישן. דערוויי, נישקשה, מעג זיך קריסטאָף אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אָט די נאַרישקייטן און אַזוי גוט זיין זיך אַוועקזעצן — וואָרום עס איז שוין צייט — ביי דער פּיאַנינאָ און אָפּשפּילן אַזוי אַ פיר שעה זיינע איבונגען. זאָל ער זיך, קודם-כל אויסלערנען שפּילן, ווי ס'דאַרף צו זיין; צו קאָמפּאָנירן וועט ער נאָך צייט האָבן, אויב ער וועט כלל נישט האָבן עפּעס בעסערס צו טון.

אין דער אמתן האָט מעלכיאָר מיט די דאָזיקע גערעכטע ווער-טער בכלל נישט געוואָלט — ווי מ'האָט עס געקאָנט מיינען — צו פאַרהיטן דאָס קינד פון געפערלעכער איינרעדעניש און פריצייטיקער גאווה. ער האָט טאַקע באַלד באַוויזן דעם היפוך. נאָר אַזוי ווי ער האָט זיין גאַנץ לעבן נישט באַוויזן אויסצודריקן אין זיין מוזיק קיין איינציקן געדאַנק און אויך נישט געשפּירט קיין פאַרלאַנג דערצו, איז ער, אין דער נאַרישער קליין-קעפּלדיקייט פון אַ ווירטואָז, געגלויבט גע-ווען צו באַטראַכטן דאָס שאַפן מוזיק, פאַר אַ טפל זאַך, אַ זאַך פון צווייטער מדרגה, וואָס ערשט דער שפּילער גיט צו אַ ריכטיקן ווערט. ער איז, אמת, נישט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק צום ענטוזיאַזם, וואָס אַזעלכע קינסטלער ווי האַסלער רופן אַרויס. ער האָט פאַר אַזוינע בייפאַלן, ווי בכלל פאַר יעדן דערפאָלג, געהאַט גרויס דרך ארץ, גע-מישט מיט אַ ביסל פאַרדרוס, ווי אָט די שבחים וואָלט מען ביי אים פערזענלעך צוגענומען. אָבער פון דערפאַרונג האָט ער געוווסט, אַז דער דערפאָלג פון גרויסע ווירטואָזן איז טיילמאָל גאָרנישט קלענער, און דערפאַר וואָס מ'דערגרייכט עס פּערזענלעך, איז עס נאָך טייערער און ברענגט גוטע רעזולטאַטן. ער האָט כלומרשט געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַרן טאַלענט פון די מוזיקאַלישע גאונים; אָבער בשעת-מעשה פלעגט ער הנאה האָבן צו דערציילן וועגן זיי לעכערלעכע אַנעק-דאָטן, וואָס האָבן געוואָרפן אַ טונקעלן ליכט אויף זייער אינטעליגענץ און לעבנסשטייגער. אויף דער העכסטער מדרגה פון קונסט האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם ווירטואָז, ווייל — פלעגט ער זאָגן — ער איז געגליכן צו דער צונג, וואָס איז דער איידלסטער טייל פון קערפּער. וואָס וואָלט, למשל, אויפגעטון דער געדאַנק אָן דעם וואָרט? וואָס וואָלט געווען מוזיק אָן דעם שפּילער?

וואָס מ'זאָל נישט זאָגן מכוח די מאָטיוון פון זיין דרוש, האָט מעלכיאָרס מוסר דאָך געהאָלפן קריסטאָפן צוריקצוגעווינען זיין שכל-הישר, וואָס דעם אַלטנס שבחים האָבן אים צעדרייט. ער האָט כמעט

נישט דערגרייכט זיין ציל. קריסטאָף האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז זיין זיידע איז פיל מער בר-דעת פון זיין פאָטער, און אויב ער האָט זיך פאַרט, אָן אַ ווידערשטאַנד, אַוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנינאָ, איז עס נישט געווען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אונטערגעגעבן זיין פאָ-טערס באַפעל, נאָר ווייל בעת זיינע פינגער האָבן אויף אַ מעכאַנישן אופן אַרומגעטאַנצט איבער די קלאַווישן, האָט ער זיך בעסער געקאָנט אַראָפלאָזן אין תהום פון זיינע חלומות און זעונגען, אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט. בעת ער האָט געמאַכט זיינע איבונגען, וואָס האָבן גאָר קיין סוף נישט געהאַט, האָט ער פאַרנומען די שטים, וואָס רופט אין זיין האַרץ מיט גאווה: „איך בין אַ קאָמפּאָזיטאָר, איך בין אַ גרויסער קאָמפּאָזיטאָר!"

פון דאַן אָן, פילנדיק זיך שוין פאַר אַ קאָמפּאָזיטאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו קאָמפּאָנירן. נאָך איידער ער האָט געקאָנט רעכט אויפ-שרייבן אַ צורת-אות, האָט ער זיך שוין גענומען אָנצושמירן פּערטל-און אַכטל נאָטן אויפן פּאַפּיר, וואָס ער פלעג אַרויסרייסן פון רעכע-נונג-ביכל. נאָר וויפל ער האָט זיך נישט געמאַטערט צו דערגיין וואָס-אַזוינס ער טראַכט אָנצושרייבן, האָט זיך עס אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס ער פלעג אינגאַנצן פאַרלירן דעם רעיון, און קוים געדענקען, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט טראַכטן. פונדעסטוועגן האָט ער מיט גרויס עקשנות נישט אויפגעהערט צו פאַרפאַסן מוזיקאַלישע פראַזן; און אַזוי ווי ער איז פון דער נאַטור געווען מוזיקאַליש, פלעג זיך עס אים מער-ווייניקער איינגעבן, הגם עס האָט נישט געהאַט קיין שום ווערט. יעדעס מאָל האָט ער זיינע שאַפונגען מיטן געפיל פון נצחון אַוועק-געטראָגן דעם זיידן, וועלכער פלעג וויינען פון שמחה — איצט אויף דער עלטער איז ער גאָר געוואָרן אַ קלאָג-מוטער — און געפסקנט, אַז זיי זענען אויסגעצייכנט.

מיט אַזאַ מין מבינות האָט מען אים זייער לייכט געקאָנט קאַ-ליע מאַכן. אָבער, צום גליק, האָט אים געראַטעוועט זיין פשוטער פאַרשטאַנד, וועמען ס'איז נאָך צו הילף געקומען די השפעה מצד אַ מענטשן, וואָס האָט זיך, אגב, קיינמאָל נישט פאַרמאָסטן עמעצן משפיע צו זיין, און אויף וועלכן די וועלט האָט באַין-אופן נישט געקוקט ווי אויף אַ קלאָרן מענטשן. — דאָס איז געווען לואיזעס ברודער.

פונקט ווי זי, איז ער געווען קליין, מאָגער און אַ ביסל איינ-געבויגן. מ'האָט קיינמאָל געוווּסט נישט געוווּסט ווי אַלט ער איז: אין

דער אמתן איז ער נישט געווען עלטער פֿון אַ יאָר פֿערציק, אָבער מען וואָלט אים זייער לייכט געקאָנט געבן פֿופֿציק יאָר און מער. ער האָט געהאַט אַ קליין, צעקנייטשט, רויטלעך פּנים, מיט גוטע, בלויע אויגן, גאַנץ בלאַסע, ווי אַ ביסל-פֿאַרוועלקטע פֿאַרגעס-מיך-נישט. אַז ער האָט אויסגעטון דאָס היטל, — וואָס האָט זייער זעלטן געטראָפֿן, מחמת מורא, ער זאָל זיך נישט צוקילן, — פֿלעג זיך אָפּדעקן אַ רונדער, גאַנץ-נאַקעטער פּליכעוואַטער שאַרבן, וואָס האָט שטאַרק געווײַלט קריסטאָפֿן מיט זײַנע בּרידער. זיי זענען גאָרגישט מיד געוואָרן אים אויסצופּרעגן, ווו ער האָט אַהינגעטון זײַנע האָר, און אונטערגעהעצט דורך מעלכיאָרס גראָבע וויצן, פֿלעגן זיי אים דראָען צו שלאָגן מיט דער רוט איבערן קאָפּ. ער אַליין פֿלעג דער ערשטער לאַכן דערפֿון, און געדולדיק לאָזן טון מיט זיך אַלץ, וואָס ס'האָט זיך זיי געגלוסט. ער איז געווען אַ דאָרף-גייער, אייביק אַרומגעוואַנדערט איבער די ישובים, מיט אַ גרויסן פּאַק פֿון כּל-טוב: קאָלאָניאַל-סחורות, שרייב-געצייג, נאַשערײַען, נאָז-טיכלעך, קראַוואַטן, שיך, קעסטלעך מיט קאָנסערוון, לידער-ביכלעך און כּלערליי רפֿואות. מען האָט אים שוין פֿיל מאָל געפּרוווט באַזעצן אויף אַן אָרט, געקויפֿט פֿאַר אים אַ שטיקל פֿלאַץ, אַ קרעמל, אַ שניט-געשעפֿט. ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינזיצן. אין מיטן נאַכט פֿלעג ער אויפֿשטיין, אַוועקלייגן דעם שליסל פֿאַר דער טיר, אַרויפֿגעלייגט דעם פּאַק איבער די פּלייצעס, זיך ווידער אַוועקגעלאָזט וואַנדערן. לאַנגע חדשים איז ער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. פּלוצלינג פֿלעג ער זיך באַווייזן: אין איינעם אַן אָוונט פֿלעג זיך עמעץ פּאָרקען ביים אַרייגאַנג. ס'עפֿנט זיך אויף די טיר און עס באַווײַזט זיך דער קליינער פּליכעוואַטער קאָפּ, צוליב העפֿלעכקייט וועגן אָן אַ היטל, מיט די גוטע אויגן און שעמעוודיקן שמייכל. ער זאָגט: „אַ גוטן אָוונט דעם גאַנצן עולם", ווישט אָפּ פֿאָרזיכטיק די שיך, איידער ער גייט אַריין, גיט אָפּ שלום, אָנהייבנדיק פֿון עלטסטן, און פֿאַררוקט זיך ענוותדיק אין באַשיידנסטן ווינקל פֿונם צימער. דאָרט פֿלעג ער פֿאַרויכערן זיין לולקע, איינבויגן דעם רוקן און רויק וואַרטן ביז דער האָגל פֿון וויצן וועט אויפֿהערן. ביידע קראַפּטס, דער זיידע מיטן פֿאָטער, האָבן געפֿילט צו אים אַ חוזק-פֿאַראַכטונג. דער דאָזיקער הויקער האָט אין זייערע אויגן אויסגעזען לעכערלעך. דערצו איז זייער אייגנליבע געטראָפֿן געווען דורך דעם שפּלען מצב פֿון דעם וואַנדערנדיקן הענדלער. זיי האָבן עס אים געגעבן צו פֿילן, אָבער ער

האָט זיך געמאַכט, ווי ער באַמערקט עס נישט און אַרויסגעוויזן צו זיי אַ טיפּן דרך־ארץ, וואָס האָט זיי אַראָפּגעשלאָגן פון טראָפּ, דער עיקר דעם אַלטן, וואָס איז געווען זייער עמפּפינדלעך צום אופן, ווי מ׳באַציט זיך צו אים. זיי האָבן זיך דעריבער באַגנוגט מיט גראָבע וויצן אויף זיין חשבון, וואָס האָבן נישט איינמאָל רויט געמאַכט לואיזעס פּנים. זי איז געווינט געווען אָן קיין שום טענות צו בויגן זיך פאַר דער דערהויבנקייט פון די קראַפּטס און איז נישט מסופּק געווען, אַז גערעכט זענען דער מאַן און שווער; אָבער זי האָט האַרציק ליב געהאַט איר ברודער, און דער ברודער ווידער האָט געפילט צו איר אַ שטומע אַנטציקונג. זיי זענען געווען די איינציקע פאַרבליבענע פון דער גאַנצער משפחה, ביידע עניוותדיקע, דערשלאָגן און צעבראָכן פונם לעבן; אַ בונד פון שטומען מיטלייד און בשותפותדיקן, פאַרבאָרגענעם פּיין האָט זיי פאַרייניקט אין אַ טרויעריקער ליבע. צווישן די געזונטע, טומלדיקע ברוטאַלע קראַפּטס, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן צו לעבן, און טאַקע פריילעך צו לעבן, האָבן זיך די צוויי שוואַכע גוטמוטיקע ברואים, — וואָס האָבן זיך געפונען, אַזוי צו זאָגן, מחוץ אָדער אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל פון לעבן, — קעגנזייטיק פאַרשטאַנען און איינער אויף דעם צווייטן האָט רחמנות געהאַט, קיינמאָל אפילו נישט רעדנדיק דערפון.

מיט אַן אכזריותדיקן קינדערשן לייכטזין איז קריסטאָף נישט אָפּגעשטאַנען פון דעם פאָטערס און זיידנס ביטול צום קליינעם הענדלער. ער האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים, ווי איבער אַ קאָמישן שפּיל־צייג; ער האָט אָפּגעלאַכט פון אים און דערגאַנגען אים די יאָרן מיט נאַרישע שפּיצלעך, וואָס יענער פלעג איבערטראָגן מיט אַ זעלטענער רויקייט. פונדעסטוועגן האָט אים קריסטאָף ליב געהאַט, אַליין נישט וויסנדיק דערפון. אַגב, האָט ער אים ליב געהאַט ווי אַ געהאָרכזאַם שפּילכל, וואָס מ׳קאָן דערמיט מאַכן וואָס מען וויל. ער האָט אים אויך ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער פלעג קיינמאָל נישט קומען מיט קיין ליידיקע הענט: אַ נאַשוואַרג, אַ בילדל אָדער אַ שיין שפּילכל. דער טאָג, ווען דאָס קליין מענטשעלע פלעג קומען צוריק פון זיין וועג, איז געווען פאַר די קינדער אַ יום־טוב, ווייל ער האָט זיי שטענדיק געמאַכט סורפּריזן. ווי אָרעם ער איז נישט געווען, האָט ער דאָך געפונען גענוג מיטלען צו ברענגען יעדן איינציקן אַ מתנה, און קיינמאָל האָט ער נישט פאַרגעסן וועגן אַ געבורטסטאָג אין דער פאַמיליע.

צו יעדן פֿאַמיליען־יום־טוב פֿלעג ער קומען פֿינקטלעך; ער פֿלעג אַרויסציען פֿון זײַן טאַש עפּעס אַ פֿײַנע מתּנה, שטענדיק צוגעקליבן מיט גרויס ליבשאַפֿט. מ'האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו זײַנע געשאַנקען, אַז מ'האָט אים אפֿילו נישט געדאַנקט: ס'איז געווען גאַנץ נאַטירלעך און ס'האָט אויסגעזען, אַז דער פֿאַרגעניגן, וואָס ער פֿלעג פֿאַרשאַפֿן, איז פֿאַר אים אַליין געווען אַ גענוגנדיקער שׂכר. נאָר קריסטאָף, וואָס פֿלעג בײַנאַכט שלעכט שלאָפֿן און אַרויפֿברענגען אויפֿן זכּרון די געשעענישן פֿונעם טאָג, האָט אָפֿטמאָל געטראַכט, אַז זײַן פֿעטער איז זייער אַ גוטער; ער פֿלעג דעמאָלט אַדורכגענומען ווערן מיט טיפֿע דאַנקבאַרקייט־געפֿילן צום דאָזיקן אָרעמען מענטשן; ער פֿלעג זיי אָבער קיינמאָל נישט אַרויסווײַזן, ווײַל בײַטאָג האָט ער נאָר געטראַכט, ווי חוזק צו מאַכן פֿון אים. ער איז נאָך, אגב, געווען צו קליין אָפּצושאַצן דעם אמתן ווערט פֿון גוטסקייט: אין דער קינדערשער השגה איז גוט און נאַריש כּמעט איינס און דאָס זעלבע, און דער פֿעטער גאָטפֿריד איז געווען — אַזוי האָט זיך געדאַכט — אַ לעבעדיקער באַווײַז דערצו.

איינמאָל אין אָוונט, ווען מעלכיאָר האָט געגעסן מיטאָג אין שטאָט, און לואיזע האָט געלעגט די צוויי קליינע שלאָפֿן, איז גאָטפֿריד, וואָס איז געבליבן איינער אַליין אינם צימער אויפֿן אונטערשטן שטאָק, אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב און זיך געזעצט עטלעכע טריט ווײַטער, בײַם ברעג פֿון טײַך. קריסטאָף האָט פֿון לאַנגווײַליקייט וועגן, זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, און ווי געוויינטלעך, נישט אויפֿגעהערט צו רײַצן זיך מיט אים, ווי מיט אַ הינטל, ביז ער איז לסוף פֿאַרמאַטערט געוואָרן און זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז בײַ זײַנע פֿיס. ליגנדיק אויפֿן בויך, האָט קריסטאָף זיך אײַנגעגראָבן מיט דער נאָז אינם גראָז. ווען ער האָט זיך באַרויקט פֿון געלעכטער, האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ נײַע המצאה, און געפֿינענדיק זי, האָט ער אויסגעשריִען און דערבײַ זיך געקײַקלט פֿון געלעכטער, נאָך אַלץ אײַנגעגראָבן דאָס פּנים אין גראָז. קיינער האָט אים אָבער נישט געענטפֿערט. אַ פֿאַרוווּנדערטער פֿון דער שטילקייט, האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, און געוואָלט איבערחזרן זײַן חכמה. זײַן בליק האָט אָנגעטראָפֿן גאָטפֿרידס פּנים, באַלויכטן פֿון די לעצטע שטראַלן פֿונעם טאָג, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין גאָלדענע נעפּלען. דאָס וואָרט אָבער איז אים געבליבן שטעקן אין האַלז. גאָטפֿריד האָט געשמייכלט מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע

אויגן און מיט אַביסל אַן אָפּענעם מויל, און זיין ליידנדיק פּנים איז געווען ערנסט און אומעטיק. קריסטאָף האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיינע עלנבויגנס און גענומען אים באַטראַכטן. ס׳איז געוואָרן נאַכט; גאָטפרי ס פּנים איז מטושטש געוואָרן. אַ שטילקייט האָט געהערשט. קריסטאָף איז אויך פול געוואָרן מיט יענע מיסטעריעזע עמפּינדונגען, וואָס האָבן אַרומגעשוועבט אויף גאָטפרידס פּנים. ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ מין פאַרחושטקייט. די גאַנצע ערד איז פאַרהילט געוואָרן אין חושך; דער הימל איז געווען באַליכטן: עס זענען געבוירן געוואָרן שטערן. די קליינע פּאַליעס ביים טייך האָבן געפּליעסקעט ביים ברעג. דאָס קינד האָט זיך ווי פאַרגעסן; ער האָט געקייט, אַליין נישט זעענדיק וואָס, קליינע גראָז־שטענגלעך. נישט ווייט פון אים האָט אַ גריל געגרילט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז קריסטאָף וועט איינשלאָפן. פּלוצלינג, אין דער פינסטערניש, האָט גאָטפריד אָנגעהויבן זינגען. ער האָט געזונגען מיט אַ שוואַכער, טיפער שטים, גלייך ווי זי וואָלט אַרויס פון טיפן האַרצן; אַ צוואַנציק טריט ווייטער האָט מען אים שוין נישט געקאָנט הערן. די שטים אָבער האָט פאַרמאָגט אַ רירנדיקע האַרציקייט; מ׳האָט געקאָנט זאָגן, אַז גאָטפריד טראַכט אויפן קול און מ׳קאָן דורך אָט דער מוזיק, ווי דורך קלאָר וואַסער, לייענען ביז דו טיפענישן פון זיין האַרצן. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט נאָך קריסטאָף נישט געהערט מ׳זאָל אַזוי זינגען, און קיינמאָל האָט ער נישט געהערט אַזאַ ליד. פּאַמעלעך, איינפאַך, קינדעריש איז דאָס ליד געגאַנגען מיט שווערע טריט, אומעטיק, אַביסל איינטאָניק, גאָרנישט געאיילט זיך,—מיט לאַנגע הפסקות, — און שפּעטער ווידער אַרויף אויפן וועג, נישט געזאָרגט, צי וועט עס אָנקומען בשלום. און לסוף פאַרשווונדן אין דער נאַכט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עס קומט פון ערגעץ ווייט און אַז עס גייט אַוועק גאָט ווייסט וווהין. זיין קלאָרקייט איז געווען פול מיט אומרו, און אונטער זיין מכלומרשטער שלוה איז געשלאָפן אַ בענקשאַפט פון הונדערטער יאָרן. קריסטאָף האָט נישט געאָטעמט, ער האָט נישט געהאַט קיין מוט זיך אַ ריר צו טון, ער איז פאַרגליווערט געוואָרן פון גערירטקייט. ווען גאָטפריד האָט געענדיקט, האָט זיך קריסטאָף צוגעשאַרט צו אים און מיט אַ פאַרשטיקטער שטים געפרעגט:

— פעטער !..

גאָטפריד האָט נישט געענטפערט.

— פעטער, — האָט איבערגעחזרט דאָס קינד, און געלייגט זייגע הענט און קין אויף גאָטפרידס קני.

גאָטפרידס האַרציקע שטים האָט זיך אָפּגערופן:

— קינד מיינס...

— וואָס איז דאָס, פעטער! זאָג! וואָס האָסטו געזונגען?

— איך ווייס נישט.

— זאָג, וואָס איז דאָס?

— איך ווייס נישט, ס׳איז אַ ליד.

— ס׳איז דיינס אַ ליד?

— ניין, נישט מיינס! ווי פאַלט עס דיר איין!.. ס׳איז אַן אַלט ליד.

— ווער האָט עס פאַרפאַסט?

— מ׳ווייסט נישט...

— ווען?

— מ׳ווייס נישט...

— ווען דו ביסט געווען אַ קליינער?

— איידער איך בין געקומען אויף דער וועלט, איידער ס׳איז געבוירן געוואָרן מיין טאַטע און מיין טאַטנס טאַטע און מיין זיידנס טאַטע... עס איז שטענדיק געווען.

— מאָדנע, קיינער האָט מיר וועגן דעם קיינמאָל נישט דער־ציילט.

ער האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע:

— פעטער, דו קענסט נאָך אַזעלכע לידער?

— יאָ.

— זינג נאָך אַ ליד, ווילסט?

— צו וואָס זינגען נאָך אַ ליד? איין ליד איז אויך גענוג. מ׳זינגט, ווען מ׳האָט אַ שטאַרקן חשק צו זינגען, ווען מ׳מוז זינגען. מ׳דאַרף נישט זינגען גלאַט צוליב פאַרווייַלונג.

— אָבער פאָרט, ווען מען פאַרפאַסט מוזיק?

— דאָס איז נישט קיין מוזיק.

דער קליינער האָט זיך פאַרקלערט. ער האָט עס נישט גוט תּופס געווען. דאָך האָט ער נישט געבעטן קיין דערקלערונגען: ס׳איז אמת, ס׳איז נישט געווען קיין מוזיק, נישט אַזאַ מוזיק ווי אַנדערע, ער האָט ווידער אָנגעהויבן:

— פעטער, דו האָסט שוין אַמאָל פֿאַרפֿאַסט?
— וואָס פֿאַרפֿאַסט?
— לידער!
— לידער! אָ, ווי קאָן איך דען עס פֿאַרפֿאַסן? דאָס פֿאַרפֿאַסט מען נישט.

דאָס קינד איז צוגעשטאַנען מיט זיין געוויינלעכער לאָגיק:
— אָבער, פעטער, דאָס איז דאָך פּאָרט ווען־עס־איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן!

גאָטפריד האָט עקשנותדיק געטרייסלט מיטן קאָפּ:
— דאָס איז שטענדיק געווען.

דאָס קינד האָט אָנגעהויבן פונדאַסניי:
— אָבער, פעטער, צי קאָן מען דען נישט שאַפן אַנדערע לי־דער, בייע?
— צוואָס זאָל מען עס טון? עס זענען דאָ לידער אויף אַלץ. אויף דער צייט, ווען ביסט אומעטיק און אויף דער צייט, ווען ביסט פריילעך; ווען דו ביסט פאַרמאַטערט און ווען דו טראַכסט וועגן דיין ווייטער היים; עס איז דאָ לידער פאַר אַזעלכע מאָמענטן, ווען דו ביסט זיך אַליין מבזה, ווי אַ וואָרעם, ווייל ביסט באַגאַנגען אַ שווערן חטא; און פאַראַן לידער פאַר אַזאַ צייט, ווען דו האָסט חשק צו ווי־נען, ווייל מענטשן האָבן דיר געטון אַן עוולה; און ווען דיין האַרץ איז פול מיט פרייד, ווייל עס איז אַזוי שיין אויף דער וועלט, און ווייל דו זעסט דעם הימל פון גאָט, וואָס איז שטענדיק גוט און שמייכלט תמיד מיט ליבשאַפט... עס זענען דאָ לידער פאַר אַלץ, פאַר אַלץ. צוואָס זאָל איך פאַרפאַסן בייע?
— כּדי צו ווערן אַ גרויסער מענטש! — האָט געענטפערט דער קליינער, איינגעזאַפּט אונטער דער ווירקונג פון זיין זיידנס תּורה און זיינע נאַיווע חלומות!

גאָטפריד האָט זיך שטיל צעלאַכט. קריסטאָף האָט מיט פאַרדרוס געפרעגט:
— וואָס לאַכסטו?

גאָטפריד האָט געענטפערט:
— אָ, איך בין דאָך גאָרנישט.

און גלעטנדיק דאָס קינד איבערן קאָפּ, האָט ער געפרעגט:
— הייסט עס, דו ווילסט ווערן אַ גרויסער מענטש?

— יאָ, — האָט קריסטאָף מיט שטאָלץ געענטפערט.

ער האָט גערעכנט, אַז גאָטפרידן וועט עס שטאַרק געפעלן. אָבער גאָטפריד האָט געענטפערט:

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס?

קריסטאָף איז צוטומלט געוואָרן. ער האָט אַ קלער געטון און געזאָגט:

— כּדי צו פאַרפאַסן שיינע מוזיק.

גאָטפריד האָט זיך ווידער צעלאַכט און געזאָגט:

— דו ווילסט שאַפן לידער, כּדי צו ווערן אַ גרויסער מענטש, און דו ווילסט ווערן אַ גרויסער מענטש, כּדי צו פאַרפאַסן לידער: דו ביסט ווי יענער הונט, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין אייגענעם וויידל.

קריסטאָף האָט זיך געפילט באַליידיקט. אין אַן אַנדער צייט וואָלט ער עס זיכער נישט פאַרטראָגן, אַז דער פעטער, וואָס פון אים פלעגט ער שטענדיק אָפּלאַכן, זאָל איצט גאָר חוזק מאַכן פון אים. און אַחוץ דעם איז אים גאָר קיינמאָל אויפן רעיון נישט אַרויף, אַז אָט דער גאָטפריד איז אַזאַ קלוגער מענטש, ער קאָן אים גובר זיין אין אַ שכל־זאַך. ער האָט געזוכט אַ ראיה צו זיינע רייד אָדער אַזוי עפּעס אַן עזותדיקן ענטפער און נישט געפונען. גאָטפריד האָט ווייטער גערעדט:

— אפילו דו זאָלסט ווערן גרעסער ווי קאָבלענץ, וועסטו אויך קיינמאָל נישט באַשאַפן קיין איין לייד.

קריסטאָף האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— און אַז איך וועל וועלן!..

— וואָס מער דו ווילסט, אַלץ ווייניקער וועסטו קענען. כּדי צו קאָנען שאַפן, דאַרפסטו זיין אַזוי ווי זיי. הער זיך איין...

פון הינטער די פעלדער האָט זיך אויפגעהויבן אַ קיילעכדיקע, ליכטיקע לבנה. אַ זילבער־נעפּל האָט געשוועבט איבער דער ערד און איבער די שפּיגלענדיקע וואַסערן. די זשאַבעס האָבן געקוואָקעט, און פון די לאָנקעס האָט זיך געלאָזט הערן דאָס מעלאָדישע געזאַנג פון די פראָשן. דער ציטריקער געשריי פון די גרילן האָט, דאַכט זיך, אָפּגעענטפערט דעם שימער פון די שטערן. שטיל האָט דער ווינט געראוישט אין די אָלכע־צווייגן. איבער די בערגלעך אויף יענער זייט טייך האָט זיך געוויקלט דאָס צאַרטע געזאַנג פון אַ נאַכטיגאַל.

— צו וואָס דאַרפסטו נאָך זינגען? — האָט גאָטפריד אָפּגעזיפצט

נאָך אַ לאַנגן שטיל־שווייגן. מ׳האָט נישט געקאָנט וויסן, צי האָט ער עס גערעדט צו זיך אַליין, אָדער צו קריסטאָפן. — צי זינגען זיי נישט בעסער, ווי אַלץ, וואָס דו וואָלסט געקאָנט שאַפן?

קריסטאָף האָט אויך פריער נישט איינמאָל געהערט דעם גערויש פון דער נאַכט. אָבער קיינמאָל האָט ער אים נישט פאַרנומען אַזוי ווי איצט. באמת: צו וואָס דאַרף מען זינגען? ער האָט געפילט, ווי זיין האַרץ ווערט פול מיט צערטלעכקייט און אומעט, ער וואָלט צוגעדריקט צו זיך די לאָנקעס, דעם טייך, דעם הימל, די טייערע שטערן. ער איז אָנגעטרונקען געוואָרן מיט ליבשאַפט צום פעטער גאָטפריד, וואָס האָט אים איצט אויסגעוויזן פאַר דעם בעסטן, קלוגסטן און שענסטן פון אַלעמען. ער האָט געטראַכט, ווי אומגערעכט ער האָט אים פריער געמשפט און אויך געטראַכט, אַז דער פעטער איז דערפאַר אומעטיק, ווייל קריסטאָף באַציט זיך צו אים שלעכט. ער איז געווען פול מיט חרטה. ער האָט געפילט אַ פאַרלאַנג אויסצושרייען צו אים: „פעטער, זיי נישט מער אומעטיק! כ׳וועל מער נישט זיין שלעכט! זיי מיר מוחל, כ׳האָב דיך ליב!“ ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מוט. פלוצלינג האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אין גאָטפרידס אָרעמס, הגם די ווערטער האָבן נישט געוואָלט אַראָפּ פון זיינע ליפּן; ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „איך האָב דיך זייער ליב“ און ליידנשאַפטלעך אים געקושט. איבערראַשט און גערירט האָט גאָטפריד געפרעגט: „וואָס איז? וואָס איז?“ און אים אויך געקושט. שפּעטער האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָנגענומען קריסטאָפן פאַר דער האַנט און געזאָגט: „מ׳באַדאַרף גיין אַהיים“. קריסטאָף איז געגאַנגען און געווען אומעטיק, וואָס דער פעטער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. אָבער ווען זיי זענען צוגעקומען נענטער צו דער שטוב, האָט אים גאָטפריד געזאָגט: „אויב דו ווילסט, וועלן מיר אַלע מאָל אין אָוונט גיין הערן גאָטס מוזיק, און איך וועל דיר זינגען אַנדערע לידער.“ און ווען קריסטאָף האָט אים געקושט פאַרן שלאָפן־גיין מיט אַ האַרץ, וואָס איז פול געווען מיט דאַנקבאַרקייט, האָט ער געזען, אַז דער פעטער האָט אים פאַרשטאַנען.

פון דעמאָלט אָן פלעגן זיי ביידע אָפט גיין שפּאַצירן אין אָוונט. זיי זענען געגאַנגען לענגאויס דעם טייך אָדער איבער פעלדער און נישט גערעדט צווישן זיך. געלאָזן האָט גאָטפריד גערויכערט זיין לולקע, און קריסטאָף פלעג אים האַלטן פאַר דער האַנט מחמת מורא פאַר דער פינסטערניש. זיי פלעגן זיך זעצן אויפן גראָז, און אין אַ ווײַלע

אָרום פלעג גאָטפריד אָנהויבן צו דערציילן וועגן שטערן און וואָלקנס; ער האָט אים געלערנט ווי אונטערצושיידן די הויכקייט פון דער ערד, פון לופט און פון וואַסער, די קולות פון דער נאַטור, די געשרייען און דעם רעש פון דער קליינער פליענדיקער, קריכנדיקער, שפרינגענדיקער אָדער שווימענדיקער וועלט, וואָס פילט אָן דעם חושך, און די אָנזאָגנדיקע סימנים פון רעגן אָדער שיינעם וועטער, און די אומענדלעכע צאָל קלעזמער פון דער נאַכט־סימפאָניע. אָפטמאָל פלעג גאָטפריד זינגען פריילעכע אָדער אומעטיקע ניגונים, אָבער תמיד פונם זעלבן מין, און שטענדיק איז קריסטאָף געווען טיף גערירט, בעת ער האָט זיי געהערט. קיינמאָל האָט גאָטפריד מער ווי איין ליד אַן אָוונט נישט געזונגען, און קריסטאָף האָט באַמערקט, אַז ער זינגט נישט גערן, ווען מ'בעט אים; מ'האָט געדאַרפט וואַרטן, דער פאַרלאַנג צו זינגען זאָל קומען פון זיך אַליין. אָפטמאָל האָט מען שווייגנדיק באַדאַרפט לאַנג וואַרטן און ווען קריסטאָף האָט געטראַכט: „אַט! ער וועט שוין היינטיקן אָוונט אוודאי נישט זינגען"... פלעג גאָטפריד גראַד פועלן ביי זיך און אָנגעהויבן אַ ליד

איינמאָל אין אָוונט, ווען גאָטפריד האָט פעסט באַשלאָסן נישט צו זינגען, איז קריסטאָפן איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו ווייזן דעם פעטער איינע פון זיינע קאָמפּאָזיציעס, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט אַזוי פיל מי און שטאָלץ. ער האָט אים געוואָלט ווייזן, וואָס פאַר אַ קינסטלער ער איז. גאָטפריד האָט אים רויק אויסגעהערט און שפעטער אַ זאָג געטון:

— ווי מיאוס דאָס איז, מיין אָרעמער קריסטאָף!

קריסטאָף האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט נישט געפונען וואָס צו ענטפערן. גאָטפריד האָט ווידער אָנגעהויבן מיט מיטגעפיל.

— צו וואָס האָסטו עס פאַרפאַסט? ס'איז אַזוי מיאוס! קיינער האָט דאָך דיך נישט געצווּנגען דערצו.

קריסטאָף האָט זיך געוועהרט, רויט פון צאָרן:

— דער זיידע זאָגט, אַז מיין מוזיק איז אויסגעצייכנט — האָט ער אויסגעשריען.

— אַך! — האָט געענטפערט גאָטפריד, נישט ווערנדיק נתפעל. — ער איז געוויס גערעכט. ר'איז אַ געלערנטער מאַן. ער איז אַ מבין אויף מוזיק. איך פאַרשטיי גאָרנישט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

אָבער איך געפין, אַז ס׳איז זייער מיאוס.

ער האָט רויק אַ קוק געטון אויף קריסטאָפן און דערזען זיין בייז פנים; ער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— האָסט אפשר פאַרפאַסט נאָך אַנדערע ניגונים? אפשר וועלן מיר יענע בעסער געפעלן ווערן.

קריסטאָף האָט געגלויבט, אַז די נייע לידער וועלן פאַרבעסערן דעם שלעכטן איינדרוק, און ער האָט זיי אַלע איבערגעזונגען. גאָט־פריד האָט גאָרנישט גערעדט; ער האָט אויסגעהערט ביזן סוף. שפּע־טער האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט מיט טיפער איבערצייגונג:

— דאָס איז נאָך מיאוסער.

קריסטאָף האָט פאַרביסן די ליפּן, און זיין קין האָט געציטערט ער האָט געהאַט חשק צו וויינען. גאָטפריד האָט עקשנותדיק איבער־געחזרט, ווי ער וואָלט אַליין אויך איבערראַשט געווען:

— ווי מיאוס דאָס איז!

קריסטאָף האָט אויסגעשריען מיט אַ וויינענדיקער שטים:

— אָבער דאָך, פאַרוואָס האַלסטו, אַז זיי זענען מיאוס?

גאָטפריד האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט זיינע גוטמוטיקע אויגן:

— פאַרוואָס?... דאָס ווייס איך נישט... וואַרט נאָר... ס׳איז מיאוס, ראשית, ווייל ס׳איז נאַריש, עס זאָגט גאָרנישט... אָט איז עס. בעת דו האָסט עס געשריבן, האָסטו גאָרנישט געהאַט, וואָס צו זאָגן. צו וואָס זשע האָסטו עס אָנגעשריבן?

— איך ווייס נישט — האָט קריסטאָף געענטפערט מיט אַ פאַר־ווייינט קול. — כ׳האָב געוואָלט אָנשרייבן אַ שיינע זאַך.

— זעסטו שוין! דו האָסט געשריבן, כדי צו שרייבן. דו האָסט געשריבן, כדי צו ווערן אַ גרויסער מוזיקער און כדי שטאַרק צו גע־פעלן. ביסט געווען שטאָלץ, האָסט געזאָגט אַ ליגן — ביסטו באַשטראָפט געוואָרן... דאָס איז עס! מ׳ווערט שטענדיק באַשטראָפט, אויב מ׳איז שטאָלץ אָדער אַז מ׳נאַרט אָפּ אין מוזיק. די מוזיק וויל זיין באַשיידן און ערלעך. וואָרום אויב נישט, וואָס זשע איז זי? אַ בזיון, אַ לע־סטערונג קעגן דעם האַר פון דער וועלט, וואָס האָט אונז מזכה געווען מיטן שיינעם געזאַנג, כדי מיר זאָלן אויסדריקן אמתע און ערלעכע זאַכן.

ער האָט באַמערקט קריסטאָפס צער און געוואָלט אים אַ קוש טון. אָבער דער קליינער האָט זיך אַרויסגעריסן מיט כּעס; אַ לאַנגע צייט איז ער געווען אויף אים אש־להבה. ער האָט געהאַסט גאָטפרידן.— אָבער אימזיסט האָט ער זיך כּסדר געחזרט: „ער איז אַ בהמה! ער ווייסט גאָרנישט, גאָרנישט! דער זיידע, וואָס איז אָן אַן ערך קלוגער, געפינט, אַז מיין מוזיק איז זייער שיין”; אין דער טיפעניש פון זיין האַרצן האָט ער גוט געוווּסט, אַז גערעכט איז דער פעטער, און גאָט־פרידס ווערטער האָבן זיך אין אים איינגעקריצט: ער האָט זיך גע־שעמט, וואָס ער איז געווען אַ ליגנער.

און דערפאַר, נישט געקוקט אויף זיין באַהאַלטענעם כּעס, פלעג ער שטענדיק טראַכטן וועגן דעם פעטער דאַמאָלס, בעת ער האָט גע־שריבן מוזיק, און אָפטמאָל האָט ער צעריסן דאָס אָנגעשריבענע פאַר חרפה טראַכטנדיק, וואָס וואָלט אויף דעם געזאָגט גאָטפריד. ווען ער האָט ווען־עס־איז געפועלט ביי זיך אָנצושרייבן אַ זאַך, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז ס׳איז נישט אינגאַנצן אויפריכטיק, האָט ער עס שטענדיק באַהאַלטן פאַרן פעטער; ער האָט ממש געציטערט פאַר זיין מיינונג, און איז געווען גליקלעך, ווען גאָטפריד האָט אויסגעהערט זיינס אַ זאַך און געזאָגט מיט פּשטות „דאָס איז נישט מיאוס... ס׳געפעלט מיר...”

אָפטמאָל, כּדי זיך נוקם צו זיין, פלעג אים קריסטאָף אָפטון אַ שפּיצל און אונטעררוקן אים מוזיק פון גרויסע קינסטלער, ווי זיינס אַן אייגן ווערק, און ער האָט געיובלט, ווען גאָטפריד האָט איינגעפּו־נען אַז זיי זענען מיאוס. גאָטפרידן אָבער פלעג עס נישט אַרן. ער האָט גוטמוטיק געלאַכט און זיך צוגעקוקט, ווי קריסטאָף פּאַטשט מיט די הענט און שפּרינגט אַרום אים פאַר פרייד; ער פלעג שטענדיק איבערחזרן זיין טענה: „אפשר איז עס שיין אָנגעשריבן, אָבער עס זאָגט גאָרנישט”. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין אויף די קליינע קאָנצערטן, וואָס מ׳פלעג איינאָרדנען אין שטוב. ווי גוט אַ שטיק זאָל נישט זיין, האָט ער געגענעצט, און זיין פּנים איז געוואָרן טעמפּ פון לאַנגווייליקייט. סוף־כּל־סוף פלעג ער זיך נישט קאָנען איינהאַלטן און שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. ער פלעג זאָגן:

— זעסט, קינד מיינס, דאָס אַלץ וואָס דו שרייבסט אין שטוב, איז נישט קיין מוזיק. מוזיק אין שטוב איז — ווי זון אין אַ צימער. די מוזיק איז אין דרויסן, ווען דו אָטעמסט אין זיך גאָטס ליבע, פרישע לופט.

ער פלעג שטענדיק רעדן וועגן גאָט, ער איז געווען זייער פּוזם, להיפּוך צו די ביידע קראַפּטס, צום טאַטן און זון, וואָס מען האָט זיי ביי לייטן געהאַלטן פאַר פרייזיניקע, הגם זיי האָבן שטענדיק מקפּיד געווען, נישט צו עסן פרייטיק קיין פליייש.

פלוצלינג — קיינער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס — האָט מעלכיאָר געביטן זיין באַציונג. ער האָט נישט נאָר מסכּים געווען מיטן אַלטן, אַז ס'איז כּדאי צו פאַרשרייבן קריסטאָפס מוזיקאַלישע איינפאַלן, נאָר — צו דער גרויסער שטוינונג פונם קינד, איז ער נאָך אָפּגעזעסן לאַנגע אָוונטן און צוויי-דריי מאָל איבערגעשריבן דעם כּתב-יד. אויף אַלע פראַגן, וואָס מ'האָט אים געשטעלט וועגן דעם, האָט ער געענט-פערט מיט אַ ווײַכטיקער מינע: „מען וועט זען"... אָדער ער האָט זיך גאָר געריבן די הענט, בשעת-מעשה געלאַכט און געצופּט אויף קאַטאָוועס קריסטאָפן די האָר אָדער געפּאַטשט אים פון הינטן מיט אַ הילכיקן געלעכטער. קריסטאָף האָט נישט ליב געהאַט אָט די גוט-פריינטשאַפט, ער האָט אָבער באַמערקט, אַז דעם טאַטן טוט עס הנאה און נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס.

שפּעטער זענען צווישן מעלכיאָרן און דעם זיידן פאָרגעקומען געהיימע באַראַטונגען. אין איינעם אַן אָוונט האָט זיך קריסטאָף, צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג, דערוווּסט, אַז ער, קריסטאָף, האָט בעוויד-מעט זיין הויכקייט, דעם גרויספירשט לעאָפּאָלד, „די פרייד פון די קינדער-יאָרן." מעלכיאָר האָט פריער אויסגעפאָרשט, ווי דער פירשט וועט עס אויפנעמען, און דער פירשט מיט זיין גנאָד האָט באַוויליקט אָנצונעמען די מתנה. דעמאָלט האָט מעלכיאָר טריומפירנדיק דערקלערט, אַז מען באַדאַרף נישט פאַרלירן קיין איין רגע און, ערשטנס, שיקן צום פירשט אַן אָפיציעלע בקשה, צווייטנס, דרוקן דאָס ווערק, און דריטנס — איינאָרדנען אַ קאָנצערט און לאָזן הערן דער וועלט די מוזיק.

מעלכיאָר און זשאַן-מישעל האָבן זיך נאָך לאַנג מיישב געווען. אין משך פון צוויי-דריי אָוונטן האָבן זיי זיך געטומלט אַרום אָט דעם ענין. ס'איז שטרענג פאַרווערט געווען אַריינצוקומען זיי צו שטערן.

מעלכיאָר האָט געשריבן און געמעקט, געמעקט און געשריבן. דער אַלטער האָט גערעדט אויפֿן קול, ווי ער וואָלט געלייענט לידער. נישט איינמאָל איז איינער געלעגן אין די האָר פֿונם אַנדערן און געקלאַפּט מיט די פֿויסטן אין טיש, ווען ס׳איז געווען שווער צו געפֿינען אַ פּאַסיקן אויסדרוק.

שפּעטער האָט מען אַריינגערופֿן קריסטאָפֿן, אַוועקגעזעצט אים ביים טיש און אים אַריינגעשטעקט אַ פֿעדער צווישן די פֿינגער; דער טאַטע האָט זיך אַוועקגעשטעלט רעכטס און דער זיידע — לינקס, און דער אַלטער האָט אָנגעהויבן דיקטירן. קריסטאָף האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט, ראשית איז ער נאָך נישט געווען אַזאַ גרויסער בקי אין הלכות־שרייבן, צווייטנס, האָט אים מעלכיאָר די גאַנצע צייט אַריינגעשריען אין אויער אַריין. אַחוץ דעם האָט דער זיידע דעקלאַמירט אַזוי פּאַטעטיש, אַז קריסטאָף איז צעטומלט געוואָרן פֿון זיינע רייד און לחלוטין נישט געהערט וואָס ער רעדט. דער אַלטער איז נישט ווייניקער געווען נתפּעל ווי ער. ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט, געגאַנגען איבערן צימער הין און צוריק און בשעת־מעשה — ער האָט עס אַליין נישט געפֿילט — פֿאַרטייטשט די דיקטירטע מליצות מיט משונהדיקע זשעסטן און האַוואַיעס; אַלע ווילע איז ער שטיין געבליבן איבער קריסטאָפֿן און אַריינגעקוקט אין זיין שרייבן, און צווישן די צוויי גרויסע קעפּ, וואָס זענען געווען איבערגעבויגן איבער אים, האָט קריסטאָף געציטערט, ווי אַ פֿיש אין וואַסער, אַרויסגעשטעקט די צונג און נישט געקאָנט איינהאַלטן די פֿעדער; פֿון שרעק זענען אים די אויגן אַרויסגעקראָכן, כּסדר האָט ער געמאַכט איבעריקע שטריכן אָדער גאָר פֿאַרשמירט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבן; מעלכיאָר האָט זיך געבייזערט און זשאַן־מישעל האָט געברומט — בלית ברירה האָט מען געמוזט אַלעמאָל אָנהויבן פֿונדאָסניי. אָבער ווען מ׳איז שוין מיט מזל צוגעקומען צום סוף, איז אויפֿן ריינעם פּאַפּיר געפֿאַלן אַ טינט־פֿלעק: — מ׳האָט דעם יינגל גוט אָנגעריסן פֿאַר די אויערן, און ער האָט זיך צעוויינט; מ׳האָט אים אָבער פֿאַרווערט צו וויינען, ער זאָל חלילה נישט פֿאַרפֿלעקן דאָס פּאַפּיר, און מ׳האָט ווידער אָנגעהויבן דיקטירן פֿון אָנהייב אָן; קריסטאָף האָט געמיינט, אַז עס וועט שוין מסתּמא אַזוי דויערן זיין גאַנץ לעבן.

לסוף איז מען דאָך אָנגעקומען בשלום, און זשאַן מישעל, אָנגעשפּאַרט אָן אויוון, האָט מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פֿון הנאה,

געלייענט דאָס ווערק, און מעלכיאָר האָט דערווייל זיך אויסגעצויגן אין זיין שטול, געקוקט אויפן סופיט און געשאָקלט מיטן קין, ווי אַ פיינשמעקער און זיך געקוויקט מיטן פיינעם נוסח פון אָט דעם בריוו:

„הויך־ווירדיקער, העכסט־דערהויבענער,
גנעדיקער האַר!

זינט דעם פערטן יאָר פון מיין לעבן איז די מוזיק געוואָרן די ערשטע פון מיינע קינדערשע באַשעפטיקונגען. גלייך ווי איך בין געפאַנגען געוואָרן אין דער נעץ פון דער נאָבעלער מוזע, וואָס האָט דערוועקט אין מיין האַרצן די איידלסטע האַרמאָניעס, האָב איך זי ליב געקראָגן, און אויך זי האָט מיר, פון איר זייט, אָפּגעצאָלט מיט ליבע. איצט ענדיק איך דאָס זעקסטע יאָר פון מיין לעבן, און פון אַ געוויסער צייט אָן שעפּטשעט מיר אַלץ אָפטער די מוזע אין די מינוטן פון מיין באַגייסטערונג אין אויער אַריין: „מוטיקער! מוטיקער! ברענג אַרויס דאָס געזאַנג פון דיין האַרץ אויפן פּאַפּיר!" — „זעקס יאָר! — האָב איך אָבער געטראַכט — און ווי זאָל איך זיך דערוועגן דאָס צו טון? וואָס וועלן דערויף זאָגן די מבינים פון קונסט?" כ'האָב זיך געקווענקלט, כ'האָב געציטערט. אָבער מיין מוזע פאַרלאַנגט עס... און איך האָב געטון איר ווילן. כ'האָב אָנגעשריבן.

און איצט, צי זאָל איך,

אָ, דערהויבענע הויכקייט!

צי זאָל איך האָבן דעם מוט צו לעגן צו די פיס פון דיין טראָן די ערשטע פרוכט פון מיין יוגנטלעכער אַרבעט?... צי זאָל איך האָבן די העזה צו האָפן, אַז דו וועסט באַוויליקן מיט דיין גנאָד צו לאָזן פאַלן דערויף דיין פאָטערלעכן בליק?...

אָ, געוויס! ווייל די וויסנשאַפט און קונסט האָבן פון אייביק אָן אין דיר געפונען זייער גרעסטע אונטערשטיצונג און דעם גרויסמוטיקן באַשיצער, און ווייל יעדער טאַלענט בליט־אויף אונטער די פליגל פון דיין הייליקער שוץ.

פול מיט דעם דאָזיקן טיפן און פעסטן גלויבן, האָב איך דעם מוט דערלאַנגען דיר מיינע ייִנגלשע פרוּוון. נעם זיי אָן, ווי אַ ריינעם קרבן פון מיין פאַרערונג, און משפט זיי מיט חסד.

אָ גנעדיקע הויכקייט!
און באַווייליק צו וואַרפן דיין בליק אויף זיי און אויף
זייער יונגן מחבר, וואָס קניט פאַר דיר מיט טיפסטער עניוות!
דער איבערגעגעבנסטער דינער פון זיין העכסטער
גנעדיקייט, פון זיין דערהויבנקייט און חסד,
דיין געהאָרכזאַמסטער קנעכט
זשאַן-קריסטאָף קראַפט"

קריסטאָף האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַ וואָרט: ער איז גליקלעך געווען, וואָס ער איז פון דעם פטור געוואָרן, און מורא האָבנדיק, מ'זאָל אים נישט הייסן ווידעראַמאָל צושרייבן פון דאָס ניי, איז ער אַנטלאָפן אין פעלד. ער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף פון דעם, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעשריבן, און די גאַנצע מעשה איז אים אָנגעגאַנגען ווי פאַראַיאָריקער שניי. אָבער דער אַלטער, נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט לייענען, האָט עס איבערגעקייט נאָכאַמאָל, כדי ווידער צו שעפּן נחת, און ווען ער האָט געענדיקט האָט ער מיט מעלכיאָרן באַשלאָסן, אַז ס'איז פלאַי-פלאַים, ממש אַ מייסטער-שטיק. די זעלבע מיינונג האָט געהאַט אויך דער גרויספירשט גופא, ווען מ'האָט דערלאַנגט דעם בריוו צוזאַמען מיטן אָפּשריפט פונם מוזיקאַלישן ווערק. ער איז געווען אַזוי גנעדיק צו דערקלערן, אַז סיי דאָס ערשטע, און סיי דאָס צווייטע זענען געשריבן אין פיינסטן סטיל. ער האָט דערלויבט איינצואָרדנען דעם קאָנצערט, באַפוילן צו געבן אין מעלכיאָרס רשות דעם זאַל פון דער מוזיק-אַקאַדעמיע און אויך באַוויליקט צו פאַרזיכערן, אַז ער וועט לאָזן זיך פאָרשטעלן דעם יונגן קינסטלער אינם טאָג פון זיין אויפטריט.

מעלכיאָר האָט זיך גענומען איינצואָרדנען וואָס-גיכער דעם קאָנצערט. ער האָט זיך פאַרזיכערט מיט דער אונטערשטיצונג פונם הויף-מוזיקער-פאַריין; דער דערפאָלג פון זיינע ערשטע שריט האָט פונאַנדערגעפלאַקערט אין אים די תאווה צו כבוד, און ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין אַ גרויסאַרטיקער אויסגאַבע „די פרייד פון די קינדער-יאָרן". לכתחילה האָט ער, אמת, געוואָלט לאָזן אויסגראַווירן אויפן שער-בלאַט דעם פאָרטרעט פון קריסטאָפן ביים פיאַנינאָ צוזאַמען מיט אים, מיט מעלכיאָרן, וואָס האָט געזאָלט האַלטן די פידל אין האַנט. ער האָט זיך אָבער געמוזט דערפון אָפּזאָגן, נישט, חלילה, צוליב געלט — מעלכיאָר האט זיך נישט אפגעשטעלט פאַר די גרעסטע הוצאות —

נאָר ווייל די צייט איז געווען צו קורץ. ער האָט זיך געמוזט צופרידן־שטעלן מיט אַן אַלעגאָרישער קאָמפּאָזיציע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ וויגל, אַ טרומייט, אַ פּויק, אַ הילצערן פערדל און אין מיטן — אַ לירע, וואָס פון איר האָבן זיך געגאָסן זון־שטראַלן. דאָס קעפּל, צוזאַמען מיט אַ לאַנגער ווידמונג, אין וועלכער דעם פירשטס נאָמען איז געווען אויסגעשריבן מיט גאָר גרויסע אותיות, האָט געגעבן צו וויסן, אַז „דער הער זשאַן־קריסטאָף איז אַלט זעקס יאָר". — ער איז שוין, אמת, אַלט געווען זיבן מיט אַ האַלבן. — די צייכענונג אויפן ווערק האָט געקאָסט אַ סך געלט; כדי צו באַצאָלן דערפאַר האָט דער אַלטער געמוזט פאַרקויפן אַן אַלטן קאַסטן, אַן יקר־המציאות פון אַכצנטן יאָרהונדערט, מיט געשניצטע פיגורן. ער האָט זיך מיט אים ביזאַהער בשום־אופן נישט געוואָלט שיידן, נישט געקוקט אויף די אָפטע פאָרשלאַגן פון וואָרמסער אַנטיקוואַר. אָבער מעלכיאָר איז געווען זיכער, אַז דאָס אַבאָנענטן־געלט וועט דעקן די הוצאה און ס׳וועט נאָך בלייבן ריווח.

אַן אַנדער זאַך איז אים אָנגעגאַנגען: ווי זאָל קריסטאָף זיין אָנגעטון אויפן קאָנצערט? מען האָט זיך וועגן דעם מיישב געווען אויף אַ פאַמיליען־באַראַטונג. מעלכיאָרן האָט זיך געוואָלט, אַז קריסטאָף זאָל אויפטרעטן אין אַ קורץ־קליידעלע מיט הוילע קני, ווי אַ קינד פון אַ יאָר פיר. אָבער קריסטאָף איז געווען צו גרויס פאַר זיינע יאָרן, און די גאַנצע שטאָט האָט אים געקענט: מ׳האָט, בכן, נישט געקענט האָפן, אַז עמעצער וועט זיך לאָזן נאַרן. מעלכיאָרן איז דעמאָלט איינגעפאַלן אַ גרויסאַרטיקער געדאַנק. ער האָט באַשלאָסן מען זאָל אים אָנטון אַ פראַק מיט אַ ווייסן שניפּס. בחינם האט די גוטע לואיזע פּראָטעסטירט, וואס מ׳וויל איר יינגל נעבעך מאַכן לעכערלעך, מעלכיאר האט דווקא געהאַלטן, אַז אַזאַ אומגעריכטע דערשיינונג וועט ביים עולם שטאַרק נושא־חן זיין. כך הוה, דער שניידער איז געקומען נעמען קריסטאָפן אַ מאָס אויפן אַנצוג פאַר דעם קליין מענטשעלע. מ׳האָט אים אויך געמוזט באַזארגן מיט פיינע וועש און לאַקירטע שיך, און דאָס אַלץ האט געקאסט אַ מטמון מיט געלט. קריסטאף האט זיך געפילט שלעכט אין דער נייער הלבשה, כדי אים צוצוגעוויינען, האט מען אים געהייסן אַ סך מאל איבערחזרן זיינע ווערק אין דעם נייעם אַנצוג, אין משך פון אַ גאַנצן חודש האט ער נישט פאַרלאזט דעם שטול ביים פיאַנינא. מ׳האָט מיט אים אויך איינגעחזרט, ווי ער דאַרף זיך פאַר־

בויגן. ער האָט פשוט נישט געהאַט קיין פרייע מינוט. ער איז אויפגעבראַכט געווען, אָבער זיך נישט דערוועגט קעגנצושטעלן, ער האָט געמיינט, אַז ער גייט דאָ אויפטון מי־יודע וואָס פאַר אַן אויפטו. ער איז געווען שטאָלץ און בשעת מעשה געכאַפּט אַ ציטער. אגב, האָט מען אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, טאָמער פאַרקילט ער זיך, חלילה; מ׳האָט אים געוויקלט דעם האַלז אין טיכער, מ׳האָט געטריקנט זיינע שיך, טאָמער זענען זיי נאַס, און ביים עסן האָט מען אים דערלאַנגט דעם בעסטן חלק.

און איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג. דער שערער איז געקומען און איבערגענומען די השגחה איבער זיין טואַלעט; ער האָט פריזירט קריסטאָפס האָר, וואָס האָבן געשטעלט אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד, און נישט גערוט, ביז וואַנען פון קריסטאָפס האָר איז געוואָרן ווי שעפסן־וואָל. די גאַנצע משפחה האָט דורכגעשפּאַצירט פאַר קריסטאָפן, און אַלע האָבן מודה געווען, אַז ער זעט אויס גרויסאַרטיק. מעלכיאָר האָט זיך אַרומגעדרייט און פון אַלע זייטן אים אַרומגעקוקט, ער האָט זיך אַ פּאַטש געטון אין שטערן און געבראַכט צו טראָגן אַ ריזיקע בלום און פאַרשטעקט אים אין לאַץ. נאָר איין לואיזע, ווי נאָר זי האָט אים דערזען, האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגעשריען מיט עגמת נפש, אַז ער זעט אויס ווי אַ מאַלפּע: דאָס האָט קריסטאָפן שטאַרק געקרענקט. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צי דאַרף ער זיך פרייען אָדער שעמען מיט זיין אַנצוג. אינסטינקטיוו האָט ער זיך געפילט דערנידעריקט. נאָך מער האָט ער עס געפילט בעתן קאָנצערט: דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים אַ גאַנצן טאָג, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

דער קאָנצערט האָט זיך שוין באַדאַרפט אָנהויבן. אַ האַלבער זאַל איז געווען ליידיק. דער גרויספירשט איז נישט געקומען. איינער פון די העפלעכע און גוט־אינפאָרמירטע פריינט, פון יענעס מין מענטשן וואָס מ׳טרעפט אָפט, האָט נישט פאַרזאַמט צו ברענגען די ידיעה, אַז אין פּאַלאַץ קומט איצט פאָר אַ מלוכה־באַראַטונג, און אַז דער גרויספירשט וועט נישט קומען: ער ווייסט עס, ער דערציילט עס פון אַ זי־

בערן מקור. אַ פאַרצווייפלטער איז מעלכיאָר אַרומגעלאָפן היין און צוריק און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. דער אַלטער זשאַן-מישעל איז אויך געווען פאַרהאַוועט, אָבער מער מיטן אייניקל: ער האָט אים פאַרשאָטן מיט עצות. קריסטאָף איז אויך צעהיצט געוואָרן, פונקט ווי זיי; וועגן זיין שפּילן איז ער געווען רויק, אָבער דער געדאַנק, אַז ער וועט זיך דאַרפן פאַרנייגן פאַרן עולם, האָט אים געשראָקן, און וואָס מער ער האָט דערפון געטראַכט, אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט זיין פּחד.

סוף-כל-סוף האָט מען געדאַרפט אָנהויבן: דער עולם איז אומגעדולדיק געוואָרן. דער אָרקעסטער פונם הויף-מוזיקער-פאַריין האָט אָנגעהויבן מיט דער „אוווערטורע פון קאָריאָלאַן". קריסטאָף האָט נישט געקענט נישט קאָריאָלאַנען, נישט בעטהאָווענען; אויב ער האָט געהערט ווען-עס-איז שטיקלעך פון זייער מוזיק, האָט ער נישט געוווסט, וועמענס זיי זענען; ס'איז אים קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען דער נאָמען פון די ווערק, וואָס ער האָט געהערט; ער פלעג זיי אָנרופן מיט נעמען, וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראַכט, און אפילו פאַרפאַסט צו זייער אינהאַלט קליינע מעשות אָדער נאַטור-בילדער; ער האָט זיי ס'רוב איינגעטיילט אין דריי מינים: פייער, ערד און וואַסער, מיט טויזנטער פאַרשידענע ניואַנסן. מאָצאַרט האָט געהערט צום מין וואַסער: אַ לאָנקע ביים ברעג טייכל, אַ דורכזיכטיקער נעפל, וואָס שוועבט איבערן וואַסער, אַ קליינער פרילינג-רעגן אָדער גאָר אַ רעגנבויגן. בעטהאָווען איז געווען פייער. אַמאָל — אַ שרפה מיט ריזיקע פלאַמען און געדיכטע רויך-וואָלקנס; אַמאָל ווידער — אַ ברענענדיקער וואַלד, אַן אָנגעלאָדענער, שרעקלעכער וואָלקן, וואָס שפּריצט מיט בליצן, און אַן אַנדערש מאָל — אַ ברייטער הימל פול מיט צאַנקענדיקע פייערלעך, צווישן וועלכע מ'זעט, מיט האַרץ-קלאַפעניש, אַ שטערן, וואָס טיילט זיך אָפּ און גייט אויס שטיל אין דער שיינער אלול-נאַכט. אויך דאָסמאָל האָט אים ווי אַ שרפה אַרומגענומען דאָס מעכטיקע פייער פון אָט דער העלדישער נשמה. אַלץ איבעריקע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. און ווי האָט אים איצט געקאָנט אָנגיין דאָס איבעריקע: דער צעטומלטער מעלכיאָר, דער נידערגעשלאָגענער זשאַן-מישעל, דער גאַנצער באַשעפטיקטער עולם, דאָס פּובליקום, דער גרויספירשט — וואָס פאַר אַ מחותּן איז דער קליינער קריסטאָף געווען מיט אָט די אַלע מענטשן? וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי מיט אים? ער האָט זיך איצט איבערגעגעבן אין רשות פון אַ מעכטיקן ווילן, וואָס האָט אים מיטגעריסן מיט זיך

און אַוועקגעטראָגן. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים מיט אַ פּאַר־האַקטן אָטעם, מיט טרערן אין די אויגן, מיט אָפּגענומענע פיס, און אַ שווידער איז אים אַדורך איבערן גאַנצן לייב; זיין בלוט האָט האַס־טיק געקלאַפּט, ער האָט געציטערט מיט אַלע אברים... באַהאַלטנדיק זיך הינטער די קוליסן, האָט ער זיך אַזוי צוגעהערט מיט אַן אָנגעשטרענגט אויער; פּלוצלינג האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן, דער אָרקעסטער האָט אינמיטן איבערגעריסן דאָס שפּילן, און נאָך אַ קליינער הפסקה אַ הילך געטון מיט די טרומייטן און פּויקן אַ מיליטערישן מאַרש פונם באַקאַנטן, פייערלעכן נוסח. דער איבערגאַנג פון איין מין מוזיק צום צווייטן איז געווען אַזוי געוואַלדיק, אַז קריסטאָף האָט געקריצט מיט די ציין און געטופּעט מיט די פיס פאַר כעס, אויסשטרעקנדיק די פויסטן צו דער וואַנט. מעלכיאָר אָבער איז געווען אויסער זיך פאַר גליק: דער פירשט איז אַריינגעקומען אין זאַל, און דער אָרקעסטער האָט אים מקבל-פּנים געווען מיטן נאַציאָנאַלן הימן. זשאַן-מישעל האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים געגעבן זיין אייניקל די לעצטע עצות.

מען האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן די מוזיקאַלישע איינלייטונג און דאָסמאָל דערשפּילט זי ביזן סוף. איצט איז געקומען די צייט פאַר קריסטאָפן. מעלכיאָר האָט אַזוי קונציק צוזאַמענגעשטעלט דעם פּראָגראַם, אַז אין דער זעלבער צייט האָט ער באַדאַרפט באַווייזן דער וועלט די ווירטואָזיטעט אי פונם זון, אי פונם פאָטער: זיי האָבן, הייסט עס, געדאַרפט שפּילן צוזאַמען אויפן פּיאַנינאָ און פידל מאָצאַרטס אַ סאָנאַטע. כדי אַרויסצורופן אַ שטאַרקערן רושם, האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז פריער זאָל קריסטאָף אויפטרעטן איינער אַליין. מ׳האָט אים צוגעפירט ביז צו דער סצענע, אָנגעוויזן אים אויף דער פּיאַנינאָ, וואָס איז געשטאַנען פאָרנט, און צום לעצטן מאָל געגעבן אים צו פאַרשטיין, וואָס ער האָט צו טון און אַרויסגעשטופּט אים פון הינטער די קוליסן.

לכתחילה האָט ער זיך גאָרנישט געשראָקן, זייענדיק שוין פון אַ לענגערער צייט צוגעוווינט צו די טעאַטער-זאַלן; אָבער ווען ער האָט זיך דערזען איינער אַליין אויף דער בינע, אונטער די בליקן פון הונדערטער אויגן, איז אים פּלוצלינג באַפאַלן אַזאַ פחד, אַז ער האָט אינסטינקטיוו געמאַכט אַ באַוועגונג אויף צוריק, און זיך אויסגעדרייט צו די קוליסן, כדי צו אַנטלויפן: ער האָט אָבער דאָרטן באַמערקט דעם טאַטן, וואָס האט געמאַכט צו אים מיט די הענט, און אים אָנגע־

קוקט מיט אויגן פון אַ גזלן. האָט ער געמוזט גיין ווייטער. אגב, האָט מען אים שוין געהאַט באַמערקט פון זאַל. וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען, האָט זיך אין זאַל אויפגעהויבן אַ געמורמל פון נייגיר, וואָס איז באַלד אַריבער אין אַ געלעכטער, פון מינוט צו מינוט אַלץ שטאַרקער. מעלכיאָר האָט זיך נישט טועה געווען: דעם קליינעמס הלבשה האָט אַרויסגערופן אַ עפעקט, וואָס מ׳האָט געקאָנט נאָר ערוואַרטן. דער זאַל האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער, בעת מ׳האָט דערזען דעם קליינעם מיט די לאַנגע האָר, מיטן ציגיינער-פנימל, וואָס האָט זיך מיט צרות און שרעק קוים געשלעפט אינם אָוונט-קאָסטיום פון אַן אמתן דזשענטלמען. מ׳האָט זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער, אים בעסער אָנצוקוקן; דעם זאַל האָט באַהערשט אַן אמתע פריילעכקייט, אָן קיין סימן פון ביידוויליקייט, וואָס האָט אָבער געקאָנט צעטומלען אפילו דעם געניטסטן ווירטואָז. קריסטאָף האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן פונם טומל, פון די בליקן און פון לאָרנעטן, וואָס זענען אויף אים אָנגעשטעלט געווען, און געהאַט נאָר איין געדאַנק אין קאָפּ: וואָס גיכער צוצוקומען צום פּיאַנינאָ, וואָס האָט איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי אַן אינזל אין מיטן ים. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נישט געקוקט בשעת-מעשה נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס, האָט ער געשפּרייזט מיט שנעלע טריט לענג-אויס דער ראַמפּע, און אַרויסקומענדיק לסוף אויפן מיט פון דער סצענע, האָט ער אַ שטאָט צו פאַרנויגן זיך פאַרן עולם, ווי ס׳איז געווען אָפּגעשמועסט, זיך גאָר אויסגעדרייט מיטן רוקן און זיך געלאָזט גלייך צום פּיאַנינאָ. דער שטול איז אָבער געווען צו הויך און ער האָט נישט געקאָנט אַרויפקריכן אויף אים אָן דעם טאַטנס הילף; נאָר אָנשטאָט צו וואַרטן, האָט ער, פון גרויס צעמישטקייט, אָנגעהויבן אַליין קריכן אויף די קני. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס געלעכטער. אָבער אַצינד איז שוין קריסטאָף געווען געראַטעוועט: ביי דעם אינסטרומענט האָט ער פאַר קיינעם נישט מורא געהאַט.

לסוף איז אַרויסגעקומען מעלכיאָר; אַ דאַנק דער גוטער שטימונג פון עולם, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט גענוג-וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן. די סאָנאַטע האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס קליין מענטשעלע האָט געשפּילט מיט אַ פעסטער זיכערקייט, דאָס מויל צוזאַמענגעפּרעסט פון אויפמערקזאַמקייט, די אויגן געווענדט צו די קלאַווישן, בעת זיינע קליינע פיסלעך זענען אַראָפּגעהאָנגען פון דעם שטול. וואָס ווייטער די

נאָטן האָבן זיך פֿונאַנדערגעוויקלט, האָט ער זיך געפֿילט אַלץ זיכערער; ער האָט זיך געפֿונען צווישן גוטע פֿריינט, וועלכע ער האָט גוט געקענט. אַ געמורמל פֿון אָנערקענונג איז דערגאַנגען צו אים; אַ כוואַליע פֿון שטאָלצער צופֿרידנקייט האָט אים אַ שלאָג געטון אין קאָפּ; ער האָט געטראַכט, אַז דער גאַנצער עולם זיצט און שווייגט, כּדי צו הערן זיין מוזיק און זיך צו באַגייסטערן. אָבער ווי נאָר ער האָט געענדיקט, איז אים ווידער באַפֿאַלן דער פּחד, און די אַפּלאָדיסמענטן און די אויסגעשרייען האָבן אים פֿאַרשאַפֿט מער חרפּה, ווי פֿאַרגעניגן. די חרפּה האָט זיך פֿאַרטאָפּלט, ווען מעלכיאָר, האַלטנדיק אים פֿאַר דער האַנט, איז צוגעגאַנגען מיט אים צום ברעג פֿון דער ראַמפּע און אים געהייסן זיך פֿאַרנויגן פֿאַרן עולם. ער האָט געפֿאָלגט און זיך גענייגט זייער טיף, מיט אַ לעכערלעכער אומגעלומפּערטקייט; ער האָט זיך געפֿילט דערנידעריקט, געוואָרן רויט פֿון דעם, וואָס ער האָט געטון, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ לעכערלעכע מיאוסע זאַך.

מ'האָט אים ווידער אַוועקגעזעצט צום פּיאַנינאָ, און ער האָט געשפּילט „די פֿרייד פֿון די קינדער־יאָרן". אַ ווילדע התלהבות האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם. נאָך יעדן שטיקל האָט מען אויסגעשריען מיט התפּעלות; מ'האָט פֿאַרלאַנגט ער זאָל שפּילן נאָך אַמאָל; ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין דערפֿאָלג, אָבער אין דער אייגענער צייט — כּמעט באַליידיקט געווען פֿון די אַרויספֿאָדערונגען, וואָס האָבן אים אויסגעוויזן ווי באַפֿעלן. לסוף האָט דער גאַנצער זאַל זיך אויפֿגעשטעלט אים צו באַגריסן; דער גרויספֿירשט אַליין האָט געגעבן דעם צייכן צו אַפּלאָדירן. אָבער ווי נאָר קריסטאָף האָט זיך געפֿונען אײנער אַליין אויף דער סצענע, האָט ער מורא געקראָגן זיך אַ ריר צו טון פֿון זיין שטול. די אַפּלאָדיסמענטן זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער. רויט פֿון חרפּה האָט ער אַלץ נידעריקער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און אָפּגעקערט דאָס פּנים נישט צו קוקן אויפֿן זאַל. לסוף איז געקומען מעלכיאָר; ער האָט אים גענומען אויף די הענט און געהייסן אים שיקן צום עולם אַ לופֿט־קוש: ער האָט אים אָנגעוויזן אויף דער לאָזשע פֿונם גרויספֿירשט. קריסטאָף האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. מעלכיאָר האָט אים אָנגעכאַפּט שטאַרקער פֿאַרן אָרעם און אים שטילערהייט געדראָט מיט קלעפּ. ערשט דעמאָלט האָט קריסטאָף געמאַכט אַ פּאַסיוון זשעסט, און נישט געקוקט דערביי אויף קיינעם; ער האָט נישט אויפֿגעהויבן די אויגן און אַלץ געהאַלטן אָפּגעקערט דעם קאָפּ; ער האָט

זיך געפּילט אומגליקלעך: ס׳האָט אים עפּעס ווייַ געטון, און ער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס; ס׳האָט אים ווייַ געטון זיין אייגנליבע. ער האָט נישט ליב געהאַט די אַלע מענטשן, וואָס זענען דאָ געווען. זיי האָבן אים, אמת, אַפּלאָדירט, אָבער ער קאָן זיי נישט מוחל זיין, וואָס זיי האָבן פון אים אָפּגעלאַכט און זיך געוויילט מיט זיין בזיון; ער קאָן זיי נישט מוחל זיין, וואָס זיי זעען אים איצט אין דעם לעכער־לעכן צושטאַנד, ווי ער הענגט אין דער לופטן און שיקט קושן. ס׳האָט אים כמעט אויפגעבראַכט זייער אַפּלאָדירן. און ווען מעלכיאָר האָט אים לסוף אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, איז ער גלייך אַנטלאָפן הינטער די קוליסן. איין דאַמע האָט אים צוגעוואָרפן, בעת ער איז פאַרבייגעלאָפן, אַ בוקעט מיט פיילכלעך, וואָס האָט אים געטראָפן גלייך אין פנים אַריין. אַ בהלה איז אים באַפאַלן, און ער האָט גענומען מיט אַלע כוחות לויפן, איבערקערנדיק אַ שטול, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג. וואָס גיכער ער איז געלאָפן, אַלץ מער האָט מען געלאַכט, און וואָס מער מען האָט געלאַכט, אַלץ גיכער איז ער געלאָפן.

לסוף איז ער אָנגעקומען בשלום צום אַרויסגאַנג פון דער בינע, ווו עס זענען געשטאַנען נייגעריקע מענטשן און אים אָנגעקוקט; ער האָט מיטן קאָפּ פאַרויס זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון פּאָדערהויז. דער זיידע איז געווען מלא־שמחה און אים באַשאָטן מיט ברכות. די מוזיקאַנטן פונם אָרקעסטער האָבן זיך געהאַלטן די זייטן פון געלעכטער און געווונשן גליק דעם קליינעם, ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף זיי און געבן זיי די האַנט. מעלכיאָר האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן נאָך אַלץ געדויערט און געוואָלט דווקא אַרויסשלעפּן קריסטאָפֿן נאָכאַמאָל אויף דער בינע. אָבער דאָס קינד האָט זיך עקשנותדיק גע־ווערט, אנגעכאַפּט דעם זיידן פאַרן ראָק און געדריגעט מיט די פיס אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך צו אים דערנענטערט. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך צעוויינט און מ׳האָט אים געמוזט לאָזן צו רו.

גראָד אין דער מינוט איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר מעלדן, אַז דער גרויספירשט פאַרבעט די קינסטלער אין זיין לאָזשע. אָבער ווי קאָן מען באַווייזן דאָס קינד מיט אַזאַ צורה? מעלכיאָר האָט געשאָלטן מיר רוגזה, אָבער זיין כעס האָט נאָר אַרויסגערופן אַ שטאַרקערן גע־וויין ביי קריסטאָפן. כדי אַ סוף צו מאַכן צום מבול פון זיינע טרערן, האָט אים דער זיידע צוגעזאָגט אַ פונט שאָקאָלאַד, אויב ער וועט

אויפהערן צו וויינען, און קריסטאָף, בטבע אַ נאַשער, האָט זיך באַרויקט איינגעשלונגען די טרערן און זיך געלאָזט פירן; אָבער פריער האָט מען אים געמוזט פייערלעך שווערן, אַז מ׳וועט אים נישט אָפּטון קיין שפיצל און אַרויספירן אויף דער בינע.

אינם זאַל פון דער פירשטלעכער לאָזשע האָט מען אים פאָרגע־שטעלט פאַר אַ מאַן אין אַ ראָק, מיט אַ פּנים פון אַ הונט, מיט פאַר־שפּיצטע וואָנסן און מיט אַ קורצער, שפּיציקער באָרד; אַ קליינער, רויטער און אַ דיקלעכער מאַן האָט זיך געווענדעט צום אים מיט אַ היימישער גוט ברודערשאַפט, אַ קניפּ געטון אים אין בעקל מיט זיינע פעטע הענט און אויסגערופן: „Mozart redivivus“ (מאָצאַרט איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים!) ס׳איז געווען דער גרויספירשט. — שפּע־טער איז ער אַריבער אין די הענט פון דער גרויספירשטין, צו איר טאָכטער און צו זייער סוויטע. נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט דעם מוט אויפצוהייבן די אויגן, איז אים שפּעטער פאַרבליבן אין זכרון פון דעם גאַנצן גלענצענדן עולם נאָר אַ בינטל קליידער און אוניפאָרמען, וואָס ער האָט געזען פון גאַרטל ביז די פיס. זיצנדיק אויפן שויס פון דער יונגער פרינצעסין, האָט ער נישט געהאַט קיין מוט זיך אַ ריר צו טון און צו אָטעמען. זי האָט אים געשטעלט פראַגן, אויף וועלכע מעלכיאָר האָט געענטפערט מיט אַן אונטערטעניקער שטים און מיט חניפה־רייד. אָבער זי האָט גאָרנישט געהערט, וואָס מעלכיאָר רעדט, און זיך געדייצט מיטן יינגל. ער האָט געפילט, ווי ער ווערט פון מינוט צו מינוט אַלץ רויטער, און מיינענדיק, אַז אַלע באַמערקן זיין רויטקייט, האָט ער זיך געוואָלט פאַרענטפערן און זיך אָפּגערופן מיט אַ טיפן זיפץ:

— איך בין רויט, ס׳איז מיר הייס.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן געלעכטער ביי דעם יונגן פריילין. אָבער קריסטאָף האָט אויף איר קיין פאַריבל נישט געהאַט, ווי אויפן עולם, ווייל איר לאַכן האָט אים הנאה געטון; זי האָט אים אַ קוש געטון — דאָס האָט אים אויך נישט פאַרדראָסן.

אין דעם מאָמענט האָט ער באַמערקט אינם קאָרידאָר ביים אַריינגאַנג פון דער לאָזשע, דעם זיידן, ווי ער שטייט צעשטראַלט פון פרייד און פאַרשעמט; ער האָט מסתמא אויך חשק געהאַט זיך באַווייזן און אַריינצושטעלן אַ וואָרט, ער האָט אָבער קיין העזה נישט געהאַט, ווייל קיינער האָט זיך צו אים מיט קיין וואָרט נישט געווענדט; ער

האָט פון ווייטן געקליבן נחת פון זיין אייניקלס גדולה. קריסטאָפן האָט פלוצלינג אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקע צערטלעכקייט צום זיידן; ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו טון גערעכטיקייט מיטן אָרעמען אַלטן, מ'זאָל אָפּשאַצן זיין ווערט. ער איז געוואָרן רעדעוודיק; ער האָט זיך איבערגעבויגן צום אויער פון זיין נייער פריינדין און איר איינגערוימט:

— איך וויל אייך אויסזאָגן אַ סוד.

זי האָט געלאַכט און געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ סוד?

— איר געדענקט דעם שיינעם טריאָ אין מענועט און דעם מענועט, וואָס איך האָב געשפּילט?... איר געדענקט עס גוט?... — (ער האָט עס שטיל אונטערגעזונגען) — ...דאָס איז עס! דאָס האָט אָנגע־שריבן דער זיידע. נישט איך. די איבעריקע ווערק זענען אַלע מיינע. אָבער די זאַך איז די שענסטע פון אַלע. זי איז דעם ניידנס. דער זיידע וויל נישט, מ'זאָל עס וויסן. איר וועט עס דאָך נישט דערציילן קיינעם? — (ער האָט אָנגעוויזן אויפן זיידן) — אָט איז דער זיידע. איך האָב אים זייער ליב. ער איז זייער גוט צו מיר.

די פּרינצעסין האָט זיך הויך צעלאַכט, זי האָט געשריען, אַז ער איז אַ טייער קינד, באַדעקט אים מיט קושן און צו דער גרויסער איבעראַשונג פון קריסטאָפן און פון זיין זיידן האָט זי אַלעמען דער־ציילט די מעשה. אַלע האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט, און דער גרויספירשט האָט געווונשן גליק דעם אַלטן, וואָס איז צעמישט געוואָרן און אימ־זיסט זיך געפּרווט צו פאַרענטפערן און געשטאַמלט ווי אַ פאַרמשפּטער. אָבער קריסטאָף האָט שוין מער צום מיידל קיין וואָרט נישט גערעדט; נישט געקוקט אויף אַלע אירע שטיפערייען, איז ער געבליבן שטום און גלייכגילטיק: ער האָט זי מבזה געווען אין זיין האַרצן, וואָס זי האָט נישט געהאַלטן וואָרט. די מיינונג, וואָס ער האָט געהאַט וועגן פירשטן, האָט געליטן אַ שטאַרקן קלאַפּ צוליב אָט דעם פאַראַט. ער איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט מער נישט געהערט, וואָס מ'האָט גערעדט, און אפילו נישט די ווערטער פונם פירשט, וואָס האָט לאַכנ־דיק באַשטימט אים פאַר זיין שטענדיקן פּיאַניסט, פאַר זיין „הויפמוזיקער".

קריסטאָף איז אַרויס צוזאַמען מיט זיינע אייגענע, און איז באַ־גלייט געוואָרן פון די קאָרידאָרן ביז דער גאַס פון אַ המון מענטשן, וואָס האָבן אים געלויבט און געקושט צו זיין גרויס ערגערניש: ער

האָט נישט ליב געהאַט, אַז מ'קושט אים און נישט געלאָזט באַלעבאַ־טעווען איבער זיך אָן זיין דערלויבעניש.

לסוף זענען זיי אָנגעקומען אַהיים, און ווי נאָר מ'האָט פאַרמאַכט די טיר, האָט אים מעלכיאָר אָנגערופן „קליינער אידיאָט", פאַרוואָס ער האָט דערציילט, אַז דער טריאָ איז נישט זיינער. דאָס קינד אָבער האָט געוווּסט, אַז עס האָט ריכטיק געהאַנדלט און אַז עס פאַרדינט, מ'זאָל אים דערפאַר לויבן און נישט זידלען, — און עס האָט געענט־פערט מיט עזות. אַ צעקאָכטער האָט מעלכיאָר געזאָגט, אַז ער וואָלט אים די ביינער צעקלאַפּט, ער האָט אָבער גוט געשפּילט אויפן קאָנ־צערט און אַליין איבערגעפירט דעם גאַנצן עפעקט פונם קאָנצערט מיט זיין נאַרישקייט. קריסטאָף האָט פאַרמאָגט אַ טיף געפיל פאַר יושר: ער איז אַוועק אַן אָנגעבלאָזענער אין אַ ווינקל; ער האָט צו אַלעמען געפּילט אַ פאַראַכטונג: צום טאַטן, צו דער פּרינצעסין, צו דער גאַנצער וועלט. ס'האָט אים אויך געקרענקט, וואָס די שכנים קו־מען ווינשן זיינע עלטערן און פרייען זיך מיט זיי, ווי זיי וואָלטן געשפּילט זיינע זאַכן און ער וואָלט געווען נאָר זייערער אַ חפץ.

דערווייל האָט אַ דינער פונם פּאַלאַץ געבראַכט פונם פירשט אַ שיינעם, גאָלדענעם זייגער, און פון דער יונגער פּרינצעסין — אַ שאַכטל מיט אויסגעצייכנטן שאָקאָלאַד. ביידע זאַכן האָבן פאַרשאַפט קריסטאָפן גרויס נחת־רוח; ער האָט אַליין נישט געוווּסט מיט וואָס זיך מערער צו פרייען; ער איז אָבער געווען אין אַזאַ שלעכטער שטימונג, אַז ער האָט זיך געמאַכט גלייכגילטיק, זיך ווייטער געבלאָזן, וואַרפנדיק פון דער זייט אַ בליק אויף דעם נאַשוואַרג און געשלאָגן זיך מיט דער דעה, צי איז רעכט אָנצונעמען מתנות פון אַ מענטשן, וואָס האָט אים פאַראַטן. ער איז שוין געווען גרייט צו גיין אויף גע־וויסע הנחות, נאָר אָט האָט זיך זיין טאַטן פאַרגלוסט, ער זאָל גלייך צוגיין צום שרייבטיש און אָנשרייבן אַ דאַנק־בריוו, וואָס ער, מעלכיאָר, וועט אים דיקטירן. דאָס איז שוין געווען צופיל! צי דאָס איז געווען צוליב דער אויפרעגונג פונם גאַנצן טאָג, צי פון אינסטינקטיווער חרפּה אָנצוהויבן, אויף מעלכיאָרס באַפעל, דעם בריוו מיט די ווערטער:

„דער קליינער קנעכט און מוזיקער פון אייער הויכקייט"... ווי עס זאָל נישט זיין, — ער האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, און מ'האָט פון אים מער גאָרנישט געקאָנט אַרויסבעקומען. דער דינער האָט מיט אַ חוזק־שמייכעל געוואַרט. מעלכיאָר האָט אַליין געמוזט אָנ־

שרייבן דעם בריוו, און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, קריסטאָפן נישט אַראָפּ גלאַטיק. כּדי צו פאַרגרעסערן דעם אומגליק, איז צו די צרות דער זייגער נאָך אַרויסגעפאַלן פון קינדס הענטלעך און זיך צעבראָכן אויף פּיצלעך. אַ האָגל פון זידל־ווערטער האָט זיך אויף אים אַ שאָט געטון. מעלכיאָר האָט געשריען, אַז ער וועט נישט באַקומען קיין דעסערט. קריסטאָף האָט געענטפערט, אַז דאָס מיינט ער טאַקע, כּדי אים צו באַשטראָפן, האָט זיך לואיזע אָפּגערופן, אַז זי נעמט ביי אים צו דאָס זיסוואַרג. קריסטאָף איז אַרויס פון די כּלים און געשריען, אַז זי האָט קיין רעכט נישט דערצו, אַז דאָס שאַכטעלע איז זיינס און מער קיינעמס נישט — קיינער האָט קיין רעכט נישט ביי אים דאָס אַוועקצורויבן! ער האָט געכאַפּט אַ פּאַטש, איז אַריין אין אַ ווילדן צאָרן און, אַרויסרייסנדיק דאָס שאַכטל פון דער מאַמעס הענט, האָט ער עס אַ וואָרף געטון אויף דער ערד און צעטראָטן מיט די פיס. מ׳האָט אים אָנגעשמיסן, אַריינגעטראָגן אים אין זיין צימער, אויסגעטון און אַריינגעלעגט אין בעט.

אין אָוונט האָט ער געהערט, ווי די עלטערן עסן צוזאַמען מיט זייערע פריינד דעם גרויסאַרטיקן מיטאָג, וואָס איז, לכּבוד דעם קאָנצערט, געווען צוגעגרייט נאָך פון פאַראַכטאָגן. ליגנדיק אין בעט איז ער פון פאַרדרוס שיר פון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען צוליב דער אומגערעכטיקייט. מ׳האָט דאָרט געלאַכט אויפן קול און זיך געקלאַפּט אין די גלעזער. פאַר די געסט האָט מען געזאָגט, אַז דער קליינער איז פאַרמאַטערט; קיינעם האָט עס נישט געאַרט. נאָך דער סעודה אָבער, ווען די געסט האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערגיין האָט קריסטאָף דערהערט שווערע טריט, וואָס האָבן זיך געשלעפּט צו זיין צימער; דער אַלטער זשאַן־מישעל האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער זיין בעט, אים האַרציק אַ קוש געטאָן און געזאָגט דערביי: „מיין גוטער, קליינער קריסטאָף!....‟ און גלייך, ווי ער וואָלט זיך פערשעמט, איז ער, נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט, שטיל אַרויס און אַריינגעשטעקט אים אין האַנט אַ ביסל נאַשוואַרג, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע.

קריסטאָפן האָט עס הנאה געטון. ער איז אָבער געווען אַזוי פאַרמאַטערט פון די טאָג־איבערלעבונגען, אַז ער האָט אפילו קיין כּח נישט געהאַט זיך צוצורירן צו די גוטע זאַכן, וואָס דער זיידע האָט

אים געבראַכט. ער איז געווען צעבראָכן פון מידקייט און באַלד איינ־געשלאָפן.

ער איז געשלאָפן אומרויק. ער האָט זיך אַלע ווײַלע אַ וואָרף געטון, ווי אַ עלעקטרישער שטראָם וואָלט אים אויפגעטרייסלט. אַ ווילדע מוזיק האָט אים געשראָקן אין חלום. אין מיטן דער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. בעטהאָווענס אוווערטור, וואָס ער האָט געהערט בעתן קאָנצערט, האָט אים געקלונגען אין די אויערן. זי האָט אָנגעפילט דאָס צימער מיט איר גליענדיקן אָטעם. ער האָט זיך אויפגעהויבן אין בעט און זיך געריבן די אויגן, צי שלאָפט ער נישט. ניין. ער שלאָפט נישט. ער האָט זי דערקענט, ער האָט דער־קענט אָט די צאָרנדיקע קולות, די פאַרצווייפלטע אויסגעשרייען; ער האָט דערהערט דאָס פולסירן פונם מעלאַנכאָליקן האַרץ, וואָס וואַרפט זיך אין ברוסט-שייד, דאָס ברויזנדיקע בלוט; ער האָט דערפילט אויף זיין פנים אַ ווילדן שטורעם-ווינט, וואָס שמייסט און שליידערט און וואָס ווערט פלוצלינג ווידער איינגעשטילט, איינגעהאַלטן דורכן ווילן פון אַ העלדישן ריז. די גיגאַנטישע נשמה פון בעטהאָווען האָט זיך איבער־געגאָסן אין אים, זיך פונאַנדערגעצויגן אין זיינע גלידער, אין זיין נשמה און געמאַכט זיי ריזיק גרויס. ער האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט. ער איז אַ באַרג, און די שטורעמס רייסן זיך אויף אים, שטו־רעמס פון שגעון!... שטורעמס פון יסורים!... אַך ס׳אַראַ ווייטיק... אָבער עס מאַכט נישט אויס! ער פילט זיך אַזוי שטאַרק!... ליידן! ליידן, וואָס מער!... אַך, ווי גוט עס איז צו זיין שטאַרק! ווי גוט עס איז צו ליידן, ווען מ׳איז שטאַרק!...

ער האָט זיך צעלאַכט. זיין געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון נאַכט. זיין טאַטע האָט זיך אויפגעכאַפּט און אויס־געשריען:

— ווער איז?

די מאַמע האָט געפליסטערט:

— שאַ! דאָס חלומט זיך דעם קינד!

זיי זענען אַלע דריי אַנטשוויגן געוואָרן. אַלץ איז שטיל גע־וואָרן אַרום זיי. די מוזיק איז פאַרשוונדן, מ׳האָט נישט מער גע־הערט, ווי דאָס גלייכמעסיקע אָטעמען פון די מענטשן, וואָס זע־

בֿען געשלאָפֿן אין צימער, חברים פֿון נויט, געשמידט פֿונם גורל, זייט בײַ זייט, אינם זעלביקן צעבראָכענעם שיפֿל, וואָס אַ מעכטיקע קראַפֿט האָט געשליידערט אָן אויפֿהער און צװוּעקגעטראָגן אין דער נאַכט.

ראָמען ראָלאַן

זשאַן קריסטאָף

צווייטער באַנד

פרימאָרגן

פון פראַנצויזיש
אהרן מאַרק

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1931

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie“
B. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

I

דער טויט פון זשאַן־מישעל

עס זענען אַריבער דריי יאָר. באַלד ווערט שוין קריסטאָפן עלף יאָר. עס ציט זיך אַלץ ווייטער זיין מוזיקאַלישע דערציונג. ער לערנט מוזיק־האַרמאָניע ביי פלאָריאַן האָלצער, דעם אָרגאַניסט אין דער קירך פונם הייליקן מאַרטען, — דעם זיידנס אַ פריינט, זייער אַ געלערנטער מאַן. ער לערנט קריסטאָפן, אַז דווקא די אַקאָרדן, וואָס ער האָט צום שטאַרקסטן ליב, און דווקא די האַרמאָניעס, וועלכע גלעטן אַזוי מילד זיין האַרץ און אויער — וואָס ווען ער הערט זיי, לויפט־דורך אַ לייכטער שוידער איבער זיין חוט־השדרה — אַז דווקא זיי זענען מיאוס און פאַרבאָטן. ווען ער פרעגט, פאַרוואָס מ׳טאָר זיי נישט שפילן, באַקומט ער שטענדיק איינעם און דעם זעלבן ענטפער: די כללים פאַרווערן עס. אָבער אַזוי ווי ער וואַרפט זיך קיינמאָל נישט אונטער אַ פרעמדער מיינונג, באַקומט ער גראָד יענע מוזיק אַלץ שטאַרקער ליב, וואָס מער מ׳פאַרווערט אים. ער האָט די גרעסטע הנאה, ווען ער געפינט אַמאָל אַזעלכע ביישפילן ביי די גרויסע מוזיקער, וואָס געפעלן אַלעמען, און ער ברענגט זיי דעם זיידן אָדער דעם לערער. אויף דעם ענטפערט דער זיידע, אַז ביי די גדולים איז עס טאַקע וווּנדערשיין, ממש פלאי פלאים, און אַז אַ בעטהאָווען אָדער אַ באַך, למשל, האָט זיך עס געמעגט דערלויבן. דער לערער ווידער, ווייניקער נאָכגיביק, ווערט בייז און ענטפערט מיט רוגזה, אַז דאָס זענען גאָרנישט די בעסטע ווערק זייערע.

קריסטאָף האָט אַ פרייען איינטריט אויף די קאָנצערטן און אין טעאַטער; ביסלעכווייז לערנט ער זיך אויס שפילן אויף אַלע אינסטרומענטן. אין פידל־שפיל ווייזט ער אַרויס אַ באַזונדערע פעיקייט, און דעם טאַטן איז איינגעפאַלן דער געדאַנק צו געבן אים אַן אָרט אינם

אָרקעסטער. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין שפּילן, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום ווערט ער אָפיציעל באַשטימט פאַרן צווייטן פידלער אינם הויף־מוזיק־פאַריין. אָט אַזוי הויבט ער אָן צו פאַרדינען — און ס׳איז גראָד נישט פּריצייטיק, ווייל מיט פּרנסה אין שטוב ווערט אַלץ ערגער און ערגער. מעלכיאָר שיכורט אַלץ מער, און דער זיידע ווערט עובר־בטל.

קריסטאָף פאַרשטייט זיך גוט אויף דעם טרויעריקן מצב; ער באַקומט אַן ערנסט און פאַרדאגהט פּנים פון אַ קליינעם מאַן. ער דערפילט ערלעך זיין פליכט, הגם זי גייט אים ווייניק־וואָס אָן; אין אָוונט, ווען ער זיצט אין אָרקעסטער, ווערט ער שלעפעריק, ווייל ס׳איז שפּעט און לאַנגווייליק. דאָס טעאַטער רעדט שוין מער נישט צו אים מיט דער באַגייסטערונג פון אַמאָל, ווען ער איז געווען קליין. ווען ער איז געווען קליין, — מיט אַ יאָר פיר צוריק, — איז דער העכסטער טרוים זיינער געווען זוכה צו זיין פאַרנעמען דאָס אָרט, וווּ ער זיצט היינט. איצט אָבער האָט ער כּמעט נישט ליב קיין איין זאַך נישט, וואָס מ׳הייסט אים שפּילן. ער האָט נאָך דעם מוט נישט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן די געשפּילטע ווערק — אין האַרצן אָבער געפינט ער, אַז זיי האָבן קיין טעם נישט; און אַז מען שפּילט שוין יאָ אַמאָל, על־פּי צופאַל, עטלעכע שיינע זאַכן, איז ער זייער נישט צופרידן, וואָס מ׳שפּילט זיי מיט אַזאַ קאַלטער גלייכגילטיקייט: אַפילו די ווערק, וואָס זענען אים שטאַרק צום האַרצן, ווערן סוף־כּל־סוף ענלעך צו זיינע שכנים, די חברים פון אָרקעסטער. זיי, די חברים זיינע, ווי־נאָר דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ און זיי ווערן פאַרטיק מיט זייער בלאָזן אָדער גרימפּלען, ווישן זיי זיך מיט אַ שמייכל אָפּ דעם שווייס און דערציילן זיך בשעת־מעשה גאַנץ רויק מעשהלעך, גלייך ווי ס׳וואָלט זיך איצט געענדיקט אַ לעקציע פון גימנאַסטיק. ער האָט אויך ווידער געזען זיין אַמאָליקע „ליבע״, די בלאָנדע זינגערין מיט די באָרוועסע פיס; ער טרעפט זי גאַנץ אָפט, בעת די הפסקות, אין רעסטאָראַן. זי ווייסט, אַז ער איז אין איר פאַרליבט און זי קושט אים זייער גערן, אָבער ער פילט נישט אין דעם קיין שום הנאה: עס עקלט אים פון איר שמינקע, פון איר ריח, פון אירע גרויסע אָרעמס און פון איר פרעסן; איצט האָט ער זי פיינט.

דער גרויספירשט האָט נישט פאַרגעסן אָן זיין שטענדיקן פּיאַניסט: דאָס הייסט נישט, אַז מ׳האָט אים פּינקטלעך געצאָלט דעם באַ-

שיידענעם געהאַלט, וואָס דער פירשט האָט באַשטימט, — אדרבא, ער מוז שטענדיק מאָנען, — נאָר פון צייט צו צייט באַקומט קריסטאָף אַ באַפעל צו קומען אין שלאָס. דאָס קומט פאָר דעמאָלט, ווען ס'זענען דאָרט איינגעלאַדן חשובע געסט אָדער — פשוט, ווען זייער הויכ־קייט פאַלט איין אַ קאַפּריז צו הערן זיין שפּילן. דאָס קומט אויס כּמעט שטענדיק אין אָוונט, אין אַזעלכע שעהן, ווען קריסטאָף וויל בלייבן אַליין מיט זיך. ער מוז אַלץ איבערלאָזן און געשווינד אַהינלויפן. טייל־מאָל הייסט מען אים וואַרטן אין פאָדערצימער, ווייל דער מאָלצייט איז נאָך נישט געענדיקט. די שטוב־דינער, געוווינט אים אָפּט צו זען, שמועסן מיט אים גוטברודעריש. שפּעטער פירט מען אים אַריין אין אַ זאַל, וואָס גלאַנצט פון ליכט און שפּיגלען, וווּ שטייפע פאַרשוינען קוקן אים אָן מיט אַ בטולדיקער נייגעריקייט, ער מוז דורכגיין דאָס גאַנצע צימער, וואָס איז אָנגעשמירט מיט וואַקס, און קושט זייערע הויכקייטן די הענט; וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ אומגעשיק־טער האָט ער זיך געהאַלטן — ער האָט זיך געפילט לעכערלעך, און זיין שטאָלץ האָט דערביי שטאַרק געליטן.

לסוף זעצט ער זיך ביים פּיאַנינאָ און מוז שפּילן פאַר די טפּשים: — אַזוי האָבן זיי ביי אים אויסגעזען. — צייטנווייז האָט אים בעתן שפּילן די גלייכגילטיקייט פון דער סביבה אַזוי דערדריקט, אַז ס'איז ביי אים רעכט געוועזן איבערצורייסן אינמיטן. ס'האָט אים גע־פעלט לופט, עפּעס האָט אים געשטיקט, און ער איז פאַרזונקען גע־וואָרן אין אַ תהום. ווען ער האָט געענדיקט, האָבן אים אַלע צוגע־ווונשן, באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן און פאָרגעשטעלט אים איינער פאַרן אַנדערן. בעת מעשה אָבער האָט ער געטראַכט אין האַרצן, אַז זיי קוקן אויף אים, ווי אויף אַ באַזונדער מין חיה, וואָס געהערט צו דעם פירשטס מענאַזשעריע, און אַז די שבחים באַציען זיך גיכער צום באַלעבאָס, איידער צו אים. ער האָט זיך געפילט דערנידעריקט און געוואָרן קרענקלעך עמפּפינדלעך, ער האָט דערפון זייער פיל געליטן, בפרט, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצווייזן עס. ער האָט איינגעזען אַ באַליידיקונג פאַר זיך אין די סאַמע איינפאַכסטע האַנדלונגען: אויב עמעץ האָט געלאַכט אין אַ ווינקל פון זאַל, האָט ער געמיינט, אַז דאָס לאַכט מען פון אים; און ער האָט נישט געוווּסט, צי לאַכט מען עס פון זיינע תנועות אָדער פון זיין אַנצוג — אָדער גאָר פון זיין פּנים, הענט, פיס. אַלץ האָט אים דערנידעריקט:

ער איז געווען געקרענקט, ווען מ'האָט צו אים נישט גערעדט. און געווען געקרענקט, ווען מ'האָט צו אים יאָ גערעדט; באַליידיקט, ווען מ'האָט אים געגעבן צוקערלעך, ווי אַ קליין קינד, און באַזונדערס באַליידיקט, ווען דער גרויספירשט האָט אים מיט אַ פּריצישער גאווה אָפּשיקט אַהיים, אַריינשטעקנדיק אים אין האַנט אַ גילדערנע מטבע. ער האָט זיך געפילט אומגליקלעך, וואָס ער איז אָרעם און וואָס מ'קוקט אויף אים ווי אויף אַ קבצן. איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען ער איז געגאַנגען אַהיים, האָט אים דאָס באַקומענע געלט אַזוי געדריקט, אַז ער האָט עס אויפן וועג אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער אַריין. תיכף אָבער נאָכדעם איז ער גרייט געווען אויסצושטיין אַלערליי בזיונות, אַבי נאָר צוריק צו באַקומען דאָס געלט: ווייל אין שטוב איז מען געווען שולדיק דעם קצב פאַר אַ סך חדשים.

זיינע עלטערן איז גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, וויפיל יסורים עס ליידט זיין באַליידיקטער שטאָלץ. זיי זענען געווען גליקלעך, וואָס דער פירשט ווייזט אים אַרויס אַזוי פיל גנאָד. די גוטע לואיזע האָט זיך פאַר איר יינגל נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין שענערע זאַך אין דער וועלט, ווי די דאָזיקע אָוונטן אין שלאָס, אין דער גרויסאַרטיקער געזעלשאַפט. פאַר מעלכיאָרן איז עס געווען אַן ענין שטענדיק זיך צו באַרימען פאַר זיינע פריינד. אָבער גליקלעכער פון אַלע איז געווען דער זיידע. ער האָט זיך, אמת, געגרויסט מיט זיין ליבע צו אומאָפּהענגיקייט, מיט זיין שטאָלץ און פאַראַכטונג צו די מיוחסים; אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט ער געהאַט אַ נאַיוון יראת-הכבוד פאַר געלט, פאַר מאַכט, רום און כלערליי געזעלשאַפטלעכע פּריווילעגיעס; און זיין שטאָלץ איז געווען אין לשער, ווען ער האָט געזען, ווי זיין אייניקל האָט די זכיה צו שטיין נאָענט צו די פּריצים; ער איז געווען אויפן זיבעטן הימל, גלייך ווי דער כבוד וואָלט געפאַלן אויך אויף אים, און הגם ער האָט זיך באַמיט זיין גלייכגילטיק, האָט דאָך זיין פּנים געשטראַלט פאַר נחת-רוח. אין די אָוונטן, ווען קריסטאָף איז אַוועק אין שלאָס, האָט דער אַלטער זשאַן-מישעל שטענדיק געפונען אַן אויסרייד צו בלייבן ביי לואיזען. ער האָט געוואַרט מיט אַ קינדערשן אומגעדולד ביז זיין אייניקל וועט קומען צוריק; און ווען קריסטאָף איז געקומען, האָט דער אַלטער, מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט, אויסגעפרעגט ביי אים סתם אין דער וועלט אַריין, אַ שטייגער:

— נו, ווי איז געגאַנגען דער היינטיקער אָוונט?

אָדער מיט אַ צערטלעכֿן שמייכל, ווי:

— אָט איז אונזער קליינער קריסטאָף, ער וועט אונז באַלד דער־ציילן עפּעס נייעס.

אָדער ער האָט געמאַכֿט אַ קאָמפּלימענט, און געחנפהט אים כּשעת־מעשה:

— ברוך הבא, אונזער יונגער אַדלמאַן!

אָבער קריסטאָף האָט שטענדיק, בייז און פֿאַרמאַטערט, געענט־פֿערט טרוקן: „גוטן אָוונט" און זיך געזעצט אָנגעבלאָזן אין אַ ווינקל. דער אַלטער פֿלעג דעמאָלט צושטיין מיט קלאָרע פֿראַגן, דאָס ייִנגל אָבער האָט נאָר געענטפֿערט יאָ אָדער ניין. בינו־לבינו האָבן זיך אויך די איבעריקע אַרייַנגעמישט און אויסגעפֿרעגט אים וועגן פֿאַרשידענע פּרטים: קריסטאָף איז אַלץ מער געוואָרן אָנגעבלאָזן, מ'האָט אים פּשוט געדאַרפֿט שלעפּן ביי דער צונג אַזוי לאַנג, ביז דער אַלטער זשאַן־מישעל פֿלעג ווערן אָנגעצינדן און מלא חמה — און לסוף אַ זאָג געטון אים אַ האַרב וואָרט. קריסטאָף האָט אָפּגעענטפֿערט מיט ווייניק דרך־ארץ, און דער סוף איז געווען, אַז עס איז שטענדיק געקומען צו אַ גרויסער מחלוקת, דער אַלטער פֿלעג אַוועקגיין און פֿאַרהאַקט נאָך זיך האַסטיק די טיר. אָט אַזוי האָט קריסטאָף פֿאַרשטערט די שמחה ביי די אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין זיין שלעכֿטע שטימונג. זיי זענען נישט געווען שולדיק, וואָס זיי האָבן געהאַט נשמות פֿון משרתים, און זיי איז גאָר נישט איינגעפֿאַלן צו טראַכֿטן, אַז עס קאָן געמאָלט זיין אַנדערש.

קריסטאָף האָט זיך דעריבער פֿאַרשלאָסן אין זיך. נישט טראַכֿטנ־דיק קיין שלעכֿטס וועגן זייַנע אייגענע, האָט ער דאָך געפֿילט, אַז אַ טיפֿער תּהום טיילט אים אָפּ פֿון זיי. ער האָט געוויס איבערגעטריבן; און נישט געקוקט אויף די חילוקי־דעות צווישן זיי, קאָן מען דאָך אָנ־נעמען, אַז זיי וואָלטן אים יאָ פֿאַרשטאַנען, ווען ער וואָלט געקאָנט רעדן מיט זיי אינטים, אָפֿנהאַרציק. אָבער יעדערער ווייסט עס, אַז ס'איז נישטאָ קיין שווערערע זאַך אין דער וועלט, ווי די אָבסאָלוטע אָפֿנהאַרציקייט צווישן קינדער און עלטערן, אפֿילו ווען זיי האָבן זיך ליב גאָר שטאַרק; פֿון איין זייט לאָזט נישט דער יראת־הכּבֿוד צו די עלטערן רעדן מיט זיי אינגאַנצן אָפֿנהאַרציק; פֿון דער צווייטער זייט ווידער — זענען די עלטערן אָפּט מגזם, ווען זיי האַלטן זיך העכֿער פֿאַרן קינד צוליב זייערע יאָרן און דערפֿאַרונג, און דאָס שטערט זיי

צו קוקן מיטן נויטיקן ערנסט אויף די געפילן פונם קינד, וואָס זענען אָפּטמאָל פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי די געפילן פון די דערוואַקסענע, און דערצו נאָך כמעט שטענדיק ערלעכער.

די געזעלשאַפט, וואָס קריסטאָף האָט געזען אין דער היים און די שמועסן, וואָס ער האָט געהערט, האָבן אים נאָך מער דערווייטערט פון דער פאַמיליע.

עס קומען אָפט צוגיין מעלכיאָרס גוטע פריינד, ס׳רוב שפּילער פונם אָרקעסטער, טרינקער און אַלטע בחורים; נישט קיין שלעכטע מענטשן, נאָר וווּלגאַרע; די גאַנצע שטוב טרייסלט זיך פון זייער געלעכטער און טריט. זיי האָבן ליב די מוזיק, אָבער זיי רעדן וועגן איר מיט פאַרדריסלעכער טפּשות. די ווילדע גראָבקייט פון זייער התפּעלות פאַרווונדעט טיף די צניעותדיקע געפילן פונם קינד. ווען זיי לויבן אַ ווערק, וואָס ער האָט ליב, האָט ער דאָס געפיל, ווי זיי וואָלטן אים פּערזענלעך באַליידיקט. ער ווערט בלאַס און אָנגעבלאָזן, קאַלט ווי אייז און מאַכט זיך, ווי די גאַנצע מוזיק וואָלט אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען; ער איז גרייט דעמאָלט צו האַסן זי, ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט. מעלכיאָר זאָגט אויף אים:

— אָט דער פּרא־אדם האָט גאָר קיין האַרץ נישט. ער פילט בכלל נישט. באמת, איך ווייס נישט, אין וועמען ער איז געראָטן.

אָפטמאָל זינגען זיי צוזאַמען יענע דייטשע פאָלקס־לידער אויף פיר שטימען, — ווי פיר פיס, — וואָס זענען שטענדיק ענלעך איינס צום אַנדערן און שלעפּן זיך שווער מיט אַן אָנגעבלאָזענער פייערלעכקייט און פלאַכע האַרמאָניע. קריסטאָף אַנטלויפט דעמאָלט אין ווייטסטן חדר און שילט די ווענט.

דער זיידע האָט אויך זיינע גוטע פריינד: דעם אָרגאַניסט, טאַפּעצירער, זייגערמאַכער, קאָנטראַבאַס, אַלטע פּלוידערזעק, וואָס זענען שטענדיק מעלה־גרה די זעלבע וויצן און לאָזן זיך אַריין אין אָן אַ סוף לאַנגע וויכּוחים מכּח קונסט, פּאָליטיק אָדער יחוס פון די לאַנד־משפּחות. ס׳איז זיי, אייגנטלעך, ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען דער אָדער יענער ענין, וואָס מ׳האָט אַרומגעשמועסט; זיי זענען פּשוט געווען גליקלעך, וואָס זיי האָבן געקאָנט פּלוידערן און געפינען צו וועמען צו ריידן.

וואָס שייך לואיזען — האָבן זי אָפּט באַזוכט די שכנות, וואָס פלעגן אַריינקומען איבערגעבן איר אַלע רכילות פון אַרום; אַמאָל אין

אַ יובל פלעג אויך אַריינקומען אַ „באַרמהאַרציקע דאַמע" מיטן אויס־
רייד, אַז זי איז געקומען זיך דערוויסן ווי עס גייט לואיזען און
„באַ אַ געלעגנהייט" דינגען זי איינצואָרדנען באַ זיך אַ מאָלצייט,
און דערביי נעמען זיך דאָס רעכט אַכטונג צו געבן איבער דער רע־
ליגיעזער דערציונג פון די קינדער.

קריסטאָף איז קיינעם פון די אַלע איינגייער נישט געווען אַזאַ
דם־שונא, ווי זיין פעטער טעאָדאָר, דעם זיידנס אַ שטיפזון, פון זיין
ערשטער פרוי, די באָבע קלאַרע. ער איז געווען אַ שותּף צו אַ גרויסן
האַנדלס־הויז, וואָס האָט געפירט געשעפטן אין אַפריקע און אין
וויטן מזרח. טעאָדאָר איז געווען פון יענעם נייעם טיפּ דייטשן,
וואָס האָבן ליב חוזק צו מאַכן פון דעם אַלטן ראַסע־אידעאַליזם.
פאַרשיכּורט פון זייער נצחון, מאַכן זיי פאַר זייער אָפּגאָט דעם כּוח
און הצלחה וואָס באַווייזט פלומרשט, אַז זיי קוקן אויף דעם לעבן אַנ־
דערש ווי די אַלטע. אָבער אַזוי־ווי ס'איז זייער שווער מיטאַמאָל צו
ענדערן דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלק, וואָס שאַפט זיך אין משך פון
דורות, — פלעג דעריבער דער אָג עשטויסענער אידעאַליזם זיך
אומקערן צוריק און אַנטפּלעקן זיך אַלע מינוט אין אַן אַנדער דער־
שיינונג: אין רעדן, באַוועגונגען, מנהגים, אין די ציטאַטן פון געטהען
ביי יעדער געלעגנהייט, ביי דער מינדסטער געשעעניש אין שטוב־
לעבן. ס'איז געווען אַ משונהדיקער מיש־מאַש פון געוויסן און
גשמיות, אַ משונהדיקע אָנשטרענגונג צונויפצושמעלצן די יושרדיקע
מידות פון דער אַלטער דייטשער קליינבירגערלעכקייט מיטן ציניזם
פון די נייע געשעפטס־רויבער — אַ געמיש, וואָס האָט געהאַט אַ נאָך־
ריח פון אַ געַנוג־עקלדיקער צביעות; דאָס האָט כּלומרשט געזאָלט
כּשרן דעם כּוח פון פויסט, די געלט־תּאווה און די דייטשע אינטערעסן,
און געשטרעבט צו מאַכן פון זיי דעם סימבאָל פון יעדן רעכט, אמת
און גערעכטיקייט.

קריסטאָפס יושר־געפיל איז געווען טיף פאַרווונדעט. ער האָט
נישט געקאָנט אורטיילן, צי איז זיין פעטער גערעכט אָדער נישט;
ער האָט אים אָבער פיינט געהאַט און געפילט אין אים אַ שונא. אויך
דער זיידע האָט דעם פעטער נישט מער ליב געהאַט ווי ער און
שטענדיק זיך אַרויסגעזאָגט קעגן זיינע מיינונגען; ז'עם זיידנס טענות
אָבער זענען בעתן וויכּוח באַלד צעקלאַפּט געוואָרן דורך טעאָדאָרס
באַרעדעוודיקייט; טעאָדאָר פלעג דערצו מאַכן חוזק פון דעם אַלטנס

אידעלער תמימות. דער סוף איז געווען: זשאַן-מישעל האָט זיך אָנגעהויבן צו שעמען מיט זיין גוטהאַרציקייט, און כדי צו באַווייזן, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי אָפּגעשטאַנען, ווי מען מיינט, האָט ער געפּרוווט רעדן אַזוי ווי טעאָדאָר; עס האָט אָבער געקלונגען פאַלש אין זיין מויל און ער איז אַליין פאַרשעמט געבליבן. נאָר וואָס ער זאָל נישט האָבן געטראַכט אין האַרצן, האָט ער דאָך געהאַט פאַר טעאָדאָרן גרויס דרך-ארץ. דער אַלטער האָט געכאַפּט התפּעלות פון זיין פּראַקטישער געשיקטקייט; ער האָט אים נאָך מער מקנא געווען דערפאַר, ווייל ער האָט גוט געוווסט, אַז ער אַליין איז דערצו נישט פעיק. ער האָט געטרוימט, אַז איינער פון זיינע אייניקלעך זאָל דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה. דאָס איז אויך געווען דער ווונש פון מעלכיאָרן, וואָס האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז דער יונגערער זון, רודאָלף, זאָל גיין אין זיין פעטערס שריט. דערפאַר האָבן אַלע אין שטוב געחנפנט דעם רייכן קרוב, פון וועלכן מ'האָט דערוואַרט טובות. יענער ווידער, זעענדיק ווי אָנגעלעגט ער איז דאָ, האָט זיך גענומען האַלטן מעשה-באַלעבאָס; זיך אומעטום אַריינגעמישט, געזאָגט אַ דעה און נישט באַהאַלטן זיין שטאַרקע פאַראַכטונג צו קונסט און קינסטלער; נאָכמער: ער האָט בולט אַרויסגעוויזן, אַז ס'טוט אים הנאה צו באַליידיקן און דערנידעריקן זיינע מוזיקאַלישע קרובים; ער האָט זיך געחכמהט אויף זייער חשבון מיט גראָבע וויצן, און זיי אַליין, אין זייער געפאַלנקייט, האָבן מיטגעלאַכט.

דער עיקר איז קריסטאָף געווען דער ציל פאַר דעם פעטערס קאַטאָוועסן; ער איז אָבער נישט געווען אַזוי געדולדיק. ער האָט געשוויגן און — אַ בייזער — פאַרביסן די ציין. יענעם האָט הנאה געטון קריסטאָפס איינגעהאַלטענער צאָרן. איינמאָל אָבער, בעת זיי זענען געזעסן ביים טיש, האָט טעאָדאָר געחוזקט פון אים שוין איבער דער מאָס; קריסטאָף איז אַרויס פון די כלים און אים אַ שפּיי געטון אין פּנים אַריין. ס'איז געווען אַן אומדערהערטער סקאַנדאַל און אַ מוראדיקער בזיון. דער פעטער איז געבליבן זיצן שטום פון איבעראַשונג, אָבער באַלד האָט זיך אַ שאָט געטון אַ מבול פון ווערטער און זלזולים. ווי אַ פאַרשטיינערטער איז קריסטאָף געזעסן אויף זיין שטול, פאַרגליווערט פון שרעק פאַר זיין אייגענעם אויפטו און גאָרנישט געפילט די קלעפּ, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אים פון אַלע זייטן; נאָר ווען מ'האָט אים געוואָלט צווינגען צו שטעלן זיך אויף די קני פאַרן פע-

טער, האָט ער זיך צעבונטעוועט, אַ שטויס געטון די מאַמע און געמאַכט פּליטה. ער איז אָן אויפהער געלאָפן, נישט אָפּגעשטעלט זיך אפילו אין פעלד, ביז דער אָטעם איז אים פאַרהאַקט געוואָרן פון לויפן, הינטער זיך האָט ער געהערט שטימען, וואָס האָבן אים פון ווייטן גערופן. ער האָט בײַ זיך אַליין געפרעגט, צי איז נישט כּדי צו וואַרפן זיך אין טײַך אַרײַן, אויב ער איז נישט ביכו.ת צו דערטרינקען זײַן שונא. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער אַרומגעבלאָנדזעט איבער די פעלדער. ערשט באַגינען האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר פונם זיידנס הויז. דער אַלטער איז זייער אומרויִק געווען פון קריסטאָפס אַנטלויפן, — ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטון — און נישט געקאָנט בײַ זיך פועלן צו בייזערן זיך אויפן אייניקל. ער האָט אים אָפּגעפירט אַהיים, דאָרט האָט מען זיך געהיט מיט אַ וואָרט קעגן קריסטאָפן, ווײַל מ׳האָט געזען, אַז ער איז אומגעווייניך צערודערט; מען האָט אים, אגב, געשאַנעוועט, ווײַל דעם זעלבן אָוונט האָט ער געדאַרפט שפּילן אינם שלאָס. מעלכיאָר אָבער איז אים וואָכנלאַנג דערגאַנגען די יאָרן, — רעדנדיק כּלומרשט נישט צו אים, נאָר גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, — וועגן דעם, ווי מ׳לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר אומדאַנקבאַרע ברואים, וואָס זענען עס נישט ווערט, צו ווײַזן זיי אַ בײַשפּיל פון ריינעם לעבן און שיינע מידות. ווען פעטער טעאָדאָר האָט באַגעגנט קריסטאָפן אין גאַס, פלעג ער שטענדיק אָפּדרייען דעם קאָפּ און פאַרשטאָפּן די נאָז, כּדי דערמיט אַרויסצוווײַזן אים אַלע סימנים פון טיפער פאַראַכטונג.

אַזוי ווי אין שטוב האָט מען אַרויסגעוויזן צו אים אַ קנאַפּע סימפּאַטיע, פלעג קריסטאָף בלײַבן אין דערהיים וואָס ווייניקער. ער האָט שטאַרק געליטן פונם יאָך, וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט; פאַר צופיל זאַכן און צופיל מענטשן האָט מען אים געצוווּנגען צו האָבן דרך-ארץ, און נישט דערלויבט דערבײַ צו פרעגן פאַרוואָס; און קריסטאָף האָט בטבע פײַנט געהאַט דעם בלינדן דרך-ארץ. וואָס מער מ׳האָט אים געוואָלט אײַנהאַלטן אין צוימען און מאַכן פון אים אַ לײַטישן דײַטשן קליינבירגער, אַלץ שטאַרקער האָט ער געוואָלט זיך באַפרײַען דערפון. די גרעסטע הנאה האָט ער געהאַט, ווען ער האָט נאָך די שטײַפע, לאַנגווײַליקע קאָנצערטן אינם אָרקעסטער אָדער אין שלאָס זיך געקאָנט אַ קײַקל טון איבערן גראָז ווי אַ יונג פערדל אָדער זיך אַראָפּגליטשן באַרג-אַראָפּ פון אַ באַגראָזטן בערגל (אין זײַנע נײַע הויזן),

אָדער גאָר צו וואַרפן זיך אין שטיינער מיט די שכנישע גאַס־יונגען. אויב ער האָט עס געטון זעלטן, איז עס נישט צוליב מורא פאַר קלעפּ אָדער געשרייען אין שטוב, נאָר פּשוט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין חברים: ס׳איז אים נישט געלונגען זיך צו באַפריינדן נענטער מיט אַנדערע קינדער. די גאַסן־ייִנגלעך האָבן אויך נישט ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיט אים, ער פלעג אָננעמען דאָס שפּיל צו ערנסט און געטיילט צו שטאַרקע קלעפּ. ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוויינט צו זיין אָפּגעזונדערט פון די קינדער אין זיין עלטער, — ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער איז נישט איבעריק פלינק און האָט דעם מוט נישט צו שפּילן זיך מיט זיי. ער האָט זיך געמאַכט, ווי דאָס גאַנצע שפּיל וואָלט אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, און בשעת־מעשה אויסגעקוקט, אַז חברה זאָל אים צורופן. אָבער קיינער האָט אים נישט גערופן, און ער האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן אַ געקרענקטער, מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט.

זיין גאַנצע טרייסט איז געווען אַרומצושלעפּן זיך מיטן פעטער גאָטפריד, ווען ער איז געווען אין שטאָט. קריסטאָף האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט צו אים און זייער ליב געהאַט זיין פרייען, אומאָפּהענגיקן גייסט, איצט האָט ער ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען, סאַראַ פאַרגעניגן גאָטפריד האָט געהאַט אַרומצוואַנדלען איבער פאַרשידענע וועגן, נישט זיין צוגעבונדן צו קיין שום אָרט! אָפטמאָל פלעגן זיי אָוונטצייט גיין צוזאַמען איבער פעלדער, אָן אַ ציל, ווו די אויגן האָבן געטראָגן; און אַזוי־ווי גאָטפריד פלעג שטענדיק פאַרגעסן, ווי שפּעט עס איז, זענען זיי אָפט געקומען נאָך האַלבער נאַכט אַהיים און געכאַפּט אַ פּסק. זיי האָבן ליב געהאַט אַרויסצושאַרן זיך ביינאַכט שטילערהייט פון שטוב, בעת אַלע זענען געשלאָפן. גאָטפריד האָט געוווסט, אַז ס׳איז נישט רעכט אַזוי, אָבער קריסטאָף פלעג צו אים שטאַרק צושטיין, און גאָטפריד גופא האָט זיך אויך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן. נאָך האַלבער נאַכט פלעג ער צוקומען פאַרן הויז און אַ פייף טון. קריסטאָף איז געלעגן אין די קליידער. ער פלעג זיך אַרויסגליטשן פון בעט, מיט די שיך אין די הענט, און איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, מיט דער געשיקטקייט פון אַ ווילדן מענטשן, צוגעקראָכן צום פענסטער פון קיך, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום וועג. ער פלעג אַרויפקריכן אויפן טיש, און גאָטפריד האָט אים פון דרויסן אַרויפגע-

נומען אויף זיינע אַקסלען. זיי פלעגן זיך אָפּטראָגן, ביידע גליקלעך ווי חדר־יינגלעך.

אָפטמאָל זענען זיי פריער געגאַנגען אויפזוכן ירמיהן דעם פּי־שער, גאָטפרידס אַ ידיד; זיי האָבן געכאַפּט פיש אויף זיין שיפל, אונטער דער לבנה־שיין. דאָס וואַסער, וואָס האָט געטריפט פון די רודערס, האָט געקלונגען ווי לייכטע האַרפן־קלאַנגען, ווי כראָמאַטישע טענער. אַ מילך־נעפּל האָט ציטערנדיק זיך באַוועגט אויף דער אויבער־פלאַך פונם טייך. די שטערנס האָבן געפינקלט. די הענער האָבן זיך איבערגעשמועסט אויף ביידע זייטן טייך, און אָפטמאָל האָט מען גע־הערט פון דער הימלישער טיפקייט, די טרעלן פון די לערכן, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, פאַרפירט פון דער העלער לבנה־שיין. מ'האָט געשוויגן. גאָטפריד האָט שטיל געזונגען אַ ליד. ירמיה האָט דערציילט משונהדיקע מעשות וועגן דעם לעבן פון בעלי־חיים: זיי האָבן אויסגעזען נאָך געהיימניספולער, ער האָט גערעדט וועגן זיי קורץ און מיט פאַרשידענע רמזים. די לבנה האָט זיך באַהאַלטן הינ־טער די וועלדער. מען איז געשווומען לענגאויס דער טונקעלער קייט פון די בערג. די פינסטערניש פונם הימל און וואַסער האָט זיך צו־נויפגעגאָסן. דאָס וואַסער איז געווען אָן איין קנייטש. אַלע גערוישן זענען אויסגעגאַנגען. דאָס שיפל האָט זיך געשליכט אין דער נאַכט. האָט עס זיך געטראָגן? איז עס טאַקע געשווימען? און אפשר איז עס געשטאַנען אויף איין אָרט?... די וואַסער־גראָזן האָבן זיך געבויגן אין די זייטן, ווי דער שאָרך פון זייד. מ'איז צוגעפאָרן צום ברעג אָן אַ גערויש, אַרויסגעשטיגן און זיך געלאָזט גיין צו־פוס. ס'האָט שוין אפילו געטראָפן, אַז מ'איז צוריקגעקומען ערשט באַגינען. זיי זענען געגאַנגען לענג־אויס דעם טייך, וואַסער־אַראָפּ. מחנות קעניג־פישעלעך, גרין ווי תבואה־זאַנגען, אָדער בלוי ווי איידל־שטיינער, האָבן אַרויסגע־טויכט אין די ערשטע שטראַלן פונם טאָג; געווימלט, ווי די שלאַנגען אַרום דעם קאָפּ פון דער מעדוזע, און גיריק זיך געוואָרפן אויף די ברויט־קרישלעך, וואָס מ'האָט זיי צוגעוואָרפן; געשווומען אַרום דעם ברויט, אַראָפּגעזונקען צוזאַמען מיט אים, געקרייזט אין ספּיראַלן און באַלד נעלם געוואָרן, פלוצלינג, ווי אַ ליכט־שטראַל. דער טייך האָט זיך געטוישט אין ראָזע און פיאָלעט־רעפלעקסן. איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך די פייגל אויפגעכאַפּט. מ'איז געגאַנגען געשווינד אַהיים, און מיט דער זעלבער פאָרזיכטיקייט, ווי ביים אַרויסגיין, האָט זיך קרי־

סטאָף אַריינגעגלײַטשט אין צימער, — ווו די לופט איז געווען שטיקנ-דיק — און געלייגט זיך אין בעט; זיין קערפּער איז פריש געווען פונם פעלד-דופט, און ער פלעג באַלד איינשלאָפן.

אַלץ איז געגאַנגען כשורה, און קיינער וואָלט עס קיינמאָל נישט באַמערקט, ווען נישט זיין יונגערער ברודער ערנעסט, וואָס האָט גע-מסרט קריסטאָפן פאַר זיינע נאַכט-שפּאַצירן; פון דעמאָלט אָן האָט מען אים פאַרווארט צו טון עס און שטאַרק אים נאָכגעקוקט. און דאָך האָט זיך אים נישט איינמאָל איינגעגעבן אַרויסצוגנבֿענען זיך ביינאַכט פון שטוב; די געזעלשאַפט פונם קליינעם דאָרף-גייער און זיינע פריינט איז געווען ביי אים העכער פון אַלץ. זיינע אייגענע האָט עס פאַר-דראָסן. מעלכיאָר האָט געזאָגט, אַז קריסטאָף איז אַ פּויער-יונג. זשאַן-מישעל איז געווען אייפערזיכטיק, וואָס קריסטאָף האָט ליב גאָטפרידן; ס'איז אַ פּחיתת-הכבוד — האָט ער אים געמוסרט — צו פאַרברענגען מיט אַזאַ פּראָסטער חברה, בעת ער האָט דעם זכות זיין נאָענט צו די העכסטע קרייזן און צו באַדינען דעם פירשט. מ'האָט אויסגעפונען, אַז קריסטאָפן פעלט לחלוטין דאָס געפיל פון אייגענער חשיבות.

כּאָטש דער דלות איז אַלץ געוואַקסן צוזאַמען מיט מעלכיאָרס שכרות און ליידיקגייערײַ, — פונדעסטוועגן איז נאָך די לאַגע געווען צו דערטראָגן, כּל-זמן ס'האָט געלעבט זשאַן מישעל. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אויף מעלכיאָרן אַ שטיקל השפּעה, און אין אַ געוויסער מאָס פלעג אים געראָטן אָפּצוהאַלטן מעלכיאָרן פון שיכּורן. דערצו איז דעם טאַטנס זכות ביי געזעלשאַפט דעם שיכּור און מעשים זיינע ביי דער עפנטלעכקייט, וואָס האָט געהאַט פאַר זשאַן-מישעלן גרויס דרך-ארץ. ועל-כּולם פלעג דער אַלטער אָפּט קומען זיי צו הילף מיט אַ געלט-שטיצע. אויסער דער באַשיידענער שׂכירות, וואָס ער האָט באַקומען אַלס געוועזענער קאַפּעלמייסטער, פלעג אים אָפטמאָל אַריינפאַלן קליינגעלט פאַר אַ לעקציע אָדער פאַר פאַריכטן אַ קלאַוויר. דעם גרעסטן טייל פון זיינע רווחים פלעג ער איבערגעבן דער שנור, ער האָט צוגעזען איר מאַטערניש, הגם, זי האָט מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט צו באַהאַלטן עס פון אים. לואיזען האָט געקרענקט, ווען זי

האָט געזען, ווי ער זאָגט זיך אָפּ צוליב זיי פון אַ סך זאַכן. ס'איז געווען פון אַלטן אַ גרויסער קרבן, ער איז שטענדיק געווינט געווען צו לעבן בהרחבה און צו מאַכן גרויסע אויסגאַבן. אָבער אויך אָט־די קרבנות האָבן אָפּטמאָל נישט געקלעקט, און כדי צו דעקן אַ נויטיקן חוב, האָט זשאַן־מישעל געמוזט בשתיקה פאַרקויפן אַ שטוב־זאַך, אַ בוך אָדער עפּעס אַן אַנטיק, וואָס איז אים זייער טייער געווען. מעלכיאָר האָט זיך געכאַפּט, אַז דער טאַטע גיט לואיזען מתנות הינטער־אַרום, אַז ער זאָל נישט וויסן, און גאַנץ־אָפט פלעג ער עס קעגן איר ווילן צונעמען פאַר זיך. ווען דער אַלטער האָט זיך דערוווסט — נישט דורך לואיזען, וואָס פלעג אין זיך דערשטיקן דעם צער, נאָר פון אַן אייניקל, — איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרן, און צווישן די צוויי מעבער האָט זיך צעפלאַקערט אַ שטאַרק מחלוקת, וואָס האָט אַלעמען אויפגערודערט. זיי זענען ביידע געווען אויסערגעוויינלעך היציק, און עס איז געקומען צו האַרבע ווערטער און זידלעריי; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט האַלט שוין ביי קלעפּ. אָבער אין סאַמע ברען האָט מעלכיאָרן איינגעהאַלטן זיין יראת־הכבוד צום טאַטן, און ווי שיכור ער זאָל בשעת־מעשה נישט זיין, פלעג ער דאָך בויגן דעם קאָפּ אונטערן האָגל פון באַליידיקונגען און זידל־ווערטער, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעלאָזט צו אים. אָבער דאָך פלעג ער ווידער אויסקוקן אויף דער באָענטסטער געלעגנהייט אָנצוהויבן אַלץ פון דאָס ניי; און זשאַן־מישעל האָט מיט צער און שרעק געטראַכט וועגן זיין צוקונפט.

— קינדער, מיינע אָרעמע — פלעג ער זאָגן צו לואיזען, — וואָס וועט פון אייך ווערן, ווען איך וועל מער נישט זיין!...

— צום גליק — פלעג ער צוגעבן, גלעטנדיק קריסטאָפן — האַלט איך זיך נאָך ווי־עס־איז אויף די פיס, ביז אָט ד ע ר וועט אייך אַרויסציען פונם זומפּ.

ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט אין חשבון: ער איז געווען ביים סוף פון זיין וועג. קיינער האָט זיך אויף דעם נישט גערעכנט. שוין אין די אַכציקער, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט אַלע האָר, אַ ווייסן קאָפּ, אָבער ערטערווייז נאָך גרוי, און אַ געדיכטע באָרד מיט וווּ־נישט־ווו פאַרבליבענע שוואַרצע האָר. ס'איז אים מער נישט געבליבן אין מויל ווי אַ צענדליק ציין, אָבער ער האָט נאָך זייער גוט געקייט. ס'איז געווען אַ מחיה צו זען אים ביים עסן. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן אַפּעטיט, און, הגם, ער האָט געמוסרט מעלכיאָרן פאַר זיין

שיכּרות, האָט ער דאָך נישט פיינט געהאַט אַ כּוסה. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו ווייסן מאָזעל-ווין. נאָר שייך זאָגן: ווין, ביר, עפּל-ווין — ער האָט נישט פאַרשעמט קיין שום משקה, וואָס דער אויבערשטער האָט מיט זיין גנאָד באַשאַפן. ער איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכטזיניק צו פאַרלירן דעם שכל-הישר אין פלעשל און געוווסט אַ מאָס. אמת, די דאָזיקע מאָס איז געווען אַ גאַנץ-היפּשע, און אַ שוואַכער קאָפּ וואָלט בלי-ספק דערטרונקען געוואָרן אין איר. ער האָט זיך נאָך זייער גוט געהאַלטן אויף די פיס, געהאַט אַ גוטע ראיה, שטענדיק עפּעס געטון און קיינמאָל נישט געפילט קיין מידקייט. זעקס פאַרטאָג איז ער שוין אויפגעשטאַנען און מיט גרויס זאָרג געמאַכט זיין טואַלעט: ער האָט שטאַרק מדקדק געווען אינם אָנטון זיך און געזאָרגט אויסצוזען אָנשטענדיק צווישן לייטן. ער האָט איינער אַליין געלעבט אין שטוב, אַלץ אַליין געטון און נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען די שנור האָט זיך אַריינגעמישט אין זיינע עסקים; ער האָט אַליין אויסגעקערט דאָס צימער, אויפגעקאָכט קאַווע, צוגעגרייט אַ קנעפּל, צוגעקלאַפּט אַ טשוועקל, געפּרעסט, פאַריכט; און אַזוי אַרומגייענדיק מיט פאַרקאַשערטע אַרבל הין און צוריק איבערן שטוב, געזונגען אָן אויפהער מיט אַ הילכיקן באַס, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו לאָזן הערן און באַגלייט זיינע ניגונים מיט זשעסטן פון אָפּערע. — ערשט שפּעטער פלעג ער אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט גיין, אָן אונטערשיד, צי איז דער וועטער געווען גוט אָדער שלעכט. ער איז געגאַנגען וועגן זיינע עסקים, און נישט פאַרגעסן קיין איינעם נישט; זעלטן אָבער איז ער געווען פּינקטלעך. מ׳האָט אים געקאָנט טרעפן אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט, דאָ האָט ער געשמועסט מיט אַ באַקאַנטן, דאָרט געפּלוידערט מיט אַ שכנה, וואָס איר פּנים איז אים געפעלן געוואָרן; ער האָט ליב געהאַט יונגע מיידלעך און אַלטע פריינט. ער האָט שטענדיק פאַרשפּעטיקט און קיינמאָל נישט געוווסט גענוי, וויפל דער זייגער איז. פונדעסטוועגן האָט ער די מיטאָג-שעה קיינמאָל נישט פאַרגעסן: געגעסן האָט ער מיטאָג, ווו ס׳איז אויסגעקומען צו זיין, זיך אַליין פאַרבעטן צו עמעצן פון די באַקאַנטע. אַהיים איז ער געגאַנגען ערשט שפּעט אין אָוונט, שוין טאַקע ביינאַכט, נאָכדעם ווי ער האָט לאַנג פאַרבראַכט מיט זיינע אייניקלעך. ער האָט זיך געלייגט אין בעט און פאַרן צומאַכן די אויגן איבערגעלייענט אַ בלעטל פון זיין אַלטער ביבל; ביינאַכט — ער האָט קיינמאָל מער ווי אַ שעה אָדער

זוי נאָכאַנאַנד נישט געקאָנט שלאָפֿן, — איז ער אַראָפּגעגאַנגען, גע-
נומען איינעם פֿון די אַלטע ביכער, וואָס ער האָט ביי פֿאַרשידענע
געלעגנהייטן איינגעקויפֿט: געשיכטע, טעאָלאָגיע, ליטעראַטור אָדער
וויסנשאַפֿט. ער האָט איבערגעבלייענט עטלעכע זייטן, ווו ס'האָט זיך
אויפגעמישט; עס האָט אים אי אינטערעסירט, אי געלאַנגווייליקט; ער
האָט עס נישט איבעריק פֿאַרשטאַנען, אָבער דאָך נישט דורכגעלאָזט
קיין איין וואָרט, אַזוי לאַנג ביז... ער איז ווידער איינגעשלאָפֿן. זונטיק
איז ער געגאַנגען אין קירך, שפּאַצירט מיט די קינדער און געשפּילט
אין באָל. — ער איז קיינמאָל נישט געווען קראַנק, אויסער דעם וויי-
טיק, וואָס ער האָט געפֿילט אין די פֿינגער פֿון די פֿיס; ער פֿלעג
דאַן שעלטן זיך ביינאַכט, בעת ער האָט געלייענט די ביבל. מען האָט
געמיינט, אַז ער וועט אַזוי אָפּלעבן גאַנצע הונדערט יאָר, און ער
גופא האָט נישט געזען קיין שום סיבה, פֿאַרוואָס ער זאָל נישט לעבן
מער; ווען מ'האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער וועט שטאַרבן מסתמא
צו הונדערט יאָר, האָט ער, ווי יענער געוויסער זקן, געטראַכט, אַז
מ'טאָר נישט שטעלן קיין גרענעצן פֿאַר די חסדים פֿונם רבונו-של-עולם,
אַז ער עלטערט זיך אָבער באמת, האָט מען געקאָנט זען בלויז דער-
פֿון, וואָס די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן עפטער טרערן און וואָס ער
איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ אויפגערעגטער. ביי דער מינדסטער
קלייניקייט איז ער געוואָרן אומגעדולדיק און אַרויס פֿון די כלים.
זיין רויט פּנים און קורצער האַלז זענען אָנגעלאָפֿן מיט בלוט און
געוואָרן רויט ווי פֿייער. אין אָנפֿאַל פֿון צאָרן האָט ער געשטאַמלט
און זיך פֿאַרהאַקט, ס'האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם. דער פֿאַמיליען-דאָק-
טאָר, זייער אַן אַלטער גוטער פֿריינד, האָט אים געוואָרנט, ער זאָל
זיך איינהאַלטן פֿון צוויי זאַכן: פֿון כעס און פֿונם אַפּעטיט. אָבער
פֿאַרקערט, ווי בכלל אַלטע לייט, האָט ער זיך געוואָלט ווייזן פֿאַר
אַ בריה, נאָך מער אומפּאָרזיכטיק געוואָרן און געהוזקט פֿון רפֿואות
און דאָקטוירים. ער האָט גענומען אַרויסווייזן גרויס פֿאַראַכטונג דעם
טויט און נישט געשפּאָרט קיין ווערטער איינצושמועסן דער וועלט,
אַז ער האָט פֿאַרן טויט קיין מורא נישט.

ס'איז געווען זייער אַ הייסער זומער-טאָג. ער האָט געמאַכט אַ
שטאַרקע כוסה, געהאַט אין גאַס אַ הייסן וויכוח, אַוועק אַהיים און
גענומען אַרבעטן אין גאָרטן. ער האָט ליב געהאַט צו גראָבן בייטן,
מיט אַ הוילן קאָפּ אויף דער ברענענדיקער זון, נאָך אַלץ אויפגערעגט

פונם וויכוח, האָט ער געגראָבן מיט כּעס. קריסטאָף איז געזעסן אין שאָטן מיט אַ בוך אין האַנט; ער האָט אָבער כּמעט נישט געלייענט: ער האָט געטרוימט. איינשלעפערנדיק האָט אַ גריל געגרילצט. מעכאַניש האָט קריסטאָף נאָכגעקוקט דעם זיידנס באַוועגונגען. דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן; איינגעבויגן האָט ער געריסן ווילדע גראָזן. פּלוצלינג האָט קריסטאָף געזען, ווי ער גלייכט זיך אויס, טוט אַ מאַך אין דער לופטן מיט די הענט און טוט אַ פאַל, ווי אַ שטיק האָלץ, מיטן פּנים צו דר'ערד. אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך קריסטאָפן געוואָלט לאַכן. שפּעטער אָבער האָט ער געזען, אַז דער אַלטער רירט זיך נישט פון אָרט. ער האָט אים גענומען רופן, צוגעלאָפן צו אים און אָנגעהויבן אים טרייסלען מיט אַלע כּוחות. ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט זיך געשטעלט אויף די קני און געפּרוווט מיט ביידע הענט אונטערהויבן דעם גרויסן קאָפּ, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ. דער קאָפּ איז געווען זייער שווער. קריסטאָף האָט אַזוי געציטערט, אַז מיט גרויס מי האָט ער אים גערירט פון אָרט. ווען אָבער ער האָט דערזען די פאַרשטאַרטע, ווייסע, פאַרבלוטיקטע אויגן, איז ער פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם קאָפּ פון די הענט, און פון האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שרעקלעכער געשריי. ער האָט זיך אויפגעהויבן, און אינגאַנצן אַדורכגענומען פונם שוידער איז ער אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. ער האָט געשריען און געוויינט: אַ מענטש איז דורכגעגאַנגען אויפן וועג און אים אָפּגעשטעלט. קריסטאָף האָט נישט געקאָנט רעדן; ער האָט אָנגעוויזן אויף דער שטוב; דער מענטש איז אַריין און קריסטאָף נאָך אים. נאָך מענטשן האָבן דערהערט זיינע געוואַלדן און אַרויסגעקומען פון די שכנותדיקע שטיבער. באַלד איז דער גאָרטן פול געוואָרן מיט מענטשן. מ'האָט געטרעטן איבער די בלומען, געבויגן זיך איבערן אַלטן און גערעדט אַלע צוזאַמען. צוויי-דריי מענטשן האָבן אים אויפגעהויבן פון דער ערד, קריסטאָף איז געבליבן ביים גאָרטן-טירל; ער איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו דער וואַנט און באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט; ער האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טון; און ווען דער עולם איז פאַרבייגעגאַנגען נאָענט נעבן אים, האָט ער דורך די שפּאַלטן צווישן די פינגער דערזען דעם גרויסן גוף פונם זיידן, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען אָן לעבן: איין אָרעם האָט זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד; דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן קני פונם טרעגער, האָט זיך ביי יעדן טריט

געשאָקלט אַהין און צוריק; דאָס פנים איז געווען געשוואָלן, באַדעקט מיט בלאָטע, פאַרבלוטיקט, דאָס מויל איז געווען אָפן, און די אויגן האָבן אויסגעזען שרעקלעך. קריסטאָף האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און גענומען לויפן. ער איז געלאָפן אָן אויפהער ביז דער מאַמעס שטוב, גלייך ווי עמעץ וואָלט אים נאָכגעיאָגט. ער האָט זיך האַסטיק מיט מוראדיקע געוואַלדן אַריינגעריסן אין קיך. לואיזע האָט געריייניקט גרינוואַרג. ער איז איר געפאַלן אויפן האַלז, אַרומגענומען זי פון פאַרצווייפלונג און געזוכט ביי איר הילף. ער האָט געשלוכצט, און זיין פנים האָט קאָנוולסיוו געציטערט, ער האָט נישט געקאָנט רעדן. אָבער פון ערשטן וואָרט האָט זי גלייך פאַרשטאַנען. זי איז בלאַס געוואָרן, אַלץ, וואָס זי האָט געהאַלטן, איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, איז זי אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

קריסטאָף איז געבליבן איינער אַליין, ער האָט זיך צוגעדריקט צום אַלמער; ער האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען. זיינע ברידער האָבן זיך געשפּילט. ס'איז אים נישט געווען קלאָר, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, ער האָט נישט געטראַכט וועגן זיידן, ער האָט געטראַכט וועגן די שרעקלעכע בילדער, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען און זיך געשראָקן, טאָמער צווינגט מען אים ווידער אַהין צו גיין, ווידער זיי אָנקוקן.

און ווירקלעך, אין אָוונט, בעת די קינדער האָבן שוין געהאַט איבערגעקערט די שטוב, זיך גענוג אָנגעשטיפט און זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אַז ס'איז זיי לאַנגווייליק און אַז זיי זענען הונגעריק, — איז לואיזע געקומען צולויפן, זיי גענומען פאַר די הענט און אַוועקגעפירט צום זיידן. זי איז געגאַנגען זייער שנעל. ערנעסט און רודאָלף האָבן אָנגעהויבן אויף זייער שטייגער צו בורטשען; לואיזע אָבער האָט אויף זיי אַ געשריי געטון, זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. אַן אינסטינקטיווער פחד איז זיי באַפאַלן; ווען זיי זענען אַריין אין שטוב, האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ס'איז נאָך נישט געווען נאַכט, די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן אָנגעצונדן מאָדנע פייערן אין שטוב, אויפן הענטל פון טיר, אויפן שפּיגל, אויף דעם פידל, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט אין ערשטן האַלב-פינסטערן צימער. אָבער אין אַלטנס חדר האָט געברענט אַ ליכט. ביי זיין צאַנקענדיקן פלאַם, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דער גוססער שיין פונם טאָג, האָט דער חושך פון צימער אויסגעזען שווערער, דערדריקנדיקער. ביים

פענסטער איז געזעסן מעלכיאָר און הויך געוויינט. דער דאָקטאָר איז געווען איבערגעבויגן איבער דעם בעט און פאַרשטעלט דעם אַלטן, וואָס איז דאָרטן געלעגן. קריסטאָפס האַרץ האָט געקלאַפּט, גלייך ווי אָט-אָט וואָלט עס צעפּלאַצט. לואיזע האָט געהייסן די קינדער זיך שטעלן אויף די קני ביים זיידנס בעט. קריסטאָף האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח און אַ קוק געטון. נאָך דער סצענע, וואָס ער האָט געזען ביי-טאָג, האָט ער זיך געריכט צו דערזען עפּעס שרעקלעכס, אָבער נאָכן ערשטן אויגנבליק האָט ער דערפילט אַ דערלייכטערונג. דער זיידע איז געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט געשלאָפן. אַ ווײַלע האָט זיך דעם קינד געדאַכט, אַז דער זיידע איז געזונט געוואָרן. אָבער ווען ער האָט דערהערט זיין שווערן אָטעם, ווען ער האָט צוגעקוקט זיך נענ-טער און דערזען זיין געשוואָלן פּנים, וואָס פונם פאַלן איז פאַרבליבן אויף אים אַ ברייטער בלויער פלעק; ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן, וואָס ליגט דאָ, האַלט ביים שטאַרבן, — איז אים אַ שוידער אַדורך; און בעת ער האָט נאָכגעזאָגט נאָך לואיזען דאָס געבעט, דער זיידע זאָל געזונט ווערן, — האָט ער תּפילה געטון אין האַרצן, אַז אויב דער זיידע קאָן נישט געזונט ווערן, זאָל ער בעסער שוין שטאַרבן. ער האָט מורא געהאַט פאַר דאָס, וואָס דאַרף ערשט קומען.

פון ביי־טאָג אָן, זינט ער איז געפאַלן, איז דער אַלטער געלעגן באַוווסטלאָז. ביים זינען איז ער געווען בלויז איין אויגנבליק, וואָס האָט געדויערט גענוג לאַנג, כּדי דער אַלטער זאָל קלאָר פאַרשטיין זיין לאַגע, — דאָס איז געווען שרעקלעך. דער גלח איז געשטאַנען איבער אים און געזאָגט ווידוי. מ'האָט אונטערגעהויבן דעם אַלטן אויף זיין קישן; ער האָט שווער אויפגעעפנט די אויגן און ס'האָט זיך גע-דאַכט, אַז זיי פאָלגן אים קוים; ער האָט הילכיק געאָטעמט, געקוקט אויף די פּנימער, אויף די ליכט, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָ טוט זיך; ער האָט פּלוצלינג אויפגעעפנט דאָס מויל; אַן אומבאַשרייבלעכער גרויל האָט זיך געמאָלט אויף זיין פּנים.

— הייסט עס... — האָט ער געשטאַמלט — הייסט עס, אַז איך שטאַרב?

דער שוידערלעכער טאָן פון זיין שטים האָט צעריסן קריסטאָפס האַרץ; עס איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון אויף אייביק. דער אַלטער האָט מער נישט גערעדט, ער האָט געוויינט, ווי אַ קינד. שפּעטער איז ער ווידער געפאַלן אין חלשות; זיין אָטעם איז געוואָרן

נאָך שווערער; ער האָט געקרעכצט, געמאַכט מיט די הענט; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ראַנגלט זיך מיטן טויט. כמעט אָן באַוווסטזיין האָט ער איין מאָל פּלוצלינג אויסגערופן:

— מאַמע!

אוי, דער שוידערלעכער איינדרוק, דאָס שטאַמלען פונם אַלטן מאַן, וואָס האָט פון שרעק גערופן זיין מאַמע, ווי קריסטאָף פלעג עס טון, — זיין מאַמע, וואָס ער האָט וועגן איר קיין איין מאָל אין זיין לעבן נישט גערעדט און צו וועלכער ער ווענדט זיך איצט אינסטינקטיוו, אין זיין שטאַרקסטער שרעק, ווי צו דער העכסטער און אומנוצלעכער הילף!... אַ ווײַלע האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַרויקט זיך; ס'האָט נאָך געטליעט אין אים אַ פונק פון באַוווסטזיין. זיינע פאַרשטאַרטע אויגן, וואָס דער שוואַרצאַפּל איז אין זיי אַרומגעשווומען אָן אַ ציל, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף קריסטאָפן, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. זיי האָבן אַ בלישטש געטון. דער אַלטער האָט זיך אָנגעשטרענגט אַ שמייכל צו טון און עפּעס צו זאָגן. לואיזע האָט אָנגענומען קריסטאָפן און צוגעפירט אים נעענטער צום בעט, זשאַן-מישעל האָט באַוועגט מיט די ליפּן און געוואָלט אים אַ גלעט טון מיט דער האַנט איבערן קאָפּ. אָבער באַלד איז ער פאַרגליווערט געוואָרן. איצט איז געקומען דער סוף.

מ'האָט אַרויסגעשיקט די קינדער אין צווייטן צימער; ס'איז אָבער געווען צופיל וואָס צו טון, אַז מ'זאָל זיך קאָנען מיט זיי פאַרנעמען. געצויגן דורכן כּוח פון שרעק, האָט קריסטאָף געזען דורך דער שפּאַרע פון דער האַלב-אָפענער טיר דאָס טראַגישע געזיכט, וואָס איז געלעגן אויף דעם קישן, שוידערלעך פאַרקרימט אין די אָרעמס פון טויט, וואָס האָבן אים געשטיקט דעם האַלז... אָט דאָס פּנים, וואָס איז איינגעפאַלן פון מינוט צו מינוט,... אָט דער איבערגאַנג פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש אין תּוהו אַריין, וואָס האָט אים, דאַכט זיך, געשלונגען און געצויגן ווי אַ פּלומפּ, וואָס ציט-אויס דאָס וואַסער... דאָס עקלדיקע כאָרכלען, דער מעכאַנישער אָטעם, וואָס איז ענלעך צו די בלעזלעך אויף דער איבערפלאַך פון וואַסער, די לעצטע אָטעם-צוגן פון אַ גוף, וואָס האַלט זיך מיט אַלע כּוחות אָן לעבן, בעת די נשמה איז שוין מער נישטאָ. — שפּעטער האָט זיך דער קאָפּ אַראָפּגעגליטשט אין דער זייט פון קישן. און אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ערשט שפּעטער, צווישן יאָמער, תּפילות און צערודערונג, וואָס

דער טויט האָט אַרויסגערופן, האָט לואיזע באַמערקט קריסטאָפן, ווי־ער איז געשטאַנען טויט־בלאַס, מיט אַ ברייט־צעעפנט מויל און פאַר־גליווערטע אויגן און האָט קאָנוולסיוו געדריקט דאָס הענטל פון טיר. זי איז צוגעלאָפן צו אים. ער האָט געחלשט אין אירע אָרעמס. זי האָט אים אַרויסגעטראָגן. ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. אין בעט איז ער ווידער געקומען צו זיך, געשריען פון שרעק, ווען מ׳האָט אים אויף אַ ווײַלע געלאָזט אַליין, און איז ווידער געפאַלן אין חלשות. אַ גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג האָט אים געוואָרפן אין היץ. לסוף האָט ער זיך באַרויקט, און די צווייטע נאַכט איז ער פאַר־זונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף, וואָס האָט געדויערט ביזן צווייטן בייטאָג. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, ווי מ׳גייט אַרום איבערן צימער און ווי די מאַמע האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין בעט און אים אַ קוש געטון; ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט פון ווייטן אַ זיסן גלאָקן־קלאַנג. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין חשק זיך אַ רודער צו טון; ער איז געווען ווי אין חלום.

ווען ער האָט ווידער אויפגעעפנט די אויגן, איז דער פעטער גאָטפריד געזעסן צופוסנס אויף זיין בעט. קריסטאָף איז געווען צע־בראָכן און גאָרנישט נישט געדענקט. שפעטער האָט ער זיך אַלץ דער־מאָנט און זיך צעוויינט. גאָטפריד האָט זיך אויפגעהויבן און אים אַ קוש געטון.

— נו וואָס, קליינער, וואָס? — האָט ער צערטלעך געזאָגט.

— אַך, פעטער, פעטער! — האָט דאָס קינד געקלאָגט און זיך געטוליעט צו אים.

— וויין, — האָט געזאָגט גאָטפריד, — וויין!

ער האָט זיך אויך צעוויינט.

ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט קריסטאָף אויסגעווישט די אויגן און אַ קוק געטון אויף גאָטפרידן. גאָטפריד האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אים עפּעס פרעגן.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, צולעגנדיק דעם פינגער צו זיין מויל. — מ׳דאַרף נישט רעדן. וויינען איז גוט. רעדן איז שלעכט.

דאָס קינד איז צוגעשטאַנען.

— ס׳וועט גאָרנישט העלפן.

— אָבער איין זאַך, נישט מער ווי איין זאַך;...

— וואָס!

קריסטאָף האָט זיך געקווענקלט:
— אַך, פעטער, — האָט ער געפרעגט — ווו איז ער איצט?
גאָטפריד האָט געענטפערט:
— ער איז איצט מיטן אויבערשטן, קינד מיינס.
אָבער נישט דאָס האָט קריסטאָף געפרעגט:
— ניין, דו פאַרשטייסט נישט, ווו איז ע ר איצט, ע ר?
(ער האָט געוואָלט זאָגן: דער גוף).
ער האָט ווייטער גערעדט, און זיין שטים האָט געציטערט:
— איז ע ר נאָך אַלץ אין שטוב?
— מ'האָט דעם טייערן מענטשן באַגראָבן אין דער פרי, — האָט געזאָגט גאָטפריד. — האָסט נישט געהערט די גלאָקן?
קריסטאָפן איז לייכטער געוואָרן. שפּעטער, ווען ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז ער וועט שוין מער קיינמאָל נישט זען זיין טייערן זיידן, האָט ער זיך ווידער ביטער צעוויינט.
— מיין קליין, אָרעם קעצעלע! — האָט גאָטפריד גערעדט און געקוקט אויף אים מיט רחמנות.
קריסטאָף האָט געוואַרט, גאָטפריד זאָל אים טרייסטן; אָבער גאָטפריד האָט אפילו נישט געפרווט, ער האָט גוט געוווּסט, אַז ס'וועט גאָרנישט העלפן.
— פעטער גאָטפריד, — האָט געפרעגט דאָס קינד, — און דו, דו האָסט גאָר נישט מורא פאַר דעם?
(וואָס וואָלט קריסטאָף געגעבן, אַז גאָטפריד זאָל נישט מורא האָבן און אים אויך אויסלערנען דעם סוד!)
אָבער גאָטפריד איז אונטערגעשפרונגען:
— שאַ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ געענדערטער שטים...
— און ווי קאָן מען נישט מורא האָבן? — האָט ער זיך אין אַ ווײַלע אַרום אָנגערופן. — נאָר וואָס זאָל מען טון? אַזוי איז עס. מען מוז זיך אונטערגעבן.
קריסטאָף האָט פאַרביטערט געשאָקלט מיטן קאָפּ.
— מען מוז זיך אונטערגעבן, קינד מיינס, — האָט איבערגעחזרט גאָטפריד. — ע ר, וואָס זיצט אויבן, האָט אַזוי גוזר געווען, מען מוז אָננעמען פאַר ליב ז יי ן רצון.
— איך האָב אים פיינט; — האָט קריסטאָף אויסגעשריען מיט פאַרביטערונג און אויפגעהויבן אַ פויסט צום הימל.

אַ דערשראָקענער, האָט אים גאָטפריד געהייסן שווייגן. קריסטאָף האָט זיך אַליין אויך דערשראָקן פאַר די אייגענע רייד, און צוזאַמען מיט גאָטפרידן גענומען תּפילה־טון. אָבער זיין האַרץ האָט געשטורעמט, און בעת ער האָט נאָכגעזאָגט ווערטער פון הכנעה און יאוש, האָט ער טיף אין האַרצן געפילט אַ שרעק און אַ ליידנשאַפטלעכן פּראָטעסט קעגן דער מוראדיקער זאַך און קעגן אָט דעם געהיימניספולן וועזן, וואָס האָט אים באַשאַפן.

טעג און רעגנדיקע נעכט ציען זיך איבערן פריש־צעגראָבענעם שטיקל ערד, ווו ס'ליגט טיף, פון אַלעמען פאַרלאָזן, דער אָרעמער, אַלטער זשאַן־מישעל. בעת־מעשה האָט מעלכיאָר אָן אַ שיעור געוויינט, געשריען און געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. אָבער אַ וואָך איז נאָך נישט אַריבער, און קריסטאָף האָט אים שוין געהערט לאַכן פונם גאַנצן האַרצן. ווען מ'האָט אים דערמאָנט דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם, האָט זיך זיין פּנים אויסגעצויגן און פאַרחושכט געוואָרן; אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין ווידער גערעדט און לעבעדיק זיך באַוועגט. זיין צער איז געווען אויפריכטיק, נאָר בטבע האָט ער נישט געקאָנט לאַנג בלייבן אין אַ טרויעריקן צושטאַנד.

די פּאַסיווע לואיזע האָט מיט הכנעה איבערגעטראָגן דאָס אומגליק, פּונקט ווי זי פלעג אָננעמען פאַר ליב אַלע יסורים. צו אירע טאָג־טעגלעכע תּפילות איז צוגעקומען נאָך איינע; זי פלעג פּינקטלעך גיין אויפן בית־הקברות און געזאָרגט פאַרן קבר, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ טייל פון איר באַלעבאַטישקייט.

אַ באַזונדער רירנדיקע אויפמערקזאַמקייט האָט געשענקט גאָטפריד דעם שטיקל ערד, ווו דער אַלטער איז געשלאָפן זיין אייביקן שלאָף. ווי נאָר ער איז געקומען אין שטאָט, פלעג ער אים שטענדיק ברענגען עפּעס לזכּרון: אַ קרייץ, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט, אָדער עטלעכע בלומען, וואָס זשאַן־מישעל האָט ליב געהאַט. ווי נאָר ס'איז אים אויסגעקומען צו זיין אַ פּאָר שעה אין שטאָט, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלט דאָרט צו זיין, — און געטון האָט ער עס באַהאַלטענערהייט. אָפטמאָל האָט ,ואיזע מיטגענומען קריסטאָפן אויפן בית־עולם.

קריסטאָף האָט געפילט אַן אָפּשטויסנדיקן עקל צו דער דאָזיקער פעטער ערד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ גענאַרערישער באַצירונג פון בלומען און ביימער, און צו דעם שווערן ריח, וואָס האָט געשוועבט אין דער לופטן, געמישט מיטן אָטעם פון די שעפּטשענדיקע ציפּריסן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוווייזן זיין עקל, ער אַליין האָט געהאַט צו זיך טענות, אַז דאָס איז פּחדנות און פאַרשוועכונג. ער פילט זיך זייער אומגליקלעך. דעם זיידנס טויט הערט אים נישט אויף צו פאַרפאָלגן. ער האָט שוין לאַנג געוווסט, וואָס אַזוינס איז טויט, געטראַכט וועגן אים און מורא געהאַט פאַר דעם. אָבער קיינמאָל האָט ער זיך נאָך נישט געהאַט געטראָפן מיט אים פּנים אל פּנים; ווער עס זעט צום ערשטן מאָל דעם טויט, דער דערוויסט זיך, אַז ביז איצט האָט ער נאָך גאָרנישט געוווסט נישט וועגן טויט, נישט וועגן לעבן. אַלץ ווערט צעשמעטערט מיט איין קלאַפּ; דער גאַנצער מענטשלעכער שכל קאָן דאָ גאָרנישט נישט העלפן. דער מענטש גלויבט, אַז ער לעבט, ער מיינט, אַז ער האָט שוין אַ ביסל דערפאַרונג אין לעבן, — און פּלוצלינג דערזעט ער, אַז ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז ער האָט נאָך ביז איצט גאָרנישט נישט געזען, אַז ער איז געווען פאַרהילט מיט אַ שלייער פון אילוזיעס, וואָס זיין גייסט האָט פאַר זיך אַליין אויסגעוועבט, כּדי צו פאַרמאַכן די אויגן פאַרן שרעקלעכן אויסזען פון דער ווירקלעכקייט. ס'איז נישטאָ קיין שום שייכות צווישן דער אידעע פון ליידן און לעבעדיקן מענטש, וואָס בלוטיקט און פּייניקט זיך. נישטאָ קיין שום שייכות צווישן דעם געדאַנק פון טויט און די קאָנווולסן פון גוף און נשמה, וואָס ראַנגלט זיך — און שטאַרבט. די גאַנצע מענטשלעכע שפּראַך, די גאַנצע מענטשלעכע חכמה איז נאָר אַ שפּיל פון אויטאָמאַטן אין פאַרגלייך מיטן טונקעלן גלאַנץ פון דער ווירקלעכקייט, — אין פאַרגלייך מיט די עלנטע באַשעפענישן פון שטויב און בלוט, וועלכע מאַכן אומזיסטע, פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען זיך אָנצוהאַלטן מיט אַלע כּוחות אָן לעבן, וואָס פוילט פון מינוט צו מינוט.

טאָג און נאַכט האָט קריסטאָף געטראַכט וועגן דעם. דאָס בילד פון דער גסיסה האָט אים פאַרפאָלגט; ער האָט געהערט דאָס שרעקלעכע כאָרכלען. נאַכט נאָך נאַכט, וואָס עס זאָל מיט אים נישט געשען, האָט ער געזען דעם זיידן. די גאַנצע נאַטור האָט זיך געענדערט; זי האָט אויסגעזען, ווי אונטער אַ נעפּל פון אייז. אַרום אים, אין יעדן

ווינקל, ווּ ער האָט זיך נאָר אַ קער געטון, אומעטום האָט ער געפילט דעם פאַרניכטנדיקן אָטעם פון דער בלינדער, אַלמעכטיקער ח י ה; ער האָט געפילט איבער זיך די פויסט פון יענער קראַפט, וואָס האָט געקאָנט מאַכן פון אים אַ תל — און קיינער קומט נישט צו הילף. דער גע־דאַנק אָבער האָט אים נישט דערשטיקט, נאָר דערוועקט אין אים צאָרן און האַס. ער האָט נישט געפילט אין האַרצן די מינדסטע הכנעה. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ האָט ער מלחמה געהאַלטן קעגן דער נויטווענדי־קייט; ס'איז גאָרנישט, וואָס ער האָט זיך געבראָכן האַלז און נאַקן און געקומען צו דער דערפאַרונג, אַז יענער צד איז שטאַרקער פון אים — ער האָט זיך אָן אויפהער געבונטעוועט קעגן די יסורים. פון יענער צייט אָן איז זיין לעבן געוואָרן אַ שטענדיקע מלחמה מיט דער אכזריות פונם גורל, מיט וועלכער ער האָט נישט געקאָנט לעבן בשלום.

אָט דער גייסטיקער געראַנגל האָט נאָך געדויערט, און נייע צרות פון לעבן האָבן אָפּגעווענדט קריסטאָפן אין אַן אַנדער זייט. דער חורבן פון דער פאַמיליע, וואָס נאָר איין זשאַן־מישעל האָט אים איינ־געהאַלטן, איז איצט געקומען מיט איילנדיקע טריט. צוזאַמען מיטן אַלטן האָבן די קראַפטס פאַרלוירן די שטאַרקסטע שטיצע, און דער דלות האָט זיך אַריינגעקליבן אין זייער שטוב.

מעלכיאָר האָט בידים צוגעהאָלפן דעם חורבן. אָנשטאָט צו אַר־בעטן מער ווי פריער, האָט ער איצט, — בעת ער איז פּטור געוואָרן פון דער איינציקער השגחה, וואָס האָט אים צוריקגעהאַלטן, — איינ־גאַנצן זיך איבערגעגעבן זיין תאווה. כמעט יעדע נאַכט פלעג ער קו־מען שיכור און נישט מיטגעברענגט מיט זיך קיין גראָשן אויף חיונה. אגב, האָט ער ביסלעכווייז אָנגעווירן אַלע זיינע לעקציעס. איינמאָל איז ער געקומען צו אַ שילערין שיכור ווי לוט: דער פּועל־יוצא פונם סקאַנדאַל איז געווען, אַז מ'האָט פאַר אים פאַרהאַקט אַלע טירן אין שטאָט. אין אָרקעסטער האָט מען אים פאַרטראָגן נאָר אין זיין טאַטנס זכות; אָבער לאויזע האָט געציטערט, אַז מ'וועט אים ווען־עס־איז, נאָך אַ סקאַנדאַל, אויך פון דאָרט משלח זיין. מ'האָט עס אים שוין טאַקע געגעבן ערנסט אָנצוהערן, ווען ער האָט אָנגעהויבן קומען צו

פאַרשטעלונגען צום סוף פון לעצטן אַקט. אַ צוויי־דריי מאָל האָט ער איינגאַנצן פאַרגעסן צו קומען. און צו וואָס איז ער דען נישט געווען מסוגל אין די מינוטן פון נאַרישער אויפרעגונג, ווען ס׳האָט אים אָנ־געכאַפּט אַ באַזונדערע הנאה צו רעדן און צו טון די גרעסטע נאַריש־קייטן? האָט ער זיך דען נישט איינגעשפּאַרט אַ געוויסן אָוונט, אַז מ׳זאָל אויסהערן זיין גרויסן קאָנצערט אין מיטן אַן אַקט פון „וואַל־קיריען״, מ׳האָט אים קוים מיט צרות אָפּגעהאַלטן דערפון. ס׳האָט אויך געטראָפן, אַז ער האָט זיך בעת דער פאָרשטעלונג אומגעריכט צעלאַכט, אונטערן איינדרוק פון משונהדיקע דמיונות, וואָס האָבן געפלאַטערט אויף דער בינע אָדער אין זיין מוח. די שכנים האָבן געמאַכט פון אים חוזק, און פיל האָט מען אים מוחל געווען צוליב זיין לעבערלעכ־קייט. אָבער אָט דאָס מוחל־זיין איז געווען ערגער, ווי די סאַמע האַרבסטע שטראָף, און קריסטאָף האָט זיך געוואָלט באַגראָבן פאַר חרפה.

קריסטאָף איז איצט געווען דער ערשטער פידלער אין אָרקע־סטער. ער האָט זיך באַמיט אַלטונג צו געבן אויפן ייִן טאַטן, צו פאַר־טרעטן אים, בעת ס׳איז געווען נויטיק, און אים איינצוצוימען, ווען מעלכיאָר איז געווען אין געוויסע טעג געניגט צו השתפכות־הנפש. דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט; גלייכער איז געווען צו לאָזן אים איינגאַנצן צו־רו; ווען דער שיכור האָט געפּילט, אַז מ׳קוקט אויף אים, האָט ער געמאַכט משונהדיקע האַוואַיעס אָדער גאָר האַלטן אַ דרשה. קריסטאָף פלעג זיך אויסדרייען, כדי נישט צו קוקן אויפן טאַטנס משוגעת; ער האָט געפּרוווט זיך פאַרטיפן אין זיין אַרבעט, אָבער קעגן זיין ווילן האָט ער געהערט מעלכיאָרס פלוידערן און דעם געלעכטער פון די שכנים. זיינע אויגן זענען אָנגעלאָפן מיט טרערן. די שפּילער, ווילע מענטשן, האָבן עס באַמערקט און געהאַט רחמנות אויף אים! זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן פונם געלעכטער און אויסגעמיטן צו רעדן וועגן מעלכיאָרן, ווען קריסטאָף איז געווען דערביי. קריסטאָף האָט געפּילט זייער מיטלייד. ער האָט גוט געוווּסט, אַז ווי נאָר ער גייט אַרויס, הויבט זיך ווידער אָן די ליצנות און אַז מעלכיאָר איז געוואָרן אַ שם־דבר אין דער גאַנצער שטאָט. ס׳איז גאָר קיין מיטל נישט גע־ווען אים איינצוהאַלטן, און דאָס האָט קריסטאָפן שטאַרק וויי־געטון. נאָכן שפּילן האָט ער געשלעפּט דעם טאַטן אַהיים; ער האָט אים אונ־טערגעהאַלטן מיטן אָרעם, אויסגעהערט זיין פלוידערן און זיך באַמיט,

קיינער זאָל נישט באַמערקן זיינע וואַקלדיקע טריט. אָבער ווען האָט ער געקאָנט נאַרן? נישט געקוקט אויף זיין מי, האָט זיך אים זעלטן ווען איינגעגעבן צו ברענגען מעלכיאָרן בשלום אַהיים. ווי נאָר זיי זענען צוגעקומען צום עק גאַס, פלעג מעלכיאָר דערקלערן, אַז ער מוז זיך תיכף-ומיד טרעפן מכח אַ וויכטיקן ענין מיט זיינע פריינד, און קיין שום טענות האָבן אים נישט אָפגעהאַלטן פון אַוועקגיין. ס'איז שוין געווען אַ סך קליגער אים נישט צו שטערן, אויב קריסטאָף האָט נישט געוואָלט אויסשטיין אַ סצענע פון פאָטערלעכע קללות, וואָס האָבן צוגעצויגן אַלע שכנים צו די פענסטער.

די גאַנצע הכנסה פון שטוב האָט ער צעטרענצלט. מעלכיאָר האָט נישט נאָר זיין אייגן געלט פאַרטרונקען. ער האָט פאַרטרונקען אויך דאָס, וואָס דאָס ווייב און דער זון האָבן מיט גרויס מאַטערניש פאַרדינט. לואיזע האָט געוויינט; איר מאַן אָבער האָט איר אויף אַ גראָבן אופן דערמאָנט, אַז די שטוב געהער נישט צו איר און אַז ער האָט זי גענומען אָן אַ גראָשן געלט. — האָט זי נישט געהאַט קיין העזה אים צו שטערן. קריסטאָף האָט זיך געוואָלט אַנטקעגנשטעלן, — האָט אים מעלכיאָר גוט אויסגעזידלט און אַרויסגעריסן דאָס געלט פון האַנט. קריסטאָף איז דאַן אַלט געווען צוועלף—דרייצן יאָר; ער איז געווען קרעפטיק געבויט און זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף מעלכיאָרס ווילדע מעשים; ער האָט נאָך אָבער מורא געהאַט זיך קעגנצושטעלן, און כדי אויסצומיידן נייע באַליידיקונגען, פלעג ער אים לאָזן צונעמען דאָס געלט. דער איינציקער אויסוועג פאַר לואיזען און קריסטאָפן איז געווען — באַהאַלטן זייער פאַרדינסט. מעלכיאָר אָבער האָט געהאַט אַ באַזונדערן חוש אַרויסצוגראָבן פון אונטער דער ערד דאָס באַהאַלטענע, בעת זיי זענען נישט געווען אין דערהיים.

אָבער אינגיכן האָט אים אויך דאָס נישט געקלעקט. מעלכיאָר האָט אָנגעהויבן אויספאַרקויפן די זאַכן, וואָס זענען געבליבן בירושה נאָך זיין טאַטן. קריסטאָף האָט מיט גרויס האַרץ-ווייטיק צוגעזען, ווי עס פאַרשווינדן די טייערע אָנדענק-חפצים: די ביכער, דאָס בעט, דאָס מעבל, אפילו די פאָרטרעטן פון די מוזיקער. ער האָט אָבער נישט געטאָרט רעדן קיין וואָרט. איינמאָל נאָר, ווען מעלכיאָר איז געשטרויכלט געוואָרן אָן דעם זיידנס אַלטן פיאַנינאָ און צעקלאַפט זיך די קני און דערביי אָנגעהויבן צו שעלטן פון כעס און געזאָגט, אַז מ'קאָן זיך אין שטוב קיין ריר נישט טון און אַז מ'דאַרף אויסראָמען פון שטוב דאָס

גאַנצע אַלטוואַרג, — דאַן איז קריסטאָף אַרויס פון די כּלים. ס׳איז טאַקע אמת, די ענגשאַפט אין די צימערן מיטן אָנגעשטעלטן זיידנס מעבל איז געווען זייער שטאַרק, נאָך דעם ווי מ׳האָט פאַרקויפט זיין שטוב, — יענע טייערע שטוב, וווּ קריסטאָף האָט פאַרבראַכט די בעסטע צייטן פון זיינע קינדער־יאָרן. ס׳איז אויך אמת, אַז דער אַלטער ראָיאַל איז געווען אַ שברי־כּלי, געהאַט אַ הייזעריקן קלאַנג, און קריסטאָף האָט אים שוין אַ לאַנגע צייט נישט באַנוצט, ער האָט געשפּילט אויף אַ שיינער, נייער פּיאַנינאָ, אַ מתּנה פונם פירשט! אָבער דער אַלטער אינסטרומענט, וואָס האָט שוין צו גאָרנישט נישט געטויגט, איז געווען פאַר קריסטאָפן דער בעסטער פריינט, וואָס האָט אויפגעעפנט פאַר אים די אומענדלעכע וועלט פון מוזיק! אָט די געלע, פונם לאַנגן נוצן אָפּגעריבענע ביינדלעך, האָבן אים אַנטפּלעקט דאָס קעניגרייך פון קלאַנגען מיט אירע געזעצן; ס׳איז געווען דעם זיידנס אַ ווערק; דער זיידע האָט לאַנגע חדשים פאַרבראַכט ביים פאַריכטן אים פאַר זיין אייניקל, און דעריבער איז ער געווען אים זייער טייער, — ס׳איז געווען אַ הייליקע זאַך. דעריבער האָט קריסטאָף געטענהט, אַז מ׳האָט נישט דאָס רעכט עס צו פאַרקויפן. מעלכיאָר האָט אים געהייסן שווייגן. קריסטאָף האָט נאָך העכער גענומען שרייען, אַז דער ראָיאַל געהער צו אים און אַז ער פאַרווערט אים אָנצורירן. ער האָט זיך געריכט אויף אַ מיאוסן פּסק! מעלכיאָר אָבער האָט נאָר אַ קוק געטון אויף אים בייז — און געשוויגן.

צומאָרגנס האָט קריסטאָף פאַרגעסן די גאַנצע מעשה. ער איז געקומען אַהיים פאַרמאַטערט, אָבער גאַנץ גוט געשטימט. ער האָט אָנגעטראָפן די כיטרע בליקן פון זיינע ברידער. זיי האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי וואָלטן שטאַרק פאַרטון געווען אינם לייענען, אָבער זיי האָבן געוואָרפן אויף אים בליקן און נאָכגעקוקט אַלע זיינע באַוועגונגען, פאַרטיפנדיק זיך כּלומרשט אין בוך, ווען ער האָט אויף זיי אַ קוק געטון. ער האָט נישט געצווייפלט, אַז זיי האָבן אים אָפּגעטון אַ שפּיצל; אָבער ער איז שוין דערמיט געוווינט געווען און איז נישט נתפּעל געוואָרן; ער האָט, ווי שטענדיק, גערעכנט זיי אָנקלאַפּן די ביינער, ווי נאָר ס׳וועט קלאָר ווערן פאַר אים, וואָס דאָ טוט זיך. ער האָט זיך דעריבער נישט געאיילט חוקר ודורש צו זיין און דערווייל גענומען שמועסן מיטן טאַטן, וואָס איז געזעסן אין ווינקל ביים פייער, און אים אויסגעפרעגט מיט אַ (געמאַכטן, אגבֿ) אינטערעס, — אַ זאַך, וואָס האָט שוין

לאַנג נישט געטראָפן, — ווי ס'איז היינטיקן טאָג געגאַנגען. בעת ער האָט גערעדט, האָט קריסטאָף באַמערקט, ווי מעלכיאָר קוקט זיך איבער, פון דער זייט, מיט דעם קליינוואַרג. דאָס האַרץ איז אים איינגעפאַלן. ער איז אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער... דאָס אָרט פון קלאַוויר איז געווען ליידיק! ער האָט אַ געשריי געטון פון ווייטיק. ער האָט גע־הערט פון צווייטן צימער דעם געשטיקטן געלעכטער פון זיינע ברידער. דאָס גאַנצע בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פנים. ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו זיי און אַ געשריי געטון:

— מיין פּיאַנינאָ!

מעלכיאָר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אַזוי תמימותדיק און פאַרחידושט, אַז די קינדער האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. ער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן, זעענדיק קריסטאָפס נעבעכדיקן אויסזען, האָט ער אויסגע־דרייט דעם קאָפּ און געלאַכט אין־דער־שטיל. קריסטאָף האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן. ווי אַ משוגענער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויפן טאַטן. מעלכיאָר, אויסגעצויגן אין פאָטער־שטול, האָט נישט באַוויזן זיך צו פאַרטיידיקן. קריסטאָף האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַלז און געשריען:

— גנב!

ס'האָט געדויערט איין אויגנבליק. מעלכיאָר האָט זיך אַ טרייסל געטון און אַ וואָרף געטון קריסטאָפן, וועלכער האָט זיך פאַרביסן גע־ראַנגלט. דעם קינדס קאָפּ האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אינם אייזן פון אויוון. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די קני, מיט אַן אויפגעלאָ־פּענעם שטערן, און נישט אויפגעהערט צו שרייען מיט אַ געשטיקטער שטים:

— בימט אַ גנב! אַ גנב, האָסט מיך און דער מאַמע באַגנבעט!.. אַ גנב, האָסט פאַרקויפט דעם זיידן פאַר געלט!

מעלכיאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און אויפגעהויבן זיין פויסט איבער קריסטאָפס קאָפּ. דאָס קינד האָט אים אָנגעקוקט אָן אַ סימן פון שרעק, מיט אויגן פול שנאה, און געציטערט פון צאָרן. פּלוצלינג האָט אויך מעלכיאָר אָנגעהויבן צו ציטערן. ער האָט זיך געזעצט און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. די צוויי קינדער האָבן געמאַכט פּליטה און געשריען אויפן קול. נאָכן שטורעם איז שטיל געוואָרן. מעלכיאָר האָט געשטאַמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. צוגעדריקט צו

דער וואַנט, האָט קריסטאָף נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג, געקריצט מיט די ציין און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. מעלכיאָר האָט אָנגעהויבן זיך אַליין באַשולדיקן:

— אַ גנב בין איך! כ'שטעל בדלות מיין פאַמיליע, מיינע קינדער פאַראַכטן מיך. בעסער וואָלט איך געשטאָרבן!

ווען ער האָט אויפגעהערט צו קלאָגן, האָט אים קריסטאָף האַרב געפרעגט, נישט רירנדיק מיט קיין אבר:

— ווו איז מיין פּיאַנינאָ?

— ביי וואָרמסערן. — האָט געענטפערט מעלכיאָר, נישט דערוועגנדיק זיך אויפצוהויבן די אויגן.

קריסטאָף האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס און אַ זאָג געטון:

— דאָס געלט!

אַ צעמישטער, האָט מעלכיאָר אַרויסגענומען דאָס געלט פון טאַש און דערלאַנגט דעם זון. קריסטאָף האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. מעלכיאָר האָט אים אַ רוף געטון:

— קריסטאָף!

קריסטאָף איז געבליבן שטיין. מעלכיאָר האָט ווידער אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— מיין קליינער קריסטאָף!... פאַראַכט מיך נישט!

קריסטאָף האָט זיך אַ וואָרף געטון אים אויפן האַלז און געוויינט:

— פּאַפּאַ, מיין טייערער פּאַפּאַ! איך פאַראַכט דיך נישט! איך בין אַזוי אומגליקלעך!

זיי האָבן זיך ביידע אויפן קול צעוויינט. מעלכיאָר האָט געקלאָגט:

— ס'איז נישט מיין שולד. איך בין נאָך נישט קיין אויסוואורף. נישט אמת, קריסטאָף? אדרבה, זאָג, איך בין נאָך נישט קיין אויסוואורף?

ער האָט צוגעזאָגט מער נישט צו טרינקען. קריסטאָף האָט מיט צווייפל געשאָקלט מיטן קאָפּ, און מעלכיאָר האָט זיך מודה געווען, אַז ווען ער האָט נאָר געלט אין האַנט, קאָן ער זיך נישט איינהאַלטן. קריסטאָף האָט נאָכגעטראַכט און געזאָגט:

— ווייסט וואָס, פּאַפּאַ, מ'וואָלט געדאַרפט...

ער איז געבליבן שטיין.

— וואָס אַזוינס ?

— איך שעם זיך...

— פאַר וועמען ? — האט מעלכיאר נאַאיוו געפרעגט.

— פאַר דיר.

מעלכיאר האט זיך פאַרקרימט און געזאגט:

— ס׳מאַכט נישט אויס.

קריסטאָף האט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳וואָלט געדאַרפט די גאַנצע הכנסה פון דער פאַמיליע, צוזאַמען מיט מעלכיאָרס געהאַלט אָנטרויען אַן אַנדערן, וואָס זאָל געבן מעלכיאָרן יעדן טאָג, אָדער יעדע וואָך, וויפל ער דאַרף פאַר זיך. מעלכיאָר איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן, — ער איז נישט געווען גאָר ניכטער, — ער האָט מסכים געווען און דערקלערט, אַז ער וועט תיכף־ומיד אָנשרייבן אַ בריוו צום גרויספירשט, זיין געהאַלט זאָל מען אויסצאָלן קריסטאָפן. קריסטאָף האָט זיך אָפּגעזאָגט, רויט ווערנדיק פונם טאַטנס בזיון. אָבער מעלכיאָר, געטריבן פונם ווילן אַ קרבן צו ברענגען, האָט זיך איינגע־עקשנט אָנצושרייבן דעם בריוו. ער איז אַליין געווען גערירט פון זיין גרויסמוטיקע האַנדלונג. קריסטאָף האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דעם בריוו, און לואיזע, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעקומען און זיך דערוווּסט וועגן גאַנצן ענין, האָט דערקלערט, אַז זי וועט ליבער גיין איבער די הייזער, איידער צו דערפירן איר מאַן צו אַזאַ בזיון. זי האָט צוגעגעבן, אַז זי האָט צו אים צוטרוי און אַז זי איז זיכער, אַז ער וועט בעסער ווערן צוליב די, וואָס ער האָט ליב, און צוליב זיך אַליין. דער סוף איז געווען: אַלע זענען געוואָרן גערירט, און מעל־כיאָרס בריוו, אַ פאַרגעסענער אויפן טיש, איז אַראָפּגעפאַלן אונטערן אַלמער, ווו ער איז געבליבן ליגן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אים לואיזע געפונען, בעת זי האָט פאַרקערט די שטוב, און אַזוי־ווי זי איז געווען זייער אומגליק־לעך צוליב מעלכיארס נייע ווילדקייטן, — ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן זיין נדר, — האט זי דעם בריוו נישט צעריסן, נאר ערגעץ ווו באַ־האַלטן. עטלעכע חדשים האט זי אים געהיט, און שטענדיק אפּגעשטויסן פון זיך דעם געדאַנק מיט אים זיך צו באַנוצן, הגם זי האט געהאַט פונם מאַן געברענטע צרות. נאר איינמאל, ווען זי האט געזען, ווי מעלכיאר שלאגט, ווי שטענדיק, קריסטאפן מכות־רצח, האט זי עס מער נישט געקאנט אויסהאַלטן; און בלייבנדיק אַליין מיטן וויינענדיקן

יינגל, האָט זי אַרויסגענומען דעם בריוו, דערלאַנגט קריסטאָפן און געזאָגט:

— גיי!

קריסטאָף האָט זיך געקוועקט; ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ, אויב ער וויל ראַטעווען פון אַ פולשטענדיקן חורבן דאָס לעצטע ביסל, וואָס איז זיי געבליבן. ער איז אַוועק אין שלאָס. דער וועג, צוואַנציק מינוט גאַנג, האָט זיך דאָס מאָל געשלעפּט אַ גאַנצע שעה. די חרפּה פון זיין שליחות האָט אים דער-שלאָגן. זיין שטאָלץ, וואָס איז זיך צעוואַקסן אין די לעצטע יאָרן פון זיין איינזאַמקייט, האָט בלוטיק געליטן פונם געדאַנק, אַז ער גייט אויפ-דעקן פאַר דער וועלט זיין טאַטנס שאַנד. ס'איז געווען אַ מאָדנע, אָבער נאַטירלעכע נישט-אויסגעהאַלטנקייט: ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז אָט-די שאַנד איז אַלעמען באַקאַנט, — און דאָך האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות זי צו פאַרדעקן און צו מאַכן זיך, אַז ער באַמערקט זי גאָרנישט. ער וואָלט זיך בעסער געלאָזט צערייסן אויף שטיקער, איידער דאָס מודה צו זיין. איצט גייט ער אַהין אַליין, מיטן אייגענעם ווילן!... צוואַנציק מאָל האָט ער געוואָלט זיך צוריק אומקערן; און שוין נאָענט צום שלאָס, האָט ער צוויי-דריי מאָל צוריקגעצויגן זיך צו דער שטאָט. אָבער נישט ער איז דאָ געווען דער עיקר. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער מאַמע, וועגן זיינע ברידער. אויב דער פאָטער האָט זיי פאַרלאָזן, אויב ער האָט זיי פאַראַטן, מוז ער, דער עלטסטער זון, פאַרנעמען זיין אָרט און קומען זיי צו הילף. ס'איז נישטאָ וואָס צו קווענקלען זיך, נישטאָ מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטן, — ער האָט געמוזט אויסטרינקען דעם כּוס פון חרפּה. ער איז אַריין אין שלאָס. אויף די טרעפּ איז ער גרייט געווען ווידער צו אַנטלויפן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טרעפּל. עטלעכע מינוט איז ער געבליבן זיצן אויף דר'ערד, מיט אַ האַנט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר, ביז עמעצער איז אָנגעגאַנגען און ער האָט שוין געמוזט אַריינגיין.

אין דער קאַנצעלאַריע האָבן אים אַלע געקענט. ער האָט גע-בעטן, אַז ער וויל רעדן מיט זיין עקסעלענץ, דעם פאַרוואַלטער פון די טעאַטערן, באַראָן פאָן האַמער-לאַנגבאַך. אַ יונגער, דיקער באַאַמטער, מיט אַ פליך אויפן קאָפּ און מיט אַ רויט פּנים, האָט אים פריינדלעך געגעבן די האַנט און אָנגעהויבן מיט אים שמועסן וועגן דער לעצטער אָפּערע, וואָס מ'האָט ביי זיי געשפּילט. קריסטאָף האָט איבערגעחזרט

זיין ביטע. דער באַאַמטער האָט געענטפערט, אַז זיין עקסעלענץ איז גראָד אין דער מינוט פאַרנומען, נאָר אויב קריסטאָף האָט צו אים אַ שריפטלעכע בקשה, זאָל ער זי איבערלאָזן צווישן די איבעריקע פּאַפּירן, וואָס ער וועט באַלד אָוועקטראָגן צו חתמענען. קריסטאָף האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו. דער באַאַמטער האָט עס גיך איבערגעלייענט און אַרויסגעלאָזן אַ פאַרוווּנדערטן געשריי:

— אַך, באמת! — האָט ער פריילעך געזאָגט — דאָס הייסט אַ גוטער איינפאַל! ער האָט עס שוין לאַנג געדאַרפט טון! צייט ער לעבט, האָט ער נאָך אַזאַ גוטע זאַך נישט אָפּגעטון. אַך, דער אַלטער שיכּור! ווי האָט ער זיך, צום טייוול, באַשלאָסן אויף אַזאַ שריט?

ער איז געבליבן שטיין. קריסטאָף האָט אים אַרויסגעריסן דאָס פּאַפּיר פון האַנט און געשריען, בלייך פון כּעס:

— איך פאַרוּוער אייך!... איך פאַרוּוער אייך מיך צו באַליידיקן!

דער באַאַמטער איז געווען פאַרחידושט.

— אָבער, טייערער קריסטאָף, — האָט ער געפּרוּווט רעדן — ווער קלערט דיך צו באַליידיקן? כ'האָב נאָר געזאָגט דאָס, וואָס די גאַנצע וועלט טראַכט. און דו אַליין טראַכסט עס אויך.

— ניין! — האָט קריסטאָף געשריען מיט כּעס.

— וואָס? דו טראַכסט עס נישט? דו טראַכסט נישט, אַז ער טרינקט?

— ס'איז נישט אמת! — האָט קריסטאָף געענטפערט.

ער האָט געטופּעט מיט די פיס.

דער באַאַמטער האָט געהויבן מיט די פּלייצעס:

— אויב אַזוי, צו וואָסזשע האָט ער אָנגעשריבן דעם בריוו?

— ווייל... — האָט געזאָגט קריסטאָף — (ער האָט נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו זאָגן) — ווייל, ווען איך קום יעדן חודש אָפּנעמען מיין געהאַלט, איז באַקוועמער איך זאָל גלייכצייטיק אָפּנעמען אויך דעם טאַטנס שכירות. ס'איז איבעריק, מיר זאָלן זיך ביידע מטריח זיין... מיין טאַטע איז זייער שטאַרק פאַרנומען.

ער איז רויט געוואָרן פון דער זינלאָזער דערקלערונג. דער באַאַמטער האָט אים אָנגעקוקט מיט איראָניע געמישט מיט רחמנות. דרייענדיק דאָס פּאַפּיר אין די הענט, האָט קריסטאָף געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין. יענער האָט זיך אויפגעהויבן און אים אָנגענומען פאַרן אָרעם.

— וואַרט־צו אַ ווײַלע, — האָט ער געזאָגט — איך וועל גײַן דורכפירן דעם ענין.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין דירעקטאָרס קאַבינעט. קריסטאָף האָט געוואַרט אונטער די בליקן פון די איבעריקע באַאַמטן. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס ער טוט; נישט וואָס ער ווע ט טון און נישט וואָס ער דאַרף טון. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, איידער מ׳וועט אים ברענגען דעם ענטפער; און ער האָט עס שוין געוואָלט טון, און די טיר האָט זיך אויפגעעפנט:

— זײַן עקסעלענץ איז מסכּים דיך אויפצונעמען. — האָט אים געזאָגט זײַן „בעל־טובה״, דער באַאַמטער.

קריסטאָף האָט געמוזט אַרײַנגיין.

זײַן עקסעלענץ, באַראָן פאָן האַמער־לאַנגבאַך, אַ קליינער, זויבערער זקן, מיט באַקן־בערד און וואָנסן, און ראַזירטער באָרד, האָט אַ קוק געטון אויף קריסטאָפן איבער די גאָלדענע ברילן און בשעת־מעשה נישט איבערגעריסן זײַן שרײַבן; ער האָט מיט דער מינדסטער באַוועגונג נישט געענטפערט אויף קריסטאָפס צעמישטער באַגריסונג.

— נו, — האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום — וואָס פאַרלאַנגט איר, הער קראַפט?...

— עקסעלענץ, — האָט קריסטאָף גיך געענטפערט — איך בעט מיר מוחל צו זײַן. כ׳האָב זיך מיישב געווען. איך פאַרלאַנג איצט גאָרנישט.

דער אַלטער האָט נישט פאַרלאַנגט קיין שום דערקלערונג וועגן דער אומגעריכטער חרטה. ער האָט אויפמערקזאַמער אָנגעקוקט קריסטאָפן, אַ הוסט געטון און זיך אָנגערופן:

— אפשר וועט איר זײַן אַזוי גוט, הער קראַפט, מיר געבן דעם בריוו, וואָס איר האַלט אין האַנט?

קריסטאָף האָט באַמערקט, אַז דער דירעקטאָר קוקט אויף דעם פּאַפּיר, וואָס ער האָט נאָך אַלץ, נישט ווילנדיק, געדרייט אין זײַן האַנט.

— ס׳איז נישט נויטיק, עקסעלענץ, — האָט ער געשטאַמלט — ס׳איז איצט נישט נויטיק.

— זײַט אַזוי גוט און גיט עס מיר, — האָט געענטפערט שטיל דער אַלטער, גלײַך ווי ער וואָלט נישט געהערט זײַנע רייד.

קריסטאָף האָט מעכאַניש דערלאַנגט דעם שעף דעם בריוו; ער

האָט זיך אָבער פּלוצלינג צערעדט און פאַרכלינעט אין אַ שטראָם פון אומקלאָרע ווערטער; ער האָט געהאַלטן אויסגעצויגן די האַנט צוריק־צונעמען דעם בריוו. זיין עקסעלענץ האָט פּאָרזיכטיק אויפגעעפנט דעם פּאַפּיר, איבערגעלייענט, אַ קוק געטון אויף קריסטאָפן, געלאָזט אים אַ ווײַלע רעדן און תּיכּף איבערגעריסן; ער האָט געזאָגט מיט אַ כיט־רען גלאַנץ אין די אויגן:

— גוט, הער קראַפט. די בקשה איז אָנגענומען. איך בין מסכּים.

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, — אַ סימן, אַז דער שמועס איז געענדיקט, — און זיך ווידער פאַרטיפט אין זיין שרייבן.

קריסטאָף איז אַרויסגעגאַנגען אַ צעטומלטער.

— האָט נישט קיין פאַריבל, קריסטאָף! — האָט אים פריינדלעך געזאָגט דער באַאַמטער, ווען דאָס ייִנגל איז דורכגעגאַנגען די קאַנצע־לאַריע. קריסטאָף האָט זיך געלאָזט פון אים אַ דריק טון די האַנט, נישט דערוועגנדיק זיך דערביי אויפצוהויבן די אויגן.

ער איז ווידער געווען אין דרויסן, פאַרן שלאָס. ער איז געווען ווי פאַרגליווערט פון חרפּה. אַלץ, וואָס מ'האָט צו אים גערעדט, איז אים איצט געקומען אויפן זינען; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פילט אַ באַליידיקנדיקע איראָניע אינם רחמנות פון די לייט, וואָס האָבן אים געשעצט און באַדויערט. ער איז געקומען אַהיים, געענטפערט עטלעכע בייזע ווערטער אויף לואיזעס פראַגן, גלייך ווי ער וואָלט געטראָגן אויף איר דעם כעס צוליב דער גאַנצער מעשה. דאָס געוויסן האָט אים געמאַטערט, ווען ער האָט אַ טראַכט געטון וועגן פאָטער. ער האָט געוואָלט פאַר אים זיך אין אַלץ מודה זיין און בעטן פאַרגעבונג. מעל־כיאָר איז נישט געווען אין שטוב. קריסטאָף האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג. וואָס־מער ער האָט וועגן דעם גע־טראַכט, אַלץ מער האָט אים געפּלאָגט דאָס געוויסן: ער האָט איצט דעם טאַטן פאַרגעטערט; ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער טאַטע איז שוואַך, גוטמוטיק, אומגליקלעך און פאַראַטן פון זיינע אייגענע. ווען ער האָט דערהערט זיינע טריט אויף די טרעפּ, איז ער אַרויס־געשפּרונגען פון בעט און זיך געוואָרפן אין זיינע אָרעמס. אָבער מעל־כיאָר איז געקומען אַהיים שטאַרק שיכּור און קריסטאָף האָט נישט גע־האַט דעם מוט צוצוגיין צו אים נעענטער; ער האָט זיך צוריק געלעגט און אַליין ביטער געלאַכט פון זיינע אילוזיעס.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען מעלכיאָר האָט זיך דערוווּסט פון

דער גאַנצער געשיכטע, איז אים באַפאַלן אַ ווילדער צאָרן; נישט געקוקט אויף קריסטאָפס בקשות, איז ער דאָך אַוועק אין שלאָס מאַכן אַ סקאַנדאַל. ער איז אָבער פון דאָרט צוריקגעקומען זייער דערשלאָגן און נישט דערציילט קיין וואָרט וועגן דעם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. מ׳האָט אים דאָרטן זייער שלעכט אויפגענומען, מ׳האָט קודם־כּל דערקלערט, ער זאָל רעדן העפלעכער, און אים געוואָרנט, אַז מ׳צאָלט אים געהאַלט נאָר אינעם זכות פון זיין זון און אַז אויב מ׳וועט זיך דערוויסן וועגן דעם מינדסטן סקאַנדאַל פון זיין זייט, וועט מען אים אינגאַנצן משלח זיין. קריסטאָף איז געווען זייער פאַרחידושט און ס׳איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, ווען ער האָט געזען, אַז זיין פאָטער געוויינט זיך אַלץ מערער צו צו זיין לאַגע; מעלכיאָר האָט זיך אפילו געריִמט, אַז ער האָט זיך דער ערשטער אַרויסגערופן צו ברענגען דעם דאָזיקן ק ר ב ן.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט מעלכיאָרן צו קלאָגן זיך אין גאַס, אַז זיין ווייב און קינדער באַגזלענען אים, אַז ער האָט פאַר זיי מקריב געווען זיין גאַנץ לעבן, און איצט רייסן זיי אים אַרויס דעם ביסן פון מויל. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוציִען פון קריסטאָפן עפּעס געלט מיט פאַרשידענע תחבולות און כּלערליי כיטרע שפּיצלעך, וואָס האָבן נישט איין מאָל אַרויסגערופן ביי קריסטאָפן געלעכטער, כאָטש ס׳איז געווען אָך־און־וויי צו אַזאַ לאַכן. אַזוי־ווי אָבער קריסטאָף האט זיך געהאַלטן פעסט, האט אים מעלכיאר אויפגעהערט צו מאַטערן. ער האט געפילט עפּעס אַ מאָדנעם שרעק פאַר די שטרענגע אויגן פון דעם פערצניעריקן יינגל, וואס איז געווארן זיין ריכטער. שטילערהייט האָט ער זיך נוקם געווען דורך מיאוסע גענג. ער איז געקומען אין אַ שענק, געטרונקען און זיך געלאָזט וווֹיל גיין — און שפּעטער נישט געצאָלט, זאָגנדיק, אַז זיין זון וועט שוין באַצאָלן זיינע חובות. קריסטאָף האָט נישט פּראָטעסטירט, כּדי נישט אָנצומאַכן קיין גרעסערן סקאַנדאַל, און אין הסכּם מיט לואיזען זיך געמאַטערט באַצאָלן מעלכיאָרס חובות. — לסוף, זינט מ׳האָט אים אויפגעהערט צו צאָלן זיין געהאַלט, האָט מעלכיאָר אַלץ מער פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דער שטעלע אין אָרקעסטער; ער האָט אַזוי אָפט אָנגעהויבן דורכלאָזן די פאָרשטעלונגען אין טעאַטער, אַז — נישט געקוקט אויף קריסטאָפס אַלע בקשות — האָט מען אים סוף־כּל־סוף געוויזן די טיר. דאָס יינגל איז איצט גע-

בליבן דער איינציקער שפּייזער פון זיין טאַטן, ברידער און פון דער גאַנצער שטוב.

אָט אַזוי איז קריסטאָף געוואָרן צו פערצן יאָר דער קאָפּ פון דער פאַמיליע.

ער האָט מוטיק אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם שווערן עול. זיין שטאָלץ האָט אים נישט געלאָזט אויסקוקן אויף פרעמדע הילף. ער האָט געשוווירן זיך אַליין אַן עצה געבן. ער האָט געגנוג געליטן אין די קינדער-יאָרן, צוזעענדיק, ווי זיין מאַמע נעמט אָן נדבות, — נאָך מער: ווי זי יאָגט זיך נאָך זיי; ס'איז געווען אַן ענין פון שטענדיקע וויכּוחים, ווען די גוטע פרוי האָט געבראַכט אַהיים אַ מתּנה פון עמעצן פון אירע בעלי-טובֿות. זי האָט נישט געזען אין דעם קיין שום בייז און זיך געפרייט, וואָס זי האָט געקאָנט, אַ דאַנק דער שטיצע, צו העלפן קריסטאָפן אַ ביסל אין זיין מאַטערניש און צוגעבן נאָך אַ מאכל צו דעם מאָגערן עסן. אָבער קריסטאָף איז אין אַזעלכע פאַלן געווען בייז; ער האָט אַ גאַנצן אָוונט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט; אָפּגעזאָגט, אָן אַ שום דערקלערונג, אָנצורירן דאָס עסן, וואָס זי האָט געבראַכט. לואיזען האָט עס געקרענקט; זי איז פּשוט צוגעשטאַנען צו איר זון, ער זאָל עסן: ער אָבער האָט ווידער אָפּגעזאָגט; לסוף האָט זי פאַרלוירן די געדולד און אים געזאגט אַ פּאר שאַרפע ווערטער; ער האָט האַרב אפּגעענטפערט, אַ ווארף געטון דאס סערוועטל אויפן טיש און אַרויס. דער טאַטע האט געהויבן מיט די אַקסלען און גע-רופן אים קונצנמאַכער. די ברידער האבן פון אים חוזק געמאַכט און אויפגעגעסן זיין חלק.

פונדעסטוועגן האט ער געמוזט געפינען מיטלען צום לעבן. זיין געהאַלט אין ארקעסטער האט נישט געקלעקט. ער האט אנגעהויבן געבן לעקציעס. זיין ווירטואָז-טאַלאַנט, זיין גוטער נאמען אין שטאט און דער עיקר — דעם פירשטס שוץ האבן אים געשאַפן אַ גרויסע צאל לעקציעס אין דער העכערער געזעלשאַפט. יעדן אינדערפרי, פון ביין אַ זייגער אן, האט ער געלערנט שפּילן מיידלעך, וואס זענען אפט ג[illegible]ען עלטער פון אים; זיי האבן אים געשראקן מיט זייער קאקעטירן

און דעם טויט געמאַכט מיט זייער שלעכטן שפּילן. זיי זענען געווע אין מוזיק אינגאַנצן טעמפּ, נאָר פאַרמאָגט, מער אָדער ווינציקער, אַן חוש פאַר חוזק, און זייערע חוזק-בליקן האָבן קיינמאָל נישט אַדורכגעלאָזט די אומגעשיקטקייט פון קריסטאָפס מינדסטער באַוועגונג. ס'איז געווען פאַר אים אַן אמתע מאַטערניש. זיצנדיק נאָענט נעבן זיי, אויפן ברעג שטול, רויט און פאַרשעמט, אויפגעבראַכט פון כעס, האָט ער זיך נישט דערוועגט אַ ריר צו טון פון אָרט און איינגעהאַלטן זיך מיט אַלע כוחות נישט צו רעדן קיין נאַרישקייטן; ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיין אייגענער שטים, זיך באַמיט אָנצונעמען אַ שטרענגן אויסזען, געפילט בשעת-מעשה, אַז מ'קוקט אויף אים פון אַ זייט, זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין קלאַנג פון האַלז, זיך געגלײַכטערט מיט די דערקלערונגען, מורא געהאַט נישט צו ווערן לעכערלעך, לסוף געוואָרן טאַקע לעכערלעך און אין כעס — און אַרויסגעבראַכט באַליידיקנדיקע ווערטער. זיינע שילערינס האָבן געקאָנט זייער לייכט זיך נוקם זיין; זיי האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט, אים אָנגעקוקט מיט אַ באַזונדערן מין בליק אָדער געשטעלט אים די פּשוטסטע פראַגן, ביז ער איז רויט געוואָרן איבער די אויערן; אָדער געבעטן ביי אים אַ געפעליקייט, — למשל, אַ זאַך, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן אויפן שטול, — און דאָס איז געווען פאַר אים דער שרעקלעכסטער נסיון, ער האָט געמוזט דורכגיין דאָס גאַנצע צימער אונטער זייערע בייזוויליקע בליקן, וואָס האָבן אָן רחמנות נאָכגעקוקט די אומגעשיקטקייט פון זיין גיין, זיינע נישט-פלינקע פיס, שטייפע אָרעמס און זיין קערפּער, וואָס האָט זיך געקאָרטשעט פון גרויס צעטומלטקייט.

פון די לעקציעס האָט ער געמוזט לויפן אויף דער רעפּעטיציע אין טעאַטער. אָפטמאָל האָט ער נישט געהאַט קיין צייט אפילו צו פרישטיקן און מיטגעבראַכט מיט זיך אין טאַש אַ שטיקל ברויט מיט וורשט, וואָס ער האָט געגעסן בעת דער הפסקה. ער האט טיילמאָל פאַרטראַטן דעם מוזיק-דירעקטאר טאָביאַס פייפער, וואס האט זיך מיט אים אינטערעסירט און געלערנט, לאָזנדיק אים פון צייט צו צייט בעת די רעפּעטיציעס פון אָרקעסטער דיריזשירן אויף זיין אָרט. ער האָט אויך געמוזט זאָרגן פאַר זיין ווייטערדיקער מוזיקאַלישער אויסבילדונג. עטלעכע מוזיק-לעקציעס האָבן אים פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג, ביז דער שעה, ווען ער האָט געדאַרפט גיין אויף דער פאָרשטעלונג. גאַנץ

אָפּט האָט ער געמוזט גיין אין אָוונט, נאָך דער פֿאָרשטעלונג, אין שלאָס, ווו מ'האָט געוואָלט הערן זיין שפּילן. דאָרטן האָט ער געשפּילט אַ שעה אָדער צוויי. די פּרינצעסין האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן מבֿין אויף מוזיק; זי האָט ליב געהאַט מוזיק, אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן גוטער און שלעכטער. זי האָט צונויפֿגעשטעלט פֿאַר קריסטאָפֿן משונהדיקע פּראָגראַמען, ווו פּלאַכע ראַפּסאָדיעס זענען געווען געמישט מיט אמתע קונסט-ווערק. אָבער דעם גרעסטן פֿאַרגעניגן האָט זי געהאַט, ווען קריסטאָף האט אַליין אימפּראָוויזירט, און זי האָט אים אויפֿגעגעבן טעמעס פֿון האַרצרייסנדיקער סענטימענטאַלקייט.

קריסטאָף פֿלעג פֿון דאָרטן אַרויס נאָך האַלבער נאַכט, פֿאַרמאַטערט, מיט ברענענדיקע הענט, מיט קאָפּ-ווייטיק און מיט אַ ליידיקן מאָגן. ער האָט געשוויצט, און אין דרויסן איז געפֿאַלן אַ שניי, אָדער אַ פֿאַרגליווערטער נעפּל איז געהאָנגען אין דער לופֿטן. ער האָט נאָך געהאַט הערכצוגיין מער ווי אַ האַלבע שטאָט ביז דער היים; ער איז געגאַנגען צו-פֿוס, קלאַפּנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן; ס'האָט זיך אים געוואָלט אי ש'אָפֿן, אי וויינען! דערצו האָט ער זיך געמוזט היטן נישט צו פֿאַרפֿלעקן, חלילה, מיט בלאָטע זיין איינציקן יום-טובֿדיקן צַנצוג.

ער האָט זיך ווידער געפֿונען ביי זיך אין צימער, ווו עס זענען געשלאָפֿן אויך זיינע ברידער; קיינמאָל איז אים דאָס לעבן נישט געווען אַזוי נמאס, און זיין פֿאַרצווייפֿלונג איז נישט געווען אַזוי גרויס, קיינמאָל האט אים דאָס געפֿיל פֿון איינזאַמקייט נישט געדריקט אַזוי שטאַרק, — ווי אין יענע מינוטן, ווען ער האָט, אין דער ענגער, שטיקנדיקער לופֿט, געקאָנט זיך לסוף, באַפֿרייען פֿון זיין שווערן, ביטערן עול. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אפֿילו זיך אויסצוטון — צום גליק, — ווען ער האָט נאָר געלייגט דעם קאָפּ אויפֿן קישן, פֿלעג אים באַפֿאַלן אַ שווערער שלאָף, וואָס האָט אים געמאַכט פֿאַרגעסן אָן די צרות.

אָבער שוין באַגינען אין זומער — און נאָך גאָר פֿאַרטאָג אין ווינטער — האט ער געמוזט אויפֿשטיין. ער האָט געוואָלט אַרבעטן פֿאַר זיך. ס'איז געווען די איינציקע פֿרייע צייט, וואָס ער האט געהאַט: צווישן פֿינף און אַכט דעם זייגער אין דער פֿרי. אויך אַ טייל פֿון די פֿרימאָרגן-שעהן האָט ער געמוזט אַוועקגעבן אויף באַשטעלטע אַרבעטן, ווייל דער כּבֿוד פֿון אַ הויף-מוזיקער און פֿון דעם פֿירשטס ליבלינג

האָט אים געצוווּנגען צו שאַפן אָפּיציעלע קאָמפּאָזיציעס צו אַלערליי פייערונגען אין הויף.

אָט אַזוי איז זיין לעבן פאַרסמט געוואָרן ביזן סאַמע סוף. אפילו זיינע חלומות זענען נישט געווען אינגאַנצן פריי. נאָר ווי דער שטייגער איז, האָט דער צוואַנג פון דרויסן נאָך דרייסטער געמאַכט זיינע חלומות. ווען קיין שום זאַך בינדט נישט דעם מענטשנס האַנדלונג, ווען ער טרעפט נישט אָן קיין מכשול, איז אויך שוואַכער די קראַפט, וואָס באַוועגט דעם גייסט. וואָס ענגער ס׳איז געווארן ארום אים די תפיסה פון דאגות און לאַנגווייליקער די אַרבעט, אַלץ מער האָט זיך זיין אויפגעשטורעמט האַרץ געפילט פריי פון אַלע קייטן. ווען ער וואָלט געלעבט אָן שום שטערונגען, וואָלט ער בלי־ספק געוואָרן אַ שפּילצייג פונם לעבן. נישט האָבנדיק מער ווי איין אָדער צוויי פרייע שעה אַ טאָג, האָט זיין גאַנצע קראַפט אַריינגעשטראָמט אין דער דאָזיקער קורצער צייט, ווי אַ וואַסער־שטראָם צווישן די פעלזן. ס׳איז אַ גוטע דיסציפּלין פאַר דער קונסט צו צוימען די כוחות אין ענגע גרענעצן. אין דעם זין, קאָן מען זאָגן, איז די נויט אַ לערער נישט נאָר פונם געדאַנק, נאָר אויך פונם סטיל; זי לערנט אויס דעם גייסט, גלייך ווי דעם גוף, צו זיין שפּאָרזאַם. ווען די צייט איז קורץ און די ווערטער זענען געציילטע, איז נישטאָ ווען צו רעדן אַ סך און מ׳געוויינט זיך איין צו טראַכטן נאָר וועגן דעם, וואָס איז וויכטיק. אָט אַזוי לעבט דער מענטש דאָפּלט, בעת ער האָט קוים צייט צו לעבן.

דאָס איז אויך געשען מיט קריסטאָפן. אונטער דעם יאָך האָט ער באַקומען דאָס באַוווּסטזיין פונם ווערט פון זיין פרייהייט, און ער האָט נישט צעזייט די טייערע מינוטן אויף אומנוצלעכע מעשים און פוסטע רייד. זיין נאַטירלעכע נטיה צו שרייבן באַריכות און צעגאָסן, מיט אַלע קאַפּריזן פון אַן אויפריכטיקן, אבער נישט־געקליבענעם, נישט־דורכגעטראַכטן געדאַנק, — זיין דאָזיקע נטיה האָט געפונען איר תיקון אין דער נויטווענדיקייט אין דער קורצסטער צייט צו טראַכטן און צו טון וואָס מערער. קיין זאַך האָט נישט געהאַט אַזאַ גרויסע השפעה אויף זיין קינסטלערישער און מאראַלישער אַנטוויקלונג: — נישט די

לעקציעס פון זיינע לערער, נישט דער ביישפּיל פון די קונסט־ווערק גופא. אין יענע יאָרן, ווען דער כאַראַקטער בילדט זיך אויס, האָט ער זיך איינגעוויינט צו באַטראַכטן די מוזיק ווי אַ קלאָרע שפּראַך, וואָס יעדער טאָן אירער האָט אַ באַזונדערן זין; און צוזאַמען מיט דעם האָט ער פיינט געהאַט יענע מוזיקער, וואָס רעדן אַ סך, כדי נישט צו זאָגן גאָרנישט.

אמת, די קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבן, האָבן ווייט נישט אויסגעדריקט זיין אינערלעכן מהות אינגאַנצן, פּשוט דער־פאַר, ווייל ער אַליין האָט זיך נאָך נישט געקענט גאַנץ גרינדלעך. ער האָט זיך אַליין געזוכט אינם גרויסן הויפן דערוואָרבענע געפילן, וואָס די דערציונג וואַרפט־אָן יעדן קינד און וועלכע ווערן זיין צווייטע נאַטור. מיט אַ פאַרנעפּלטן חוש האָט ער געפילט זיין אמתן גייסטיקן מהות, ווייל ער האָט נאָך נישט געהאַט דורכגעלעבט די ליידנשאַפטן פון דער יוגנט, וואָס רייסן אַראָפּ פון דער פערזענלעכקייט די גע־באָרגטע קליידער, פונקט ווי דער דונער רייניקט־אָפּ דעם הימל פון די וואָלקנס, וואָס הילן אים איין. טונקעלע און שטאַרקע פאָרגעפילן האָבן זיך אין אים צונויפגעמישט מיט די פרעמדע עמפּפינדונגען, פון וועלכע ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען. אָט די שקרים האָבן אים ווי געטון. ער איז געווען פאַרצווייפלט, צעזעענדיק, אויף וויפל דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, שטייט נידעריקער פון דעם, וואָס ער טראַכט. מיט פאַרביטערונג האָט ער געצווייפלט אין זיך, אָבער נישט געקאָנט זיך איבערגעבן דער דאָזיקער נאַרישער פאַרצווייפלונג; ער האָט זיך אָנגעטון אַ כוח צו מאַכן בעסער, אָנצושרייבן עפּעס אַ גרויס ווערק. אָבער שטענדיק האָט ער געליטן אַ דורכפאַל. נאָך אַ קורצער ווײַלע פון אילוזיע בעתן שרייבן, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, טויג אויף כפּרות, האָט ער צעריסן אָדער פאַרברענט דאָס אָנגעשריבענע. צו זיין גרויסער חרפּה האָט ער נאָך געמוזט אָפּהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, גראָד די סאַמע מיטלמעסיק־סטע, — זיינע אָפיציעלע ווערק; דער קאָנצערט „דער קעניגלעכער אָדלער", אָנגעשריבן לכבוד דעם פירשטס געבורטסטאָג, און די קאַנטאַ־טע „די חתונה פון פּאַלאַס", לכבוד דער חתונה פון דער פּרינצעסין אַדעלאַידאַ, —ביידע ווערק, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט זייער גרויסע הוצאות, אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע, כדי צו פאַראייביקן זיין נאַרישקייט פאַר די קינפטיקע דורות. ער האָט ממש געוויינט פון בזיון.

יאָרן פון פיבער! אָן רו, אָן מנוחה. נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל אים אָפּרייסן פון דער פּאַריאָגטער אַרבעט. קיין שום פאַרווײַלונג, קיין שום פריינד. ווי האָט געקאָנט אַנדערש זיין? נאָכמיטאָג, בעת אַנדערע קינדער שפּילן זיך, זיצט דער קליינער קריסטאָף מיט אַ געקנייטשטן פון אויפמערקזאַמקייט שטערן, אינם פאַרשטויבטן, שלעכט-באַלויכטענעם טעאַטער-זאַל. און אין אָוונט, בעת אַנדערע קינדער שלאָפן, זיצט ער נאָך אַלץ אויף זיין שטול און פאַלט אויפן פּנים.

קיין שום אינטימקייט צווישן אים מיט די ברידער. דער יונגע. רער, ערנעסט, איז אַלט געווען צוועלף יאָר: ער איז געווען אַ פאַ-סטער יינגל, אַ פאַרדאָרבענער און אַ מחוצף, פאַרבראַכט גאַנצע טעג מיט עטלעכע גאַסן-יינגלעך פון זיין מין און אין זייער געזעלשאַפט זיך אויסגעלערנט נישט נאָר קלאָגעדיקע זיטן, נאָר אויך מיאוסע שטיק, וואָס דער נאַיווער קריסטאָף האָט וועגן זיי די מינדסטע השגה נישט געהאַט און אין איינעם אַ טאָג געעפנט אויף זיי די אויגן מיט שרעק. דער צווייטער, רודאָלף, דעם פעטער טעאָדאָרס ליבלינג, האָט זיך גע-שניטן אויף אַ סוחר, ער איז געווען געזעצטער און רויקער. אָבער זייער כיטרע; ער האָט זיך געהאַלטן העכער פאַר קריסטאָפן און נישט צוגעלאָזט קריסטאָפס אויטאָריטעט אין שטוב, הגם ער האָט געהאַלטן פאַר גאַנץ נאַטירלעך צו עסן זיין ברויט. ער האָט געירשנט טעאָדאָרס און מעלכיאָרס שנאה צו אים און איבערגעקייט זייערע לעכערלעכע רכילותן. קיין איינער פון די ביידע ברידער האָט נישט ליב געהאַט קיין מוזיק, און רודאָלף האָט געהאַט אַ הנאה אַרויסצווייזן זיין פאַר-אַכטונג צו איר, פונקט ווי דער פעטער, וועלכן ער האָט אויסגעצייכנט אַלץ נאָכגעטון. ביידע חברה-לייט, וועלכע האָבן נישט פאַרטראָגן קרי-סטאָפס השגחה און מוסר, — קריסטאָף האָט זיך ערנסט באַצויגן צו דער ראָלע פון אַ פאַמיליע-פאָטער, — האָבן זיך געפּרוווט בונטעווען; אָבער קריסטאָף האָט געהאַט געזונטע פויסטן און געוווסט, אַז ער איז גע-רעכט: ער האָט טאַקע געצוווּנגען די יונגערע ברידער צו טון זיין ווילן. פונדעסטוועגן האָבן זיי געטון דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט. אויסגענוצט זיין לייכטגלויביקייט, אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל, ער האָט זיך דערביי אַלעמאָל אויסגעגליטשט; זיי האָבן ביי אים אויסגע-נאַרט געלט, געזאָגט אומפאַרשעמטע ליגנס און שפּעטער הינטער זיינע פּלייצעס אים אויסגעלאַכט. דער גוטער קריסטאָף האָט זיך געלאָזט נאַרן; ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט זיין געליבט, אַז איין צערטלעך

וואָרט איז געווען געגוג צו שטילן זיין צאָרן, ער האָט זיי אַלץ מוחל געווען פאַר אַ ביסעלע ליבע. אָבער זיין גלויבן איז געווען שרעקלעך אונטערגעבראָכן, ווען ער האָט געהערט, ווי זיי לאַכן אויס זיין נאַי־וויטעט תיכף נאָך אַ סצענע פון חניפהדיקע קושן, וועלכע האָבן אים געריירט ביז טרערן: אָט דאָס האָבן זיי טאַקע אויסגענוצט, כּדי אויסצונאַרן פון אים דעם גאָלדענעם זייגער, אַ מתנה פונם פירשט, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג געחלשט צו האָבן. ער האָט זיי פיינט געהאַט — און דאָך זיך ווייטער געלאָזט אָפּנאַרן, צוליב זיין טיפער נייגונג צו גלויבן און ליבן. ער האָט עס געוווסט, געהאַט אפילו טענות צו זיך אַליין און מכבד געווען די ברידער מיט קלעפּ, ווען ער האָט אויפגעדעקט, איין מאָל צווישן טויזנט פאַלן, אַז זיי טרייבן קאַטאָוועס. אָבער באַלד נאָך דעם האָט ער זיך ווידער געלאָזט כאַפּן אין דער ערשטער נעץ, וואָס זיי האָבן אויף אים פאַרוואָרפן.

נאָך ביטערערע יסורים איז אים באַשערט געווען צו האָבן. פון זיינע שכנים, די פאַך־קאָלעגן, האָט ער זיך דערוווסט, אַז זיין טאַטע רעדט אויף אים לשון־הרע. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך לאַנג געהאַט באַרימט מיט זיין זונס הצלחה, האָט מעלכיאָר באַקומען אַ מיאוסע שוואַכקייט: קנאה. ער האָט געהאַלטן אין זוכן אַ מעגליכקייט צו דערנידעריקן קריסטאָפן. ס'איז געווען נאַריש ביז טרערן. מ'האָט פון פאַראַכטונג נאָר געקאָנט הויבן מיט די פּלייצעס; ס'איז נישט געווען אַפילו אויף וועמען צו זיין בייז, ווייל מעלכיאָר האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס ער טוט; געווען פאַרביטערט פון זיין ירידה. קריסטאָף האָט געשוויגן; ער האָט מורא געהאַט צו רעדן אַ וואָרט, כּדי ס'זאָל נישט קומען צו קיין האַרבע רייד; אָבער זיין האַרץ איז געווען צעבראָכן.

ווי טרויעריק ער איז געווען בעתן אָוונט־ברויט, ווען אַלע אין פאַמיליע־קרייז האָבן געגעסן אַרום לאָמפּ, אויף אַ ברודיקן טישטוך, צווישן רייד אָן אַ טעם און אַ קינבאַקן־גערויש פון די דאָזיקע ברואים, וואָס ער האָט פאַראַכטעט, באַדויערט — און דאָך ליב געהאַט! נאָר צווישן אים און זיין מוטיקער מאַמע איז געווען אַ בונד פון קעגנזייטיקער ליבע. פונקט ווי ער, האָט זיך אויך לויזע אָנגעמאַטערט אַ גאַנצן טאָג, אָבער אין אָוונט איז זי געווען אויסגעלאָשן, אַ וואָרט נישט גערעדט און איינגעשלאָפן באַלד נאָכן עסן אויף איר שטול, בעתן צערעווען זאָקן. אגב, איז זי געווען אַזאַ גוטע נשמה, אַז מ'האָט

נישט געפילט קיין יאוש אונטערשיד אין איר ליבע צום מאַן און צו די דריי זין; זי האָט זיי אַלעמען אין אַ גלייכער מאָס ליב געהאַט. קריסטאָף האָט דעריבער נישט געפונען אין איר דעם פאַרטרויטן פריינד, וועלכן ער וואָלט אַזוי נויטיק געדאַרפט.

ער האָט זיך דערפאַר פאַרשלאָסן אין זיך. ער האָט גאַנצע טעג געשוויגן, טוענדיק זײַן איינטאָניקע, שווערע אַרבעט מיט אַ מין געשטיקטן כּעס. אַזאַ מצב איז געווען געפערלעך פאַר אַ קינד אינם איבערגאַנגס־עלטער, ווען דער אָרגאַניזם ווערט עמפּפינדלעכער און איז מסוגל אויפצונעמען אַלערליי שלעכטס, וואָס מאַכן פון אים אַ תּל און זענען אויך אַ סכּנה פאַר זײַן גאַנץ לעבן. קריסטאָפס געזונט האָט שטאַרק געליטן. ער האָט געירשנט פון זײַנע עלטערן אַ פיינעם קערפּער־בוי, אַ געזונטן גוף אָן אַ שום פּגימה. אָבער דווקא דער געזונטער גוף האָט פאַרגרעסערט זײַנע יסורים, בעת די אומגעווייטלעכע אַרבעט און דאגות האָבן אויפגעעפנט אַ שפּאַרע, דורך וועלכע דער ווייטיק האָט געקאָנט פריי אַרײַנגיין. פון די פריסטע קינדער־יאָרן האָט זיך ביי אים באַוויזן אַ נערוון־צעשרויפונג. נאָך אַלס קליין קינד פלעגט ער אָפט חלשן, באַקומען קאָנוולסיע אָדער ברעכן, ווען עפּעס האָט אים געערגערט. צווישן דעם זיבעטן און אַכטן יאָר פון זײַן לעבן, אין דער צייט פון זײַנע קאָנצערט־דעביוטן, איז זײַן שלאָף שוין געווען אומרויק; ער האָט גערעדט, געשריען, געלאַכט און געוויינט פון שלאָף; און די דאָזיקע קרענקלעכע נטיעה האָט זיך אַלעמאָל אָפּגערופן, ווען ער האָט געאַרבעט איבער די כּוחות. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן ליידן אויף שרעקלעכן קאָפּ־ווייטיק, אַמאָל אינם הינטערשטן טייל און אין די זייטן פון שאַרבן, און אַמאָל ווידער האָט ער געפילט ווי בלײַערנע רייפן אַרום זײַן קאָפּ. אויך די אויגן האָבן אים וויי געטון: צייטנווייז האָט ער געפילט אַזאַ ווייטיק, גלייך ווי שפּיזן וואָלטן אים געשטאָכן אין די אויגן; אָדער ס׳איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ער האָט נישט געקאָנט לייענען און געמוזט איבעררייסן אויף עטלעכע מינוט. פון נישט דערעסן און פון עסן נישט אין דער צייט איז אים קאַליע געוואָרן זײַן געזונטער מאָגן. ס׳האָט אים געפּייניגט אַ ווייטיק אין בויך אָדער גאָר שלשול. אָבער קיין זאַך האָט אים נישט אָנגעטון אַזעלכע יסורים, ווי דאָס האַרץ: ס׳האָט געקלאַפּט מיט אַ משוגענעם טעמפּאָ; אַמאָל האָט עס האַסטיק געהילכט אין דער ברוסט, און מ׳האָט געקאָנט גלויבן, אַז אָט־אָט ווערט עס

צעפלאַצט, — און אַמאָל ווידער האָט עס קוים געקלאַפּט, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט דער פּולס אינגאַנצן אויפהערן צו שלאָגן. בייגאַכט איז דעם קינדס טעמפּעראַטור שרעקלעך געשפּרונגען; פון גרויסער היץ איז זי פלוצלינג, אָן אַ בהדרגהדיקן איבערגאַנג, אַריבער אין אַ צושטאַנד פון בלוטאָרעמקייט. ער האָט געברענט, געציטערט פון קעלט, אַנגסטן האָבן געשלאָגן אין אים, זיין האַרץ האָט זיך געוואָרגן, גלייך אַ קיילעכיקע מאַסע אין גאָרגל וואָלט אים נישט געלאָזט אָטע־מען. — די פאַנטאַזיע האָט אים, נאַטירלעך, געפּייניקט: ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו דערציילן זיינע אייגענע וועגן אַלץ, וואָס ער האָט אָן אויפהער געפילט; אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט אַלץ צו באַטראַכטן מיט אַן אויפמערקזאַמקייט, וואָס האָט פאַרשטאַרקט זיינע יסורים און אָנגעטון אים פרישע ווייטיקן. ער האָט זיך איינגערעדט אַלערליי מחלות, וואָס ער האָט נאָר געוווסט; געגלויבט, אַז ער האַלט ביים בלינד ווערן, און אַזוי-ווי ס׳האָט אים נישט איין מאָל, בעתן גיין, געשווינדלט אין קאָפּ, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער טוט ער אַ פאַל פלוצלינג אין גאַס. — שטענדיק האָט אים פאַרפאָלגט, געמאַטערט, אָן אויפהער געפּייניקט דער שרעקלעכער פחד, טאָמער בלייבט ער שטיין אין מיטן וועג, טאָמער שטאַרבט ער פאַר דער צייט. אוי! אויב ער מוז שוין שטאַרבן, — איז לפּחות נישט איצט, פאַרן נצחון!...

דער נצחון... אָט דער פעסטער גלויבן, וואָס ברענט אין אים אָן אויפהער, הגם ער ווייסט נישט אַליין פאַרוואָס; וואָס האַלט אים אונטער, אויף זיין וועג, איבער אַלע צרות פון לעבן, מאַטערניש און שטיקנדיקע בלאָטע! אַ פאַרנעפּלט, שטאַרק באַוווסטזיין פון דעם, וואָס ער וועט ווערן שפּעטער — און וואָס ער איז שוין!... און וואָס איז ער באמת? אַ קראַנק, נערוועיש קינד, וואָס שפּילט פידל אינם אָרקע־סטער און שרייבט מיטלמעסיקע „קאָנצערטן״; — ניין, פיל מער, ווי אַזאַ קינד. דאָס איז נאָר זיין לבוש, זיין היינטיקער פּרצוף. ס׳איז אָבער נישט זיין אינערלעכער מהות. נישטאָ קיין שום שייכות צווישן זיין טיף וועזן מיטן היינטיקן אויסזען פון זיין פּנים און געדאַנק. ער ווייסט עס אַליין. ווען ער זעט זיך אין שפּיגל דערקענט ער זיך אַליין נישט. אָט-דאָס רויטע, ברייטע פּנים, אָט די בולטע ברעמען, אָט די קליינע, טיפע אויגן, דאָס קורצע נעזל, וואס איז פאַרענדיקט דיק מיט די צעעפנטע נאָזלעכער, די מגושמדיקע באַקן און אָנגעבלאָזן מויל, — אָט די גאַנצע מיאוסע, ווולגאַרע מאַסקע איז אים גופא פרעמד. ער

דערקענט זיך אפילו נישט אין זיינע אייגענע ווערק. ער משפּט זיך שווער, ער ווייסט גוט די נישטיקייט פון דעם, וואָס ער טוט און וואָס ער איז אין דעם אויגנבליק. און פונדעסטוועגן איז ער זיכער אין דעם, וואָס וועט זיין און וואָס ער וועט אויפטון. ער האָט אַליין טענות צו זיך צוליב אָט דעם בטחון, ווי ס'וואָלט געוואָרן אַ ליגן פון זיין פוסטער גאווה, מיט הנאה איז ער זיך מבזה, מיט פאַרביטערונג איז ער זיך מבטל, כּדי זיך אַזוי-אַרום צו באַשטראָפן. אָבער דער בטחון בלייבט, און קיין זאַך קאָן אים נישט אומברענגען. וואָס ער זאָל נישט טון, וואָס ער זאָל נישט טראַכטן, — האָט אים קיין איינער פון זיינע געדאַנקען, פון זיינע האַנדלונגען, פון זיינע ווערק, נישט כּולל געווען אין זיך, נישט אויסגעדריקט זיין „איך". ער ווייסט עס, און אַ פרעמד געפיל דערוועקט זיך אין אים, אַז דער רעכטער עיקר, זיין גאַנצער איצטיקער תּמצית — איז נישט דער, וואָס וועט זיין מאָרגן...

עס וועט זיין!... עס ברענט אין אים אַ פייער פון גלויבן, ער ווערט פאַרשיכּורט פונם דאָזיקן גלאַנץ! אַך! זאָל אים נאָר דער היינט נישט אָפּהאַלטן אין וועג! זאָל ער נאָר נישט נכשל ווערן און נישט אַריינפאַלן אין איינער פון די נעצן, וואָס דער היינט הערט נישט אויף אויסצושפּרייטן אונטער זיינע פיס!

אָט אַזוי קערעוועט ער זיין שיפל דורכן שטראָם פון די טעג, נישט אָפּוועגנדיק די אויגן נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס, אומבאַוועגלעך און פעסט ביים רודער, מיט אָנגעשטרענגטן בליק, געצילט צו יענעם פּונקט, צום לעצטן וועג, צום ענדציל, וועלכן ער זעט. צי אינם אָרקעסטער, צווישן די פּלאַפּלענדיקע שפּילער, צי ביים טיש, צווישן די בני-בית, צי אין שלאָס, ביים שפּילן, נישט וויסנדיק אַליין וואָס, צי פאַרווײַלן די פּירשטלעכע פּופּעס, — אומעטום לעבט ער באמת נאָר אין דער פאַרשלייערטער צוקונפט, אין דער דאָזיקער צוקונפט, וואָס איין איינציקער אַטאָם קאָן חרוב מאַכן; — נאָר וואָס מאַכט עס אויס, — אויב דאָס איז עס יענץ לאַנד, אין וועלכן ער לעבט!

ער זיצט איינער אַליין ביי זיין אַלטן קלאַוויר, אין זיין בוידעם.

שטיבל, די נאַכט פאַלט-צו. דער שטאַרבנדיקער שימער פון טאָג גליטשט זיך איבערן נאָטן-העפט. ער שטרענגט אָן די אויגן צו לייענען ביזן לעצטן טראָפּן שיין. די צערטלעכקייט פון די גרויסע אויסגעלאָשענע הערצער, וואָס רעדט צו אים פון די שטומע בלעטער, דרינגט מיט ליבשאַפט אַדורך זיין נשמה. זיינע אויגן ווערן פול מיט טרערן. עס דאַכט זיך אים, עמעצער אַ טייערער שטייט הינטער אים, מיטן אָטעם גלעט ער אים די באַקן און מיט די אָרעמס וויל ער אים אַרומנעמען דעם האַלז. ער ציטערט אויף און קערט זיך אום. ער פילט, ער ווייסט, אַז ער איז נישט אַליין. אַ ליבנדיקע און געליבטע נשמה איז דאָ פאַראַן, ביי זיין זייט, ער קרעכצט, וואָס ער קאָן זי נישט כאַפּן. און דאָך — דער דאָזיקער שאָטן פון פאַרביטערונג, געמישט מיט זיין באַגייסטערונג, פאַרמאָגט אויך אַ פאַרבאָרגענעם תענוג. דער טרויער גופא לייכט. ער טראַכט וועגן די הייס-געליבטע לערער, די פאַרשווונדענע גאונים, וואָס זייערע נשמות לעבן-אויף אין דער מוזיק, אין וועלכער ס'איז מגולגל געוואָרן זייער לעבן. דאָס האַרץ ווערט פול מיט ליבע; ער טראַכט וועגן דעם איבערמענטשלעכן גליק, וואָס איז זיי צוגעפאַלן, אָט די באַרימטע פריינט זיינע, וואָס דער רעפלעקס פון זייער גליק גליט נאָך אַזוי שטאַרק. ער טרוימט צו ווערן ווי זיי, צו שטראַלן מיט אַזאַ ליבע ווי די, וואָס זייערע עטלעכע פאַרלוירענע שטראַלן באַלויכטן זיין עלנט מיט אַ געטלעכן שמייכל. אַליין אויך אַ גאָט זיין, זיין אַ קוואַל פון פרייד, ווערן אַ זון פון לעבן!...

אוי! ווען ער וועט זיך אַמאָל אויסגלייכן מיט די, וועלכע ער האָט ליב; ווען ער וועט דערגרייכן דאָס שטראַלנדיקע גליק, וואָס ער איז מקנא, — און דעמאָלט וועט ער דערזען, אַז ס'איז געווען אַן אָפּגענאַרטער חלום...

II

אָ ט אָ

איינמאָל אין אַ זונטיק האָט דער מוזיק=דירעקטאָר איינגעלאַדן קריסטאָפן אויף מיטאָג אין זיין קליינער זומער=ווינונג, וואָס טאָביאַס פייפער האָט געהאַט אַ שעה רייזע פון שטאָט. קריסטאָף איז געפאָרן מיט אַ דאַמפער אויפן ריין. אויפן דעק האָט ער זיך געזעצט נעבן אַ יונג יינגל אין זיינע יאָרן, וואָס האָט מיט יראת הכבוד אים געמאַכט אַ פלאַץ. קריסטאָף האָט אויף דעם נישט געלעגט קיין אַכט. אָבער אין אַ ווײלע אַרום, פילנדיק, אַז זיין שכן לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפ, האָט ער אים גענומען אָנקוקן. ער איז געווען בלאָנד, געהאַט ראָזע, פולע באַקן, פיין פאַרקעמטע האָר אויף אַ זייט און אַ שאָטן פון וואָנסן אויף דער אויבערשטער ליפ; זיין פנים איז געווען גוטמוטיק ווי ביי אַ גרויס קינד, הגם ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו האַלטן זיך מעשה=דזשענטלמען; ער איז געווען אָנגעטון מיט פרעטענציעזער פינקטלעכקייט: אַן אַנצוג פון פלאַנעל מיט העלע הענטשקעס, ווייסע פאַנטאָפל און מיט אַ העל=בלויען האַלז=טוך, און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליין שטעקעלע. ער האָט געקוקט אויף קריסטאָפן פון דער זייט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפ, מיט אַ שטייפן האַלז ווי ביי אַ הון, און ווען קריסטאָף האָט אויף אים אַ קוק געטון, איז ער געוואָרן רויט איבער די אויערן, אַרויסגעצויגן אַ צייטונג פון טאַש און זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט געווען זייער פאַרטיפט אין דעם צייטונג, אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער אַ הויב געטון קריסטאָפס הוט, וואָס איז געהאַט אַראָפגעפאַלן. טאַרחידושט פון זיין העפלעכקייט, האָט קריסטאָף ווידער אַ קוק געטון אויפן יינגל, וועלכער איז ווידער רויט געוואָרן; ער האָט אים מיט אַ טרוקן וואָרט געדאַנקט, ער האָט נישט ליב געהאַט די חניפותדיקע העפלעכקייט און בכלל פיינט געהאַט

ווען מ'האָט זיך געפּאָרקעט אַרום אים. פונדעסטוועגן האָט עס אים אַ ביסל הנאה געטון.

ער האָט באַלד אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם; די לאַנד־שאַפט האָט אים פאַרכאַפּט. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון שטאָט; דערפאַר האָט ער זיך איצט זייער געפרייט מיט דער פרישער לופט, וואָס האָט געבלאָזן אים איבערן פּנים, מיט די גרויסע וואַסער־פלאַכן און מיט די בילדער פון די ברעגעס, וואָס האָבן זיך כּסדר געביטן: גרויע, פלאַכע ברעג־פעלזן, ווערבע־קוסטעס, וואָס האָבן זיך ביז אַ העלפט געטובלט אין וואַסער, שטעט, געקרוינטע מיט גאָטישע טורעמס און פאַבריק־קוימענס מיט שוואַרצן רויך, העלע ווייַנגערטנער און לעגענדאַרע פעלזן־שטיינער. און אַזוי ווי ער האָט אויפן קול אויסגעדריקט זיין התפּעלות, האָט זיין שכן, פאַרשעמט און מיט אַ געשטיקטער שטים, דערציילט עטלעכע היסטאָרישע פּרטים וועגן די חורבות, וואָס זענען אַדורך פאַר זיי, וועלכע מ'האָט דאָ נישט לאַנג אָפּגעפרישט און וואָס זענען געוואָרן באַדעקט מיט אַאיר. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. קריסטאָף האָט זיך פאַראינטערעסירט און אים עפּעס געפרעגט. יענער האָט גלייך געענטפערט גליקלעך, וואָס ער קאָן אַרויסווייזן זיין בקיאות; און נאָך יעדן זאַץ האָט ער זיך געווענדט צו קריסטאָפן מיט די ווערטער: „הער הויף־פידלער".

— איר קענט מיך, הייסט עס? — האָט קריסטאָף געפרעגט.

— אָ, יאָ! — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל מיט אַ טאָן פון באַוווּנדערונג, וואָס האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן קריסטאָפס פּוסטער גאווה.

זיי האָבן זיך צערעדט. דאָס יונגע בחורל האָט פיל מאָל געזען קריסטאָפן אויף די קאָנצערטן; דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן אים, האָט גערייצט זיין פאַנטאַזיע. ער האָט עס נישט געזאָגט קריסטאָפן בפירוש; אָבער קריסטאָף האָט עס געפילט, און ס'איז אים זייער אָנגענעם געווען און פאַרחידושט. ער איז נישט געוויינט געווען, מ'זאָל רעדן צו אים מיט אַ גערירטן יראת־הכּבוד. ער האָט ווייטער אויסגעפרעגט זיין שכן וועגן דער געשיכטע פון דער געגנט, ווו זיי זענען פאַרבייגעפאָרן; יענער האָט געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצו־ווייזן אַלע זיינע — אגב, נאָך גאָר פרישע, — ידיעות, און קריסטאָף האָט באַוווּנדערט זיין חכמה. אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי

אַן אויסרייד זיך צו באַקענען, — דאָס איז זיי, דער עיקר, אָנגעגאַנ־
גען. תּחילת האָבן זיי נישט געהאַט דעם מוט צוצוגיין גלייך צום ענין.
זיי האָבן זיך געדרייט הין און צוריק מיט זייטיקע פּראַזן. לסוף האָבן
זיי זיך אַנטשלאָסן, און קריסטאָף האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין נייער
פריינד הייסט „הער אָטאָ דינער" און איז אַ זון פון אַ רייכן סוחר
אין שטאָט. ס'האָט זיך, נאַטירלעך, אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן אַלגעמיי־
נע באַקאַנטע. און ביסלעכווייז האָט זיך ביי זיי אויפגעבונדן די צונג,
און זיי האָבן גערעדט מיט התלהבות. דער דאַמפער איז דערווייל צו־
געקומען צו דער שטאָט, וווּ קריסטאָף האָט געדאַרפט אַראָפּשטייגן, אָטאָ
איז אויך אַראָפּ צוזאַמען מיט אים. אָט דער צופאַל האָט אויסגעזען
זייער מערקווירדיק אין זייערע אויגן, און קריסטאָף האָט אים פאָרגע־
לעגט צו מאַכן צוזאַמען אַ שפּאַציר ביז מיטאָג־צייט. זיי האָבן זיך
געלאָזט איבער פעלדער. קריסטאָף האָט פריינדלעך גענומען אָטאָן אונ־
טערן אָרעם און אים דערציילט זיינע פּלענער, גלייך ווי ער וואָלט
אים געקענט מי־יודע ווי לאַנג. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק גענייטיקט
אין דער געזעלשאַפט פון קינדער אין זיין עלטער, אַז ער האָט געפילט
אַן אַ שיעור פרייד צו זיין צוזאַמען מיט יונגל בהורל, וואָס איז געווען
גוט דערצויגן, געבילדעט און געווּנען זיין סימפּאַטיע.

די צייט איז געלאָפן און קריסטאָף האָט עס אַפילו נישט באַ־
מערקט. דינער, שטאָלץ פונם צוטרוי, וואָס ס'שענקט אים דער יונגער
מוזיקער, האָט נישט געהאַט קיין העזה צו באַמערקן, אַז ס'איז שוין
אים צייט צו גיין אויף מיטאָג. לסוף האָט ער אָבער געהאַלטן פאַר
זיין חוב אים צו דערמאָנען; אָבער קריסטאָף, שטאַרק פאַרנומען מיט
קריכן אויף אַ בערגל צווישן דיביימער, האָט געענטפערט, אַז קודם־
כּל מוז ער צוקומען צום שפּיץ; און ווען זיי זענען שוין געווען
אויבן, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, גלייך ווי ער וואָלט גאָר
אין זינען נישט געהאַט צוריקצוגיין, נאָר פאַרברענגען דאָ דעם גאַנצן
טאָג. אין אַ פערטל שעה אַרום, זעענדיק, אַז ער האָט נישט בדעה זיך
אַ ריר צו טון, האָט אים דינער נאָכאַמאָל שעמעוודיק אַ פרעג געטון:
און אייער מיטאָג?

אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג, מיט די הענט אונטערן קאָפּ,
האָט קריסטאָף שטיל געענטפערט:

— פּש!

דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויף אָטאָן, דערזען זיין פאַר־לעגנהייט און זיך צעלאַכט:

— דאָ איז זייער גוט, — האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין. — איך גיי נישט. זאָלן זיי וואַרטן!

ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן.

— איר זענט פאַרנומען? ניין, נישט אמת? ווייסט איר, וואָס מיר וועלן טון? מיר וועלן גיין צוזאַמען עסן מיטאָג. איך ווייס דאָ אַ רעסטאָראַן.

דער נער האָט, אמת, געהאַט אַ סך צו דערווידערן, — נישט דער־פאַר, ווייל עמעצער האָט אויף אים געוואַרט, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט בטבע נישט געקאָנט אָננעמען פלוצלינג אַ באַשלוס: ער האָט גע־לעבט מיט אַ סדר און געמוזט יעדע זאַך באַצייטנס צוגרייטן. אָבער קריסטאָפס פראַגע איז געשטעלט געווען אין אַזאַ טאָן, וואָס איז פשוט שווער געווען אָפּצוזאָגן. ער האָט זיך דעריבער געלאָזט מיטציען, און זיי האָבן ווידער געשמועסט.

אין רעסטאָראַן איז זייער התלהבות אַ ביסל אָפּגעקילט געוואָרן. זיי זענען ביידע געווען פאַרנומען מיט הארבן ענין, ווער פון זיי זאָל דעם צווייטן מכבד זיין מיט מיטאָג, און יעדערער האָט שטילער־הייט געהאַלטן, אַז אים קומט דער דאָזיקער כבוד: דינער, ווייל ער איז דער רייכערער, און קריסטאָף, ווייל ער איז דער אָרעמערער. זיי האָבן נישט געמאַכט די מינדסטע אָנצוהערעניש, נאָר דינער האָט זיך באַמיט צו כשרן זיין רעכט, רעדנדיק מעשה־באַלעבאָס, און באַשטעלט די מאכלים. קריסטאָף האָט פאַרשטאַנען זיין כוונה און איבערגעיאָגט זיין חבר, הייסנדיק געבן אַנדערע, נאָך טייערערע; ער האָט אים גע־וואָלט ווייזן, אַז ער קאָן זיך אויך אַן עצה געבן נישט ערגער, ווי אַנדערע. און ווען דינער האָט געמאַכט אַ נייעם פרווו און גענומען זיך דעם זכות אויסצוקלייבן די מינים ווייַן, האָט קריסטאָף אויף אים שטרענג אַ קוק געטון און געהייסן ברענגען אַ פלאַש פון די סאַמע טייערסטע וויינען, וואָס דער רעסטאָראַן האָט נאָר פאַרמאָגט.

זיצנדיק ביים רייך־געדעקטן טיש, האָבן זיי זיך אַ ביסל דער־שראָקן. זיי האָבן נישט געפונען וועגן וואָס צו רעדן, און געגעסן פאַרזיכטיק, ביידע פאַרשעמט און מיט געבונדענע באַוועגונגען. זיי האָבן זיך פלוצלינג אַרומגעזען, אַז אייגנטלעך זענען זיי זיך פרעמד, און אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך מיט חשד. אומזיסט האָבן זיי זיך אָנגע־

שטרענגט צו פאַרבינדן אַ שמועס; ס'האָט זיך נישט געקלעפּט אַ וואָרט
צו אַ וואָרט. די ערשטע האַלבע שעה איז געווען שרעקלעך לאַנגווײ־
ליק. צום גליק האָט דער מאָלצײַט געטון זײַנס, און בײדע בעל־
שמחהס האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף זיך מיט מער צוטרוי. דער עיקר
איז געוואָרן אויפגעלעגט קריסטאָף, וואָס איז נישט געוווינט געווען
צו אַזעלכע סעודות; ער איז געוואָרן באַרעדעווודיק. ער האָט דער־
צײלט וועגן די צרות פון זײַן לעבן, און אָטאָ, באַפרײַט פון זײַן צו־
ריקגעהאַלטנקײט, האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז אויך נישט איבע־
ריק גליקלעך. ער איז שוואַך און שעמעוודיק, און זײַנע חברים נוצן
עס אויס, מאַכן פון אים חוזק און קאָנען אים נישט מוחל זײַן, וואָס
אים געפעלן נישט זײערע פּראָסטע זיטן; זײ טוען אים אָפּ אַלערלײ
שפּיצלעך. — קריסטאָף האָט צונויפגעדריקט די פויסטן און געזאָגט,
אַז קײן גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען, אויב זײ וועלן פּרווון
זיך טשעפּען מיט אָטאָן אין זײַן קעגנוואַרט. — אָטאָ האָט זיך אויך
באַקלאָגט, אַז זײַנע אײגענע פאַרשטײען אים נישט. קריסטאָפן איז גוט
באַקאַנט געווען דאָס דאָזיקע אומגליק; זײ האָבן זיך בײדע געקלאָגט
אויף זײער שותפותדיקן שלימזל. דינערס עלטערן האָבן געוואָלט מאַכן
פון אים אַ סוחר, דעם יורש פון טאַטן. אָבער ער האָט געוואָלט ווערן
אַ פּאָעט. ער וועט זײַן אַ פּאָעט, אויב אַפילו ער זאָל מוזן אַנטלויפן
פון דער היים, ווי שילער, און לעבן אין נויט! (אַגב, האָט ער גע־
דאַרפט אַמאָל ירשענען דעם טאַטנס פאַרמעגן, וואָס איז נישט געווען
זײער קלײן). ער האָט מודה געווען, רויט ווערנדיק, אַז ער האָט
שוין געשריבן לידער וועגן דעם טרויער פון זײַן לעבן, נאָר נישט
געקאָנט פועלן בײַ זיך זײ איבערצולײענען. הגם קריסטאָף איז שטאַרק
צוגעשטאַנען. פונדעסטוועגן האָט ער סוף־כל־סוף ציטירט צווײ אָדער
דרײַ לידער, שטאַמלענדיק פון אויפרעגונג. קריסטאָף האָט געהאַלטן,
אַז זײ זײַנען אויסגעצײכנט. זײ האָבן זיך פאַרצײלט זײערע פּלענער:
אין יאָרן אַרום וועלן זײ אַרבעטן צוזאַמען; זײ וועלן שרײַבן דראַמעס,
לידער־זאַמלונגען. זײ האָבן זיך שטום באַוווּנדערט. אָטאָן האָט אימפּאָ־
נירט, אויסער קריסטאָפס מוזיקאַלישער נאָמען, אויך זײַן כּוח און מו־
טיקע האַלטונג. און קריסטאָף איז נתפּעל געוואָרן פון אָטאָס עלעגאַנץ,
פון זײַן פײַנער באַנעמונג, — אַלץ איז רעלאַטיוו אויף דער וועלט, —
און פון אָטאָס רײַכע ידיעות, די ידיעות, וואָס האָבן אים לחלוטין
געפעלט און וואָס ער האָט אַזוי נויטיק געדאַרפט.

מיד פון דער סעודה, מיט די עלנבויגנס אויפן טיש. האָבן זיי אַזוי געשמועסט און זיך צוגעהערט איינער צום אַנדערנס רייד מיט פייכטע אויגן פון גערירטקייט. ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. שוין צייט געווען צו גיין. אָטאָ האָט נאָך דאָס לעצטע מאָל געפּרוווט אַ כאַפּ טון די רעכנונג; אָבער קריסטאָף האָט אים צוגעשמידט צום אָרט מיט זיין בייזן בליק, וואָס האָט ביי אים אָפּגענומען דעם חשק זיך אַנטקעגנצושטעלן. קריסטאָפן האָט באַאומרויקט נאָר איין זאַך: טאָמער פאַרלאַנגט מען פון אים מערער, ווי ער פאַרמאָגט; ער וואָלט אָפּגעגעבן זיין זייגער און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, אַבי נישט צו דאַרפן אָנקומען צו אָטאָן. ס׳איז אָבער דערצו נישט געקומען; ער איז צופרידן געבליבן, וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויפן מיטאָג כמעט דעם גאַנצן מאָנאַטלעכן געהאַלט.

זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פונם בערגל. דער שימער פון בין-השמשות האָט זיך אָנגעהויבן ציען איבערן סאָסנע-וואַלד; די ביימער-שפּיצן האָבן נאָך געשוועבט אין דעם ראָזן ליכט; זיי האָבן זיך שווער געשאָקלט, ווי דער צעוויגטער וואַסער-רויש; אינם טעפּיך פון פיאָלעטע נאָדלען זענען פאַרשלונגען געוואָרן זייערע טריט. ביידע האָבן זיי געשוויגן. קריסטאָף האָט געפילט, אַז זיין האַרץ איז פול מיט אַ פרעמד, זיס געפיל; ער איז געווען גליקלעך, געוואָלט רעדן, אָבער אַ פחד האָט אים צוזאַמענגעדריקט. ער איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין, און אָטאָ האָט דאָס זעלבע געטון. אַלץ אַרום האָט געשוויגן. פליגן האָבן געזשומעט זייער הויך אינם זון-שטראַל. אַ טרוקענע צווייג איז אַראָפּגעפאַלן אויף דר׳ערד. קריסטאָף האָט אָנגעכאַפּט אָטאָס האַנט און געפרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים:

— ווילסטו זיין מיין פריינד?

אָטאָ האָט געשטאַמלט:

— יאָ.

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט; זייערע הערצער האָבן גע-צאַפּלט. זיי האָבן קוים געהאַט דעם מוט זיך אָנצוקוקן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך ווידער געלאָזט אין וועג. זיי זענען געווען עטלעכע טריט ווייט איינער פונם צווייטן און גאָרנישט ניט גערעדט ביזן סוף פונם וואַלד: זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיך אַליין און פאַר זייער געהיימניספולער אויפרעגונג; זיי זענען געגאַנגען זייער גיך און מער זיך נישט פאַרהאַלטן, ביז זיי זענען אַרויס פון

די בוימער־שאָטנס. דאָרט ערשט האָבן זיי זיך באַרויִקט און דערלאַנגט זיך די הענט. זיי זענען באַגייסטערט געוואָרן פון דער העלער נאַכט און גערעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער.

אינם דאַמפער, זיצנדיק פון פאַרנט אינם באַלויכטענעם שאָטן, האָבן זיי געפרוווט רעדן וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, אָבער זיי האָבן אליין נישט געהערט, וואָס זיי האָבן גערעדט; זיי האָבן זיך געבאָדן אין אַ גליקלעכער מידקייט. נישט געפילט קיין נויטווענדיקייט — נישט צו רעדן, נישט צו געבן זיך די הענט, אַפּילו נישט אָנצוקוקן זיך; זיי זענען געווען נאָענט איינער דעם אַנדערן.

ווען זיי זענען געקומען נאָענט צו דער היים, האָבן זיי אָפּגע־שמועסט זיך צו טרעפן דעם קינפטיקן זונטיק. קריסטאָף האָט צוגעפירט אָטאָן ביז צו זיין טיר. בײַ דער שיין פון די גאַז־לאַמטערן האָבן זיי שעמעוודיק געשמייכלט און געשטאַמלט אַ גערירטן „אַדיע". נאָכן צע־שיידן זיך, איז זיי לייכטער געוואָרן — אַזוי האָט זיי אויסגעמאַטערט די אויפרעגונג, אין וועלכער זיי האָבן דורכגעלעבט עטלעכע שעה, און די אָנשטרענגונג, וואָס ס'האָט זיי געקאָסט יעדעס וואָרט, אַרויסגעבראַכט אין דער אַרומיקער שטילקייט.

איינער אַליין איז קריסטאָף געגאַנגען אַהיים אין דער נאַכט. זיין האַרץ האָט געזונגען שירה: „איך האָב אַ פריינד! איך האָב אַ פריינד!" ער האָט גאָרנישט נישט געהערט. ער האָט נישט געטראַכט וועגן קיין שום אַנדערער זאַך.

באַלד נאָכן אַריינקומען אין שטוב, איז ער געפאַלן פון מידקייט און איינגעשלאָפן. אָבער אַ צוויי־דריי מאָל אין דער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי עפּעס אַן עקשנותדיקער געדאַנק וואָלט אים פאַרפאָלגט. ער האָט איבערגעחזרט: „איך האָב אַ פריינד!" — און תּיכּף ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

צומאָרגנס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען נאָר אַ חלום. כּדי צו זיין זיכער, אַז ס'איז טאַקע באמת פאָרגעקומען, האָט ער זיך גענומען דערמאָנען די קלענסטע פּרטים פונם פאַרגאַנגענעם טאָג. ער איז געווען פאַרזונקען אין אָט די מחשבות אַפילו בעת זיינע

לעקציעס; ער איז אויך געווען צערודערט נאָכמיטאָג, בעת דער רעפעטיציע פונם אָרקעסטער, און אַרויסגייענדיק, האָט ער קוים געדענקט, וואָס ער האָט געשפּילט.

אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער דאָרט געפונען אַ בריוו. ס'איז געווען איבעריק צו פרעגן, פון וואַנען ער איז. ער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין צימער — און גענומען לייענען. דער בריוו איז געווען געשריבן אויף העל־בלויען פּאַפּיר, מיט אַ ריינעם, לאַנגן און זיכערן כתב און מיט זייער פיינע דריידלעך:

— „טייערער הער קריסטאָף, — זאָל איך זיך דערוועגן צו זאָגן: זייער געערטער פריינד?

איך טראַכט זייער פיל וועגן אונזער נעכטיקן שפּאַציר און איך דאַנק אייך אָן אַ שיעור פאַר אייער גוטסקייט צו מיר. איך בין אייך אַזוי דאַנקבאַר פאַר אַלץ, וואָס איר האָט געטון, פאַר אייערע גוטע רייד און פאַר דעם פיינעם שפּאַציר און פאַרן גרויסאַרטיקן מיטאָג! איך האָב בלויז צער פון דעם, וואָס איר האָט אויסגעגעבן אַזוי פיל געלט אויפן מיטאָג. וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיקער טאָג! נישט אמת, אַז עפּעס אַ ווונדערלעכע קראַפט האָט אונז צונויפגעבראַכט? מיר דוכט, אַז דער גורל אַליין האָט אונז געוואָלט פאַרבינדן. ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך וועל אייך זונטיק ווידער זען! איך האָף, אַז איר האָט נישט געהאַט קיין שום עגמת־נפש, וואָס איר זענט נישט געקומען צום הער הויף־מוזיק־דירעקטאָר אויף מיטאָג. איך וואָלט געהאַט זייער פיל פאַרדרוס, ווען איר זאָלט האָבן צער צוליב מיר!

איך בין אויף אייביק, טייערסטער הער קריסטאָף, אייער איבערגעגעבנסטער דינער און פריינד

אָטאָ דינער.

פּ. ס. — איך בעט אייך, קומט נישט זונטיק צו מיר אין שטוב מיך נעמען; אויב אייך איז ניחא, וואָלט גלייכער געווען, מיר זאָלן זיך טרעפן אין שלאָס־גאָרטן".

קריסטאָף האָט געלייענט דעם בריוו מיט טרערן אין די אויגן; ער האָט אים געקושט, אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער און געשפּרונגען אין זיין בעט. שפּעטער איז ער צוגעלאָפן צום טיש און געכאַפּט אַ פעדער, תיכף־ומיד צו ענטפערן. ער האָט נישט געקאָנט וואַרטן קיין רגע. אָבער נישט געוויינט צו שרייבן, האָט ער נישט געוווּסט ווי אַזוי אויסצודריקן דאָס, וואָס ס'האָט איבערפולט זיין האַרץ; ער האָט

צעריסן מיט דער פעדער דאָס פּאַפּיר און אויסגעשמירט די פינגער מיט טינט; פון אומגעדולד האָט ער געטופּעט מיט די פיס. סוף־כּל־סוף, נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעשטעקט די צונג און קאַליע געמאַכט פינף־זעקס בייגעלעך פּאַפּיר, איז אים געלונגען אָנצושרייבן מיט צעדרייטע אותיות, צעוואָרפן אויף פאַרשידענע זייטן, און מיט גראָבע אָרטאָגראַפישע גרייזן:

„נשמה מיינע! ווי פאַלט עס דיר איין צו רעדן וועגן דאַנקבאַרקייט, בעת איך האָב דיך ליב? האָב איך דיר דען נעכטן נישט געזאָגט, ווי טרויעריק און איינזאַם איך בין געווען, איידער כ׳האָב דיך דערקענט? דיין פריינדשאַפט איז פאַר מיר טייערער, ווי אַלץ אין דער וועלט. נעכטן בין איך געווען גליקלעך, גליקלעך! ס׳איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. איך וויין פון פרייד, לייענענדיק דיין בריוו. יאָ, צווייפל נישט, מיין ליבסטער, אַז דאָס האָט דער גורל אונז דערנענטערט; ער וויל, מיר זאָלן זיין פריינד, כּדי אויפצוטון גרויסע זאַכן. פריינד! וואָס פאַר אַ דערהויבן וואָרט! זאָל עס טאַקע מעגלעך זיין, אַז איך האָב שוין ענדלעך אַ פריינד? אָ, דו וועסט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, נישט אמת? דו וועסט מיר בלייבן טריי? אייביק! אייביק!.. ווי שיין עס וועט זיין, צוזאַמען צו שאַפן, צוזאַמען צו וואַקסן! איך וועל שאַפן מיינע מוזיקאַלישע איינפאַלן, די אַלע משונהדיקע זאַכן, וואָס ראַנגלען זיך אין מיין קאָפּ, און דו — דיין אינטעליגענץ און דיין גרויס וויסן! וואָס דו ווייסט אַלץ! כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ געלערנטן מענטשן, ווי דו. פאַראַן מאָמענטן, ווען איך בין אומרויק: מיר דאַכט, איך בין נישט ווערט דיין פריינדשאַפט. דו ביסט אַזוי איידל, אַזאַ מושלם, און איך בין דיר אַזוי דאַנקבאַר, וואָס דו האָסט ליב אַזאַ גראָבן נפש ווי איך!... אָבער ניין! איך זאָג, מ׳דאַרף נישט רעדן וועגן קיין דאַנקבאַרקייט. אין פריינדשאַפט זענען נישטאָ נישט קיין בעלי־חובות, נישט קיין בעלי־טובות. קיין טובות וואָלט איך נישט אָנגענומען! מיר זענען ביידע גלייך, אויב מיר האָבן זיך ליב. איך גיי־אויס פון בענקשאַפט דיך צו זען! איך וועל נישט קומען אָפּבעמען דיך פון שטוב, אויב דו פאַרלאַנגסט עס נישט, — הגם, דעם אמת זאָגנדיק, פאַרשטיי איך נישט די אַלע פאָרזיכטיקייטן; — אָבער דו ביסט דער קלוגערער און מסתמא ביסטו גערעכט...

נאָך איין וואָרט! רעד מער קיינמאָל נישט וועגן געלט. איך האָב פיינט געלט: דאָס וואָרט און די זאַך גופא. איך בין נישט רייך, אָבער

איך האָב נאָך שטענדיק גענוג געלט מכבד צו זיין מיין פריינד; און ס'איז מיין גרעסטע פרייד אָפּצוגעבן אים אַלץ, וואָס איך האָב. וואָלסטו דען נישט געטון דאָס אייגענע? און אויב איך זאָל דאַרפן, וואָלסטו מיר דען נישט אָוועקגעגעבן דיין גאַנץ פאַרמעגן? — אָבער דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען! כ'האָב גוטע פויסטן און אַ גוטן קאָפּ, און כ'וועל שטענדיק פאַרדינען דאָס ברויט, וואָס איך עס. — ביז זונטיק! — גאָט מיינער! אַ גאַנצע וואָך דיך נישט צו זען! און ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָב איך דיך נאָך נישט געקענט! ווי האָב איך געקאָנט לעבן אַזוי לאַנג אָן דיר?

מיין דירעקטאָר, דער טאַקט-קלאַפּער, האָט געפּרוּווט זיך בייזערן אויף מיר. נאָר נעם זיך נישט צום האַרצן מער ווי איך! וואָס גייען מיך אָן פרעמדע מענטשן? איך פאַראַכט אַלץ, וואָס זיי טראַכטן איצט און וואָס זיי וועלן טראַכטן וועגן מיר. קיינער גייט מיך נישט אָן אויסער דו. האָב מיך שטאַרק ליב, נשמה מיינע, האָב מיך ליב אַזוי, ווי איך האָב דיך ליב! איך קאָן דיר גאָרנישט זאָגן, ווי ליב איך האָב דיך. איך בין דיינער, ד׳ינער, פון קאָפּ ביז די פיס. דיינער אויף אייביק

קריסטאָף.״

קריסטאָף איז אַ גאַנצע וואָך אויסגעגאַנגען פון אומגעדולד. ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק, אָנגעלעגט וועג כּדי פאַרבייגיין דעם אָרט, ווו אָטאָ האָט געוווינט. ער האָט זיך אפילו נישט גערירט אים צו זען; ס'איז פאַר אים גענוג געווען אַ קוק צו טון אויף זיין הויז, כּדי צו ווערן בלייך און רויט פון אויפרעגונג. דאָנערשטיק האָט ער זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און געשיקט אים אַ בריוו, נאָך מער באַגייסטערט, ווי דער ערשטער. אָטאָ האָט געענטפערט זייער סענטי-מענטאַל.

דער זונטיק איז סוף-כּל-סוף געקומען, און אָטאָ איז געווען פּינקטלעך, אָבער שוין מיט אַ גאַנצער שעה פריער איז קריסטאָף גע-פּייניקט געווען פון אומגעדולד, וואַרטנדיק און שפּאַצירנדיק הין און צוריק. ער האָט אָנגעהויבן האָבן יסורים, וואָס יענער קומט נישט. ער האָט געציטערט, טאָמער איז אָטאָ קראַנק געוואָרן; אַז ער זאָל נישט האַלטן וואָרט, — איז אים נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן אפילו קיין איין רגע. ער האָט שטיל איבערגעחזרט: „גאָט מיינער! מאַך, ער זאָל קומען!“ ער האָט מיט זיין שטעקל געקלאַפּט אין די קליינע שטיי-

דלעך פון דער אַלעע און געמאַכט זיך אַ סימן, אַז אויב ער וועט דריי מאָל נישט טרעפן, הייסט עס, אַז אָטאָ קומט נישט, און אויב ער וועט יאָ טרעפן, וועט אָטאָ באַלד אָנקומען. און כאָטש ער האָט גע־צילט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, און כאָטש צו טרעפן אין ציל איז, אגב, געווען זייער לייכט, דאָך האָט ער דריי מאָל נישט געטראָפן. — און אָט האָט ער דערזען אָטאָן, ווי ער גייט מיט פאַמעלעכע און געמאָס־טענע טריט: אָטאָ האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אין געוויסע ראַמען, אפילו דעמאָלט, ווען ער איז געווען זייער גערירט. קריסטאָף איז אים געלאָפן אַנטקעגן און מיט אַ פאַרשטיקטער שטים געזאָגט: גוטמאָרגן. אָטאָ האָט געענטפערט: גוטמאָרגן! און מער האָבן זיי נישט געפונען וועגן־וואָס צו רעדן, העכסטנס, אַז דער וועטער איז זייער שיין און אַז עס איז ערשט פינף אָדער צען מינוט נאָך צען. ווייל דער שלאָס־זייגער פאַר־שפעטיקט זיך אַלעמאָל.

זיי זענען אַוועק צום וואָקזאַל און געפאָרן מיטן צוג צו אַ נאָענ־טע סטאַציע, ווו די שטאָט־איינוווינער פלעגן אַרויספאָרן אויף שפּאַציר. אויפן וועג איז זיי אויסגעקומען צו רעדן אפשר אַ צענדליק ווערטער. זיי האָבן געפרוווט צו פאַרבייטן די רייד מיט פיל־זאָגנדיקע בליקן, — אָבער אויך דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. זיי האָבן געוואָלט אי־בערגעבן איינער דעם צווייטן, וואָסערע פריינד זיי זענען זיך, אָבער זייערע אויגן האָבן גאָרנישט נישט געזאָגט און זיי האָבן געשפילט אַ קאָמעדיע. קריסטאָף האָט עס מיט ווייטיק באַמערקט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָל ער נישט קאָנען אויסדריקן — און אפילו פילן — דאָס אַלץ, וואָס האָט מיט אַ שעה צוריק פאַרפולט זיין האַרץ. אָטאָ האָט זיך נישט אָפּגעגעבן אַזאַ קלאָרן חשבון וועגן דעם. ער איז געווען ווינציקער אויפריכטיק און אין זיך גופא האָט ער אַריינ־געקוקט זייער פאַרזיכטיק; אָבער אויך ער האָט זיך געפילט פונקט אַזוי אָפּגעגנאַרט. דער אמת איז, ביידע קינדער האָבן אין משך פון די אַכט טאָג פון זייער צעשיידונג פונאַנדערגעבלאָזן זייערע געפילן אַזוי הויך, אַז ס׳איז געווען אוממעגלעך זיך אויפצוהאַלטן אויף דער מדרגה אין דערווירקלעכקייט גופא; און ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, איז זייער ערשט געפיל געווען אַנטוישונג: זיי האָבן זיך געמוזט אַראָפּלאָזן צו דער ווירקלעכקייט. אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אָפן מודה צו זיין אין דעם.

דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער געגנט

און נישט געקאָנט זיך אָפּשאָקלען פון דער שווערער לאַנגווייליקייט, וואָס האָט זיי געדריקט. עס איז געווען גראָד אַ יום-טוב-טאָג, די רע-סטאָראַנען און וועלדער זענען פול געווען מיט מחנות שפּאַצירנדיקע — קליינבירגערלעכע פאַמיליעס, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַ סך טומל און אומעטום געגעסן. דאָס האָט נאָך געפּטרט זייער שטימונג; אויף די דאָזיקע נעבעכדיקע מענטשן האָבן זיי אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד, פאַרוואָס זיי קאָנען נישט צוריקגעפינען די פרייע איינזאַמקייט פון זייער ערשטן שפּאַציר. פונדעסטוועגן האָבן זיי געשמועסט צווישן זיך און אָנגעטון זיך אַ כּוח צו געפינען וועגן וואָס צו רעדן: זיי האָבן מורא געהאַט זיך אַליין עפענען די אויגן, אַז אין תוך גענומען האָבן זיי נישט איינער דעם אַנדערן וואָס צו זאָגן. אָטאָ האָט אויסגעליידיקט די תורה, וואָס ער האָט געלערנט אין שולע. קריסטאָף ווידער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טעכנישע דערקלערונגען פון מוזיקאַלישע ווערק און פידל-שפּילן. זיי האָבן איינער דעם צווייטן געלאַנגווייליקט. זיי האָבן זיך אַליין גענודעט מיט דער אייגענער פּלוידעריי. און פונדעסט-וועגן האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו רעדן און מורא געהאַט אויף איין רגע איבערצורייסן; ווייל דעמאָלט וואָלט זיך געעפנט צווישן זיי אַ תּהום פון שווייגן, וואָס וואָלט זיי פאַרגלייווערט. אָטאָ האָט זיך געוואָלט וויינען, און קריסטאָף איז געווען גרייט צו לאָזן אים אַליין און צו מאַכן וואָס גיכער פּליטה, אַזוי שטאַרק האָט ער זיך געשעמט און געלאַנגווייליקט.

אַ שעה ערשט פאַרן אַהיימפאָרן האָבן זיי זיך צעוואַרעמט. טיף אין וואַלד האָט זיך צעבילט אַ הונט; ער האָט זיך אַליין געלאָזט אויף געיעג. קריסטאָף האָט פאַרגעלעגט צו באַהאַלטן זיך אין די קוסטעס, אפשר וועלן זיי באַמערקן די געיאָגטע חיה. זיי זענען אַריינגעקראָכן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. דער הונט האָט זיך דערנענטערט און דערווייטערט, דערווייטערט און דערנענטערט. זיי זענען אים נאָכ-געגאַנגען אויף רעכטס, אויף לינקס, געגאַנגען פאָרויס און געקומען צוריק אויף זייער אָרט. דאָס בילן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער; דער הונט האָט זיך געשטיקט פון אומגעדולד אין זיין בלוט-דורשטיקן גע-שריי; ער איז צוגעלאָפן נאָענט צו זיי. קריסטאָף און אָטאָ זענען גע-לעגן אויף די טרוקענע צווייגן אויף אַ שפּור פון אַ פוס-טריט, גע-וואַרט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דאָס בילן איז אַנטשוויגן געוואָרן; דער הונט האָט אָנגעוואָרן דעם שפּור; נאָך איין מאָל האָט מען גע-

…ערט זיין בילן פֿון דער ווייטן, און באַלד האָט זיך די שטילקייט ווידער אַראָפּגעלאָזט איבערן וואַלד. קיין שום גערויש: נאָר דאָס געהיימניספֿולע זשומען פֿון מיליאָנען ברואים, רמשים און ווערים, וואָס נאָגן אָן אויפֿהער און זויגן-אויס דעם וואַלד, — דער רעגלמעסיקער אָטעם פֿון טויט, וואָס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ. די קינדער האָבן זיך צוגעהערט און נישט גערירט מיט קיין אבר. גראָד אין דעם אויגנבליק, ווען זיי האָבן זיך אַנטוישט אויפֿגעהויבן און געוואָלט זאָגן: „אַ סוף — ער וועט שוין נישט קומען", — איז אַ קליינער האָז אַרויסגעשפּרונגען פֿון די קוסטעס; ער האָט זיך אַ לאָז געטון גלייך אויף זיי: זיי האָבן אים ביידע אין דער זעלבער צייט דערזען און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פֿון פֿרייד. דער האָז האָט זיך אַ הויב געטון פֿון אָרט און אַ שפּרונג געטון אָן אַ זייט; זיי האָבן געזען, ווי ער ווערט פֿאַרזונקען צווישן די בוימער, מיטן קאָפּ אַראָפּ; נאָך אים האָט זיך נאָכגעטראָגן דער גערויש פֿון די בלעטער און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי אַ קנייטש אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון וואַסער. כאָטש ס'האָט זיי פֿאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן אַ געשריי געטון, האָט זיי דאָך די גאַנצע מעשה שטאַרק הנאה געטון. זיי האָבן זיך געקייקלט פֿון געלעכטער, דערמאָנענדיק זיך יענעם צעשראָקענעם שפּרונג פֿונם האָז, און קריסטאָף האָט אים זייער לעכערלעך נאָכגעמאַכט. אויך אָטאָ האָט אים געפּרוווט נאָכמאַכן. שפּעטער האָבן זיי זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן. אָטאָ איז געווען דער האָז און קריסטאָף — דער הונט. זיי זענען געלאָפֿן איבער וועלדער און לאָנקעס, געשפּרונגען איבער פּלויטן און גריבער. אַ פּויער האָט זיי געשאָלטן, ווייל זיי זענען אַרויף אויף אַ תבואה-פֿעלד; אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ווייטער געלאָפֿן. קריסטאָף האָט נאָכגעמאַכט דאָס הייזעריקע בילן פֿונם הונט אַזוי קונציק, אַז אָטאָ האָט געוויינט פֿון געלעכטער. לסוף האָבן זיי זיך אַרונטערגעגליטשט פֿון אַ בערגל, שרייענדיק ווי משוגעים. און ווען זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין כּוח אַרויסצולאָזן דעם מינדסטן קלאַנג פֿון האַלז, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט און זיך אָנגעקוקט מיט לאַכעדיקע אויגן. איצט זענען זיי באמת געווען אינגאַנצן גליקלעך און צופֿרידן מיט זיך. ס'איז געווען דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן מער נישט געפּרוווט צו שפּילן די ראָלע פֿון העלדישע פֿריינד; זיי זענען פּשוט געווען דאָס, וואָס אין דער ווירקלעכקייט: צוויי קינדער.

צוריקוועגס זענען זיי געגאַנגען געאָרעמט און געזונגען לידלעך

אָן אַ שום טעם און זין. פֿונדעסטוועגן, בעת זיי זענען צוגעקומען נאָענט צו דער שטאָט, האָט זיך זיי ווידער פֿאַרגלוסט אַרויפֿצוציען אויף זיך די פֿריערדיקע ראָלע, און אויפֿן לעצטן בוים פֿונם וואַלד האָבן זיי אויסגעקריצט די געצירקלטע ראשי־תּיבֿותן פֿון זייערע נעמען. אָבער די גוטע שטימונג האָט גובר געווען זייער סענטימענטאַלקייט, און פֿאָרנדיק מיט דער באַן אַהיים האָבן זיי יעדעס מאָל, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער. זיי האָבן זיך צעשיידט, זיכער, אַז זיי האָבן פֿאַרבראַכט אַ „קאָלאָסאַל אַנטציקנדיקן" טאָג; און די דאָזיקע זיכערקייט איז פֿעסטער געוואָרן, ווען זיי זענען ווידער געבליבן אַליין.

זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער אַרבעט און ווידער יך גענומען צו זייער ווערק, וואָס האָט געפֿאָדערט געדולד און חכמה, — ווי די אַרבעט פֿון די בינען, ווייל זיי האָבן געמוזט פֿון אָפּגעהאַקטע שטיקלעך מיטלמעסיקע זכרונות שאַפֿן אַ גרויסאַרטיק בילד פֿון זיך אַליין און פֿון זייער פֿריינדשאַפֿט. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַ גאַנצע וואָך פֿאַרגעטערט, האָבן זיי זיך ווידער געזען זונטיק; און נישט געקוקט אויף דער סתּירה צווישן דער ווירקלעכקייט און זייערע טרוימען, האָבן זיי זיך פֿונדעסטוועגן איינגעוויינט נישט צו באַמערקן עס און צו ענדערן די ווירקלעכקייט לויט זייער פֿאַרלאַנג.

זיי האָבן שטאָלצירט מיט זייער פֿריינדשאַפֿט. די סתּירות פֿון זייערע נאַטורן האָט זיי נאָך מער דערנענטערט. קריסטאָף האָט נישט געקענט קיין שענערן מענטש אין דער וועלט ווי אָטאָ. זיינע איידעלע הענט, זיינע שיינע האָר, זיין פֿרישע הויט פֿון פּנים, זיין שעמעוודיק רעדן, די העפֿלעכקייט פֿון זיינע מידות און די פּינקטלעכקייט אין אָנטון זיך, — דאָס אַלץ האָט קריסטאָפֿן אַנטציקט. אָטאָ ווידער האָט מיטגעריסן קריסטאָפֿס שפֿע פֿון כּוחות און פֿרייהייט. איינגעוויינט, דורך דער ירושה פֿון דורות, צו פֿילן אַ יראת־הכּבֿוד צו יעדער אויטאָריטעט, האָט ער געפֿילט אַ פֿרייד געמישט מיט שרעק, צו פֿאַרברענגען מיט אַ חבֿר, וואָס איז בטבֿע אַן עקשן און פֿילט נישט קיין שום הכנעה פֿאַר אַלע פֿעסטגעשטעלטע כּללים. אַ לייכטער ציטער פֿון תּענוגלעכן

שרעק פֿלעגט דורכֿלויפֿן זײַן לײַב, װען ער האָט געהערט, װי קריסטאָף רײַסט אַרונטער אַלע באַרימטע מענער אין שטאָט און װי ער קרימט נאָך אפֿילו דעם גרױספֿירשט בכֿבודו ובעצמו. קריסטאָף האָט באַמערקט דעם רושם, װאָס ער מאַכֿט דערמיט אויף זײַן פֿרײַנד און זיך באַמיט נאָך מער חוזק צו מאַכֿן; װי אַן אַלטער רעװאָלוציאָנער האָט ער אויפֿגעטרײסלט אַלע געזעלשאַפֿטלעכֿע מנהגים און די מלוכֿה-געזעצן. דערשראָקן און אַנטציקט האָט אָטאָ זיך צוגעהערט; ער האָט געפּרוּװט מסכּים צו זײַן, אָבער דערבײַ זיך גוט אַרומגעקוקט, צי עמעצער הערט נישט אונטער.

בעת זייערע שותּפֿותדיקע שפּאַצירן האָט קריסטאָף קיינמאָל נישט אַדורכֿגעלאָזט די געלעגנהייט אַריבערצושפּרינגען איבער אַ פּלויט אין פֿעלד גראָד דעמאָלט, װען ער האָט געזען אַן אויפֿשריפֿט, אַז ס'איז פֿאַרװערט; אָדער אָפּצורײַסן פּירות איבער די פֿאַרקאַנעס פֿון די פּריװאַטע סעדער. אָטאָ האָט געציטערט, מ'זאָל זיי, חלילה, נישט כאַפּן, אָבער די דאָזיקע אויפֿרעגונג האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ באַזונדערן תּענוג; און אין אָװנט, װען ער איז געגאַנגען אַהיים, האָט ער זיך געהאַלטן פֿאַר אַ העלד. אין שרעק האָט ער געכאַפּט התפּעלות פֿון קריסטאָפֿן. זײַן הכנעה-אינסטינקט האָט געפֿונען דעם תּיקון אין דער פֿרײַנדשאַפֿט, װאָס האָט אים אונטערגעװאָרפֿן דעם װילן פֿונם צװײטן. קריסטאָף האָט אים קיינמאָל נישט מטריח געװען, ער זאָל אַלײן עפּעס באַשליסן: ער האָט אַלץ אַלײן באַשלאָסן, באַשטימט דעם סדר פֿונם טאָג, באַשטימט אפֿילו דעם סדר פֿונם לעבן, אַנטװיקלענדיק פֿאַר אָטאָס צוקונפֿט, פּונקט װי פֿאַר זײַן אײגענער, פּלענער און נישט דערלאָזט קיין שום װיכּוחים. אָטאָ האָט מסכּים געװען, אָפּטמאָל אַ ביסל זיך געװוּנדערט, װען ער האָט געזען, װי קריסטאָף באַלעבאַטעװעט מיט זײַן פֿאַרמעגן, װאָס האָט געזאָלט אין יאָרן אַרום פֿאַרנוצט װערן אויף אַ טעאַטער לויט קריסטאָפֿס געשמאַק. דערשראָקן פֿונם פֿרײַנדס באַפֿעלנדיקן טאָן, האָט ער זיך אָבער נישט אַנטקעגנגעשטעלט; קריסטאָפֿס פּלאַן האָט אים סוף-כּל-סוף איבערצײַגט, אַז דאָס געלט, װאָס דער הער קאָמערץ-ראַט אָסקאַר-דינער האָט צונויפֿגעקליבן, קאָן בשום אופֿן אײדעלער נישט פֿאַרנוצט װערן. קריסטאָפֿן איז קיינמאָל אויפֿן רעיון נישט אַרויף, אַז ער פֿאַרגװאַלטיקט אָטאָס װילן. ער איז געװען בטבע אַ דעספּאָט און זיך גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט, אַז זײַן פֿרײַנד קאָן װעלן אַנדערש, װי ער. װען אָטאָ װאָלט אויסגעדריקט אַן אַנדער באַגער,

וואָלט ער בלי-ספק מבטל געמאַכט זיינע אייגענע פאַרלאַנגען. קריסטאָף וואָלט פאַר אים מקריב געווען אַלץ אין דער וועלט. אין אים האָט געברענט דער חשק זיך מוסר נפש צו זיין פאַרן פריינד. ער האָט ליידנשאַפטלעך אָפּגעוואַרט די געלעגנהייט צו שטעלן פאַר דער פריינדשאַפט דאָס לעבן אין קאָן. בעת די שפּאַצירן האָט ער געהאָפט אָנצוטרעפן ווען-עס-איז אויף אַ סכנה, כדי זיך אַ וואָרף צו טון קעגן איר. ער וואָלט מיט פרייד געשטאָרבן פאַר אָטאָן. וואַרטנדיק, האָט ער אַכטונג געגעבן אויף אים מיט אַ זאָרגפולן אומרו, דערלאַנגט אים אַ האַנט ווי אַ קליין מיידעלע בעת אַ שלעכטן וועג, מורא געהאַט ער זאָל, חלילה, נישט מיד ווערן, ס'זאָל אים נישט זיין צו הייס, ס'זאָל אים נישט זיין צו קאַלט; ער האָט אויסגעטון זיין רעקל און אים אַרויפגעוואָרפן אויף אָטאָס אַקסלען, בעת זיי זענען געזעסן אונטער אַ בוים; בעת זיי זענען געגאַנגען, האָט ער אים געטראָגן זיין מאַנטל; ער וואָלט אים אַליין אויך געטראָגן. ווי אַ פאַרליבטער, האָט ער אים געקוקט אין די אויגן אַריין. און דעם אמת זאָגנדיק, איז ער טאַקע געווען פאַרליבט.

ער האָט עס נישט געוווּסט, ער האָט נאָך בכלל נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז ליבע, אָבער צייטנווייז, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען, פלעגן זיי מאָדנע צעטומלט ווערן, — פונקט ווי דעמאָלט, אין דעם ערשטן טאָג פון זייער פריינדשאַפט, אינם סאָסנע-וואַלד; — פלעגן האָבן זיך באַוויזן אויף זיין פנים, די באַקן זענען אים רויט געוואָרן. ער האָט זיך געשראָקן. מיט עפּעס אַן אינסטינקטיוון הסכם האָבן זיך ביידע קינדער מיט שרעק אַרויסגעגליטשט איינער פונם אַנדערן, אַנטלאָפן, געגאַנגען אין וועג איינער הינטערן אַנדערן; זיי האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי זענען פאַרנומען מיט זוכן יאַגידעס אין די קוסטעס; און זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט, וואָס אייגנטלעך באַאומרויקט זיי.

דער עיקר האָבן די געפילן געפלאַקערט אין זייערע בריוו. דאָ איז נישטאָ די געפאַר: די ווירקלעכקייט זאָל זיי אָפּלייקענען; און קיין שום זאַך האָט נישט געקאָנט בינדן אָדער שרעקן זייערע טרוימען. איצט האָבן זיי געשריבן צו זיך צוויי אָדער דריי מאָל אַ וואָך, אין אַ סטיל פון ליידנשאַפטלעכן ליריזם. ס'איז זיי שווער געווען צו רעדן וועגן רעאַלע געשעענישן. זיי האָבן באַהאַנדלט שווערע פּראָבלעמען אין אַ געהיימען, רמזימדיקן טאָן, וואָס איז אַריבער פלוצלינג — אָן אַ שום איבערגאַנג — פון באַגייסטערונג צו יאוש. זיי האָבן זיך גע-

רופן „מיין אוצר, מיין האָפנונג, מיין ליבסטער, מיין איך". זיי האָבן אָן רחמנות גענאַלט אַ תּל פונם וואָרט: „נשמה". זיי האָבן געשילדערט אין טראַגישע פאַרבן דעם אומעט פון זייער גורל און זיך געקלאָגט, וואָס זיי וואַרפן אָן דעם פריינד זייער אייגענעם צער.

— ס'טוט מיר וויי, — האָט געשריבן קריסטאָף — וואָס איך פאַרשאַף דיר יסורים מיט מיינע ליידן. איך קאָן נישט איבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז דו ליידסט: מ'דאַרף עס נישט, איך וויל עס נישט. (ער האָט אונטערגעשטראָכן די ווערטער מיט אַזאַ כּוח, אַז ער האָט צעריסן דאָס פּאַפּיר). אויב דו ליידסט, ווי-זשע וועל איך געפינען כּוח צו לעבן? איך וועל קיינמאָל נישט זיין גליקלעך אָן דיר, אָך, זיי גליקלעך! אַלע צרות נעם איך גערן אויף זיך! טראַכט וועגן מיר! האָב מיך ליב! איך דאַרף אַזוי שטאַרק, מ'זאָל מיך ליב האָבן. עס בלאָזט אויף מיר פון דיין ליבע אַ וואַרעמקייט. ווען דו זאָלסט וויסן, ווי איך ציטער פון קעלט! עס ווערט ווינטער, און אַ שניידנדיקער ווינט בלאָזט אין מיין האַרצן. איך קוש דיין נשמה.

— מיין געמיט קושט דיינעם — שרייבט אָטאָ.

— איך נעם דיין קאָפּ אין מיינע הענט, — ענטפערט קריסטאָף — און דאָס, וואָס איך טו נישט און וועל קיינמאָל נישט טון מיט מיינע ליפּן, דאָס טו איך פון טיפן האַרצן: איך קוש דיך אַזוי שטאַרק, ווי כ'האָב דיך ליב. און איצט גיי מעסט אויס מיין ליבע!

אָטאָ האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט געצווייפלט:

— האָסטו מיך טאַקע אַזוי ליב, ווי איך דיך?

— אוי, גאָט! — האָט געשריען קריסטאָף — נישט אַזוי, נאָר צען מאָל, הונדערט מאָל, טויזנט מאָל שטאַרקער! וואָס! צי פילסטו עס נישט? וואָס ווילסטו זאָל איך טון צו רירן דיין האַרץ?

— ווי שיין עס איז אונזער פריינדשאַפט! — האָט אָטאָ געזיפצט — איז שוין ווען עס איז אין דער געשיכטע געווען אַזוינס? זי איז זיס און פריש ווי אַ טייך. הלוואי זאָל זי קיינמאָל נישט אויפהערן! און אויב דו וועסט מיך אויפהערן צו ליבן?

— ווי נאַריש דו ביסט, ליבסטער, — פלעגט ענטפערן קריסטאָף — זיי מוחל, אָבער דיין שרעק און ספק באַליידיקן מיך. ווי קאָנסטו גאָר פרעגן, צי איך וועל דיך אַמאָל אויפהערן ליב צו האָבן! לעבן איז פאַר מיר — ליבן. אפילו דער טויט וועט נישט קאָנען אומברענגען מיין ליבע. אפילו דו אַליין וועסט נישט קאָנען, אויב דו וועסט וועלן

זי חרוב מאַכֿן. אויב דו וועסט מיך פֿאַרראַטן, אויב דו וועסט מיר צעברעכֿן דאָס האַרץ, וועל איך שטאַרבן, בענטשנדיק די ליבע, וואָס דו האָסט אין מיר דערוועקט. הער־זשע אויף, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, צו זיין אומרויק און טו מיר נישט אָן קיין צער מיט דיין ווייכהאַרציקער שרעק!

אָבער אין אַ וואָך אַרום האָט ער צו אים געשריבן:

— שוין גאַנצע דריי טעג, ווי דו האָסט קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פֿון דיין מויל. איך ציטער. האָסטו מיך פֿאַרגעסן? מיין בלוט ווערט פֿאַרגליווערט, בעת איך טראַכֿט עס... יאָ! אָן צווייפֿל... כ'האָב שוין לאַנג באַמערקט דיין קאַלטקייט צו מיר. דו האָסט מיך מער נישט ליב! דו ווילסט מיך פֿאַרלאָזן!... הער אויס! אויב דו וועסט מיך פֿאַרגעסן, אויב דו וועסט מיך ווען־עס־איז פֿאַרראַטן, וועל איך דיך דערהרגענען ווי אַ הונט!

— דו באַליידיקסט מיך, מיין טייערינקער, — האָט זיך באַקלאָגט אָטאָ — דו פּייניקסט מיך ביז טרערן. איך פֿאַרדין עס נישט. אָבער דו קאָנסט זיך אַלץ דערלויבן. דו האָסט אויף מיר אַזעלכֿע רעכֿט, אַז אויב דו וועסט מיר אפֿילו צעברעכֿן דאָס האַרץ, וועט נאָך אַ לעצטער פֿונק בלייבן לעבן, כּדי דיך שטענדיק ליב צו האָבן!

— גאָט אין הימל! — האָט געשריען קריסטאָף — צוליב מיר האָט מיין פֿריינד געוויינט!... זידל מיך! שלאָג מיך! טרעט מיך מיט די פֿיס! איך בין קיין מענטש נישט! איך בין נישט ווערט דיין ליבע!

זיי האָבן געהאַט אַ באַזונדערן אופֿן צו שרייבן די אַדרעסן אויף זייערע בריוו, צו לעגן די פּאָסט־מאַרקע קאַפּויר, קרום, ביים עק קאָנווערט, אונטן, אויף רעכֿטס, כּדי צו מאַכֿן אַן אונטערשיד צווישן זייערע בריוו און די, וואָס זיי שרייבן צו אַנדערע. אָט די ייִנגלשע סודות האָבן געהאַט פֿאַר זיי דעם צויבער פֿון זיסע ליבע־געהיימניסן.

איינמאָל, גייענדיק פֿון אַ לעקציע, האָט קריסטאָף אין אַ שכֿנותדיקער גאַס באַמערקט אָטאָן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון נאָך עפּעס אַ ייִנגל אין זיינע יאָרן. ביידע האָבן זיי געלאַכֿט און פֿריינדלעך געשמועסט. קריסטאָף איז געוואָרן בלייך און נאָכגעיאָגט זיי מיט די

אויגן, ביז זיי זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין עק גאַס. זיי האָבן אים נישט באַמערקט. ער איז געגאַנגען אַהיים. ס'איז געווען, ווי אַ וואָלקן וואָלט פֿאַרצויגן די זון. אַלץ איז פֿאַרחושכט געוואָרן.

ווען זיי האָבן זיך דעם נאָענטסטן זונטיק ווידער געטראָפֿן, האָט קריסטאָף תּחילת גאָרנישט נישט גערעדט, נאָר נאָך אַ האַלבער שעה שפּאַצירן, האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט אַן אויפֿגערעגטער שטים:

— כ'האָב דיך געזען מיטוואָך אויף דער קרייצגאַס.

— אַ! — האָט געענטפֿערט אָטאָ.

און איז רויט געוואָרן.

קריסטאָף האָט גערעדט ווייטער:

— דו ביסט נישט געווען אַליין.

— ניין. — האָט געזאָגט אָטאָ — איך בין געווען מיט נאָך עמעצן.

קריסטאָף האָט אַראָפּגעשלונגען זיין שפּייעכץ און געפֿרעגט מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט:

— ווער איז עס?

— מיין קוזין פֿראַנץ.

— אַהאַ! — האָט געזאָגט קריסטאָף.

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— דו האָסט מיר ווען אים קיינמאָל נישט דערציילט.

— ער וווינט אין ריינבאַך.

— דו זעסט אים אָפֿט?

— ער קומט אַמאָל אַהער.

— און דו, דו קומסט צו אים אויך?

— אַמאָל.

— אַהאַ! — האָט קריסטאָף איבערגעחזרט.

אָטאָן האָט זיך זייער געוואָלט אַרויספֿירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין, ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פֿויגעלע, וואָס האָט מיטן שנאָבל געקלאַפּט אין אַ בוים. זיי האָבן גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש. אין צען מינוט אַרום האָט זיך קריסטאָף פּלוצלינג ווידער אָנגערופֿן:

— איר פֿילט זיך ביידע נאָענט איינער צום צווייטן?

— מיט וועמען? — האָט געפֿרעגט אָטאָ.

(ער האָט זייער גוט געוווּסט צו וועמען.)

— מיט דיין קוזין.

— יאָ. וואָס איז?

— סתּם אַזוי.

אָטאָ האָט נישט איבעריק ליב געהאַט [illegible], וואָס פלעגט אים מאַכן דעם טויט מיט זיינע מיאוסע שפּיצלעך. אָבער אַ באַזונדערס בייזוויליקער אינסטינקט האָט אים געטריבן צוצוגעבן, אין אַ ווײַלע ארום:

— ער איז זייער אַ ווילער.

— ווער? — האָט געפרעגט קריסטאָף.

(ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט ווער.)

— פראַנץ.

אָטאָ האָט דערוואַרט פון קריסטאָפן אַ תשובה, אָבער יענער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק: ער האָט זיך געשניטן פון אַ נוס-צווייג אַ רוט. אָטאָ האָט איבערגעחזרט:

— ער איז אינטערעסאַנט. שטענדיק ווייסט ער מעשות.

קריסטאָף האָט געהויבן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער נפש צו מיר?

און ווען אָטאָ האָט מיט פאַרדרוס געוואָלט ווייטער רעדן, האָט ער אים האַסטיק איבערגעריסן די רייד און אים געוויזן אַ ציל, ביז וואַנען זיך נאָכצויאָגן.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָבן זיי מער דעם ענין נישט באַרירט, נאָר זייערע באַציונגען זענען געוואָרן קאַלט, און זיי האָבן אַרויסגעוויזן איינער דעם צווייטן אַן איבערגעטריבענע העפלעכקייט, וואָס האָט ביי זיי קיינמאָל קיין אָרט נישט געהאַט, דערהויפּט מצד קריסטאָפן. די ווערטער זענען אים געבליבן שטיין אין האַלז. לסוף האָט ער מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, און אינמיטן וועג האָט ער זיך פּלוצלינג אומגעקערט צו אָטאָן, וואָס איז געגאַנגען אַ פינף טריט הינטער אים, אָנגעכאַפּט אים האַסטיק פאַר די הענט און מיט איין מאָל אַ שאָט געטון:

— הער נאָר, אָטאָ! איך וויל נישט דו זאָלסט זיין אַזוי היימיש מיט פראַנצן, ווייל... ווייל דו ביסט מיין פריינד; און איך וויל נישט, דו זאָלסט ליב האָבן וועמען עס איז מער, ווי מיך! איך וויל נישט! זעסט דאָך אַליין, דו ביסט פאַר מיר אַלץ. דו טאָרסט עס נישט... דו דאַרפסט עס נישט... אויב איך וועל דיך פאַרלירן, בלייבט מיר נאָר צו שטאַרבן. איך ווייס נישט, וואָס איך וועל טון. איך וועל זיך אַ

מעשה אָנטון. איך וועל דיך דערהרגענען. ניין. זיי מוחל!...

טרערן האָבן אים פאַרגאָסן די אויגן.

אָטאָ איז גערירט און דערשראָקן געווען פון דער אויפריכטיקייט, וואָס ער האָט געפילט אין זיין חברס ווייטיק, וועלכער האָט אים געדראָט, ער האָט גענומען שווערן, אַז ער האָט נישט ליב און וועט קיינמאָל נישט ליב האָבן קיינעם, אויסער קריסטאָפן. אַז פראַנץ איז אים גלייכגילטיק און אַז ער וועט אים מער נישט זען, אויב קריסטאָף פאַרלאַנגט עס. קריסטאָף האָט ווי געטרונקען זיינע ווערטער, זיין האַרץ האָט אויפגעלעבט. ער האָט געלאַכט און האַסטיק געאָטעמט. מיט אַ רירנדיק האַרץ האָט ער געדאַנקט אָטאָן. ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער האָט אים געמאַכט אַזאַ סצענע; אָבער אַ גרויסע משא איז פון אים אַראָפּ. שטייענדיק איינער קעגן אַנדערן, האָבן זיי זיך ביידע אומבאַוועגלעך אָנגעקוקט און געהאַלטן זיך פאַר די הענט; זיי זענען געווען זייער גליקלעך און נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זיך. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק; דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער צערעדט און צוריק פריילעך געוואָרן: זיי האָבן זיך געפילט נאָענט, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

דאָס איז אָבער נישט געווען די לעצטע סצענע פון אָט דעם מין. איצט, ווען אָטאָ האָט געפילט זיין מאַכט איבער קריסטאָפן, האָט ער עס כסדר אויסגענוצט; ער האָט שוין געוווּסט, וווּ ס'געפינט זיך דעם חברס אָנגעווייטיקט אָרט, און געהאַט אַ שטאַרקן חשק אַרויפצולעגן דאָרט דעם פינגער. נישט דערפאַר, ווייל אים האָט הנאה געטון קריסטאָפס כעס, — להיפוך, ער האָט זיך דעמאָלט אַ ביסל געשראָקן. נאָר ער האָט געפּרוּווט זיין כוח, אָנטוענדיק קריסטאָפן יסורים. ער איז נישט געווען שלעכט: אַ נשמה פון אַ מיידל האָט ער געהאַט.

און דערפאַר, נישט געקוקט אויף זיינע הבטחות, האָט ער נישט אויפגעהערט צו באַווייזן זיך מיט פראַנצן אונטערן אָרעם אָדער מיט וועלכן-עס-איז אַנדערן חבר; זיי האָבן צוזאַמען געמאַכט אַ גרויסן טומל און געלאַכט מיט אַ געקינצלטן געלעכטער. ווען קריסטאָף האָט געהאַט צו אים טענות, האָט ער געלאַכט, און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער נעמט זיך גאָרנישט — ווי ביז איצט — צום האַרצן; זעענדיק ווי עס בייטן זיך קריסטאָפס אויגן און ווי זיינע ליפּן ציטערן פון כעס, האָט ער ערשט דעמאָלט אַ באַאומרויִקטער אויך געענדערט דעם טאָן, און צוגעזאָגט, אַז מער וועט עס נישט פאָרקומען. אָבער באַלד

צומאָרגנס האָט ער ווידער געטון דאָס אייגענע. קריסטאָף האָט גע־שריבן צו אים פֿאַרביטערטע בריוו, ווו ער האָט אים גערופֿן:

— מנוול! איך וויל מער דיין נאָמען נישט הערן! איך וויל דיך נישט קענען. זאָל דיך דער טייוול נעמען, דיך און אַלע כּלבים פֿון דיין מין!

אָבער ס׳איז גענוג געווען איין ווייגענדיק וואָרט פֿון אָטאָן, אָדער צו באַקומען פֿון אים צוגעשיקט, אַ בלום, וואָס האָט סימבאָליזירט זיין אייביקע טרייקייט, — אַז קריסטאָף זאָל צעשמאָלצן ווערן פֿון חרטה און אַזוי שרייבן:

— מלאך מיינער! איך בין אַ משוגענער. פֿאַרגעס מיין נאַריש־קייט. דו ביסט דער בעסטער צווישן מענטשן. דיין קלענסטער פֿינגער איז בעסער, ווי דער גאַנצער נאַרישער קריסטאָף. דו פֿאַרמאָגסט אין זיך אוצרות פֿון קלוגער, איידעלער צערטלעכקייט. טיט טרערן קוש איך דיין בלום. זי ליגט דאָ, אויף מיין האַרצן. איך שנייד זי איין אין מיין לייב מיט די קלעפּ פֿון מיין פֿויסט. איך וואָלט וועלן, ס׳זאָל זיך גיסן מיין בלוט, כּדי איך זאָל שטאַרקער פֿילן, ווי גרויס ס׳איז דיין גוטסקייט און ווי מיאוס ס׳איז מיין נאַרישקייט!...

פֿונדעסטוועגן האָבן זיי אָנגעהויבן צו ווערן אַ לאַסט איינער פֿאַרן צווייטן. ס׳איז אַ טעות צו מיינען, אַז קליינע מחלוקתן פֿאַר־שטאַרקן די פֿריינדשאַפֿט. קריסטאָף האָט געטראָגן אַ כּעס אויף אָטאָן פֿאַר די עוולות, וואָס ער איז באַגאַנגען צוליב זיין שולד. ער האָט געפּרוווט האָבן טענות צו זיך אַליין, זיך באַשולדיקט אין דעספּאָטיזם. זיין ריינע, ליידנשאַפֿטלעכע נאַטור, וואָס האָט צום ערשטן מאָל דער־פֿילט דעם טעם פֿון ליבע, האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן אָטאָן און פֿאַרלאַנגט, מ׳זאָל זיך אים אויך אינגאַנצן איבערגעבן. ער האָט נישט פֿאַרטראָגן קיין שותּפֿות און חלוקה אין פֿריינדשאַפֿט. גרייט מקריב צו זיין אַלץ פֿאַר זיין פֿריינד, האָט ער געהאַלטן פֿאַר ריכטיק, אַפֿילו פֿאַר נויטיק, אַז דער פֿריינד זאָל זיך אויך פֿאַר אים מקריב זיין. ער האָט אָבער אָנגעהויבן צו פֿילן, אַז די וועלט איז נישט באַשאַפֿן לויטן מוסטער פֿון זיין שטאַרקן כאַראַקטער, און אַז ער פֿאַרלאַנגט אַזעלכע זאַכן, וואָס מ׳איז נישט בכּוח אים צו געבן. ער האָט דעריבער געזען צו באַהערשן זיך. ער האָט זיך אַליין שווער באַשולדיקט, זיך באַטראַכט ווי אַן עגאָיסט, וואָס האָט נישט קיין רעכט צו פֿאַרכאַפּן די ליבע פֿון זיין פֿריינד. ער האָט זיך פּשוט אָנגעטון אַ כּוח צו לאָזן אָטאָן אינ־

גאַנצן פֿריי, ווי שטאַרק עס זאָל אים נישט ווײ טון. כּדי זיך אַליין צו דערנידעריקן, האט ער זיך געצוווּנגען אָנצוזאָגן אטאן, ער זאָל נישט פֿאַרלאָזן אינגאַנצן פֿראַנצן; ער האט זיך אַליין איינגערעדט, אַז ער איז זייער צופֿרידן צו זען, ווי זיין פֿריינד פֿאַרברענגט גוט אין אַן אַנדער געזעלשאַפֿט, אויסער אים. נאָר ווען אָטאָ, וואָס איז גאָר קיין נאַר נישט געווען, האָט אים בייזוויליק געפֿאָלגט, האָט קריסטאָף זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, געמאַכט פֿאַר אים אַ זויערע מינע, און פֿלוצלינג ווידער אַרויס פֿון די כּלים.

פֿונדעסטוועגן האָט ער אָטאָן מוחל געווען, וואָס ער שטעלט די אַנדערע פֿריינד העכער פֿון אים; אָבער וואָס ער האָט אים נישט געקאָנט שענקען, — איז געווען זיין ליגן-זאָגן. אָטאָ איז נישט געווען קיין פֿאַלשער און קיין צבֿועק: ס'איז אים בטבע שווער געווען צו זאָגן דעם אמת, פּונקט ווי דעם שטאַמלער איז שווער אַרויסצורעדן קלאָר אַ וואָרט; דאָס, וואָס ער פֿלעגט רעדן, איז קיינמאָל נישט געווען נישט גאָר אמת און נישט גאָר פֿאַלש; צי פֿון אַ מין פּחדנות, צי פֿון דער אומזיכערקייט אין די אייגענע געפֿילן, — ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ער זעלטן-ווען גערעדט קלאָרע דיבורים; זיינע תּשובֿות זענען געווען פֿילדייטיק; און בכלל האָט ער ליב געהאַט רמזים און סודות, וואָס האָבן קריסטאָפֿן אויפֿגעבראַכט; ווען מ'האָט אים געכאַפּט ביי אַ ליגן, האָט ער אַנשטאָט זיך מודה צו זיין — געלייקנט שטיין און ביין און דערציילט מעשׂות, וואָס נישט-געשטויגן נישט-געפֿלויגן. איינמאָל איז קריסטאָף געוואָרן אויסער זיך און אים אויסגעפּאַטשט. ער האָט גערעכנט, אַז ס'איז שוין אַ סוף צו זייער פֿריינדשאַפֿט, און אַז אָטאָ וועט אים שוין קיינמאָל נישט מוחל זיין. אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט זיך עטלעכע שעה געבלאָזן, איז אָטאָ צו אים צוריק געקומען, ווי קיינמאָל גאָרנישט. ער האָט נישט געפֿילט קיין כּעס צו קריסטאָפֿן פֿאַר זיין רשעות; אפֿשר האָט עס אים אפֿילו הנאה געטון. עס האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס קריסטאָף לאָזט זיך נאַרן און הערט זיך צו מיט אַן אָפֿן מויל צו זיינע אַלע שקרים; ער האָט אים אין האַרצן אַ ביסל מבֿזה געווען און געהאַלטן זיך גופֿא העכער פֿון אים. קריסטאָף ווידער, פֿון זיין זייט, איז בייז געווען אויף אָטאָן, פֿאַרוואָס ער נעמט צו זיינע קלעפּ און זיין מוסר אָן קיין שום ווידערשטאַנד.

זיי האָבן זיך שוין מער נישט געקוקט אין די אויגן, ווי פֿריער אין די ערשטע טעג. זייערע ביידנס חסרונות זענען איצט אַרויסגע-

שווימען אויף דער ליכטיקער שיין. אָטאָ האָט שוין מער נישט געפונען אַזאַ חן אין קריסטאָפס פרייען האלטן זיך. קריסטאָף איז אים געווען א לאסט בעת די שפּאצירן. ער האָט זיך לגמרי נישט געפירט מעשה־מענטש, געמאכט זיך באקוועם, אויפגעקנעפּלט זיין וועסט, אנטבלויזט דעם האלז, פארקאשערט די ארבל פונם העמד, ארויפגעזעצט זיין הוט אויפן שפּיץ שטעקן און געווען א פרייער פויגל. גייענדיק האָט ער געמאכט מיט די הענט, געפייפט, געזונגען אופן קול; ער איז געווען רויט, פארשוויצט און פארשטויבט; ער האָט אויסגעזען ווי א פּויער, וואָס גייט פונם יאריד. דער אריסטאָקראטישער אָטאָ האָט געציטערט, מ׳זאָל אים, חלילה, נישט טרעפן אין זיין געזעלשאפט. ווען ער האָט באמערקט אויפן וועג א וואָגן, האָט ער געזען צו בלייבן הינטערשטעליק א צען טריט און געמאכט זיך, ווי ער גייט שפּאצירן איינער אליין.

נישט ווינציקער האָט אים קריסטאָף פארשווארצט דאָס פּנים, ווען ער האָט זיך גענומען פונאנדער רעדן אין רעסטאָראן, אָדער אין וואגאָן אויפן וועג אהיים. ער האָט געשמועסט אויפן קול, גערעדט אלץ, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אריין, באהאנדלט אָטאָן מיט אן אויפרעגנדיקער היימישקייט, ארויסגעזאָגט מיינונגען, אָן שום צערעמאָניעס, וועגן באקאנטע מענטשן אָדער גאָר וועגן דעם אויסזען פון די, וואָס זענען געזעסן נאָענט צו אים; אַמאָל האָט ער זיך גאָר אַריינגעלאָזט אין אינטימע פּרטים וועגן זיין געזונט אָדער וועגן זיין היים. אָטאָ האָט אומזיסט געווונקען מיט די אויגן און געגעבן אים דערשראָקענע צייכנס: ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז קריסטאָף באַמערקט זיי גאָר נישט און ער פילט נישט קיין בושה, ווי ער וואָלט געווען איינער אַליין. אָטאָ האָט באַמערקט דעם שמייכל אויף די שכנימס פּנימער: ער האָט זיך געוואָלט באַגראָבן פון חרפּה. ער האָט געפונען, אַז קריסטאָף איז גראָב, און נישט פאַרשטאַנען, ווי האָט ער עס געקאָנט כאַפּן פון אים התפּעלות.

ערגער פון אַלץ איז געווען, וואָס קריסטאָף האָט נישט אויפגעהערט צו באַציען זיך מיט דער זעלבער לייכטקייט צו אַלערליי פּלויטן, צוימען, ווענט, דורך וועלכע ס׳איז פאַרווערט געווען אַדורכצוגיין אונטער אַ שווערער שטראָף, צו כלערליי „פאַרבאָטן״, — בקיצור, צו דעם אַלעמען, וואָס וויל באַגרענעצן די פרייהייט און פאַרזיכערן דאס פאַרהייליקטע אייגנטום. אטא איז שטענדיק געווען אין איין שרעק, און

זיינע טענות האָבן גאָרנישט געהאָלפן: קריסטאָף האָט נאָך ערגערס געטון, אַבי אים צו רייצן.

אַמאָל האָט קריסטאָף שפאַצירט אין אַ פריוואַטן וואַלד, ווי ביי זיין טאַטן אין וויינגאָרטן. אָטאָ איז אים נאָכגעגאַנגען. הגם דער וואַלד איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פלויט, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט שטיקלעך גלאָז, (און אפשר גראָד דערפאַר) האָט קריסטאָף אים אַריבערגעקלעטערט און זיך גלייך געטראָפן פנים-אל-פנים מיט אַ וועכטער, וואָס האָט זיך שטאַרק גענומען זידלען; ער האָט זיי פאַרהאַלטן און געשריען, אַז ער וועט זיי איבערגעבן דעם געריכט. לסוף האָט ער זיי אויפן סאַמע מיאוסטן אופן אַרויסגעוואָרפן. בשעת מעשה האָט זיך אָטאָ געהאַלטן נישט איבעריק מוטיק: ער האָט געמיינט, אַז ער זיצט שוין אין תפיסה, געקלאָגט און דערביי נאַריש דערקלערט, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק, ער איז אַהין אַריין נישט ווילנדיק און נאָר נאָכגעגאַנגען קריסטאָפן, נישט וויסנדיק אפילו, וווהין ער גייט. ווען מ׳האָט זיי באַפרייט, האָט ער אַנשטאָט צו פרייען זיך — גענומען האָבן שווערע טענות צו זיין באַגלייטער; ער האָט זיך געקלאָגט, אַז קריסטאָף קאָמפראָמיטירט אים. יענער האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט ביטול און אים אָנגערופן „פחדן". זיי האָבן זיך דורכגעווערטלט. אָטאָ האָט חשק געהאַט אַוועקגיין פון קריסטאָפן, ער האָט אָבער נישט געוווסט, ווי צו גיין אַהיים איינער אַליין און געמוזט דעריבער נאָכגיין; זיי האָבן זיך געמאַכט אָבער ווי זיי וואָלטן איינער דעם צווייטן נישט באַמערקט.

ס׳האָט געהאַלטן ערב אַ שטורעם. פון גרויס כעס האָבן זיי עס תחילת גאָרנישט באַמערקט. דאָס צעגליטע פעלד איז פול געווען מיט גערויש פון פאַרשידענע פליגעלעך. פ׳וצלינג איז אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן באַמערקט אָט די שטילקייט ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום: ס׳האָט זיי געקלונגען אין די אויערן. זיי האָבן אויפגעהויבן די אויגן: דער הימל איז געווען פאַרחושכט; שווערע, ריזיקע, גרויע וואָלקנס האָבן אים פאַרצויגן; זיי זענען אָנגעקומען פון אַלע זייטן, ווי אַ רייטער-גאַלאָפ. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ציען זיך פון אַ פאַרבאָרגענעם פונקט, און גלייך ווי אַ תהום וואָלט זיי גערופן צו זיך. אָטאָ איז געווען אין איין שרעק, ער האָט קיין מוט נישט געהאַט איבערצוגעבן זיין מורא קריסטאָפן; און יענער ווידער האָט געהאַט דערפון אַ בייזע הנאה און זיך געמאַכט נישט זעענדיק. זיי האָבן

זיך דאָך דערנענטערט, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. זיי זענען געווען אַליין אין פעלד. קיין ווינטעלע האָט נישט געבלאָזן. אַ פּיבערדיקער צאַפּל האָט פון מאָל צו מאָל אַ טרייסל געטון די בלעטלעך פון די בוימער. פּלוצלינג האָט אַ שטורם־ווינט אַ הייב געטון דעם שטויב, גענומען בויגן די בוימער צו דר׳ערד און זיי ווילד געשמיסן. און ווי דער איז צוגעפאַלן די שטילקייט, נאָך טיפער ווי פריער. אָטאָ האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח און מיט אַ ציטערנדיקער שטים געזאָגט:

— ס׳איז אַ שטורעם. מ׳דאַרף גיין אַהיים.

קריסטאָף האָט געענטפערט:

— לאָמיר גיין.

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. אַ פאַרבלענדנדיק, שאַרף ליכט האָט אַ בליץ געטון, דער הימל האָט געשטורעמט, דער וואָלקן־געוועלב האָט געדונערט. אין איין אויגנבליק זענען זיי אַרומגעכאַפּט געוואָרן פונם שטורעם, אַרומגעהילט מיט בליצן, פאַרטויבט פון די דונערן, דורכגעווייקט פון קאָפּ ביז די פיס. זיי האָבן זיך געפונען אויף אַ פלאַכן פעלד, העכער אַ האַלבע שעה גאַנג צו אַ ישוב. אינם וואַסער־געווימל, אינם טויטן ליכט האָבן זיך געררויטלט ריזיקע בליץ־פייערן. זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן, אָבער זייערע קליידער זענען פונם רעגן צוזאַמענגעקלעפּט געוואָרן און געשטערט זיי צו גיין, זייערע שיך האָבן זיך געווייקט אין וואַסער, ס׳האָט פון זיי אינגאַנצן געררונען. זיי האָבן קוים געאָטעמט. אָטאָן האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן און ער איז געווען ווילד פון צאָרן; ער האָט גערעדט צו קריסטאָפן האַרבע באַליידיקנדיקע ווערטער; ער האָט געוואָלט בלייבן שטיין און געטענהט, אַז ס׳איז אַ סכּנה ווייטער צו גיין; ער האָט געדראָט, אַז ער וועט זיך זעצן אויפן וועג, אַז ער וועט זיך לייגן אויף דר׳ערד, צווישן די צעאַקערטע פעלדער. קריסטאָף האָט קיין האַלבן וואָרט נישט געענטפערט: ער איז ווייטער געגאַנגען, פאַרבלענדט פונם ווינט, רעגן און בליצן, פאַרטויבט פונם רעש, און אויך אַ ביסל צעשראָקן; ער האָט זיך אָבער געהיט מודה צו זיין, אַז ער שרעקט זיך.

און פּלוצלינג האָט זיך אַלץ געענדיקט. דער שטורעם איז אַריבער פונקט אַזוי גיך, ווי ער איז געקומען. אָבער ביידע זענען זיי געווען אין אַ קלאָגעדיקן מצב. באמת איז קריסטאָף אַלע מאָל געווען צושויבערט, אַזוי אַז אַ ביסל אומאָרדענונג איז אויף אים כּמעט נישט קענטיק געווען. אָטאָ אָבער, אַזאַ אָפּגעהיטער, וואָס האָט אַזוי מדקדק

געוועז אויף זיין אָנטון, האָט אויסגעזען זייער נעבעכדיק; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מ׳האָט אים אין די קליידער אָפּגעטובלט אין וואַסער; און ווען קריסטאָף האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און דערזען, סאַראַ צורה ער האָט, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער. אָטאָ איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט אפילו קיין כוח נישט געהאַט אין כעס צו זיין. קריסטאָף האָט רחמנות געקראָגן אויף אים און פריילעך מיט אים גערעדט. אָטאָ האָט אים געענטפערט מיט אַ בייזן בליק. קריסטאָף האָט אים אַריינגעפירט אין אַ פויערשן הויף. זיי האָבן זיך געטריקנט ביי אַ גרויסן פייער און געטרונקען הייסן וויין. קריסטאָף האָט געהאַלטן, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען זייער אינטערעסאַנט. אָבער אָטאָן האָט אויך דאָס נישט געשמעקט און בייזן. סוף שפּאַציר איז ער געגאַנגען בייז און שווייגנדיק. זיי זענען געקו־מען אַהיים ברוגזע און זיך צעגאַנגען, נישט געבנדיק זיך אפילו די הענט.

נאָך אָט דער גאַנצער מעשה האָבן זיי זיך נישט געזען העכער אַ וואָך צייט. זיי האָבן ביידע אין האַרצן האַרב געמשפט איינער דעם צווייטן. זיי האָבן זיך אַליין באַשטראָפט און דורכגעלאָזט, אויף אַזאַ אופן, דעם זונטיק־שפּאַציר; אָבער זיי האָבן זיך אַזוי געלאַנגוויילט, אַז דער כעס איז זיי אַריבער. ווי שטענדיק האָט קריסטאָף געמאַכט די ערשטע שריט, אָטאָ האָט באַוויליקט מסכים צו זיין און זיי זענען געוואָרן חבר.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע מחלוקתן, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט באַגיין איינער אָן דעם צווייטן. ביידע האָבן זיי געהאַט חסרונות, ביידע זענען זיי געווען עגאָיסטן. אבער דער דאזיקער עגאיזם איז געווען גאַנץ תמימותדיק, זיי האבן נישט געקענט די חשבונות פון די עלטערע, וואס זייער עגאָיזם איז מיאוס; זייער אייגנליבע איז געווען אַן אומבאַוווסטע: זי האט אפילו פאַרמאגט אין זיך אַ געוויסן חן און נישט געשטערט זיי זיך אויפריכטיק ליב צו האבן. זיי האבן אַזוי געוואלט ליב האבן איינער דעם צווייטן און מקריב זיין זיך! דער קליינער אטא האט געווינט אין קישן אַריין, דערציילנדיק זיך מעשות פון אַ ראָמאַנטישן מסירת־נפש, ווו ער איז אַליין געווען דער העלד; ער האט אויסגעטראַכט פאַטעטישע געשעענישן, ווו ער איז געווען שטאַרק, מוטיק, געוואַגט און האט באַשיצט קריסטאפן, וועלכער, ווי ס׳האט זיך אים געדאַכט, איז פון אים באַגייסטערט געווען. אויך קרי־

סטאָף האָט נישט געזען און נישט געהערט קיין איין שיינע אָדער מערקווירדיקע זאַך, ער זאָל בשעת-מעשה נישט טראַכטן: „ווען אָטאָ וואָלט געווען דערביי!" ער האָט פאַרבונדן זיין פריינדס בילד מיט זיין גאַנץ לעבן; און דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן און באַקומען אַזאַ באַחנט אויסזען, אַז הגם קריסטאָף האָט געוווּסט, ווי אַנדערש עס איז אין דער ווירקלעכקייט, האָט עס אים פונדעסטוועגן פאַרשיכורט. אייניקע פון אָטאָס ווערטער האָט ער לאַנג געדענקט און צוגעגעבן זיי אַ באַזונדערן חן ציטערנדיק דערביי פון התפעלות. זיי האָבן ביידע נאָכגעמאַכט איינער דעם צווייטן. אָטאָ האָט ווי אַ מאַלפע נאָכגעקרימט קריסטאָפס באַוועגונגען, גענג און כתב. קריסטאָף איז געווען אויפגעבראַכט אויף דעם שאָטן, וואָס חזרט איבער יעדעס וואָרט זיינס און גיט אים איבער זיינע געדאַנקען, ווי אייגענע. ער האָט אָבער נישט באַמערקט, אַז אויך ער איז באַאיינפלוסט פון אָטאָן, אַז ער מאַכט נאָך זיין אָנטון זיך, זיין גאַנג און דעם אויסדרוק פון באַשטימטע ווערטער. ס'איז געווען אַ מין כישוף. זיי זענען געווען דורכגעדרונגען איינער מיטן אַנדערן, זייערע הערצער זענען פאַרגאָסן געווען מיט צערטלעכקייט. זי האָט געשטראָמט פון אַלע זייטן, ווי אַ קוואַל! יעדערער פון זיי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער פריינד איז די סיבה דערפון. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָס איז געווען די דערוואַכונג פון זייער יוגנט.

קריסטאָף האָט צו אַלעמען געהאַט אַ צוטרוי און ער האָט געלאָזט זיינע פאַפירן אַרומוואַלגערן זיך. פונדעסטוועגן האָט אים אַן אינסטינקטיווע שעמעוודיקייט געטריבן צו באַהאַלטן די אָפשריפטן פון די בריוו, וואָס ער פלעגט שמירן צו אָטאָן, און אויך יענעמס ענטפערן. ער האָט זיי נישט געהאַלטן אונטערן שליסל, נאָר אַוועקגעלייגט צווישן די בלעטער פון זיינס אַ מוזיק־העפט, ווו ער האָט געגלויבט, אַז קיינער וועט זיי נישט גיין זוכן. ער האָט נישט גענומען אין באַטראַכט די רשעות פון זיינע ברידער.

פון אַ געוויסער צייט אָבער האָט ער באַמערקט, אַז בעת זיי דערזעען אים, לאַכן זיי און סודען זיך: זיי פלעגן איינרוימען איי־

נער דעם צווייטן אין אויער אַריין שטיקער פון אַ שמועס, וואָס האָט ביי ביידן אַרויסגערופן אַ שטאַרק געלעכטער. קריסטאָפן האָט זיך נישט איינגעגעבן צו כאַפּן, וואָס זיי רעדן. אגב האָט ער זיך שוין לאַנג געהאַלטן ביי אַ באַזונדערער טאַקטיק בנוגע די ברידער און אַרויסגעוויזן אַ גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט אָדער געטון. עטלעכע ווערטער האָבן אים אָבער אָפּגעשטעלט; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער דערקענט זיי. באַלד האָט ער שוין נישט געצווייפלט, אז די ברידער לייענען זיינע בריוו. נאָר ווען ער איז צוגעשטאַנען צו ערנעסטן און רודאָלפן, וואָס האָבן מיט אַ חוזק גערופן זיך „נשמה מיינע”, האָט ער פון זיי גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן. די חברה האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי ווייסן נישט, וואָס ער וויל, און געטענהט, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו רופן זיך, ווי זיי געפעלט. קריסטאָף האָט געפונען זיינע בריוו אויפן אָרט און זיי צוריק געלאָזט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער געכאַפּט ערנעסטן ביי דער האַנט: דער קליינער אויסוואורף האָט גענישטערט אינם שיפלאָד פון דעם קאַמאָד, ווו לואיזע האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן דאָס געלט. קריסטאָף האָט אים האַסטיק גענומען טרייסלען און אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצולאָזן אויף זיין קאָפּ אַלץ, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרצן; ער האָט אויסגערעכנט אין נישט קיין איבעריק־העפלעכע ווערטער, ערנעסטס חטאים, וואָס זייער צעטל איז געווען גאַנץ גרויס. ערנעסט האָט שלעכט אויפגענומען דעם גאַנצן מוסר; ער האָט מיט חוצפה געענטפערט, אַז קריסטאָף קאָן צו אים קיין שום טענות נישט האָבן, און האָט געלאָזט פאַלן צווייטייטיקע ווערטער וועגן דער פריינדשאַפט פון זיין ברודער מיט אָטאָן. קריסטאָף האָט נישט פאַרשטאַנען; נאָר ווען ער האָט דערהערט, אַז מ'נעמט אַריין אויך אָטאָן אין קאָן, האָט ער געהייסן ערנעסטען רעדן קלאָרע דיבורים. דער קליינער האָט געלאַכט, נאָר שפּעטער, ווען ער האָט דערזען, אַז קריסטאָף איז געוואָרן בלייך פאַר כעס, האָט ער זיך דערשראָקן און מער קיין וואָרט נישט געוואָלט רעדן. קריסטאָף האָט פאַרשטאַנען, אַז מער וועט ער פון אים גאָר נישט אַרויסקריגן; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, הויבנדיק מיט די אַקסלען, און אַרויסגעוויזן אַ טיפע פאַראַכטונג צו ערנעסטן. אַן אויפגערעגטער האָט יענער ווידער אָנגעהויבן מיט עזות; ער האָט גענומען דערגיין די יאָרן דעם ברודער און

אַוועקגעלייגט פאַר אים אַ מענה־לשון וועגן מיאוסע זאַכן, איינע ערגער ווי די אַנדערע. קריסטאָף האָט זיך מיט אַלע כחות איינגעהאַלטן נישט אַרויסצופּלאַצן. נאָר ווען ער האָט לסוף פאַרשטאַנען, איז ער רויט געוואָרן און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול. ערנעסט האָט נישט באַוויזן אַ געשריי צו טון. קריסטאָף האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף אים, געקייקלט זיך מיט אים איבערן צימער און געקלאַפּט אים דעם קאָפּ אָן דר'ערד. אויף די שרעקלעכע געוואַלדן פונם קרבן, זענען געקומען צולויפן לואיזע, מעלכיאָר און די גאַנצע שטוב. מ'האָט אַרויסגעריסן ערנעסטן אין אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד. קריסטאָף האָט אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן: מ'האָט געמוזט אָנקומען צו קלעפּ. מ'האָט אים געררופן ווילדע חיה; און באמת האָט ער טאַקע אַזוי אויסגעזען. די אויגן זענען אים אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ, ער האָט געקריצט מיט די ציין און אַלץ געטראַכט ווידער צו וואַרפן זיך אויף ערנעסטן; ווען מ'האָט אים געפרעגט, וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען, איז ער געוואָרן נאָך ווילדער און געשריען, אַז ער וועט אים דערהרגענען. אויך ערנעסט האָט נישט געוואָלט רעדן.

קריסטאָף האָט נישט געקאָנט נישט עסן, נישט שלאָפן. ער האָט געציטערט און געוויינט אין זיין בעט. ער האָט געליטן נישט נאָר צוליב אָטאָן אַליין. אַ גאַנצע איבערקערעניש איז פּאָרגעקומען אין אים. ערנעסט האָט זיך גאָר נישט גערייכט, וויפל יסורים ער האָט אָנגעטון זיין ברודער. קריסטאָפס האַרץ איז געווען אינגאַנצן ריין; ער האָט זיך אפילו נישט פּאָרגעשטעלט דעם שמוץ פון לעבן און ביסלעכווייז האָט ער זי מיט שרעק אויפגעדעקט. צו פופצן יאָר, האָבנדיק פולע פרייהייט און שטאַרקע חושים, איז ער געווען נאָך מאָדנע תמימותדיק. ס'האָט אים באַשיצט זיין נאַטירלעכע ריינקייט און דאָס, וואָס ער האָט אָן אויפהער געאַרבעט. די ווערטער פון זיין ברודער האָבן געעפנט פאַר אים אָ תהום. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פּאָרגעשטעלט אַזאַ מיאוסקייט, און איצט, ווען דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיך אין אים דערוועקט, איז די גאַנצע פרייד ליב צו האָבן און געליבט צו זיין פאַרשטערט געוואָרן. נישט נאָר זיין פריינדשאַפט צו אָטאָן, נאָר בכלל יעדע פריינדשאַפט איז אים געוואָרן פאַרסמט.

נאָך ערגער איז געוואָרן די לאַגע, ווען עטלעכע שפּאָטישע אָנצוהערענישן האָבן אים אַרויפגעבראַכט אויפן רעיון, — אפשר נישט אינגאַנצן ריכטיק, — אַז ער מיט אָטאָן זענען געוואָרן דער ציל פון

בייזוויליקן נייגיר אינם קליינעם שטעטל; דער עיקר האָט ער זיך וועגן דעם דערוווּסט, ווען מעלכיאָר האָט, אין אַ צייט אַרום, געהאַט צו אים טענות צוליב זיינע שפּאַצירן מיט אָטאָן. ס׳קאָן זיין, אַז מעלכיאָר האָט נישט געזען אין דעם קיין בייז; אָבער קריסטאָף, וואָס האָט שוין געהאַט אַ התראה, האָט געזען אַ חשד אין יעדן וואָרט; ער איז כמעט געבייגט געווען צו גלויבן, אַז ער באַגייט טאַקע דערמיט אַ שווערן חטא. אין דער אייגענער צייט האָט אויך אָטאָ דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס.

זיי האָבן נאָך געפּרוּווט זיך צו טרעפן געהיים. אָבער ס׳איז שוין געווען אוממעגלעך צו געווינען צוריק די האַרציקייט פון זייערע פריערדיקע באַציונגען. די וואַרעמקייט פון זייערע שמועסן איז צעשטערט געוואָרן. אָט די צוויי קינדער, וואָס האָבן זיך ליב געהאַט מיט אַזאַ מילדער צערטלעכקייט, אַז זיי האָבן נישט געהאַט די העזה צו געבן זיך אַ ברודערלעכן קוש און האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין גרעסער גליק אין זייער לעבן, ווי נאָר זיך צו זען, אויסצוהערן איינער דעם צווייטן, צו פאַרטרויען זיך זייערע חלומות, — האָבן זיך געפילט פאַרשמוצט דורכן חשד פון נישט פאַרגינערישע הערצער. ס׳איז געקומען צו דעם, אַז זיי האָבן געזען אַ חטא אין די סאַמע אומשולדיקסטע האַנדלונגען; זיי האָבן זיך געררויטלט, זיי האָבן געהאַט שלעכטע געדאַנקען. זייערע באַציונגען זענען געוואָרן אומדערטרעגלעך.

נישט איבעררעדנדיק וועגן דעם קיין וואָרט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַלץ זעלטענער צו באַגעגענען זיך. זיי האָבן געפּרוּווט זיך איבערשרייבן, אָבער געהיט זיך מיט יעדן אויסדרוק. זייערע בריוו זענען געוואָרן קאַלט און אָן טעם. זיי זענען אַראָפּ פון מוט. כדי איבערצורייסן דעם בריוו-אויסטויש, האָט קריסטאָף געפונען פאַר אַן אויסרייד זיין אַרבעט, און אָטאָ — זיינע לימודים. אינגיכן איז אָטאָ אַוועקגעפאָרן אין אוניווערסיטעט, און די פריינדשאַפט, וואָס האָט עטלעכע חדשים באַלויכטן זייער לעבן, איז פאַרלאָשן געוואָרן.

און אַ נייע ליבע, וואָס די ערשטע פריינדשאַפט איז געווען בלויז איר אָנזאָגער, האָט אויפגעפלאַקערט אין קריסטאָפס האַרצן און פאַרטונקלט יעדע אַנדערע שיין.

III

מ י נ א

אַ פיר אָדער פינף חדשים פאַר אָט די געשעענישן, איז מאַדאַם יאָזעפאַ פאָן קעריך, די יונגע אלמנה פונם מלוכה־ראַט סטעפאַן פאָן קעריך, אַוועק פון בערלין, ווו זי האָט ביז דאַן געוווינט מיט איר מאַן, כדי זיך צו באַזעצן מיט איר טאָכטער אין דער קליינער שטאָט ביים ריין, אין איר געבורטס־אָרט. זי האָט דאָרט געהאַט אַן אַלט פאַמיליע־הויז, מיט אַ גרויסן גאָרטן, אייגנטלעך אַ פאַרק, וואָס האָט זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ, לענג־אויס אַ בערגל, ביזן טייך, נישט ווייט פון קריסטאָפס שטוב. פון זיין בוידעם־שטיבל האָט קריסטאָף געזען די שווערע צווייגן פון די ביימער, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען איבער דער מויער און דעם הויכן שפּיץ פונם רויטן דאַך און מיט מאָך־באַדעקטע ציגל. אַ קליין, שמאָל געסטל, ווו מ'האָט קוים געקאָנט דורכגיין, האָט זיך געצויגן רעכטס, לענג־אויס דעם פאַרק; פון דאַנען, אַרויפקלעטערנדיק אויף אַ שטיין, האָט מען געקאָנט אַראָפּקוקן פון געמויערטן פאַרקאַן. קריסטאָף האָט עס טאַקע אַלעמאָל געטון. ער האָט געזען די אַלעען, וואָס זענען באַוואַקסן מיט גראָז, די בייטן, וואָס זענען געווען ענלעך צו ווילדע סטעפּעס, די ביימער, וואָס האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן און זיך געראַנגלט אָן אַ סדר, און דעם ווייסן פראָנט פון הויז, מיט די אייביק פאַרמאַכטע לאָדנס. איין מאָל אָדער צוויי אין יאָר פלעגט אַ גערטנער אַרומגיין איבערן גאַנצן גאָרטן און אויסלופטערן די שטוב. אָבער באַלד האָט די נאַטור ווידער איבערגענומען די הערשאַפט איבערן גאָרטן, און אַלץ האָט זיך אומגעקערט צו דער פריערדיקער שטילקייט.

אָט די שטילקייט האָט געמאַכט אויף קריסטאָפן אַ טיפן רושם. ער האָט אָפט אַרויפגעקלעטערט אין דער שטיל אויף זיין אָבסערוויר-

פונקט; מיט דער צייט, ווען ער איז גרעסער געוואָרן, האָבן ביסלעכווייז, פריער זיינע אויגן, דערנאָך די נאָז, שפעטער דאָס מויל גערייכט צו דער הויך פון דער מויער; איצט האָט ער געקאָנט אַריבער־ייגן איבער דעם פאַרקאַן די הענט, אויפהויבנדיק זיך אויף די שפיץ פינגער. הגם ס׳איז נישט געווען באַקוועם, איז ער אַזוי געבליבן שטיין, מיטן קין אָנגעשפאַרט אָן פאַרקאַן, זיך צוגעהערט און געקוקט, בעת דער אָוונט האָט צעגאָסן אויף די בייטן ליבע גאָלדערנע שטראַלן, וואָס האָבן אָנגעצונדן בלוילעכע רעפלעקסן אין שאָטן פון די סאָסנע־בוימער. ער פלעגט אַזוי פאַרגעסן וועגן זיך, ביז פון גאַס האָבן זיך געלאָזט הערן טריט. ביינאַכט האָבן שמעקעדיקע ריחות געשוועבט אַרום גאָרטן: אין פרילינג — מאַי־גלעקעלעך, אין זומער — אַקאַציע, טויטע בלעטער — אין האַרבסט. ווען קריסטאָף פלעגט קומען אין אָוונט אַהיים פונם שלאָס, איז ווי מיד ער זאָל נישט זיין, פלעגט ער בלייבן שטיין פאַר דער טיר און איינגעזאַפט אין זיך די געשמאַקע ריחות; ס׳איז אים זייער שווער געווען אַריינצוגיין אין ענגן צימער. ער האָט זיך אויך אָפטמאָל געשפילט — אין יענער צייט, ווען ער פלעגט זיך שפילן, — אויפן קליינעם, מיט גראָז־באַוואַקסענעם פלאַץ, ביים אַריינגאַנג אין הויז פון די קעריכס. פון ביידע זייטן טיר זענען געשטאַנען הויכע הונדערט־יאָריקע קאַשטאַן־בוימער; דער זיידע פלעגט אַמאָל קומען, זיך צוזעצן אונטער זיי, געצויגן די לולקע, און די פירות האָבן געדינט די קינדער פאַר קוילן און שפילצייג.

אין איינעם אַ טאָג, גייענדיק דורך דעם געסל, איז ער ווי אַלע מאָל אַרויפגעקראָכן אויפן שטיין. ער האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש און צעמישט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט שוין געוואָלט אַראָפגיין, און אָט האָט ער פלוצלינג דערפילט עפּעס אַן אומגעוויינלעכע זאַך. ער האָט אַ קוק געטון צום הויז; די פענסטער זענען געווען אָפן; די זון האָט זיך אַריינגעריסן אינעווייניק; הגם מ׳האָט קיין מענטש נישט געזען, האָט דאָך די אַלטע דירה געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר פופצניאָריקן שלאָף און אַז זי פרייט זיך מיט דער דערוואַכונג. קריסטאָף איז אַ צעטומלטער אַוועק אַהיים.

ביים טיש האָט זיין טאַטע גערעדט וועגן דעם, וואָס אַלע אין דער געגנט האָבן דאַן געשמועסט, וועגן דעם קומען פון מאַדאַם פאָן קעריך און איר טאָכטער, מיט אָן אַ שיעור פעק. דאָס אָרט פון די קאַשטאַן־בוימער איז פול געוואָרן מיט גאַסן־ייִנגלעך, וואָס זענען גע-

קומען זען, ווי מ׳פּאַקט-אויס די זאַכן פון די וואָגנס. קריסטאָף, שטאַרק פאַרנומען מיט די נייעס, וואָס איז אינם ענגן קרייז פון זיין לעבן געווען אַ וויכטיק געשעעניש, האָט זיך געטון זיין אַרבעט און גע-פּרוווט, ווי די גוזמאדיקע, ווי שטענדיק, ידיעות, וואָס דער טאַטע האָט איבערגעגעבן, — פאָרצושטעלן זיך די מענטשן פונם פאַרכישופטן הויז. שפּעטער האָט אים זיין אַרבעט אינגאַנצן אַריינגעצויגן און ער האָט פאַרגעסן די גאַנצע מעשה; ערשט אין אָוונט, ווען ער איז גע-גאַנגען אַהיים, איז אים אַלץ אַרויף אויפן זכרון; אַ נייגעריקייט האָט אים געטריבן אויף זיין אָבסערוויר-פּונקט, צו זען וואָס עס טוט זיך דאָרט אינעווייניק. ער האָט קיין זאַך נישט באַמערקט, אויסער די רויקע אַלעען, ווו די אומבאַוועגלעכע בוימער זענען, דאַכט זיך, גע-שלאָפן אין די לעצטע שטראַלן פון דער זון. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן די סיבה פון זיין נייגעריקייט און זיך איבערגעגעבן דעם תענוג פון דער שטילקייט. אָט דאָס משונהדיקע אָרט, — ער איז געשטאַנען, האַלטנדיק דאָס גלייכגעוויכט, אויפן שפּיץ פונם שטיין, — איז געווען דאָס אויסדערוויילטע אָרט פון זיינע חלומות. ביים אַרויסגאַנג, אינם שאָטן פונם שמאָלן, מיאוסן געסל, האָבן די באַלויכטענע גאָרטנס געהאַט אַ באַזונדערן פאַרכישופטן גלאַנץ. זיין גייסט האָט פריי אומגעשפּאַצירט אין די האַרמאָנישע ווייטקייטן; ניגונים האָבן זיך פאַרשפּרייט; זיי האָבן אים איינגעשלעפערט און אינ-גאַנצן פאַרזונקען, האָט ער פאַרגעסן די צייט, די זאַכן, כדי נישט אָנצוווערן דעם מינדסטן קלאַנג פון זיין האַרצן.

אָט אַזוי מיט אָפענע אויגן און מויל האָט ער געטרוימט, ער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, ווי לאַנג ער האָט געחלומט; ווייל ער האָט גאָרנישט נישט געזען. פּלוצלינג איז ער פאַרציטערט געוואָרן. אַנטקעגן אים, ביים סוף פון דער אַלעע, זענען געשטאַנען צוויי פרויען-פיגורן און אים אָנגעקוקט. איינע — אַ יונגע דאַמע אין שוואַרצן, מיט פיינע נישט-רעגלמעסיקע שטריכן, מיט אַש-בלאנדע האר, הויך, עלעגאַנט, מיט אַ געוויסער אפּגעלאזנקייט אין דער פּאזע פון קאָפּ, — האט אים אָנ-געקוקט מיט פריינדלעכע, לאַכנדיקע אויגן. די צווייטע — אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן, אויך אין טרויער, — האָט געהאַט דעם אויסדרוק פון אַ קינד, וואָס אַ שטאַרקער געלעכטער איז עס באַפאַלן; זי איז געשטאַנען אַ ביסל הינטער דער מוטער, וואָס נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט איר געגעבן אַ סימן צו שווייגן. דאָס מיידל האָט

פֿאַרדעקט מיט בײדע הענט דאָס מױל, גלײך װי ס'װאָלט איר אָנגע־קומען מיט צרות זיך אײנצוהאַלטן פֿון געלעכטער. זי איז געװען אַ קלײנע, מיט אַ פֿריש, װײס, ראָז, קײלעכדיק פּנימל; זי האָט געהאַט אַ קלײן, אַ ביסל־דיקלעך נעזל, אַ קלײן גראָבלעך מײלכל, אַ קלײנעם, קײלעכדיקן קין, פֿײנע ברעמען, קלאָרע אױגן און אַ ים מיט האָר, פֿאַרפֿלאָכטן אין צעפּ און אױסגעלײגט װי אַ קראַנץ אַרום איר קאָפּ, אָפּדעקנדיק אַ רונדע האַלז און אַ װײסן, גלאַטן שטערן: — אַ מין פּנימל פֿון קראַנאַכן.

קריסטאָף איז איבערראַשט געװען פֿון אָט דער דערשײנונג. אָנ־שטאָט צו מאַכן פּליטה, איז ער געבליבן שטײן, צוגעשמידט צום אָרט. װי נאָר ער האָט דערזען, אַז די דאַמע, מיטן פֿרײנדלעכן חוזק־געלעכטערל, האָט געמאַכט עטלעכע שריט צו אים, האָט ער זיך אַ ריס געטון און אַראָפּגעשפּרונגען — אײגנטלעך אַראָפּגעקײקלט — אין געסל, נאָכשלעפּנדיק מיט זיך אַ שטיק לײם פֿון װאַנט. ער האָט גע־הערט די פֿרײנדלעכע שטים, װאָס האָט אים הײמיש גערופֿן: „קלײ־נער!" און אַ שטאַרקן, קינדערשן געלעכטער, אַ קלאָרן און פֿליסנדיקן, װי די שטים פֿון אַ פֿײגעלע. ער האָט זיך געפֿונען אין געסל, אױף די קני און הענט; און נאָך אַ רגע פֿון צעטראָגנקײט, האָט ער געמאַכט פּיס אַזױ גיך, װי ער װאָלט מורא געהאַט, טאָמער יאָגט מען אים נאָך. ער איז געװען פֿאַרשעמט, און דאָס געפֿיל פֿון חרפּה האָט אים װידער אַרומגעכאַפּט, װען ער איז געװען אײנער אַלײן אין זײן צי־מער. פֿון דעמאָלט אָן האָט ער נישט געהאַט דעם מוט דורכצוגײן דאָס געסל, צוליב משונהדיקער שרעק, טאָמער װאַרט מען אים דאָרטן אָפּ. װען ער האָט געמוזט פֿאַרבײגײן זײער הױז, האָט ער זיך גע־שאַרט בײ דער װאַנט, אױסגעדרײט דעם קאָפּ און געלאָפֿן, נישט גע־קוקט אױף הינטן. אין דער זעלבער צײט האָט ער נישט אױפֿגעהערט טראַכטן װעגן די צװײ געשטאַלטן, װאָס ער האָט געזען; אױסטוענדיק די שיך, מ'זאָל אים נישט דערהערן, איז ער אַרױף אױפֿן בוידעם, און געקוקט דורכן דאַך־פֿענסטערל אױף דער זײט פֿון די קעריכס הױז און גאָרטן, הגם ער האָט גוט געװוּסט, אַז ס'איז אוממעגלעך צו זען אַן אַנדערע זאַך, אױסער די בױמער־שפּיצן און די דאַך־קױמענס.

אין אַ חודש אַרום האָט ער אױף אײנעם פֿון די װעכנטלעכע קאָנצערטן פֿונם הױף־מוזיק־פֿאַרײן געשפּילט אַן אײגענע קאָמפּאָזיציע פֿאַר קלאַװיר און אָרקעסטער. ער איז שױן געהאַט צוגעקומען צום

מיט פון דעם לעצטן טייל, ווי ער האָט צופעליק באַמערקט אַנטקעגנ־איבער אין דער לאָזשע די מאַדאַם און טאָכטער קעריך, וואָס האָבן אים אָנגעקוקט. ס׳איז געווען פאַר אים אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן און כמעט אַדורכגעלאָזט צו ענטפערן דעם אָרקעסטער. ער האָט ווייטער מעכאַניש געשפּילט ביזן סוף פונם קאָנצערט. נאָכן קאָנצערט האָט ער געזען, הגם ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אין זייער זייט, אַז מאַדאַם און פרייליין קעריך אַפּלאָדירן אַ ביסל צופיל, ווי זיי וואָלטן געוואָלט, ער זאָל עס באַמערקן. ער האָט גיך פאַרלאָזן די בינע. ווען ער איז אַרויס פון טעאַטער, האָט ער הינטער עטלעכע רייען מענטשן, באַמערקט אין קאָרידאָר די מאַדאַם קעריך, וואָס האָט וווייזט־אויס, אויף אים געוואַרט. ס׳איז געווען אוממעגלעך, ער זאָל זי נישט באַמערקן — פונדעסטוועגן האָט ער זיך געמאַכט נישט־זעענדיק; דורכשלאָגנדיק זיך אַ וועג, איז ער געשווינט אַרויס דורך דער הינ־טער־טיר. שפּעטער האָט ער חרטה געהאַט, ס׳איז אים געווען קלאָר, אַז פרוי קעריך באַציט זיך צו אים גינסטיק. ער האָט אָבער געוווסט, אַז אויב ס׳וועט זיך טרעפן נאָכאַמאָל, וועט ער ווידער טון דאָס איי־גענע. ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו טרעפן זי אין גאַס. ווען ער האָט פון ווייטן געזען אַ געשטאַלט, וואָס איז געווען ענלעך צו איר, איז ער אַוועק אויף אַן אַנדערן וועג.

אָבער זי איז געקומען צו אים. זי איז אים געקומען זוכן אין זיין אייגענער היים.

אַ געוויסן טאָג, ווען ער איז געקומען אַהיים אויף מיטאָג, האָט אים לואיזע מיט שטאָלץ דערציילט, אַז אַ משרת אין אַ ליוורײ האָט אים געבראַכט אַ בריוו, און זי האָט אים דערלאַנגט אַ גרויסן קאָנווערט אין אַ שוואַרץ רעמל, ווו אויף דער צווייטער זייט איז געווען אויס־געקריצט דער הערב פון דער משפּחה קעריך. קריסטאָף האָט אויפ־געעפנט דעם בריוו, ציטערנדיק איבערצולייענען דאָס, — וואָס ער האָט טאַקע איבערגעלייענט:

„פרוי יאָזעפאַ פאָן קעריך לאַדט איין דעם הער הויף־מוזיקער קריסטאָף קראַפט צו זיך אויף טיי, היינט האַלב זעקס דעם זייגער״.

— כ׳וועל נישט גיין — האָט קריסטאָף דערקלערט.

— וואָס! — האָט געשריען לואיזע. — איך זאָג, דו וועסט יאָ גיין.

קריסטאָף האָט געמאַכט איר אַ סצענע. ער האָט זיך געבייזערט, וואָס זי מישט זיך אַריין אין זאַכן, וואָס האָבן צו איר קיין שייכות נישט.

— דער דינער האָט געוואָרט אויף תשובה. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז דו ביסט פריי היינט. האָסט דאָך טאַקע צייט אין דער שעה.

הגם קריסטאָף איז געווען בייז און געשוווירן, אַז ער וועט נישט גיין, האָט ער שוין איצט זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען. ווען ס׳איז געקומען די באַשטימטע צייט, האָט ער אַן אָנגעבלאָזענער זיך גענומען גרייטן; אין האַרצן איז ער דווקא צופרידן געווען, וואָס דער צופאַל האָט מבטל געמאַכט זיין שלעכטן ווילן.

מאַדאַם קעריך האָט גלייך דערקענט אינם פּיאַניסט דעם קליינעם פּרא-אדם, וואָס זיין צעשויבערטער קאָפּ האָט זיך איר באַוויזן פון הינטער דער מויער דעם ערשטן טאָג פון זייער קומען. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אים ביי די שכנים; און דאָס, וואָס זי האָט זיך דערוווסט וועגן קריסטאָפס פאַמיליע, וועגן זייער שווער לעבן און קריסטאָפס מוטיקייט, האָט דערוועקט אין איר אַ אינטערעס צו אים און אַ נייגיר מיט אים צו רעדן.

אָנגעטון אין אַ משונהדיקן מלבוש, אין וועלכן ער האָט אויסגעזען, ווי אַ דאָרפישער פאַסטאָר, איז קריסטאָף אַריין אין שטוב, כמעט אויס-מענטש פון שרעק. ער האָט זיך איינגעשמועסט, אַז די דאַמען קעריך האָבן נישט באַוויזן צו באַמערקן זיינע שטריכן, דאַן, דעם ערשטן טאָג, ווען זיי האָבן אים געזען. דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, ווו דער טעפּיך האָט איינגעשלונגען דעם רויש פון זיינע טריט, האָט אים אַ דינער אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואָס זיין גלעזערנע טיר האָט גע-פירט אין גאָרטן. יענעם טאָג איז געגאַנגען אַ קליינער, קאַלטער רעגן; אַ מחיהדיק פייער האָט געברענט אין קאַמין. ביים פענסטער, דורך וועלכן מ׳האָט געזען די סילועטן פון די דורכגענעצטע ביימער אינם נעפּל, זענען געזעסןביידע פרויען. בעת קריסטאָף איז אַריינגעקומען, האָט מאַדאַם קעריך געהאַלטן אויפן שויס אַ האַנט-אַרבעט, און די טאָכטער — אַ בוך, פון וועלכן זי האָט פאָרגעלייענט. ווען זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך אַדורכגעוואָרפן מיט אַ כיטרען בליק.

— זיי דערקענען מיך — האָט קריסטאָף מיט שרעק געטראַכט.
ער האָט נישט אויפגעהערט אומגעשיקט צו פאַרנייגן זיך.
מאַדאַם קעריך האָט פריילעך געלאַכט און אויסגעשטרעקט אים די האַנט.

— גוטמאָרגן, טייערער שכן, — האָט זי געזאָגט. — איך בין צופרידן אייך צו זען. זינט כ׳האָב אייך געהערט אויפן קאָנצערט, האָב איך אייך געוואָלט אויסדריקן אַ דאַנק פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט. און אַזוי ווי דאָס איינציקע מיטל אייך צו זען איז געווען איינצולאַדן אייך, דעריבער האָף איך, איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס כ׳האָב זיך מיט אים באַנוצט.

אין די דאָזיקע העפלעכע און באַנאַלע ווערטער איז געווען אַזוי פיל האַרציקייט, — הגם אויך אַ ביסעלע באַהאַלטענע איראָניע, — אַז קריסטאָף האָט זיך תיכף באַרויקט.

זיי דערקענען מיך נישט, — האָט ער געטראַכט און פריי אָפּגעאָטעמט.

מאַדאַם קעריך האָט פאָרגעשטעלט איר טאָכטער. זי האָט פאַרמאַכט דאָס בוך און נייגעריק באַטראַכט קריסטאָפן.

— מיין טאָכטער, מינא, — האָט זי געזאָגט, — וואָס האָט אייך זייער שטאַרק געוואָלט זען.

— אָבער, מאַמאַ, — האָט מינאַ געענטפערט — מיר זעען זיך דאָך נישט צום ערשטן מאָל.

און זי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— זיי האָבן מיך דערקענט, — האָט קריסטאָף מיט פאַרדרוס געטראַכט.

— ס׳איז אמת, — האָט מאַדאַם קעריך געזאָגט, מיטלאַכנדיק, — איר האָט אונז דאָך באַזוכט דעם ערשטן טאָג פון אונזער קומען.

ביי די ווערטער האָט זיך דאָס מיידל נאָך מער צעלאַכט, און קריסטאָף האָט באַקומען אַזאַ נעבעכדיק אויסזען, אַז ווען זי האָט אויף אים אַ קוק געטון, האָט זי נאָך שטאַרקער גענומען לאַכן. ס׳איז געווען אַ ווילדער געלעכטער: זי האָט ממש געוויינט. מאַדאַם קעריך האָט זי געוואָלט באַרויקן, אָבער זי האָט זיך אַליין אויך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן, און קריסטאָף, הגם ער האָט זיך פאַרשעמט, האָט זיך אויך אָנגעשטעקט. זייער גוטע שטימונג איז געווען מיטרייסנדיק, — ס׳איז אוממעגלעך געווען צו באַליידיקן זיך. קריסטאָף

אָבער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, ווען מינאַ האָט אים, נאָכן באַרויק זיך, געפרעגט, וואָס האָט ער דאָרטן געטון ביי זיי אויף דער מויער. ס׳האָט זי געוויילט זיין צערודערונג, און אַ פאַרלוירענער האָט ער געשטאַמלט. מאַדאַם קעריך איז אים געקומען צו הילף און איבערגעריסן דעם שמועס, הייסנדיק דערלאַנגען טיי.

זי האָט אים אויסגעפרעגט פּרטים פון זיין לעבן. אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ געפילט שלעכט. ער האָט נישט געוווּסט, ווי צו זיצן, ווי צו האַלטן דאָס גלאָז טיי, וואָס האָט זיך אים אָט-אָט אַרויסגעגליטשט פון האַנט; יעדעס מאָל, וואָס מ׳האָט אים פאָרגעלעגט וואַסער, מילך, צוקער אָדער אַ קיכל, האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב גלייך אויפשטיין און דאַנקען מיט טיפער פאַרנייגונג; ער האָט זיך געפילט ענג אין זיין אַנצוג, אין זיין קראַגן און האַלזטוך, ווי אין אַ פּאַנצער; ער האָט נישט געהאַט קיין מוט און נישט געקאָנט זיך רירן נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס, צעטומלט מיט אָן אַ שיר פראַגן, וואָס מאַדאַם קעריך האָט אים געשטעלט, און געבונדן מיט איר פריינדלעכער באַנעמונג און מיט מינאַס בליקן, וועלכע ער האָט געפילט אויף זיין פּנים, הענט, באַוועגונגען, מלבושים. זיי האָבן געוואָלט קומען אים צו הילף און דערמיט אים נאָך מער צעמישט: מאַדאַם קעריך מיטן מבול פון אירע ווערטער, מינאַ — מיט די קאָקעטישע בליקן, וואָס זי האָט אויף אים אינסטינקטיוו געוואָרפן, כּדי זיך צו ווייזן.

לסוף האָבן זיי זיך מיאש געווען אַרויסצוקריגן פון אים מער, ווי באַגריסונגען און אָפּגעהאַקטע ווערטער; און מאַדאַם פאָן קעריך, וואָס די גאַנצע צייט האָט זי געהאַט די טרחה אונטערצוהאַלטן דעם שמועס, האָט אים אַ פאַרמאַטערטע געבעטן, ער זאָל צוגיין צום קלאַוויר. ער איז איצט געווען מער צוטראַגן, ווי בעת אַ קאָנצערט פאַר אַ גרויסן עולם: ער האָט געשפילט מאָצאַרטס אַן „אַדאַדזשיאָ״. אָבער דווקא די שעמעוודיקייט, די צעטראָגנקייט, וואָס ער האָט געפילט אין דער קעגנוואַרט פון די צוויי פרויען, דאָס אמת האַרציקע געפיל, וואָס האָט אָנגעפילט זיין ברוסט און געמאַכט אים גלייכצייטיק גליקלעך און אומגליקלעך, — זענען געווען ווי צוגעפאַסט צו דער צאַרטקייט און יוגנטלעכער צניעות פון דער מוזיק און צוגעגעבן איר אַ פרילינגסחן. מאַדאַם קעריך איז געווען גערירט; זי האָט עס אויסגעדריקט אין איבערגעטריבענע שבחים, ווי ס׳איז דער שטייגער ביי מענטשן פון

דער העכערער געזעלשאַפט; זי איז אָבער געווען נישט ווינציקער אויפריכטיק, און אפילו די גוזמא פון אירע שבחים איז געווען ליב, ווייל זי איז געקומען פון אַ פריינדלעך מויל. די ליטרע מינאַ האָט געשוויגן, זי האָט פאַרחידושט געקוקט אויפן ייִנגל, וואָס איז אַזוי נאַריש אין זיינע רייד, אבער פאַרמאָגט אַזעלכע רעדעוודיקע פינגער. קריסטאָף האָט געפילט זייער סימפּאַטיע און ער האָט זיך געשטאַרקט. ער האָט ווייטער געשפּילט; שפּעטער, האַלב אויסדרייענדיק זיך צו מינאַן, האָט ער פאַרשעמט געזאָגט מיט אַ פאַרלעגנהייטס-שמייכל:

— אָט דאָס האָב איך דעמאָלט אויף דער מויער געטון:

ער האָט געשפּילט אַ קליינע זאַך, ווו ער האָט ווירקלעך אַנט-וויקלט די מוזיקאַלישע אידעען, וואָס זענען אים איינגעפאַלן אויף זיין באַליבטן אָרט, בעת ער האָט געקוקט אויפן גאָרטן; אמת — נישט אין יענעם אָוונט, ווען ער האָט געזען מינאַ און די מאַדאַם קעריך, — (ער האָט זיך דווקא געוואָלט איינרעדן, אַז ד ע מ אָ ל ט, צוליב עפּעס טונקעלע טעמים, וואָס נאָר זיין האַרץ האָט געוווּסט) — נאָר מיט אַ סך אָוונטן פריער; און מ'האָט געקאָנט געפינען אין דער שטילער האַרמאָניע פונם andante con moto דעם קלאָרן אויסדרוק פונם פויגל-געזאַנג און דאָס מאַיעסטעטישע דרימלען פון די גרויסע בוימער אינם פרידן פון דער פאַרגייענדיקער זון.

ביידע פרויען האָבן זיך איינגעהערט מיט התפעלות. ווען ער האָט געענדיקט, איז מאַדאַם קעריך אויפגעשטאַנען, אָנגעכאַפּט אים פאַר די הענט מיט איר געוויינלעכער לעבעדיקייט און אים הייס גע-דאַנקט. מינאַ האָט געפּאַטשט אין די הענט, געשריען, אַז ס'איז „וווּנ-דערבאַר" און אַז זי וועט אים צושטעלן אַ לייטער צו דער מויער, כדי ס'זאָל אים באַקוועמער זיין צו אַרבעטן, אַבי נאָר ער זאָל שאַפן נאָך אַזעלכע „גרויסאַרטיקע" ווערק. מאַדאַם קעריך האָט געזאָגט קרי-סטאָפן, ער זאָל נישט הערן מינאַס פּלוידעריי; זי האָט אים געבעטן— אַזוי ווי ער האָט ליב דעם גאָרטן, — ער זאָל דאָרט אַריינקומען ווען ער וויל נאָר; און זי האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט אַ ברירה נישט צו קומען אפילו זיי באַגריסן, אויב ס'איז אים נישט באַקוועם.

— איר האָט אַ ברירה נישט צו קומען אונז צו באַגריסן, — האָט מינאַ געפונען פאַר נויטיק איבערצוחזרן. — נאָר אויב איר וועט נישט קומען, — היט אייך די ביינער!

זי האָט אויפגעהויבן אַ דראָענדיקן פינגער.

מינאַ האָט גאָר נישט געהאַט אַזאַ שטאַרקן חשק, אַז קריסטאָף זאָל זיי באַזוכן, אויך נישט פאַרלאַנגט, ער זאָל זיך באַציען צו זיי לויט אַלע כּללים פון דער העפלעכקייט; נאָר ס'האָט איר פּשוט הנאה געטון צו זאָגן עפּעס, וואָס זאָל אים רייצן, אַזוי האָט איר אונטערגעזאָגט איר אינסטינקט.

קריסטאָף איז רויט געוואָרן פון פרייד. מאַדאַם קעריך האָט אים גערירט מיט דעם טאַקט, מיט וועלכן זי האָט גערעדט וועגן זיין מאַמע און זיידן, וואָס זי האָט אַמאָל געקענט. די וואַרימע האַרציקייט פון די צוויי פרויען האָט אים אַדורכגענומען; אין האַרצן האָט ער נאָך איבערגעטריבן אָט די לייכטע גוטסקייט, אָט די וועלטלעכע פריינדלעכקייט, וואָס קומט אָן אַזוי לייכט, — ווייל ער האָט געוואָלט גלויבן אין איר טיפקייט. ער האָט אָנגעהויבן אויסדערציילן זיינע פּלענער, זיינע צרות, מיט אַ נאַיוון צוטרוי. ער האָט נישט באַמערקט, ווי ס'איז אַריבער אַ שעה, און ער איז אויפגעשפּרונגען פאַרחידושט, ווען אַ דינער איז געקומען אָנזאָגן, אַז ס'איז געגרייט דער טיש. אָבער זיין פאַרלעגנהייט איז באַלד אַריבער אין גליק, ווען פרוי קעריך האָט אים איינגעלאַדן, בלייבן מיט זיי עסן, ווי גוטע פריינד, וואָס זיי ווילן ווערן און וואָס זיי זענען שוין. מ'האָט אים געגעבן אַן אָרט צווישן דער מאַמע און דער טאָכטער, און באַם טיש האָט ער אַרויסגעוויזן ווינציקער פעיקייטן, ווי באַם פּיאַנינאָ. אָט דער טייל פון זיין דערציונג איז געווען שטאַרק פאַרלאָזט; ער איז געווען געניגט צו גלויבן, אַזביים טיש איז דער עיקר עסן און טרינקען, און אַז דער אופן פון עסן איז כּמעט נישט וויכטיק. די גוט־דערצויגענע מינא האָט געקוקט אויף אים אָנגעבלאָזן און מיט פאַרדרוס.

זיי האָבן גערעכנט, אַז גלייך נאָכן עסן וועט ער אַוועקגיין, אָבער ער איז זיי נאָכגעגאַנגען אין קליינעם זאַל אַריין, זיך אַוועקגעזעצט מיט זיי און גאָרנישט געהאַט בדעה אַוועקצוגיין. מינא האָט זיך איינגעהאַלטן פון גענעצן און געמאַכט צייכנס צו דער מוטער, ער האָט עס נישט באמערקט, ער איז געווען שיכּור פון זיין גליק און געגלויבט, אַז אַלע זענען אַזוי גליקלעך ווי ער, — בפרט וואָס מינא קוקנדיק אויף אים, האָט נישט אויפגעהערט, פון געוווינהייט וועגן צו שפּילן מיט די אויגן, — און לסוף, אַזוי ווי ער איז שוין געזעסן, — האָט ער נישט געוווּסט פּשוט, ווי אויפצושטיין און געזעגענען זיך. ער וואָלט געבליבן אַ גאַנצע נאַכט, ווען מאַדאַם פאָן קע־

דיך וואָלט אים נישט משלח געווען אָן קונצן, אָבער גאַנץ ליבנס־ווירדיק.

ער איז אַוועקגעגאַנגען און מיטגענומען מיט זיך די גלעטנדיקע שיין פון מאַדאַם קעריכס ברוינע און מינאַס בלויע אויגן; ער האָט געפילט אויף זיין האַנט די פיינע באַרירונג פון די איידעלע, ווי בלומען זיסע, פינגער, און אַ צאַרטער ריח, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפירט, האָט אים אַרומגעהילט, פאַרשיכורט און כמעט געבראַכט צו חלשות.

אין צוויי טעג אַרום, ווי ס'איז געווען אָפּגעשמועסט, איז ער ווידער געקומען, צו געבן מינאַן אַ לעקציע פון מוזיק. פון דעם מאָמענט אָן איז ער אונטער דעם אויסרייד געקומען רעגלמעסיק צוויי מאָל אַ וואָך, אין דער פרי; און גאַנץ אָפט איז ער געקומען אויך אין אָוונט צו שפּילן און צו שמועסן.

מאַדאַם קעריך האָט אים געגרן אויפגענומען. זי איז געווען אַ קלוגע, גוטע פרוי. זי איז אַלט געווען פינף און דרייסיק יאָר, ווען דער מאַן איז איר געשטאָרבן; און הגם זי איז נאָך געווען יונג מיטן קערפּער און נשמה, דאָך האָט זי אַנטשלאָסן זיך אָפּגעזאָגט פונם לעבן, ווי זי איז געווען אַריינגעצויגן פון איר חתונה אָן. ס'קאָן זיין, אַז דאָס אָפּזונדערן זיך איז איר אָנגעקומען גאַנץ לייכט, ווייל זי האָט שוין געהאַט זייער פיל אַדורכגעלעבט און מיט איר געזונטן שכל האָט זי געטראַכט, אַז מ'קאָן נישט דורכמאַכן אין דער זעלבער צייט די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט. זי איז געווען צוגעבונדן צום אָנדענק פון איר מאַן, נישט דערפאַר, ווייל זי האָט ווען־עס־איז אין זייער צוזאַמענלעבן געפילט צו אים אַ סימן פון ליבע: פאַר איר איז געווען גענוג די האַרציקע פריינדשאַפט; זי האָט געהאַט פרידלעך־רויקע חושים און אַ געטרייע נאַטור.

זי האָט זיך אינגאַנצן מקריב געווען דער דערציִונג פון איר טאָכטער; אָבער דיזעלבע מעסיקייט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין איר ליבע, האָט זי אויך פאַרהיט פון דער איבעריקער התפּעלות און קרענקלעכקייט פון מוטערס, ווען דאָס קינד איז דאָס איינציקע באַשעפעניש,

אויף וועלכן די מוטער טראָגט אַריבער אירע אייפּערזיכטיקע פאַרלאַנ־ גען צו ליבן און צו ווערן געליבט. זי האָט ליב געהאַט די טאָכטער, אָבער באַצויגן זיך צו איר מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד און נישט דורכ־ געלאָזט קיין איינעם פון אירע חסרונות, פונקט ווי זי האָט זיך נישט געפּרוּווט נאַרן מיט זיך אַליין. זי איז שאַרפזיניק און קלוג, געהאַט אַ דורכדרינגלעכן בליק, וואָס האָט פונם ערשטן קוק אויפגעדעקט יעדנס שוואַכקייטן און לעכערלעכקייט; זי האָט געפונען אין דעם אַ גרויסן פאַרגעניגן, אָן קיין סימן פון בייזוויליקייט; זי איז געווען פונקט אַזוי שטיפעריש, ווי מילד, און אָפּלאַכנדיק פון מענטשן, האָט זי אויך ליב געהאַט צו טון זיי טובות.

דער קליינער קריסטאָף איז געווען אַ גוטער שטאָף פאַר איר גוטסקייט און קריטישן גייסט. אין די ערשטע טעג פון איר באַזעצן זיך אינם קליינעם שטעטל, ווו איר גרויסער טרויער האָט זי אָפּגע־ זונדערט פון דער געזעלשאַפט, איז קריסטאָף געווען פאַר איר אַ מין פאַרוויילונג, פריער פון אַלץ — מיט זיין טאַלאַנט. זי האָט ליב געהאַט מוזיק, הגם זי אַליין איז נישט געווען מוזיקאַליש; זי האָט אין איר געפונען אַ פיזישן און מאָראַלישן תענוג, ווו דער געדאַנק איז פויל פאַרזונקען אין אַ זיסער מעלאַנכאָליע. זיצנדיק ביים קאַמין, — בעת קריסטאָף האָט געשפּילט — מיט אַן אַרבעט אין האַנט, מיט אַ פוסטן שמייכל, האָט זי אין דער שטיל געפילט אַ שטומען פאַרגעניגן אינם מעכאַנישן אַרומלויפן פון זיינע פינגער און אין די אומבאַשטימטע באַ־ וועגונגען פון אירע חלומות, וואָס האָבן געשוועבט צווישן די טרויעריקע און זיסע בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט

אָבער נאָך מער, ווי די מוזיק, האָט זי אינטערעסירט דער מו־ זיקער גופא. זי איז געווען גענוג קלוג צו פילן קריסטאָפס זעלטענעם טאַלאַנט, הגם זי איז נישט געווען מסוגל אָפּצושאַצן זיין אמתע אָריגי־ נאַליטעט. זי האָט מיט נייגיר און הנאה זיך צוגעקוקט, ווי עס דער־ וועקט זיך אין אים יענער געהיימניספולער פלאַם, וואָס ברענט אין אים. זי האָט גיך דערקענט זיינע מאָראַלישע אייגנשאַפטן, זיין יושר, זיין מוט, דעם מין ס־טאָאיציזם, וואָס איז אַזוי רירנדיק ביי אַ קינד. פונדעסטוועגן האָט זי געקוקט אויף אים מיט דער געוויינלעכער דורכ־ דרינגלעכקייט פון אירע שאַרפע, חוזקדיקע אויגן. ס׳האָט זי געוויילט זיין אומגעשיקטקייט, זיין אויסערלעכע העסלעכקייט, זיינע אַלע קליינע לעכערלעכקייטן; זי האָט זיך צו אים באַצויגן נישט אינגאַנצן ערנסט,

זי האָט זיך בכלל נישט באַצויגן צו קיין זאַך ערנסט. קריסטאָפֿס משונהדיקע איינפֿאַלן, זיין לײדנשאַפֿט, זיין פֿאַנטאַסטישע שטימונג האָבן איר, אגב, געהייסן גלויבן, אַז ער איז נישט אינגאַנצן ביים קלאָרן זינען; זי האָט געזען אין אים איינעם פֿון די קראַפֿטס, וואָס זענען געווען מוטיקע מענטשן און גוטע מוזיקער, אָבער אַ ביסל נישט מיט אַלעמען.

אָט די לייכטע איראָניע האָט קריסטאָף נישט באַמערקט; ער האָט נאָר געפֿילט דער פֿרוי קערדיכס גוטסקייט. ער איז אַזוי נישט געוווינט געווען, מ׳זאָל זיין צו אים גוט! הגם זיין שטעלע אין שלאָס האָט אים געשאַפֿן אַ טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיט דער העכערער וועלט, איז דער אָרעמער קריסטאָף ווייטער געבליבן אַ פּרא־אדם, אָן בילדונג און דערציונג, דער עגאָיזם פֿונם הויף האָט זיך מיט אים פֿאַרנומען נאָר אויף אויסנוצן זיין טאַלאַנט, און נישט געזוכט אים מיט עפּעס באַהילפֿיק צו זיין. ער איז געקומען אין שלאָס, געזעצט זיך ביים פּיאַנינאָ, געשפּילט און אַוועקגעגאַנגען — און קיינער האָט זיך נישט געגעבן קיין מי ווען־עס־איז מיט אים אַ שמועס צו טון, אויסער עפּעס אַ באַנאַלן, צעשטרייטן קאָמפּלימענט. זינט דער זיידע איז געשטאָרבן, איז נאָך קיינעם נישט, נישט אין שטוב, נישט אין גאַס, איינגעפֿאַלן דער מינדסטער געדאַנק צו לערנען, ווי ער דאַרף זיך פֿירן און ווערן אַ מענטש. ער האָט געליטן פֿון זיין עם־ארצות און פֿון זיינע גראָבע זיטן. ער האָט זיך אַליין געמאַטערט אויסצופֿיינען זיך, אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען. ביכער, שמועסן, גוטע ביישפּילן — אַלץ האָט אים געפֿעלט. ער האָט שטאַרק געוואָלט אויסגיסן זיין האַרץ פֿאַר אַ פֿריינד, אָבער נישט געקאָנט ביי זיך פּועלן. אפֿילו מיט אָטאָן האָט ער נישט געהאַט קיין מוט וועגן דעם צו רעדן, ווייל אָטאָ פֿלעגט דעמאָלט אָננעמען אַ טאָן פֿון באַליידיקנדיקער גאַווה, וואָס האָט אים געברענט, ווי אָנגעגליט אייזן.

און אָט מיט מאַדאַם קערדיך איז אַלץ צוגעגאַנגען לייכט. פֿון זיך אַליין, ס׳איז נישט נויטיק געווען זי צו בעטן, — (וויפֿל שטאָלץ דאָס וואָלט קריסטאָפֿן געקאָסט!) האָט זי אים מילד אָנגעוויזן, וואָס ער דאַרף נישט טון, געלערנט, וואָס ער דאַרף יאָ טון. געגעבן אים עצות וועגן זיינע מלבושים, ווי צו עסן, גיין, רעדן; זי האָט נישט מוותר געווען אויף קיין איין חסרון אין זיין הנהגה, געשמאַק און רעדן; און ס׳איז אוממעגלעך געווען זיך צו באַליידיקן, אַזוי לייכט

און פאָרזיכטיק איז געווען איר האַנט און אַזוי האָט זי געשווינט דעם קינדס קרענקלעכע איינגליבע. זי האָט זיך פאַרנומען אויך מיט זיין ליטעראַרישער אויסבילדונג, נישט אַרויסווייזנדיק אפילו, אַז זי טוט עס; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז גאָרנישט פאַרחידושט פון זיין משונהדיקער עם־הארצות; אָבער זי האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט צו פאַריכטן זיינע גרייזן, פשוט און רויק, גלייך ווי ס'וואָלט געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז קריסטאָף זאָל זיך טועה זיין; און אָנשטאָט צו מאַטערן אים מיט פעדאַנטישע לעקציעס, האָט זי צוגעטראַכט אַ באַשעפטיקונג פאַר זייערע באַגעגענישן אין אָוונט, אַז מינאַ אָדער ער גופא זאָלן פאָרלייענען שיינע בלעטלעך געשיכטע אָדער עפּעס פון די דייטשע און פרעמדע דיכטער. זי האָט אים באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד, אָבער מיט עפּעס אַ מין אַפּוטרופּסוס און היימישקייט, וואָס ער האָט נישט באַמערקט. זי האָט זיך אפילו פאַרנומען מיט זיין אָנטון, האָט אויפגעפרישט זיינע קליידער, אויסגעשטריקט אים אַ וואָלענעם האַלז־טיכל, געגעבן אים אַלס מתנה קליינע טואַלעט־זאַכן — און אַלץ מיט אַזאַ איידלקייט, אַז ער האָט זיך נישט געפילט באַליידיקט פון איר אויפמערקזאַמקייט און געשענקען, בקיצור, זי האָט זיך באַצויגן צו אים כמעט מיט מוטערלעכער זאָרג, וואָס יעדע גוטע פרוי פילט אינסטינקטיוו צו יעדן קינד, וועלכן מ'טרויט איר אָן, — און ס'איז דערביי גאָרנישט נויטיק, זי זאָל אים ליב האָבן. אָבער קריסטאָף האָט געגלויבט, אַז אָט די גאַנצע צערטלעכקייט באַציט זיך ספּעציעל צו אים, און ער איז איר געווען טיף דאַנקבאַר: פּלוצלונג פלעגט ער זיך ליידנשאַפטלעך צעגיסן אין געפילן, וואָס האָבן ביי מאַדאַם קעריך אויסגעזען אַ ביסל לעכערלעך, אָבער איר אויך הנאה פאַרשאַפט.

מיט מינאַן זענען די באַציונגען געווען גאַנץ אַנדערע. ווען קריסטאָף האָט זי בעת דער ערשטער לעקציע, נאָך אַלץ שיכור מיט די נעכטיקע זכרונות, דערזען, איז ער געווען שטאַרק פאַרחידושט, געפינענדיק אַ מיידעלע אינגאַנצן אַן אַנדערע, ווי די, וואָס ער האָט געזען מיט עטלעכע שעה צוריק. זי האָט זיך אויף אים כמעט נישט אומגעקוקט, נישט געהערט, וואָס ער רעדט; און ווען זי האָט אויפגעהויבן אויף אים די אויגן, האָט ער אַרויסגעלייענט פון זיי אַזאַ פאַרגליווערטע קאַלטקייט, אַז ס'האָט פּשוט אויפגערעגט. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געמאַטערט צו דערגיין, מיט וואָס האָט ער זי

געקאָנט באַליידיקן ער האָט זי גאָר אייגנטלעך נישט באַליידיקט, און מינאַס געפילן זענען היינט נישט געווען בעסער און נישט ערגער ווי נעכטן: סיי היינט און סיי נעכטן איז זי געווען צו אים להלוטין גלייכגילטיק. אויב זי האָט אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט אַ שמייכל, איז עס געשען צוליב דער אינסטינקטיווער קאָקעטישקייט פון אַ קליין מיידל, וואָס ווילט זיך, אויספּרווונדיק די מאַכט פון אירע אויגן אויפן ערשטן בעסטן, מעג עס זיין אַפילו אַ הונט, וואָס קומט איר אַנטקעגן אין איר לאַנגווייליקייט. אָבער באַלד צומאָרגנס האָט דער דאָזיקער לייבטער נצחון נישט געהאַט פאַר איר קיין שום אינטערעס. זי האָט אַרויסגעגעבן אויף קריסטאָפן זייער אַ שווערן אורטייל, אַז ער איז אַ מיאוס, שלעכט דערצויגן ייִנגל, וואָס קאָן גוט שפּילן פּיאַנינאָ, וואָס האָט אָבער גראָבע הענט, האַלט מיאוס דעם גאָפּלביים טיש און עסט פיש מיט אַ מעסער. ער האָט דערפאַר אויסגעזען אין אירע אויגן ווייניק אינטערעסאַנט. זי האָט מיט חשק זיך געלערנט ביי אים מוזיק; דאָס איז אמת; זי איז אַפילו גרייט געווען צו ווילן זיך מיט אים, ווייל זי האָט אין דעם מאָמענט קיין אַנדערן חבר נישט געהאַט און ווייל, — נישט געקוקט אויף איר אָנשטעל, אַז זי איז שוין נישט קיין קינד, — האָט זי דאָך געפילט אַ ווילדן פאַרלאַנג צו פאַרשווענדן דעם איבערפלוס פון פריילעכקייט, וואָס איז — פונקט ווי ביי איר מוטער — געוואָרן נאָך שטאַרקער צוליבן פרישן אָנגעוואָרפענעם טרויער. אָבער קריסטאָף איז פאַר איר געווען נישט מער, ווי אַ אַ שטוב-חיה; און אויב ס'האָט נאָך איצט געטראָפן אַמאָל, אין די טעג פון בייזער קאַלטקייט, אַז זי האָט אויף אים געקוקט מיט זיסע אויגן, איז עס געווען נישט-ווילנדיק, ווייל זי האָט געטראַכט פון עפּעס אַנדערש — אָדער פשוט, כדי נישט צו פאַרגעסן די „מלאכה". קריטטאָפס האַרץ האָט געצאַפּלט, ווען זי האָט אים אַזוי אָנגעקוקט. און זי האָט עס קוים באַמערקט: זי האָט זיך אַליין דערציילט מעשיות. דאָס יונגע מיידל איז געווען אין יענעם עלטער, ווען מ'צערטלט די חושים מיט זיסע, גלעטנדיקע טרוימען. זי האָט אָן אויפהער געטראַכט וועגן ליבע מיט גרויס אינטערעס און נייגיר, וואָס איז געווען אומשולדיק נאָר צוליב איר אומוויסנקייט. אַלס אַ גוט-דערצויגן פריילין, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט די ליבע נאָר אין דער געשטאַלט פון חתונה-האָבן. דאָס אויסזען פון איר אידעאַל איז ווייט געווען נישט פעסט. דאָ האָט זי געטרוימט חתונה צו האָבן מיט אַן אָפיציר, דאָ ווידער

מיט אַ העכערן, בעסערן מין דיכטער, אַלאַ שילער. איין פּלאַן האָט צעשטערט דעם צווייטן, און יעדן נייעם פּלאַן האָט זי אָנגענומען מיטן זעלבן ערנסט און דער זעלבער איבערצייגונג. סוף־כּל־סוף זענען זיי אַלע געווען גרייט אָפּצוטרעטן דעם וועג דער שטאַרקערער ווירקלעכ־קייט. עס איז מערקווירדיק זיך צוצוקוקן, מיט וואָסער לייכטקייט די יונגע ראָמאַנטישע מיידלעך פאַרגעסן זייערע טרוימען, ווען עס באַווייזט זיך זיי אַ ווינציקער אידעאַלע, אָבער מער זיכערע אויסזיכט.

דערווייל איז די סענטימענטאַלע מינאַ מיט אַלע אירע חלומות געווען רויִק און קאַלט, נישט געקוקט אויף איר אַריסטאָקראַטישן נאָ־מען און אויף איר שטאָלץ מיטן מיוחסדיקן וואָרט „פאָן", האָט זי גע־האַט אַ נשמה פון אַ קליינער דייטשער באַלעבאָסטע, אינם גאָלדענעם עלטער פון דער יוגנט.

קריסטאָף האָט, נאַטירלעך, לגמרי נישט פאַרשטאַנען דעם קאָמ־פּליצירטן, — מער קאָ־פּליצירט לפּנים, איידער אין דער ווירקלעכ־קייט, — מעכאַניזם פון פרויען־האַרץ. ס'האָט אים אָפט געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט די האַלטונג פון זיינע פריינדינס; אָבער ער איז גע־ווען אַזוי גליקלעך מיט זיין ליבע צו זיי, אַז ער האָט זיי מוחל געווען אַלץ, וואָס האָט אים באַאומרויִקט און פאַרדראָסן אַ ביסל, אַבי זיך נאָר איינצורעדן, אַז זיי האָבן אים ליב אַזוי שטאַרק, ווי ער האָט זיי ליב. איין צערטלעך וואָרט אָדער בליק האָט אים אַריינגעבראַכט אין התפּעלות. ס'האָט אים טיילמאָל אַזוי גערירט, אַז ער האָט זיך שיר נישט צעוויינט.

זיצנדיק באַם טיש, אינם קליינעם, שטילן זאַל, נישט ווייט פון מאַדאַם קעריך, וואָס האָט גענייט באַם ליכט פון לאָמפּ... — (מינאַ האָט געלייענט ביים צווייטן עק טיש, זיי האָבן צווישן זיך נישט גע־שמועסט; דורך דער האַלב־אָפענער טיר פונם גאָרטן האָט מען געזען דעם אַלעען־זאַמד, וואָס האָט געגלאַנצט אין דעם לבנה־שיין; אַ לייכ־טער געמורמל האָט זיך געטראָגן פון די בוימער שפּיצן...) — האָט ער געפילט, ווי זיין האַרץ רוישט פון גליק. פּלוצלונג, אָן אַ שום סיבה, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט, געוואָרפן זיך אויף די קני פאַר

מאַדאַם קעריך, אַ כאַפּ געטון איר האַנט, — אַלץ איינס, צי האָט זי געהאַלטן אַ נאָדל אָדער נישט, — און באַדעקט זי מיט קושן, און כלי־פּענדיק, צוגעלייגט צום מויל, צו די באַקן און אויגן. מינאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן פון איר בוך און געהויבן לייכט די אַקסלען מיט אַ קרומער מינע. מאַדאַם קעריך האָט לאַכנדיק געקוקט אויף איר, אויף אָט דעם גרויסן יינגל, וואָס איז געלעגן באַ אירע פיס, זי האָט אים געגלעט מיט דער פרייער האַנט איבערן קאָפּ, זאָגנדיק דערביי מיט איר שיינער, צאַרטער, איראָנישע שטים:

— נו, וואָס, מיין גרויס נאַרעלע, נו, וואָס! וואָס איז מיט דיר?

אָ, די זיסקייט פון איר שטים, פון דעם פרידן, פון דער שטילקייט, פון דער דאָזיקער איידעלער אַטמאָספער, אָן געשרייען, אָן געפילדער, אָן גראָבקייט, פון אָט דעם אָאַזיס אינמיטן דעם וויסטן לעבן און דערצו דאָס העראָישע ליכט, וואָס באַגילדט מיט זיינע רעפלעקסן די זאַכן און באַשעפענישן — פון דער פאַרכישופטער וועלט, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן ביים פאַרלייענען די געטלעכע דיכטער — געטע, שילער, שעקספּיר, — שטראָמען פון קראַפט, פון ווייטיק און — ליבע...

מינאַ האָט געלייענט, איר קאָפּ איז געווען געבויגן איבערן בוך, איר פּנים — לייכט פאַררויטלט פון התפעלות, מיט איר פרישער, אַביסל אָנגעשטרענגטער שטים, וואָס האָט געהאַט אַן ערנסטן טאָן, בעת זי האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען פון אַ גבור אָדער אַ מלך. טיילמאָל האָט די מאַדאַם קעריך אַליין גענומען דאָס בוך אין האַנט און צוגעגעבן די טראַגישע געשעענישן דעם גייסטיקן חן און צאַרטקייט פון איר אייגענער נשמה; אָבער ס׳רוב האָט זי זיך צוגעהערט, אויסגעצויגן אין איר ווייכן שטול, אייביק מיט דער האַנט־אַרבעט אויפן שויס, און זיך איבערגעשמייכלט מיטן אייגענעם געדאַנק: — שטענדיק האָט זי זיך אַליין געזען אין אַלע ווערק.

אויך קריסטאָף האָט געפּרוווט לייענען, אָבער געמוזט זיך אָפּזאָגן דערפון: ער האָט געשטאַמלט, געפּלאָנטערט די ווערטער, דורכגעלאָזט די פּונקטאַציע, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין; ער איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט געמוזט זיך אָפּשטעלן ביי די רירנדיקע ערטער, פילנדיק, אַז אָט־אָט צעוויינט ער זיך. דעמאָלט פלעגט ער בייז אַ וואָרף טון דאָס בוך אויפן טיש, און די ביידע פריינדינס האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער... ווי

ליב ער האָט זיי געהאַט; ער האָט שטענדיק מיטגעטראָגן זייער בילד מיט זיך און דאָס בילד האָט זיך צונויפגעשמאָלצן מיט די געשטאַלטן פון שעקספיר און געטע. ער האָט נישט געקאָנט פונאַנדערשיידן צווישן זיי. אַ גוט וואָרט פון אַ דיכֿטער, וואָס האָט אויפגעוועקט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה אַ ליידנשאַפטלעכֿן צאַפל, איז ביי אים געווען אומבאַדינגט ענג פאַרבונדן מיטן טייערן מויל, וואָס עס האָט אים צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן. אפילו אין צוואַנציק יאָר אַרום האָט ער נישט געקאָנט לייענען אָדער זען ווי מ׳שפילט „עגמאָנט" אָדער „ראָמעאָ", ווו ביי געוויסע פערזען זאָלן אים נישט קומען אויפן רעיון די זכֿרונות פון יענע שטילע אָוונטן, פון יענע גליק־חלומות, און אויך די געליבטע פנימער פון מאַדאַם קעריך און מינאַ.

גאַנצע שעהן האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן אויף זיי: אין אָוונט, בעת זיי האָבן געלייענט, — ביינאַכֿט, בעת ער האָט געחלומט אינם בעט מיט אָפענע אויגן, אויף דער וואָר, — בייטאָג, בעת ער האָט געטרוימט ביי זיין מוזיק־שטענדער, שפילנדיק מעכֿאַניש מיט האַלב־געשלאָסענע וויעס. ער האָט צוביידן געפילט אַן אומשולדיקע צאַרטקייט, און נישט וויסנדיק בכֿלל פון ליבע, האָט ער געגלויבט, אַז ער איז פאַרליבט. נאָר ער האָט נישט געוווסט גענוי אין וועמען, אין דער מוטער צי אין דער טאָכֿטער. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה און נישט געוווסט, וועמען אויסצוקלויבן. נאָר אַזוי־ווי ס׳האָט זיך אים געדאַכֿט, אַז אויסקלויבן סוף־כל־סוף מוז ער, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער איז גיכֿער גענייגט צו דער מאַדאַם פאָן קעריך. נאָכֿדעם ווי ער האָט זיך אַנטשלאָסן, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זי טאַקי באמת ליב. ער האָט ליב געהאַט אירע קלוגע אויגן, דעם צעטראָגענעם שמייכֿל פון איר האַלב־אָפן מויל, מיט די, אויף אַ זייט פאַרקעמטע, שיינע, ווייכֿע האָר, איר הייזעריקלעכֿע שטים מיטן הוסטל, אירע מוטערלעכֿע הענט, די עלעגאַנץ פון אירע באַוועגונגען און איר פאַרבאָרגענע נשמה. ער האָט געציטערט פון גליק, בעת ער איז געזעסן נעבן איר און זי האָט אים גוטמוטיק געגעבן צו פאַרשטיין אַן אָרט אינם בוך, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אָנגעשפאַרט איר האַנט אויף קריסטאָפס אַקסל; ער האָט געפילט די וואַרעמקייט פון אירע פינגער, איר אָטעם אויף זיין באַק און דעם זיסן ריח פון איר קערפער; ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַנטציקונג, נישט געטראַכֿט מער וועגן בוך און גאָרנישט נישט

נישט פֿאַרשטאַנען. זי האָט עס באַמערקט און געהייסן אים איבערחזרן
דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט; ער האָט געשוויגן; זי האָט זיך לאַכֿנדיק
געבייזערט און אים צוגעקוועטשט די נאָז צום בוך זאָגנדיק, אַז ער
וועט שוין אויף אייביק בלייבן אַן אייזל. ער האָט דערויף געענטפֿערט,
אַז ס'איז אים אַלצאיינס, אַבי ער זאָל זיין איר אייזל און אַבי זי
זאָל אים קיינמאָל נישט אָפּשטויסן פֿון זיך. זי האָט זיך כֿלומרשט גע־
קווענקלט; שפּעטער האָט זי געזאָגט, אַז כֿאָטש ער איז אַ קליינער,
מיאוסער אייזל און זייער אַ נאַרישער, איז זי פֿונדעסטוועגן מסכּים ער
זאָל בלייבן ביי איר, — און ס'קאָן זיין, אַז זי האָט אים אפילו ליב —
און הגם ער טויג צו גאָרנישט, איז ער דאָך אַ וווּיל יינגל. זיי
האָבן זיך ביידע צעלאַכֿט, און ער איז געשוווּמען אין אַ ים פֿון
פֿרייד.

זינט ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט ליב די מאַדאַם פֿאָן
קעריך, האָט קריסטאָף זיך דערווייטערט פֿון מינאַן. ס'האָט אים אָנגע־
הויבן אויפֿצורעגן איר שטאָלצע קאַלטקייט, און אַזוי ווי ס'איז אים
אָפּט אויסגעקומען זי צו זען, איז ער געוואָרן פֿרייער אין זיינע באַ־
וועגונגען און נישט באַהאַלטן פֿאַר איר זיין גלייכֿגילטיקייט. זי האָט
ליב געהאַט אים אויפֿצורעגן, און ער האָט גראָב געענטפֿערט. זיי האָבן
זיך שטענדיק שטאַרק געווערטלט, וואָס האָט ביי מאַדאַם קעריך אַרויס־
גערופֿן אַ געלעכֿטער. קריסטאָף איז נישט געבליבן דער זיגער אין
דעם דאָזיקן וואָרט־קאַמף און איז אָפּטמאָל זייער אויפֿגעבראַכֿט אַוועק־
געגאַנגען; ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט פֿיינט מינאַן און זיך איינ־
גערעדט, אַז ער קומט נאָר צוליב דער מאַדאַם קעריך.
ער האָט ווייטער געלערנט מיט איר מוזיק. צוויי מאָל אַ וואָך,
פֿון ניין ביז צען אין דער פֿרי, האָט ער אַכֿטונג געגעבן אויף אירע
גאַמען און איבונגען. דאָס צימער, ווו זיי זענען געזעסן, איז געווען
מינאַס לערן־צימער. ס'איז געווען אַ מערקווירדיק אַרבעטס־צימער, וואָס
האָט טריי און לעכֿערלעך אָפּגעשפּיגלט דעם משונהדיקן תּוהו־ובוהו פֿונם
קליינעם פֿרויען־מוח.
אויפֿן טיש — קליינע פֿיגורלעך פֿון קעץ־מוזיקאַנטן, — אַ גאַנצער

אָרקעסטער, — וווּ איין קאַץ האָט געשפּילט פידל, אַ צווייטע — וויאָ־לאָנטשעל; אַ קליין טאַשן־שפּיגעלע, טואַלעט־מכשירים, שרייב־געצייג אויסגעצייכנט אויסגעשטעלט אין אַ סדר. אויף דער עטאַזשערקע — קליינע ביוסטן פון מוזיקער: בעטהאָווען מיטן געקנייטשטן שטערן, וואַגנער מיט זיין בערעט־היטעלע און אַפּאָלאָ פון בעלוועדער. אויפן קאַמין נעבן אַ פראַש, וואָס האָט געראויכערט אַ לולקע פון וואַסער־גראָז — אַ פאַפּירענער פעכער, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעמאָלט דאָס טעאַטער פון ביירוט. אין דער ביבליאָטעק, אויף צוויי פּאָלעצעס, עטלעכע ביכער: ליבקע, מאָמסען, שילער, דער, וואָס האָט קיין משפחה נישט, זשיל ווערן, מאָנטיין. אויף די ווענט — גרויסע פאָ־טאָגראַפיעס פון דער סעקסטינער יונגפרוי און בילדער פון הערקאָמערן: זיי זענען געווען אַרומגעוויקלט מיט בלויע און גרינע בענדער. דאָ איז אויך געווען אַ בילד פון אַ שווייצאַרישן האָטעל, אין אַ ראַם פון באַזילבערטע שטעכלקעס, און דער עיקר זענען דאָ אומעטום געווען אָנגעוואָרפן, אין אלע ווינקעלעך פונם צימער, פאָטאָגראַפיעס פון אָפי־צירן, טענאָרן, קאַפּעלמייסטערס, פריינדינס, — אַלע מיט אויפשריפטן, כמעט אַלע מיט פערזן אָדער לפחות מיט אַזוינס, וואָס אין דייטשלאַנד ווערט עס אָנגערופן פערזן. אין מיטן צימער, אויף אַ זייל פון מירמל־שטיין, האָט גערוט דער ביוסט פון בערדיקן בראַמס; און איבערן קלאַוויר אויפן שפּיץ פון אַ שנירל האָבן זיך געבאָמבלט צוויי פּליוש־מאַלפּעס און מתנות פון קאָטיליאָן.

מינאַ פלעגט אַלעמאָל אַריינקומען שפּעט, מיט אויגן פאַרקלעפּטע פון שלאָף און אַן אָנגעבלאָזענע; זי האָט קוים דערלאַנגט קריסטאָפן די האַנט, געזאָגט אַ קאַלטן „גוטמאָרגן" און אַ שווייגנדיקע, ערנסט און שטאָלץ זיך געזעצט ביים קלאַוויר. ווען זי איז געווען אַליין, האָט זי ליב געהאַט צו שפּילן די גאַמען אָן אַ סוף, זי האָט דאַן געקאָנט בלייבן ווייטער אינם פוילן, האַלב־פאַרשלאָפענעם צושטאַנד און אין אירע טרוימען. אָבער קריסטאָף האָט זי געצוווּנגען צוצולעגן קאָפּ צו די שווערע איבונגען: דערפאַר, כדי זיך נוקם צו זיין, האָט זי זיך באַמיט צו שפּילן וואָס ערגער. זי איז געווען גענוג מוזיקאַליש, נאָר נישט ליב געהאַט די מוזיק, — ווי פיל דייטשקעס. און, פּונקט ווי זיי, האָט זי געטראַכט, אַז מ׳דאַרף זי ליב האָבן; און דערפאַר האָט זי זיך געלערנט מיט גענוג התמדה, אויסער עטלעכע פאַלן פון טייוולשער בייזוויליקייט, ווען זי האָט געוואָלט אָנטון דעם לערער אַ צולהכעיס.

זי איז אים טאַקע דערגאַנגען די יאָרן מיט דער אייז־קאַלטער גלייכ־גילטיקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך געלערנט. צום ערגסטן איז געווען, וואָס זי האָט געמיינט, אַז אין די אויסדרוקספולע ערטער באַדאַרף מען אַריינלעגן „נשמה״: זי פלעגט ווערן סענטימענטאַל און באמת גאָרנישט געפילט.

דער קליינער קריסטאָף איז געזעסן נעבן איר און איז נישט געווען זייער העפלעך. ער האָט איר קיינמאָל נישט געמאַכט קיין קאָמפּלימענטן: ער איז געווען ווייט דערפון. זי האָט דערפאַר געטראָגן אויף אים אַ כעס און נישט דורכגעלאָזט קיין איין באַמערקונג זיינע אָן אַ תשובה. זי האָט זיך געשפּאַרט מיט אים איבער זיינע רייד; ווען זי האָט אַ טעות געהאַט, האָט זי זיך איינגעעקשנט און געטענהט, אַז זי שפּילט ריכטיק, וואָס ס'שטייט געשריבן. ער איז געוואָרן בייז, און זיי האָבן נישט אויפגעהערט זיך אויסצוטוישן מיט בייסנדיקע און חוצפּה־דיקע ווערטער. די אויגן אַראָפּגעלאָזט אויף די קלאַווישן, האָט זי נישט אויפגעהערט צו אָבסערווירן קריסטאָפן און הנאה געהאַט פון זיין כעס. כדי צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט, האָט זי אויסגעפונען פלערליי נאַרישע שפּיצלעך, כדי איבערצורייסן די לעקציע און אַרויסצוברענגען קריסטאָפן פון די כלים. זי האָט פלומרשט געהוסט, כדי אויסצוזען אינטערעסאַנטער; זי פלעגט זיך שט[illegible]רק צעהוסטן אָדער פלוצים האָט זי באַדאַרפט איבערצוגעבן זייער אַ וויכטיקע זאַך דער דינסט. קריסטאָף האָט געוווּסט, אַז עס איז אַ קאָמעדיע; און מינאַ האָט געוווּסט, אַז קריסטאָף ווייסט עס גאַנץ גוט, און דאָך האָט עס זי געווילט: ווייל קריסטאָף האָט זיך נישט דערוועגט איר צו זאָגן, וואָס ער טראַכט וועגן איר.

אין איינעם אַ טאָג, ווען זי האָט, ווי שטענדיק, געמאַכט אירע שטיק, דאָס מויל באַהאַלטן אין טיכל, גלייך ווי דער הוסט וואָלט זי געשטיקט, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט זי געוואָרפן פון דער זייט אַן אויגל אויפן אויפגעבראַכטן קריסטאָף, — איז איר איינגעפאַלן אַ פיינע המצאה אַראָפּצולאָזן אויף דר'ערד דאָס טיכל, כדי צו צווינגען קריסטאָפן עס אויפצוהויבן: ער האָט עס געטון מיט זייער אַ קנאַפּן חשק. זי האָט אים אָפּגעדאַנקט מיט אַ „מערסי״ פון אַ גראַנדדאַמע, און דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ שטאַרקן צאָרן.

זי האָט זיך געטראַכט, אַז דער שפּיל איז זייער אַ פיינער און ס'איז כדאי עס איבערצוחזרן. צומאָרגנס האָט זי עס געטון נאָכאַמאָל.

קריסטאָף האָט זיך נישט גערירט פון אָרט; ער האָט געברענט פון כּעס. זי האָט אַ ווײַלע געוואַרט אומשפּעטער געזאָגט מיט אַ פֿאָר־וווּרף:

— אפשר וועט איר זײַן אַזוי גוט אויפצוהויבן מיר דאָס טי־כעלע?

קריסטאָף האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן.

— איך בין נישט בײַ אײַך קיין משרת! — האָט ער גראָב גע־שריען — הויבט עס אַליין אויף!

מינאַ איז פֿאַרציטערט געוואָרן. זי איז פּלוצלינג אויפגעשטאַנען פון איר בענקל, וואָס איז בשעת מעשה אומגעפֿאַלן:

—אָ, דאָס איז שוין צופֿיל,—האָט זי געזאָגט און אַ קלאַפּ געטון בײַז אין קלאַוויר. זי איז אַרויס זייער צוקאָכט.

קריסטאָף האָט געוואַרט. זי איז נישט צוריקגעקומען. ס'איז אים געווען פּשוט אַ חרפּה, וואָס ער האָט אַזוי געהאַנדלט: ער האָט גע־פֿילט, אַז ער האָט זיך אויפגעפֿירט, ווי אַ גראָבער־יונג. הייסט עס— אַ סוף. זי האָט געמאַכט חוזק פון אים מיט צופֿיל חוצפּה! ער האָט מורא געהאַט, אַז מינאַ זאָל זיך נישט קלאָגן פֿאַר איר מוטער און אַז ער זאָל אויף אייביק נישט פֿאַרלירן מאַדאַם קעריכס גוטסקייט. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון, ער האָט חרטה געהאַט אויף זײַן גראָבקייט, אָבער בשום אופן וואָלט ער נישט מסכּים געווען זי אי־בערצובעטן.

צומאָרגנס, פֿרווונדיק זײַן מזל, איז ער ווידער געקומען, הגם ער האָט געקלערט, אַז מינאַ וועט זיך נישט וועלן מער לערנען. אָבער מינאַ, וואָס איז געווען צו שטאָלץ צו גיין זיך קלאָגן פֿאַר עמעצן, מינאַ, וואָס איר געוויסן איז, אַגב, נישט געווען אינגאַנצן ריין, האָט זיך באַוויזן, נאָכדעם ווי זי האָט אים געלאָזט וואַרטן פֿינף מינוט מער ווי געוויינלעך; זי האָט זיך געזעצט באַם קלאַוויר אַן אויסגעגלײַכטע און אַ שטאָלצע, נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, גלײַך ווי קריסטאָף וואָלט פֿאַר איר לחלוטין נישט עקזיסטירט. פֿונדעסטוועגן האָט זי געלערנט בײַ אים און אויך ווײַטער גענומען לעקציעס. זי האָט גוט געוווּסט, אַז קריסטאָף איז אַ מבין אויף מוזיק און אַז זי דאַרף זיך אויסלערנען גוט שפּילן פּיאַנינאָ, אויב זי וויל זײַן — דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זײַן: אַ פֿרײַלין מיט יחוס און מיט אַ פֿיינער דערציִונג.

אָבער ווי לאַנגווייליק ס׳איז איר געווען! — ווי לאַנגווייליק ס׳איז זיי ביידן געווען!

.אין איינעם אַ פערוואָלקנטן מערץ־פרימאָרגן, ווען קליינע שניי־פליטערלעך זענען ווי פעדערן אַרומגעפלויגן אין דער פאַרנעפּלטער לופט, זענען זיי געזעסן אין לערן־צימער. ס׳איז געווען אַ טונקעלער טאָג. מינאַ האָט, לויט איר שטייגער, זיך געשפּאַרט פאַר דעם פאַלשן טאָן, וואָס זי האָט גענומען, און געטענהט, אַז „אַזוי שטייט אָנגע־שריבן״. כאָטש ער האָט אויסגעצייכנט געוווסט, אַז זי זאָגט אַ ליגן, האָט ער זיך דאָך אַריבערגעבויגן איבערן העפט, כּדי אַ קוק צו טון ווי ס׳איז באמת אָנגעשריבן. זי האָט געהאַלטן איר האַנט אויפן שטענדער און נישט צוגענומען זי פון דאָרט. ער האָט געהאַלטן זיין מויל נאָענט פון איר האַנט. ער האָט געפּרווּוט לייענען, אָבער ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן; ער האָט געקוקט אויף אַן אַנדער זאַך, — אויף אָט דער איידעלער, דורכזיכטיקער זאַך, וואָס האָט אויסגעזען ווי שפּראָצונגען פון אַ בלום. פּלוצלינג, — (ער האָט נישט געוווסט, וואָס ס׳איז אים דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ), האָט ער מיט אַלע כּוחות צו־געדריקט זיינע ליפּן צו איר הענטל.

זיי זענען ביידע געווען שטאַרק איבערראַשט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צוריק, זי האָט צוריקגעצויגן איר האַנט, — זיי זענען ביידע רויט געוואָרן. זיי האָבן נישט איבערגערעדט קיין וואָרט, זיי האָבן זיך נישט אָנגעקוקט. נאָך אַ ווײַלע פון צעטומלטן שווייגן, האָט זי ווידער גענומען שפּילן; איר ברוסט האָט זיך לייכט געהויבן, ווי עפּעס וואָלט זי געדריקט; זי האָט גענומען איין פאַלשן טאָן נאָכן צווייטן. ער האָט עס נישט באַמערקט: ער איז געווען פּונקט אַזוי צעמישט, ווי זי; זיינע שלייפן האָבן געקלאַפּט, ער האָט נישט גע־הערט, נישט געוווסט, וואָס זי שפּילט און כּדי איבערצערייסן די שטיל־קייט האָט ער גענומען מיט אַ געשטיקטער שטים מאַכן באַמערקונגען סתם אין דער וועלט אַריין. ער האָט געטראַכט, אַז איצט איז ער שוין לחלוטין אַ פאַרלוירענער אין מינאַס אויגן. ער איז געווען אי־בערראַשט פון זיין האַנדלונג, ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט מיאוס

און גראָב געהאַנדלט. די שעה פון דער לעקציע איז אַריבער, ער איז אַוועקגעגאַנגען און קיין קוק נישט געטון אויף מינאַן; ער האָט אפילו פאַרגעסן מיט איר זיך צו געזעגענען. זי איז נישט געווען אויף אים ברוגז. איר איז שוין איצט נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז קריסטאָף איז שלעכט דערצויגן; אויב זי האָט געמאַכט אַזוי פיל גרייזן בעת איר שפּילן, איז עס דערפאַר, ווייל זי האָט אים נישט אויפגעהערט צו אָבסערווירן פון דער זייט מיט אַ פאַרחידושטער און — צום ערשטן מאָל — סימפּאַטישער נייגעריקייט.

ווען זי איז געבליבן אַליין, האָט זי אָנשטאָט אויפצוזוכן די מאַמע, ווי שטענדיק, פאַרמאַכט זיך אין איר צימער און נאָכגעטראַכט די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע געשעעניש. זי האָט זיך געזעצט פאַרן שפּיגל. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אירע אויגן זענען צאַרט און גלאַנצן. טראַכטנדיק אַזוי אָנגעשטרענגט, האָט זי געביסן לייכט איר ליפּ. און ווען זי האָט באַטראַכט מיט הנאה איר שיין געזיכט, האָט זי זיך ווידער דערמאָנט די סצענע, געוואָרן רויט און געשמייכלט. ביים טיש איז זי געווען אויפגעלעגט און רירעוודיק. אויך שפּעטער האָט זי נישט געוואָלט אַרויסגיין און געבליבן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג אין זאַל; זי האָט געהאַלטן אַן אַרבעט אין האַנט און געמאַכט אפשר צען שטעך, וואָס האָבן אויך נישט געטויגט; אָבער נישט וויכטיק! אינם ווינקל פון צימער, אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער מוטער, האָט זי געלאַכט; אָבער באַהערשט פלוצלינג פון אַ פאַרלאַנג אויסצוגיסן איר האַרץ, האָט זי גענומען שפּרינגען איבערן צימער, זינגענדיק אויפן קול. מאַדאַם קעריך האָט זיך דערשראָקן און געזאָגט, אַז זי איז חסר־דעה. מינאַ האָט זיך געוואָרפן איר אויפן האַלז, און קייקלענדיק זיך פון געלעכטער, געקושט זי ביז צום דערשטיקן.

אין אָוונט, ווען זי איז צוריק אַריין אין איר צימער, איז זי נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן, איידער זי איז געגאַנגען שלאָפן. זי האָט אַלץ געקוקט אין שפּיגל, גענישטערט אין זכרון און גאָרנישט נישט אויסגעטראַכט, ווייל אַ גאַנצן טאָג האָט זי געטראַכט נאָר וועגן דעם. זי האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעטון; אַלע ווײַלע געבליבן זיצן אויפן בעט און באַמיט צו דערמאָנען קריסטאָפס געזיכט. אַן אַנדערער קריסטאָף האָט זיך באַוויזן אין איר דמיון; ס׳האָט זיך איר איצט געדאַכט, אַז ער איז נישט אַזוי מיאוס. זי האָט זיך געלייגט און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אין צען מינוט אַרום איז די סצענע פון פרימאָרגן ווידער איר געקו-

מען אויפֿן זינען, און זי האָט זיך הויך צעלאַכט, איר מוטער האָט זיך שטיל אויפֿגעהויבן און געעפֿנט די טיר גלויבנדיק, אַז כאָטש ס׳איז איר פֿאַרוואָרט, לייענט זי אין בעט. זי האָט געפֿונען מינאַ ליגט שטיל אין בעט, מיט גרויסע צעעפֿנטע אויגן, אין דער האַלב-טונקל־קייט פֿון דעם נאַכט-לאָמפּ

— וואָס איז דיר, — האָט זי געפֿרעגט — וואָס ביסטו אַזוי פֿריילעך?

— גאָרנישט, — האָט מינאַ ערנסט געענטפֿערט — איך טראַכט.

— ביסט מסתמא גליקלעך צו ווײַלן זיך אַזוי אין דײַן אייגענער געזעלשאַפֿט. אָבער איצט דאַרף מען שלאָפֿן.

— יאָ, מאַמאַ, — האָט מסכּים געווען מינאַ.

און אין זיך האָט זי געבורטשעט:

— אָבער גיי שוין אַמאָל! גיי שוין!

ביז די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט, און זי האָט ווײַטער געקאָנט וועבן אירע חלומות. זי איז פֿאַרזונקען געוואָרן אין אַ זיסער פֿאַר־גליווערטקייט. שוין נאָענט פֿאַר אַנטשלאָפֿן ווערן, איז זי אונטערגע־שפּרונגען פֿון פֿרייד:

— ער האָט מיך ליב... סאַר אַ גליק! ווי פֿײַן דאָס איז פֿון אים, וואָס ער האָט מיך ליב!... ווי ליב איך האָב אים!

זי האָט אַרומגענומען איר קישן און איז באַלד אײַנגעשלאָפֿן.

ווען ביידע קינדער האָבן זיך דערנאָך צום ערשטן מאָל ווידער געפֿונען צוזאַמען, איז קריסטאָף געווען פֿאַרחידושט פֿון מינאַס ליבנס־ווירדיקייט. זי האָט אים געזאָגט „גוטמאָרגן” און מיט זייער אַ ווייכער שטים געפֿרעגט, ווי עס גייט אים; זי האָט זיך געזעצט בײַם קלאַ־וויר מיט אַ קלוגן, באַשיידענעם געזיכט, און געוואָרן נאָכגיביק — ממש ווי אַ מלאך. זי האָט שוין איצט מער נישט געהאַט די קאַפּריזן פֿון אַ שלעכטער שילערין, נאָר אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו קריסטאָפֿס באַמערקונגען, אָנערקענט, אַז ער איז גערעכט, אַפֿילו אַליין דערשראָקן אויסגעשריען, בעת זי האָט זיך טועה געווען, און זיך באַמיט צו פֿאַריכטן. קריסטאָף האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין:

אין אַזאַ קורצער צייט האָט זי געמאַכט איבעראַשנדיקע פאָרשריטן, נישט נאָר וואָס זי האָט בעסער געשפּילט, נאָר אויך ליב געקראָגן די מוזיק. ווי ווייט ער איז געווען פון חניפה, האָט ער איר דאָך געמוזט מאַכן אַ קאָמפּלימענט. זי האָט זיך פאַרויטלט פון הנאה און אים געדאַנקט מיט אַ בליק, וואָס איז געווען פייכט פון דאַנקבאַרקייט. זי האָט זיך איצט באַמיט אויסצוזען שענער צוליב אים; זי האָט זיך באַפּוצט מיט בענדער פון פיינע קאָלירן, געשמייכלט צו קריסטאָפן און געקוקט אויף אים מיט פאַרבענקטע אויגן, וואָס זענען אים נישט געפעלן געוואָרן און האָבן אים אויפגעבראַכט, אָבער אויך גערירט ביז דער טיף פון זיין האַרצן. איצט האָט זי געזוכט כלערליי תחבולות מיט אים צו שמועסן; אָבער אירע רייד זענען שוין מער נישט געווען קינדעריש: זי האָט גערעדט ערנסט און ציטירט אַ ביסל פעדאַנטיש און פרעטענציעז פאַרשידענע דיכטער. ער האָט כמעט נישט געענטפערט; ס'איז אים געווען קשה: אָט די נייע מינע, וועלכע ער האָט ביז אַהער נישט געקענט, האָט אים פאַרחידושט און באַאומרויקט.

זי האָט אים אָן אויפהער אָנגעקוקט. זי האָט געוואַרט... אויף וואָס?... צי האָט זי עס אַליין געוווּסט גענוי?... זי האָט געוואַרט, ער זאָל ווידער אָנהויבן. — ער האָט זיך געהיט, זייענדיק זיכער, אַז ער האָט דעמאָלט געהאַנדלט ווי אַ גראָבער יונג; ס'האָט זיך אפילו געקאָנט דאַכטן, אַז ער טראַכט בכלל נישט וועגן דעם. זי האָט זיך אויפגערעגט, און איינמאָל, ווען ער איז שטיל געזעסן, אין אַ געעריקער ווייטקייט פון די קליינע, געפערלעכע הענטלעך, איז זי געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק: מיט אַ שנעלער באַוועגונג, וואָס האָט איר נישט געגעבן קיין צייט זיך צו באַקלערן, האָט זי צוגעדריקט איר האַנט צו זיינע ליפּן. ער איז געוואָרן איבעראַשט, דערנאָך — בייז און פאַרשעמט. פונדעסטוועגן האָט ער זי געקושט זייער ליידנשאַפטלעך. אָט די נאַיווע חוצפה האָט אים געקרענקט; ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפן און זי איבערלאָזן.

אָבער ער האָט עס נישט געקאָנט, ער איז געווען געפאַנגען. אַ מישמאַש פון געדאַנקען האָט געווימלט אין זיין קאָפּ: ער האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן. ווי נעפּלען, וואָס הויבן זיך איבער אַ טאָל, זענען זיי אַרויפגעשטיגן פון דער טיפעניש פון זיין האַרצן. ער איז מיטגעגאַנגען בלינד אינם דאָזיקן ליבע-נעפּל; און וואָס ער זאָל נישט טון, האָט ער זיך כסדר אַרומגעדרייט אַרום אַ טונקעלן, עקשנות-

דיקן געדאַנק, עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענעם פֿאַרלאַנג, אַ געפּערלעכן און פֿאַרפּירערישן, ווי דער פֿלאַם, וואָס פֿאַרפֿירט די פֿליגעלעך. ס'איז געווען אַן אומגעריכטער אויפֿברויז פֿון די בלינדע נאַטור־כּוחות.

זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ פּעריאָד פֿון דערוואַרטונג. זיי האָבן זיך ביידע אָבסערווירט, געבענקט און מורא געהאַט איינער פֿאַרן צווייטן. זיי זענען געווען אומרויִק. פֿונדעסטוועגן האָבן נישט אויפֿגעהערט זייערע קליינע סכסוכים און ברוגזן; ס'איז שוין אָבער נישט געווען צווישן זיי יענע היימישקייט; זיי האָבן ביידע געשוויגן. יעדערער איז געווען פֿאַרנומען מיט זיך, בויענדיק אין דער שטיל זיין אייגענע ליבע.

ס'איז מערקווירדיק: די ליבע האָט אָפּט אַ פֿאַרקערטע ווירקונג. פֿונעם מאָמענט אָן, ווען קריסטאָף האָט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט ליב מינאַן, האָט ער גלייכצייטיק אויסגעפֿונען, אַז ער האָט זי פֿון אַלע מאָל אָן ליב געהאַט. אין משך פֿון דריי חדשים האָבן זיי זיך כּמעט יעדן טאָג געזען, און ס'איז זיי לחלוטין קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלן זיך חושד צו זיין אין ליבע. נאָר אין דעם מאָמענט, ווי ער האָט זי היינט ליב געקראָגן, איז פֿאַר אים געוואָרן נויטיק צו טראַכטן, אַז ער האָט זי ליב פֿון אייביק אָן.

ס'איז געווען פֿאַר אים ממש אַ דערקוויקונג צו דערוויסן זין סוף־כּל־סוף, וועמען ער האָט ליב. ער האָט אַזוי לאַנג ליב געהאַט נישט וויסנדיק וועמען! ס'איז אים פּשוט לייכטער געוואָרן, פּונקט ווי אַ קראַנקן, וואָס ליידט אויף אַ וויכטיקער, נישט אויפֿגעקלערטער, ווייטיקדיקער קראַנקהייט — און זי ווערט אים פּלוצלינג קלאָר דורך איין שאַרפֿן ווייטיק, וואָס איז קאָנצענטרירט אין איין אָרט. קיין זאַך מאַטערט נישט אַזוי, ווי ליבע אָן אַ געניַיעם אָביעקט: זי פֿרעסט אויף און זויגט אויס די כּוחות, ווי פֿיבער. אָבער אַ ליידנשאַפֿט, וואָס מ'קאָן, האַלט דעם גייסט אין אַ געוויסער אָנשטרענגונג; דאָס מאַטערט אויס, — מ'ווייסט אָבער, לפּחות, פֿאַרוואָס. ס'איז אַלץ בעסער, ווי ליידן אָן אַ געניַיער סיבה.

הגם מינאַ האָט געגעבן קריסטאָפֿן גענוג סיבות צו גלויבן, אַז ער איז פֿאַר איר נישט גלײַכגילטיק, פֿונדעסטוועגן האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו מאַטערן זיך און געטראַכט, אַז זי פֿאַראַכט אים. אויך פֿריער האָבן זיי נישט געהאַט קיין גענויע השגה וועגן זיך, נאָר קיינמאָל איז ביי זיי די השגה נישט געווען אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַלש, ווי איצט; ס'איז געווען אַ לאַנגע קייט פֿון משונהדיקע פֿאַרשטעלונגען, וואָס האָבן זיך בשום-אופֿן נישט געקאָנט צונויפֿגיסן אין איין האַרמאָניש בילד, זיי האָבן זיך אַריבערגעוואָרפֿן פֿון איין עקסטרעם צום צווייטן, געזען איינער אין דעם אַנדערן אַזעלכע חסרונות און מעלות, וואָס זיי האָבן לחלוטין נישט געהאַט: מעלות, בעת זיי זענען געווען דערווייטערט איינער פֿון צווייטן; חסרונות — בעת זיי זענען געווען צוזאַמען. אין ביידע פֿאַלן האָבן זיי זיך טועה געווען.

זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס זיי פֿאַרלאַנגען אַליין. ביי קריסטאָפֿן האָט זיין ליבע אָנגענומען די פֿאָרם פֿון יענער מעכטיקער, אַבסאָלוטער דורשט צו צערטלעכקייט, וואָס פֿאָדערט אַ באַפֿרידיקונג, וואָס ברענט אין אים פֿון די קינדער-יאָרן אָן, וועלכע ער האָט געפֿאָדערט פֿון אַנדערע און געוואָלט אָנוואַרפֿן זייטיקע מענטשן מיט גוטן אָדער מיט געוואַלד. צייטנווייז איז צו אָט דעם דעספּאָטישן פֿאַרלאַנג מקריב צו זיין זיך און אַנדערע, — ס'קאָן זיין, אַז קודם-כּל אַנדערע, — צוגעקומען דער אויסברוך פֿון אַ ברוטאַלן, טונקעלן פֿאַרלאַנג, וואָס האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ און וואָס ער האָט אים נישט פֿאַרשטאַנען. מינאַ איז געווען נייגעריק און גליקלעך צו האָבן אַ ראָמאַן, זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצוציען וואָס מער פֿאַרגעניגן פֿאַר איר אייגנליבע און סענטימענטאַלקייט; זי האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן גענאַרט מיט אירע געפֿילן. אַ גרויסער טייל פֿון זייער ליבע האָט געשטאַמט פֿון די מעשה-ביכלעך. זיי האָבן נאָכאַמאָל דורכגעלעבט די ראָמאַנען, וואָס זיי האָבן געלייענט, און געזען אין זיך געפֿילן, וואָס זיי האָבן באמת לחלוטין נישט געפֿילט.

אָבער ס'איז געקומען אַ מאָמענט, ווען אָט די קליינע שקרים און דער קליינלעכער עגאָיזם זענען פֿאַרשוווּנדן פֿאַר דאָס געטלעכע ליכט פֿון דער ליבע. איין טאָג, איין שעה, עטלעכע אייביקע רגעס... און ס'איז געקומען אַזוי אומגעריכט!...

אין איינעם אַן אָוונט האָבן זיי בײדע צווישן זיך געשמועסט. די טונקלקייט איז צוגעפאַלן אין זאַל. זייער שמועס איז געוואָרן אָנגענעם און ערנסט. זיי האָבן גערעדט וועגן דער אומענדלעכקייט, וועגן לעבן און טויט. ס׳איז געווען אַ צו ברייטע ראַם פאַר זייערע קליינע געפילן. מינאַ האָט זיך באַקלאָגט אויף איר איינזאַמקייט. דאָס האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן קריסטאָפס תשובה, אַז זי איז נישט אַזוי איינזאַם, ווי זי מיינט.

— ניין, — האָט זי געזאָגט און געשאָקלט מיט איר קליינעם קאָפּ — דאָס זענען נאָר ווערטער, יעדער לעבט פאַר זיך, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט דיר, קיינער האָט דיך נישט ליב.

שטיל.

— און איך? — האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן קריסטאָף, בלייך פון אויפרעגונג.

די קליינע האָט זיך מיט אימפּעט אַ הויב געטון פון אָרט און אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.

ס׳האָט זיך אַן עפן געטון די טיר. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון צוריק אויף זייערע ערטער. ס׳איז אַרייַנגעקומען מאַדאַם קעריך. קריסטאָף האָט זיך פאַרטיפט אין אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ. מינאַ, געבויגן איבער איר האַנט-אַרבעט, האָט זיך אַרייַנגעשטאָכן די נאָדל אין פינגער.

דעם גאַנצן אָוונט זענען זיי מער אַליין נישט געווען און זיי האָבן פּשוט מורא געהאַט דערפאַר. מאַדאַם קעריך האָט זיך אויפגעהויבן אַרייַנצוברענגען עפּעס אַ זאַך פון צווייטן צימער, — האָט זיך מינאַ, וואָס איז שטענדיק געווען ווינציקער געפעליק, צוגעאיילט אַרייַנצוברענגען עס; און קריסטאָף האָט אויסגענוצט, וואָס זי איז נישט געווען, און איז אַוועקגעגאַנגען אָן אַ „גוטע נאַכט״.

צומאָרגנס האָבן זיי זיך ווידער געזען; זיי זענען אויסגעגאַנגען פון געדולד אַרייַנצוכאַפּן אַן אָפּגעהאַקטן שמועס. ס׳האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן. די אומשטענדן זענען גראָד געווען גינסטיקע. זיי זענען געגאַנגען שפּאַצירן מיט מאַדאַם קעריך און געהאַט צען גע-

לעגנהייטן צו שמועסן באַקוועם. אָבער קריסטאָף האָט נישט געקאָנט רעדן און איז געווען אַזוי אומגליקלעך, אַז ער האָט זיך אין וועג געהאַלטן וואָס ווייטער פון מינאַן. יענע האָט זיך געמאַכט, אַז זי באַמערקט נישט זיין אומהעפלעכקייט; אָבער זי איז זייער בייז געווען און זי האָט עס אים אַרויסגעוויזן. ווען קריסטאָף האָט זיך לסוף אָנגעטון אַ כּוח און אַרויסגערעדט עטלעכע ווערטער, האָט זי זיך כּלומרשט גלייכגילטיק צוגעהערט: ער האָט פאַרלוירן דעם מוט און קוים מיט צרות געענדיקט דעם אָנגעהויבענעם זאַץ. דער שפּאַציר האָט זיך געענדיקט. די צייט איז אַריבער. און ער האָט געהאַט פאַרדרוס, וואָס ער האָט זי נישט אויסגענוצט.

ס'איז אַריבער אַ וואָך. זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי נאַרן זיך ביידע אין זייערע קעגנזייטיקע געפילן. זיי זענען נישט געווען זיכער, צי די סצענע פון יענעם אָוונט איז נישט געווען קיין חלום. מינאַ האָט געטראָגן אַ כּעס אויף קריסטאָפן, קריסטאָף האָט מורא געהאַט זי צו טרעפן איינע אַליין. זיי זענען געוואָרן צו זיך קעלטער, ווי שטענדיק.

נאָר אָט איז געקומען אַ טאָג. — אַ גאַנצן פרימאָרגן און אַ טייל נאָכמיטאָג האָט נישט אויפגעהערט צו רעגענען. זיי זענען געבליבן פאַרשפּאַרט אין שטוב, נישט גערעדט צווישן זיך, געלייענט, געגענעצט, געקוקט אין פענסטער; ס'איז זיי געווען לאַנגווייליק, און זיי זענען געווען אָנגעבלאָזן. אַרום פיר אַ זייגער האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט. זיי זענען אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן. זיי האָבן זיך אָנגעלענט אָן דער טעראַסע, און באַטראַכט אונטן די בייטן, וואָס האָבן זיך געצויגן באַרג-אַראָפּ צום טייך. פון דער ערד האָט זיך געהויבן אַ פּאַרע, אַ פייכטער נעפּל איז געשטיגן צום הימל; קליינע וואַסער-טראָפּנס האָבן געגלאַנצט אין גראָז; דער ריח פון דער דורכגעווייקטער ערד האָט זיך צונויפגעמישט מיט די בשמים-ריחות פון די בלומען; אַרום זיי האָט געזשומט אַ באַגילדעטע מחנה בינען. זיי זענען געזעסן זייער נאָענט און נישט געקוקט איינער אויפן אַנדערן; זיי האָבן זיך נישט דערוועגט איבערצורייסן די שטילקייט. אַ בין איז געקומען צופליען, אָנגעקלאַמערט זיך אומגעשיקט אָן אַ בינטל גליצין, וואָס איז געוואָרן שווער פון רעגן, און אַ שאָקל געטון אויף מינאַן אַ וואַסער-פאַל. זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט, און תּיכּף דערפילט, אַז זיי זענען שוין

נישט ברוגז, אַז זיי זענען ווידער גוטע פריינד. פונדעסטוועגן האָבן זיי איינער אויפן צווייטן נישט געקוקט.

פלוצלינג, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— קומט!

לויפנדיק, האָט זי אים מיטגעשלעפּט צום קליינעם לאַבירינט, אין מיטן וועלדל, וואָס זיינע שטעגלעך זענען געווען אַרומגערינגלט מיט בוקסבוימער. זיי זענען אַרויפגעקראָכן אויפן בערגל, געגליטשט זיך איבער דער נאַסער ערד, און די נאַסע בוימער האָבן אַראָפּגעלאָזן אויף זיי זייערע צווייגן. אויפן שפּיץ בערגל איז זי געבליבן שטיין, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

— וואַרט... וואַרט... — האָט זי געשעפּטשעט אָטעמענדיק שווער.

ער האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים פון דער זייט: שווער-אָטעמענדיק האָט זי געלאַכט מיט אַ האַלב-אָפּענעם מויל; איר הענטל איז געווען איינגעקלאַמערט אין קריסטאָפס האַנט. זיי האָבן געפילט, ווי דאָס בלוט קלאַפּט אונטער זייערע צונויפגעפרעסטע הענט און ציטערנדיקע פינגער. אַרום איז שטיל געווען. די העלע בוימער-שפּיצן פלאַטערן אויף דער זון; אַ קליין רעגנדל טריפט פון די בלעטער מיט אַ זילבער-קלאַנג; און אויבן, אונטערן הימל, טראָגן זיך די הילכיקע געשרייען פון שוואַלבן.

זי האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ: ס'איז געווען ווי אַ בליץ. זי האָט פאַרוואָרפן די הענט אויף זיין האַלז, ער האָט זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס.

— מינאַ! מינאַ! מיין טייערע!...

— איך האָב דיך ליב, קריסטאָף! כ'האָב דיך ליב!

זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ נאַסער הילצערנער באַנק. זיי זענען געווען פול מיט ליבע, מיט אַ זיסער, טיפער, נאַרישער ליבע. אַלץ אַרום איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, אויס עגאָיזם, אויס פּוסטע גאווה, אויס הינטער-געדאַנקען. אַלע נשמה-שאָטנס זענען אָפּגערוימט געוואָרן דורכן ליבע-אָטעם. „ליבן, ליבן" — האָבן גערעדט זייערע לאַכנדיקע,

פון טרערן פייכטע אויגן. אָט דאָס קאַלטע, קאָקעטישע מיידל, אָט דאָס גאַוהדיק יינגל, זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פונם פאַרלאַנג זיך מקריב צו זיין, זיך איבערצוגעבן, צו שטאַרבן איינס פאַרן צווייטן. זיי האָבן זיך איצט נישט דערקענט, זיי זענען נישט געווען די זעלבע; אַלץ איז געוואָרן אַנדערש: זייער האַרץ, זייערע שטריכן, זייערע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַ ריירנדיקער גוטסקייט און צערטלעכקייט-מינוטן פון ריינקייט, פון פאַרגעסונג, פון אַבסאָלוטער איבערגעבנקייט, וואָס ווען שוין קיינמאָל אין לעבן זיך צוריק נישט אומקערן.

נאָך אַ ווילדער שטאַמלעריי, נאָך ליידנשאַפטלעכע הבטחות צו געהערן איינער צום צווייטן אויף אייביק, נאָך טרוימען און קושן און ווערטער אָן אַ שום זין, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז ס'איז שפּעט, האָבן זיי זיך געלאָזט צוריק אַהיים, לויפנדיק און האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, שיר-שיר נישט פאַלנדיק אין די שמאָלע אַלעען; זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן די בוימער, אָבער גאָרנישט נישט געפילט, בלינד און שיכור פון ליבע.

ווען זיי האָבן זיך צעשיידט, איז ער נישט געגאַנגען גלייך אַהיים: ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן. ער איז אַרויס פון שטאָט און געלאָזט זיך איבער פעלדער; ער האָט שפּאַצירט אין דער נאַכט, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן. די לופט איז געווען פריש, דאָס פעלד טונקל און פאַרלאָזט. אַ סאָווע האָט גרילצנדיק געשריען. ער איז געגאַנגען ווי אַ נאַכט-וואַנדלער. ער איז אַרויף אויפן בערגל צווישן די וויינשטאָקן. אין טאָל האָבן געפינקלט די קליינע פייערלעך פון שטאָט, און אויפן טונקעלן הימל — די שטערן. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטיין ביים וועג-ראַנד — און פלוצלינג אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס. ער איז געווען צו-גליקלעך; טרויער און פרייד האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גליק: די דאַנקבאַרקייט פאַר זיין גליק, דאָס רחמנות צו די, וואָס זענען אומגליקלעך, דאָס מעלאַנכאָליש, זיס געפיל, אַז אַלץ איז פאַר איבערגייענדיק און נישטיק, און אויך די פאַרשיכּורונג מיטן לעבן. פון פרייד האָט ער געוויינט און איז אַזוי אין מיטן וויינען אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט שוין כמעט געטאָגט. די ווייסע נעפּלען האָבן זיך געצויגן איבערן טייך און איינגעהילט די שטאָט, ווו מינאַ איז געשלאָפן, צעבראָכן פון מידקייט, מיט אַ האַרץ — באַלויכטן פון אַ גליקלעכן שמייכל.

גלייך צומאָרגנס האָט זיי ווידער אָפּגעגליקט זיך צו טרעפן אין גאָרטן און ווידער זיך זאָגן, אַז זיי האָבן זיך ליב; אָבער איצט איז עס שוין נישט געווען די געטלעכע אומשולד פון נעכטן. זי האָט אַביסל געשפּילט די ראָלע פון אַ פאַרליבטער, און ער, הגם אויפריכטיקער, האָט אויך געשפּילט די ראָלע. זיי האָבן געשמועסט, ווי זייער לעבן וועט אויסזען. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין דלות, אויף זיין נידעריקן מצב. זי האָט גערעדט גרויסמוטיק, און די ברייטהאַרציקייט האָט איר הנאָה געטון. זי האָט געזאָגט, אַז צו געלט איז זי גלייכגילטיק. ס'איז געווען אמת: זי האָט נישט געוווּסט, וואָס געלט איז, נישט וויסנדיק, וואָס אַזוינס דאָס איז אָרעמקייט. ער האָט איר צוגעזאָגט צו ווערן אַ גרויסער קינסטלער; זי האָט געפונען, אַז ס'איז אינטערעסאַנט און שיין, ווי אין אַ ראָמאַן. זי האָט געהאַלטן פאַר איר חוב צו פירן זיך ווי אַן אמתע פאַרליבטע; געלייענט פּאָעזיע און געוואָרן סענטימענטאַל. ער האָט זיך דערפון אָנגעשטעקט, גענומען זיך פּוצן — און געוואָרן לעכערלעך; מדקדק געווען אין אָנטון זיך — און געוואָרן פּרעטענציִז. מאַדאַם קעריך האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ געלעכטער און געפרעגט בײַ זיך, וואָס אַזוינס האָט אים געקאָנט מאַכן אַזוי נאַריש.

אָבער זיי האָבן געהאַט אויך מינוטן פון אמתער פּאָעזיע, וואָס האָבן אויפגעשיינט פּלוצלינג אינמיטן גרויען טאָג, ווי אַ זונענשטראַל, וועלכער רייסט זיך דורך די נעפּלען. אָפּט איז עס געווען אַ בליק, אַ באַוועגונג, אַ וואָרט, וואָס האָט גאָרנישט ניט באַטייט און דאָך אָפּגעטובלט זיי אין גליק. דאָס איז געווען אָפּט אַ „זיי־געזונט" אין אָוונט, אויף די שוואַך־באַלויכטענע טרעפּ; די אויגן האָבן זיך געזוכט און געפונען זיך אין דער האַלב־פינסטערניש; די הענט, האָבן זיך אָנגערירט און געציטערט; ס'האָט געציטערט די שטים, — אָט די אַלע קלייניקייטן זענען אַרויפגעשוווּמען אויפן זכרון בײַנאַכט, בעת זיי זענען געשלאָפן אַזוי לײַכט, אַז דער קלונג פונם זייגער יעדע שעה האָט זיי אויפגעוועקט, און זייער האַרץ האָט געזונגען: „ער האָט מיך ליב" ווי דאָס מורמלען פון אַ טייך.

זיי האָבן איצט געפונען חן אין יעדער זאַך. דער פרילינג האָט געשמייכלט מיט אַ ווונדערבאַרער זיסקייט. דער הימל האָט געשיינט, די לופט איז געווען צערטלעך — און זיי האָבן עס פריער גאָרנישט געוווסט. די גאַנצע שטאָט, די רויטע דעכער, די אַלטע מויערן, די שלעכט ברוקירטע גאַסן — אַלץ האָט איצט געהאַט אַ באַזונדערן חן, וואָס האָט קריסטאָפן געריירט. ביינאַכט, ווען אַלץ אַרום איז געשלאָפן, האָט זיך מינאַ אויפגעהויבן פון בעט און פאַרשלאָפן און פיבערדיק זיך געזעצט ביים פענסטער. און אין די נאָכמיטאָגס, ווען ער איז נישט געקומען, האָט זי געטרוימט, זיצנדיק אין וויג-שטול, מיט אַ בוך אויף די קני, מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן, דרימלענדיק אין אַ גליקלעכער מידקייט, בעת דער גוף און די נשמה האָבן געשוועבט אין דער פרילינג-לופט. זי האָט איצט שעהנלאַנג פאַרבראַכט ביים קלאַוויר, שפּילנדיק אָן אויפהער, מיט אַ געדולד, וואָס האָט אַנדערע דערעסן, אַקאָרדן און גאַמעס, וואָס האָבן זי בלייך און קאַלט געמאַכט פון אויפרעגונג. זי האָט געוויינט הערנדיק שומאַנס מוזיק. זי האָט געפילט אַ רחמנות און גוטסקייט צו אַלעמען; אויך ער איז געווען פונקט ווי זי. זיי האָבן שטילערהייט געגעבן נדבות אָרעמעלייט, וואָס זיי האָבן געטראָפן, און בשעת-מעשה איבערגעקוקט זיך מיט אַ בליק פון קעגנזייטיקער הסכמה: זיי זענען געווען גליקלעך צו זיין אַזוי גוט.

אין דער אמתן אָבער זענען זיי גוט געווען נאָר ביי געוויסע געלעגנהייטן, מינאַ האָט פלוצלינג דערפילט, ווי טרויעריק עס איז דאָס באַשיידענע, מסירות-נפשדיקע לעבן פון דער אַלטער פרידאַ, וואָס דינט ביי זיי אין הויז זינט דער מוטערס קינדער-יאָרן, און זי האָט זיך תיכף געוואָרפן אויף איר האַלז, צום גרויסן דערשטוינען פון דער גוטער אַלטיטשקער, וואָס איז געווען פאַרנומען אין קיך מיט פאַריכטן וועש. נאָר דאָס האָט איר נישט געשטערט אין צוויי שעה אַרום מאַכן איר אַ האַרבן אויסרייד, פאַרוואָס פרידאַ איז נישט אַריינגעקומען גלייך ווי זי האָט אַ קלונג געטון מיטן גלעקל. און קריסטאָף, וואָס האָט געברענט מיט אַ ליבע צו אַלע מיני מענטשן און אויסגעמיטן דעם וועג, כדי נישט צו צעטרעטן, חלילה, אַ ווערימל, איז געווען לחלוטין גלייכגילטיק צו זיין אייגענער פאַמיליע. דורך אַ מערקווירדיקער רעאַקציע איז ער געוואָרן אַלץ קעלטער און טרוקענער צו זיינע אייגענע, וואָס מער האַרציקייט ער האָט אַרויסגעוויזן צו אַלע אַנדערע מענטשן, — ער האָט קוים געטראַכט וועגן זיין פאַמיליע,

גערעדט וועגן זיי בייז און אויסגעמיטן זיי צו זען. די סיבה פון זייער ביידנס גוטסקייט איז געווען דער איבערפלוס פון צערטלעכקייט, וואָס האָט פאַרפלייצט די ברעגן — און דער ערשטער־בעסטער צופעליקער פאַרבייגייער האָט פון איר געגאָסן. חוץ די דאָזיקע אויסברוכן, זענען זיי אָבער געווען גרעסערע עגאָיסטן, ווי שטענדיק, ווייל זייער גייסט האָט זיך פאַרקליבן אין איין איינציקער מחשבה, וואָס אַלץ האָט זיך אַרום איר געדרייט.

וואָס פאַר אַן אָרט האָט פאַרנומען אין קריסטאָפס לעבן די געשטאַלט פונם מיידל! ס'אַראַ שטאַרק געפיל ער האָט איבערגעלעבט, בעת ער האָט זי געזוכט אין גאָרטן און באַמערקט פון ווייטן איר ווייס קלייד; ווען ער איז געזעסן אין טעאַטער, עטלעכע טריט פון זייערע נאָך פרייע ערטער און דערהערט, ווי ס'עפנט זיך די טיר און ווי ס'לאַכט אַריין די שטים, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט; אָדער ווען ער האָט אין אַ זייטיקן שמועס פון פרעמדע מענטשן דערהערט דעם טייערן נאָמען פאָן „קעריך"! ער פלעגט ווייס און רויט ווערן; עטלעכע מינוט האָט ער גאָרנישט נישט געזען און נישט געהערט. און באַלד נאָכדעם האָט אַ שטראָם בלוט זיך צעגאָסן איבער זיין קערפּער, אַ שטראָם פון פאַרבאָרגענע כוחות.

די קליינע, נאַיווע, ליידנשאַפטלעכע דייטשקע פלעגט אויסטראַכטן משונהדיקע שפּילן. זי האָט אַוועקגעלעגט איר רינגל אויף אַ קופּע מעל און איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי געדאַרפט מיט די ציין אָנגעמען דאָס רינגל, נישט ווייס־מאַכנדיק די נאָז. אָדער זי האָט דורכגעצויגן אַ פאָדים דורך אַ קיכעלע און ביידע האָבן אַריינגענומען די שפּיצן פון פאָדים אין מויל; ס'איז געגאַנגען אין דעם, אַז קייענדיק דעם פאָדים האָבן זיי וואָס־גיכער באַדאַרפט איינבייסן דאָס קיכעלע. זייערע פּנימער האָבן זיך דערנענטערט, זייערע אָטעמס צונויפגעמישט, זייערע ליפּן זיך אָנגערירט, זיי האָבן געלאַכט מיט אַ געמאַכטן געלעכטער און די הענט זענען זיי געוואָרן קאַלט ווי אייז. קריסטאָף האָט געהאַט חשק צו בייסן, אָנצוטון זיך אַ ווייטיק, — נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך געוואָרפן צוריק; זי האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן מיט אַ געצוווּנגענעם געלעכטער. זיי האָבן זיך איינער פון אַנדערן אָפּגעקערט און געמאַכט זיך גלייכגילטיק קוקנדיק פון דער זייט.

די אויפרעגנדיקע שפּילן האָבן זיי געצויגן און באַאומרויקט; זיי האָבן עס געזוכט און עס אויסגעמיטן. קריסטאָף האָט פאַר דעם

מורא געהאַט און ער האָט שוין בעסער געוואָלט די קעגנוואַרט פון מאַדאַם קעריך אָדער פון עמעצן אַן אַנדערן, וואָס איז זיי געווען צו לאַסט. אייגנטלעך איז קיינעמס קעגנוואַרט נישט געווען בכּוח איבעריצורייסן דעם שמועס פון זייערע פאַרליבטע הערצער; די שטערונגען האָבן נאָך שטאַרקער און זיסער געמאַכט אָט דעם שמועס. דעמאָלט האָט אַלץ געהאַט אַן אומגעהויערן ווערט: אַ וואָרט, אַ מאַך מיט די ליפּן, אַ בליק איז געווען גענוג, אַז אונטערן באַנאַלן שלייער פון זייער וואָכעדיק לעבן זאָל זיך אַנטפּלעקן דער רייכער, פרישער אוצר פון זייער אינערלעכקייט. נאָר זיי האָבן אים געקאָנט זען: אַזוי האָבן זיי לפּחות געגלויבט און געלאַכט, גליקלעך פון די געמיינזאַמע סודות. ווען מ'הערט זיך צו צו זייערע ווערטער, וואָלט מען באַמערקט בלויז אַ סאַלאָן־שמועס וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, בעת פאַר זיי איז עס געווען דאָס אייביקע ליבע־ליד. זיי האָבן געלייענט די מינדסטע פאַרשווינדנדיקע שטריכן פון זייער פּנים און שטים, ווי פון אַן אָפן בוך; זיי וואָלטן עס פּונקט אַזוי גוט געקאָנט לייענען מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווייל ס'איז גענוג געווען פאַר יעדן פון זיי איינצוהערן זיך צום אייגענעם האַרצן, כּדי צו דערהערן דאָרט דעם אָפּקלאַנג פונם געליבטנס האַרץ. זיי זענען געווען פול, איבער די גרענעצן פון דער נשמה, מיטן צוטרוי צום לעבן, צו זייער גליק, צו זיך אַליין. זייערע האָפענונגען האָבן נישט געהאַט קיין צוימען. זיי האָבן ליב געהאַט, געווען געליבט, גליקלעך, אָן אַ שום שאָטן, אָן אַ שום צווייפל, אָן שרעק פאַר דער צוקונפט. אָ, ווונדערלעכע לויטערקייט פון די פרילינג־טעג! קיין איין וואָלקן אויפן הימל! אַ גלויבן, וואָס איז אַזוי שטאַרק, אַז קיין זאַך אין דער וועלט קאָן אים נישט פאַרשוועכן. אַ פרייד, וואָס איז אַזוי פול, אַז קיין זאַך אין דער וועלט קאָן עס נישט אויסשעפּן. צי לעבן זיי? צי טרוימען זיי? געוויס, זיי טרוימען. נישטאָ קיין שום שייכות צווישן דעם לעבן און זייערע חלומות. קיין זאַך נישט — אין דער פאַרכישופטער שעה זענען זיי אַליין אויך בלויז אַ חלום: זייער לעבן ווערט בטל אינם אָטעם פון דער ליבע.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און מאַדאַם קעריך איז דערגאַנ־

גען זייער קליינעם סוד; זיי האָבן געגלויבט, אַז ער איז טיף פאַר־באָרגן, נאָר באמת איז עס זיי נישט געראָטן. זינט די מוטער איז אומגעריכט אַריינגעקומען, בעת מינאַ האָט גערעדט מיט קריסטאָפן נעענטער, ווי עס פּאַסט, און צעטומלט און אומגעלומפּערט האָבן זיי אָפּגעטראָטן גיך, ווען די טיר האָט זיך געעפנט, — זינט דעמאָלט האָט מינאַ געהאַט אַ חשד, אַז איר מאַמע ווייסט עפּעס. מאַדאַם קעריך האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק. דאָס האָט מינאַן כּמעט פאַרדראָסן. זי האָט געוואָלט מלחמה האַלטן מיט דער מוטער: ס'וואָלט געווען ראָ־מאַנטישער.

די מוטער אָבער האָט זיך געהיט צו געבן איר אַ געלעגנהייט דערצו; זי איז געווען צו קלוג צו ווערן אומרויק אָדער צו מאַכן איר וועגן דעם אַ באַמערקונג. נאָר מיט מינאַן האָט זי גערעדט וועגן קריסטאָפן איראָניש און אָן רחמנות חוזק געמאַכט פון זיינע לעכער־לעכע מידות; זי האָט אין אַ פּאָר ווערטער געמאַכט פון אים אַ תל. זי האָט עס געטון אָן אַ שום כּוונה, נאָר מיטן חוש, מיט דער נאַטיר־לעכער פאַלשקייט פון אַ גוטער פרוי, וואָס פאַרטיידיקט איר אייגנס. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס מינאַ האָט זיך געווערט, געבלאָזן זיך, גערעדט עזותדיק און אָפּגעלייקנט די ריכטיקייט פון אירע רייד: זיי זענען פּונקט געווען ריכטיק, און מאַדאַם קעריך האָט געהאַט אַ גרוי־זאַמע פעיקייט צו טרעפן אין פּינטל אַריין. קריסטאָפס גראָבע שטיוול, זיינע מיאוסע מלבושים, זיין שלעכט-געריייניקטער הוט, קליינשטעטלדי־קער לשון, דער לעכערלעכער אופן פון זיינע באַגריסונגען, זיינע וואול־גאַרע אויסגעשרייען — זי האָט קיין זאַך נישט דורכגעלאָזן, וואָס זאָל קאָנען טרעפן מינאַס אייגנליבע: ס'איז געווען אַן איינפאַכע באַמער־קונג, אַרויסגערעדט סתם אין דער וועלט אַריין; קיינמאָל האָט עס נישט אָנגענומען די פאָרם פון אַ פאָרוואורף; און ווען מינאַ איז גע־וואָרן בייז און געוואָלט ענטפערן, האָט מאַדאַם קעריך גענומען רעדן מיט אַן אומשולדיקן טאָן וועגן אַן אַנדערן ענין. אָבער די פייל איז געבליבן שטעקן אין האַרץ, און מינאַ איז געווען געטראָפן.

זי האָט אָנגעהויבן קוקן אויף קריסטאָפן מיט אַ ווינציקער צערט־לעכן בליק. ער האָט עס מיט אַן אומקלאָרן חוש דערפילט און אומ־רויק געפרעגט:

— פאַרוואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

זי האָט געענטפערט:

— גאָרנישט.

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, ווען ער איז פרײַלעך געוואָרן, האָט זי אים בייז פאָרגעוואָרפן, וואָס ער לאַכט אַזוי הילכיק. ער איז גע-וואָרן צעמישט; ס'איז אים קיינמאָל נישט אײַנגעפאַלן, אַז ער דאַרף זיך אײַנהאַלטן פאַר איר, בעת ער לאַכט: די גאַנצע פרייד זײַנע איז צעשטערט געוואָרן. אָדער ווען ער האָט גערעדט און אויסגעגאָסן פאַר איר זײַן האַרץ, פלעגט זי אַ צעשטרייטע אים איבעררײַסן מיט דער טענה, אלמאי ער היט נישט אָפּ זײַנע מלבושים, אָדער זי פלעגט אים עקשנותדיק און פעדאַנטיש פאַריכטן זײַנע פראָסטע אויס-דרוקן. ער האָט פאַרלוירן דעם חשק צו רעדן און טיילמאָל געוואָרן גראָב. שפּעטער האָט ער זיך אײַנגערעדט, אַז אירע רייד, וואָס רעגן אים אויף, זענען אַ סימן פון איר אינטערעס צו אים, און אויך זי האָט זיך אײַנגערעדט דאָס זעלבע. ער האָט געפּרוּווט הכנעהדיק אויסהערן און נאָכגעבן, אָבער זי איז נישט געווען צופרידן דער-מיט, — ווײַל ס'פלעגט זיך אים נישט אײַנגעבן.

אָבער זיי האָבן קיין צײַט נישט געהאַט, — נישט ער, נישט מינאַ, — צו באַמערקן דעם שינוי, וואָס איז אין איר פאָרגעקומען. ס'איז אָנגעקומען דער פסח און מינאַ האָט געדאַרפט צוזאַמען מיט דער מוטער צופאָרן צו די קרובים, נישט ווײַט פון ווײַמאַר.

די לעצטע וואָך פאַר זייער צעשיידונג איז ווידער געקומען די אינטימקייט פון די ערשטע טעג. אויסער עטלעכע ברוגז-מינוטן, איז מינאַ געווען האַרציקער, ווי ווען-עס-איז. ערב איר אָפּפאָר האָבן זיי שפּאַצירט אַ לענגערע צײַט אין גאָרטן; זי האָט סודותפול געפירט קריסטאָפן טיף אין אַ געדיכטן אָרט און אים אָנגעהאָנגען אויפן האַלז אַ פאַרפומירט בײַטעלע, ווו ס'איז געלעגן אַ לאָק פון אירע האָר; זיי האָבן זיך ווידער געשוווירן אייביקע טרײַהייט, צוגעזאָגט יעדן טאָג צו שרײַבן און אויסגעקליבן אַ שטערן אויפן הימל, אויף וועלכן זיי זאָלן ביידע קוקן יעדן אָוונט אין דער זעלבער שעה.

דער פאַטאַלער טאָג איז געקומען. צען מאָל, אין משך פון דער נאַכט, האָט ער זיך געפרעגט: „ווו וועט זי זײַן מאָרגן?" און איצט האָט ער געטראַכט: „הײַנט איז עס. הײַנט אינדערפרי איז זי נאָך דאָ, אָבער אין אָוונט..." ער איז אַוועק צו איר נאָך פאַר אַכט. זי איז נאָך נישט געהאַט אויפגעשטאַנען. ער האָט געפּרוּווט שפּאַצירן איבערן

גאָרטן און נישט געקאָנט, ער האָט זיך אומגעקערט צו זייער הויז. די קאָרידאָרן זענען געווען פול מיט קאַסטנס און פעק; ער האָט זיך געזעצט אין ווינקל פון צימער, צוגעהערט זיך צום רעש פון דער טיר, צום סקריפען פון דיל, און דערקענט די טריט, וואָס זענען היין און צוריק אַרומגעגאַנגען אויפן אויבערשטן גאָרן. מאַדאַם קעריך איז פאַרבייגעגאַנגען און דערזעענדיק אים, לייכט אַ שמייכל געטון און שפּאָטיש געזאָגט: „גוט מאָרגן". לסוף האָט זיך באַוויזן מינאַ; זי איז געווען בלייך און געהאַט געשוואָלענע אויגן; די נאַכט איז זי נישט געשלאָפן מער פון אים. זי האָט געגעבן באַפעלן די דינער מיט אַ ווילכטיקער מינע; זי האָט דערלאַנגט קריסטאָפן די האַנט און בשעת־מעשה נישט אויפגעהערט צו רעדן מיט דער אַלטער פרידאַ. זי איז שוין געווען פאַרטיק צום פאָרן. מאַדאַם קעריך איז אַריינגעקומען. זיי האָבן ביידע געשמועסט וועגן אַ שאַכטל פון אַ הוט. ס'האָט זיך גע־דאַכט, אַז מינאַ באַמערקט לחלוטין נישט קריסטאָפן, וואָס איז געזעסן ביים קלאַוויר אַ פאַרגעסענער און אומגליקלעכער. זי איז צוזאַמען מיט דער מוטער אַרויסגעגאַנגען און באַלד צוריקגעקומען; פון דער שוועל האָט זי נאָך גערעדט עפּעס צו מאַדאַם קעריך. זי האָט פאַרמאַכט די טיר. זיי זענען געבליבן אַליין. זי איז צוגעלאָפן צו אים, אָנגעכאַפּט אים פאַר דער האַנט און אַריינגעשלעפּט אין צווייטן צימער, ווו די פאָרהאַנגען זענען געווען אַראָפּגעלאָזן. דעמאָלט האָט זי האַסטיק צו־געדריקט איר פּנים צו קריסטאָפס און אים געגומען ווילד קושן מיט אַלע כּוחות. זי האָט אים וויינענדיק געפרעגט:

— זאָגסט מיר צו, זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט מיך אייביק ליב האָבן?

זיי האָבן זיך שטיל צעכליפּעט און קאָנוווּלסיוו זיך אָנגעשטרענגט, מ'זאָל זיי נישט דערהערן. ס'האָבן זיך דערנענטערט טריט, און זיי האָבן זיך איינער פון אַנדערן אָפּגערוקט. מינאַ האָט אויסגעווישט די אויגן און ווידער גענומען רעדן צו די באַדינער מיט אַ געמאַכטער רויקייט; איר שטים אָבער האָט געציטערט.

ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צוצוגנבענען איר טיכעלע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן, איר קליין טיכעלע, וואָס איז געווען אויסגעשמירט, צע־קנייטשט און נאַס פון טרערן.

ער האָט באַגלייט זיינע פריינדינס אין זייער קאַרעטע צום באַן. זיצנדיק איינס קעגן אַנדערן, האָבן די קינדער קוים געהאַט די העזה

זיך אָנצוקוקן — פון מורא זיי זאָלן זיך נישט צעוויינען. זייערע הענט האָבן זיך באַהאַלטענערהייט געזוכט און געדריקט זיך ביז ווייטיק. מאַדאַם קעריך האָט זיי גוטמוטיק און ביטרע באַטראַכט און זיך גע־מאַכט, אַז זיך באַמערקט גאָרנישט.

לסוף האָט אויסגעקלונגען די שעה. קריסטאָף איז געשטאַנען ביי דער טיר פון וואַגאָן, און ווען דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט ער גענומען נאָכלויפן ביי דער זייט פונם וואַגאָן, נישט געקוקט פאַר זיך, אָנגעשטויסן זיך אָן די באַאַמטע, מיט די אויגן אָנ־געהאָנגען אָן מינאַ, ביז דער צוג האָט אים איבערגעיאָגט. ער איז אַלץ געלאָפן, ביז ער האָט שוין מער גאָרנישט נישט געזען. דעמאָלט איז ער געבליבן שטיין אָן אָטעם; ער האָט זיך ווידער געפונען אויפן וואָקזאַל, צווישן גלייכגילטיקע מענטשן. ער איז געגאַנגען אַהיים, ווו ער האָט — צום גליק — קיינעם נישט געטראָפן, און אַ גאַנצן פרי־מאָרגן געוויינט.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט די יסורים פון צעשיידונג, די אומדערטרעגלעכע מאַטערניש פון פאַרליבטע הער־צער. די וועלט איז געוואָרן פוסט, דאָס לעבן איז געוואָרן פוסט, אַלץ איז געוואָרן פוסט. שווער ממש צו אָטעמען: אַ טויט־שווערע אַנגסט, אַ משא איבער די מענטשלעכע כוחות. באַזונדערס, ווען עס בלייבן אַרום דיר ממשותדיקע שפּורן פון דער געליבטערס פאַרשווינדן; ווען די זאַכן, וואָס רינגלען דיך אַרום, דערמאָנען כסדר אָן איר! ווען דו בלייבסט אין דער זעלבער היימישער סביבה, ווו איר האָט צוזאַמען פאַרבראַכט; ווען דו מאַטערסט זיך אויפצולעבן אויפן זעלבן אָרט דאָס פאַרשווונדענע גליק. דו פילסט דעמאָלט, ווי אַ תהום וואָלט זיך גע־עפנט אונטער דיינע טריט: דו בויגסט זיך אַראָפּ צום תהום, עס שווינדלט דיר אין קאָפּ, דיר דאַכט זיך, אַז דו פאַלסט — און פאַלסט אַראָפּ. דו גלויבסט, אַז דער טויט שטייט פאַר דיר פּנים־אל־פּנים. און ס'איז אמת: די צעשיידונג איז איינע פון זיינע געשטאַלטן. דו זעסט, ווי פאַר דיינע אויגן פאַרשווינדט דאָס טייערסטע, וואָס דיין האַרץ

פאַרמאָגט: דאָס לעבן ווערט אַנטרונען, עס בלייבט נאָר אַ שוואַרצער חלל — גאָרנישט.

קריסטאָף האָט באַזוכט אַלע אים טייערע ערטער, כּדי אָנצוטון זיך נאָך מער יסורים. מאַדאַם קעריך האָט אים איבערגעלאָזט דעם שליסל פונם גאָרטן, ער זאָל קאָנען דאָרט שפּאַצירן, בעת זיי וועלן נישט זיין, דעם זעלבן טאָג איז ער ווידער געקומען אין גאָרטן; ער האָט געמיינט, אַז ער וועט דערשטיקט ווערן פון ווייטיק. גייענדיק אַהין האָט ער געהאָפט צו געפינען דאָרט עפּעס אַ שפּור פון דער, וואָס איז אָפּגעפאָרן; ער האָט געפונען נאָך מער, ווי ער האָט זיך געריכט — איר בילד האָט אַרומגעשוועבט איבער אַלע בייטן; ער האָט גוט געוווּסט, אַז זי וועט זיך נישט באַווייזן; אָבער ער האָט זיך אַליין גענומען איינרעדן, אַז ער וועט אויפזוכן די שפּורן פון זיינע ליבע-זכרונות: דאָס וועגל צום לאַבירינט, די טעראַסע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט גליציינען. די באַנק אינם וועלדל; עקשנותדיק האָט ער זיך געפּייניקט און אַלץ איבערגעחזרט: „מיט אַכט טעג צוריק... מיט דריי טעג צוריק... נעכטן, ס'איז געווען דאָ, נעכטן איז זי דאָ געווען... אפילו היינט אין דער פרי...” ער האָט אַזוי פאַרמאַטערט דאָס האַרץ מיט אָט די געדאַנקען, אַז ער איז געבליבן שטיין און געפילט, ווי די כּוחות גייען אים אויס. — צוזאַמען מיטן טרויער האָט ער אויך געפילט אַ כּעס צו זיך אַליין פאַר דער גאַנצער, אומזיסט-פאַרלוירענער, שיינער צייט, וואָס ער האָט נישט אויסגענוצט. אַזוי פיל רגעס, אַזוי פיל שעהן, ווען ער האָט געקאָנט שעפּן פונם אומענדלעכן גליק זי צו זען, אַריינצואָטעמען אין זיך, צו קוויקן זיך מיט איר! און ער האָט עס נישט אָפּגעשאַצט; ער האָט געלאָזט די צייט גיין און נישט אויסגענוצט יעדע איינע פון די פיל קליינע מינוטן! און איצט — איצט איז שוין צו שפּעט... פאַרפאַלן! פאַרפאַלן!

ער איז געגאַנגען אַהיים. צו זיינע אייגענע האָט ער איצט געפילט אַ שנאה. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זייערע פּנימער, זייערע באַוועגונגען, זייערע נאַרישע שמועסן, די זעלבע, וואָס נעכטן, די זעלבע, וואָס אין די פריערדיקע טעג, בעת זי איז נאָך דאָ געווען. זיי האָבן ווייטער געפירט זייער וואָכעדיק לעבן, גלייך ווי האַרט נעבן זיי וואָלט נישט פאָרגעקומען אַזאַ גרויס אומגליק. אויך די שטאָט האָט גאָרנישט געפילט. די מענטשן זענען געגאַנגען צו זייערע עסקים לאַכנדיק, טומלענדיק, פאַרדאַגהט; די גרילן האָבן געגרילצט, דער הימל

האָט געשטראַלט. ער האָט זיי אַלעמען פיינט געהאַט, ס׳האָט אים גע-פייניקט אַלעמענס עגאָיזם. אָבער ער גופא איז געווען מער עגאָיסט ווי די גאַנצע וועלט. קיין זאַך האָט פאַר אים קיין ווערט נישט גע-האַט. ס׳איז אין אים נישט געבליבן קיין סימן פון גוטסקייט. ער האָט מער קיינעם נישט ליב געהאַט.

קלאָגעדיק זענען געווען זיינע טעג. זיינע עסקים האָבן אים אויטאָמאַטיש אַריינגעצויגן, ער האָט אָבער פאַרלוירן דעם מוט צו לעבן.

אין איינעם אַן אָוונט איז ער שווייגנדיק און דערשלאָגן געזעסן מיט זיין בני-בית ביים טיש; דער בריוו-טרעגער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און דערלאַנגט אים אַ בריוו. זיין האַרץ האָט אים תיכף גע-זאָגט, פון וואַנען דער בריוו איז, איידער ער האָט נאָך געזען דעם כתב. פיר פּאָר אויגן, איינגעגעסן אין אים מיט אַן אומבאַשיידענעם נייגיר, האָבן געוואַרט, ער זאָל איבערלייענען דעם בריוו; זיי האָבן אַלע געהאָפט, אַז באַלד וועט קומען עפּעס, וואָס וועט איבעררייסן זייער טאָג-טעגלעכע לאַנגווייליקייט. נאָר ער האָט אַוועקגעלעגט דעם בריוו ביי דער זייט פון טעלער און זיך אָנגעטון אַ כוח נישט צו עפענען אים; ער האָט זיך געמאַכט גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט לכתחילה געוווסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָבער זיינע נייגעריקע ברידער האָבן אים נישט געגלויבט און ווייטער פאָרשנדיק אים אָנגעקוקט: אָט אַזוי האָט ער זיך געפייניקט ביז ער האָט געענדיקט עסן. דעמאָלט האָט ער זיך באַפרייט און זיך פאַרשפאַרט ביי זיך אין צימער. זיין האַרץ האָט אַזוי האַסטיק געקלאַפּט, אַז עפנענדיק דעם בריוו האָט ער אים שיר נישט צעריסן. ער האָט געציטערט פאַרן בריוו, וואָס ער גייט לייענען; אָבער ווי נאָר ער האָט דורכגעוואָרפן די ערשטע ווער-טער, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פרייד.

דאָס זענען געווען עטלעכע זייער רירנדיקע שורות. מינאַ האָט צו אים געשריבן באַהאַלטענערהייט. זי האָט אים גערופן: „טייערער קריסטליין", דערציילט אים, אַז זי האָט זייער פיל געוויינט; אַז זי האָט יעדן אָוונט געקוקט אויפן שטערן; אַז זי איז אין פראַנקפורט, און אַז פראַנקפורט איז אַ גרויסאַרטיקע שטאָט מיט וווּנדערבאַרע גע-וועלבן, נאָר זי לעגט אויף קיין זאַך קיין אַכט נישט, ווייל זי טראַכט נאָר וועגן אים. זי האָט אים דערמאָנט, אַז ער האָט איר געשוווירן צו בלייבן טריי און נישט צו טרעפן זיך מיט קיינעם, כל-זמן זי איז

נישטאָ, כּדי צו טראַכטן נאָר וועגן איר. זי וויל, אַז ער זאָל אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז נישטאָ, שטאַרק אַרבעטן, כּדי ער זאָל ווערן באַרימט און במילא זי אויך. זי האָט געענדיקט מיט דער פראַגע, צי ער געדענקט יענעם קליינעם זאַל, ווו זיי האָבן זיך געזעגנט אין טאָג פון צעשיידונג; און זי האָט אים געבעטן, ער זאָל אַהין נאָכאַמאָל אַריבערגיין; זי, פון איר זייט, זאָגט אים צו אויך צו זיין אין יענעם זאַל מיטן געדאַנק, צו זאָגן אים אויפן זעלבן אופן „אַדיע". זי האָט אונטערגעחתמעט: „אייביק דיינע! אייביק!"... און צו־געגעבן אַ פּאָסט-סקריפּטום, ווו זי האָט אים געהייסן קויפן אַ שטרויע־נעם הוט אָנשטאָט זיין מיאוסן פילץ-הוט, — „אַלע עלעגאַנטע מענטשן טראָגן עס דאָ: — אַ גראָב-געפלאָכטענעם שטרוי-הוט מיט אַ ברייטן, בלויען באַנד".

קריסטאָף האָט פיר מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, איידער ער האָט אים ווי ס'דאַרף צו זיין פאַרשטאַנען. ער איז געווען באַרוישט און נישט געווען בכּוח צו זיין גליקלעך; ער האָט זיך פלוצלינג דערפילט אַזוי מיד, אַז ער האָט זיך געלעגט, לייענענדיק דעם בריוו אָן אַ שיר מאָל און קושנדיק אים יעדע ווײַלע. ער האָט אים באַהאַלטן אונטער זיין קישן און מיט דער האַנט געטאַפּט אָן אויפהער, צי ער איז דאָרט פאַראַן. אַ גליק וואָס ס'איז שווער אויסצודריקן אין ווערטער, האָט אים אַרומגעכאַפּט, ער איז אַזוי אין אָטעם אָפּגעשלאָפן ביזן אַנדערן טאָג.

דאָס לעבן איז אים געוואָרן לייכטער. מינאַס טרייע געדאַנקען האָבן געשוועבט אַרום אים. ער האָט זיך געזעצט צו ענטפערן איר, אָבער נישט געטאָרט שרייבן צו איר פריי און געמוזט באַהאַלטן, וואָס ער פילט; ס'איז געווען פאַרדראָסיק און שווער. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרהוילן זיין ליבע אונטער די ווערטער פון צערעמאָניאַלע העפ־לעכקייט, וואָס האָט אים שטענדיק געמאַכט לעכערלעך.

אָפּגעשיקט דעם בריוו, האָט ער גענומען וואַרטן אויף מינאַס תשובה און איצט געלעבט נאָר מיט אָט דער דערוואַרטונג. כּדי זיך צו באַהערשן, האָט ער געפּרוווט שפּאַצירן, לייענען. אָבער געטראַכט האָט ער נאָר וועגן מינאַן, און עקשנותדיק איבערגעחזרט איר נאָמען, ווי איינער, וואָס איז באַהערשט פון אַ מאַניע; ער האָט געפילט צו דעם נאָמען אַ געצנדינערישע ליבע; וווהין ער איז געגאַנגען, האָט ער או־מעטום געטראָגן אין טאַש לעסינגס אַ באַנד ווערק, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען דער נאָמען „מינאַ"; יעדן טאָג, גייענדיק פון טעאַטער, האָט

ער בכיוון אָנגעלעגט וועג, כּדי פאַרבייצוגיין אַ געוועלב, וואָס אויף זיין שילד זענען געווען אויסגעשריבן די פיר געליבטע אותיות.

ער האָט זיך באַשולדיקט אין לײדיק-גייערײ, בעת זי האָט אים שטרענג אָנגעזאָגט פיל צו אַרבעטן, כּדי צו ווערן באַרימט. די תּמי-מותדיקע גאַווה פון אָט-דער בקשה האָט אים ממש גערירט, ס'איז אַ סימן פון איר צוטרוי. כּדי אַנטקעגנצוקומען איר ווילן, האָט ער באַ-שלאָסן אָנצושרייבן אַ ווערק, וואָס זאָל זיין נישט נאָר איר געווידמעט, נאָר אַפילו געהייליקט. ער האָט איצט סיי-ווי-סיי קיין אַנדערע אַרבעט נישט געקאָנט טון. ווי-נאָר ס'איז אים איינגעפאַלן דער דאָזיקער גע-דאַנק, האָבן גענומען שטראָמען די מוזיקאַלישע איינפאַלן. עס איז גע-ווען, ווי אַ וואַסער-שטראָם, וואָס האָט זיך חדשים לאַנג געזאַמלט אין אַ רעזערוואַר און מיטאַמאָל זיך אַדורכגעריסן, פאַרפלייצנדיק אַלע צוי-מען אַרום. אַלט טאָג איז ער נישט אַרויס פון צימער. לואיזע האָט אים געשטעלט דאָס עסן פאַר דער טיר: אפילו איר האָט ער פאַר-ווערט אַריינצוגיין.

ער האָט פאַרפאַסט אַ קווינטעט פאַר קלאַרנעט און סטרונע-אינ-סטרומענטן. דער ערשטער טייל איז געווען אַ פּאָעמע פון יוגנטלעכער האָפנונג און באַגער, — די לעצטע, אַ ליבע-שפּאַס, ווו ס'האָט זיך אויסגעדריקט קריסטאָפס כּמעט ווילדער הומאָר. אָבער דאָס גאַנצע ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָר צוליב דעם צווייטן שטיק: די לאַרגעטאָ, ווו קריסטאָף האָט געשילדערט אַ יונגע, פייערדיקע נשמה, ס'האָט געזאָלט זיין מינאַס פּאָרטרעט. קיינער וואָלט עס נישט געכאַפּט, זי אַליין אויך זיכער נישט; דער עיקר אָבער, ער האָט זי דאָרט דערקענט; ער האָט געפילט אַ ציטער פון הנאה, בעת ער האָט געהאַט די אילוזיע, אַז ער האָט באַהערשט די נשמה פון זיין געליבטער. קיין אַרבעט איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט און נישט געמאַכט אים אַזוי גליקלעך: ס'איז געווען אַן אויסגאַנג פאַר דער שפע פון ליבע, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט, זינט זיי האָבן זיך צעשיידט; און אין דער זעלבער צייט — די זאָרג פאַר דעם קונסט-ווערק, די נויטיקע אָנשטרענגונג צו באַהערשן און אויסגיסן די לײדנשאַפט אין אַ שיינער, קלאָרער פאָרם, — האָבן אים אומגעקערט די גייסטיקע געזונטקייט, דאָס גלייכגעוויכט פון אַלע זיינע כּוחות, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ פיזישע הנאה. ס'איז דער העכסטער תּענוג, פון וועלכן עס ווייסט דער שאַפנדיקער קינסטלער: בעת ער שאַפט, באַפרייט ער זיך לחלוטין

פון דער שקלאַפעריי פון באַגער און ווייטיק; ער ווערט זייער מייסטער; און אַלץ, וואָס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן און טוט אים אָן יסורים, — זעט אויס אין זיינע אויגן, ווי דער פרייער שפיל פון זיין ווילן. אָבער צו קורץ זענען אָט די רגעס: באַלד געפינט מען זיך ווידער אין נאָך שווערערע קייטן פון דער ווירקלעכקייט.

כל-זמן קריסטאָף איז געווען פאַרנומען מיט דער אַרבעט, האָט ער נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן, אַז מינאַ איז נישטאָ: ער האָט געלעבט מיט איר. מינאַ איז מער נישט געווען ווייט פון אים, זי איז אינגאַנצן געווען אין אים. נאָר ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך ווידער דערפילט איינזאַם, פיל איינזאַמער ווי פריער, מידער און אויסגעשעפטער; ער האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין צוויי וואָכן ווי ער האָט געשריבן צו מינאַן — און נאָך אַלץ נישט באַקומען קיין תשובה.

ער האָט איר אָנגעשריבן נאָכאַמאָל; און דאָס מאָל האָט ער זיך שוין נישט געהיט אַזוי צו פאַרבאָרגן זיינע געפילן, ווי אין ערשטן בריוו. ער האָט פאָרגעוואָרפן מינאַן אין אַ שפּאַס, — ער האָט אַליין אין דעם נישט געגלויבט — אַז זי האָט אים פאַרגעסן. ער האָט זיך געבייזערט, וואָס זי איז פויל, און געשריבן צערטלעכע שטעכווערטלעך. ער האָט גערעדט געהיימניספול וועגן זיין אַרבעט, כדי צו רייצן איר נייגיר און צו מאַכן איר אַן איבערראַשונג, ווען זי וועט קומען. ער האָט גענוי באַשריבן זיין געקויפטן הוט, און דערציילט, אַז כדי צו פאָלגן די באַפעלן פון זיין קליינער דעספּאָטין, — ווייל ער האָט אין בריוו אויסגעמיטן אַלערליי טענות — גייט ער נישט אַרויס פון שטוב מיטן תירוץ, אַז ער איז קראַנק, אַבי נאָר פטור צו זיין פון פאַרשידענע באַגעגענישן. ער האָט נישט צוגעגעבן, אַז זיינע באַציונגען מיטן פירשט זענען קעלטער געוואָרן, ווייל פון גרויס קנאה האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו גיין איינמאָל אין אַן אָוונט אין שלאָס, בעת מ'האָט אים אַהין איינגעלאַדן. דער גאַנצער בריוו איז געווען אַ פריילעכער און פול מיט קליינע סודות, וואָס זענען טייער די פאַרליבטע הערצער: ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז נאָר מינאַ האָט צו זיי דעם שליסל, און געהאַלטן זיך פאַר זייער אַ געשיקטן, ווייל ער האָט אומעטום אָנשטאָט דאָס וואָרט „ליבע” געשריבן: פריינדשאַפט.

אַז ער האָט אָנגעשריבן דעם בריוו, האָט ער אַ קורצע צייט געפילט אַ דערלייכטערונג: ערשטנס, ווייל דער בריוו האָט אים גע-

געבן די אילוזיע, אַז ער שמועסט מיט איר; און דער עיקר ער האָט נישט געצווייפלט, אַז איצט וועט מינאַ ענטפערן. דערפאַר האָט ער געדולדיק געוואַרט גאַנצע דריי טעג, וואָס ער האָט באַוויליקט צו געבן דער פּאָסט אויף איבערגעבן זיין בריוו צו מינאַן און אויף צו ברענגען אַ תשובה. נאָר ווען דער פערטער טאָג איז אַריבער, איז אים ווידער מיאוס געוואָרן דאָס לעבן. ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כוח, נישט קיין אינטערעס צו אַנדערע זאַכן, אויסער צו דער שעה, ווען ס׳קומט די פּאָסט. דעמאָלט האָט ער געציטערט פון אומגעדולד. ער איז געוואָרן אַבערגלויביק און אין די מינדסטע סמנים — אינם קנאַקן פון פייער אָדער אין אַ צופעליק וואָרט — געפונען די פאַרזיכערונג, אַז ס׳וועט אָנקומען אַ בריוו. איז אָבער אַריבער די שעה, איז ער ווידער געוואָרן אויסער זיך, אויס אַרבעט, אויס שפּאַציר: דער איינציקער ציל פון זיין לעבן איז — וואַרטן אויפן בריוו-טרעגער; זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער געפּטרט אויף אָנצוטון זיך אַ כוח און וואַרטן. ווען אָבער ס׳איז געקומען דער אָוונט און ס׳איז שוין נישט געווען מער קיין האָפענונג, אַז ס׳זאָל נאָך אין דעם טאָג קומען אַ בריוו, איז ער געווען איינגאַנצן צעבראָכן: ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט בשום אופן דאָס נישט איבערטראָגן ביז מאָרגן; און ער איז געבליבן זיצן שעהנלאַנג ביי זיין טיש, נישט רעדנדיק, נישט טראַכטנדיק, קיין כוח נישט געהאַט צו לעגן זיך שלאָפן, ביז ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום בעט און אָפּגעשלאָפן אַ שווערן שלאָף, פול מיט נאַרישע חלומות. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די נאַכט וועט זיך קיינמאָל גאָר נישט ענדיקן.

אָט-די שטענדיקע דערוואַרטונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לאַנגע פיזישע עינוים, אין אַן אמתער קראַנקהייט. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז קריסטאָף האָט גענומען חושד זיין זיין טאַטן, זיינע ברידער און אפילו דעם בריוו-טרעגער, אַז זיי האָבן באַקומען אַ בריוו און באַהאַלטן אים. די דאגות האָבן אים דערשלאָגן ביזן סוף. אין מינאַס טרייהייט האָט ער קיין איין רגע נישט געצווייפלט. אויב זי האָט אים נישט געשריבן, הייסט עס, אַז זי איז קראַנק, אַז זי האַלט ביים שטאַרבן — און אפשר שוין געשטאָרבן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער פעדער און אָנגעשריבן אַ דריטן בריוו, עטלעכע האַרצרייסנדיקע שורות, ווו ער האָט זיך שוין דאָסמאָל נישט געהיט צו באַהאַלטן — נישט זיינע געפילן, נישט זיין שלעכטע אָרטאָגראַפיע. ער האָט זיך

געאײַלט צו דער פּאָסט, געשריבן און געמעקט, איבערגעקערט אַ זײַט און באַפלעקט זי מיט טינט, בײַם פאַרמאַכן דעם בריוו פאַרשוצט דעם קאָנווערט — נישט ווילכטיק! ער האָט נישט געקאָנט וואַרטן ביז דער צווייטער פּאָסט. ער איז געלאָפן אויף דער פּאָסט אַרײַנצוואַרפן דעם בריוו און געוואַרט אין אַ טויטלעכער אַנגסט. די צווייטע נאַכט האָט זיך אים געחלומט מינאַ, ווי זי ליגט קראַנק און רופט אים; ער האָט זיך אויפגעהויבן און געלאָזט זיך גיין צו־פוס, זי אויפצוזוכן. אָבער ווו? ווו וועט ער זי געפינען?

אויפן פערטן טאָג איז געקומען לסוף אַ בריוו פון מינאַן, — אַ האַלבע זײַט — קאַלט און אומצופרידן. מינאַ האָט געשריבן, אַז זי פאַרשטייט נישט, וואָס עס האָט אין אים דערוועקט אַזעלכע נאַרישע פאָרגעפילן. זי פילט זיך גוט, האָט נישט קיין צײַט צו שרײַבן. זי בעט אים, ער זאָל זיך נאָכאַמאָל אַזוי נישט אויפרעגן און בכלל זאָל ער אויפהערן איר צו שרײַבן.

קריסטאָף האָט זיך געפילט צעטראָטן. ער האָט נישט געצווייפלט אין מינאַס אויפריכטיקייט. ער האָט זיך אַליין באַשולדיקט; געטראַכט, אַז מינאַ איז גערעכט, וואָס זי איז בייז אויף זײַנע אומפאָרזיכטיקע, נאַרישע בריוו. ער האָט זיך אַליין באַטראַכט פאַר אַ שוטה, ער האָט זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין קאָפּ. אָבער ס'האָט גאָרנישט נישט געהאָלפן: סוף־כל־סוף האָט ער דערפילט, אַז מינאַ האָט אים נישט ליב אַזוי, ווי ער זי.

די ווייטערדיקע טעג זענען געווען אַזוי טרויעריק, אַז ס'לאָזט זיך גאָר נישט באַשרײַבן. מען קאָן נישט באַשרײַבן דעם גאָרנישט. איצט, בעת ער האָט פאַרלוירן די איינציקע זאַך, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיטן לעבן, — מינאַס בריוו, — האָט קריסטאָף געלעבט מעכאַניש; און די איינציקע זאַך אין זײַן לעבן, וואָס האָט אים אינטערעסירט אין אָוונט, בעת ער האָט זיך געלעגט שלאָפן, — איז געווען, וואָס ער האָט, ווי אַ שול־ייִנגל, געמעקט יעדן אָוונט אויף זײַן לוח איינעם פון די פיל טעג, וואָס האָבן אים געשיידט פונם טאָג, וואָס מינאַ דאַרף צוריקקומען.

די צייט, ווען זיי האָבן געזאָלט צוריקקומען, איז שוין לאַנג אַריבער. זיי האָבן געדאַרפט קומען מיט אַ וואָך צוריק. קריסטאָפס שטילער צער איז אַריבער אין אַ פיבערדיקער אויפרעגונג. מינאַ האָט אים געהאַט צוגעזאָגט פאַר איר אָפּפאָרן, אַז זי וועט אים געבן צו וויסן וועגן טאָג און שעה פון זייער קומען. ער האָט געוואַרט פון מינוט צו מינוט צו גיין זיי באַגעגענען און זיך פאַרלוירן אין פאַרשידענע השערות, וועגן די סיבות פון זייער פאַרשפעטיקן.

אין איינעם אַן אָוונט איז אַ שכן, דעם זיידנס אַ ידיד, דער טאַפּעצירער פישער, אַריינגעקומען צו פאַררויכערן אַ לולקע און אַ שמועס טון מיט מעלכיאָרן, ווי געוויינלעך נאָך מיטאָג. קריסטאָף, אויפגעגעסן פון דערוואַרטונג, האָט שוין געוואָלט אַרויפגיין צו זיך אין צימער, נאָכדעם ווי ער האָט אומזיסט אויסגעקוקט דעם בריוו-טרעגער. פלוצלינג דערהערט ער אַ וואָרט, וואָס האָט אים אויפגעטרייסלט. פישער האָט דערציילט, אַז ער דאַרף גיין מאָרגן גאַנץ פרי צו די קעריכס, אויפהענגען ביי זיי די פאָרהאַנגען. קריסטאָף האָט געפרעגט פאַרחידושט:

— זענען זיי שוין, הייסט עס, צוריקגעקומען?

— לץ, דו ווייסט עס בעסער, ווי איך, — האָט געענטפערט דער אַלטער פישער מיט שפאָט — שוין אַ צייט! זיי זענען נאָך געקומען אייערנעכטן.

קריסטאָף האָט שוין מער גאָרנישט געהערט. ער האָט פאַרלאָזן דאָס צימער און געוואָלט אַוועקגיין. זיין מאַמע, וואָס האָט שוין אַ לאַנגע צייט אָן זיין וויסן נאָכגעקוקט זיין האַלטונג, איז אים נאָכגעגאַנגען ביזן קאָרידאָר און געפרעגט דערשראָקן, וווהין ער גייט. ער האָט נישט געענטפערט און איז אַרויס. ער האָט געליטן יסורים.

ער איז געלאָפן צו די קעריכס. ס'איז געווען ניין אין אָוונט. ביידע זענען זיי געזעסן אין זאַל, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיין קומען איז פאַר זיי נישט קיין איבערראַשונג. זיי האָבן אים רויק געענטפערט „גוטן אָוונט". מינאַ האָט געהאַלטן אין מיטן שרייבן, זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט איבערן טיש און געשריבן ווייטער פרעגנדיק אים צעמישט, וואָס הערט זיך נייעס. זי האָט זיך, אגב, נישט אַנטשולדיקט, וואָס זי איז נישט העפלעך, און זיך כלומרשט צוגעהערט צו זיינע רייד; אָבער אינמיטן האָט זי אים איבערגעריסן און עפעס געפרעגט ביי דער מאַמע. ער האָט געהאַט צוגעגרייט אַ רירנדיקע רעדע

וועגן אַלץ, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין משך פון דער צייט, ווען זיי זענען נישט געווען, — נאָר ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט עט-לעכע ווערטער און נישט געהאַט דעם מוט צו רעדן ווייטער: ס׳האָט געקלונגען פאַלש.

ווען מינאַ האָט געענדיקט צו שרייבן דעם בריוו, האָט זי גע-נומען אַ האַנט-אַרבעט, זיך געזעצט עטלעכע טריט ווייטער פון אים און גענומען אים דערציילן וועגן זייער רייזע. זי האָט דערציילט וועגן די גוטע וואָכן, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט, וועגן די רייט-שפּאַצירן, וועגן לעבן אין שלאָס, וועגן דער אינטערעסאַנטער געזעלשאַפט; זי האָט זיך ביסלעכווייז באַגייסטערט און דערמאָנט פאַרשידענע געשעע-נישן און מענטשן, וואָס קריסטאָף האָט זיי נישט געקענט, און וואָס האָבן בײַ דער מוטער און בײַ איר אַרויסגערופן אַ שמייכל. קריסטאָף האָט זיך געפילט פרעמד אין דער גאַנצער געשיכטע, נישט געוווסט, ווי ער דאַרף זיך האַלטן און אין אַ פאַרלעגנהייט געשמייכלט. ער האָט נישט אָפּגעריסן די אויגן פון מינאַס פּנים און געבעטלט בײַ איר אַ נדבה — אַ בליק. אָבער ווען זי האָט אויף אים אַ קוק געטון, — זי האָט עס איצט געטון זעלטן און געווענדט זיך מער צו דער מאַמע, ווי צו אים, — זענען אירע אויגן און שטים געווען פריינדלעך — און גלײַכגילטיק. צי האָט זי זיך געהיט פאַר דער מאַמע, אָדער ער האָט זי שלעכט פאַרשטאַנען? ער וואָלט אַזוי שטאַרק געוואָלט מיט איר רעדן אונטער פיר אויגן, אָבער מאַדאַם קעריך האָט זיי אויף קיין איין רגע נישט געלאָזט אַליין. ער האָט געפּרוווט אַרויפפירן דעם שמועס אויף זײַנע אייגענע פּערזענלעכע ענינים, דערציילט וועגן זײַנע אַרבעטן און פּלענער, — און געהאַט אַן אומקלאָר געפיל, אַז מינאַ גליטשט זיך פון אים אַרויס; מיטן אינסטינקט האָט ער געפּרוווט דער-גיין, צי אינטערעסירט זי זיך מיט אים. באמת, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט זיך צו מיט קאָפּ צו זײַנע רייד; זי האָט איבערגעריסן זײַן דערציילונג מיט פײַנע באַמערקונגען, וואָס זענען, אגב, נישט שטענדיק געווען צו דער זאַך, אָבער אַרויסגעזאָגט מיט אַ זייער פאַר-אינטערעסירטן טאָן. נאָר אין דעם אויגנבליק, ווען, גערירט מיט איר וואַרעמען געלעכטער, האָט ער ווידער גענומען האָפן, האָט ער געזען, ווי מינאַ הויבט-אויף די האַנט צום מויל און גענעצט. ער האָט איינ-מיטן איבערגעריסן. זי האָט זיך געכאַפּט און פריינדלעך איבערגעבעטן מיטן אויסרייד, אַז זי איז מיד. ער איז אויפגעשטאַנען רעכנענדיק,

אַז מ׳ווּעט אים פאַרהאַלטן; מ׳האָט אים אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט פאַרצויגן דאָס געזעגענען זיך און געוואַרט, מ׳זאָל אים איינלאַדן אויף מאָרגן — ס׳איז אויך נישט געשען. ער האָט געמוזט גיין. מינאַ האָט אים נישט באַגלייט. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, — אַ קאַל־טע האַנט, וואָס איז גלייכגילטיק געלעגן אין זיינער; ער האָט זיך געזעגנט מיט איר אין מיטן זאַל.

ער איז אַוועק אַהיים מיט אַ שרעק אין האַרצן. פון יענער מינאַ מיט צוויי חדשים צוריק, פון זיין טייערער מינאַ איז נישט געבליבן קיין זכר. וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען? וואָס איז מיט איר געשען? פאַר אַן אָרעם יינגל, וואָס האָט זיך נאָך נישט דערוווּסט, אַז קיין זאַך האָט קיין קיום נישט, אַז אַלץ מוז פאַרשווינדן ווערן, אַז אַלץ פאַר־גייט און גייט-אויף אין יעדער לעבעדיקער נשמה (ס׳רוב איז עס נישט קיין פּשוטע נשמה, נאָר אַ זאַמלונג פון נשמות, וואָס האַלטן זיך אין איין בייטן, גייען-אויס און פאַרשווינדן יעדע רגע), פאַר אַזאַ יינגל איז שווער געווען צו גלויבן אין אָט דעם גרויזאַמען אמת. ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך די שרעקעדיקע מחשבה און געפּרוּווט זיך איינ־רעדן, אַז ער האָט באַמערקט שלעכט און אַז מינאַ איז אַלץ די זעל־בע. ער האָט באַשלאָסן אַריבערצוגיין צו איר דעם צווייטן טאָג און וואָס ס׳זאָל נישט זיין — וועט ער רעדן מיט איר.

ער איז נישט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געציילט, איי־נעם נאָכן אַנדערן, יעדן קלונג פונם זייגער. גאַנץ פרי האָט ער זיך שוין אַרומגעדרייט פאַרן הויז פון די קעריכס, און איז אַהין אַריין, ווי נאָר מ׳האָט אים אַריינגעלאָזן. אָנשטאָט מינאַן האָט ער געטראָפן מאַדאַם קעריך. לעבעדיק און פלייסיק איז זי פאַרנומען געווען מיט באַגיסן פון אַ קענדל די בלומען-טעפּ אויף דער וועראַנדע. זי האָט שפּאָטיש אויסגעשריען, ווען ער איז אַריין:

— אַך, — האָט זי געזאָגט — דאָס זענט איר!.. איר קומט אין דער ריכטיקער צייט, כ׳האָב טאַקע מיט אייך עפּעס צו רעדן. וואַרט, וואַרט...

זי איז אַרויס אויף אַ ווײַלע, אַוועקגעשטעלט דאָס קענדל, אָפּ־געווישט די הענט און באַלד צוריקגעקומען; זי האָט געשמייכלט, צו־זעענדיק, ווי קריסטאָף איז צעטומלט: ער האָט געפילט, אַז עס קומט אויף אים אַן אומגליק.

— לאָמיר אַריין אין גאָרטן, — האָט זי זיך אָנגערופן — דאָרט איז רויקער.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען אין גאָרטן, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט זיין ליבע. זי האָט נישט געאײַלט צו רעדן, ס׳האָט איר הנאה געטון קריסטאָפס פאַרלעגנהייט.

— לאָמיר זיך דאָ זעצן, האָט זי לסוף געזאָגט.

זיי זענען געזעסן אויף יענער באַנק, וווּ מינאַ האָט אים דערלאַנגט אירע ליפּן ערב זייער צעשיידונג.

— איך רעכן, איר ווייסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, — האָט מאַדאַם קעריך געזאָגט; זי האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַן ערנסטע מינע, כּדי צו פאַרשטאַרקן זיין צעמישונג. — איך וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלויבט, קריסטאָף. כ׳האָב אייך געהאַלטן פאַר אַן ערנסט ייִנגל. כ׳האָב געהאַט צו אייך דעם פולן צוטרוי און כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז איר וועט עס שלעכט אויסנוצן צו פאַרדרייען מיין טאָכטער דעם קאָפּ. זי איז געווען אונטער אייער השגחה. איר האָט זי געדאַרפט שוינען. איר האָט געדאַרפט מיך און זיך אַליין שוינען.

ס׳איז געווען אַ לייכטע איראָניע אין איר טאָן; מאַדאַם קעריך האָט באמת נישט געלעגט קיין שום אַכט אויף דער קינדערשער ליבע; אָבער קריסטאָף האָט עס נישט געפילט, און אירע ווערטער, וואָס ער האָט, ווי אַלץ, אָנגענומען טראַגיש, האָבן אים טיף געטראָפן:

— אָבער, מאַדאַם... אָבער, מאַדאַם... — האָט ער געשטאַמלט מיט טרערן אין די אויגן — איך האָב קיינמאָל אייער צוטרוי שלעכט נישט אויסגענוצט... גלויבט עס נישט, איך בעט אייך... איך בין נישט קיין פאַלשער מענטש, איך שווער אייך!... כ׳האָב ליב פריילין מינאַ, כ׳האָב זי ליב פון טיפן האַרצן און כ׳וויל מיט איר חתונה האָבן.

מאַדאַם קעריך האָט געשמייכלט.

— ניין, מיין אָרעם ייִנגל, — האָט זי געזאָגט פריינדלעך, אָבער אַזוי גאווהדיק, אַז קריסטאָף האָט זיך אָנגעהויבן אָנשטויסן — ניין, ס׳איז אוממעגלעך. ס׳איז אַ קינדער-שפּיל.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, נישט געגלויבט, אַז זי רעדט עס ערנסט; איר מילדע שטים האָט אים אפילו באַרויקט. זי האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען און געענטפערט:

— אַזוי איז עס!

ער איז צו איר צוגעשטאַנען. מיט אַ לייכטער איראָניע, — (זי האָט זיך צו דער גאַנצער מעשה נישט באַצויגן ערנסט) — האָט זי אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער באַזיצט נישט קיין שום פֿאַרמעגן, און אַז מינאַ האָט אַן אַנדערן געשמאַק. ער האָט זיך געוועדט; געזאָגט, אַז ס'מאַכט נישט אויס, אַז ער וועט ווערן רייך, באַרימט, אַז ער וועט האָבן כּבוד, געלט און אַלץ, וואָס מינאַ וועט פֿאַרלאַנגען. מאַדאַם קעריך האָט, ווייזט אויס, אין דעם געצווייפֿלט; ס'האָט זי געווײלט זיין גלויבן אין זיך, און זי האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ער האָט נישט נאָכגעגעבן.

— ניין, קריסטאָף, — האָט זי געענטפֿערט אַנטשלאָסן — ניין, נישט כּדאי זיך צו שפּאַרן, ס'איז אוממעגלעך. עס האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן געלט. אַזוי פֿיל זאַכן שטייען אין וועג!... דער אונטערשיד פֿון שטאַנד...

ס'איז געווען איבעריק מער צו רעדן. ווי אַ שפּיז האָט עס אים דורכגעשטאָכן ביזן מאַרך פֿון די ביינער. ס'האָבן זיך אים געעפֿנט די אויגן. ער האָט דערזען די איראָניע אין איר פֿריינדלעכן שמייכל, די קאַלטקייט פֿון איר ליבעסווירדיקן בליק; ער האָט פּלוצלינג באַגריפֿן אַלץ, וואָס עס טיילט אים אָפּ פֿון אָט דער דאַמע, וואָס ער האָט ליב געהאַט מיט דער ליבע פֿון אַ זון און וואָס האָט אים, דאַכט זיך, ווי אַ מוטער באַהאַנדלט; ער האָט איצט דערפֿילט, וויפֿל אויסגערעכנטע אַפּוטרופּסות און גאווה עס איז געווען אין איר פֿריינדשאַפֿט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן טויט-בלאַס. מאַדאַם קעריך האָט ווייטער גערעדט מיט איר גלעטנדיקער שטים; אָבער ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען; ער האָט שוין נישט געהערט די מוזיק פֿון אירע ווייכע ווערטער, אונטער יעדן וואָרט אירן האָט ער געפֿילט די טרוקנקייט פֿון איר עלעגאַנטער נשמה. ער האָט נישט געקאָנט ענטפֿערן קיין וואָרט, און איז אַרויס. אַלץ אַרום אים האָט געטאַנצט.

ער איז געקומען אַהיים, זיך אַ וואָרף געטון אויפֿן בעט אין אַ קאָנוולסיע פֿון צאָרן און צעטראָטענעם שטאָלץ, ווי אין די קינדער-יאָרן. ער האָט געביסן זיין קישן, פֿאַרשטאָפּט זיך מיט אַ טיכל דאָס מויל, מ'זאָל אים נישט הערן שרייען. ער האָט פֿיינט באַקומען מאַדאַם קעריך, ער האָט געהאַסט מינאַן. ער האָט געפֿילט צו זיי אַ ווילדע פֿאַראַכטונג. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גייט אַראָפּ פֿון זינען. ער האָט געציטערט פֿון חרפּה און כּעס. ער האָט איר געמוזט

ענטפערן, און תּיכּף־ומיד. ער וואָלט געשטאָרבן, ווען ער זאָל זיך נישט נוקם זיין.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעשריבן אַ האַרבן, נאַרישן בריוו:

„מאַדאַם!

איך ווייס נישט, צי האָט איר זיך באמת אין מיר, ווי איר טענהט, אָפּגענאַרט, אָבער איינס ווייס איך, איך האָב זיך אין אייך שרעקלעך גענאַרט. כ'האָב געמיינט, אַז איר זענט מיר פריינד. איר האָט עס אַליין געזאָגט. איר האָט זיך פאַר אַזעלכע פאַרשטעלט, און איך האָב אייך ליב געהאַט מער ווי מיין לעבן. איצט זע איך, אַז ס'איז אַלץ געווען אַ ליגן, און אַז אייער פריינדשאַפט צו מיר איז געווען אַ שווינדל: איר האָט מיך אויסגענוצט, איר האָט זיך געשפּילט מיט מיר, איך האָב אייך געווייילט אין אייער לאַנגווייליקייט, כ'האָב פאַר אייך געשפּילט, — אַ משרת בין איך ביי אייך געווען. אָבער אייערער משרת בין איך נישט! איך בין קיינעמס משרת נישט!

איר האָט מיר אכזוריותדיק געגעבן צו פילן, אַז איך האָב נישט דאָס רעכט ליב צו האָבן אייער טאָכטער. קיין זאַך קאָן נישט שטערן מיין האַרץ צו ליבן, ווען עס וויל; און הגם איך בין נישט פון אייער שטאַנד, בין איך פונקט אַזוי איידל, ווי איר. נאָר דאָס האַרץ מאַכט דעם מענטשן פאַר אַן אַדלמאַן; אויב איך בין נישט קיין פירשט, האָב איך אָבער מער ווירדע, ווי די פירשטן. אַ דינער צי אַ פירשט—אַלץ איינס—קוים באַליידיקט ער מיך, פיל איך צו אים אַ פאַראַכטונג איך פאַראַכט, פונקט ווי בלאָטע, יעדן איינעם, וואָס מאַכט זיך פאַר אַן אַדלמאַן און פאַרמאָגט נישט די מילדקייט פון דער נשמה.

אַדיע! איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. איר האָט מיך אָפּגענאַרט. איך האַס אייך.

דער, וואָס האָט ליב, אייך אויף צו להכעיס, און וואָס וועט ליב האָבן ביזן טויט פרייליין מינאַ, *ווייל זי געהער צו אים*, און קיין זאַך אין דער וועלט קאָן זי ביי אים נישט אַוועקרויבן.״

ווי־נאָר ער האָט אַריינגעוואָרפן דעם בריוו אין בריוו־קעסטל, האָט ער זיך תּיכּף דערשראָקן פאַר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטון. ער האָט געפרווט נישט טראַכטן וועגן דעם; אָבער באַשטימטע זאַצן זענען אים כסדר אַרויפגעשווומען אויפן זכרון; ער האָט זיך באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס טראַכטנדיק, ווי מאַדאַם קעריך וועט לייענען זיינע גראָבקייטן.

אין ערשטן אויגנבליק האָט אים דער יאוש צוגעגעבן מוט; אָבער צומאָרגנס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער פּועל-יוצא פון זיין בריוו וועט זיין: די ענטגילטיקע צעשיידונג מיט מינאַן — און דאָס וואָלט געווען פאַר אים דאָס גרעסטע אומגליק. ער האָט נאָך געהאָפט, אַז מאַדאַם קעריך, וועלכע האָט געקענט זיין האַסטיקע נאַטור, וועט עס נישט נעמען ערנסט, אַז זי וועט אים נאָר אָנזידלען און — ווער ווייסט — אפשר זיין גערירט פון זיין אויפריכטיקער ליידנשאַפט. ער האָט געוואַרט אויף איין וואָרט אירס, כדי זיך צו וואַרפן איר צו די פיס. ער האָט געוואַרט פינף טעג. לסוף איז אָנגעקומען אַ בריוו מיט פאָלגנדיקן נוסח:

„טייערער הער

אַזוי-ווי, לויט אייער מיינונג, איז פאָרגעקומען צווישן אונז אַ מיספאַרשטייעניש, וועט זיין צום קלוגסטן מער אונזערע באַציונגען נישט אויפצוהאַלטן. איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט מוחל געווען, ווען איך וואַרף אייך אָן אויף ווייטער באַציונגען, וואָס פאַרשאַפן אייך צער. איך האָף, עס וועלן אייך נישט פעלן אין לעבן פיל אַנדערע פריינד, וואָס וועלן אייך אָפשאַצן, ווי איר פאַרלאַנגט. איך צווייפל נישט אין אייער צוקונפט און וועל פון וייטן נאָכקוקן מיט סימפּאַטיע אייער ערפאָלג אין דער מוזיקאַלישער קאַריערע. מיט גרוס

יאָזעפאַ פאָן קעריך.“

די ביטערסטע מוסר-רייד וואָלטן נישט געווען אַזוי אַכזריותדיק. קריסטאָף האָט געזען, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער. מ׳קאָן ענטפערן איינעם, וואָס באַשולדיקט אייך אומגערעכט. אָבער וואָס קאָן מען טון קעגן דער קאַלטקייט פון דער גלייכגילטיקער העפלעכקייט? ער איז געווען משוגע. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט שוין מער נישט זען מינאַן, אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל מער נישט זען, — און נישט געקאָנט איבערטראָגן. ער האָט געפילט, אַז די גאַנצע גאווה פון דער וועלט זענען גאָר נישט ווערט קעגן אַ קליין ביסעלע ליבע. ער האָט פאַרגעסן אָן זיין כבוד-געפיל און אָנגעשריבן נייע בריוו, וווּ ער האָט זיי געבעטן פאַרגעבונג. אָבער אויך די בריוו זענען געווען נישט ווייניקער נאַריש, ווי דער ערשטער, וואָס ער האָט געשריבן מיט גאַל. מ׳האָט אים נישט געענטפערט. — און ס׳איז געווען נאָך אַלעמען.

ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. ער האָט זיך געוואָלט אַ מעשה אָנטון. פּשוט אַ מעשה אָנטון. יעדנפאַלס האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער וויל עס טון. ס'האָבן זיך דערוועקט אין אים מערדערישע, רציההדיקע פאַרלאַנגען, מ'קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלן דעם פּאַראָקסיזם פון ליבע און האַס, וואָס פרעסט־אויף טיילמאָל די קינדערשע הערצער. ס'איז געווען דער שרעקלעכסטער איבערברוך אין זיינע קינדער־יאָרן. ס'איז שוין געווען נאָך זיין קינדהייט. ער האָט פאַרהאַרטעוועט זיין ווילן, אָבער שיר נישט צעבראָכן געוואָרן אויף אייביק.

ער האָט מער נישט געקאָנט לעבן. אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער, האָט ער שעהנלאַנג אַרויסגעקוקט צום שלעכט־געפלאַסטערטן הויף און אַזוי פאַרזונקען געבליבן; ער האָט געטראַכט, ווי אין די קינדער־יאָרן, אַז ס'איז דאָ אַ מיטל פּטור צו ווערן פון די עינויים, ווען דאָס לעבן ווערט שווער צו פאַרטראָגן. די רפואה איז געווען קלאָר, געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, תיכף ומיד... תיכף? ווער ווייסט?... אפשר נאָך לאַנגע שעהן — דורות — פון מוראדיקע יסורים!... נאָר אַזוי טיף איז געווען זיין יאוש, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אינם תהום פון אַזעלכע געדאַנקען.

לואיזע האָט געזען, ווי ער ליידט. זי האָט נישט געקאָנט גענוי דערגיין, וואָס אין אים קומט פאָר; נאָר איר אינסטינקט האָט זי געוואָרנט, אַז עס דראָט אַ סכנה. זי האָט געפּרוווט דערנעענטערן זיך צום זון, דערוויסן זיך זיינע צרות, כּדי אים צו טרייסטן. אָבער די אָרעמע פרוי האָט פאַרלוירן די רגילות אינטים צו רעדן מיט קריסטאָפן; זינט לאַנגע יאָרן האָט ער זיך פאַרשלאָסן אין זיינע אייגענע מחשבות, און זי איז געווען צופיל פאַרנומען מיט די מאַטעריעלע זאָרגן פונם לעבן — און נישט געהאַט קיין צייט נאָכצופאָלגן קריסטאָפס דאגות. איצט האָט זי אים געוואָלט קומען צו הילף און נישט געוווסט ווי אַזוי. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום אים, ווי אַ נשמה אין כּף־הקלע, געוואָלט געפינען ווערטער, וואָס זאָלן לינדערן זיין צער, — און נישט געהאַט דעם מוט צו רעדן, מורא האָבנדיק אים נישט אויפצורעגן. נישט געקוקט אויף אַלע פאָרזיכטיקייטן, האָט זי אים דאָך

אויפֿנערעגט מיט אירע באַוועגונגען. מיט איר ביי־זיין גופֿא; זי איז נישט געווען איבעריק געשיקט, און ער איז נישט געווען איבעריק געדולדיק. פֿונדעסטוועגן האָט ער זי ליב געהאַט, זיי האָבן זיך ביידע ליב געהאַט. אָבער ס'איז גענוג אַ קלייניקייט, אַז צוויי מענטשן, וואָס ליבן און שעצן זיך פֿון טיפֿן האַרצן, זאָלן זיך צעשיידן! אַן איבעריק וואָרט, אַן אומגעלומפּערטע באַוועגונג, אַ פֿינטל מיט די אויגן אָדער אַ דריי מיט דער נאָז, דער אופֿן פֿון עסן, גיין אָדער לאַכן, אַ פּיזישער מכשיל, וואָס מ'קאָן נישט דערגיין זיין סיבה... מ'רעדט זיך איין בשעת־מעשה, אַז ס'איז גאָרנישט, — און באמת איז עס אַ גאַנצע וועלט. נישט איין מאָל טרעפֿט, אַז אַ מוטער און אַ זון, אַ ברודער מיט אַ ברודער, אַ פֿריינד מיט אַ פֿריינד זאָלן זיך בלייבן איינער דעם אַנדערן פֿרעמד אויף אייביק, נישט געקוקט אויף זייער נאָענטקייט.

קריסטאָף האָט, הייסט עס, נישט געפֿונען אין דער מאַמעס צערטלעכקייט קיין שטיצע אינם איבערברוך, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. אגבֿ, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט די ליבע פֿון די נאָענטע קעגן דעם עגאָאיזם פֿון דער ליידנשאַפֿט, וואָס איז פֿאַרטון נאָר מיט זיך אַליין?

איינמאָל ביינאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפֿן און ער איז געבליבן זיצן ביים טיש, נישט רירנדיק זיך פֿון אָרט, פֿאַרטיפֿט אין זיינע געפֿערלעכע געדאַנקען, — האָט זיך דערהערט אַ טומל פֿון דעם אייביק־שטילן געסל, און אַ קלאַפּ אין טיר האָט אים אויפֿגעוועקט פֿון זיין פֿאַרגליווערטקייט. מ'האָט געהערט אַ געמורמל פֿון אומקלאָרע שטימען, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער פֿאָטער איז נאָך נישט געקומען דעם אָוונט אַהיים, און געטראַכט מיט כּעס, אַז מ'וועט אים באַלד ברענגען אַ שיכּורן, ווי פֿאָריקע וואָך, ווען מ'האָט אים געפֿונען ליגן אינמיטן גאַס. מעלכיאָרן האָט איצט קיין שום זאַך נישט אָפּגעהאַלטן; ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער תּאווה זיינער, און זיין אַטלעטיש געזונט האָט, אגבֿ, דאַכט זיך, גאָר נישט געליטן פֿון דער שיכּרות און אויסגעלאַסנקייט, וואָס וואָלטן אַ צווייטן מענטשן בלי־ספֿק געפּטרט. ער האָט געגעסן פֿאַר פֿיר, געטרונקען ווי לוט, פֿאַרבראַכט גאַנצע נעכט אונטערן אייז־קאַלטן רעגן, זיך באַטייליקט אין געשלעגן, געכאַפּט קלעפּ, און צומאָרגנס איז ער ווידער געווען אויף די פֿיס, מיט זיין רוישנדיקער פֿריילעכקייט, און פֿאַרלאַנגט, אַז די גאַנצע וועלט אַרום אים זאָל זיין מלא־שׂמחה.

לואיזע האָט זיך תּיכּף אויפֿגעהויבן און גיך געגאַנגען עפֿענען

קריסטאָף האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט און פֿאַרשטאָפּט זיך די אויערן, כּדי נישט צו הערן מעלכיאָרס שיכּורע שטים און דעם שפּאָטישן מוסר פֿון די שכנים...

פֿלוצלינג האָט אים אַן אומקלאָרער פּחד אַרומגעכאַפּט; ער האָט געזומען, אָן אַ שום סיבה, ציטערן און באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט. און באַלד האָט אים אַ האַרצרײַסנדיקער געשריי געצוווּנגען אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר...

אינמיטן פֿון אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זייער שטיל גערעדט אינם טונקעלן קאָרידאָר, וואָס איז געווען באַלויכטן פֿון דעם צאַנקענדיקן ליכט פֿון אַ לאַמטערן, איז אויף אַ מיטה געלעגן, ווי מיט יאָרן צוריק דער זיידע, אַן אומבאַוועגלעכער גוף, פֿון וועלכן ס׳האָט גערונען וואַסער. לואיזע האָט געכליפּעט אויף זײַן האַלז. מ׳האָט נאָר-וואָס געפֿונען מעלכיאָרן אַ דערטרונקענעם אינם טײַכל בײַ דער מיל.

קריסטאָף האָט אַ געשריי געטון. די גאַנצע אַרומיקע וועלט איז נעלם געוואָרן, אַלע אַנדערע צרות זענען געוואָרן פֿאַרשוויגן. ער האָט זיך געוואָרפֿן נעבן לואיזען אויף זײַן טאַטנס גוף — און זיי האָבן ביידע צוזאַמען געוויינט.

ער איז געזעסן בײַ מעלכיאָרס בעט און געוואַכט איבער אים און איבער זײַן לעצטן שלאָף; מעלכיאָרס פּנים איז איצט געווען ערנסט און פֿײַערלעך; קריסטאָף האָט געפֿילט, ווי די טונקעלע שטילקייט פֿון טויט דרינגט אין אים אַרײַן. זײַן קינדערשע ליידנשאַפֿט איז פֿאַרשוווּנדן, ווי אַן אומגעריכטער פֿיבער; דער אײַז-קאַלטער אָטעם פֿון קבֿר האָט אַלץ אָפּגערוימט. מינאַ, זײַן גאווה, זײַן ליבע, און ער אַליין... אַך! אויך צרות! אַלץ האָט אויסגעזען קליין קעגן דער ווירקלעכקייט, קעגן אָט דער איינציקער ווירקלעכקייט: טויט! איז כּדאַי צו ליידן אַזויפֿיל יסורים, אַזויפֿיל צו באַגערן, אַזויפֿיל צו מאַטערן זיך, כּדי צו קומען ביז דאַנען?...

ער האָט געקוקט אויף זײַן אײַנגעשלאָפֿענעם פֿאָטער, און אַ קינדערשער רחמנות האָט פֿאַרפֿולט זײַן האַרץ. ער האָט זיך דערמאָנט יעדן אויסדרוק פֿון זײַן גוטסקייט און צאַרטקייט. מיט אַלע זײַנע

חסרונות, איז מעלכֿיאָר נישט געווען קיין שלעכֿטער מענטש און גע־האַט אין זיך אַ סך גוטס. ער האָט ליב געהאַט זיינע אייגענע. ער איז געווען אַן ערלעכֿער מאַן. ער האָט פֿאַרמאָגט אין זיך עפּעס פֿון דער אומאָפּהענגיקער אויפֿריכֿטיקייט פֿון די קראַפֿטס, וואָס בנוגע מאָראַל און כּבֿוד-געפֿיל האָבן זיי נישט פֿאַרטראָגן קיין וואַקלענישן און קיינמאָל נישט דערלאָזט קיין שום פּשרות מיט דער עטיק, בעת מענטשן פֿון דער בעסערער געזעלשאַפֿט האָבן עס נישט געהאַלטן פֿאַר קיין חטא. ער איז געווען מוטיק און אין יעדער סכּנה גרייט געווען מיט אַ באַזונדערער פֿרייד צו שטעלן זיין לעבן אין קאָן. אויב ער איז געווען אַ פֿזרן פֿאַר זיך אַליין, איז ער עס אויך געווען פֿאַר אַנדערע; און ער האָט מיט פֿאַרגעניגן און מיט אַ לייכֿטקייט אָפּגע־געבן אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, — און אפֿילו וואָס עס האָט צו אים נישט געהערט, — די אָרעמע לאַ-יוצלחס, וואָס ער האָט געטראָפֿן אויף זיין וועג. אַלע מעלות זענען איצט געקומען קריסטאָפֿן אויפֿן זכּרון: ער האָט זיי אַ ביסל אַליין צוגעטראַכֿט אָדער מגזם געווען. ס'האָט זיך אים געדאַכֿט, אַז ער האָט נישט געשעצט, ווי ס'דאַרף צו זיין, זיין פֿאָטער. ער האָט זיך באַשולדיקט, וואָס ער האָט אים נישט געגנוג ליב געהאַט. איצט האָט ער אים געזען, אַ באַזיגטן פֿונם לעבן; ס'האָט זיך אים געדאַכֿט, אַז ער הערט, ווי אָט-די אומגליקלעכֿע נשמה ווערט מיטגעשלעפּט מיטן שטראָם, אַז זי איז צו שוואַך זיך צו ראַנגלען — און באַוויינט איר לעבן, וואָס איז אַוועק לאיבוד. ער האָט געהערט, ווי זי בעט זיך רחמים מיט אַ קלאָגעדיקער שטים, וואָס האָט אים שוין איינמאָל צעריסן דאָס האַרץ:

— קריסטאָף! פֿאַראַכֿט מיך נישט!

ס'האָט אים געפּייניקט די חרטה. האָט זיך געוואָרפֿן צום בעט און געקושט וויינענדיק דעם טויטנס פּנים. ער האָט איבערגע־חזרט, ווי דעמאָלט:

— מיין טייערער פּאַפּאַ, איך פֿאַראַכֿט דיך נישט, כ'האָב דיך ליב! זיי מיר מוחל!

נאָך די יללה האָט נישט אויפֿגעהערט און זיך ווידער אָפּגערופֿן מיט אַנגסט:

— פֿאַראַכֿט מיך נישט! פֿאַראַכֿט מיך נישט!

און פּלוצלינג האָט קריסטאָף דערזען זיך אַליין, ווי ער ליגט אויפֿן טויטנס אָרט; ער האָט געהערט, ווי די ווערטער גייען אַרויס

פון זיין אייגן מויל און געפילט אין זיין האַרצן דעם ביטערן יאוש פון אַן אומנוצלעך לעבן, וואָס איז אַוועק לאיבוד אויף אייביק. און ער האָט געטראַכט מיט שרעק: „אוי! אַלץ, אַלע יסורים, אַלע צרות פון דער וועלט, אַבי נישט צו דערגיין צו אַזאַ מדרגה!”... און ווי נאָענט איז ער דערצו געווען? האָט עס נישט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל צעבערעכן זיין לעבן, כדי פטור צו ווערן פון די צרות? גלייך ווי אַלע יסורים און אַלע פאַרראַטן וואָלטן געווען בלויז אַ קינדער־שער צער קעגן די עינויים און דעם גרעסטן פאַרברעכן: זיך אַליין צו פאַרראַטן, צו פאַרלירן דעם גלויבן, צו פאַראַכטן זיך אַליין אפילו אין דער שעה פון טויט!

ער האָט דערזען, אַז דאָס לעבן איז אַ מלחמה אָן אויפהער און אָן רחמנות, אין וועלכער דער מענטש, וואָס וויל ראוי זיין צו טראָגן דעם נאָמען מענטש, מוז זיך שטענדיק ראַנגלען קעגן מחנות פאַר־באָרגענע שונאים: די מערדערישע כוחות פון דער נאַטור, די ווילדע באַגערן, די טונקעלע מחשבות, וואָס שטויסן אים פאַררעטעריש צו דערנידעריקן זיך אַליין און צו מאַכן פון זיך אַ תל. ער האָט דער־זען, אַז אָט־אָט פאַלט ער אַריין אין אַ נעץ. ער האָט דערזען, אַז גליק און ליבע זענען נאָר אַ רגע־פאַרבלענדעניש, וואָס וויל פאַנגען זיין האַרץ, באַרויבן אים און פאַרשקלאַפן. און דער קליינער פופצן־יעריקער פוריטאַנער האָט דערהערט די שטים פון זיין גאָט:

— גיי, גיי, בלייב קיינמאָל נישט שטיין.

— אָבער וווהין זאָל איך גיין, האַר? אַז וואָס איך זאָל נישט טון, ווו איך זאָל נישט גיין, — איז דען נישט אייביק דער זעלבער סוף, דער זעלבער תכלית?

— גייט און שטאַרבט, איר, וואָס דאַרפט שטאַרבן! גייט און ליידט, איר, וואָס דאַרפט ליידן! מ׳לעבט נישט, צו זיין גליקלעך. מ׳לעבט צו דערפילן מיין געזעץ. לייד. שטאַרב. אָבער זיי דאָס, וואָס דו דאַרפסט צו זיין: — זיי אַ מענטש.

ראָמען ראָלאַן

זשאַן קריסטאָף

דריטער באַנד

יוגנט

פון פראַנצויזיש
אהרן מארק

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1931

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie"
B. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

I

דאָס הויז פון די איילערס

דאָס הויז איז פאַרזונקען געווען אין שטילקייט. זינט דער פאָטער איז געשטאָרבן, איז אַלץ, דאַכט זיך, געוואָרן טויט. איצט, ווען ס׳איז פאַרשטומט געוואָרן מעלכיאָרס הילכיקע שטים, האָט מען פון פרי ביז נאַכט געהערט בלויז דעם פאַרוויגנדיקן געמורמל פונם טייך.

קריסטאָף האָט זיך עקשנותדיק געוואָרפן צו אַרבעט. מיט שטומען צאָרן האָט ער זיך אַליין גענומען אויפוואַרפן, אַלמאַי ס׳האָט זיך אים פאַרוואָלט זיין גליקלעך. פאַרגליווערט אין זיין שטאָלץ, האָט ער גאָרנישט געענטפערט אויף די צערטלעכע טרייסט־ווערטער. נישט רעדנדיק קיין וואָרט האָט ער געטון זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט און געגעבן זיינע לעקציעס מיט אַ באַזונדערער פינקטלעכקייט. זיינע שילערינס, וואָס האָבן געוווּסט פון זיין אומגליק, האָט שאָקירט זיין גלייכגילטיקייט. נאָר די עלטערע פון זיי, וועלכע האָבן שוין אַליין איבערגעטראָגן יסורים, האָבן געוווּסט, וויפל ליידן עס באַהאַלטן זיך אין דער געמאַכטער קאַלטקייט פון אַ קינד; און זיי האָבן אויף אים רחמנות געהאַט. ער איז זיי לחלוטין נישט דאַנקבאַר געווען פאַר זייער האַרציקייט. אפילו די מוזיק האָט אים נישט געבראַכט קיין שום פאַרלייכטערונג. ער האָט געשפּילט אָן חשק, מער צוליב פליכט. מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט געפונען אַן אכזריותדיקע הנאה נישט צו געניסן מער פון קיין פאַרגעניגנס, זיך אָפּצוזאָגן פון זיי, זיך אָפּצוזאָגן פון יעדן לעבנס־זין — און דאָך צו לעבן ווייטער.

זיינע ביידע ברידער, וואָס די שטילקייט פון דער אבלדיקער שטוב האָט זיי געדריקט ווי אַ משא, האָבן זיך צוגעאיילט און געמאַכט פליטה. רודאָלף איז אַריין אין דעם האַנדלס־הויז פון זיין פעטער טעאָדאָר און ביי אים געוווינט. וואָס שייך ערנעסטן, האָט ער

פריער געפּרוּווט אַ צוויי־דריי מלאכות, און דערנאָך איז ער געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אויף אַ רהיין־דאַמפּער, וואָס האָט קורסירט צווישן מאַינץ און קעלן; ערנעסט האָט זיך געוויזן אין שטוב, נאָר ווען ער האָט באַדאַרפט האָבן געלט. אָט אַזוי איז קריסטאָף געבליבן אײנער אַליין מיט דער מאַמע אין שטוב, וואָס איז איצט געווען פאַר זיי צו גרויס; די נויט און אויך די חובות, וואָס זענען אויפגעשווומען נאָך מעלכיאָרס טויט, האָבן זיי געצווּנגען, ווי שווער ס׳איז זיי נישט געווען, — צו זוכן אַן אַנדערע דירה, אַן ערגערע און ביליקערע.

זיי האָבן טאַקע געפונען אַ קליין דירהלע, — צוויי אָדער דריי צימערלעך אויפן צווייטן גאָרן אין אַ הויז אויף דער מאַרק־גאַס. די געגנט איז געווען אַ רעשיקע, אין סאַמע צענטער שטאָט, ווייט פונם טײַך, ווייט פון די בוימער און פון אַלע ליבע ערטער. מ׳האָט אָבער געמוזט פאָלגן דעם שכל, נישט דעם געפיל; קריסטאָף האָט דאָ געפונען א גוטע געלעגנהייט צו שטילן זיין דורשט נאָך דעם צער און פּיין. אגב, איז דער אייגנטימער פונם הויז, דער אַלטער קאַנצעליאַריסט אײלער, געווען דעם זיידנס אַ ידיד און געקענט די משפּחה; דאָס איז געווען גענוג, אַז לואיזע זאָל מסכּים זיין, ווייל זי איז געווען איינזאַם אין איר פּוסטער שטוב, און ס׳האָט זי שטאַרק געצויגן צו די, וואָס ביי זיי איז פאַרבליבן דער זכר פון אירע געליבטע.

זיי האָבן זיך געגרייט אַרויסצוציען זיך פון דער דירה. זיי האָבן נאָך לאַנג איינגעזאַפּט אין זיך דעם ביטערן טרויער פון די לעצטע טעג, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין דער אומעטיקער טייערער היים, וועלכע זיי האָבן פאַרלאָזט אויף אייביק. זיי האָבן נישט געהאַט קיין ווילן צו טיילן זיך מיטן ווייטיק; זיי האָבן זיך געשעמט אָדער מורא געהאַט. יעדערער פון זיי האָט בשעת־מעשה געטראַכט, אַז ער דאַרף נישט אַרויסווייזן זיין שוואַכקייט דעם צווייטן. ביים טיש, זיצנדיק זאַלבעצווייט אינם טרויעריקן צימער מיט די האַלבאַראָפּגעלאָזענע פאָרהאַנגען, האָבן זיי נישט געהאַט דעם מוט אויפצוהויבן די שטים, געשעמט זיך צו עסן און אויסגעמיטן די בליקן, מורא האָבנדיק אַרויסצוווייזן זייער אויפרעגונג. באַלד נאָכדעם האָבן זיי זיך צעשיידט. קריסטאָף איז אַוועק צו זיינע עסקים; און ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט, איז ער צוריקגעקומען, אַריינגעגאַנגען פאַרבאָרגענערהייט אַהיים און אַרויף אויף די שפּיץ פינגער צו זיך אין צימער אָדער אין שפּייז־קאַמער. דעמאָלט פלעגט ער

פאַרמאַכן די טיר, געזעצט זיך אין אַ ווינקל אויף אַן אַלטן קופערט אָדער אויפן פענסטער און זיך צוגעהערט צום אומבאַשטימטן גערויש פון דער אַלטער שטוב, וואָס האָט זיך ביי יעדן מינדסטן טריט גע־טרייסלט. ווי די שטוב האָט זיין האַרץ געציטערט. ער האָט געלויערט מיט אַנגסט אויפן לייכטסטן שאָרך פון דרויסן אָדער פון אינעווייניק, געהערט דאָס סקריפּען פונם דיל, די אומבאַגרייפלעכע היימישע קולות: ער האָט זיי אַלע געקענט. ער איז געוואָרן באַוווסטלאָז, זיין געדאַנק איז פאַרפלייצט געוואָרן פון די פאַרגאַנגנהייטס־בילדער; פון זיין פאַרגליווערטקייט האָט אים ערשט אַרויסגעריסן דער זייגער פונם הייליקן מאַרטין, וואָס האָט אַ קלונג געטון און דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין.

פונם אונטערשטן שטאָק זענען צו אים דערגאַנגען לואיזעס טריט, וועלכע האָבן געלאַסן געטראָטן הין און צוריק. שעהנווייז האָט מען גאָרנישט געהערט; זי האָט נישט געמאַכט קיין שום גערויש. קריסטאָף האָט אָנגעשטעלט דאָס אויער. ער איז אַראָפּגעלאָפן, אַ ביסל אומרויק, ווי שטענדיק נאָך אַ גרויסן אומגליק. ער האָט האַלב געעפנט די טיר: לואיזע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן; זי איז געזעסן פאַר אַ וואַנט־שענקל, צווישן אַ באַרג זאַכן: שמאַטעס, אַלט־וואַרג, איינציקע כּלים, אָנדענק־זאַכן, וואָס זי האָט אַרויסגענומען מיטן אויסרייד זיי צו ברענגען אין אָרדנונג. אָבער די כּוחות האָבן זי כּמעט פאַרלאָזן: יעדע זאַך האָט איר אָן עפּעס אַנדערש דערמאָנט; זי האָט די זאַכן געדרייט צווישן די פינגער — און פאַרזונקען גע־וואָרן אין טרוימען; די זאַך האָט זיך איר אַרויסגעגליטשט פון די הענט; זי איז געבליבן שעהנווייז זיצן אָפּגעשוואַכט אויף איר שטול, מיט אַראָפּהענגענדיקע הענט און פאַרזונקען אין אַ פאַרגליווערטן צער.

די אָרעמע לואיזע האָט דאָס רוב פון אירע טעג געלעבט איצט אין דער פאַרגאַנגענהייט, — אין דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט איר אַזוי געקאַרגט אַ ביסל פרייד; נאָר זי איז, נעבעך, אַזוי געוווינט געווען צו ליידן, אַז זי איז דאַנקבאַר געווען פאַר די קלענסטע חסדים, און די בלייכע שטראַלן, וואָס האָבן דאָ און דאָרט געבלישטשעט, האָבן געקלעקט צו באַלויכטן איר לעבן. אַל דאָס ביז וואָס זי איז אויסגעשטאַנען פון מעלכיאָרן איז פאַרגעסן געוואָרן, זי האָט געדענקט בלויז גוטס. די געשיכטע פון איר חתונה איז געוואָרן

דער גרויסער ראָמאַן פון איר לעבן. אויב מעלכיאָר איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן פון אַ קאַפּריז און האָט תיכּף חרטה געהאַט אויף דער חתונה — איז זי אים דאָך געווען איבערגעגעבן פון טיפן האַרצן; זי האָט גע־גלויבט, אַז ער האָט זי ליב געהאַט, גלייך ווי זי אים און דעריבער איז ביי איר געבליבן אַ צערטלעכע דאַנקבאַרקייט צו מעלכיאָרן. און דאָס, וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן אַן אַנדערער — דאָס האָט זי נישט געוואָלט פאַרשטיין. נישט מסוגל צו זען די ווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז, האָט זי בלויז געוווסט, אַז זי מוז טראָגן אירע צרות אַזוי ווי זיי זענען, ווי אַ דערשלאָגענע, מוטיקע פרוי, וואָס לעבט זיך איר לעבן און האַלט נישט פאַר נויטיק עס צו פאַרשטיין. דאָס, וואָס זי אַליין האָט נישט געקאָנט אויסטייטשן, האָט זי איבערגעלאָזן פאַר גאָט, ער זאָל עס אויסטייטשן. צוליב אַ מערקווירדיקער פּיעטעט, האָט זי אַרויפגעלעגט אויף גאָט די אחריות פאַר אַלע צרות, וואָס זי איז אויס־געשטאַנען פון מעלכיאָרן און פון אַנדערע, און די מענטשן גופא האָט זי דערמאָנט בלויז צו גוטן. אָט אַזוי האָט איר שווער לעבן נישט געלאָזט אין איר קיין ביטערע זכרונות. זי האָט זיך נאָר געפילט אויס־געשעפּט — זי איז בטבע געווען אַ שוואַכע — דורך די יאָרן פון דלות און מאַטערניש; און איצט, ווען מעלכיאָר איז שוין מער נישט געווען, איצט, ווען די צוויי זין זענען אַוועקגעפלויגן פון דער נעסט, און דער דריטער האָט זיך, דאַכט זיך, אויך געקאָנט באַגיין אָן איר הילף, — האָט זי לחלוטין פאַרלוירן דעם מוט עפּעס צו טון; זי איז געווען מיד, שלעפעריק, איר ווילן איז געווען פאַרחושט. זי האָט דורכגעמאַכט איינעם פון יענע נעוראַסטענישע קריזיסן, וואָס באַפאַלן אָפט, אינם באַרג־אַראָפּ פונם לעבן, די אַרבעטזאַמע מענטשן, ווען אַן אומגעריכטע צרה נעמט־אָפּ ביי זיי יעדן חשק צו אַרבעטן. זי האָט נישט געהאַט דעם מוט צו ענדיקן דעם זאָק, וואָס זי האָט געשטריקט, צונויפצולייגן די זאַכן אין קעסטל, ווו זי האָט גענישטערט, אָדער זיך אויפצוהויבן צו פאַרמאַכן דאָס פענסטער: זי פלעגט בלייבן זיצן אָן קיין מחשבה, אָן כוח צו טון עפּעס, — אויסער צו טרוימען. זי האָט גע־וווסט פון איר שוואַכקייט און געדרויטלט זיך, ווי פון חרפּה; זי האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן עס פון זון, און קריסטאָף, וואָס איז געווען פאַרנומען מיטן עגאָיזם פון זיינע אייגענע צרות, האָט גאָרנישט באַ־מערקט. ביי זיך אין האַרצן האָט ער געוויס זיך טיילמאָל אומגעדול־דיק געבייזערט אויף דער מאַמעס איצטיקער אָפּגעלאָזנקייט אין רעדן

און טון די לייכטסטע זאַך; נאָר ווי גרויס ס'איז נישט געווען דער חילוק צווישן איר איצטיקן צושטאַנד און דער פריערדיקער אַקטיווקייט — האָט ער זיך וועגן דעם נישט געזאָרגט.

נאָר יענעם טאָג האָט ער זיך צום ערשטן מאָל שטאַרק דערשראָקן, ווען ער האָט אומגעריכט דערזען, ווי זי זיצט צווישן אירע שמאַטעס, וואָס זענען צעוואָרפן געווען אויפן פּאַרקעט, אויפגעוואָרפן אין אַ הויפן ביי אירע פיס, פאַרנומען אירע הענט און פאַרדעקט אירע קני. דער האַלז איז געווען אויסגעצויגן, דער קאָפּ געבויגן פאָרויס, דאָס פּנים צונויפגעקאָרטשעט און פאַרשטאַרט. דערהערנדיק זיין אַריינקומען, האָט זי אַ צאַפּל געטון; אַ רויטקייט האָט זיך באַוויזן אויף אירע בלייכע באַקן; מיט אַן אינסטינקטיווער באַוועגונג האָט זי זיך באַמיט צו באַהאַלטן די זאַכן, וואָס זי האָט געהאַט אין האַנט, און געשטאַמלט מיט אַ פאַרלעגנהייט־שמייכל:

— דו זעסט? איך לעג זיי איין...

דאָס בילד פון אָט דער אָרעמער נשמה, וואָס האָט אַרומגעבלאָנקעט צווישן די הייליקייטן פון איר פאַרגאַנגענהייט, האָט אים אַ שטאָך געטון אין האַרצן; ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ מיטלייד. פונדעסטוועגן האָט ער בכּיוון זיך אָנגערופן מיט אַ בייזן טאָן, כּדי זי אַרויסצורייסן פון דער אַפּאַטיע:

— גענוג, מאַמאַ, גענוג, דו דאַרפסט דאָ מער נישט בלייבן צווישן דעם שטויב, אינם פאַרמאַכטן צימער! ס'וועט דיר פאַרשאָטן. מ'דאַרף זיך אָפּשאָקלען, מ'דאַרף מאַכן אַ סוף מיטן צו־טון האָבן מיט די זאַכן.

— יאָ, — האָט זי פאָלגעוודיק געענטפערט.

זי האָט געפּרוווט אויפצושטעלן זיך, כּדי אַריינצולעגן די זאַכן אינם קעסטל. אָבער באַלד האָט זי זיך ווידער געזעצט און מוטלאָז אַרויסגעלאָזן פון האַנט די זאַכן, וואָס זי האָט געהאַלטן.

— אַך! איך קאָן נישט, איך קאָן נישט — האָט זי געקרעכצט — איך וועל קיינמאָל נישט פאַרטיק ווערן דערמיט!

ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און געגלעט איר שטערן מיט די הענט.

— וואָס איז דיר, מאַמאַ — האָט ער געזאָגט. — ווילסט, איך זאָל דיר העלפן? דו ביסט קראַנק?

זי האָט נישט געענטפערט. ס'האָט זי אָנגעכאַפּט אַ מין אינערלעכער [illegible]מצטישער געוויין. ער האָט זי אָנגענומען פאַר די הענט

זיך געשטעלט פאַר איר אויף די קני, כדי זי בעסער צו זען אין דער האַלב־פינסטערניש פונם חדר.

— מאַמאַ! — האָט ער אומרויק גערופן.

לואיזע האָט אָנגעשפּאַרט איר שטערן אָן זיין אַקסל און זיך ביטער צעוויינט.

— קינד מיינס, — האָט זי איבערגעחזרט און זיך צוגעדריקט צו אים — מיין קלייניקער!... דו וועסט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן? זאָג מיר צו, וועסט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן?

זיין האַרץ איז געווען צעבראָכן פון מיטלייד.

— אָבער ניין, מאַמאַ, כ׳וועל דיך נישט פאַרלאָזן. וואָס פאַר אַן איינפאַל!

— איך בין אַזוי אומגליקלעך! זיי האָבן מיך אַלע פאַרלאָזן, אַלע...

זי האָט אָנגעוויזן אויף די זאַכן, וואָס זענען געלעגן אַרום איר און מ׳האָט נישט געקאָנט וויסן, צי מיינט זי די זאַכן אָדער די פאַרשטאָרבענע און די זין.

— דו וועסט דאָך בלייבן מיט מיר? וועסט דאָך מיך נישט פאַרלאָזן?... וואָס וועט ווערן מיט מיר, אויב דו וועסט אויך אַוועק?

— איך וועל נישט אַוועקגיין! איך זאָג דיר צו, מיר וועלן בלייבן צוזאַמען. וויין נישט. איך זאָג דיר צו.

זי האָט ווייטער געוויינט און נישט געקאָנט גאָר אויפהערן. ער האָט איר אויסגעווישט די אויגן מיט זיין טיכעלע.

— וואָס איז דיר, טייערע מאַמאַ? דו ליידסט?

— איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, וואָס מיר איז.

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַרויקן זיך און אַ שמייכל צו טון.

— מיר איז שווער זיך צו באַהערשן; צוליב גאָרנישט הויב איך ווידער אָן צו וויינען... אָ, דו זעסט, איך הויב שוין ווידער אָן... זײַ מיר מוחל; איך בין אַ נאַר. איך בין אַלט. איך האָב נישט מער קיין כוח. איך טויג נישט מער צו גאָרנישט. איך וואָלט בעסער געוואָלט באַגראָבן ווערן צוזאַמען מיט דעם אַלעמען...

ער האָט זי צוגעדריקט צום האַרצן, ווי אַ קינד.

— פייניק זיך נישט, באַרויק זיך, טראַכט נישט מער...

זי האָט זיך ביסלעכווייז באַרויקט.

— ס׳אַראָ אומזין, איך שעם זיך... נאָר וואָס איז מיר? וואָס איז מיר פּאָרט?

אָט די אַרבעטזאַמע אַלטע האָט נישט געקאָנט תּופס זיין, פאַר־וואָס זענען איר פּלוצלינג אויסגעגאַנגען די כּוחות, און זי האָט זיך געפילט פאַרשעמט ביזן טיפן האַרצן. ער האָט זיך בכּיוון געמאַכט, אַז ער באַמערקט עס נישט.

— אַ ביסעלע פאַרמאַטערט, מאַמאַ, — האָט ער געזאָגט, באַמיענדיק זיך צו רעדן מיט אַ גלייכגילטיקן טאָן — עס וועט גאָרנישט זיין, וועסט זען...

אָבער אויך ער איז געווען אומרויק. זינט די קינדער־יאָרן איז ער געוווינט געווען צו זען זיין מאַמע שטענדיק אַ מוטיקע, ווי זי נעמט אַלץ אָן פאַר ליב, ווי זי שטעלט זיך שטיל אַנטקעגן אַלע צרות. און די דערשלאָגנקייט האָט אים דערשראָקן.

ער האָט איר געהאָלפן צונויפלייגן די זאַכן, וואָס זענען געווען צעזייט איבער דער ערד. פון צייט צו צייט האָט זי זיך אָן עפּעס אָנגעשטויסן און זיך לענגער פאַרהאַלטן; נאָר ער האָט געלאַסן אַרויס־גענומען די זאַך פון איר האַנט — און זי האָט נישט געוועהרט.

פון דעם אויגנבליק אָן האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו בלייבן מיט איר וואָס מער. אַנשטאָט צו פאַרמאַכן זיך נאָך דער אַר־בעט אין זיין אייגענעם צימער, איז ער געזעסן צוזאַמען מיט איר. ער האָט געפילט, ווי עלנט זי איז און אַז זי איז נישט בכּוח אַרי־בערצוטראָגן די איינזאַמקייט: ס׳וואָלט געווען געפערלעך צו לאָזן זי אַליין.

אין אָוונט פלעגט ער זיצן נעבן איר. ביים אָפענעם פענסטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום וועג. די פעלדער זענען ביסלעכווייז אויס־געלאָשן געוואָרן. די מענטשן זענען געקומען צוריק אַהיים. ווייט, אין די שטיבער, האָבן געפינקלט קליינע פייערלעך. זיי האָבן עס שוין טויזנט מאָל געזען. אָבער באַלד וועלן זיי עס שוין נישט זען מער. זיי פלעגן זיך איבערוואַרפן מיט עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער, גע־מאַכט איינער דעם צווייטן אויפמערקזאַם אויף די מינדסטע, און אפילו

גוט-באַקאַנטע און פּאָרויס-געוווּסטע, געשעעענישן פונם אָוונט, מיט אַן אייביק פרישן אינטערעס. זיי פלעגן אַזוי לאַנג שווייגן; אָדער לואיזע פלעגט זיך דערמאָנען, כלומרשט אָן אַ שום סיבה, עפּעס אַ פּרט פון איר פאַרגאַנגענהייט; אַמאָל איז איר געקומען אויפן רעיון אַ געשיכטע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו די פריערדיקע רייד. איצט, ווען זי האָט געפילט ביי דער זייט אַ ליבנדיק האַרץ, האָט זיך איר אויפגעבונדן די צונג. זי האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח צו רעדן. ס'איז איר אָנגעקומען מיט צרות, ווייל זי איז אייביק געוווינט געווען זיין אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, און אירע זין און דעם מאַן האָט זי געהאַלטן פאַר צו קלוגע, זיי זאָלן זיך אַריינלאָזן מיט איר אין אַ שמועס; זי האָט קיינמאָל קיין העזה נישט געהאַט זיך אַריינצומישן אין די רייד. קריסטאָפס צערטלעכע זאָרגעוודיקייט איז פאַר איר געווען אַ נייעס, פאַרשאַפט איר פאַרגעניגן, אָבער אויך זי אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. זי האָט געזוכט ווערטער; ס'איז איר שווער געווען זיך אויסצודריקן; אירע פראַגן זענען געווען אָפּגעהאַקט און אומקלאָר. טיילמאָל האָט זי זיך אַליין געשעמט פאַר אירע רייד, געקוקט אויפן זון און געבליבן שטיין אינמיטן דערציילן. אָבער ער האָט געדריקט איר האַנט — און זי האָט זיך באַרויקט. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליבע און מיטלייד צו דער דאָזיקער קינדערשער און מוטערלעכער נשמה, צו וועלכער ער האָט זיך קינדוויז געטוליעט; איצט האָט זי געזוכט אַ שוץ ביי אים. און ער האָט געפילט אַ פיינלעכע הנאה פון איר פלוידעריי, וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעס נאָר פאַר אים אַליין און מער פאַר קיינעם נישט; ער האָט זיך צוגעהערט צו די גאָרנישט-באַדייטנדיקע זכרונות פון דעם שטענדיק דורכשניטלעכן, גרויען לעבן, וועלכע האָבן פאַר לואיזען געהאַט אַן אומגעהויערן ווערט. ער האָט געפרוווט עטלעכע מאָל איבעררייסן; ער האָט מורא געהאַט, די זכרונות זאָלן זי נישט פאַראומערן, און צוגעשטאַנען צו איר, זי זאָל זיך גיין לעגן. זי האָט פאַרשטאַנען זיין כוונה און געזאָגט צו אים מיט דאַנקבאַרע אויגן:

— ניין, איך פאַרזיכער דיך, עס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן; לאָמיר זיצן נאָך אַ ביסל.

זיי פלעגן אַזוי בלייבן זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז שוין געשלאָפן. דערנאָך האָבן זיי זיך געזאָגט אַ „גוטע נאַכט"; זי האָט געפילט אַ פאַרלייכטערונג, וואָס זי האָט אַראָפּגעוואָרפן

פון זיך אַ טייל פון אירע צרות; און ער האָט געהאַט אַ שווער געמיט, וואָס צו זיין פריערדיקער לאַסט זענען צוגעקומען פרישע דאַגות.

ס'איז אָנגעקומען די צייט זיך אַרויסצוציען פון דער דירה. ערב דעם טאָג זענען זיי געבליבן זיצן אין צימער לענגער, ווי שטענדיק, און נישט אָנגעצונדן קיין לאָמפּ. זיי האָבן נישט גערעדט צווישן זיך. פון צייט צו צייט האָט לואיזע אַ זיפץ געטון: „אַך, גאָט מיינער!" קריסטאָף האָט זי געפּרוּווט פאַררעדן מיט [illegible]שידענע ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זייער פאַרלאָזן די דירה, — [illegible]אָרגנס האָט עס געזאָלט פאָרקומען — אָבער זי האָט נישט געוואָלט גיין שלאָפן. ער איז מיט גוטע רייד צוגעשטאַנען און געפּועלט, אָבער ווען ער איז אַרויף צו זיך אין צימער, איז ער אַליין נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער, האָט ער געפּרוּווט דורכרייסן די טונקלקייט און דערזען צום לעצטן מאָל די באַוועגלעכע נעפּל-שאָטנס פונם טייך, צופוסנס פונם הויז. ער האָט געהערט, ווי דער ווינט בלאָזט צווישן די גרויסע בוימער פון מינאַס גאָרטן. דער הימל איז געווען שוואַרץ. קיין שום דורכגייער אויף דער גאַס. אַ קאַלטער רעגן האָט גענומען פאַלן. די וועטער-פענדלעך האָבן מיט אַ טומל זיך געדרייט. אין דער שכנותדיקער שטוב האָט זיך צעוויינט אַ קינד. אין אַ שווערן טרויער איז די נאַכט געלעגן צוגעדריקט צו דער ערד און צו דער נשמה. איינטאָניקע שעהן, גרילצנדיקע האַלבע און פערטל-שעהן, זענען געפאַלן איינע נאָך דער צווייטער אין דער אומעטיקער שטילקייט, וואָס האָט נאָך-מער בולט געמאַכט דעם גערויש פון רעגן איבער די דעכער און ברוק.

ווען קריסטאָף איז לסוף געגאַנגען שלאָפן, האָבן אים ווייַ געטון אַלע גלידער; ער האָט דערהערט, ווי ס'פאַרמאַכט זיך דאָס פענסטער אויפן אונטערשטן גאָרן. און אין בעט האָט ער מיט ווייטיק געטראַכט, ווי אכזריותדיק עס איז, וואָס אָרעמע לייט בינדן זיך צו צו דער פאַרגאַנגענהייט: זיי האָבן נישט דאָס רעכט צו האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט, ווי די רייכע; זיי האָבן נישט קיין שטוב און אַפילו קיין ווינקעלע אויף דער ערד, וווּ זיי וואָלטן געקאָנט באַשירעמען זייערע זכרונות; — זייער פרייד, זייער זאָרג, אַלע טעג פון זייער לעבן זענען צעזייט אויפן ווינט.

אַ שלאַקס־רעגן האָט געגאָסן, ווען זיי האָבן צומאָרגנס אַריבער־געפירט זייער אָרעם האָב־און־גוטס אין דער נייער דירה. דער אַלטער טאַפּעצירער, פּישער, האָט זיי אויסגעבאָרגט זיין וואָגן און פערדל, און איז אַליין געקומען צולייגן אַ האַנט. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט אַריבערפירן דאָס גאַנצע מעבל, ווייל די דירה, ווו זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן, איז געווען פיל קלענער, ווי די פריערדיקע. קריסטאָף האָט געמוזט צורעדן די מאַמע, זי זאָל איבערלאָזן דאָס אַלטוואַרג, וואָס קאָן זיי מער נישט נוצן. ס'איז איר אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען, די קלענסטע זאַך האָט געהאַט באַ איר אַ ווערט: אַ הינקענדיקן טיש, אַ צעבראָכענעם שטול — זי האָט קיין זאַך נישט געוואָלט איבערלאָזן. אַרויסגעהאָלפן האָט פּישערס אויטאָריטעט, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערע חשיבות אין לואיזעס אויגן, אַ דאַנק זיין אַלטער פריינדשאַפט מיט זשאַן־מישעלן; פּישער האָט צו קריסטאָפס רייד צוגעגעבן זיין הילכיקע שטים, און ווי אַ גוטהאַרציקער מענטש, וואָס האָט פאַרשטאַנען לואיזעס צער, האָט ער איר צוגעזאָגט צו נעמען די טייערע שברי־כלים אונטער זיין השגחה, ביז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען זי וועט זיי קאָנען נעמען צו זיך. דעמאָלט האָט זי מיט אַ צעבראָכן האַרץ מסכים געווען צו צעשיידן זיך מיט זיי.

ביידע ברידער האָט מען נאָך פריער מודיע געווען וועגן זייער איבערציִען זיך אין דער נייער דירה; אָבער ערנעסט איז דעם לעצטן אָוונט געקומען זאָגן, אַז ער וועט נישט קאָנען זיין דערביי, און רודאָלף האָט זיך מיטאָג־צייט באַוויזן אויף איין אויגנבליק, צוגעקוקט, ווי מ'שלעפּט דאָס מעבל, געגעבן עטלעכע עצות און באַלד זיך אָפּגעטראָגן, ווי אַ שטאַרק באַשעפטיקטער מענטש.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט איבער די קויטיקע גאַסן. קריסטאָף האָט געהאַלטן די לייצעס פונם פערד, וואָס האָט זיך געגליטשט אויפן גלאַטן ברוק. לואיזע איז געגאַנגען ביי דער זייט פון איר זון, און באַמיט זיך צו פאַרשטעלן אים פונם רעגן, וואָס איז אָן אויפהער געגאַנגען. טרויעריק איז געווען דאָס אַריינקומען אין דער פייכטער דירה, וואָס • בלייכע רעפלעקסן פונם נידעריקן הימל האָבן נאָך פינסטערער

געמאַכט. זיי וואָלטן זיכֿער נישט בײַגעשטאַנען די מוטלאָזיקייט, וואָס האָט זיי באַהערשט, ווען נישט די פֿרײַנדלעכֿקייט פֿון זייערע שכֿנים. דער וואָגן איז אַוועקגעפֿאָרן, און דאָס מעבל איז געבליבן ליגן אין צימער איינס אויפֿן אַנדערן; די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, און קריסטאָף און לואיזע, וואָס זענען פֿאַרמאַטערט און צוטומלט געזעסן, ער אויף אַ קופֿער, זי אויף אַ זאַק, — האָבן דערהערט אַ קליינעם, טרוקענעם הוסט אויף די טרעפּ: מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס׳איז אַרײַנגעקומען דער אַלטער איילער. ער האָט העפֿלעך איבערגעבעטן, וואָס ער שטערט די ליבע שכֿנים; ער האָט צוגעגעבן, אַז כּדי צו פֿײַערן דעם ערשטן אָוונט פֿון זייער קומען אַהער אין אַ מזלדיקער שעה, בעט ער זיי צו זיך אויף אָוונט־ברויט צוזאַמען מיט זײַן משפּחה, און ער האָפֿט, אַז זיי וועלן אים נישט אָפּזאָגן. לואיזע, פֿאַרזונקען אין טרויער, האָט געפּרוּווט אָפּזאָגן. קריסטאָף האָט אויך נישט געלאָקט צו טרעפֿן זיך איצט מיט די שכֿנים; נאָר דער אַלטער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, און קריסטאָף איז צוגעשטאַנען צו דער מוטער, זי זאָל מסכּים זײַן: ער האָט געמיינט, אַז ס׳איז גלײַכֿער, זי זאָל דעם ערשטן אָוונט נישט פֿאַרברענגען אין דער נײַער דירה איינע אַליין מיט אירע געדאַנקען.

זיי זענען אַראָפּ אויפֿן אונטערשטן שטאָק, ווו זיי האָבן געטראָפֿן די גאַנצע משפּחה: דעם אַלטן, זײַן טאָכֿטער, זײַן איידעם, פֿאָגעל און זײַנע אייניקלעך, — אַ ייִנגל און אַ מיידל, כּמעט אין קריסטאָפֿס עלטער. אַלע האָבן זיך גענומען פֿאָרקען אַרום זיי, געווונטשן גליק, נאָכֿגעפֿרעגט זיך, צי זיי זענען אפֿשר מיד, צי זענען זיי צופֿרידן פֿון זייערע צימערן, צי נויטיקן זיי זיך נישט אין עפּעס; געשטעלט זיי צענדליקער פֿראַגן, וועלכֿע דער צעטומלטער קריסטאָף האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין; ווײַל אַלע האָבן גערעדט מיטאַמאָל. מ׳האָט דערלאַנגט דאָס עסן, און זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש. אָבער דער טומל האָט אַלץ געדויערט. אַמאַליאַ, איילערס טאָכֿטער, האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק גלײַך אויסצודערציילן לואיזען וועגן אַלע לאָקאַלע מערקווירדיקייטן, וועגן דער גאַנצער טאָפּאָגראַפֿיע פֿון געגנט, די רגילותן און מעלות פֿונם הויז, די שעה, ווען ס׳קומט דער מילכֿיקער, די שעה, ווען זי שטייט אויף פֿון שלאָף, די מענטשן, וואָס ברענגען אַהיים שפּײַז, און די פּרײַזן, וואָס זי צאָלט. זי האָט נישט אויסגעהערט די רייד, ביז זי האָט אַלץ אַרויסגעלעגט. די שלעפֿעריקע לואיזע האָט זיך באַמיט אַרויסצווײַזן, אַז זי איז פֿאַראינטערעסירט מיט

אירע רייד; אָבער עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט, האָבן עדות געזאָגט, אַז זי הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין קיין וואָרט, זיי האָבן אַרויסגערופן דערקלערונגען פון דאָס ביי צוזאַמען מיט פאַרחידושטע אויסגעשרייען. דער אַלטער קאַנצעלאַריע-באַאַמטער איילער האָט געגעבן קריסטאָפן צו פאַרשטיין די שווערקייטן פון דער מוזיקאַלישער קאַריערע. קריסטאָפס צווייטע שכנטע, ראָזע, אַמאַליאַס טאָכטער, האָט גערעדט אָן אויפהער, אַזוי געשווינד, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם: זי איז געבליבן שטיין פאַרסאַפּעט אינמיטן אַ זאַץ, אָבער גלייך אָנגעהויבן ווידער. פּאָגעל איז געווען אָנגעבלאָזן און זיך באַקלאָגט אויף די מאכלים. ס׳איז געווען אַן ענין פון ביידע ליידנשאַפּטלעכע וויכּוחים. אַמאַליאַ, איילער, די קליינע — אַלע האָבן איבערגעריסן זייער שמועס, כּדי זיך צו באַטייליקן אינם וויכּוח; און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ צאַנקעריי אָן סוף וועגן דער פראַגע, צי איז דער מאכל גענוג געזאַלצן אָדער צו ווייניק: זיי האָבן געבראַכט ראַיות איינער פונם צווייטן; נאַטירלעך, זענען נישט געווען קיין צוויי ענלעכע מיינונגען. יעדער איינער האָט געמאַכט חוזק פון זיין שכנס געשמאַק און געהאַלטן, אַז זיינער איז ריכטיקער און געזונטער. זיי וואָלטן זיך מסתמא אַזוי געשפּאַרט אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

נאָר לסוף האָבן זיי אַלע געמאַכט שלום און אַלע צוזאַמען זיך גענומען קלאָגן אויף די שלעכטע צייטן. אין רירנדיקע ווערטער האָבן זיי אויסגעדריקט מיטלייד לואיזען און קריסטאָפן, און שטאַרק געריימט זייער מוטיק האַלטן זיך. מיט אַ באַזונדערער הנאה האָבן זיי דערמאָנט נישט בלויז די אומגליקן פון זייערע שכנים, נאָר אויך די אייגענע און די צרות פון זייער פריינד און באַקאַנטע; און אַלע האָבן מסכּים געווען, אַז די ערלעכע זענען שטענדיק אומגליקלעך און אַז גוטס האָבן נאָר עגאָיסטן און רשעים. זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס לעבן איז טרויעריק און אַז עס טויג נישט, אַז ס׳איז בעסער צו שטאַרבן און אַז ס׳איז בלי-ספק אַ גזר פונם אויבערשטן צו לעבן, כּדי זיך צו מאַטערן. אַזוי-ווי אָט די געדאַנקען זענען נאָענט געווען דעם פּעסימיזם, וואָס האָט באַהערשט קריסטאָפן, איז ער געוואָרן גינסטיק געשטימט צו זיינע באַלעבאַטים און נישט באַמערקט זייערע משונהדיקע זייטן.

ווען ער איז אַרויף מיט דער מוטער אין זייער דירה, וואָס איז

געוועז אין אומאָרדענונג, האָבן זיי זיך געפילט אומעטיק און פאַרמאַטערט, אָבער שוין נישט אַזוי עלנט. קריסטאָף האָט מחמת מידקייט און טומל נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן; ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן אין דער נאַכט און געהערט, ווי די שווערע וואָגנס טרייסלען-אויף די ווענט און ווי עס כראָפּעט די פאַמיליע אינם אונטערשטן שטאָק. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אויב ער וועט דאָ נישט זיין גליקלעך, וועט ער לפחות זיין ווייניקער אומגליקלעך צווישן אָט די אָרנטלעכע, אמת, אַ ביסל לאַנגווייליקע מענטשן, וואָס ליידן די זעלבע יסורים, וואָס ער; זיי פאַרשטייען אים, דאַכט זיך, און ער פאַרשטייט זיי אויך.

אָבער ווען ער איז לסוף אַנטשלאָפן געוואָרן, האָבן אים גאַנץ פרי אויפגעוועקט די האַסטיקע קולות פון זיינע שכנים, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַרומצורייסן, און דאָס סקריפּען פון דעם פּלומפּ, וואָס אַן אויפגערעגטע האַנט האָט באַוועגט, כדי מיט פולע שטראָמען-וואַסער צו וואַשן דעם הויף און די טרעפּ.

יוסטוס איילער איז געווען אַ קליינער, איינגעבויגענער זקן, מיט אומרויקע, טרויעריקע אויגן, מיט אַ רויטן, צעקנייטשטן און צעאַקערטן פּנים, מיט אַ מויל אָן ציין און אַ צעקנאָדערטער באָרד, וועלכע ער האָט אָן אויפהער געצופּט מיט די הענט. ער איז געווען זייער אַן אָרנטלעכער מענטש, אַ ביסל בירגערלעך-אָפּגעהיט און טיף מאָראַליש. ער מיט קריסטאָפס זיידן האָבן זיך זייער גוט פאַרשטאַנען. אַלע האָבן געפונען, אַז ער איז אפילו ענלעך צום זיידן. און באמת, ער איז געווען פונם זעלבן דור און אַ חסיד פון די זעלבע פּרינציפּן; עס האָט אים בלויז געפעלט זשאַן-מישעלס שטאַרקע פיזישע קראַפט, דאָס הייסט, הגם אין ס׳רוב ענינים האָט ער געהאַט די זעלבע מיינונגען, וואָס יענער, איז דאָך געווען צווישן זיי אַ טיפער אונטערשיד; ווייל דעם מענטשנס שאַפט דער טעמפּעראַמענט, פיל מער ווי די אָנשויונגען; און ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין די אונטערשידן, — די ווירקלעכע, ווי אויך די געמאַכטע, — וואָס די אינטעליגענץ שאַפט צווישן מענטשן, באַשטייט אָבער דער גרעסטער חילוק צווישן זיי קודם-כל אין דעם,

וואָס אַ טייל מענטשן זענען געזונט און אַ טייל — נישט. דער אַלטער איילער האָט נישט געהערט צו די ערשטע. ער האָט גערעדט וועגן מאָראַל אַזוי ווי דער זיידע; אָבער זיין מאָראַל איז פּאָרט געווען אַנדערש, ווי דעם זיידנס; זי האָט נישט געהאַט זשאַן־מישעלס געזונטן מאָגן, נישט זיינע לונגען און נישט זיין שטראָמענדיקע קראַפט. סיי ביי אים און סיי ביי זיינע בני־בית איז יעדע זאַך געטון געוואָרן לויט אַ קאַרגן, אויסגערעכנטן פּלאַן. נאָכדעם, ווי ער איז פערציק יאָר געווען אַ באַאַמטער און לסוף אָנגעוווירן די שטעלע, האָט ער אָנגעהויבן ליידן אויף אומעט פון ליידיקגייעריי, וואָס איז אַזוי שווער פאַר די אַלטע לייט, אויב זיי האָבן זיך נישט אָנגעזאַמלט אויף דער עלטער קיין אוצר פון גייסטיקער שפע. אַלע נאַטירלעכע אָדער אויסגעבאָרגטע רגילותן, אַלע געוווינהייטן פון זייער באַרוף, לעגן אויף די דאָזיקע זקנים דעם שטעמפּל פון פּחדנות און טרויער, וואָס רופן זיך אָפּ אין אַ גרויסער מאָס אויף יעדן איינציקן פון זייערע קינדער

זיין איידעם, פּאָגעל, אַ באַאַמטער אין דער פירשטלעכער קאַנצעלאַריע, איז אַלט געווען פופציק יאָר. ער איז געווען הויך, שטאַרק מיט אַ פּליך אויפן גאַנצן קאָפּ, מיט גאָלדענע ברילן, וואָס זענען געווען צוגעקלעפּט צו זיינע שלייפן און מיט אַ גאַנץ פרישן פּנים. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קראַנקן און איז בלי־ספק באמת קראַנק געווען. נאַטירלעך, האָט ער נישט פאַרמאָגט אַלע קראַנקהייטן, וואָס ער האָט ביי זיך אַליין געפונען, נאָר די נאַרישקייט פון זיין פאַך האָט אויף אים גייסטיק שלעכט געווירקט, און דאָס זיצנדיקע לעבן פון אַ באַאַמטן האָט אַ תל געמאַכט פון זיין געזונט. ער איז, אגב, געווען אַ גרויסער מתמיד, אָן קיין שום באַלוינונג; פאַרמאָגט אפילו אַ באַשטימטע קולטור, — נאָר ער איז געווען אַ קרבן פונם זינלאָזן מאָדערנעם לעבן, און ווי פיל באַאַמטע, וואָס זענען צוגעשמידט צו זייערע שרייבטישן, איז ער באַהערשט געוואָרן פונם מרה־שחורה־דעמאָן. ער איז געווען איינער פון יענע אומגליקלעכע, וואָס געטהע רופט זיי אָן „איין טרויעריקער אונגריכישער היפּאָכאָנדריסט”, (אַ טרויעריקער, נישטגריכישער מרה־שחורהניק) — און אויף וועלכע געטהע האָט רחמנות געהאַט און אויסגעמיטן צו שטיין אין זייערע ד׳ אמות.

אַמאַליאַ איז נישט געגאַנגען אין זייערע דרכים: נישט אינם פאָטערס און נישט אין איר מאַנס. זי איז געווען אַ געזונטע, טומלענדיקע, טעטיקע פרוי, וואָס איז ווייניק־וואָס נתפּעל געוואָרן פון אי־

מאַנס ווײ־קלאָגעניש; זי האָט אים אפילו אָפּטמאָל מיט כּוח אַ טרייסל געטון. אָבער קיין שום קראַפט אין דער וועלט קאָן זיך נישט שטעלן קעגן דעם שטענדיקן צוזאַמענלעבן פון צווײ מענטשן; און אויב בײ מאַן־און־ווייב, איז איינער פון זײ אַ נערוועסטעניקער, דאַרף מען פּאָרויסזען, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועלן זײ עס ביידע ווערן. אומזיסט האָט אַמאַליאַ, צוליב נויטווענדיקייט אָדער פון רגילות געבייזערט זיך אויף פּאָגעלן: אין אַ ווײלע אַרום האָט זי נאָך שטאַרקער ווי איר מאַן געזיפצט אויף איר פינסטערן מזל נעבעך. זי פלעגט פלוצלינג אַריבער גלייך פון זידלערײ צו יאָמער, — און מיט דעם אַ קנאַפּע טובה געטון דעם מאַן. להיפּוך: זי האָט נאָך פאַרגרעסערט זיין טרויער, מאַכנדיק פון אַ וואָרט — אַ קוואָרט. דער סוף איז געווען, אַז נישט נאָר דער אומגליקלעכער פּאָגעל איז אַריינגעפאַלן אין מרה־שחורה און געוואָרן דערשלאָגן, בעת ער האָט געזען ווי זיינע זיפצן רופן זיך שטאַרק אָפּ אין דעם דאָזיקן עכאָ, נאָר אויך די גאַנצע אַרומיקע סביבה און אפילו זי גופא איז געפאַלן ביי זיך. אָן אַ שום סיבה האָט זי אָנגעהויבן צו באַקלאָגן זיך אויף איר געזונט־צושטאַנד און אויפן געזונט פון איר פאָטער, טאָכטער און זון. ס׳איז געוואָרן ביי איר אַ מאַניע: וואָס מער זי האָט גערעדט וועגן דעם, אַלץ מער האָט זי אין דעם געגלויבט. דעם מינדסטן ווייטיק האָט זי אָנגענומען טראַגיש, צוליב יעדער קלייניקייט פלעגט זי אומרויק ווערן. נאָך מער: ווען אפילו אַלץ איז געגאַנגען כּשורה, האָט זי דאָך געפייניקט דער געדאַנק, אַז עמעצער וועט, חלילה, קראַנק ווערן. אָט אַזוי האָט זיך געצויגן דאָס לעבן אין שטענדיקע דאגות. אגב, האָבן זיך אַלע געפילט גאַנץ גוט, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שטענדיקע באַקלאָגן זיך האָט גוט געווירקט אויף אַלעמענס געזונט. אַמאַליאַס רירעוודיקייט האָט זיך נישט באַפרידיקט דערמיט, וואָס זי איז פון פרי ביז נאַכט אַרומגעקראָכן איבער דער שטוב, פון בוידעם ביזן קעלער: זי האָט באַדאַרפט, אַז אויך אַלע זאָלן זיך פאָרען אַרום איר; און דערפאַר האָט מען אָן אויפהער געהערט, ווי מ׳רוקט איבער דאָס מעבל, מ׳וואַשט די שויבן, מ׳רייבט דעם פּאַרקעט, — און — אַ רעש פון קולות, טריט, אַ שטענדיקער געפּילדער, אָן אייביקע באַוועגונג.

ביידע קינדער האָבן זיך געפילט דערשלאָגן פון דער דאָזיקער מ׳ומלעגדיקער אויטאָריטעט, וואָס האָט ביי אַלעמען צוגענומען זייער פרייהייט, און געהאַלטן, ווייזט אויס, גאַנץ נאַטירלעך זיך אונטערצו־

וואַרפן איר מאַכט. דאָס יינגל, לעאָנאַרד, האָט געהאַט אַ שיין פּנימל וואָס האָט גאָרנישט אויסגעדריקט, און זיין באַנעמען זיך איז געווען געמאָסטן און געוואויגן. דאָס טעכטערל, ראָזע, איז געווען אַ בלאָנד מיידל, מיט גאַנץ שיינע, בלויע, זיסע, מילדע אויגן; זי וואָלט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, דער עיקר אַ דאַנק איר פרישער, איידעלער הויט און גוטמוטיקן אויסדרוק פון פּנים, ווען נישט די אַ ביסל צו דיקע, קרום-געוואַקסענע נאָז, וואָס האָט זי געמאַכט מיאוס און מגושמ-דיק. זי האָט דערמאָנט אָן האָלביינס מיידל, וואָס געפינט זיך אינעם מוזיי אין באַזעל, — די טאָכטער פונם בירגערמייסטער מייער — ווי זי זיצט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט די הענט אויף די קני, מיט די צעשויבערטע האָר, וואָס פאַלן איר אַראָפּ אויף די אַקסלען, און זי זעט אויס, ווי פאַרשעמט צוליב איר מיאוסער נאָז. אָבער ראָזע האָט זיך עס נישט גענומען אַזוי שטאַרק צום האַרצן, און ס׳האָט איר לחלוטין נישט געשטערט צו גאָדערן אַ גאַנצן טאָג. מ׳האָט אָן אויפ-הער געהערט, ווי זי דערציילט מיט איר שניידיקער שטים פאַרשידענע מעשות, — שטענדיק פאַרסאָפּעט, גלייך ווי זי וואָלט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט אַלץ אַרויסצוזאָגן, שטענדיק אָנגעצונדן און צע-טומלט, הגם מ׳האָט זיך שטענדיק אויף איר געבייזערט. די מאַמע, דער טאַטע און דער זיידע זענען צוליב דעם געווען פּשוט פאַר-צווייפלט, נישט אַזוי ווייל זי האָט שטענדיק גערעדט, נאָר דערפאַר, וואָס דערמיט האָט זי זיי געשטערט צו רעדן. די דאָזיקע אויסגע-צייכנטע, ווילע, אָרנטלעכע און אָפּגעגעבענע מענטשן, — ממש דאָס אויבערשטע פון שטויסל — האָבן פאַרמאָגט אַלע גוטע מידות; נאָר ס׳האָט זיי געפעלט איין מידה, וואָס גיט-צו דעם לעבן דעם זיבעטן חן: די מידה פון שוויגן.

קריסטאָף איז געווען אין אַ געדולדיקן צושטאַנד. די צרות האָבן באַזיגט זיין אויפגערעגטע, היציקע נאַטור. ער איז דערגאַנגען, ווי אכזריותדיק עס איז די גלייכגילטיקייט פון די אויסערלעך-עלעגאַנטע לייט, און אָט די דערפאַרונג האָט אים דערפירט דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבן אָפּצושאַצן דעם ווערט פון די אָרנטלעכע מענטשן, וואָס

פאַרמאָגן נישט קיין שום חן און זענען טויט־לאַנגווייליק; זיי פאַרמאָגן אָבער דערפאַר אַ הויכע פאַרשטעלונג וועגן לעבן און זיי מיינען, אַז אַזוי ווי זיי לעבן אָן שום פרייד, לעבן זיי אויך אָן שום חסרונות. נאָכ־דעם ווי ער האָט באַשלאָסן, אַז זיי זענען אויסגעצייכנטע מענטשן און זיי דאַרפן אים געפעלן ווערן, האָט ער ווי אַן עכטער דייטש, גע־פרוווט זיך איינרעדן, אַז זיי געפעלן אים באמת. ס'האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן: אים האָט געפעלט דער דייטשער אידעאַליזם, וואָס קאָן לייכט מותר זיין, און ווייל נישט זען און זעט טאַקע נישט דאָס, וואָס איז אים נישט צום האַרצן, און האָט מורא, ער זאָל נישט צע־שטערן די באַקוועמע רויקייט פון זיינע אָנשויונגען און די שטילקייט פון זיין לעבן. להיפוך: קריסטאָף האָט קיינמאָל נישט געפילט אַזוי שטאַרק די חסרונות פון מענטשן, ווי דאַן, ווען ער האָט זיי ליב גע־האַט, ווען ער האָט זיי געוואָלט ליב האָבן מיטן גאַנצן האַרצן, אָן קיין שום גרענעצן. ס'איז געווען אַ מין אומבאַוווּסטער יושר, אַ שטאַר־קער באַגער צום אמת, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אויף דעם, וואָס איז טייער געווען, געקוקט דורכדרינגלעכער און טיפער, ווי אַלעמאָל. דערפאַר האָט ער געפילט אַן איינגעהאַלטענעם כעס צו זיינע באַלעבאַטים. יענע האָבן אפילו נישט געפרוווט צו פאַרהוילן זייערע פעלערן. אָנשטאָט, ווי געוויינלעך, צו פאַרבאָרגן די חסרונות, האָבן זיי — להיפוך — אויפגעדעקט אַל־דאָס־מיאוסע און אומדערטרעגלעכע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — און דאָס בעסטע איז געבליבן באַהאַלטן אין זיי גופא. אַזוי האָט אויך געטראַכט קריסטאָף; ער האָט זיך באַ־שולדיקט, אַז ער איז נישט גערעכט, און ער האָט זיך באַמיט ווידער צו געווינען זיינע ערשטע איינדרוקן און אויפצודעקן די אויסגעצייכנ־טע מעלות, וואָס זיי האָבן אַזוי זאָרגעוודיק באַהאַלטן.

ער האָט געפרוווט פאַרפירן אַ שמועס מיטן אַלטן יוסטוס איי־לער, וואָס האָט זיך קיין בעסערע זאַך, ווי אַ שמועס, נישט געקאָנט פאָרשטעלן. ער האָט געפילט צום אַלטן אַ פאַרבאָרגענע סימפּאַטיע, ווייל ער האָט געדענקט, אַז דער זיידע האָט אים ליב געהאַט און אים געגלויבט. אָבער דער גוטער זשאַן־מישעל האָט געהאַט אַ גליק־לעכע מעלה, וואָס קריסטאָף האָט נישט פאַרמאָגט: די אילוזיע, אַז דער אָדער יענער מענטש איז זיינער אַ פריינד. קריסטאָף האָט עס גוט פאַרשטאַנען. אומזיסט האָט ער געזוכט ביי איילערן זכרונות וועגן זיין זיידן. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן בלויז אַרויסצוציען פון אים

עפּעס אַ מטושטש כּמעט קאַריקאַטור־בילד פון זשאַן־מישעלן אין אָפּגע־האַקטע שטיקער פון אַ שמועס אָן אַ שום פאַרבינדונג. איילערס דערציילונגען האָבן זיך שטענדיק, אָן אויסנאַם, אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— ווי כ׳האָב שוין געזאָגט דיין אָרעמען זיידן...

מער האָט ער קיין זאַך נישט געדענקט. ער האָט בלויז געהערט די ווערטער, וואָס ער האָט אַליין גערעדט.

ס׳קאָן זיין, אַז אויך זשאַן־מישעל האָט נישט אויסגעהערט דעם צווייטן. על־פּי־רוב איז די פריינדשאַפט נאָר אַ פאַרקער פון קעגנזייטיקער הנאה, כּדי צו קאָנען שמועסן מיט יענעם וועגן זיך. אָבער זשאַן־מישעל, ווי תּמימותדיק ער האָט זיך נישט געפרייט מיטן שמועסן גופא, איז ער דאָך לפּחות שטענדיק געווען גרייט צו פאַרשווענדן זיך גופא אויף רעכטס און אויף לינקס. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ; ער האָט יעדן טאָג באַדויערט, וואָס ער איז נישט אַלט קיין פופצן יאָר און ער וועט נישט דערלעבן צו זען די ווונדערלעכע דערפינדונגען פון די נייע דורות, און וועט נישט מיטלעבן מיט זייערע געדאַנקען. ער האָט פאַרמאָגט די טייערסטע מעלה פונם לעבן: דעם אייביק־פרישן נייגיר, וואָס די יאָרן האָבן קיינמאָל נישט פאַרמינערט און וואָס יעדן פרימאָרגן האָט זיך עס באַנייט. ער האָט נישט געהאַט גענוג טאַלענט צו מאַכן דערפון אַ נוצלעכע זאַך, אָבער וויפל טאַלענטירטע מענטשן וואָלטן געמעגט מקנא זיין אָט די אייגנשאַפט! ס׳רוב מענטשן שטאַרבן אַוועק צו צוואַנציק אָדער דרייסיק יאָר: נאָך דעם עלטער זענען זיי נישט מער, ווי אַן אָפּקלאַנג פון זיך אַליין, די איבעריקע יאָרן גייען אַריבער אין נאָכמאַכן זיך אַליין, אין איבערחזרן מיט אַ טאָג־טעגלעכן מעכאַנישן, נאָכקרימענדיקן אופן דאָס, וואָס זיי האָבן געזאָגט, געטון, געטראַכט, אָדער ליב געהאַט אין יענער צייט, ווען זיי זענען גְעוועןְ.

אַזאַ לאַנגע צייט איז שוין אַריבער, זינט דער אַלטער איילער איז עפּעס גְעוועןְ, און אַזוי קליין איז ער דעמאָלט גְעוועןְ, אַז דאָס, וואָס איז איצט פון אים געבליבן, איז געווען אָרעם און גענוג לעכערלעך. אויסער זיין אַלטן באַרוף און זיין פאַמיליען־לעבן, האָט ער גאָרנישט נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן. אויף אַלצדינג האָט ער געהאַט פאַרטיקע מיינונגען, וואָס זענען אים פאַרבליבן נאָך פון די יונגע יאָרן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מבין אויף קונסט: אָבער געשעצט האָט ער נאָר די באַרימטע נעמען, וואָס וועגן זיי

פלעגט ער רעדן אין אַ פּאַטעטישן טאָן; פון די איבעריקע פלעגט ער מאַכן אַש און בלאָטע. ווען מ׳האָט אים דערציילט וועגן מאָדערנע קינסטלער, האָט ער נישט געוואָלט הערן און בעת־מעשה גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש. ער פלעגט זאָגן, אַז ער האָט ליידנשאַפטלעך ליב מוזיק, און געבעטן קריסטאָפן, ער זאָל אים שפּילן. אָבער ווען קריסטאָף האָט זיך אַ פּאָר מאָל געלאָזט איבעררעדן און גענומען שפּילן, האָט דער אַלטער אָנגעהויבן שמועסן הויך מיט זיין שנור, גלייך ווי די מוזיק וואָלט דערוועקט זיין אינטערעס צו אַלצדינג אין דער וועלט, נאָר נישט צו מוזיק גופא. אָן אויפגערעגטער האָט זיך קריסטאָף אויפגעהויבן אין מיטן שפּילן: קיינער האָט עס נישט באַמערקט. עס זענען געווען נאָר עטלעכע אַריעס, — אַ דריי אָדער פיר — אַ טייל פון זיי שיינע און אַ טייל זייער מיאוסע, וואָס זענען גלייך פאַרהיילִיקט געוואָרן; אָט די דאָזיקע אַריעס האָבן געהאַט אַ באַזונדערן זכות אויפצוהאַלטן אַ רעלאַטיווע שטילקייט און צו געווינען די אַבסאָלוטע הסכמה. באַלד ביי די ערשטע טענער פלעגט דער אַלטער אַריין אין התפעלות, און די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט טרערן, נישט אַזוי צוליבן פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געפילט בשעת־מעשה, ווי צוליב דעם, ווייס ער האָט זיך דערמאָנט אַמאָליקן תענוג. לסוף זענען די דאָזיקע אַריעס דערעסן געוואָרן קריסטאָפן, הגם טייל פון זיי, ווי בעטהאָווענס „אַדעלאַידאַ״, זענען אים געווען זייער טייער: דער אַלטער פלעגט שטענדיק נאָכזינגען די ערשטע טאַקטן און קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו זאָגן, אַז „דאָס הייסט אמתע מוזיק״, להבדיל פון „דער גאַנצער פאַרשאָלטענער מאָדערנער מוזיק, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ניגון״. — באמת האָט ער זי גאָר נישט געקענט.

זיין איידעם איז געווען מער געבילדעט פון אים און זיך געהאַלטן פאַר אַ קענער פון די קינסטלערישע ריכטונגען; אָבער ס׳איז געווען נאָך ערגער: ווייל אַלע זיינע מיינונגען זענען געווען פול מיט ביטול. ער האָט פאַרמאָגט אי געשמאַק, אי אינטעליגענץ, אָבער ער האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ס׳איז כדאי צו באַגייסטערן זיך מיט עמעצן אין זיין דור. ער וואָלט בלי־ספק אויך מבטל געמאַכט גאָטהאַרטן און בעטהאָווענען, ווען זיי וואָלטן געלעבט אין זיין צייט; און וואָלט מודה געווען אינם ווערט פון וואַגנערן אָדער ריכאַרד שטרויס, ווען זיי וואָלטן זוכה געווען צו שטאַרבן מיט אַ הונדערט יאָר פריער. זיין טרויעריקע נאַטור האָט נישט געקענט פועלן

ביי זיך מודה צו זיין, אַז אין איין צייט מיט אים זאָלן לעבן אויך גרויסע מענטשן: אָט דער געדאַנק האָט נישט געפונען קיין חן אין זיינע אויגן. ער איז געווען אַזוי פאַרביטערט מיט זיין פאַרלווירענעם לעבן, אַז ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אַלעמענס לעבן אין זיין דור איז אַוועק לאיבוד; אַז אַנדערש קאָן עס נישט זיין, און אַלע, וואָס זאָגן פאַרקערט אָדער שפּאַרן אים איבער, זענען איינס פון די ביידע: טפשים אָדער ליגנער.

דעריבער פלעגט ער רעדן וועגן יעדער נייער באַרימטקייט מיט ביטערע איראָניע, און אַזוי־ווי ער איז נישט געווען קיין נאַר, פלעגט ער שטענדיק ביים ערשטן אויגנבליק אויפדעקן די שוואַכע און לע־כערלעכע זייטן פונם מענטשן. יעדער נייער נאָמען האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ חשד; איידער ער האָט נאָך יענעם געקענט, איז ער שוין געווען געניויגט אים צו קריטיקירן, — טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט אים נישט געקענט. אויב ער האָט געפילט אַ סימפּאַטיע צו קריסטאָפן, איז עס געווען דערפאַר, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז אָט דאָס מיזאַנ־טראָפּישע קינד געפינט דאָס לעבן מיאוס, פּונקט ווי ער, און פאַרמאָגט נישט, אגב, קיין טאַלענט. קיין שום זאַך אין דער וועלט דערנענטערן נישט אַזוי די קליינע, ליידנדיקע, אומצופרידענע נשמהלעך צו זיך, ווי דאָס געפיל פון זייער שותפותדיקער אומבאַהאָלפנקייט. און קיין זאַך ווירקט נישט אַזוי גוט אויפן געשמאַק פון געזונט און פון לעבן ביי געזונטע און צום לעבן־באַשאַפענע מענטשן, ווי דער קאָנ־טאַקט מיטן נאַרישן פּעסימיזם פון די דורכשניטלעכע און קראַנקע מענטשן, וואָס לייקענען אין פרעמד גליק, ווייל זיי זענען אַליין נישט גליקלעך. קריסטאָף האָט עס דורכגעלעבט. אָט די טרויעריקע געדאַנ־קען זענען דאָך אים, אייגנטלעך, געווען באָענט צום האַרצן; ס'איז אים אָבער געווען אַ חידוש, וואָס אין פאָגעלס מויל ווערן זיי אים פרעמד: נאָך מער, — זיי ווערן אים דערעסן; זיי שטויסן אים אָפּ פון זיך.

נאָך שטאַרקער האָבן אים אויפגעבראַכט אַמאַליאַס מנהגים. אָט דאָס כשרע ווייבל האָט, אייגנטלעך, גאָרנישט נישט געטון, נאָר מקיים געווען פאָגעלס תורה וועגן דער פליכט. אָט דאָס וואָרט האָט זי גע־האַט אויף דער צונג ביי יעדער געלעגנהייט. זי האָט געאַרבעט אָן אָפּרו און פאַרלאַנגט, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן, ווי זי. איר אַרבעט האָט נישט באַדאַרפט ברענגען אַנדערע אָדער זיך אַליין גליק; להיפוך,

מ'האָט געקאָנט כמעט זאָגן, אַז זי האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַן עיקר-צוועק צו פֿאַלן אַלעמען צו לאַסט און צו פֿאַרביטערן, ווי נאָר מעגלעך, דאָס לעבן, כּדי עס אַזוי-אַרום צו הייליקן. קיין זאַך וואָלט נישט געווען בכּוח איבערצורייסן איר אויף איין אייגנבליק די הייליקע עבֿודה פֿון פֿירן די באַלעבאַטישקייט, אָט די הייליקסטע אינסטיטוציע, וואָס פֿאַרנעמט ביי אַזוי פֿיל פֿרויען דאָס אָרט פֿון אַלע אַנדערע מאָראַלישע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן. זי וואָלט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַרלוירענע אויף אייבּיק, ווען זי זאָל אין דעם באַשטימטן טאָג און אין דער באַשטימטער שעה נישט אָפּהיטן צו פֿאַרקערן די שטוב, צו וואַשן די שויבן, אָפּצופּוצן די הענטלעך פֿון די טירן, אויסצוטרייסלען מיט אַלע כּוחות די דיוואַנען און פֿונאַנדערצושטעלן די שטולן, טישן אין שענק. זי האָט ווי שטאָלצירט דערמיט. מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן איר ערע. און אגבֿ, צי נישט אויף אַזאַ אופֿן שטעלן זיך פֿאַר און פֿאַרטיידיקן פֿיל פֿרויען זייער ערע? די ערע איז ביי זיי ווי אַ שטוב-מעבל, וואָס מ'דאַרף אָפּהיטן, עס זאָל גלאַנצן, ווי אַ מין גוט-געוואַשענער פֿאַרקעט, וואָס איז קאַלט, האַרט — און גלאַט.

דאָס דערפֿון אירע אויפֿגאַבן האָט נישט געמאַכט די מאַדאַם פֿאָגעל ליבנסווירדיקער. זי האָט אָפּגעהיט די מינדסטע קלייניקייטן פֿון דער באַלעבאַטישקייט, גלייך ווי זי וואָלט מקיים געווען גאָטס געבאָט. און זי האָט געחוזקט פֿון אַלע פֿרויען, וואָס טוען נישט ווי זי, וואָס רוען בעת דער אַרבעט, וואָס האָבן ליב אין אַ פֿרייער צייט אַ ביסל הנאה צו האָבן פֿון לעבן. זי פֿלעגט זיך אַריינכאַפּן אין לואיזעס צימער און שטערן איר, ווען לואיזע האָט זיך אינמיטן דער אַרבעט געזעצט טרוימען. לואיזע האָט געזיפֿצט, אָבער מיט אַ געמאַכטן שמייכל זיך אונטערגעגעבן. צום גליק האָט קריסטאָף דערפֿון נישט געוווסט: אַמאַליאַ האָט געוואַרט, ביז ער פֿלעגט אַרויסגיין, כּדי אַריינצוכאַפּן זיך אין זייער דירה; אויף אים פֿלעגט זי נישט אָנפֿאַלן, — ער וואָלט עס נישט פֿאַרטראָגן. ער האָט געפֿילט צו איר אַן אויפֿגעפֿלאַקערטע שנאה. דאָס, וואָס ער האָט איר בשום-אופֿן נישט געקאָנט מוחל זיין, איז געווען איר ליאַרם. דער רעש איז אים דערגאַנגען די יאָרן. פֿאַרמאַכט ביי זיך אין צימער, — אַ נידעריק חדרל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום הויף, — פֿלעגט ער פֿאַרמאַכן דאָס פֿענסטער, הגם ס'האָט געפֿעלט לופֿט, אַבי נישט צו הערן דעם הו-האַ פֿונם הויז; עס פֿלעגט אָבער

העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. קעגן זיין ווילן, האָט ער זיך געשפּאַנט צוגעהערט, מיט אַ צערייצטער אויפמערקזאַמקייט, צום מינדסטן גערויש פון אונטן; און ווען די שרעקלעכע שטים, וואָס האָט זיך אַדורכגעריסן דורך אַלע יוענט, האָט זיך, נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן ווידער אויפגעהויבן, — פלעגט אים אַרומכאַפּן אַ מוראדיקער צאָרן: ער האָט געשריען, געטופּעט מיט די פיס און אויסגעלאָזן דורך דער וואַנט אַל די שוואַרצע חלומות צו איר קאָפּ. אינם אַלגעמיינעם טומל האָט מען גאָרנישט נישט באַמערקט: מ'האָט געמיינט, אַז ער פּאַרפּאַסט מוזיק. ער האָט געשיקט דער מאַדאַם פּאָגעל אין טאַטנס טאַטן אַריין. ער האָט נישט געהאַט פאַר איר קיין שום דרך־ארץ. אין יענע מינוטן האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וואָלט אי די קלוגשאַפט, אי די אָרנטלעכקייט, אי אַלע גוטע מידות, — אויב זיי מאַכן אָן אַזאַ ליאַרם — גערן אַוועקגעגעבן פאַר דער לייכטזיניקסטער, נאַרישסטער פרוי, אַבי זי זאָל קאָנען שווייגן.

די שנאה צום טומל האָט אים דערנענטערט צו לעאָנאַרדן. דער בחור איז געווען דער איינציקער, וואָס צווישן דעם אַלגעמיינעם רעש איז ער געבליבן שטענדיק שטיל און קיינמאָל נישט אויפגעהויבן זיין שטים העכער, ווי געוויינלעך. ער האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַ קאָרעקטן געמאָסטענעם אופן, אויסגעקליבן די שענסטע ווערטער און נישט געאיילט זיך. די היציקע אַמאַליאַ האָט קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן אויף זיינע רייד ביזן סוף; אַלע האָבן זיך געבייזערט אויף זיין געלאַסנקייט. אים אָבער האָט עס ווייניק וואָס געאַרט. קיין זאַך האָט נישט געקאָנט ענדערן זיין רויקייט און מיושבדיקע העפלעכקייט. קריסטאָפן האָט געצויגן צו לעאָנאַרדן, בפרט ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז לעאָנאַרד גרייט זיך צום פריסטער־שטאַנד; אָט די ידיעה האָט ממש אָנגעצונדן זיין נייגיר.

קריסטאָף האָט זיך דעמאָלט, בנוגע דעם גלויבן, געפונען אין אַ משונהדיקן צושטאַנד: ער האָט אייגנטלעך אַליין נישט געוווסט, אין וואָס פאַר אַ מצב ער געפינט זיך. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט אַ טראַכט צו טון וועגן דעם ערנסט. ער האָט געהאַט ווייניק

וויסן, און צופיל האָבן אים פאַרשלונגען די צרות פון לעבן, ער זאָל האָבן צייט צו אַנאַליזירן זיך און אַריינצופירן אַן אָרדנונג אין זיינע אייגענע געדאַנקען. בטבע אַ האַסטיקער, פלעגט ער אַריבער פון איין עקסטרעם צום צווייטן, פון טיפן אינערלעכן גלויבן צו אַבסאָלוטער כפירה, און בשעת-מעשה נישט נאָכגעטראַכט, צי איז ער אין אָרדנונג מיט זיך אָדער נישט. ווען ער איז געווען גליקלעך, האָט ער וועגן גאָט נישט געטראַכט, נאָר געווען גענויגט צו גלויבן אין אים. בעת ער איז געווען אומגליקלעך, האָט ער וועגן אים יאָ געטראַכט, אָבער נישט געגלויבט אין אים: ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אוממעגלעך, אַז אַ גאָט זאָל זיין דער באַשאַפער פון אומגליק און עוולות. אגב, האָבן אים אָט די פראַגן גאַנץ-ווייניק אינטערעסירט. באמת איז ער געווען צו רעליגיעז, ער זאָל קאָנען פיל טראַכטן פון גאָט. ער האָט געלעבט אין גאָט און נישט געהאַט קיין נויטווענדיקייט צו גלויבן אין אים. גלויבן איז גוט פאַר שוואַכע לייט אָדער פאַר אַזעלכע, וואָס זייערע שווערע לעבנס האָבן זיי אָפּגעשוואַכט. זיי בענקען צו גאָט, ווי די זוימען צו זון. דער שטאַרבנדיקער האַלט זיך אָן אינעם לעבן. אָבער דער, וואָס טראָגט אַליין אין זיך זון און לעבן, צו וואָס זאָל ער זיי גיין זוכן מחוץ פון זיך?

אפשר וואָלט זיך קריסטאָף קיינמאָל נישט באַשעפטיקט מיט די פראַגן, ווען ער זאָל וווינען אַליין. אָבער די פליכטן פונם געזעלשאַפט-לעכן לעבן האָבן אים געצוווּנגען צו ווענדן זיין געדאַנק אויף יענע יינגלשע, צעפלאָסענע פראָבלעמען, וואָס פאַרנעמען אַ צו-גרויס אָרט אויף דער וועלט, און וואָס אויף זיי האָט ער זיך געמוזט אָנשטויסן אויף שריט און טריט. פונקט ווי אַ געזונטער, איידעלער, מיט קראַפט און ליבע שטראָמענדיקער גייסט וואָלט נישט געהאַט קיין טויזנט וויכ-טיקערע זאַכן צו טון, ווי נאָר טראַכטן און נעמען זיך צום האַרצן: צי איז דאָ אַ גאָט אָדער נישט!... ווען עס זאָל זיך האַנדלען בלויז וועגן גלויבן אין גאָט! אָבער מ'דאַרף גלויבן אין איין גאָט פון אַזאַ און אַזאַ גרויס, פון אַ באַשטימטער געשטאַלט, באַשטימטער פאַרב און באַשטימטער ראַסע! דאָס איז קריסטאָפן קיינמאָל אויפן זינען נישט אַרויף. יעזוס האָט כמעט קיין שום אָרט נישט פאַרנומען אין זיינע געדאַנקען. נישט דערפאַר, ווייל ער האָט אים נישט ליב געהאַט: ער האָט אים יאָ ליב געהאַט, בעת ער האָט געטראַכט וועגן אים; אָבער ער האָט קיינמאָל פון אים נישט געטראַכט. ער פלעגט זיך טיילמאָל

אַליין באַשולדיקן, געהאַט אפילו עגמת-נפש; ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס אינטערעסירט ער זיך נישט מערער דערמיט. פּינ-דעסטוועגן האָט ער אָפּגעהיט די מצוות; אַלע זיינע אייגענע האָבן אָפּגעהיט; זיין זיידע האָט שטענדיק געלייענט די ביבל; ער אַליין האָט רעגלמעסיק באַזוכט די מעסע-תּפילה; ער האָט אפילו געטון דאָרט די גאָטס-דינסט אין אַ געוויסן זין, ווייל ער איז דאָרט געווען אָרגאַ-ניסט; און ער פלעגט דערפילן זיין פליכט מיטן גאַנצן הארצן. נאָר ווען עמעצער פרעגט אים, ביים אַרויסגאַנג פון דער קירך, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט, וואָלט ער שטאַרק צעטומלט געוואָרן. ער האָט גענומען לייענען די הייליקע שריפטן, כּדי קלאָר צו מאַכן זיך די געדאַנקען, און ס'האָט אים הנאה געטון, אפילו פאַרשאַפט אמתן פאַר-געניגן; זיי זענען אָבער געווען פונקט אַזוי שיין און טשעקאַווע, ווי פיל אַנדערע ביכלעך, וואָס קיינעם פאַלט נישט איין צו רופן זיי היי-ליקע. דעם אמת געזאָגט, אויב ער האָט געהאַט אַ געוויסע סימפּאַטיע צו יעזוסן, האָט ער פיל מער ליבשאַפט געפילט צו בעטהאָווענען. און ביי זיין אָרגל אינם קלויסטער פון הייליקן פלאָריאַן, בעת ער האָט אַקאָמפּאַנירט בשעת דער זונטאָגדיקער גאָטס-דינסט, איז ער געווען מער פאַרנומען מיטן אָרגל, ווי מיט דער מעסע, און מער רעליגיעז אין יענע טעג, ווען דער אָרקעסטער האָט געשפּילט באַכן, ווי אין די טעג, ווען ער האָט געשפּילט מענדעלסאָנען. געוויסע רעליגיעזע צע-רעמאָניעס האָבן אים אַריינגעבראַכט אין דערהויבענער התפעלות. אָבער צי האָט ער איצט ליב געהאַט גאָט אָדער גאָר די מוזיק, — ווי איי-נער אַן אומפּאָרזיכטיקער פּריסטער האָט אים אַ געוויסן טאָג געזאָגט אין שפּאַס, און נישט געוווּסט בשעת-מעשה, וויפל אויפרודערונג זיין שפּאַס האָט דערוועקט אין קריסטאָפס האַרץ? אַ צווייטער וואָלט זיך אויף דעם נישט אומגעקוקט און וואָלט זיכער נישט געענדערט דעם אופן פון זיין לעבן, — (פאַר וויפל מענטשן איז עס באַקוועם נישט צו וויסן, וואָס זיי טראַכטן!) — קריסטאָף אָבער איז געווען געפּלאָגט פון אַ באַגער צום פּיינלעכן אמת, וואָס האָט ביי יעדער געלעגנהייט דערוועקט אין אים ספקות. און פון יענעם טאָג אָן, זינט דער ספק האָט אים גענומען פּייניקן, איז אוממעגלעך געוואָרן ווען-עס-איז צו באַפרייען זיך פון אים. ער האָט זיך געמאַטערט, ס'האָט זיך אים גע-דאַכט, אַז ער האַנדלט דאָ מיט אַ טאָפּלטער פאַלשקייט. גלויבט ער — אָדער גלויבט ער נישט?... ער האָט נישט פאַרמאָגט די מאַטעריעלע

און גייסטיקע מיטלען, — (מ׳דאַרף באַזיצן וויסן און צייט!) — צו אַנטשיידן די פראַגע. און דאָך האָט מען זי באַדאַרפט אַנטשיידן, אויב ער האָט נישט געוואָלט ווערן גלייכגילטיק אָדער אַ צבועק. ער איז אָבער דערצו נישט מסוגל געווען.

ער האָט גענומען פאַרזיכטיק חוקר ודורש זיין די מענטשן פון זיין סביבה, אַלע האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען זיכער אין זיך. קריסטאָף האָט פשוט געברענט פון נייגיר צו דערגיין זייערע געדאַנקען. ס׳האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן. מ׳האָט אים קיינמאָל נישט געגעבן קיין קלאָרע תשובה, — שטענדיק מיט הינטער־וועגלעך. טייל מענטשן האָבן אים חושד געווען אין גאווה און אים געזאָגט, אַז וועגן דעם ענין איז מען זיך נישט מתווכח, אַז טויזנטער קליגערע פון אים און בעסערע מענטשן גלויבן אָן שום וויכוחים, און אַז ער דאַרף דעריבער גיין אין זייערע דרכים. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ בייזע מינע, גלייך ער וואָלט אויסן געווען מיט דער פראַגע אָנצוגרייפן זיי פערזענלעך; אפשר זענען דווקא די לעצטע געווען ווייניקער זיכער אין זייער גלויבן. אַנדערע ווידער האָבן געהויבן מיט די אַקסלען און געזאָגט, לאַכנדיק: „מילא! דאָס וועט דאָך קיינמאָל נישט שאַטן". און זייער שמייכל האָט געזאָגט: „ס׳איז דאָך באַקוועם אַזוי!..." צו זיי האָט קריסטאָף געפילט אַ שטאַרקע פאַראַכטונג, פון טיפן האַרצן.

ער האָט געפרוווט פאַרטרויען זיינע ספקות אַ פריסטער, אָבער ער האָט באַלד פאַרלוירן דעם מוט נאָכן ערשטן שריט. ער האָט נישט געקאָנט פירן מיט אים קיין ערנסטן וויכוח. הגם דער גייסטלעכער איז געווען זייער ליבנסווירדיק, האָט ער אים געלאָזט אויף אַ העפלעכן אופן פילן, אַז קיין אמתע גלייכקייט צווישן אים מיט קריסטאָפן איז נישטאָ; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דעם פריסטערס העכערקייט איז באַלד לכתחילה געווען אויסער יעדן ספק, און אַז דער וויכוח האָט נישט געטאָרט אַריבער די גרענעצן, וואָס ער האָט אים אָנגעצייכנט; ער וואָלט עס געהאַלטן פאַר נישט פּאַסיק. ס׳איז געווען אַ פיין, נישט־געפערלעך ווערטער־שפּיל. ווען קריסטאָף האָט אים צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און געשטעלט פראַגן, אויף וועלכע דער חשובער מאַן האָט נישט געוואָלט ענטפערן, האָט יענער אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ מינע פון אַן אפּוטרופּוס און זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ שמייכל, מיט עטלעכע לאַטיינישע פּסוקים און מיט דער פאָטערלעכער התראה, ער

זאָל תּפילה טון, תּפילה טון צו גאָט, גאָט זאָל אים באַלויכטן. — קריסטאָף איז אַוועק פון דעם שמועס דערשלאָגן און באַליידיקט פון אָט דעם טאָן פון העפלעכער פאַרריסנקייט. צי ער איז געווען גערעכט, אָדער אומגערעכט, — ער וואָלט שוין בשום אופן מער נישט געגאַנגען נאָך הילף צו קיין פּריסטער. ער איז מודה, אַז אָט די מענטשן שטייען העכער פון אים מיט זייער שׂכל און הייליקן טיטל; אָבער בעת אַ וויכּוח איז נישט שייך העכער אָדער נידעריקער; דעמאָלט זענען נישטאָ קיין טיטלען, נישט קיין עלטער, נישט קיין נאָמען: קיין זאַך איז נישט וויכטיק, אויסער אמת, פאַר וועלכן די גאַנצע וועלט איז גלייך.

דעריבער איז ער געווען גליקלעך צו טרעפן אַ ייִנגל אין זיינע יאָרן, וואָס האָט געגלויבט. ער אַליין האָט דאָך מער נישט פאַרלאַנגט, ווי גלויבן; און ער האָט געהאָפט, אַז לעאָנאַרד וועט אים ברענגען גוטע ראיות. ער האָט געמאַכט די ערשטע שריט דערצו. לעאָנאַרד האָט געענטפערט מיט זיין געוויינלעכער מילדקייט, נאָר אָן התלהבות: ער האָט דערפון נישט געהאַלטן. אַזוי-ווי מ׳האָט נישט געקאָנט האָבן קיין לאַנגן שמועס אין שטוב, ווו יעדע ווײַלע האָט צמאַליאַ אָדער דער אַלטער איבערגעריסן אין מיטן, — האָט קריסטאָף פאָרגעלעגט גיין שפּאַצירן, אין אָוונט נאָכן עסן. לעאָנאַרד איז געווען צו העפלעך, ער זאָל זיך אָפּזאָגן, הגם ער וואָלט עס מיט פאַרגעניגן געטון; ווייל זיין פוילע נאַטור האָט נישט פאַרטראָגן קיין גאַנג, קיין שמועס, און אַלץ, וואָס פאַרלאַנגט אַן אָנשטרענגונג.

קריסטאָף האָט זיך געשעמט צוטרעטן גלייך צום ענין. נאָך צוויי אָדער דריי פראַגן וועגן זייטיקע זאַכן, האָט ער זיך אומגעריכט און האַסטיק איבערגעוואָרפן אויף דעם ענין, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרצן. ער האָט געפרעגט לעאָנאַרדן, צי וויל ער טאַקע באמת ווערן אַ פּריסטער, און צי טוט ער עס פון אייגענעם ווילן און הנאה. לעאָנאַרד האָט אויף אים אומרויִק אַ קוק געטון; נאָר ווען ער האָט געזען, אַז קריסטאָף האָט נישט קיין שום בייזע כּוונות, האָט ער זיך באַרויִקט:

— יאָ, — האָט ער געענטפערט — ווי קאָן עס אַנדערש זיין?

— אָ, — האָט זיך אָנגערופן קריסטאָף — זענט איר טאַקע גליקלעך?

לעאָנאַרד האָט דערפילט אַ טאָן פון קנאה אין קריסטאָפס שטים.

און ס'האָט אים שטאַרק הנאה געטון. ער האָט זיך גענומען גאָר אַנ־דערש באַוועגן, איז געוואָרן לעבעדיקער, און זיין פּנים האָט געשיינט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט — איך בין גליקלעך.

ער האָט געשטראַלט.

— ווי זענט איר געקומען דערצו? — האָט קריסטאָף גע־פרעגט.

לעאָנאַרד האָט פאָרגעלעגט זיך צו זעצן, איידער ער האָט גע־ענטפערט, אויף אַ רויקער באַנק, אין אַ פּלאַץ פאַרן קלויסטער פון הייליקן מאַרטין. פון וויטן האָט מען געזען אַ קליינעם פּלאַץ, באַפלאַנצט מיט אַקאַציע-בוימער, און נאָך ווייטער די שטאָט, די פעלדער, וואָס האָבן זיך געטובלט אין אָוונט-נעפּל. דער רהיין האָט זיך געצויגן צופוסנס פונם בערגל. אַן אַלטער, פאַרלאָזענער בית-עולם, וואָס זיינע קברים האָבן זיך געטונקלט אין אַ ים גראָז, האָט געדרימלט אין דער זייט, הינטער דעם פאַרמאַכטן פלויט.

לעאָנאַרד האָט גענומען רעדן. ער האָט גערעדט, און די אויגן האָבן אים געגלאַנצט פון פאַרגעניגן, ווי גוט עס איז אָפּצוזונדערן זיך פונם לעבן, צו געפינען אַ שוץ, וווּ מ'איז און מ'וועט שטענדיק זיין ווי אונטער אַ שאָטן. קריסטאָף, וואָס די פרישע ווונדן זענען אים נאָך נישט געווען אויסגעהיילט, האָט געפילט אַ ליידנשאַפטלעכן באַגער צו רו און פאַרגעסונג; אָבער צוזאַמען דערמיט האָט זיך ביי אים צונויפגעמישט אַ באַדויערונג. ער האָט געפרעגט מיט אַ קרעכץ:

— דאָך, צי איז אייך נישט שווער זיך אָפּצוזונדערן אינגאַנצן פון לעבן?

— אָ, — האָט יענער שטיל געענטפערט — וואָס איז דאָ פאַראַן צו באַדויערן? איז דען דאָס לעבן נישט טרויעריק און מיאוס?

— עס זענען פאַראַן שיינע זאַכן אויך. — האָט קריסטאָף געזאָגט באַטראַכטנדיק דעם שיינעם אָוונט.

— עס זענען דאָ שיינע זאַכן, אָבער אַ קליין ביסעלע.

— טאַקע אַ ביסעלע, אָבער ס'איז נאָך פאַר מיר איבער-גענוג.

— נו, ס'איז אַ פּשוטער חשבון און אַ שכל-זאַך. פון איין זייט — אַ ביסל גוטס און אַ סך שלעכטס; פון דער צווייטער זייט — נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס אויף דער ערד, און דערפאַר — שפּע־טער אַן אומענדלעך גליק: צי דאַרף מען זיך נאָך קווענקלען?

קריסטאָף האָט נישט איבעריק ליב געהאַט די מאַזיקע אַריטמע-טיק. אַזאַ עקאָנאָמיש לעבן האָט זיך אים אויסגעוויזן זייער אָרעם. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַמיט איינצורעדן זיך אַליין, אַז אין דעם שטעקט חכמה.

— הייסט עס, — האָט ער געפרעגט מיט אַ ביסל איראָניע — איז טאַקע נישטאָ קיין סכנה, אויב איר וועט זיך לאָזן אָנרעדן צו אַ ביסל חיי-שעה?

— ס'איז אַן אומזין! ווען דער מענטש ווייסט, אַז דאָס איז נישט מער, ווי איין שעה הנאה — און שפּעטער איז פאַראַן אַ גאַנצע אייביקייט!

— זענט איר, הייסט עס, זיכער אין דער דאָזיקער אייביקייט?

— נאַטירלעך.

קריסטאָף האָט אים גענומען אויספרעגן. ער האָט געציטערט פון באַגער און האָפנונג. אָט וועט לעאָנאַרד סוף-כל-סוף ברענגען פעסטע ראיות צו גלויבן! מיט וואָס פאַר אַ התלהבות ער וואָלט זיך אַליין אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט און זיך איבערגעגעבן צו גאָט!

שטאָלץ פון זיין פרעדיקער-ראָלע, איז לעאָנאַרד לכתחילה זיכער געווען, אַז קריסטאָפס ספקות זענען לייכט און נאָר לפנים, און אַז זיי וועלן גלייך פאַרשווינדן פאַר די ערשטע ראיות; ער האָט טאַקע געזוכט הילף אין די הייליקע ספרים, אין עוואַנגעליום, אין נסים און אין דער טראַדיציע. ער האָט אָבער אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם מוט, ווען קריסטאָף, האָט זיך צוגעהערט עטלעכע מינוט, אים איבערגעריסן און געזאָגט, אַז ער ענטפערט אים מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע, און אַז ער, קריסטאָף, פאַרלאַנגט נישט פון אים קיין דרשה וועגן דעם עצם פון זיינע ספקות, נאָר וועגן די מיטלען, ווי אַזוי פון זיי פּטור צו ווערן. לעאָנאַרד האָט פעסטגעשטעלט, אַז קריסטאָף איז פיל קראַנ-קער, ווי ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, און אַז ער האָט זיך איינגעעקשנט צו גלויבן נאָר דאַן, ווען מ'וועט אים ברענגען באַווייזן על-פי-שכל. פונדעסטוועגן האָט ער געטראַכט, אַז קריסטאָף פאַרשטעלט זיך פאַר אַן אפּיקורוס — (ער האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עמעצער זאָל אויפריכטיק זיין אַ פרייַדענקער) — דעריבער האָט ער אָנגעגורט די לענדן און גערופן צו הילף זיינע שול-ידיעות, וואָס זע-נען אים געווען פריש אין זכרון; ער האָט געבראַכט, אָן קיין שום סדר, אריות פון זיינע לערערס (נישט, חלילה, פונם אייגענעם שכל)—

מעטאַפֿיזישע באַווייזן וועגן עקסיסטענץ פֿון גאָט און וועגן דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה. קריסטאָף איז געזעסן געשפּאַנט, דעם שטערן געקנייטשט פֿון אָנשטרענגונג; ער האָט זיך שטיל געמאַטערט, פֿאַרלאַנגט איבערצוחזרן די ווערטער, געפּרוּווט מיט אַלע כּוחות אַריינצודרינגען אין זיי, צו פֿאַרטיפֿן זיך אין זייער אינהאַלט און אויפֿצונעמען זייער זין. נאָר פּלוצלינג האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געשריי; ער האָט געזאָגט, אַז יענער מאַכט חוזק פֿון אים, אַז אַלץ, וואָס ער רעדט, איז נאָר אַ שפּיל פֿון שׂכל, שפּיצלעך פֿון שיין־רעדעריי, וואָס טראַכט אויס ווערטער און וויל איינרעדן דער וועלט, אַז דאָס זענען נישט קיין פּשוטע ווערטער, נאָר ווירקלעכע זאַכן. דער געקרענקטער לעאָנאַרד האָט זיך פֿאַררופֿן אויף דעם פֿעסטן גלויבן פֿון די מחברים קריסטאָף האָט געקנייטשט מיט די אַקסלען און שעלטנדיק בשעת־מעשה אויף וואָס די וועלט שטייט, האָט ער געזאָגט, אַז אויב זיי זענען נישט קיין שווינדלער, זענען זיי פֿאַרשאָלטענע ליטעראַטן; און ער האָט פֿאַרלאַנגט אַנדערע באַווייזן.

ווען אַ געפּלעפּטער האָט לעאָנאַרד איינגעזען, אַז קיין שום תּרופֿה קאָן קריסטאָפֿן נישט העלפֿן, האָט ער אויפֿגעהערט מיט אים זיך צו פֿאַרנעמען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מ׳האָט אים אָנגעזאָגט נישט צו פֿאַרלירן קיין צייט אויף וויכּוחים מיט אומגלויביקע, — דער עיקר, ווען זיי עקשנען זיך איין און ווילן נישט גלויבן. ס׳איז דאָ אַ געפֿאַר, אַז אין אַזעלכע פֿאַלן קאָן מען זיך אַליין ברענגען צו בייזע מחשבות, און דערביי יענעם קיין נוצן נישט ברענגען. בעסער איז צו לאָזן דעם אומגליקלעכן אויף גאָטס באַראָט; אויב דער גזר איז אַזאַ, וועט אים דער אויבערשטער אַליין אויפֿקלערן; אויב ווידער נישט, — ווער־זשע האָט די עזה צו טון קעגן גאָטס ווילן? לעאָנאַרד האָט זיך נישט איינגעשפּאַרט צו פֿירן ווייטער דעם וויכּוח. ער האָט זיך באַפֿרידיקט מיט עטלעכע זיסע רייד, אַז ער האָט איצט נישט וואָס צו זאָגן, אַז קיין שום שׂכלדיקע ראיה איז נישט מסוגל אָנצוווייזן דעם וועג, כּל־זמן מ׳האַלט בכּיוון פֿאַרמאַכט די אויגן, און מ׳דאַרף מתפּלל זיין און בעטן גאָטס גענאָד: אָן גאָט איז קיין זאַך נישט מעגלעך; כּדי צו גלויבן, דאַרף מען האָבן זיין חסד, מ׳דאַרף זוכן דעם רצון.

רצון? — האָט קריסטאָף מיט פֿאַרביטערונג געטראַכט. הייסט עס, אַז גאָט עקסיסטירט, אויב איך וויל, ער זאָל עקסיסטירן! הייסט עס,

דער טויט עקסיסטירט נישט, ווייל איך וויל לייקענען אין אים!... אוי!... ווי לייכט ס'איז דאָס לעבן פון יענע מענטשן, וואָס ווילן נישט זען דעם אמת, וואָס קאָנען אים זען, ווי זייער האַרץ גלוסט, וואָס קאָנען זיך שפּינען זיסע חלומות און שלאָפן רויק און ווייך! קריסטאָף איז געווען זיכער, אַז אין אַזאַ בעט וועט ער קיינמאָל נישט שלאָפן...

לעאָנאַרד האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן. ער איז אַריבער אויף אַן אַנדערע ליבלינגס-טעמע: צו דעם חן פונם נזירות-לעבן; און אויף אָט דער נישט-געפערלעכער טעמע האָט ער גערעדט אָן אַ שיעור. מיט זיין איינטאָניקער שטים, וואָס האָט געציטערט פון הנאה, האָט ער דערציילט דאָס גליק פון לעבן מיט גאָט, אויסער דער וועלט, ווייט פונם טומל (ער האָט גערעדט וועגן טומל מיט אַ שטאַרקער שנאה; ער האָט דעם טומל פיינט געהאַט אַזוי גוט, ווי קריסטאָף), ווייט פון געוואַלדטאַטן, ווייט פון חוזק און שפּאָט, ווייט פון די קליינע טאָג-טעגלעכע דאגות, וואָס מ'האָט אויסצושטיין; מ'זיצט אין אַ וואַרעמער נעסט, זיכער אינם גלויבן, פון וועלכן מ'קוקט פרידלעך אַראָפּ אויף די צרות פון דער פרעמדער, ווייטער וועלט. הערנדיק, ווי ער רעדט, האָט קריסטאָף פאַרשטאַנען דעם עגאָיזם פונם דאָזיקן גלויבן. לעאָנאַרד האָט זיך געכאַפּט און געאיילט צו דערקלערן זיינע ווערטער. דאָס אָפּגעזונדערטע לעבן איז נישט קיין לעבן פון פּוסט-און-פּאַסעווען. להיפּוך: מ'טוט אויף מערער מיט תפילה, ווי מיט מעשים; וואָס וואָלט געווען די וועלט אָן תפילה? מ'בעט פאַר אַנדערע מענטשן, מ'טוישט אויס די עבירות, מ'טיילט זיך מיט די מצוות, און מ'נעמט זיך אָן פאַר דער וועלט ביי גאָט.

קריסטאָף האָט זיך שטיל צוגעהערט, און דער כעס איז אין אים געוואַקסן. ער האָט געפילט, אַז לעאָנאַרדס נזירות איז — פאַלש. ער איז נישט געווען אויף אַזוי פיל אומגערעכט, ער זאָל די דאָזיקע צביעות זען ביי אַלע גלויביקע. ער האָט גוט געוווסט, אַז די אָפּ-געזונדערטקייט פונם לעבן איז ביי אַ קליינער צאָל מענטשן — די אוממעגלעכקייט צו לעבן, ס'איז אַ שרעקלעכע פאַרצווייפלונג, וואָס מען בעט אויף זיך דעם טויט; ביי אַ גאָר קליינער צאָל מענטשן איז דער גלויבן אַליידנשאַפטלעכער עקסטאַז. (ווי לאַנג האַלט ער אָן?)... אָבער ביי ס'רוב מענטשן, איז דען נישט דער גלויבן בעיקר אַ קאַלטער חשבון פון ברואים, וואָס די רויקייט פון זייער אייגן לעבן איז זיי טייערער, ווי דאָס גליק פון אַנדערע, טייערער אפילו ווי דער

אמת? און אויב די אויפריכטיקע הערצער ווייסן עס, וויפל צער ליידן זיי, וואָס זייער אידעאַל איז פּראָפאַנירט!...

אַ גליקלעכער, האָט לעאָנאַרד איצט געדרשנט וועגן שיינקייט און האַרמאָניע אין דער וועלט, וועלכע ער זעט פון אויבן, פון זיין געטלעכן הינער־פּלעט: אונטן איז חושך, אומרעכט, צער; אויבן אָבער איז אַלץ קלאָר, ליכטיק, אָרדנונג; די וועלט איז ענלעך צו אַ זייגער־מעכאַניזם. וואָס איז אויסגעצייכנט רעגולירט...

קריסטאָף האָט זיך צוגעהערט מיט אַ האַלבן אויער. ער האָט געפרעגט ביי זיך: „גלויבט ער טאַקע באמת, אָדער צי מיינט ער נאָר, אַז ער גלויבט?" אָבער זיין אייגענער גלויבן, זיין ליידנשאַפטלעכער באַגער צו גלויבן איז נישט געווען צעשטערט. נישט אָט די גייסטיקע דורכשניטלעכקייט און אָרעמע ראיות פון עפּעס אַ נאַרישן לעאָנאַרד זענען געווען צו פאַרניכטן קריסטאָפס גלויבן...

די נאַכט האָט אַראָפּגעזונקען אויף דער שטאָט. די באַנק, ווו זיי זענען געזעסן, איז איצט געווען איינגעהילט אין חושך; די שטערן האָבן געגלאַנצט, אַ ווייסער נעפל האָט זיך געצויגן פון טייך, די גרילן האָבן אָנגעמאַכט אַ טומל אונטער די ביימער פון בית־עולם. ס'האָבן אָנגעהויבן קלינגען די גלאָקן: פריער האָט געקלונגען דער העכסטער פון זיי, איינער אַליין, ווי אַ קלאָגעדיקער פויגל, וואָס ווענדט זיך מיט אַ פראַגע צום הימל; שפּעטער דער צווייטער, — דאָס האָט די בידעריקע טערצע זיך אַריינגעמישט אין די וויי־קלאָגן; לסוף איז גע־קומען דער שווערסטער גלאָק, די קווינטע, — און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער שיקט זיי אַן ענטפער. די דריי שטימען האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן. צופוסנס פון די טורעמס, האָט עס אויסגעזען, ווי אַ זשומע־ריי פון אַ ריזיקן בינשטאָק. ס'האָט געציטערט די לופט און דאָס האַרץ. איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, האָט קריסטאָף געטראַכט, ווי אָרעם איז די מוזיק פון די מוזיקער אַנטקעגן דעם דאָזיקן אָקעאַן פון מוזיק, ווו עס רוישן טויזנטער באַשעפענישן: ס'איז געווען ווי די ווילדע פּויגל, די פרייע וועלט פון קלאַנגען, — אַנטקעגן דער קאַטאַלאָגירטער, כיטן מענטשלעכן שכל קאַלט־אַרומגעוויקלטער, באַלעבאַטישער וועלט. ער האָט זיך פאַרלוירן אין דער קלינגענדיקער אומענדלעכקייט, וואָס הייסט נישט פון גרענעצן, פון ברעגן...

און ווען דער שטראָמענדיקער געמורמל איז אַנטשוויגן געוואָרן, און די לעצטע צעוויגטע קלאַנגען זענען פאַרשווונדן אין דער לופטן,

האָט זיך קריסטאָף אויפגעכאַפּט. אַ דערשראָקענער האָט ער זיך אַרומ־געקוקט אַרום זיך... ער האָט קיין זאַך נישט דערקענט. אַלץ האָט זיך געענדערט אַרום אים, אין אים גופא. ער האָט שוין מער קיין גאָט נישט געהאַט...

דער גלויבן, פונקט ווי דאָס פאַרלירן אים, קומען ס׳רוב פּלוצ־לינג, ווי אַן אומגעריכטע אַנטפּלעקונג, ווי אַן אויפלויכטנדיקער שיין. דער שכל האָט דאָ קיין שייכות נישט; און ס׳איז גענוג עפּעס אַ גאָרנישט: אַ וואָרט, אַ שטילקייט, אַ גלאָקן־קלאַנג. מ׳שפּאַצירט, מ׳חלומט, מ׳ריכט זיך אויף קיין זאַך נישט. און פּלוצלינג — ווערט פון אַלץ אַ תל. מ׳דערזעט זיך צווישן חורבות. מ׳איז אַליין. מ׳גלויבט נישט מער.

אַן איבערראַשטער האָט קריסטאָף נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר־וואָס, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. ס׳איז געווען, ווי די פאַרצוויפ־לונג פון אַ טייך אין פרילינג...

לעאָנאַרדס שטים האָט ווייטער געקלונגען מאָנאָטאָנער, ווי די שטים פון אַ גריל. קריסטאָף האָט נישט געהערט. ס׳איז שוין געווען נאַכט. לעאָנאַרד איז געבליבן שטיין. פאַרחידושט פון קריסטאָפס אומ־באַוועגלעכקייט און אומרויק צוליב דער שפּעטער שעה, האָט ער פאַר־געלעגט זיין אַהיים. קריסטאָף האָט נישט געענטפערט. לעאָנאַרד האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט; קריסטאָף האָט אַ ציטער געטון און אָנגעקוקט לעאָנאַרדן מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן.

— קריסטאָף, מ׳דאַרף גיין אַהיים. — האָט לעאָנאַרד געזאָגט.

— גיי צום טייוול! — האָט קריסטאָף אַ געשריי געטון מיט כעס.

— גאָט מיינער! קריסטאָף, וואָס פאַר אַ בייז האָב איך דיר געטון? — האָט געפרעגט דער צעשראָקענער לעאָנאַרד.

קריסטאָף איז געקומען צו זיך.

— יאָ, דו ביסט גערעכט, מיין טייערער, — האָט ער ווייכער געענטפערט — איך ווייס נישט, וואָס איך רעד. גיי מיט גאָט! גיי מיט גאָט!

ער איז געבליבן איינער אַליין. דאָס האַרץ איז אים געווען אי־בערפולט מיט טרויער.

— אוי, גאָט מיינער! גאָט מיינער! — האָט ער געשריען און פאַרבראָכן די הענט; כאַרצוויפלט האָט ער אויפגעהויבן דעם

קאָפּ צום שוואַרצן הימל. — פאַרוואָס גלויב איך נישט? פאַרוואָס קאָן איך מער נישט גלויבן? וואָס איז מיט מיר געשען?...

ס׳איז געווען נישט קיין גלייכע באַציונג צווישן דעם חורבן פון זײַן גלויבן און דעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט לעאָנאַרדן: ס׳איז געווען קלאָר, אַז נישט דער דאָזיקער שמועס איז געווען די סיבה פונם חורבן, פונקט ווי אַמאָליאַס שרייעוודיקייט און די לעבערלעכע גענג פון זײַנע באַלעבאַטים זענען נישט געווען די סיבה פון דער אויפטרייסלונג, וואָס איז אין די לעצטע טעג פאָרגעקומען אין זײַנע מאָראַלישע איבערצייגונגען. דאָס איז געווען נאָר די אויסערלעכע סיבה. דער שטורעם איז אָבער נישט געקומען פון דרויסן. דער שטורעם איז געווען אין אים גופא. ער האָט געפילט, אַז אין זײַן האַרצן באַוועגן זיך אומבאַקאַנטע פאַרזעעניש, און ער האָט קיין מוט נישט געהאַט אַרײַנצודרינגען אין אייגענעם געדאַנק, כּדי צו דערזען זײַן אומגליק פּנים-אל-פּנים... זײַן אומגליק? איז עס געווען אַן אומגליק? ס׳האָט אים באַהערשט עפּעס אַ מאַטקייט, אַ שיכּרות, אַ תּענוגלעכער שרעק. ער האָט שוין נישט געהערט צו זיך. אומזיסט האָט ער געפּרוּווט אַרײַנצוקלאַמערן זיך אינם אַמאָליקן סטאָיציזם. אַלץ האָט מיטאַמאָל אַ קראַך געטון. ער האָט פּלוצלינג געהאַט אַן עמפּינדונג פון אַ גליענדיקער, ווילדער, אומענדלעכער וועלט, וואָס האָט פאַרפלייצט איצט גאָט!...

ס׳האָט געדויערט נאָר אַן אויגנבליק. אָבער ער האָט פאַרלוירן די גאַנצע גלייכגעוויכט פון זײַן אַמאָליקן לעבן.

נאָר אויף איין מיטגליד פון דער משפּחה האָט קריסטאָף קיינמאָל נישט געלעגט קיין אַכט: ס׳איז געווען די קליינע ראָזע. זי איז נישט געווען שיין, און קריסטאָף, וואָס איז אַליין געווען ווייט נישט קיין שיינער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן מקפּיד אויף דער שיינקייט פון אַנדערע. ער האָט פאַרמאָגט די רויקע אכזריות פון דער יוגנט, פאַר וועלכער אַ מיאוסע פרוי עקסיסטירט בכלל נישט, — דער עיקר, אויב זי איז שוין אַריבער יענע יאָרן, ווען זי קען דערוועקן צערטלעכקייט און אַרויסרופן צו זיך רויקע, ·עלאַסענע, כמעט-

רעליגיעזע געפילן. ראָזע איז, אגב, נישט געווען באַשאָנקען מיט קיין שום באַזונדערע מעלות, אָבער קיין נאַר איז זי נישט געווען; דערצו האָט זי פאַרמאָגט ניין מאָס רייד, וואָס האָבן פון זיך פאַרטריבן קריסטאָפן. ער האָט זיך נישט געגעבן קיין מי צו דערקענען זי, ער האָט געמיינט, אַז ס'איז נישטאָ אין איר וואָס צו דערקענען; העכסטנס פלעגט ער אויף איר אַ שנעלן קוק טון.

און דאָך איז זי געשטאַנען פיל העכער, ווי אַנדערע יונגע מיידלעך; לכל-הדעות, העכער, ווי מינאַ, וועלכע ער האָט ליב געהאַט. זי איז געווען אַ ווויל מיידל, נישט קיין קאָקעטישע און אָן פוסטער גאווה; ביז קריסטאָפס קומען האָט זי נישט געוווסט, אַז זי איז מיאוס אָדער וויניק זיך גענומען עס צום האַרצן; ווייל קיינעם פון אירע באָענטע האָט עס נישט געאַרט. אויב דער זיידע אָדער די מאַמע האָבן איר עס אַמאָל אין שפּאַס יאָ געזאָגט, האָט זי געלאַכט דערפון: זי האָט נישט געגלויבט אָדער נישט געלעגט דערויף קיין אַכט; און זיי אוודאי נישט. אַזוי פיל אַנדערע פרויען, אויך אַזוי מיאוס ווי זי, אָדער אפילו נאָך מיאוסער, האָבן געפונען מענער, וואָס האָבן זיי ליב! די דייטשן פאַרמאָגן אַ גליקלעכע מעלה: זיי האָבן פיל פאַרשטענדעניש פאַר פיזישע פעלערן; ווען זיי ווילן, באַמערקן זיי נישט די פעלערן; זיי קאָנען זיי אפילו פאַרדעקן און פאַרשענערן מיט זייער גליקלעכער פאַנטאַזיע; זיי קאָנען אויסגעפינען אומגעריכטע ענלעכקייטן צווישן יעדן פנים מיט די באַרימטסטע שענהייטן. מ'וואָלט לייכט געקאָנט פועלן ביים אַלטן איילער, אַז זיין אייניקל האָט די נאָז פון יונאָ לודאָוויזי. צום גליק איז דער אַלטער געווען שטענדיק צו שטאַרק אָנגעכמורעט, ער זאָל מאַכן עמעצן קאָמפּלימענטן; און ראָזע, וואָס איז געווען גלייכגילטיק צו דער פאָרם פון איר נאָז, האָט געפונען אַן אויסוועג פאַר איר אייגנליבע אין דעם, וואָס זי האָט דערפולט די פאָרשריפטן פון די באַרימטע פרויען-פליכטן אין דער באַלעבאַטישקייט. אַלץ, וואָס מ'האָט זי אויסגעלערנט, איז געווען ביי איר קודש, ווי די ווערטער פון עוואַנגעליום. אַזוי-ווי זי פלעגט זעלטן אַרויסגיין פון שטוב, האָט זי נישט געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרגלייכן אירע אייגענע מיט פרעמדע, און דעריבער האָט זי שטאַרק געהאַלטן פון איר טאַטע-מאַמע און געגלויבט אין יעדן וואָרט זייערן. בטבע אַ היציקע, האָט זי געהאַט צוטרוי צו מענטשן און לייכט געקאָנט זיך צופרידנשטעלן; זי האָט זיך דאָך באַמיט צוצופּאַסן צו דער אומעטיקער שטי-

מונג פון שטוב און איבערגעחזרט נאָכגיביק די מרה-שחורהדיקע מיינונג, וואָס זי פלעגט הערן. איר האַרץ איז געווען פול מיט מיטלייד,— זי האָט שטענדיק געטראַכט וועגן אַנדערע, באַמיט זיך אָנצוטון זיי אַ נחת-רוח, מיטגעפילט זייערע דאגות, אַנטקעגנגעקומען זייערע פאַרלאַנגען און ליב געהאַט אַלעמען אָן אַ שום געדאַנק פון באַלוינונג. נאַטירלעך, האָבן עס די בני-בית אויסגענוצט, הגם זיי זענען געווען גוטע מענטשן און האָבן זי ליב געהאַט: דער מענטש איז שטענדיק גענייגט אויסצונוצן די ליבע פון די, וואָס גיבן זיך אים איבער אָן אַ גרענעץ: די שטוב-מענטשן זענען געווען אַזוי צוגעוווינט צו איר גוטסקייט, אַז מ'האָט נישט געפילט צו איר קיין שום דאַנקבאַרקייט; וואָס זי זאָל נישט האָבן געטון, האָט מען פאַרלאַנגט פון איר נאָך מער. דערצו איז זי געווען אומגעשיקט, אומגעלומפערט און איידיק; זי האָט געהאַט האַסטיקע, ייִנגלשע באַוועגונגען, און ס'פלעגן זיך איר אָפט טרעפן אָנפאַלן פון צערטלעכקייט, וואָס פלעגן ברענגען מיט זיך אמתע קאַטאַסטראָפעס: אַ צעבראָכן גלאָז, אַן איבערגעקערטע פלאַש, אַ האַסטיק-פאַרקלאַפטע טיר, — צוליב דעם איז די גאַנצע שטוב געווען אויף איר אש-להבה. מ'פלעגט זיך בייזערן, און די קליינע פלעגט זיך אַוועקשלייכן אין אַ ווינקל און געוויינט. איר וויינען האָט קיינמאָל לאַנג נישט געדויערט. באַלד איז זי צוריקגעקומען מיט אַ געלעכטער און מיט אירע ניין מאָס רייד אָן אַ סימן פון האַס קעגן ווער-מען-עס-איז.

קריסטאָפס אָנקומען איז געווען אַ וויכטיק געשעעניש אין איר לעבן. זי האָט אָפט געהערט שמועסן וועגן אים. קריסטאָף האָט פאַרנומען אַן אָרט צווישן די אָנגעזעענע מענטשן פון שטעטל: ער איז געווען אַ מין קליינע לאָקאַלע באַרימטקייט; זיין נאָמען פלעגט אָפט דערמאָנט ווערן אין די שמועסן פון די שטוב-מענטשן, בפרט אין יענער צייט, ווען ס'האָט נאָך געלעבט דער אַלטער זשאַן-מישעל, וואָס איז געווען שטאָלץ מיט זיין אייניקל און האָט פאַר אַלע זיינע באַקאַנטע געלויבט קריסטאָפן ביזן הימל. ראָזע האָט אַ פאָר מאָל געזען דעם יונגן מוזיקער בעת די קאָנצערטן. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער ציט זיך צו זיי אַריין, האָט זי געפאַטשט מיט די הענט פאַר פרייד. מ'האָט זי אָנגעמוסרט, אַז זי האַלט זיך נישט אָנשטענדיק, — איז זי צעטומלט געוואָרן. זי האָט נישט געזען אין דעם קיין שום בייז. אין איר איינטאָניקן לעבן איז אַ נייער שכן געווען אַ וויכטיק גע-

שעעניש. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער געפעלט אים נישט די שטוב, און באַמיט זיך די דירה וואָס שענער צו מאַכן. דעם טאָג, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן, האָט זי אפילו אַרויפגעבראַכט אַ קליין בינטל בלומען און אַוועקגעשטעלט אויפן קאַמין, ווי זי וואָלט אים דערמיט אויפגענומען מיט אַ ברוך־הבא. זי גופא האָט אָבער לחלוטין נישט געזאָרגט וועגן איר אויסזען, און דער ערשטער בליק, וואָס קריסטאָף האָט אויף איר אַ וואָרף געטון, איז פאַר אים גענוג געווען אָנצונעמען אַ באַשלוס, אַז זי איז מיאוס און איז געקליידט אָן געשמאַק. זי אָבער האָט וועגן אים געהאַט אַן אַנדערע מיינונג, הגם ס׳האָבן נישט געפעלט קיין חסרונות אויך אין זיין אויסזען, ווייל קריסטאָף, וואָס איז געווען פאַרמאַטערט, פאַרדאגהט און שמוציק, האָט אויסגעזען נאָך מיאוסער ווי געוויינלעך. אָבער ראָזע, וואָס איז נישט געווען מסוגל צו טראַכטן וועגן עמעצן שלעכטס, ראָזע, וואָס האָט אין איר זיידן און טאַטע־מאַמע געזען מוסטערן פון שיינקייט, האָט געזען אין קריסטאָפן אַלץ, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, און געכאַפּט פון אים התפעלות. ווען ער איז געווען איר שכן ביים טיש, האָט זי זיך אמת געשראָקן, נאָר צום אומגליק האָט זיך איר מורא אויסגעדריקט אין אַ שטראָם פון ווערטער, וואָס האָבן מיטאַמאָל אָפּגעטון פון איר קריסטאָפס סימפּאַטיע. זי האָט עס נישט באַמערקט, און דער ערשטער אָוונט פון זייער באַגעגעניש האָט איבערגעלאָזן אין איר האַרצן א לויכטנדיקן אָנדענק. ווען קריסטאָף מיט זיין מוטער זענען אַרויף צו זיך, איז זי געבליבן איינע אַליין אינם צימער און זיך צוגעהערט צו די טריט פון די נייע שכנים, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב; דער גערויש האָט אין איר פריילעך אָפּגעקלונגען: ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז די שטוב האָט אָפּגעלעבט.

צומאָרגנס האָט זי זיך צום ערשטן מאָל אָנגעקוקט מיט אומרויקער אויפמערקזאַמקייט אין שפּיגל; און הגם זי האָט זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, ווי גרויס איר אומגליק איז, האָט זי עס אָנגעהויבן פאָרצופילן. זי האָט געפּרוווט געבוי צו באַטראַכטן און אורטיילן וועגן אירע שטריכן, איינעם נאָכן אַנדערן; ס׳איז איר אָבער נישט געלונגען. זי האָט געהאַט אומעטיקע פאָרגעפילן. זי האָט טיף אָפּגעזיפצט און געוואָלט אַ ביסל ענדערן איר הלבשה; זי האָט זיך נאָר מיאוסער געמאַכט. דערצו איז איר איינגעפאַלן אַ שלימזלדיקער געדאַנק נאָכצושפּרינגען קריסטאָפן אויף טריט און שריט. אין איר

נאַיוון פאַרלאַנג צו זען וואָס־עפּטער אירע נייע פריינד און צו קומען זיי מיט עפּעס צו הילף, איז זי יעדע ווײַלע אַרויף און אַראָפּ פון די טרעפּ, געבראַכט יעדעס מאָל אַ זאַך, וואָס לואיזע האָט נישט גע־דאַרפט, באַמיט זיך זיי צו העלפן, — און דערבײַ שטענדיק געלאַכט, גערעדט, געשריען. נאָר די אומגעדולדיק־רופנדיקע שטים פון איר מאַמע פלעגט איבעררייסן איר התפעלות און באַרעדעוודיקייט. קריסטאָף האָט געמאַכט אַ זויערע מינע: ווען נישט דער גוטער געדאַנק צו האַלטן זיך אין די הענט, וואָלט שוין זיין אומגעדולד צוואַנציק מאָל געהאַט אַרויסגעפּלאַצט. צוויי טעג האָט ער זיך איינגעהאַלטן; אויפן דריטן טאָג האָט ער פאַרמאַכט די טיר אויפן שליסל. ראָזע האָט אָנ־געקלאַפּט, אַ רוף געטון, אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַוועק צעטומלט און מער נישט צוריקגעקומען. ווען ער האָט זי געטראָפן, האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז געווען פאַרנומען מיט אַ וויכ־טיקער אַרבעט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט איבעררייסן. זי האָט זיך הכנעהדיק פאַרענטפערט. זי האָט זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן דעם דורכפאַל פון אירע אומשולדיקע פרוּוון: זיי זענען געגאַנ־גען נישט צום ציל, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, זיי האָבן קרי־סטאָפן דערווייטערט. ער האָט זיך נישט געגעבן קיין מי צו באַהאַלטן זיין שלעכטע שטימונג; ער האָט זיך נישט צוגעהערט, בעת זי האָט גערעדט, ער האָט נישט פאַרהוילן זיין אומגעדולד. זי האָט געפילט, אַז איר פּלוידעריי רעגט אים אויף, און זי האָט זיך פּשוט אָנגעטון אַ כּוח צו שווייגן אַ האַלבן אָוונט; אָבער ס'איז נישט געווען פאַר אירע כּוחות: פּלוצלינג האָט זי אָנגעהויבן איר „מוזיק" פונדאָסניי, און די ווערטער האָבן געשטראָמט האַסטיקער, ווי שטענדיק. קריסטאָף פלעגט אַוועק און איבערלאָזן זי אינמיטן אַ זאַץ. זי איז נישט געווען בייז אויף אים. זי איז געווען בייז אויף זיך אַליין, און געטראַכט, אַז זי איז נאַריש, לאַנגווייליק און לעכערלעך; אַלע אירע חסרונות זענען אין אירע אויגן ריזיק אויסגעוואַקסן; זי האָט זיי געוואָלט גובר זיין; אָבער דער דורכפאַל פון די ערשטע פּרוּוון האָבן זי אַראָפּגע־שלאָגן פון מוט; זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט עס קיינמאָל נישט באַווייזן, אַז זי האָט דערצו קיין כּוח נישט. פונדעסטוועגן האָט זי בסדר געפּרוּווט פונדאָסניי.

זי האָט אָבער געהאַט נאָך חסרונות, קעגן וועלכע מ'האָט גאָר־נישט געקאָנט העלפן; וואָס האָט זי געקאָנט טון מיט איר מיאוסקייט?

זי האָט שוין מער אין דעם נישט געצווייפלט. איר אומגליק איז איר אומגעריכט קלאָר געוואָרן, ווען זי האָט אין איינעם אַ טאָג זיך אָנגעקוקט אין שפיגל: ס'איז געווען ווי אַ דונער. נאַטירלעך, האָט זי איבערגעטריבן דאָס אומגליק און איר נאָז האָט זיך איר אויסגעוויזן צען מאָל גרעסער, ווי אין דער ווירקלעכקייט; ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פאַרנעמט דאָס גאַנצע פנים; זי האָט נישט געהאַט קיין העזה צו ווייזן זיך פאַר מענטשן, זי האָט געוואָלט שטאַרבן. אָבער די יוגנט פאַרמאָגט אַזאַ קראַפט פון האָפנונג, אַז די אויסברוכן פון פאַרצווייפלונג דויערן נישט לאַנג; זי האָט זיך איבערגעלעגט, אַז אייגנטלעך האָט זי אַ טעות געהאַט; זי האָט זיך געפרוווט איינרעדן, אַז איר נאָז זעט אויס, ווי אַלע נעזער, און איז געבויט ווי עס באַדאַרף צו זיין. זי האָט מיטן אינסטינקט אויסגעפונען, — אגב, זייער אומגעלומפערט — עטלעכע קינדערשע המצאות: אַ נייען אופן פון פאַרקעמען די האָר, וואָס האָט ווייניקער אָפגעדעקט דעם שטערן און פאַרשטעלט די דיספראָפאָרץ פון איר פנים. ס'איז נישט געווען אין דעם קיין שום קאָקעטישקייט; קיין ליבע-געדאַנק איז איר נאָך אויפן זינען נישט אַרויף, אָבער זי האָט דערפון נישט געוווסט. זי האָט פאַרלאַנגט נישט מער, ווי אַ קלייניקייט; אַ ביסעלע פריינדשאַפט; און אָט דאָס ביסל האָט קריסטאָף, ווייזט אויס, אויך נישט געוואָלט איר שענקען. ראָזען האָט זיך געדאַכט, אַז זי וואָלט געווען אויפן זיבעטן הימל, ווען ער זאָל איר ביי אַ באַגעגעניש בלויז זאָגן אַ פריינדלעכן „גוט-מאָרגן" אָדער „גוטאָוונט". אָבער קריסטאָפס בליק איז געווען אַזוי האַרט און שטענדיק אַזוי קאַלט! זי פלעגט פאַרגליווערט ווערן. ער האָט איר קיין אומפריינדלעך וואָרט קיינמאָל נישט געזאָגט; אָבער איר וואָלט ליבער געווען צו הערן שווערע טענות, איידער דאָס אכזריותדיקע שווייגן.

איינמאָל אין אָוונט איז קריסטאָף געזעסן ביים קלאַוויר און געשפילט. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַן ענגן בוידעם-שטיבל, איבערן העכסטן שטאָק פון הויז, אַבי פטור צו ווערן פונעם טומל. ראָזע האָט זיך צוגעהערט מיט באַגייסטערונג זיצנדיק אונטן. זי האָט ליב געהאַט מוזיק, הגם איר געשמאַק איז געווען פשוט און נישט אַנטוויקלט. כל-זמן די מאַמע איז געזעסן אין שטוב, איז ראָזע געבליבן אין אַ ווינקל פון צימער, געבויגן איבער איר האַנט-אַרבעט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פאַרנומען נאָר דערמיט; איר האַרץ אָבער

א׳ז געווען צוגעבונדן צו די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון
אויבן, וועלכע זי האָט נישט געוואָלט פאַרלירן. צום גליק איז אַמאַ-
ליאַ באַלד אַרויסגעגאַנגען אַריינצוכאַפּן זיך צו אַ שכנה; ראָזע איז
אויפגעשפּרונגען, אַ וואָרף געטון די אַרבעט און אַרויפגעקראָכן מיט
אַ קלאַפּנדיק האַרץ ביזן שוועל פונם בוידעם-שטיבל. זי האָט איינגע-
האַלטן דעם אָטעם און צוגעלעגט דאָס אויער צו דער טיר. אָט אַזוי
איז זי געבליבן זיצן, ביז אַמאַליאַ איז צוריקגעקומען. זי איז ד׳עמאָלט
אַראָפּגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, כדי נישט אָנצומאַכן קיין גע-
רויש; נאָר אַזוי-ווי זי איז געווען אומגעשיקט, און פלעגט זיך שטענ-
דיק איילן, איז זי שיר נישט אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ; און איינ-
מאָל, ווען זי האָט זיך אַזוי צוגעהערט מיט אַ פאָרויסגעבויגענעם
קערפּער און מיט דער באַק צוגעדריקט צום לעכל פון שלאָס, — האָט
זי פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און אַ קלאַפּ געטון מיטן שטערן אין
טיר. זי איז געוואָרן אַזוי צעמישט און דערשראָקן, אַז ס׳האָט איר
פאַרפעלט אָטעם. דאָס פּיאַנאָ-שפּיל האָט זיך תיכף איבערגעריסן: זי האָט
קיין כוח נישט געהאַט צו אַנטלויפן. זי האָט זיך שוין געהאַט אויפ-
געהויבן און די טיר האָט זיך אַן עפן געטון. קריסטאָף האָט זי דער-
זען, אַ וואָרף געטון אויף איר אַ בייזן בליק און שפּעטער אָן איין וואָרט
אַ שטויס געטון זי, אַראָפּ מיט די טרעפּ און אַוועק. ער איז געקומען צו-
ריק ערשט צו מיטאָג, נישט געלעגט קיין שום אַכט אויף אירע פאַר-
צווייפלטע בליקן, וואָס האָבן ממש געבעטן פאַרגעבונג, ער האָט גע-
מאַכט זיך, ווי זי וואָלט פאַר אים בכלל נישט עקסיסטירט און אין
משך פון לאַנגע וואָכן אויפגעהערט אינגאַנצן צו שפּילן. ראָזע האָט
אין דער שטיל פאַרגאָסן הייסע טרערן; קיינער האָט עס נישט באַ-
מערקט, קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט. זי האָט הייס
געבעטן ביי גאָט... וואָס? דאָס האָט זי אַליין נישט געוווּסט. זי האָט
געפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אויסצוגיסן פאַר עמעצן איר שווער גע-
מיט. זי איז געווען זיכער, אַז קריסטאָף האָט זי פיינט.

און דאָך האָט זי געהאָפט. ס׳איז גענוג געווען, קריסטאָף זאָל
איר אַרויסווייזן די מינדסטע סימנים פון אינטערעס; ער זאָל זיך מאַכן
הערנדיק אירע רייד; ער זאָל דריקן איר האַנט פריינדלעכער, ווי תמיד...

עטלעכע אומבאַרעכנטע ווערטער פון אירע אייגענע האָבן אין איר
פאַנטאַזיע דערוועקט נאַרישע חלומות, וואָס האָבן קיין שום זינען נישט
געהאַט.

די גאַנצע משפּחה האָט געפֿילט צו קריסטאָפֿן אַ סימפּאַטיע. אָט דער זעכֿצניאָריקער, ערנסטער און איינזאַמער ייִנגל, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ טיפֿע השגה בנוגע צו זיינע פֿליכֿטן, האָט דערוועקט אין זיי אַ מין יראת-הכּבֿוד. די אויסברוכֿן פֿון שלעכֿטער שטימונג, זיין עקשנותדיק שווייגן, דער אָנגעכֿמורעטער אויסדרוק פֿון זיין פּנים, זיינע האַסטיקע באַוועגונגען האָבן אין אַזאַ שטוב ווי ביי די איילערס, נישט אַרויסגערופֿן קיין שום חידוש. אפֿילו מאַדאַם פֿאָגעל, וואָס האָט יעדן קינסטלער געהאַלטן פֿאַר אַ ליידיקגייער, האָט נישט געהאַט קיין העזה אָנצופֿאַלן אויף אים און פֿאָרצוואַרפֿן,—הגם זי האָט דערצו שטאַרק חשק געהאַט, — אַלמאַי ער פֿאַרברענגט גאַנצע שעהן אומבאַוועגלעך אין אָוונט ביים פֿענסטער פֿון זיין בוידעם-שטיבל, אָן אַ שטאָך אַרבעט, אַרויסגעבויגן צום הויף ביז שפּעט אין דער נאַכֿט: זי האָט געוווּסט, אַז אַ גאַנצן טאָג מאַטערט ער זיך מיט זיינע לעקציעס; און זי האָט אים געשוינט — פּונקט ווי ס'האָבן אים געשוינט אויך די איבעריקע בני-בית, — צוליב עפּעס אַ באַהאַלטענער כּוונה, וואָס קיינער האָט וועגן דעם נישט גערעדט און וואָס יעדער האָט דערפֿון געוווּסט.

ראָזע האָט באַמערקט, אַז ווען זי שמועסט מיט קריסטאָפֿן, קוקן זיך אירע עלטערן איבער און שושקען זיך אין דער שטיל. תּחילת האָט זי אויף דעם קיין אַכֿט נישט געלייגט. אָבער שפּעטער איז זי געוואָרן נייגעריק און אָנגעצונדן; זי האָט שטאַרק געוואָלט דערגיין, וואָס זיי שמועסן; אָבער זי האָט קיין העזה נישט געהאַט צו דערפֿרעגן זיך.

איינמאָל, אין אַן אָוונט איז זי אַרויפֿגעקראָכֿן אין גאָרטן אויף אַ באַנק אָפּצובינדן דעם שטריק, וואָס איז געהאָנגען צווישן צוויי בוימער צו טריקענען אויף אים וועש; כּדי אַראָפּצושפּרינגען אויף דר'ערד, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן קריסטאָפֿס אַקסל. אין דער רגע האָט זיך איר בליק אָנגעשטויסן אָנם זיידן און טאַטן, וואָס זענען געזעסן, מיט די רוקנס אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פֿון הויז רויכֿערנדיק זייערע לולקעס. זיי האָבן זיך איבערגעוווּנקען, און יוסטוס איילער האָט אַ זאָג געטון צו פֿאָגעלן:

— דאָס וועט זיין אַ פיינער זיווג.

פּאָגעל האָט זיך געכאַפּט, אַז זיין טאָכטער האָט עס דערהערט, און אַ שטויס געטון דעם אַלטן; כּדי צו פאַרשטעלן זיינע רייד, האָט דער אַלטער זייער געשיקט, — (אַזוי לפּחות האָט ער געמיינט) — הויך אַ ברום געטון „המ! המ!״, וואָס וואָלט געקאָנט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון צוואַנציק טריט אַרום זיי. קריסטאָף איז געווען אויסגעדרייט מיטן רוקן און האָט גאָרנישט באַמערקט; אָבער ראָזע איז געוואָרן אַזוי איבערראַשט, אַז זי האָט פאַרגעסן דעם שפּרונג און זיך אויסגעגליטשט. זי וואָלט אומגעפאַלן, ווען קריסטאָף האַלט זי נישט אונטער, שעלטנדיק אין דער שטיל איר אייביקע אומגעלומפּערטקייט. דער פוס האָט איר זייער וויי געטון, אָבער זי האָט עס נישט אַרויסגעוויזן און קוים ווען דעם געטראַכט; זי האָט געטראַכט נאָר וועגן דעם, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געהערט. זי איז אַריין צו זיך אין צימער; יעדער טריט האָט איר אָנגעטון יסורים, זי האָט זיך אָבער אויסגעגלייכט, קיינער זאָל עס נישט באַמערקן. אַ תּענוגלעכע שיכּרות האָט פאַרגאָסן איר האַרץ. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם שטול צופוסנס פון בעט און באַהאַלטן דאָס פּנים אין די קאָלדרעס. איר פּנים האָט געפלאַקערט; די אויגן זענען איר פול געווען מיט טרערן — און זי האָט געלאַכט. זי האָט זיך געשעמט; זי וואָלט זיך באַגראָבן אין דער ערד; זי האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין אירע געדאַנקען; די שלייפן האָבן איר געקלאַפּט, דער קנעכל האָט איר געשטאָכן און וויי-געטון, זי איז געווען אין אַ צושטאַנד פון פאַרגליווערטקייט און פיבער. אַ צערודערטע האָט זי געהערט דעם טומל פון דרויסן, די געשרייען פון די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף דער גאַס; און דעם זיידנס ווערטער האָבן איר אַלץ געקלונגען אין אויער; אַ שוידער איז אים אַדורך איבערן לייב, זי האָט שטיל געלאַכט, געררויטלט זיך און באַהאַלטן דאָס פּנים אין דעם איבערבעט; זי האָט תּפילה-געטון, געדאַנקט גאָט, פאַרלאַנגט, מורא געהאַט, — זי האָט געליבט.

די מאַמע האָט זי אַ רוף געטון. זי האָט געפּרוווט אויפשטיין. ביים ערשטן טריט האָט זי דערפילט אַזאַ אומדערטרעגלעכן ווייטיק, אַז זי האָט שיִר נישט געחלשט; ס׳האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט שטאַרבט זי; זי האָט געוואָלט שטאַרבן, — און אין דער זעלבער צייט האָט זי אויך געוואָלט לעבן מיט אַלע כּוחות פון איר וועזן, לעבן פאַר דאָס צוגעזאָגטע גליק. לסוף

איז אַריינגעקומען די מאַמע, און באַלד איז די גאַנצע שטוב געגאַנגען כאַדאָראָם. ווי געוויינלעך, האָט מען זיך פריער אָנגעבייזערט, שפּעטער דעם פּוס אַרומגעבונדן און געלעגט זי אין בעט אַריין; זי איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ פאַרגליווערטקייט פון פיזישע יסורים און אינערלעכער פרייד. אַ זיסע נאַכט... די מינדסטע פּרטים פון יענעם טייערן אָוונט זענען איר געבליבן הייליק אין זכרון. זי האָט נישט געטראַכט פון קריסטאָפן, זי האָט אַליין נישט געוווסט, פון וועמען זי טראַכט. זי איז געווען גליקלעך.

קריסטאָף האָט זיך געהאַלטן פאַר טיילוויז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צופאַל, ער איז געקומען צומאָרגנס מבקר־חולה זיין ראָזען, און צום ערשטן מאָל האָט ער איר לפנים אַרויסגעוויזן פריינדלעכקייט. זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט דאַנקבאַרקייט, זי האָט געדאַנקט דעם אומגליק. זי וואָלט מסכּים געווען אַ גאַנץ לעבן צו ליידן יסורים, אַבי שטענדיק צו האָבן אַזאַ גליק. — זי האָט געמוזט בלייבן ליגן אַ לענגערע צייט אין בעט און נישט רירן זיך פון אָרט; זי האָט פאַרבראַכט די צייט אין זכרונות, דערמאָנט זיך דעם זיידנס ווערטער און זיך געחקרנט; ווייל ס'האָט זיך פאַרגנבעט אַ ספק. צי האָט ער געזאָגט:

— דאָס וועט זיין...

אָדער גאָר:

— דאָס וואָלט געווען?...

אָבער צי איז בכלל מעגלעך געווען, אַז ער זאָל זאָגן אַזאַ מין זאַך? — יאָ, ער האָט עס געזאָגט, זי איז געווען זיכער... וואָס! צי האָבן זיי נישט געזען, אַז זי איז מיאוס, און אַז קריסטאָף פאַרטראָגט זי נישט?... ס'איז אָבער אַזוי גוט געווען צו האָפן! זי האָט לסוף גענומען גלויבן, אַז זי האָט זיך מסתמא טועה געווען; אפשר איז זי גאָרנישט אַזוי מיאוס, ווי זי האָט געמיינט. זי האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן שטול, אַ קוק צו טון אין שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען אַנטקעגנאיבער, און זי האָט נישט געוווסט, וואָס צו טראַכטן. נאָך אַלעמען, קאָן דאָך איר זיידע און איר טאַטע גיכער האָבן אַ ריכטיקע מיינונג וועגן איר, ווי זי אַליין; מ'קאָן נישט אַליין אורטיילן וועגן זיך... גאָט! ווען דאָס זאָל זיין אמת!... אויב, צופעליק... אויב, אָן איר וויסן, אויב... אויב זי איז טאַקע שיין!... ס'קאָן זיין; זי האָט מגזם געווען קריסטאָפס נישט־גינסטיקע געפילן צו איר. אמת, נאָך די סימנים פון פריינדשאַפט, וואָס ער האָט איר אַרויסגעוויזן באַלד נאָכן צופאַל, האָט

דאָס גלייכגילטיקע ייִנגל אויפֿגעהערט צו פֿאַרנעמען זיך מיט איר; ער האָט פֿאַרגעסן אָפּצונעמען אַ גרוס, וואָס זי מאַכט; אָבער ראָזע האָט אים מוחל געווען: ער איז דאָך פֿאַרנומען איבערן קאָפּ מיט אַזוי פֿיל זאַכן! ווי זאָל ער טראַכטן גאָר פֿון איר? מ'טאָר נישט משפּטן קיין קינסטלער, ווי אַלע אַנדערע מענטשן...

און הגם זי האָט שלום געמאַכט מיט איר גורל, האָט זי נישט אויפֿגעהערט צו וואַרטן מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויף זיין פֿריינדלעך וואָרט, וויפֿל מאָל ער פֿלעגט נישט דורכגיין נעבן איר. איין אייִנציק וואָרט, איין בליק... איר פֿאַנטאַזיע וואָלט דאָס איבעריקע אַליין צוגע־געבן. דער אָנהייב פֿון יעדער ליבע האָט אַזוי ווייניק פֿאַרלאַנגען! ס'איז גענוג, אַז מ'זעט זיך, אַז מ'רירט זיך אָן פֿאַרבייגייענדיק; אין אַזעלכע מינוטן שפּרודלט אין דער נשמה אַזאַ קראַפֿט פֿון חלומות, אַז זי אַליין, די טרוימען־קראַפֿט, קאָן זיך שאַפֿן איר ליבע; אַ קלייניקייט דערוועקט אין איר התפּעלות, וואָס וועט זיך שוין מער נישט טרעפֿן שפּעטער, ווען זי באַזיצט דעם אָביעקט פֿון איר באַגער; וואָס מער מען באַפֿרידיקט זי, אַלץ גרעסער זענען אירע פֿאָדערונגען. — קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז ראָזע האָט איצט געלעבט איר לעבן אין אַ ראָמאַן, וואָס זי האָט אויסגעטראַכט מיט אַלע זיינע טיילן: קריסטאָף האָט זי ליב, נאָר האָט נישט דעם מוט אויסצוזאָגן עס מחמת שעמעוו־דיקייט אָדער צוליב אַן אַנדער ראָמאַן־מעסיקער און ראָמאַנטישער סיבה, אָן קיין שום זין, וואָס איז געפֿעלן געוואָרן דער פֿאַנטאַזיע פֿון אָט דעם קליינעם, סענטימענטאַלן געגנזל. אויף דער קאַנווע האָט זי זיך אויסגעטראַכט מעשׂיות אָן אַ סוף און אָן קיין שום טעם: זי האָט עס אַליין געוווּסט, אָבער זי האָט עס נישט געוואָלט אַנדערש טראַכטן; זי האָט זיך בכּיוון אָפּגענאַרט אין משך פֿון לאַנגע טעג געבוירן אי־בער איר האַנט־אַרבעט. זי האָט פֿאַרגעסן צו רעדן: דער גאַנצער שטראָם פֿון ווערטער האָט געריזלט אין איר גופֿא, ווי אַ טייך, וואָס איז פּלוצלינג פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון דער ערד־פֿלאַך. אַ פֿאַרפֿלייצונג פֿון רייד, פֿון שטומע שמועסן, וואָס קיינער, אויסער איר, האָט נישט געהערט! אָפּטמאָל האָט מען געזען, ווי אירע ליפּן באַוועגן זיך, ווי ביי מענטשן, וואָס מוזן בעתן לייענען אַרויסרעדן אין דער שטיל יעדע זילבּ, כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין.

ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אירע טרוימען, איז זי געווען גליקלעך און טרויעריק. זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אין דער ווירק־

לעכקייט איז נישט אַזוי, ווי אין אירע מעשות; אין איר אַ אָבער געבליבן דער אָפּשיין פון גליק, און זי האָט זיך אומגעקערט צום לעבן מיט מער צוטרוי. זי האָט נישט פאַרלוירן די האָפנונג צו געווינען קריסטאָפן.

נישט אַרויסברענגענדיק עס אויף אירע ליפּן, האָט זי זיך גענומען דורכצופירן איר פּלאַן. מיט דער אינסטינקטיווער זיכערקייט, וואָס יעדעס שטאַרקע געפיל פאַרמאָגט אין זיך, האָט דאָס אומגעשיקטע, נישט-דערפאַרענע מיידל געוווסט, ווי אַרויף גלייך אויפן וועג, וואָס פירט צום האַרצן פון איר פריינד. זי האָט זיך נישט געווענדט דירעקט צו אים. אָבער ווי-באַלד זי איז געקומען צו זיך און פונדאָסניי געקאָנט אַרומדרייען זיך איבער דער שטוב, האָט זי זיך דערנענטערט צו לואיזען. זי האָט אויסגענוצט דעם קלענסטן אויסרייד. זי האָט געפונען טויזנטער קלייניקייטן אַרויסצווייזן איר אַ געפעליקייט. ווען זי פלעגט גיין ערגעץ האָט זי קיינמאָל נישט פאַרפעלט פאָרצולעגן איר צו טון פאַר איר עפּעס; זי האָט איר איינגעשפּאָרט צו גיין אין מאַרק, צו שמועסן מיט די גאַס-מענטשן; זי האָט איר געבראַכט וואַסער פונם הויף-ברונעם, זי האָט איר אפילו געהאָלפן אין דער באַלעבאַטישקייט, געוואַשן די שויבן, פאַרקערט די שטוב, נישט געקוקט דערויף, וואָס לואיזע האָט פּראָטעסטירט; לואיזע איז געווען פאַרחידושט, וואָס מ׳לאָזט זי אַליין נישט אַרבעטן, אָבער זי איז געווען אַזוי שוואַך, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח זיך צו ווערן, ווען מ׳איז איר געקומען העלפן. קריסטאָף איז אַ גאַנצן טאָג נישט געווען אין שטוב. לואיזע האָט זיך געפילט פאַרלאָזן, און די געזעלשאַפט פונם ליבנסווירדיקן און רוישנדיקן מיידל איז איר געווען אָנגענעם. ראָזע פלעגט ביי איר אָפּזיצן גאַנצע טעג. זי פלעגט מיטברענגען מיט זיך איר האַנט-אַרבעט, און זיי פלעגן ביידע זיצן און פּלוידערן. דאָס מיידל האָט דורך אומגעשיקטע רייד געפּרוווט אַרויספירן דעם שמועס אויף קריסטאָפן. זי איז געווען גליקלעך צו הערן רעדן וועגן אים, צו הערן בלויז זיין נאָמען; די הענט האָבן איר געציטערט, זי האָט אויסגעמיטן אויפצוהייבן די אויגן. לואיזע האָט מיט פאַרגעניגן גערעדט פון איר טייערן קריסטאָף, זי האָט דערציילט וועגן זיינע קינדער-יאָרן פאַרשידענע, גאָרנישט-באַדייטנדיקע און אַ ביסל לעכערלעכע מעשות; אָבער נישט אַזוי האָבן זיי אויסגעזען אין ראָזעס אויגן: ס׳איז געווען פאַר איר אַ פרייד און אַ גרויס גליק זיך פאָרצושטעלן קריסטאָפן אַלס קליין

קינד, וואָס באַגייט נאַרישקייטן אָדער חכמות, ווי קינדער אין זיין עלטער; די מוטערלעכע צערטלעכקייט, וואָס געפינט זיך אינם האַרצן פון יעדער פרוי, האָט זיך תּענוגלעך צונויפגעמישט אין איר מיט נאָך אַן אַנדער צערטלעכקייט; זי האָט געלאַכט פון גאַנצן האַרצן, און גע־ האָט פייכטע אויגן. לואיזע איז געווען פאַרחידושט פון דער אויפ־ מערקזאַמקייט, וואָס ראָזע ווייזט איר אַרויס. זי האָט אָנגעהויבן אומ־ קלאָר צו פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אינם מיידלס האַרץ, נאָר זי האָט עס נישט אַרויסגעוויזן. זי האָט זיך אָבער געפרייט, ווייל אין דער גאַנצער שטוב האָט זי איינע אַליין אָפּגעשאַצט דאָס דאָזיקע האַרץ. אָפטמאָל פלעגט לואיזע בלייבן שטיין אינמיטן רעדן, כדי אויף איר אַ קוק צו טון. פאַרחידושט פון דער שטילקייט, פלעגט ראָזע אויפהויבן די אויגן פון איר אַרבעט. לואיזע האָט געשמייכלט. ראָזע פלעגט זיך וואַרפן אין די אָרעמס מיט אַ ליידנשאַפטלעכער האַסטיקייט און באַהאַלטן איר פּנים אין לואיזעס שויס. שפּעטער פלעגן זיי זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט און ווייטער שמועסן, גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען.

אין אָוונט, ווען קריסטאָף פלעגט קומען אַהיים, האָט לואיזע, — וואָס איז געווען דאַנקבאַר ראָזען פאַר איר אויפמערקזאַמקייט, און פאַרפאָלגט פונם קליינעם פלאַן, וועלכן ראָזע האָט אויפגעבויט — נישט אויפגעהערט צו לויבן זייער יונגע שכנה. קריסטאָף איז געווען גערירט פון ראָזעס גוטסקייט. ער האָט געזען, וואָס זי טוט זיין מאַמע, וואָס איר פּנים האָט אָנגעהויבן ליכטיקער ווערן; און ער האָט ראָזען הייס געדאַנקט. ראָזע האָט געשטאַמלט און אַנטלאָפן, צו באַהאַלטן איר אויפ־ רעגונג: זי האָט איצט אויסגעזען קריסטאָפן טויזנט מאָל קליגער און סימפּאַטישער, ווי זי וואָלט מיט אים גערעדט. ער האָט שוין מער אויף איר נישט געקוקט מיט אַ פאָראורטייל און נישט באַהאַלטן זיין איבערראַשונג, וואָס ער האָט דערזען אין איר אַזעלכע מעלות, אויף וועלכע ער האָט זיך נישט גערעכנט. ראָזע האָט עס באַמערקט; זי האָט געזען, אַז זיין סימפּאַטיע ווערט שטאַרקער, און געטראַכט, אַז אָט די סימפּאַטיע וועט זיך פאַרוואַנדלען אין ליבע. זי האָט זיך איבער־ געגעבן אירע טרוימען מער ווי ווען־עס־איז. אינם מאַכט־באַוווסטזיין פון דער יוגנט, האָט זי כמעט געגלויבט, אַז אַלץ, וואָס מען באַגערט, מיטן גאַנצן האַרצן, מוז סוף־כל־סוף מקויים ווערן. — און באמת, איז דען איר פאַרלאַנג געווען קעגן דעם שכל? האָט דען קריסטאָף נישט

באַדאַרפט זיין עמפינדלעכער, ווי אַן אַנדערער, אויף איר גוטסקייט, אויף איר צערטלעכן באַגער זיך מקריב צו זיין?

אָבער קריסטאָף האָט פון איר נישט געטראַכט. ער האָט זי געשעצט, אָבער זי האָט קיין שום פּלאַץ נישט פאַרנומען אין זיין געדאַנק. ער האָט אין דעם מאָמענט געהאַט ווילטיקערע ענינים. קריסטאָף איז מער נישט געווען קריסטאָף. ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט מער. אַ מעכטיקע אַרבעט איז אין אים פאָרגעקומען, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצורוימען פון אים אַלץ און אויפצוטרייסלען אים ביז דער טיפעניש פון זיין נשמה.

קריסטאָף האָט געפילט אַ שטאַרקע מידקייט און אומרויקייט. אָן קיין שום סיבה איז ער געווען צעבראָכן; דער קאָפּ איז אים שווער געווען; די אויגן, אויערן און אַלע חושים שיכּור און אויפגעברויזט. ס'איז אוממעגלעך געווען צונויפצונעמען די געדאַנקען. אין אויסמאַטערנדיקן פיבער איז דער גייסט געשפּרונגען פון איין זאַך צו דער צווייטער. אינם אומאויפהערדיקן פלאַטערן פון בילדער האָט אים געשווינדלט דער קאָפּ. תחילת האָט ער געמיינט, אַז דאָס קומט פון מידקייט און פון אויפרעגונג צוליב די פרילינג-טעג. אָבער דער פרילינג איז אַריבער און דער פּיין איז אַלץ געוואַקסן.

ס'איז געווען יענער צושטאַנד, וועלכן די פּאָעטן, וואָס רירן אָן יעדע זאַך מיט אַ צירלעכער האַנט, רופן אָן: אומרו פון די יוגנט-יאָרן, צעטומלטקייט פון די כּרובים, דערוואַכונג פונם ליבע-באַגער אינם יוגנטלעכן האַרץ און לייב. פּונקט ווי מ'וואָלט דעם שרעקלעכן קריזיס פון אַ וועזן, וואָס ווערט חרוב, שטאַרבט אָפּ און לעבט ווידער אויף מיט אַלע זיינע טייכן; פּונקט ווי מ'וואָלט דעם איבערברוך, ווו אַלץ, דאַכט זיך, ווערט אויפגעגעבן און שטייט ווידער-אויף אין ווייטאָקלעכע און פרייד-פולע קאָנוולסן: דער גלויבן, דער געדאַנק, די האַנדלונג, דאָס אינערלעכע לעבן, — פּונקט ווי מ'וואָלט אָט דאָס אַלץ געקאָנט אָנרופן: קינדערשע נאַרישקייטן.

זיין גאַנצער גוף און נשמה האָבן אויפגעברויזט. נישט האָבנדיק קיין כּוח זיך צו ראַנגלען, האָט ער זיי באַטראַכט מיט אַ געמיש פון

נייגיר און עקל. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס אין אים קומט פאָר. זיין גאַנצע עגסיסטענץ איז צעפאַלן. ער האָט פאַרבראַכֿט לאַנגע טעג אין אַ מין דריקנדיקער פאַרטויבטקייט. אַרבעט איז געוואָרן פאַר אים אַן אמתע פיין. ביינאַכֿט האָט ער געהאַט אַ שווערן, אָפּט-איבערגעריסענעם שלאָף, מיט משונהדיקע חלומות און אָנפאַלן פון תאַווה: אַ נשמה פון אַ חיה איז אין אים מגולגל געוואָרן. צעגליט און געבאָדן אין שווייס, האָט ער געקוקט אויף זיך מיט שרעק; ער האָט געפרווט צעפּטרייסלען זיך פון די אומריינע, וואַנזיניקע געדאַנקען און געפרעגט ביי זיך, צי האַלט ער נישט ביי משוגע ווערן.

אויך דער טאָג האָט אים נישט באַשיצט פון די חיהשע געדאַנקען. ער האָט געפילט, ווי ער קייקלט זיך אַראָפּ אין די תהומות פון דער נשמה: נישטאָ אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן, נישטאָ קיין שום פעסטונג, ווו זיך צו ראַנגלען קעגן דעם תוהו-ובוהו. דער גאַנצער כּלי-זין, אַלע פעסטונגען, וואָס מיט זייער פירפאַכֿיקער מויער האָט ער זיך אַזוי געגרויסט: גאָט, קונסט, שטאָלץ-געפיל און מאָראַלישער גלויבן — אַלץ איז אונטערגעבראָכֿן און זיך צעבערקלט אַ שטיק נאָך אַ שטיק. ער האָט זיך דערזען אַ נאַקעטן און געבונדענעם, ווי ער ליגט און קאָן זיך אַ ריר נישט טון, ווי אַ פגר, וואָס אויף איםווימלען ווערים. עס זענען אויך פאָרגעקומען אויסברוכֿן פון בונט: ווו איז אַהינגעקומען זיין ווילן, וואָס מיט אים האָט ער זיך געגרויסט? אומזיסט האָט ער אים גערופן: ס'איז געווען פונקט ווי די אָנשטרענגונגען, וואָס מען מאַכֿט אין שלאָף, בעת מ'ווייסט, אַז עס חלומט זיך בלויז און מ'וויל זיך אויפכאַפּן. עס געלינגט נאָר אַריבערצוקייקלען זיך פון איין ח‚ום אין צווייטן אַריין, ווי אַ בליי-מאַסע, און צו פילן נאָך שווערער די קייטן פון דער געפענטעטער נשמה. לסוף האָט ער איינגעזען, אַז ס'איז גלייכֿער נישט צו ראַנגלען זיך. ער האָט זיך איבערגעגעבן דעם צושטאַנד מיט אַן אַפּאַטישן, מוטלאָזן פאַטאַליזם.

ס'האָט זיך געדאַכֿט, אַז דער רעגלמעסיקער שטראָם פון זיין לעבן איז איבערגעריסן. אָט שווימט ער אַראָפּ אונטער דער ערד, ווו ער ווערט כּמעט פאַרשווונדן — און אָט שטראָמט ער ווידער אַרויס מיט אַ שפּרודלדיקער קראַפט. די קייט פון די טעג איז איבערגעריסן געוואָרן. אינמיטן דער גלייכֿער אויבערפלאַך פון די שעהן האָבן זיך אויפגעעפנט שרעקלעכֿע תהומות, ווו דער מענטש איז פאַרשלונגען געוואָרן. קריסטאָף האָט זיך צוגעקוקט צום שוי-שפּיל, גלייך ווי ער

וואָלט דאָ געווען אַ זייטיקער. אַלץ און אַלע — אפילו ער אַליין — זענען אים אויסגעקומען פרעמד. ער איז ווייטער געגאַנגען צו זיינע עסקים, אויטאָמאַטיש געטון די פליכטן; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער מעכאַניזם פון זיין לעבן בלייבט פון מינוט צו מינוט שטיין: די רעדער האָבן זיך צעדרייט. ביים טיש, מיט דער מוטער און די באַלעבאַטים, אין אָרקעסטער, צווישן די מוזיקער און דעם עולם, — פלעגט זיך אים אין מוח פלוצלינג עפענען אַ חלל: ער האָט געקוקט מיט דערשטוינונג אויף די פאַרקרימטע פּנימער, וואָס רינגלען אים אַרום; און ער האָט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געפרעגט ביי זיך:

— וואָס פאַר אַ שייכות איז דאָ צווישן אָט די מענטשן און...?

ער האָט נישט געהאַט די העזה צו זאָגן:

— ...און מיר.

ווייל ער האָט נישט געוווסט, צי לעבט ער נאָך אויף דער וועלט. ער האָט גערעדט, נאָר ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין שטים גייט אַרויס פון אַן אַנדערן גוף. ער האָט זיך באַוועגט — און געזען זיינע באַוועגונגען ווי פון ווייטן, ווי פון הויך, פון אַ טורעם־שפּיץ. מיט אַ בלאָנדזענדיקן בליק האָט ער אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן. ער איז געווען גרייט אָפּצוטון די משונהדיקסטע זאַכן.

דער עיקר איז עס פאָרגעקומען דעמאָלט, ווען מ'האָט אויף אים געקוקט פון אַלע זייטן, ווען ער האָט זיך דווקא געדאַרפט מער היטן, ווי שטענדיק. אין די אָוונטן, למשל, ווען מ'האָט אים פאַרבעטן אין שלאָס, אָדער בעת ער האָט געשפּילט פאַרן עולם. פלוצלינג פלעגט אים אָנכאַפּן אַ מעכטיקער פאַרלאַנג צו מאַכן אַ קרומע מינע, אַ זאָג צו טון עפּעס אַ גרויס נאַרישקייט, צו שטעלן דעם גרויספירשט אַ נאָז אָדער אַ שטויס צו טון מיט דעם פוס אַ חשובע דאַמע אין הינטן. ווען ער האָט איינמאָל אָנגעפירט מיטן אָרקעסטער, האָט ער זיך אַ גאַנצן אָוונט געראַנגלט קעגן דעם ווילן זיך אויסצוטון נאַקעט פאַרן עולם; און ווי־נאָר ער האָט באַשלאָסן גובר צו זיין דעם דאָזיקן ווילן, האָט אים דער געדאַנק נישט אויפגעהערט צו מאַטערן; ער האָט געמוזט אָנשטרענגען אַלע כּוחות, זיך נישט אונטערצוגעבן. ווען ער איז ביי־געשטאַנען דעם געראַנגל, איז ער געווען נאַס פון שווייס, און אין מוח איז אים פּוסט געווען. ער איז באמת אַראָפּ פון זינען. ווען ער פלעגט נאָר אַ טראַכט טון, אַז די אָדער יענע זאַך דאַרף ער נישט טון, — איז שוין געווען גענוג, די דאָזיקע זאַך זאָל זיך אים אָנוואַרפן

מיט דער גאַנצער אָנגרייפנדיקער עקשנות פון אַ פיקס-אידעע.

אָט אַזוי האָט זיך זיין לעבן געצויגן אין אַ שטענדיקן טויש פון ווילדע כוחות מיט דעם זינקעניש אַראָפּ אינם חלל. אַ ווילדער ווינט אינם מדבר. פון וואַנען בלאָזט ער? וואָס באַדייט דער שגעון? פון וועלכן תהום האָבן אַרויסגעטוליעט די פאַרלאַנגען, וואָס האָבן אויס-געקרומט זיינע גלידער און זיין מוח? ער איז געווען ווי אַ בויגן, וואָס איז אָנגעצויגן ביז צו פּלאַצן, — צו וועלכן אומבאַקאַנטן ציל? — און באַלד אַוועקגעוואָרפן, ווי אַ טויט שטיק האָלץ. וועמענס רויב איז ער? ער האָט נישט געהאַט קיין העזה צו פאַרטיפן זיך. ער האָט זיך געפילט באַזיגט, דערנידעריקט, און אויסגעמיטן צו קוקן זיין אייגענער ירידה אין די אויגן אַריין. ער איז געווען שוואַך און שפּל. איצט האָט ער פאַרשטאַנען די מענטשן, וואָס ער האָט ביז ערשט פאַראַכטעט: יענע, וואָס ווילן נישט קוקן דעם פיינטלעכן אמת אין די אויגן אַריין. אין די שעהן פון פוסטקייט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער צייט, וואָס איז פאַרשוווּנדן, אָן דער פאַרלאָזענער אַרבעט, אָן דער צוקונפט, וואָס וועט אַוועק לאיבוד, — פלעגט ער פאַרגליווערט ווערן פון שרעק. אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן, און זיין פחדנות האָט געפונען פאַרגעבונג אין דער פאַרצווייפלטער הסכמה פונם גאָר-נישט. ער האָט געפילט אַ ביטערן תענוג, וואָס ער גיט זיך איבער דער פוסטקייט, ווי אַ שיפל — די וואַסער-כוואַליעס. צו וואָס ראַנגלען זיך? ס'איז גאָרנישט נישט געווען, קיין שיינס, קיין גוטס, קיין גאָט, קיין לעבן, קיין שום באַשעפעניש פון אַן אַנדער מין. ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן די ערד אונטער זיינע פיס; ס'איז מער נישט געווען קיין זון, קיין לופט, קיין ליכט, אפילו ער אַליין איז אויך מער נישט געווען: ס'איז נישט געווען גאָר-נישט. ער האָט געזונקען אַראָפּ, זיין קאָפּ האָט אים מיטגעשלעפּט מיטן שטערן פאָרויס; ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויפן ברעג פונם תהום. ער האָט געמיינט, אַז אָט-אָט וועט ער פּלוצלינג, פון אַ דונער־ דערשלאַגן, שטאַרבן. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אַ געשטאָר-בענער...

קריסטאָף האָט געביטן זיין הויט. קריסטאָף האָט געביטן זיין נשמה, און זעענדיק, ווי עס פאַלט אַראָפּ די אָפּגענוצטע, פאַרוועלקטע נשמה פון זיינע קינדער-יאָרן, האָט ער נישט געוווּסט, אַז עס וואַקסט אים אָן אַ נייע, אַ יונגערע און קרעפטיקערע. פונקט ווי מ'בייט אין

משך פון לעבן, דעם גוף. אַזוי בייט מען אויך די נשמה, און אָט די דאָזיקע ענדערונג קומט נישט פּאָר שטענדיק פּאַמעלעך, בהדרגה: עס קומט פּאָר אין די שעהן פון איבערברוך, ווען אַלץ באַנייט זיך מיט איין מאָל. דער יונגער מענטש בייט די נשמה. די אַלטע פאַלט אָפּ און שטאַרבט. אין די שעהן פון אַנגסט מיינט דער מענטש, אַז אָט ענדיקט זיך שוין אַלץ. נאָר אַלץ הויבט זיך ערשט אָן. איין לעבן שטאַרבט אָפּ — אַ צווייט איז שוין געבוירן געוואָרן.

איינמאָל ביינאַכט איז ער געזעסן אַליין אין זיין צימער, אָנגעשפּאַרט אָן טיש, ביים שיין פון אַ ליכט. ער איז געזעסן מיטן רוקן צום פענסטער. ער האָט גאָרנישט געטון. עס פלעגן אים אַזוי טרעפן גאַנצע וואָכן, ווען ער האָט נישט געאַרבעט. אַלץ האָט זיך איבערגעדרייט אין זיין קאָפּ. מיטאַמאָל האָט ער אויף אַלץ געגומען פרעגן קשיות: אויף דער רעליגיע, מאָראַל, קונסט, אויף דאָס גאַנצע לעבן. אין אָט דער דאָזיקער אַלגעמיינער אויפלייזונג פון זיין געדאַנק איז נישט געווען קיין שום סדר און געזעץ; ער האָט זיך געוואָרפן צו ביכער, וואָס ער האָט צופעליק געפונען אין דער מאָדנער ביבליאָטעק פון זיין זיידן אָדער פון פאָגעלן: טעאָלאָגישע, וויסנשאַפטלעכע, פילאָזאָפישע, טיילמאָל איינצעלנע בענדער, אָן אַ סוף; ער האָט קיין זאַך נישט געלערנט און גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען; ער האָט קיין איין בוך נישט איבערגעלייענט ביזן סוף און זיך פאַרלוירן אין מיטן, אין זייטיקע געדאַנקען און אין בלעטערן אָן אַ סוף, וואָס האָט אים נאָר פאַרמאַטערט און פאַרשאַפט אַ שווערן טרויער.

יענעם אָוונט איז ער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טעמפּער באַטויבונג. אַלץ אין שטוב איז געשלאָפן. זיין פענסטער איז געווען אויפגעמאַכט. קיין ווינטעלע האָט פון הויף נישט געבלאָזן. דיקע וואָלקנס האָבן געשטיקט דעם הימל. ווי אַ מטורף האָט זיך קריסטאָף צוגעקוקט צום ליכט, וואָס האָט זיך געשמעלצט אינם לייכטער. ער האָט זיך נישט געקאָנט לעגן שלאָפן. ער האָט וועגן קיין שום זאַך נישט געטראַכט. ער האָט נאָר געפילט, אַז די פוסטקייט וואַקסט פון מינוט צו מינוט. ער האָט זיך אָנגעטון אַ כוח נישט אַראָפּצוקוקן אין תהום,

וואָס האָט אים געצויגן; און דאָך האָט ער זיך איבערגעבויגן אויף זיין ברעג און פאַרזונקען מיט די אויגן אין דער טיפקייט פון דער נאַכט. אינם חלל האָט זיך באַוועגט דער כאַאָס; דער חושך האָט גערוישט. אַן אַנגסט האָט דורכגענומען זיין האַרץ, אַ שוידער איז אים אַדורך איבערן רוקן, זיין הויט איז אָנגעשוואָלן געוואָרן, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן טיש, נישט אומצופאַלן. ער איז געבליבן אין קאָנוווּלסיווער דערוואַרטונג פון זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין נאָמען, פון אַ נס, פון אַ גאָט...

פלוצלינג האָט אין הויף, הינטער אים, ווי פון אַ אויפגעעפנטן שפייכלער, אַ גאָס געטון אַ מבול מיט וואַסער, אַ שווערער, ברייטער, גלייכער רעגן. די פאַרגליווערטע לופט האָט אַ ציטער געטון. די טרוקענע, האַרטע ערד האָט זיך צעקלונגען, ווי אַ גלאָק. און אַ שטאַרקער ריח פון דער גליענדיקער, ווי אַ חיה הייסער ערד, — דער ריח פון בלומען, פרוכט און ליבע-גיריקע לייבער האָט אַרויפגעשטיגן אין אַ ספּאַזמע פון שגעון און תענוג. ווי פאַרכישופט, אויסגעצויגן מיטן גאַנצן וועזן, האָט קריסטאָף אַ ציטער געטון ביזן אינגעווייד. ער האָט געצאַפּלט... דער שלייער איז אַראָפּגעריסן געוואָרן. ס'איז געווען אַ פאַרבלענדעניש. ביי דער שיין פונם בליץ האָט ער דערזען, אין דער טיפעניש פון דער נאַכט האָט ער דערזען, אַז — ער איז אַליין געווען גאָט. גאָט איז געווען אין אים; ער האָט דורכגעבראָכן דעם סופיט פונם צימער, די ווענט פונם הויז; ער האָט צעשמעטערט די גרענעצן פון דער עגזיסטענץ; ער האָט אויסגעפילט דעם הימל, די גאָרע וועלט און דעם גאָרנישט. די וועלט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין אים, ווי אַ וואַסערפאַל. קריסטאָף איז געפאַלן אינם פחד און עקסטאַז פון דעם דאָזיקן שטורעם; ער איז מיטגעריסן געוואָרן אינם געווירבל, וואָס האָט אויפגעטרייסלט און אויסגעקלאַפּט, ווי פליִעוועס, די געזעצן פון דער נאַטור. ער האָט פאַרלוירן דעם אָטעם, ער איז געווען שיכור פון זיין אַראָפּזינקען אין גאָט... גאָט-תהום! גאָט-חורבן! פלאַמען-שייטער פון דער עגזיסטענץ! הוראַגאַן פונם לעבן! שגעון פון לעבן, — אָן ציל, אָן צוים, אָן שכל, — צוליבן שגעון פונם לעבן גופא!

ווען דער קריזיס איז אַריבער, איז אים באַפֿאַלן אַ טיפֿער שלאָף, וואָס אַזאַ האָט ער שוין לאַנגע יאָרן נישט געהאַט. צומאָרגנס, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ; ער איז געווען צעבראָכן, ווי ער וואָלט זיך געווען אָנגעטרונקען. נאָר אין טיף פֿון זיין האַרצן האָט ער אויפֿגעהיט אַן אָפּגלאַנץ פֿונם טונקעלן, מעכטיקן ליכט, וואָס האָט אים נעכטן פֿאַרבלענדט די אויגן. ער האָט עס געפּרוווט אויפֿלעבן אין זיך. אָבער אומזיסט. וואָס-מער ער האָט דאָס ליכט נאָכגעיאָגט, אַלץ מער האָט זיך עס אַרויסגעגליטשט. פֿון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעווענדט זיין גאַנצע ענערגיע אַרויסצוברענגען מיט כּוח כאָטש אויף איין רגע יענע דערשיינונג. נאָר אומזיסט איז געווען די מי. דער עקסטאַז האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפֿן דעם באַפֿעל פֿון ווילן.

דאָך איז דער אָנפֿאַל פֿון מיסטישער שיכּרות נישט געווען דאָס איינציקע מאָל אין זיין לעבן; עס האָט זיך איבערגעחזרט אָפֿטער, אָבער שוין קיינמאָל נישט מיט אַזאַ שטאַרקייט, ווי צום ערשטן מאָל. עס איז פֿאָרגעקומען שטענדיק דאַן, ווען קריסטאָף האָט זיך דערויף לחלוטין נישט געריכט, אין קורצע רגעס, אַזוי קורץ, אַזוי אומגעריכט, — ס'פֿלעגט דויערן די צייט פֿון איין אויגנבליק אָדער פֿון אַ האַנט-באַוועגונג — אַז די דערשיינונג פֿלעגט באַלד אַוועק, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו באַטראַכטן, וואָס דאָ איז אַזוינס פֿאָרגעקומען; און ער פֿלעגט ביי זיך פֿרעגן, צי איז עס נישט קיין חלום? נאָכן לייכטנדיקן מעטעאָר, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט, זענען עס געווען קליינע בלענד-ליכטלעך, וואָס דאָס אויג האָט קוים געקאָנט אויפֿכאַפּן, בעת זיי האָבן אַרומגעפֿלאַטערט. נאָר זיי פֿלעגן זיי איבערחזרן אַלץ אָפֿטער; לסוף האָבן זיי אַרומגענומען קריסטאָפֿן מיט אַ קרייז פֿון אייביקע, פֿאַרנעפּלטע טרוימען, אין וועלכע זיין נשמה איז צעשוווּמען געוואָרן, אַלץ, וואָס האָט אים אַרויסגעריסן פֿון די האַלבע דמיונות, האָט אים זייער אויפֿגערעגט. ס'איז געווען אוממעגלעך צו אַרבעטן, ער האָט שוין מער דערפֿון נישט געטראַכט. די גאַנצע געזעלשאַפֿט האָט ער איצט פֿיינט געקריגן בתּכלית השנאה; און מער פֿון אַלעמען — זיינע אינטימע פֿריינד און אפֿילו זיין מאַמע, ווייל זיי האָבן געוואָלט האָבן וואָס-מער רעכט אויף זיין נשמה.

ער האָט פֿאַרלאָזן די שטוב, איינגעוויינט זיך צו פֿאַרברענגען גאַנצע טעג אין דרויסן און געקומען אַהיים נאָר שפּעט ביינאַכט. ער-

האָט געזוכט איינזאַמקייט אין די פעלדער, כדי זיך איבערצוגעבן אינ־גאַנצן דער הערשאַפט פון זיינע געדאַנקען. — נאָר ווען ער האָט פאַרבראַכט אויף דער פרייער לופט, האָט זיך די הערשאַפט אָפּגעטון, און די געדאַנקען האָבן פאַרלוירן דעם כאַראַקטער פון דמיונות. זיין התפעלות איז אָבער נישט קלענער געוואָרן: זי איז נאָך געוואָרן שטאַרקער; דאָס איז שוין מער נישט געווען די שיכרות, וואָס איז געפערלעך פאַרן גייסט, ס'איז געווען אַ געזונטע שיכרות פונם גאַנצן מענטשן: פון זיין גוף און גייסט, וואָס זענען געווען איבערפולט מיט קראַפט.

ס'האָט זיך אים ווידער אַנטפּלעקט די וועלט, פונקט ווי ער וואָלט זי קיינמאָל נישט געזען. ס'איז געווען אַ פרישע קינדהייט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַ מאַגישער שפּרוך רעדט אַרויס די ווערטער: „סעזאַם, עפן זיך!" די נאַטור האָט געשטראַלט פון פרייד. די זון האָט געשיינט. דער הימל איז געווען לויטער, דער טייך האָט זיך דורכזיכטיק געצויגן. די ערד האָט געראויכערט און געאָטעמט מיט תאווה. די געוויקסן, די בוימער, די ווערים, די אומציילִיקע באַשעפע־נישן זענען געווען ווי פייער־צונגען פון אַ גרויסן לעבנס־פלאַם, וואָס האָט אין קרייזן אַרויפגעשטיגן אין דער לופט. אַלץ האָט געשריען פון פרייד.

און די פרייד איז געווען זיינע. די קראַפט איז געווען זיינע. ער האָט שוין נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן זיך און די איבע־ריקע זאַכן. ביז דעמאָלט, אפילו אין די גליקלעכע טעג פון דער קינדהייט, ווען ער פלעגט קוקן אויף דער נאַטור מיט וואַרעמער, פריי־דיקער נייגיריקייט, האָבן די באַשעפענישן אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי קליינע, געשלאָסענע וועלטן, שרעקעדיקע און משונהדיקע, וואָס האָבן צו אים קיין שום שייכות נישט און וואָס ער קאָן נישט פאַר־שטיין. ער האָט אפילו געווּי נישט געוווּסט, צי פילן זיי, צי לעבן זיי! דאָס זענען געווען מאָדנע מעכאַניזמען; און קריסטאָף האָט נישט איין מאָל זיך פאַרגינענט מיט דער אומבאַוווּסטער אכזריות פון אַ קינד, צערייסן אַן אומגליקלעכע פליג, נישט טראַכטנדיק דערביי, אַז זי ליידט, — כדי צוצוקוקן זיך מיט הנאה, ווי זיי צאַפּלען זיך גראָטעסק אין זיינע פינגער. ס'איז נויטיק געווען, אַז דער פעטער גאָטפריד, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי האַרציק, זאָל אים מיט כעס אַרויסרייסן פון די הענט די אומגליקלעכע פליג, וואָס ער האָט געפייניקט. דער

קליינער האָט תּחילת געפּרוווט לאַכן; שפּעטער האָט ער זיך צעווײנט. געריִרט פונעם פּעטערס אויפרעגונג: ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זיין קרבן לעבט טאַקע באמת, אַזוי גוט ווי ער, און אַז ער איז באַגאַנגען אַן עוולה. אָבער אויב ער האָט שפּעטער נישט געטון די לעבעדיקע באַשעפענישן קיין בייז, האָט ער אויך נישט געפילט צו זיי קיין שום ליבשאַפט; ער פלעגט זיי פאַרבייגיין, נישט פּרוּווּנדיק זיך צו פאַרטיפן, וואָס אַזוינס עס קומט פאָר אין זייער קליינער מאַשין; ער האָט ס׳רוב מורא געהאַט דערפון צו טראַכטן; ס׳האָט ביי אים אויסגעזען, ווי אַ בייזער חלום. — און אָט איז אים איצטער אַלץ קלאָר געוואָרן. די טונקעלע באַגריפן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייערליכט.

פאַרזונקען אינם גראָז, ווו ס׳האָבן געווימלט אָן אַ שיר ברואים, אין שאָטן פון די בוימער, וואָס זענען פול געווען מיט פליגן-זשומעריי, האָט זיך קריסטאָף צוגעקוקט צו דער פיבערדיקער אַרבעט פון די מוראַשקעס, צו די לאַנג-פיסיקע שפּינען, וואָס האָבן, דאַכט זיך, געטאַנצט גייענדיק צו די רוישנדיקע היישעריקן, וואָס האָבן געשפּרונגען אין אַ זייט, צו די שווערע, איילִיקע זשוקעס און צו די נאַקעטע, גלאַטע און ראָזע שלענגעלעך מיט דער עלאַסטישער, ווייס-געשפּרענקלטער הויט. אָדער ליגנדיק מיט די הענט אונטערן קאָפּ און פאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך צוגעהערט צום נישט-געזעענעם אָרקעסטער, צו די קרייזן פון די פליגן, וואָס האָבן ווילד אַרומגעווימלט אין אַ זונשטראַל אַרום די שמעקעדיקע יאָדלעס, צום גערויש פון די קאָמאַרן, צו די אָרגל-טענער פון די שפּרינגערלעך, צו די קלאַנגען פון די ווילדע בינען, וואָס האָבן געקלונגען ווי גלאָקן אויף די בוימער-שפּיצן און צום געטלעכן געמורמל פון די בוימער, וואָס האָבן אָן אויפהער גערוישט; צום מילדן ציטער פונם ווינטל אין די צווייגן, צום צאַרטן שאָרך פון די צעכוואַליעטע גראָזן, ווי אַ ווינט, וואָס רונצלט דעם גלאַטן שטערן פון אַ וואַסער, ווי דער רויש פון אַ לייכטן קלייד און פון פאַרליבטע טריט, וואָס דערנעענטערן זיך, גייען פאַרביי און פאַרשווינדן אין דער לופט.

אָט דעם גאַנצן גערויש, די אַלע שטימען האָט ער געהערט אין זיך גופא. פונם קלענסטן ביזן גרעסטן — אין אַלע באַשעפענישן האָט געריזלט אַ שטראָם פון לעבן: אויך ער האָט זיך געטובלט אינם דאָזיקן שטראָם. און אָטאיז ער געווען איינער פון זיי, בלוט פון זייער בלוט,

ער האָט געהערט דעם ברודערלעכן אָפּקלאַנג פון זייערע פריידן און ליידן; זייער קראַפט האָט זיך צונויפגעשמאָלצן מיט זיינער, ווי אַ טייך, וואָס שלינגט איין טויזנטער קליינע וואַסער-שטראָמלעך. ער איז אַראָפּגעזונקען צו זיי. זיין ברוסט האָט שיר נישט געפּלאַצט אין דער שפע פון שטאַרקער לופט, וואָס האָט דורכגעבראָכן די פענסטער און אַריינגעריסן זיך אינם ענגן הויז פון זיין פאַרטשאַדעט האַרץ. דער שינוי איז געווען צו האַסטיק: נאָך דעם, ווי ער האָט אומעטום געזען פוסטקייט, בעת ער איז געווען פאַרנומען בלויז מיט זיין אייגן לעבן און געפילט, אַז אָט-אָט גליטשט זיך עס אַרויס און צעברעקלט זיך, ווי רעגן-טראָפּנס, — האָט ער פּלוצלינג געפונען אַן עגסיסטענץ אָן אַ סוף און אָן אַ מאָס, דווקא איצט, ווען ער האָט געשטרעבט בטל צו ווערן, כדי ווידער אויפצולעבן אינם וועלטאַל. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גייט אָקאָרשט אַרויס פון קבר. ער איז תענוגלעך געשווומען אינם לעבן, וואָס האָט פאַרפלייצט זיינע אייגענע ברעגעס; און מיטגעריסן מיטן שטראָם, האָט ער געמיינט, אַז ער איז פולשטענדיק פריי. ער האָט נישט געוווסט, אַז ער איז ווייניקער פריי ווי ווען-עס-איז, אַז קיין שום באַשעפעניש איז נישט פריי, אַז אפילו דאָס געזעץ, וואָס רעגירט איבער גאָרער וועלט, איז אויך נישט פריי, און אַז באַפרייען קאָן — אפשר — נאָר דער טויט.

אָבער דאָס קליין זומערפייגעלע, וואָס גייט אַרויס פון דער שטיקנדיקער שייד, ציט זיך אויס מיט תענוג אין זיין נייער שאָל און עס האָט נישט קיין צייט צו באַטראַכטן די ווענט פון זיין נייער תפיסה.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע קייט פון טעג. טעג גילדערנע און פיבערדיקע, מיסטעריעזע און צויבערפולע, ווי דאַן, ווען ער איז געווען אַ קינד און האָט אויפגעדעקט צום ערשטן מאָל, איינע נאָך דער אַנדערער, פאַרשידענע זאַכן. פון באַגינען ביז אָוונט האָט ער געלעבט אין אַן אייביקן דמיון. ער האָט פאַרלאָזן אַלע זיינע עסקים. דאָס געוויסנהאַפטע יינגל, וואָס האָט אין משך פון יאָרן קיינמאָל, אפילו קראַנקערהייט, נישט פאַרפעלט קיין לעקציע אָדער קיין אָרקע-

סטער-רעפּעטיציע, האָט איצט זייער אָפט אויסגעזוכט שלעכטע אויסרײדן זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרבעט. ער האָט זיך אפילו נישט אָפּגעהאַלטן פון ליגנס. ער האָט קיין חרטה נישט געהאַט. די יסודות פונם סטאַיִשן לעבן, וואָס ביז איצט האָט ער זיך מיט חשק זיי אונטערגעוואָרפן: די מאָראַל, די פליכט, — האָבן איצט אויסגעזען אָן אמת, אָן באַרעכטיקונג. זייער אייפערדיקער דעספּאָטיזם איז צעשמעטערט געוואָרן אין די געזעצן פון דער נאַטור. די געזונטע, שטאַרקע, פרייע מענטשלעכע נאַטור — אָט איז זי, די העכסטע טוגנד: צום טייוול מיט אַלעם איבעריקן! ס׳איז געווען וואָס צו לאַכן פון רחמנות, צוזעענדיק די קליינלעכע כללים פון פאָרזיכטיקער פּאָליטיק, וואָס די וועלט האָט באַפּוצט מיטן נאָמען מאָראַל און וואָס אין איר וויל זי פאַרשפּאַרן דאָס לעבן. נאַרישע ברואים, פאָלק פון מוראַשקעס! דאָס לעבן וועט זיי דערווייזן וואָס עס איז. עס וועט נאָר איין טריט טון, און אַלץ וועט אָפּגערוימט ווערן...

אָנגעשוואָלן פון ענערגיע, האָט קריסטאָף צייטנווייז חשק געהאַט חרוב צו מאַכן, צעברעכן, פאַרברענען און אַ תל מאַכן דורך בלינדע, האַסטיקע מעשים, פון דער קראַפט, וואָס האָט אים געשטיקט. די דאָזיקע אָנפאַלן האָבן זיך געווײנלעך געענדיקט מיט אומגעריכטע אויסלאָדונגען: ער האָט געוויינט, געוואָרפן זיך אויף דר׳ערד, זי אַרומגענומען, געוואָלט זיך איינגראָבן אין איר מיט די ציין, מיט די הענט, אָנזעטיקן זיך מיט איר, זיך צונויפגיסן אין איר; ער האָט געציטערט פון פיבער און תאַווה.

איינמאָל אין אָוונט האָט ער שפּאַצירט ביים ראַנד פון אַ וואַלד. זיינע אויגן זענען געווען שיכּור פון ליכט, ס׳האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ; ער איז געווען אין יענעם צושטאַנד פון באַגייסטערונג, ווען יעדע באַשעפעניש און יעדע זאַך באַקומען אַן אַנדערע צורה. דאָס צאַרטע אָוונט-ליכט האָט צוגעגעבן דעם זיבעטן חן. פּורפּור און גאָלדשטראַלן האָבן געשוועבט צווישן די ביימער. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז פון די לאָנקעס הויבט זיך אויף אַ פאָספאָר-שיין. דער הימל איז געווען מחיהדיק און מילד, ווי אויגן. אויפן שכנותדיקן פעלד האָט אַ מיידל געריסן גראָז. זי האָט געטראָגן אַ קורצע זשופּיצע און אַ העמד, איר האַלז און אָרעמס זענען געווען אָפן, זי האָט געריסן גראָז און צונויפגעלעגט אין אַ הויפן. זי האָט געהאַט אַ קורץ נעזל, ברייטע באַקן, אַ רונדן שטערן און אויף די האָר — אַ טיכל. די פאַרגייענ-

דיקע זון האָט געגרויטלט איר שוואַרצע הויט, ווי געברענטע ליים, וואָס האָט, דאַכט זיך, איינגעשלונגען די לעצטע שטראַלן פון טאָג.

זי האָט קריסטאָפן גערייצט. אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוקסנבוים, האָט ער זיך צוגעקוקט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט, ווי זי קומט צו נעענטער צום וואַלד-ראַנד. אַלץ אַרום איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. איין אויגנבליק האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אַ גלייכגילטיקן בליק: ער האָט דערזען אירע בלויע, האַרטע אויגן אינעם אָפּגעברענטן פּנים. זי איז געגאַנגען ווייטער, ביז זי האָט זיך איינגעבויגן אָפּצורייסן אַ ביסל גראָז; דורך דעם האַלב-אָפּענעם העמד האָט ער דערזען אַ בלאָנדן לאָק אויף איר האַלז און נאַקן. אַ טונקעלער באַגער, וואָס האָט אין אים געברויזט, האָט מיטאַמאָל אַרויסגעבראָכן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף איר פון הינטן, אָנגעכאַפּט זי פאַרן האַלז און טאַליע, אויסגעדרייט איר דעם קאָפּ אויף הינטן און צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו איר האַלב-אָפּענעם מויל. ער האָט געקושט אירע טרוקענע, אָנגעשוואָלענע ליפּן, ער האָט אָנגעטראָפן אירע ציין, וואָס האָבן אים מיט כּעס געביסן. זיינע הענט זענען אַרומגעלאָפן איבער אירע קרעפטיקע אָרעמס, איבער איר דורכגעשוויצטן העמד. זי האָט זיך געווערט. ער האָט זי צוגעפּרעסט ענגער צו זיך, ער האָט חשק געהאַט זי צו דערשטיקן. זי האָט זיך אַרויסגעריסן, געשריען, געשפּיגן, געווישט די ליפּן מיט דער האַנט און געשאָטן מיט ווילדע קללות. ער האָט זי אָפּגעלאָזן און געמאַכט פּליטה דורך די פעלדער. זי האָט אים נאָכגעוואָרפן שטיינער און אַוועקגעלייגט אַ גאַנצן מענה-לשון מיט מיאוסע זלזולים. ער איז רויט געוואָרן, נישט אַזוי דערפאַר, וואָס זי האָט געקאָנט זאָגן אָדער טראַכטן וועגן אים, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אַליין געטראַכט. דאָס אומבאַוווּסטע און אומגעריכטע פון זיין האַנדלונג האָט אים אָנגעפילט מיט שרעק. וואָס האָט ער געטון? וואָס וועט איצט זיין? דאָס, וואָס ער האָט פון דער גאַנצער מעשה פאַרשטאַנען, האָט דערוועקט אין אים עקל. און גלייכצייטיק האָט אים דער דאָזיקער עקל געצויגן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך, און נישט געוווּסט, אין וועלכער זייט ס'איז אַהינגעקומען דער אמתער קריסטאָף. אַ בלינדער כּוח האָט געהערשט אין אים, אומזיסט איז ער פון אים אַנטלאָפן: דאָס איז ער אַנטלאָפן פון זיך אַליין. וואָס וועט ער מיט אים טון? וואָס וועט ער טון מיט אים מאָרגן.... אין אַ שעה אַרום.... ווען ער וועט

שוין דורכלויפֿן די שטיק באַאַרבעטע ערד און צוקומען צום וועג?.. צי וועט ער נאָר צוקומען? צי וועט ער נישט בלייבן שטיין, כּדי צו גיין צוריק און צולויפֿן צום מיידל? און דאַן?... ער האָט זיך דערמאָנט די פֿאַרשיכּורטע רגע, ווען ער האָט זי געהאַלטן פֿאַרן האַלז. אַלע מעשׂים זענען געווען מעגלעך. אַלע מעשׂים זענען געווען רעכט. אַפֿילו אַ פֿאַרברעכן... יאָ, אפֿילו אַ פֿאַרברעכן... דער רעש פֿון זיין האַרץ האָט אים פֿאַרטויבט. צוקומענדיק צום וועג, איז ער געבליבן שטיין, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. דאָס מיידל האָט ווייט, אונטן, גערעדט מיט אַן אַנדער מיידל, וואָס איז געקומען צו לויפֿן אויף אירע געוואַלדן; זיי האָבן אים באָכגעקוקט און געלאַכט אויפֿן קול, מיט די פֿויסטן אויף די היפּטן.

ער איז געגאַנגען אַהיים. ער האָט זיך פֿאַרשפּאַרט ביי זיך אויף לאַנגע טעג, און נישט גערירט זיך פֿון אָרט. ער איז נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב, אפֿילו אין שטאָט אַריין, אויסער אין נויטיקע פֿאַלן. ער האָט מיט שרעק אויסגעמיטן יעדע געלעגנהייט אַרויסצוגיין הינטער זיין טיר אָדער אַרומצושלעפּן זיך אין די פֿעלדער: ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט אויף אים אָנפֿאַלן יענע משוגעת, וואָס איז אים באַפֿאַלן, ווי אַ ווינט-שטויס אין אַ שטורעם. ער האָט געגלויבט, אַז די מויערן פֿון שטאָט וועלן אים באַשיצן. ער האָט געטראַכט בשעת מעשׂה, אַז פֿאַרן שונא איז גענוג זיך אַריינצוגליטשן דורך אַ קוים-באַמערקטן שפּאַלט צווישן צוויי פֿאַרמאַכטע פֿענסטער-לאָדנס, וואָס איז שמאָל ווי אַ בליק.

II

סאַבינע

אינם פליגל פון הויז, אין דער צווייטער זייט הויף, אויפן אונטערשטן גאָרן, האָט געוווינט מיט איר טעכטערל אַ יונגע צוואַנציקיעריקע פרוי, וואָס איז געוואָרן אַן אַלמנה זינט עטלעכע חדשים. פרוי־סאַבינע פריילין איז אויך געווען אַן איינוווינערין אינם הויז פון אַלטן איילער. זי האָט געהאַט אַ געוועלב צו דער גאַס צו, און אויסערדעם — צוויי צימערן אין הויף, מיט דעם רעכט צו באַנוצן זיך מיט אַ קליין פּירקאַנטיק גערטנדל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון איילערס גאָרטן מיט אַ דראָטן־פּלויט, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך געפלאָכטן טראָסטענעס מ׳האָט זי זעלטן־ווען געזען; דאָס קינד נאָר האָט זיך דאָרט אַליין געשפּילט פון אינדערפרי ביז אָוונט, קריכנדיק אויף דר׳ערד; דער גאָרטן איז זיך געוואַקסן אויף גאָטס באַראָט, צום עגמת־נפש פונם אַלטן יוסטוס, וואָס האָט ליב געהאַט ריינע שטעגלעך און בכלל — אַ סדר אין דער נאַטור. ער האָט אפילו געפּרוווט צו מאַכן זיין שכנה אייניקע באַמערקונגען, אָבער זי — אַ פּנים, צוליב דעם — האָט אויפגעהערט איינגאַנצן זיך צו ווייזן, און אין גאָרטן — איז בעסער נישט געוואָרן.

פרוי פריילין האָט געהאַט אַ קרעמל, וואָס האָט געקאָנט געבן שיין פּרנסה, אַ דאַנק דעם, וואָס עס האָט זיך געפונען אויף אַ האַנדלס גאַס, אין סאַמע האַרץ פון דער שטאָט; אָבער מיטן געוועלב האָט זי זיך נישט פאַרנומען מער, ווי מיטן גאָרטן. אָנשטאָט צו באַשעפטיקן זיך אַליין מיט דער ווירטשאַפט, ווי ס׳האָט געפּאַסט, לויט מאַדאַם פאָגעלס מיינונג, פאַר אַ פרוי, וואָס שעצט זיך, — בפרט, ווען איר לאַגע פאָדערט עס פון איר — האָט זי צוגענומען אַ קליין דינסט־מיידל פון אַ יאָר פופצן, וואָס פלעגט קומען אינדערפרי אויף עטלעכע שעה צו פאַרקערן די צימערן און אַכטונג צו געבן אויפן געוועלב, בעת

י יונגע פרוי פלעגט זיך פויל אויסציען אין בעט אָדער זיך אָנטון.
נישט איינמאָל האָט קריסטאָף זי באַמערקט דורך די פענסטער ווי זי דרייט זיך אַרום איבערן צימער, באָרוועס, אין איר לאַנגן העמד, אָדער ווי זי זיצט אָפּ שעהנלאַנג פאַרן שפּיגל; זי האָט אַזוי וויניק געזאָרגט וועגן דעם, אַז זי פלעגט פאַרגעסן צו פאַרהענגען די פענסטער; און ווען זי פלעגט זיך כאַפּן, איז זי געווען אַזוי גלייכגילטיק, אַז זי האָט זיך אפילו נישט מטריח געווען אַראָפּצולאָזן די פאָרהאַנגען. קריסטאָף איז געווען שעמעוודיקער פון איר און פלעגט אַוועקגיין פון פענסטער, כדי איר נישט צו שטערן; אָבער דער נסיון איז געווען צו שטאַרק. אַ ביסל פאַרויטלט, פלעגט ער וואַרפן אַ בליק פון דער זייט אויף אירע נאַקעטע, אַ ביסל מאָגערע, אָרעמס, וואָס זענען געווען נאָכלאָזיק אויפגעהויבן אַרום אירע צעשויבערטע האָר, און אויף אירע הענט, וואָס זענען געלעגן אויפן נאַקן; זי פלעגט אין אַזאַ פּאָזע זיצן אַזוי לאַנג, ביז די הענט פלעגן איר פאַרגליווערט ווערן און זי האָט זיי אַראָפּגעלאָזט. קריסטאָף האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט צופעליק באַמערקט אָט דאָס אָנגענעמע בילד און אַז דאָס שטער־ט נישט זיינע מוזיקאַלישע געדאַנקען; אָבער ס'האָט אים הנאה געטון און לסוף האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרלירן זייער פיל צייט, קוקנדיק אויף דער פרוי סאַבינע, וועלכע האָט אויך איר צייט פאַרלוירן אויף אָנטון זיך. נישט מחמת זי איז געווען קאָקעטיש: זי איז גראָד בטבע געווען אָפּגעלאָזן און נישט געזאָרגט אַזוי קליינלעך פאַר איר טואַלעט, ווי אַמאַליאַ אָדער ראָזע. אויב זי איז אייביק געזעסן פאַר איר טואַלעט־טישל, האָט זי עס גאָר געטון צוליב פוילקייט; נאָך יעדער נאָדל, וואָס זי האָט אַריינגעשטעקט, האָט זי זיך געמוזט אָפּרוען, ווי נאָך אַ שטאַרקער אָנשטרענגונג, און בעת־מעשה האָט זי געמאַכט פאַרן שפּיגל טראַגישע גרימאַסן. זי איז אפילו שפּעט ביינאַכט נישט געווען אָנגעטון.
אָפט פלעגט די דינסט אַוועקגיין, איידער סאַבינע איז פאַרטיק געוואָרן, און אַ קונה פלעגט אָנקלינגען אין דער טיר פון געוועלב. זי פלעגט אים לאָזן אַזוי קלינגען און רופן איין אָדער צוויי מאָל, איידער זי האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול. זי פלעגט אַריינקומען מיט אַ שמייכל, נישט איילנדיק זיך, און נישט געכאַפּט אויסזוכן דעם אַרטיקל, וואָס מ'האָט פאַרלאַנגט; — און אויב זי האָט עס באַלד, נאָך דעם ערשטן זוכן, נישט געפונען, אָדער כדי עס צו געפינען האָט

מען געמוזט (דאָס פלעגט אויך טרעפן) זיך מטריח זיין און אַ שלעפּ טון, למשל, די לייטער פון איין עק צימער אין צווייטן, — פלעגט זי שטיל ענטפערן, אַז די זאַך איז נישטאָ; און אַזוי ווי זי האָט אויך אויף ווייטער נישט געזאָרגט צו מאַכן אַ שטיקל אָרדנונג אָדער איינצוקויפן די נויטיקע מינים, וואָס מ׳האָט געפאָדערט, איז די קונדן נמאס געוואָרן און זיי זענען אַוועק אין אַן אַנדער געוועלב. אגב, אָן קיין שום פאַרדרוס. ס׳איז אוממעגלעך געווען צו זיין בייז אויף אָט דער חנעוודיקער פרוי, וואָס האָט גערעדט מיט אַ זיסער שטים, און פון קיין זאַך נישט נתפּעל געוואָרן! צו אַלץ, וואָס עמעצער האָט איר געקאָנט זאָגן, איז זי גלייכגילטיק געווען; אַלע האָבן עס געפילט, און ווער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו בייזערן, פלעגט אָנווערן דעם מוט און אויפהערן צו רעדן: זיי פלעגן אַוועקגיין, ענטפערנדיק מיט אַ שמייכל אויף איר רייצנדיק געלעכטער, — אָבער זיי זענען מער נישט צוריקגעקומען. זי אָבער האָט זיך עס נישט גענומען צום האַרצן. זי האָט שטענדיק געשמייכלט.

זי האָט אויסגעזען, ווי אַ פלאָרענטינע פיגור. אויפגעהויבענע, גוט געצייכנטע ברעמען, גרויע, האַלב-אָפענע אויגן, אונטערן פאָרהאַנג פון די ברעמען. דאָס אונטערשטע אויג-בייטעלע אַ ביסל אויפגעלאָפן, מיט אַ לייכט-איינגעשניטענעם קנייטש פון אונטן. איר קליין געטאָקט נעזל איז געווען אַרויפגעהויבן אין אַ לייכטן בויגן. אַ צווייטער בויגן האָט אָפּגעטיילט די נאָז פון דער אויבערשטער ליפּ, וואָס האָט בולט אַרויסגעשטעקט איבער איר האַלב-אָפן מויל, מיט אַ צוג פון שמייכלענדיקער מידקייט. די אויבערשטע ליפּ איז געווען אַ ביסל דיקלעך; דער אונטערשטער טייל פון פּנים רונד, מיטן קינדערשן ערנסט פון פּיליפּאָ ליפּיס יונגפרויען. איר הויט איז געווען טונקל, די האָר — העל-ברוין, די לאָקן — אין אומאָרדנונג און די פריזור a la diable זי האָט געהאַט אַ קליינעם קערפּער מיט איידעלע גלידער און פוילע באַוועגונגען. זי איז געווען אָנגעטון אָן שום זאָרג, — אַ זשאַקעט, וואָס איז געווען אויפגעעפנט, ווייל ס׳האָבן געפעלט קנעפּלעך, מיאוסע אָפּגעריבענע שיך, בכלל — אַ ביסל שמוציק, — און דאָך האָט זי גערייצט מיט איר יוגנטלעכן חן, צאַרטקייט, אינסטינקטיווער וואַרעמקייט. ווען זי פלעגט אַרויסגיין פאַר דער טיר פון געוועלב צו כאַפּן דעם אָטעם, פלעגן די פאַרבייגייענדיקע יונגעלייט קוקן אויף איר מיט הנאה; און הגם זי האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט, האָט זי עס דאָך באַ-

מערקט. איר בליק האָט דעמאָלט אָנגענומען דעם דאַנקבאַרן, פריידיקן אויסדרוק, ווי די אויגן פון יעדער פרוי, וואָס פילט, אַז מ׳קוקט אויף איר מיט סימפּאַטיע. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעדט:

— אַ דאַנק!... נאָך! נאָך! קוקט מיך אָן!...

נאָר ווי שטאַרק ס׳זאָל איר נישט הנאה טון, וואָס זי געפעלט, האָט זי דאָך צוליב פוילקייט קיין אָנשטרענגונג נישט געמאַכט צו געפעלן ווערן.

זי איז געווען די סיבה פון אייביקע סקאַנדאַלן ביי די איילערס און פאָגעלס. אַלץ אין איר האָט זיי פאַרדראָסן: איר גלייכגילטיקייט, די אומאָרדענונג פון איר שטוב, די אָפּגעלאָזנקייט פון איר קליידונג, איר העפלעכע קאַלטקייט צו זייערע באַמערקונגען, איר אייביקער געלעכטער, די חוצפּהדיקע רויִקייט, מיט וועלכער זי האָט אויפגענומען דעם מאַנס טויט. די קראַנקהייט פון איר קינד, די שלעכטע געשעפטן, די גרעסערע און קלענערע דאגות פון טאָג-טעגלעכן לעבן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געענדערט אירע ליבע רגילותן, איר אייביקע לײדיק-גייעריי, — אַלץ האָט זיי פאַרדראָסן; און ערגער פון אַלץ — וואָס נישט געקוקט אויף אַלע אירע חסרונות, געפעלט זי דאָך. מאַדאַם פאָגעל האָט איר נישט געקאָנט מוחל זיין. מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז סאַבינע האָט זיך מיט איר אויפפירונג בייזווילליק באַמיט צו זיין אַן איראָנישע אָפּלייקענונג פון די שטאַרקע טראַדיציעס, פון די פעסטע געזעצן, פון דער נאַרישער פליכט, פון דער אַרבעט אָן שום הנאה, פון דער האַנדלונג און טומל, פון די קריגערייען, געוואַלדן, געזונטן פעסימיזם, וואָס איז געווען דער לעבנס-יסוד פון דער משפחה איילער, ווי פון אַלע אָרנטלעכע מענטשן, און געמאַכט פון זייער לעבן אַ פריי-צייטיקן גהינום. אַז אַ פרוי, וואָס טוט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער און לאָזט זיך גאַנצע טעג וווילגיין, זאָל זיך דערלויבן חוזק צו מאַכן מיט אַ חוצפּהדיקער רויקייט, בעת זיי מאַטערן זיך און קומען אָפּ, ווי די פאַרשיקטע, — און אַז די וועלט גיט איר אָפּ נאָך גערעכט — דאָס גייט שוין אַריבער אַלע גרענעצן, דאָס קאָן שוין גאָר דעם אָרנטלעכסטן מענטשן אַראָפּפירן פון וועג!... צום גליק, זענען נאָך דאָ, געלויבט צו גאָט, אויף דער ערד מענטשן מיט געזונטן שכל. מאַדאַם פאָגעל האָט זיך דערמיט געטרייסט. מ׳האָט אויסגערעדט אויף דער יונגער אלמנה, וואָס אין דער קאָרט, און זי נאָכגעשפּירט דורך די פאַרהאַנגען אויף טריט און שריט. די רכילות זענען געוואָרן

אַן אמתע פרייד פאַר דער פאַמיליע, בעת זי פלעגט זיך צונויפזאַמלען אין אָוונט ביים טיש. אַ צעטראָגענער האָט זיך קריסטאָף צוגעהערט. ער איז געוווינט געווען צו הערן, ווי די פאָגעלס צענזורירן די אויפפירונג פון זייערע שכנים, און ער האָט שוין אויף דעם מער קיין אַכט נישט געלעגט. אגב, האָט ער די פרוי סאַבינע נישט געקענט, אויסער איר נאָמען און אירע אַנטבלויזטע אָרעמס, וואָס האָבן אים, וואָס אַן אמת, הנאה פאַרשאַפן, אָבער נישט דערלויבט אַרויסצוזאָגן וועגן איר קיין ענטגילטיקע מיינונג. דאָך איז ער אין האַרצן גרייט געווען אויף אַ סך זאַכן מוותר צו זיין פאַר אירעטוועגן, און אויף צו להכעיס, איז ער איר געווען דאַנקבאַר, דווקא דערפאַר, וואָס זי איז נישט געפעלן געוואָרן דער מאַדאַם פאָגעל.

אין אָוונט, נאָכן עסן, ווען ס׳פלעגט ווערן זייער וואַרעם, האָט מען נישט געקאָנט איינזיצן אין שטיקנדיקן הויף, ווו די זון האָט גע-ברענט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. דאָס איינציקע אָרט, ווו מ׳האָט געקאָנט אַ ביסל פרייער אָפּאָטעמען, איז געווען אין דער זייט פון הויז. איילער און זיין איידעם פלעגן אָפטמאָל אַרויס פון שטוב און זיך זעצן צוזאַמען מיט לואיזען אויף דער שוועל פון זייער טיר. מאַדאַם פאָגעל און ראָזע פלעגן זיך ווייזן נאָר אויף איין רגע: זיי זענען געווען פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט; מאַדאַם פאָגעל האָט געפונען אַן אויסגאַנג פאַר איר איינגליבע צו באַווייזן דער וועלט, אַז זי האָט נישט צייט צו זיצן מיט פאַרלעגטע הענט; און זי האָט גערעדט גענוג הויך, מ׳זאָל זי הערן, אַז אָט די אַלע מענטשן, וואָס געפינען זיך דאָ און געזעצן פאַר דער טיר און טוען נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, שפּילן איר אויף די נערוון. נישט קענענדיק צו איר גרויסן צער — צווינגען זיי צו אַרבעטן, האָט זי זיי לפחות נישט געוואָלט אָנקוקן און זיך גענומען אַרבעטן מיט פאַרביטערונג. ראָזע האָט געהאַלטן פאַר איר חוב איר נאָכצוטון. איילער און פאָגעל האָבן אומעטום געפונען ווינט-צוגן; זיי האָבן מורא געהאַט זיך צו פאַרקילן און זענען געגאַנגען אַהיים; זיי פלעגן זיך לעגן פרי שלאָפן, זיי וואָלטן פשוט געווען אומגליקלעך, ווען זיי מאַכן דעם מינדסטן שינוי אין זייערע רגילותן. פון ניין

אַ זייגער אָן פֿלעגן שוין בלייבן נאָר קריסטאָף מיט לואיזען. לואיזע האָט פֿאַרבראַכט גאַנצע טעג אין איר צימער און אין אָוונט, ווען קריסטאָף דאָט נאָר געקאָנט, האָט ער געהאַלטן פֿאַר זיין חוב צו פֿאַר־ברענגען מיט איר צוזאַמען, כדי זי זאָל זיך אַ ביסל קרעפּטיקן אויף דער פֿרייער לופֿט. אַליין וואָלט זי נישט אַרויסגעגאַנגען: דער טומל פֿון גאַס וואָלט זי געשראָקן. די קינדער האָבן זיך אַרומגעיאָגט מיט שאַרפֿע געשרייען. אַלע הינט פֿון געגנט האָבן אָפּגעענטפֿערט מיט אַ בילעריי. מ׳האָט געהערט די קלאַנגען פֿון קלאַוויר, אַ ביסל ווייטער — אַ קלאַרנעט, און אין אַ שכנותדיקער גאַס — אַ קאָרנעט — אַ פּיסטאָן. די שטימען האָבן זיך דורכגעשמועסט. די מענטשן זענען אַרומגעגאַנ־גען הין און צוריק גרופּעסווייז פֿאַר זייערע הייזער. לואיזע וואָלט זיך געפֿילט פֿאַרלוירן, ווען זי בלייבט איינע אַליין אינם הו־האַ. די קינדער און די הינט פֿלעגן גיין פֿריער שלאָפֿן. די גרופּעס פֿלעגן זיך פֿונאַנדערגיין. די לופֿט איז געוואָרן ריינער. ס׳איז צוגעפֿאַלן די שטיל־קייט. לואיזע האָט דערציילט מיט איר ווייכער שטים קורצע מעשׂות, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט פֿון אַמאַליאַן אָדער פֿון ראָזען. זי האָט נישט געהאַט פֿאַר זיי קיין גרויסן אינטערעס. נאָר זי האָט נישט גע־ווּסט, פֿון וואָס צו שמועסן מיט איר זון, און זי האָט געפֿילט אַ פֿאַרלאַנג צו דערנעענטערן זיך צו אים, צו זאָגן אים עפּעס. קריסטאָף האָט עס געפֿילט און געמאַכט זיך, ווי ער וואָלט זיך אינטערעסירט מיט אירע מעשׂות; אָבער באמת האָט ער נישט געהערט. ער איז אַראָפּגעזונקען אין אַ פֿאַרגליווערטן צושטאַנד און נאָכגעטראַכט די גע־שעענישן פֿונם טאָג.

איינמאָל אין אָוונט, ווען זיי זענען אַזוי געזעסן און די מאַמע האָט גערעדט, — האָט ער געזען, ווי ס׳עפֿנט זיך די טיר פֿון דער שכנותדיקער קראָם. אַ פֿרויען־געשטאַלט איז שטיל אַרויסגעגאַנגען און זיך געזעצט אין גאַס. עטלעכע טריט האָבן זי אָפּגעטיילט פֿון לואיזעס שטול. זי האָט זיך געזעצט אינם טונקעלסטן שאָטן. קריסטאָף האָט נישט געקאָנט זען איר פּנים, נאָר ער האָט זי דערקענט. זיין פֿאַר־גליווערטקייט איז פֿאַרשוווּנדן. די לופֿט האָט זיך אים אויסגעוויזן זיסער. לואיזע האָט נישט באַמערקט סאַבינעס בייזיין און אַלץ ווייטער מיט אַ האַלבער שטים שטיל געפּלוידערט. קריסטאָף האָט זיך איצט בעסער צוגעהערט, ער האָט געפֿילט אַ פֿאַרלאַנג זיך אַריינצומישן מיט אַ וואָרט, צו רעדן, צו ווערן געהערט. דער שמאָלער סילועט איז געזעסן אומ־

באַוועגלעך, אַ ביסל מיד, דער פוס לייכט פאַרלעגט איינער אויפן צווייטן, די הענט געפלאָכטן אויף דער קני. זי האָט געקוקט פאַר זיך, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט גאָרנישט. לואיזע האָט אָנגעהויבן דרימלען. זי איז אַרויף אין שטוב. קריסטאָף האָט געזאָגט, אַז ער וויל נאָך אַ ביסל בלייבן.

ס'איז געוועזן פאַר צען אַ זייגער. די גאַס איז שוין געווען ליידיק. די לעצטע שכנים זענען איינער נאָכן צווייטן אַהיימגעגאַנגען. מ'האָט געהערט דעם טומל פון די קראָמען, וואָס האָבן זיך פאַרמאַכט. די באַלויכטענע פענסטער האָבן געווונקען מיט אַן אויג און אויסגע-גאַנגען. איינס אָדער צוויי האָבן פאַרשפּעטיקט — און אָט זענען זיי אויך געשטאָרבן. שטיל... זיי זענען געווען אַליין, זיי האָבן אויף זיך נישט געקוקט, זיי האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווייסן נישט, ווי נאָענט זיי זיצן איינער נעבן צווייטן. פון די ווייטע פעלדער איז אָנגעקומען דער ריח פון פרישן היי, און פון אַ שכנותדיקן באַלקאָן איז אַראָפּגערונען די דופט פון אַ לעווקאָניע-טאָפּ. די לופט איז געווען אומבאַוועגלעך. דער מילך-וועג האָט זיך געצויגן איבער זייערע קעפּ. רעכטס — דער בלוטנדיקער יופּיטער. איבער אַ קוימען האָבן אַראָפּגעזונקען די רעדער פון דודס וואָגן; אויפן בלייכן, גרינעם הימל האָבן די שטערן געבליט, ווי מאַרגעריטקעס. אין דער קירכע האָט אויסגעקלונגען עלף; די קלאַנגען זענען אין אַלע אַנדערע קירכעס איבערגעחזרט געוואָרן און אָפּגעקלונגען אין די פאַרדעמפטע טענער פון די וואַנט-זייגערס אָדער פון די הייזעריקע קוקו-פייגל.

זיי האָבן זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פון זייער טרוימען און זיך גלייכצייטיק אויפגעהויבן. בעת זיי האָבן זיך געלאָזט גיין, יעדערער אין זיין זייט, האָבן זיי זיך ביידע באַגריסט מיט די קעפּ אָן רייד. קריסטאָף איז אַרויף צו זיך אין צימער. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, געזעצט זיך ביים טיש מיטן קאָפּ אויף די הענט און אַזוי געבליבן זיצן אַ לאַנגע צייט אָן קיין שום געדאַנק. דערנאָך האָט ער אָפּגעזיפצט און געלעגט זיך שלאָפן.

צומאָרגנס, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט ער מעכאַניש זיך דערנענטערט צום פענסטער און אַ קוק געטון פון דער זייט אויף סאַבינעס צימער. אָבער די פאָרהאַנגען זענען געווען אַראָפּגעלאָזן. אַזוי זענען זיי געבליבן דעם גאַנצן פרימאָרגן. אַזוי זענען זיי פון דעמאָלט אָן געבליבן שטענדיק.

דעם צווייטן אָוונט האָט קריסטאָף פֿאָרגעלעגט זיין מאַמע צו גיין ווידער זיך זעצן פֿאַר דער טיר. ס'איז געוואָרן ביי אים אַ געוווינהייט. לואיזען האָט עס געפֿרייט: זי איז געווען אומרויק, זעענדיק אים פֿאַרשפּאַרט אין צימער, באַלד נאָכן עסן, ביי אַ פֿאַרמאַכטן פֿענסטער און אַראָפּגעלאָזענע פֿאָרהאַנגען. — דער קליינער שטומער שאָטן האָט אויך איצט נישט פֿאַרפֿעלט צו קומען און צו פֿאַרנעמען זיין שטענדיקן אָרט. זיי האָבן זיך האַסטיק באַגריסט מיטן קאָפּ, און לואיזע האָט עס נישט באַמערקט. קריסטאָף האָט גערעדט מיט זיין מאַמע. סאַבינע האָט געשמייכלט צו איר טעכטערל, וואָס האָט זיך געשפּילט אויף דער גאַס; אַרום ניין אַ זייגער איז זי געגאַנגען לעגן דאָס קינד שלאָפֿן און שפּעטער צוריקגעקומען אָן אַ שום גערויש. ווען זי האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרזאָמט, האָט קריסטאָף אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז זי וועט שוין נישט אַרויסקומען. ער האָט אויפֿגעכאַפּט דעם גערויש פֿון שטוב, דעם געלעכטער פֿונעם מיידעלע, וואָס האָט נישט געוואָלט איינשלאָפֿן; ער האָט שוין דערקענט דעם שאָרך פֿון סאַבינעס קלייד, נאָך איידער זי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פֿון איר געוועלב. דעמאָלט האָט ער אָפּגעקערט די אויגן און געשמועסט מיט דער מאַמע מיט אַ רירנדיקער שטים. ער האָט טיילמאָל געהאַט דאָס געפֿיל, אַז סאַבינע קוקט אויף אים. ער האָט געוואָרפֿן פֿון דער זייט לייכט־דורכשוועבנדיקע בליקן. נאָר קיינמאָל האָבן זיך זייערע בליקן נישט געטראָפֿן.

דאָס קינד האָט צווישן זיי געדינט פֿאַר אַ פֿאַרמיטלער. עס איז אַרומגעלאָפֿן איבער דער גאַס מיט אַנדערן קליינוואַרג. זיי האָבן זיך צוזאַמען געווײַלט און גערייצט זיך מיט אַ געדולדיקן, גוטמוטיקן הונט, וואָס האָט געדרימלט מיט דער לאַנגער גאָמבע צווישן די לאַפּעס; ער האָט האַלב אויפֿגעעפֿנט אַ רויט אויג און אַרויסגעלאָזן פֿון גאָרגל אַ בייזן ברום; זיי זענען זיך תיכּף צעלאָפֿן קוויטשענדיק פֿון שרעק און פֿון גליק. דאָס מיידעלע האָט געשריען מיט אַ שאַרף קולכל און געקוקט הינטער זיך, ווי מ'וואָלט זי פֿאַרפֿאָלגט: זי איז צוגעלאָפֿן און אַ וואָרף געטון זיך אויף די קני צו לואיזען, וואָס האָט מילד געשמייכלט. לואיזע האָט אָנגעכאַפּט דאָס קינד און עס אויסגעפֿרעגט; ס'האָט זיך

פאַרבונדן אַ שמועס מיט סאַבינען. קריסטאָף האָט זיך אין שמועס נישט באַטייליקט. ער האָט נישט גערעדט צו סאַבינען, און סאַבינע האָט נישט גערעדט צו אים. ווי דורך אַ שטומער הסכמה, האָבן זיי זיך געמאַכט אײַנער דעם צווייטן נישט זען, נאָר ער האָט נישט פאַרלוירן קיין איין וואָרט פון די רייד, וואָס מ׳האָט זיך געטוישט איבער זיין קאָפּ. זיין שוויגן האָט לואיזען אויסגעוויזן פיינטלעך. סאַבינע האָט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן דעם, נאָר זי האָט זיך געשעמט פאַר אים און אַ ביסל זיך געטומלט אין אירע תשובות. לסוף האָט זי גע־פונען אַן אויסרייד אַריינצוגיין אין שטוב.

לואיזע האָט זיך פאַרקילט און אין משך פון אַ גאַנצער וואָך איז זי געבליבן אין שטוב. קריסטאָף און סאַבינע זענען געווען אַליין. צום ערשטן מאָל זענען זיי איבערראַשט געווען. כדי זיך צוצוגעבן מוט, האָט סאַבינע געהאַלטן די קליינע אויף די קני און זי ממש אויפ־געפרעסן קושנדיק. קריסטאָף האָט זיך געפילט פאַרשעמט און נישט געוווסט, צי זאָל ער זיך אויך ווייטער מאַכן נישט וויסנדיק, וואָס אַרום אים קומט פאָר. דאָס איז אים אָנגעקומען שווער: הגם זיי האָבן נאָך צווישן זיך נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, איז דאָך די באַקאַנט־שאַפט שוין פאָרגעקומען אַ דאַנק לואיזען. ער האָט געפּרוווט אַרויס־צולאָזן אַ צוויי־דריי פראַזן פון מויל, נאָר די קלאַנגען זענען געבליבן שטעקן אין האַלז. דאָס מיידעלע איז זיי אויך דאָס מאָל געקומען צו הילף. שפּילנדיק זיך אין באַהאַלטעניש, האָט זי זיך אַרומגעדרייט אַרום קריסטאָפס שטול, און ער האָט זי אין גאַנג אָנגעכאַפּט און געקושט. ער האָט נישט איבעריק ליב געהאַט קיין קינדער, נאָר אַ קוש צו טון דאָס קינד האָט ער געפילט אַ באַזונדערן תענוג. די קליינע האָט זיך אַרויסגעגליטשט איינגאַנצן פאַרנומען מיט דעם שפּיל. קריסטאָף האָט זיך מיט איר גערייצט, זי האָט אים געביסן די הענט; ער האָט זי אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד. סאַבינע האָט געלאַכט. קוקנדיק אויף איר, האָבן זיי זיך אויסגעטוישט מיט עטלעכע גאָרנישט־זאָגנדיקע ווערטער. שפּעטער האָט קריסטאָף געפּרוווט — (ער האָט געגלויבט, אַז ער איז עס מחויב צו טון) — צו פאַרבינדן אַ שמועס; נאָר אים איז בטבע שווער געווען צו רעדן, און סאַבינע האָט גאָרנישט געטון, אים צו פאַרלייכטערן: זי האָט נאָר איבערגעחזרט זיינע רייד:

— אַ שיינער אָוונט.

— יאָ, דער אָוונט איז פּראַכטפול.

— מ׳קאָן גאָרנישט אָטעמען אין הויף.

— יאָ, אין הויף קאָן מען דערשטיקט ווערן.

דער שמועס האָט זיך קוים געשלעפּט. סאַבינע האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס ס׳איז שוין צייט געווען אַריינצוגיין מיט דער קליינער אין שטוב, און איז טאַקע מיט איר אַריינגעגאַנגען; מער האָט זי זיך שוין נישט באַוויזן.

קריסטאָף האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט טון דאָס אייגענע אויך אין די ווייטערדיקע אָוונטן און זאָל נישט אויסמיידן צו טרעפן זיך מיט אים, אַזוי-ווי לואיזע איז נישטאָ. ס׳איז אָבער געשען פּונקט פאַרקערט, און סאַבינע האָט צומאָרגנס געפּרווווט אָנהויבן אַ שמועס. זי האָט עס גיכער געטון צוליבן באַגער צו שמועסן, ווי צוליב הנאה; מ׳האָט געפילט, אַז זי האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח צו געפינען וועגן וואָס צו רעדן און אַז זי אַליין לאַנגווייליקט זיך מיט די פראַגן, וואָס זי שטעלט: די פראַגן און תשובות זענען געווען געפּלאָכטן מיט אַ דריקנדיקן שווייגן. קריסטאָף האָט זיך דערמאָנט זיינע ערשטע באַגעגענישן מיט אָטאָן; נאָר מיט סאַבינען האָט ער געהאַט נאָך ווייניקער פון וואָס צו רעדן, און זי האָט נישט פאַרמאָגט אָטאָס געדולד. ווען זי האָט געזען, אַז אירע פּרווון האָבן נישט קיין מזל, איז זי נישט צוגעשטאַנען: דאָס האָט געפאָדערט צו פיל טרחה און ס׳האָט זי נישט אינטערעסירט. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, און אויך ער האָט געטון דאָס אייגענע.

באַלד איז אַלץ געוואָרן פול מיט חן. די נאַכט האָט צוריקגעוווּנען איר שטילקייט, און דאָס האַרץ — זייערע געדאַנקען. סאַבינע האָט זיך פּאַמעלעך, טרוימענדיק געוויגט אין איר שטול. קריסטאָף האָט געטרוימט אין זיין ווינקל. זיי האָבן נישט גערעדט. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט קריסטאָף גענומען זיך באַגייסטערן מיט די פאַרשיכּורנדיקע ריחות, וואָס געטראָגן דורכן וואַרעמען ווינט זענען זיי געקומען פון אַ וואָגן מיט יאַגעדעס. סאַבינע האָט געענטפערט אַ צוויי-דריי ווערטער. זיי זענען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ס׳האָט זיי געררייצט דער צויבער פון דעם אומענדלעכן שווייגן, פון די גלייכגילטיקע רייד. זיי זענען ביידע ווי פאַרזונקען געוואָרן אינם זעלבן טרוים, זיי זענען געווען פול מיט איין געדאַנק; זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט מיט וועלכן, זיי האָבן זיך אַליין אין דעם נישט מודה געווען. ווען ס׳האָט אויסגעקלונגען עלף, האָבן זיי זיך צעשיידט שמייכלענדיק.

אויף מאָרגן האָבן זיי שוין מער נישט געפּרוווט אָנצובינדן קיין שמועס: זיי האָבן זיך ביידע איבערגעגעבן דעם ליבן שווייגן, פון צייט צו צייט האָבן געציילטע זילבן געלאָזט זיי וויסן, אַז ביידע טראַכטן זיי פון די זעלבע זאַכן.

סאַבינע האָט זיך צעלאַכט:

— ווי גוט ס'איז — האָט זי געזאָגט — וואָס מ'איז נישט געצוווּנגען צו רעדן! אַלע מיינען, אַז זיי זענען מחויב צו רעדן, און ס'איז אַזוי לאַנגווייליק!

— אַך! — האָט קריסטאָף געענטפערט מיט אַ גערירטן טאָן — ווען די גאַנצע וועלט זאָל נאָר מיט אייך מסכּים זיין!

זיי האָבן ביידע געלאַכט. זיי האָבן געטראַכט פון מאַדאַם פאָגעל.

— די אָרעמע פרוי! — האָט געזאָגט סאַבינע — ווי זי קאָן פאַרמאַטערן!

— אָבער זי אַליין ווערט קיינמאָל נישט פאַרמאַטערט, — האָט קריסטאָף מיט אַ פאַרצווייפלטער מינע געענטפערט.

סאַבינען איז געפעלן זיין מינע און זיינע ווערטער.

— איר מיינט, איך שפּאַס? — האָט ער געזאָגט — אייך איז גוט. איר האָט אַ שוץ.

— איך מיין אַזוי, — האָט סאַבינע געענטפערט — איך פאַרמאַך זיך אין שטוב אויפן שליסל.

זי האָט געהאַט אַ קליינעם, זיסן, כּמעט גערוישלאָזן געלעכטער. אַנטציקט האָט זיך קריסטאָף צוגעהערט צו איר לאַכן דורך דער שטילקייט פון דער נאַכט, ער האָט געאָטעמט די פרישע לופט מיט תּענוג.

— אַך, ס'אַראַ מחיה צו שווייגן! — האָט ער געזאָגט זיך אויסגלייכנדיק.

— און ס'אַראַ אומזין צו רעדן! — האָט זי צוגעגעבן.

— יאָ, — האָט קריסטאָף געזאָגט — מ'פאַרשטייט זיך אַזוי גוט!

זיי זענען ווידער פאַרזונקען געוואָרן אין שווייגן. די נאַכט האָט זיי געשטערט צו זען זיך, זיי האָבן ביידע געלאַכט.

דאָך, אויב זיי האָבן אַפילו געפילט דאָס זעלבע, בעת זיי זענען געווען צוזאַמען, — אָדער זיי האָבן זיך עס פאַרגעשטעלט — האָבן זיי איינער פונם צווייטן גאָרנישט נישט געוווּסט. סאַבינען איז עס לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. קריסטאָף איז געווען נייגיריקער. איינמאָל אין אָוונט האָט ער זי אַ פרעג געטון:

— איר האָט ליב מוזיק?

— ניין, — האָט זי איינפאַך געענטפערט, — זי לאַנגווייליקט מיך. איך הייב זי נישט אָן צו פאַרשטיין.

אָט די אָפנהאַרציקייט האָט אים געגרייצט. ס׳האָבן אים פאַרדראָסן די ליגנס פון די מענטשן, וואָס טענהן, אַז זיי האָבן ליב מוזיק, און באמת שטאַרבן זיי פון לאַנגווייליקייט, בעת זיי הערן זי: ס׳האָט ביי אים אויסגעזען כמעט ווי אַ גרויס פאַרדינסט נישט ליב צו האָבן מוזיק און צו זאָגן עס אָפן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי סאַבינע לייענט.

— ניין. ערשטנס האָט זי נישט קיין ביכער.

ער האָט איר פאָרגעלעגט זיינע ביכער.

— ערנסטע ביכער? — האָט זי אומרויק געפרעגט.

— נישט קיין ערנסטע ביכער — אויב זי וויל נישט. פּאָעזיע!

— אָבער דאָס זענען דאָך אויך ערנסטע ביכער!

— נו, איז ראָמאַנען.

זי האָט געמאַכט אַ קרומע מינע

— ס׳אינטערעסירט אייך נישט?

— יאָ, עס אינטערעסירט, נאָר שטענדיק זענען זיי צו לאַנג; קיינמאָל האָט זי נישט קיין געדולד צו ענדיקן ביזן סוף. זי פאַרגעסט דעם אָנהויב; זי היפּט אַריבער קאַפּיטלען און זי פאַרשטייט גאָרנישט. דעמאָלט וואַרפט זי אַוועק דאָס בוך.

— אַ שיינער באַווייז פון אינטערעס!

— מילא! ס׳איז גאַנץ גענוג פאַר אַן אויסגעטראַכטע מעשה. זי באַהאַלט איר אינטערעס פאַר אַנדערע זאַכן, נישט פאַר קיין ביכער.

— אפשר צום טעאַטער?

— אָ, ניין, ניין!

— גייט זי טאַקע נישט אַהין?

— ניין. עס ווערט צו הייס. צו פיל מענטשן. ס׳איז בעסער ביי זיך אין שטוב. די אויגן טוען ווי פון דער שיין, און די אַקטיאָרן זענען אַזוי מיאוס!

אין דעם איז ער מיט איר מסכּים. אָבער ס׳בלייבט דאָך נאָך אַ זאַך אין טעאַטער: די פּיעסעס גופא.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט צעטראָגן — נאָר איך האָב נישט קיין צייט.

— וואָס טוט איר, אַ שטייגער, פון אינדערפֿרי ביזן אָוונט?
זי האָט געשמייכלט:
— ס'איז דאָ אַזוי פֿיל צו טון!
— ס'איז אמת, — האָט ער געזאָגט — איר האָט די קראָם.
— אָ! — האָט זי שטיל אַ זאָג געטון — דאָס פֿאַרנעמט מיך נישט אַזוי שטאַרק.
— פֿאַרנעמט אייך מסתמא דאָס טעכטערל די גאַנצע צייט?
— אָ, ניין! די אָרעמע קליינינקע! זי איז גענוג קלוג, זי שפּילט זיך אַליין.
— הייסט עס?
ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער איז נישט דיסקרעט. נאָר זי האָט זיך דערמיט געוויילט.
— ס'איז דאָ אַזוי פֿיל, אַזוי פֿיל זאַכן!
— למשל?
— דאָס קאָן זי נישט געניי איבערגעבן. עס זענען דאָ זאַכן פֿון פֿאַרשידענע מינים. ווען זי זאָל דאַרפֿן בלויז זיך אויפֿהויבן, מאַכן די טואַלעט, טראַכטן וועגן מיטאָג; מאַכן דעם מיטאָג, עסן מיטאָג, טראַכטן וועגן אָוונט-ברויט, פֿאַרקערן אַ ביסל דאָס צימער.... און שוין נאָכן טאָג... און זי דאַרף דאָך פֿונדעסטוועגן האָבן אַ ביסעלע צייט גאָרנישט נישט צו טון!...
— און אייך איז נישט לאַנגווייליק?
— קיינמאָל נישט.
— אפילו בעת איר טוט נישט גאָרנישט?
— דער עיקר דעמאָלט, ווען איך טו גאָרנישט. דווקא ווען איך טו עפּעס, איז מיר לאַנגווייליק.
זיי האָבן זיך לאַכנדיק איבערגעקוקט.
— ווי גליקלעך איר זענט! — האָט קריסטאָף געזאָגט — איך ווייס נישט, ווי מ'זיצט מיט פֿאַרלעגטע הענט.
— מיר דאַכט זיך, אַז איר ווייסט עס גאַנץ גוט.
— איך לערן זיך זינט עטלעכע טעג.
— אויב אַזוי, איז גוט, וועט איר זיך אויסלערנען די חכמה.
זיין האַרץ איז געווען רויק און שטיל, בעת ער האָט מיט איר גערעדט. ס'האָט אים באַפֿרידיקט בלויז דאָס קוקן אויף איר. ער האָט זיך באַפֿרייט פֿון אומרו, פֿון אויפֿרעגונג, פֿון דעם נערוועישן אַנגסט,

וואָס האָט אים געדריקט דאָס האַרץ. קיין שום אומרו איז נישט געווען, בעת ער האָט מיט איר גערעדט. קיין שום אומרו, בעת ער האָט וועגן איר געטראַכט. ער האָט נישט קיין מוט זיך מודה צו זיין; אָבער ווי־נאָר ער האָט זיך געפונען נאָענט צו איר, האָט ער זיך געפילט דורכגעדרונגען מיט אַ תענוגלעכער באַטויבונג — און ער האָט כמעט איינגעדרימלט. יענע נעכט איז ער געשלאָפן, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן.

קומענדיק פון דער אַרבעט אַהיים, פלעגט ער וואַרפן אַ בליק צום קרעמל. עס האָט זעלטן געטראָפן, ער זאָל נישט זען סאַבינען. זיי פלעגן זיך באַגריסן שמייכלענדיק, טיילמאָל איז זי געשטאַנען אויף דער שוועל, און זיי האָבן זיך איבערגעטוישט מיט עטלעכע ווערטער; אָדער ער פלעגט האַלב עפענען די טיר, אַ רוף טון די קליינע און אַריינגעשטעקט איר אין האַנט אַריין אַ בייטל מיט צוקערלעך.

אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט אַריינצוגיין. ער האָט געפונען אַן אויסרייד, אַז ער דאַרף קנעפּלעך צו זיין רעקל. זי האָט גענומען זוכן און נישט געפונען. אַלע קנעפּלעך זענען געווען צוזאַמענגעמישט: ס'איז אוממעגלעך געווען זיי אויסצוזוכן. זי איז געווען אַ ביסל געערגערט, וואָס ער זעט די אומאָרדנונג. אים האָט עס געוויילט, און ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן נייגיריק, כדי בעסער צו זען.

— ניין! — האָט זי זיך אָנגערופן, באַמיענדיק זיך צו פאַרדעקן די שאַכטלעך מיט די הענט. — קוקט נישט! ס'איז אַ מישמאַש...

זי האָט גענומען זוכן. אָבער זי האָט זיך געשעמט פאַר קריסטאָפן. זי איז געוואָרן בייז און אַ שמיץ געטון דאָס שאַכטל:

— איך געפין עס נישט. — האָט זי געזאָגט — גייט אַריין צו ליזין, אויף דער גאַס, וואָס ביי דער זייט. זי האָט עס אויף זיכער. זי האָט אַלץ, וואָס מען פאַרלאַנגט.

ער האָט געלאַכט פונם אופן, ווי זי פאַרדינט אויף תּיונה.

— שיקט איר אַלע אייערע קונדן צו איר?

— אויף מיין וואָרט, ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל. — האָט זי געענטפערט פריילעך.

פונדעסטוועגן האָט זי זיך אַ ביסל געשעמט.

— ס׳איז צו לאַנגווייליק, צו מאַכן אָרדנונג. — האָט זי ווידער אָנגעהויבן — איך לעג אָפּ די אַרבעט פון טאָג אויף טאָג... אָבער מאָרגן וועל איך עס שוין זיכער טון.

— ווילט איר, איך זאָל אייך צוהעלפן? — האָט קריסטאָף געזאָגט.

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי וואָלט עס זייער גערן אָנגענומען, אָבער זי האָט קיין העזה נישט געהאַט עס צו טון צוליב לשון-הרע. און חוץ דעם — דאָס וואָלט זי באַליידיקט.

זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו שמועסן.

— און אייערע קנעפּלעך? — האָט זי געזאָגט צו קריסטאָפן אין אַ ווײַלע אַרום — איר גייט נישט צו ליזין?

— חלילה, — האָט קריסטאָף געענטפערט — איך וועל צוואַרטן, ביז איר וועט מאַכן דאָ אָרדנונג.

— אָ! — האָט געזאָגט סאַבינע, וואָס האָט שוין פאַרגעסן, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געזאָגט. — וואַרט נישט אַזוי לאַנג!

אָט דער אויסגעשריי פון טיפן האַרצן האָט זיי פול געמאַכט מיט פרייד.

קריסטאָף האָט זיך דערנענטערט צום שאַכטל, וואָס זי האָט אַוועקגעשטויסן:

— לאָזט מיר אַ זוך טון, גוט?

זי איז צוגעלאָפן, אים צו שטערן:

— ניין, ניין, איך בעט אייך, איך בין זיכער, אַז ס׳איז דאָ נישטאָ...

— איך קאָן זיך וועטן מיט אייך, אַז ס׳איז יאָ דאָ.

באַלד נאָכן ערשטן קוק האָט ער מיט נצחון אַרויסגעצויגן דאָס קנעפּל, וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט געדאַרפט האָבן נאָך. ער האָט געוואָלט ווייטער זוכן, אָבער זי האָט אים אַרויסגעריסן דאָס קעסטל פון די הענט און, באַוויזגן מיט אייגנליבע, גענומען אַליין זוכן.

דער טאָג האָט אַראָפּגענידערט. סאַבינע האָט זיך דערנענטערט צום פענסטער. קריסטאָף האָט זיך געזעצט עטלעכע טריט פון איר; די קליינינקע איז אַרויפגעקראָכן אויף זיינע קני. ער האָט זיך גע-מאַכט הערנדיק איר פּלוידעריי און געענטפערט שטאַרק צעטראָגן. ער האָט געקוקט אויף סאַבינען, וואָס האָט געוווסט, אַז מ׳קוקט אויף איר. זי האָט זיך איינגעבויגן איבער דעם קעסטל. ער האָט באַמערקט איר

באַקן און אַ טייל פון באַק. — און בעת ער האָט אויף איר געקוקט, האָט ער באַמערקט, ווי זי איז רויט געוואָרן. און ער איז אויך רויט געוואָרן.

דאָס קינד האָט אַלץ גערעדט. קיינער האָט אים נישט געענטפערט. קריסטאָף האָט נישט געזען, וואָס זי טוט; ער איז געווען זיכער, אַז זי טוט גאָרנישט, זי האָט מער נישט געקוקט אויפן שאַכטל, וואָס זי האָט געהאַלטן. די שטילקייט האָט ווייטער געדויערט. דאָס קליינע מיידעלע האָט זיך אומרויִק אַראָפּגעגליטשט פון קריסטאָפס קני:

— פאַרוואָס האָט איר אויפגעהערט צו רעדן?

סאַבינע האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט און זי אַ כאַפּ געטון אין די אָרעמס. דאָס שאַכטל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דר׳ערד; די קליינע האָט אַרויסגעלאָזן אַ פריילעך געשריי, זי איז געלאָפן אויף אַלע פיר און זיך נאָכגעיאָגט נאָך די קנעפּלעך, וואָס האָבן זיך אַרונטערגעקייקלט אונטערן מעבל. סאַבינע האָט זיך אומגעקערט צום פענסטער און צוגעדריקט דאָס פּנים צו דער שויב. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פאַרזונקען אין דעם, וואָס זי זעט אין דרויסן.

— אַדיע — האָט קריסטאָף געזאָגט צעטומלט.

זי האָט נישט קיין ריר געטון מיטן קאָפּ און זייער שטיל געענטפערט:

— אַדיע.

זונטיק נאָכמיטאָג פלעגט די שטוב בלייבן פוסט. די גאַנצע פאַמיליע פלעגט אַוועק אין דער קירך צו דעם אָוונט-געבעט. סאַבינע פלעגט נישט גיין. איינמאָל, ווען קריסטאָף האָט זי דערזען זיצן פאַר דער טיר אינם גערטנדל, בעת די שיינע גלאָקן זענען הייזעריק געוואָרן פון רופן, האָט ער איר אין שפּאַס פאָרגעוואָרפן, אַלמאַי זי גייט נישט אין קירך. זי האָט געענטפערט מיטן זעלבן טאָן, אַז נאָר די מעסע-תפילה איז אַ חוב, אָבער די אָוונט-תפילה נישט: ס׳איז איבעריק דעריבער, און אפילו נישט דיסקרעט, איבערצוטרייבן מיט דער פרומקייט; און זי איז גענויגט צו טראַכטן, אַז אָנשטאָט צו ווערן בייז, וועט עס איר גאָט פאַררעכענען פאַר אַ מצוה.

— איר שטעלט זיך פאָר גאָט לויט אייער געשטאַלט, — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— ס׳וואָלט מיר זייער לאַנגווייליק געווען, ווען איך בין אויף זיין אָרט! — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיכערן טאָן.

— ווען איר זענט אויף זיין אָרט, וואָלט איר זיך מסתמא נישט פאַרנומען מיט דער וועלט.

— איך וואָלט בלויז פון איר פאַרלאַנגט, זי זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט מיר.

— דאָס וואָלט גראָד נישט געווען אַזאַ בייז, — האָט געזאָגט קריסטאָף.

— שאַ! — האָט אויסגעשריען סאַבינע — מיר רעדן לעסטערלייד.

— ס׳איז נישט קיין לעסטערונג, ווען איך זאָג, אַז גאָט איז ענלעך צו אייך. איך בין זיכער, אַז ער איז צופרידן דערמיט.

— שווייגט שוין! — האָט סאַבינע געזאָגט האַלב אין אַ געלעכטער, האַלב אין כעס. זי האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן, גאָט זאָל נישט אַריינפאַלן אין צאָרן. זי האָט זיך געאיילט איבערצוטראָגן דעם שמועס אויף אַן אַנדערער זאַך.

— און אויסערדעם, — האָט זי געזאָגט — איז עס דער איינציקער מאָמענט אין דער וואָך, ווען מ׳קאָן הנאה האָבן פון דער שטילקייט אין גאָרטן.

— יאָ, — האָט קריסטאָף געענטפערט — זיי זענען נישטאָ.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט.

— ס׳אַראַ שטילקייט! — האָט זיך אָנגערופן סאַבינע — מיר זענען דערצו נישט געוווינט... מ׳ווייסט נישט, ווו מ׳איז איצט אין דער וועלט...

— אָ! — האָט קריסטאָף פּלוצלינג אויסגעשריען מיט צאָרן — עס טרעפן טעג, ווען כ׳האָב זי חשק צו דערשטיקן.

ס׳איז געווען איבעריק צו דערקלערן, וועמען ער מיינט.

— און די איבעריקע? — האָט סאַבינע פריילעך געפרעגט.

— אמת, — האָט קריסטאָף אָן מוט געענטפערט — ס׳איז נאָך דאָ רעזע.

— אָרעם מיידל! — האָט סאַבינע געזאָגט.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

— ווען ס'זאָל שטענדיק זיין אַזוי, ווי איצט! — האָט קריסטאָף אַ זיפץ געטון.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע לאַכעדיקע אויגן, דערנאָך זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט. ער האָט באַמערקט, אַז זי אַרבעט.

— וואָס טוט איר? — האָט ער אַ פרעג געטון.

(ער איז געווען אָפּגעטיילט פון איר מיט אַ פאָרהאַנג פון טרעסטענעס, וואָס איז געהאָנגען צווישןביידע גערטנער.)

— איר זעט דאָך, — האָט זי געזאָגט, אויפהויבנדיק אַ שיסל, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף די קני — איך שייל אַרבעס.

זי האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— אָבער ס'איז דאָך נישט קיין בייז! — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט.

— אָ! — האָט זי געענטפערט — מ'קאָן שטאַרבן, ווען מ'איז כסדר פאַרנומען מיטן זעלבן מיטאָג.

— איך קאָן זיך וועטן — האָט ער געזאָגט — אַז ווען ס'איז מעגלעך, וואָלט איר מוחל געווען דעם מיטאָג, אַבי נישט דאַרפן זיך מטריח צו זיין און אים צוגרייטן.

— זיכער! — האָט זי אויסגעשריען.

— וואַרט! איך וועל אייך העלפן.

זי איז געזעסן אויף אַ שטול, ביים אַריינגאַנג פון איר דירה. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּ צופוסנס. פון די צעקנאָ־דערטע פאַלדן פון איר קלייד אויפן לייב, האָט ער גענומען אַ פולע האַנט מיט גרינע סטרוטשקעס, און געוואָרפן די קליינע, רונדע אַר־בעסלעך אין שיסל אַריין, וואָס איז געלעגן אויף סאַבינעס קני. ער האָט געקוקט אויף דר'ערד. ער האָט געזען סאַבינעס שוואַרצע זאָקן, וואָס האָבן פאַרדעקט אירע קנעכל און פיס; איין פוס איז געווען האַלב אַרויסגעשטעקט פון שוך. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אויפ־צוהויבן אויף איר די אויגן.

די לופט איז געווען שווער. דער הימל זייער ווייס, נידעריק, אָן אַן אָטעם, קיין בלאַט האָט זיך קיין ריר נישט געטון. דער גאָרטן איז געווען אַרומגעצוימט מיט הויכע מויערן: די וועלט האָט זיך גע־ענדיקט.

דאָס קינד איז אַוועק מיט אַ שכנה. זיי זענען געווען אַליין. זיי האָבן נישט גערעדט. נישט געקאָנט רעדן. נישט קוקנדיק אויף

איר, האָט ער גענומען פון אירע קני נאָך אַ הויפן קליינע סטרוטשקעס; זיינע פינגער האָבן געציטערט אָנרירנדיק סאַבינען: זיי האָבן זיך צווישן די פייכטע, גלאַטע אַרבעס געטראָפן מיט סאַבינעס פינגער, וואָס האָבן אויך געציטערט. זיי האָבן מער נישט געקאָנט אַרבעטן. זיי זענען געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, נישט געקוקט איינער אויפן צווייטן: זי — אָנגעשפּאַרט אָן שטול, מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל און אַראָפּהענגענדיקע אָרעמס; ער — אַרום אירע פיס, אָנגעשפּאַרט אָן איר; ער האָט געפילט לענג־אויס זיין אַקסל און אָרעם די וואַרעמקייט פון סאַבינעס פוס. זיי האָבן שווער געאָטעמט. קריסטאָף האָט צוגעדריקט זיינע הענט צום שטיין, כדי זיי אָפּצוקילן: איין האַנט האָט אָנגערירט סאַבינעס פוס, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון שוך, און איז געבליבן ליגן אויפן פוס, נישט קאָנענדיק זיך אָפּרייסן. אַ שוידער איז זיי אַדורך איבערן לייב. ס'האָט זיי כמעט געשווינדלט אין די קעפּ. קריסטאָפס האַנט האָט געדריקט די קליינע פינגער פון סאַבינעס פוס. סאַבינע, פייכט פון שווייס און פאַרגליווערט, האָט זיך צוגעבויגן צו קריסטאָפן...

באַקאַנטע שטימען האָבן זיי אויפגעוועקט פון דעם שיכּרות. זיי האָבן אַ ציטער געגעבן. קריסטאָף האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטון פון אָרט און אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּלויט. סאַבינע האָט צונויפגענומען דעם אָפּפאַל אין איר קלייד און אַוועק אַהיים. פון הויף האָט זי אַ קוק געטון הינטער זיך. זי איז געווען אויף דער שוועל. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. קליינע רעגן־טראָפּנס האָבן גענומען קלינגען אין די בלעטער פון די ביימער... זי האָט פאַרמאַכט די טיר. עס זענען אַריינגעקומען מאַדאַם פאָגעל מיט ראָזען... ער איז אַרויף צו זיך...

ווען דער געלבלעכער טאָג, צעווייקט אינם שלאַקס־רעגן איז אויסגעגאַנגען, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש, געטריבן פון אַ שטאַרקן אימפּולס; ער איז צוגעלאָפן צום פאַרמאַכטן פענסטער און האָט אויסגעצויגן די אָרעמס צום פענסטער וואָס אַנטקעגנאיבער. אין דער רגע האָט ער דערזען, געגלויבט, אַז ער זעט, ווי אינם פענסטער אַנטקעגנאיבער, הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס, אינם האַלב־חושך פון צימער, האָט סאַבינע אויסגעצויגן צו אים די אָרעמס.

ער איז גיך אַרויס פון צימער. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ. ער איז צוגעלאָפן צום פּלויט פון גאָרטן. אין דער סכּנה צו ווערן באַ-

מערקט, האָט ער געוואָלט אַריבערשפּרינגען, נאָר ווען ער האָט דערזען דאָס פֿענסטער, ווו זי האָט זיך געהאַט באַוויזן, האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז די לאָדנס זענען פֿאַרמאַכֿט. ס׳האָט זיך געדאַכֿט, אַז די שטוב איז איינגעשלאָפֿן. ער האָט זיך געקווענקלט, צי זאָל ער גיין ווייטער. דער אַלטער איילער, וואָס איז געגאַנגען צו זיך אין קעלער, האָט אים באַמערקט און אַ רוף געטון. ער איז געגאַנגען צוריק. ס׳האָט זיך אים געדאַכֿט, אַז ס׳איז געווען אַ חלום.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, און ראָזע האָט באַמערקט, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. זי האָט קיינעם נישט חושד געווען, און זי האָט נאָך נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז קנאה. זי איז גרייט געווען אַלץ מקריב צו זיין און נישט געפֿאָדערט דערפֿאַר קיין שום באַלוינונג. נאָר אויב זי האָט שלום געמאַכֿט מיטן טרויעריקן געדאַנק, אַז קריסטאָף האָט זי נישט ליב, איז איר אָבער קיינמאָל אויפֿן רעיון נישט אַרויף די מעגלעכֿקייט, אַז ער זאָל ליב האָבן אַ צווייטע.

איינמאָל אין אַן אָוונט, נאָכֿן עסן, האָט זי זיך גענומען צו פֿאַרענדיקן אַ לאַנגווייליקע שטיקעריי־אַרבעט, ביי וועלכֿער זי איז שוין פֿאַרנומען געווען חדשים לאַנג. זי האָט זיך געפֿילט גליקלעך, און געהאַט חשק כֿאָטש איין מאָל צו באַפֿרייען זיך אַ ביסל, כּדי צו כֿאַפּן אַ שמועס מיט קריסטאָפֿן. זי האָט אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען די מאַמע האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, און זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט פֿונם צימער. זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פֿון שטוב, ווי אַ חדר־יינגל, וואָס איז באַגאַנגען אַן עוולה. זי האָט זיך געפֿרייט, וואָס זי וועט קאָנען זיך רייצן מיט קריסטאָפֿן, ווייל ער האָט איר מיט פֿאַראַכֿטונג געהאַט געזאָגט, אַז זי וועט קיינמאָל פֿון דער אַרבעט נישט אַרויסקריכֿן. ס׳האָט איר הנאה געטון, וואָס זי וועט אים איבערראַשן. עס מאַכֿט נישט אויס, וואָס דאָס אָרעמע מיידל האָט געוווּסט, ווי נישט גינסטיק עס זענען צו איר קריסטאָפֿס געפֿילן; זי איז שטענדיק גרייט געווען מוותּר צו זיין אויפֿן פֿאַרגעניגן, וואָס זי פֿאַרשאַפֿט אַנדערע מיט איר געזעלשאַפֿט, אויב נאָר זי אַליין איז צופֿרידן געווען יענעם צו טרעפֿן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען. ווי שטענדיק זענען פאַר דער טיר גע־זעסן קריסטאָף און סאַבינע. דאָס האַרץ איז ראָזען איינגעפאַלן. פונ־דעסטוועגן איז זי צוליב דעם זינלאָזן געפיל נישט געבליבן שטיין און זי האָט פריילעך אַ רוף געטון קריסטאָפן. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט דער רעש פון איר שאַרפער שטים געמאַכט אויף קריסטאָפן אַן איינדרוק פון אַ פאַלשן טאָן. ער האָט אַ ציטער געטון אויף זיין שטול און זיך פאַרקרימט פון כּעס. ראָזע האָט אים מיט נצחון צוגעטראָגן די געשטיקטע אַרבעט צו זיין נאָז. קריסטאָף האָט זי אָפּגעשטופּט אומגעדולדיק.

— כ׳האָב געענדיקט, געענדיקט! — האָט ראָזע געטענהט.

— איז גוט, הויבט אָן אַ צווייטע, — האָט קריסטאָף טרוקן אַ זאָג געטון.

ראָזע איז צעטומלט געוואָרן. די גאַנצע פרייד איז איר פאַר־שטערט געוואָרן.

קריסטאָף האָט ווייטער גערעדט מיט אכזריות:

— און ווען איר וועט פאַרטיק מאַכן דרייסיק אַזעלכע אַרבעטן, ווען איר וועט אַלט ווערן, וועט איר לכּל הפּחות קאָנען זאָגן, אַז איר האָט נישט פאַרלוירן אייער לעבן לאיבוד!

ראָזע האָט געהאַלטן ביים וויינען:

— גאָט מיינער! ס׳אַראַ רשע איר זענט, קריסטאָף! — האָט זי געזאָגט.

קריסטאָף האָט זיך פאַרשעמט און געזאָגט איר עטלעכע פריינד־לעכע ווערטער. זי איז צופרידן געווען מיט דעם ביסעלע גוטסקייט, און ווידער געוווּנען דעם בטחון; זי האָט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו פּלוידערן: זי האָט בטבע נישט געקאָנט רעדן שטיל און געשריען אויפן גאַנצן קול, לויטן מנהג פון דער שטוב. נישט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען, האָט קריסטאָף נישט געקאָנט פאַרהוילן זיין שלעכ־טע שטימונג. לכתּחילה האָט ער איר געענטפערט עטלעכע בייזע ווערטער; דערנאָך אינגאַנצן נישט געענטפערט, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן און געוויגט זיך אויפן שטול און געקריצט מיט די ציין אויף ראָזעס גריילצנדיקער שטים. ראָזע האָט געזען, אַז זי רעגט אים אויף; זי האָט געוווּסט, אַז ס׳איז גליייכער צו שווייגן; און דאָך האָט זי ווײ־טער גערעדט. עטלעכע טריט פון זיי, אין שאָטן, האָט סאַבינע, אַ שווייגנדיקע, בייגעוווינט די סצענע מיט אַן איראָנישער רויקייט. דער־

נאָך איז זי מיד געוואָרן, געפילט, אַז דער אָוונט איז אַ פאַרלוירענער. זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען. קריסטאָף האָט באַמערקט איר פאַרשווינדן ערשט דעמאָלט, ווען זי איז שוין נישט געווען. ער האָט זיך אויך אויפגעהויבן און נישט איבערבעטנדיק ראָזען איז ער אַוועק צו זיך מיט אַ טרוקענער „גוטע נאַכט“.

ראָזע איז אַליין געבליבן אין גאַס; אַ געקרענקטע, האָט זי גע־קוקט אויף דער טיר, ווו ער איז אַריינגעגאַנגען. זי איז שנעל אַריין אין שטוב, אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין צימער אָן אַ גערויש, כּדי צו פאַרשפּאָרן רעדן מיט דער מאַמע, זי האָט זיך האַסטיק אויסגעטון, און ווי נאָר זי איז אַריין אין בעט, האָט זי זיך איינגעגנורעט אין דער קאָלדרע און זיך צעכליפּעט. זי האָט געפּרוווט נישט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען; זי האָט זיך נישט געפרעגט, צי קריסטאָף האָט ליב סאַבינען, צי קריסטאָף און סאַבינע קאָנען זי נישט ליידן; זי האָט נאָר געוווסט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, אַז דאָס לעבן האָט שוין פאַר איר מער קיין זין נישט, אַז עס בלייבט איר נאָר צו שטאַרבן.

צומאָרגנס אינדערפרי איז צוזאַמען מיטן געדאַנק וועגן דאָס גע־שעענע געקומען צוריק אויך די אייביקע, גענאַרערישע האָפנונג. באַ־טראַכטנדיק די פּאַסירונגען פון נעכטן, האָט זי זיך איינגערעדט, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט און איבערגעטריבן זייער באַטייט. קריסטאָף האָט זי געוויס נישט ליב געהאַט; זי האָט מיט אָט דעם געדאַנק שלום געמאַכט און באַהאַלטן אים טיף אין האַרצן, אַז סוף־כּל־סוף וועט דער כּוח פון איר ליבע ווירקן, אַז ער וועט זי ליב באַקומען. אָבער פון וואַנען נעמט זי עס, אַז צווישן סאַבינען מיט אים קומט עפּעס פאָר? ווי וואָלט ער, אַזאַ קלוגער ווי ער איז, געקאָנט ליב קריגן אָט די קליינע פּרוי, וואָס איר נישטיקייט און מינדערווערטיקייט רייסן ממש די אויגן? זי האָט זיך געפילט באַרויקט, — און דאָך נישט אויפ־געהערט נאָכצוקוקן קריסטאָפן אויף טריט און שריט. זי האָט א־ן משך פון גאַנצע טעג גאָרנישט נישט געזען, ווייל ס'איז פּשוט נישט געווען וואָס צו זען; קריסטאָף אָבער האָט באַמערקט, ווי זי דרייט זיך אַ־ום אַ גאַנצן טאָג אַרום אים אָן אַ שום סיבה, און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקן צאָרן. ער איז אַרויס פון די כּלים, ווען זי האָט אין אָוונט זיך ווידער באַוויזן און אַנטשלאָסן זיך געזעצט אין דער זייט פון גאַס. ס'האָט זיך איבערגעחזרט די נעכטיקע סצענע: ראָזע האָט

אַליין גערעדט. אָבער סאַבינע האָט שוין דאָסמאָל נישט געוואַרט אַזוי לאַנג און איז באַלד אַריין אין שטוב; קריסטאָף האָט געטון דאָס אייגענע. ראָזע האָט שוין איצט נישט געקאָנט צווייפלען, אַז איר גע־זעלשאַפט איז זיי צו לאַסט; אָבער דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט זיך געפּרוווט נאַרן. זי האָט נישט באַמערקט, אַז מיט דעם, וואָס זי וואַרפט זיי אָן איר געזעלשאַפט, מאַכט זי זיך נאָר ערגער; און מיט איר שטענדיקער אומגעשיקטקייט האָט זי געטון דאָס אייגענע אויך אין די וויטערדיקע טעג.

צומאָרגנס האָט קריסטאָף, אין ראָזעס געזעלשאַפט, אומזיסט גע־וואַרט, סאַבינע זאָל זיך ווייזן.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט זיך שוין ראָזע געפונען אַליין. זיי האָבן אויפגעגעבן דעם קאַמף. נאָר זי האָט דערמיט געוווּנען בלויז קריסטאָפס צאָרן; ער איז געווען משוגע פון כּעס, וואָס מ׳האָט ביי אים צוגענומען די טייערע אָוונטן, דאָס איינציקע גליק זיינס. ער האָט עס איר נישט געקאָנט מוחל זיין, בפרט וואָס ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט די אייגענע געפילן, און ער האָט זיך לחלוטין נישט געגעבן קיין מי צו דערגיין ראָזעס ליידן.

סאַבינע אָבער האָט זיי שוין געקענט פון לאַנג; זי האָט געוווּסט, אַז ראָזע איז אייפערזיכטיק, נאָך איידער זי איז דערגאַנגען, אַז זי איז אַליין פאַרליבט; נאָר זי האָט נישט גערעדט גאָרנישט; און מיט דער נאַטירלעכער אכזריות פון אַ יונגער פרוי, וואָס איז זיכער אין איר נצחון, האָט זי שווייגנדיק און מיט שפּאָט בייגעוווינט די אומ־זיסטע מאַטערנישן פון איר שלימזלדיקער קעגנערין.

*

ראָזע איז געבליבן אַליין אויפן שלאַכט־פעלד און מיט ווייטיק באַטראַכט דעם אויסגאַנג פון איר טאַקטיק. צום בעסטן וואָלט פאַר איר געווען נישט צו זיין איינגעעקשנט און לאָזן קריסטאָפן צו רו, לפּחות אויף אַ צייט: נאָר זי האָט עס נישט געטון; און אַזוי־ווי דאָס ערגסטע, וואָס זי האָט געקאָנט טון, איז געווען צו רעדן וועגן סאַבי־נען, האָט זי דווקא אויסגעקליבן אָט דעם וועג.

מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, כּדי זיך צו דערוויסן קריסטאָפס מחשבות,

האָט זי שעמעוודיק געזאָגט, אַז סאַבינע איז שיין. קריסטאָף האָט טרוקן געענטפערט, אַז זי איז זייער שיין. און הגם ראָזע האָט זיך געריכט אויף אַזאַ תשובה, האָט זי דאָך דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן, ווען זי האָט עס דערהערט. זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז סאַבינע איז שיין; נאָר קיינמאָל האָט זי אויף דעם קיין אַכט נישט געלעגט; צום ערשטן מאָל האָט זי אַ קוק געטון אויף איר מיט קריסטאָפס אויגן; זי האָט געזען אירע פיינע שטריכן, איר נעזל, איר קלייִנעם מויל, איר קערפּערל, אירע באַחנטע באַוועגונגען... אַך, ס׳אַראַ ווייטאָק!... וואָס וואָלט זי נישט אַוועקגעגעבן, צו זיין אין איר קערפּער! זי האָט צו גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מ׳האָלט סאַבינעס אויסזען שענער, ווי אירן!... מיט וואָס האָט זי זיך פאַרזינדיקט, וואָס זי האָט אַזאַ קערפּער? ווי עקלדיק ער איז איר! ווי מיאוס ער זעט איר אויס! זי פילט צו אים אַן עקל. זי האָט אַ טראַכט געטון, אַז נאָר דער טויט קאָן זי פון אים באַפרייען!... זי איז געווען צו שטאָלץ און דאָסמאָל צו שטאַרק געפאַלן ביי זיך, זי זאָל זיך פאַר עמעצן באַקלאָגן, וואָס ער האָט זי נישט ליב: זי האָט דערויף קיין שום רעכט נישט געהאַט און זי האָט געזוכט סיבות נאָך מער זיך צו דערנידעריקן. אָבער איר אינסטינקט האָט זיך געוועהרט... ניין, ס׳איז נישט יושרדיק!... פאַרוואָס געהערט אָט דער קערפּער צו איר, צו איר און נישט צו סאַבינען?... און פאַרוואָס האָט מען סאַבינען ליב? מיט וואָס האָט זי עס זוכה געווען?... ראָזע האָט זי געזען אָן אַ שום שלייער: אַ פוילע, אָפּגעלאָזענע, עגאָאיסטישע פרוי, וואָס איז צו אַלעמען גלייכגילטיק, וואָס פאַרנעמט זיך נישט מיט דער שטוב, נישט מיטן קינד, נישט מיט קיין שום אַנדערער זאַך; וואָס האָט קיינעם נישט ליב, וואָס לעבט נאָר, כדי צו שלאָפן און אַרומצודרייען זיך און צו זיצן מיט פאַרלעגטע הענט... און דווקא דאָס איז לייטן געפעלן... דאָס איז געפעלן קריסטאָפן... קריסטאָף, וואָס איז אַזוי ערנסט, קריסטאָף, וואָס קאָן משפטן אַ מענטשן, קריסטאָף, וועלכן זי שעצט און באַוווּנדערט מער, ווי אַלעמען! אוי, ס׳איז צו אומגערעכט! ס׳איז אויך צו נאַריש!... ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס קריסטאָף באַמערקט עס נישט? — זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, נישט אַריינצווואַרפן פון צייט צו צייט אַן אומפריינדלעכע באַמערקונג קעגן סאַבינען. זי האָט עס נישט געוואָלט טון, ס׳איז אָבער געווען איבער אירע כוחות. זי האָט נאָכדעם שטענדיק חרטה געהאַט, ווייל זי איז געווען אַ גוטע און נישט ליב געהאַט

צו רעדן וועגן עמעצן שלעכטס. אָבער נאָכמער האָט זי חרטה געהאַט דערפאַר, וואָס זי האָט אַרויסגערופן אכזריותדיקע ענטפערן, וואָס האָבן איר באַוויזן, ווי שטאַרק קריסטאָף איז פאַרליבט. ער האָט זי איצט נישט געשוינט. באַליידיקט אין זיין ליבע־געפיל, האָט ער געזוכט צו באַליידיקן יענעם, און ס'האָט זיך אים איינגעגעבן. ראָזע פלעגט נישט ענטפערן; זי פלעגט אַוועקגיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צונויפגעפרעסט די ליפּן, כּדי נישט צעוויינען זיך. זי האָט געטראַכט, אַז ס'איז איר אייגענע שולד, אַז זי באַקומט דאָס, וואָס זי פאַרדינט, ווייל זי האָט קריסטאָפן פאַרשאַפט צער, אָנגרייפנדיק די, וועלכע ער האָט ליב.

איר מוטער איז אָבער נישט געווען אַזוי געדולדיק ווי זי. מאַדאַם פאָגעל האָט אַלץ צוגעזען און נישט פאַרזאַמט צו באַמערקן, אַזוי גוט ווי דער אַלטער איילער, די שמועסן צווישן קריסטאָפן און זיין יונגער שכנה: ס'איז נישט שווער געווען צו טרעפן, אַז דאָ וועבט זיך אַ ראָמאַן. פון די פּלענער, וואָס זי האָט געהיים געבויט, חתונה צו מאַכן אין דער נאָענטסטער צייט ראָזען מיט קריסטאָפן, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם; און איר האָט זיך געדאַכט, אַז פון קריסטאָפס זייט איז עס אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, הגם ער איז נישט מחויב געווען צו וויסן, אַז מ'האָט פאַרמשפּט זיין גורל אָן זיין וויסן. אָבער אַמאַליעס דעספּאָטיזם האָט נישט צוגעלאָזן, אַז מ'זאָל טראַכטן אַנדערש, ווי זי; און ס'איז אויסגעקומען אין אירע אויגן אַ סקאַנדאַל, וואָס קריסטאָף איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער מיינונג, וואָס זי האָט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעזאָגט וועגן סאַבינען.

זי האָט זיך נישט געשעמט איבערצוחזרן פאַר אים איר מיינונג. יעדעס מאָל, ווען ער איז ביי זיי געווען, האָט זי געפונען אַן אויסרייד אָנצוהייבן שמועסן וועגן דער שכנה; זי האָט אויסגעזוכט זאַכן, וואָס האָבן צום שטאַרקסטן אים וויי געטון און געקאָנט אים אָנרירן; און מיט אַ פּשוטן קוק און גראָבן לשון איז נישט שווער געווען אויסצוגעפינען אַזעלכע חסרונות אין סאַבינען. דער אור־אינסטינקט פון דער פרוי, וואָס איז שטאַרקער פון מאַנס אינסטינקט צו טון שלעכטס אָדער גוטס, האָט זי געטריבן אָפּצושטעלן זיך ווייניקער אויף סאַבינעס פוילקייט און מאָראַלישע חסרונות, — און מער אויף איר שמוציקייט. אַמאַליעס אומדיסקרעטע, נאָכשפּירנדיק אויג האָט אויסגעפונען דערויף באַווייזן, וואָס זי האָט געזען דורך די שויבן ביז טיף אין צימער, אין די סודות פון סאַבינעס טואַלעט; און זי האָט עס אויסגערעכנט

מיט אַ גראָבער הנאה. ווען זי האָט, צוליב צניעות, נישט געקאָנט אַלץ אַרויסזאָגן, האָט זי עס געגעבן אָנצוהערן דורך רמזים.

קריסטאָף איז בלייך געוואָרן פון שעמעוודיקייט און כעס; ער איז געוואָרן ווייס ווי לייוונט, און זיינע ליפּן האָבן געציטערט. ראָזע האָט פאַרגעזן, אַז עפּעס וועט דאָ באַלד געשען, און זי האָט זיך געבעטן ביי דער מוטער צו מאַכן אַ סוף; זי האָט אפילו געפּרוווט פאַרטיידיקן סאַבינען. זי האָט אָבער אויסגעפירט, אַז אַמאַליע איז געוואָרן נאָך שאַרפער.

פלוצלינג האָט זיך קריסטאָף אַ הויב געטון פון שטול. ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש און געגומען שרייען, אַז ס׳איז אַ חרפה און אַ שאַנד צו רעדן אַזוי וועגן אַ פרוי, אַריינצוקוקן צו איר און אויסצורעכענען אירע חסרונות; מ׳דאַרף זיין אַ רשע אָנצופאַלן אויף אַ גוטן, ליבן, רויקן מענטשן, וואָס לעבט איינזאַם, וואָס טוט קיינעם קיין שלעכטס נישט, וואָס זאָגט קיינעם קיין בייז וואָרט נישט. נאָר זיי האָבן אַ טעות, אויב זיי מיינען, אַז דערמיט וועלן זיי זי מיאוסער מאַכן: זיי וועלן נאָר אויספירן, אַז זי וועט ווערן סימפּאַטישער, און איר גוטסקייט וועט נאָך בולטער ווערן.

אַמאַליע האָט זיך געכאַפּט, אַז זי איז צו וויט אַוועק; אָבער זי האָט זיך געפילט געטראָפן פון זיין מוסר; און אַריבערטראָגנדיק דעם שמועס אויף אַן אַנדער געביט, האָט זי געזאָגט, אַז ס׳איז גאַנץ לייכט צו רעדן פון גוטסקייט: מיט דעם וואָרט קאָן מען געפינען אַ זכות אויף אַלץ. אוודאי! ס׳איז גאַנץ באַקוועם צו באַווייזן זיך פאַר אַ גוטן, ווען מ׳פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין שום זאַך, מיט קיין שום מענטש נישט, און מ׳דערפילט נישט די אייגענע פליכטן!

דערויף האָט קריסטאָף געענטפערט, אַז די ערשטע פליכט איז צו פאַרזיסן יענעם דאָס לעבן, אָבער עס זענען דאָ מענטשן, וואָס האַלטן פאַר זייער חוב צו טון נאָר דאָס, וואָס איז מיאוס, ווייטאָגדיק, לאַנגווייליק, וואָס שטערט יענעם די פרייהייט, וואָס מאַטערט און באַליידיקט דעם שכן, די אייגענע, די פאַמיליע און זיך אַליין. זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן פון אַזעלכע מענטשן און פון אַזאַ מין פליכט, ווי פון אַ מגפה!...

דער וויכוח איז געוואָרן נאָך מער פאַרביטערט. אַמאַליע איז געוואָרן נאָך שאַרפער. קריסטאָף איז איר נישט געבליבן שולדיק, — און דער גלייכסטער אויסגאַנג דערפון איז געווען, אַז קריסטאָף האָט

אָ געהויבן צו באַווייזן זיך שטענדיק צוזאַמען מיט סאַבינען. ער האָט געקלאַפּט אין איר טיר. ער האָט פריילעך גערעדט און געלאַכט מיט איר. ער האָט אויסגעקליבן דערצו דווקא אַזעלכע מאָמענטן, ווען אַמאַליע און ראָזע האָבן אים געקאָנט זען. אַמאַליע האָט זיך נוקם געווען מיט בייזע ווערטער. נאָר דער תמימותדיקער ראָזען האָט דאָס האַרץ ווי געטון פון דער ראַפינירטער אכזריות; זי האָט געפילט אַז ער האָט זי פיינט, אַז ער וויל זיך נוקם זיין; און זי האָט ביטער געוויינט.

קריסטאָף, וואָס האָט אַזוי אָפט געליטן פון מענטשלעכער רשעות, האָט זיך אויסגעלערנט אויף אַזאַ אומגערעכטן אופן אָנצוטון יסורים אַנדערע.

אין אַ צייט אַרום האָט סאַבינעס ברודער, אַ מילנער פון לאַנ-דעג, — אַ שטעטל עטלעכע מייל פון דער שטאָט — געפּייערט דעם טויף-יום-טוב פון אַ ייִנגל. סאַבינע איז געווען די טויף-מוטער. זי האָט איינגעלאַדן קריסטאָפן. ער האָט נישט ליב געהאַט די פייערונגען; אָבער צוליב דעם פאַרגעניגן צו דערגיין די פּאָגעלס די יאָרן און צו פאַרברענגען מיט סאַבינען, האָט ער מסכים געווען.

סאַבינע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון דער בייזוויליקער הנאה איינצולאַדן אַמאַליען און ראָזען, זי איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך אָפּזאָגן. זיי האָבן עס, נאַטירלעך, געטון. ראָזע האָט ממש געהלשט אָנצונעמען די איינלאַדונג. זי האָט נישט פיינט געהאַט סאַ-בינען, זי האָט אפילו אָפטמאָל געפילט צו איר אַ שטאַרקע צערטלעכ-קייט, ווייל קריסטאָף האָט זי ליב געהאַט; זי האָט חשק געהאַט זיך דורכצושמועסן מיט איר, צו פאַלן איר אויפן האַלז. אָבער די מוטער איז געווען דערביי, און זי האָט איר געמוזט נאָכטון. שפּעטער, ווען סאַבינע און קריסטאָף זענען אַוועקגעפאָרן און זי האָט אַ טראַכט גע-טון, אַז זיי זענען איצט צוזאַמען, אַז זיי זענען גליקלעך און אַז זיי שפּאַצירן מסתמא אין דער רגע איבער פעלדער אינם שיינעם יולי-טאָג, בעת זי זיצט פאַרשפּאַרט מיט דער שעלטנדיקער מאַמע אין צימער, מיט אַ פּאַק-וועש צו פאַריכטן, — האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי ווערט

דערשטיקט; זי האָט פאַרשאָלטן איר אייגנליבע. אַך, אפשר איז נאָך צייט?... ווען ס'וואָלט נאָך צייט געווען, אוי, — וואָלט זי סיי-ווי-סיי נישט אַנדערש געהאַנדלט...

דער מילנער האָט אַרויסגעשיקט זיין וועגעלע צו ברענגען קרי־סטאָפן און סאַבינען. אין וועג, פאַרבייפאָרנדיק, האָבן זיי מיטגענומען נאָך עטלעכע געסט. די לופט איז געווען פריש און טרוקן. די העלע זון האָט געגלאַנצט אויף די רויטע קאַלינעס ביים וועג און אויף די קאַרשן-ביימער אין די פעלדער. סאַבינע האָט געשמייכלט. איר בלייך פנים האָט זיך פאַרויטלט פון פרישער לופט. קריסטאָף האָט געהאַלטן איר טעכטערל אויף די קני. זיי האָבן נישט געזוכט קיין געלעגנהייט צו רעדן, זיי האָבן געשמועסט מיט די שכנים, נישט ווילנדיק מיט וועמען און וועגן וואָס: זיי זענען געווען צופרידן צו הערן איינער דעם אַנדערנס שטים, זיי זענען געווען גליקלעך צו פאָרן אין איין וועגעלע. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט קינדערשער פרייד, אָנווייזנ־דיק אויף יעדער שטוב, יעדן בוים, יעדן דורכגייער. סאַבינע האָט ליב געהאַט דאָס פעלד, אָבער זי איז קיינמאָל אַהין נישט געגאַנגען: איר עקשנותדיקע פוילקייט האָט זי אָפּגעהאַלטן פון שפּאַציר; אַ יאָר צייט איז זי כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, און דערפאַר האָט זי זיך געפרייט מיט יעדער קלייניקייט, וואָס זי האָט געזען אין וועג. די אַלע זאַכן זענען פאַר קריסטאָפן נישט געווען קיין נאָווינע; אָבער ער האָט ליב געהאַט סאַבינען, און ווי אַלע פאַרליבטע געקוקט מיט אירע אויגן, געפילט יעדן הנאה-ציטער, און איר אַנטציקונג איז ביי אים אַריבער אין התפּעלות: ווייל בעת מ'שמעלצט זיך צונויף מיט דער געליבטער, זעט מען אין איר די אייגענע נשמה.

זיי זענען אָנגעקומען אין מיל און געטראָפן אַ פולן הויף מיט מענטשן פונם גוט און אַנדערע געסט, וואָס האָבן זיי מקבל פנים גע־ווען מיט אַ רווישנדיקן טומל. די הענער, גענז און הינט האָבן זיי באַגריסט אין אַ כאָר. דער מילנער בערטאָלד, אַ בלאָנדהאָריקער יונג, מיט אַ פּירקאַנטיקן קאָפּ און אַקסלען, פונקט אַזוי דיק און גרויס, ווי סאַבינע קליין און צאַרט, האָט אויפגעהויבן זיין קליינע שוועסטער אין די אָרעמס און זי פאָרזיכטיק אַראָפּגעלאָזן אויף דר'ערד, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, זי זאָל, חלילה, נישט צעבראָכן ווערן. קריסטאָף האָט באַלד באַמערקט, אַז די קליינע שוועסטער טוט, לויט איר שטייגער, וואָס איר האַרץ גלוסט מיטן דאָזיקן ריז, און הגם

דער ברודער האָט אומגעשיקט חוזק געמאַכט פון אירע קאַפּריזן, פּוילקייט און טויזנט אַנדערע חסרונות, וואָלט ער דאָך געקושט איר־רע פּיס, ווי אַ קנעכט. זי איז דערצו געוווינט געווען און געהאַלטן עס פּאַר נאַטירלעך. זי האָט בכלל געהאַלטן יעדע זאַך פּאַר נאַטירלעך און קיינמאָל נישט נתפּעל געוואָרן. זי האָט גאָרנישט נישט געטון, מ'זאָל זי ליב באַקומען: ס'איז ביי איר אויסגעקומען גאַנץ איינפאַך, וואָס עס איז אַזוי; און ווען ס'זאָל זיין פאַרקערט, וואָלט זי זיך אויך צום האַרצן נישט גענומען,—דערפאַר טאַקע האָבן זי אַלע ליב געהאַט.

קריסטאָף האָט זיך דערוווּסט נאָך אַ זאַך, וואָס האָט אים ווייטיקער הנאָה געטון. דהיינו: די טויף־פּייערונג פאָדערט נישט נאָר אַ טויף־מוטער, נאָר אויך אַ טויף־פאָטער, און אַז דער לעצטער האָט אויף דער טויף־מוטער געוויסע רעכט, פון וועלכע ער זאָגט זיך נישט אָפּ, בפרט ווען זי איז יונג און שיין. ער האָט עס פּלוצלינג באַמערקט, בעת אַ פּערמער, מיט בלאָנד־געקרייזלטע האָר און רינגען אין די אויערן, איז לאַכנדיק צוגעגאַנגען צו סאַבינען און זי אַ קוש געטון אין ביידע באַקן. אָנשטאָט זיך מודה צו זיין, אַז ער איז אַ גרויסער נאַר, וואָס האָט פאַרגעסן דעם מנהג, און נאָך אַ גרעסערער נאַר, וואָס ער נעמט זיך עס צום האַרצן,—איז קריסטאָף גאָר בייז געוואָרן אויף סאַבינען, פּונקט ווי זי וואָלט אים בכיוון אַריינגעשלעפּט אין אַ נעץ. זיין שלעכטע שטימונג האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט, ווען ער האָט זיך דערזען אָפּגעזונדערט פון איר אין משך פון דער צערעמאָניע. סאַבינע האָט זיך פון צייט צו צייט אומגעקוקט און געוואָרפן אויף אים אַ פריינדלעכן בליק. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער זעט זי נישט. זי האָט געפילט, אַז ער האָט פאַרדרוס, און געוווּסט פאַרוואָס; אָבער ס'האָט זי נישט באַאומרויקט: זי האָט זיך דערמיט געוויילט. ווען זי וואָלט זיך באמת צעקריגט מיט איר געליבטן, וואָלט זי זיך קיינמאָל נישט מטריח געווען אויפצוקלערן דעם סכסוך: ס'וואָלט געפאָדערט צו פיל מי. סוף־כל־סוף וואָלט זיך דאָך אַלץ במילא גוט אויסגעלאָזן.

ביים טיש האָט מען אים אַוועקגעזעצט צווישן דעם מילנערס ווייב און אַ דיקע מויד מיט רויטע באַקן, וועלכע ער האָט באַגלייט צו דער מעסע־תּפילה און אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף איר. איצט איז קריסטאָפן איינגעפאַלן צו כאַפּן אַ קוק אויף זיין שכנה; און געפינענדיק, אַז זי איז צו דערליידן, האָט ער זיך ראשיק פאַר־

נומען מיט איר, כּדי זיך נוקם צו זיין אין סאַבינע, וואָס האָט עס באַמערקט. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן; אָבער סאַבינע איז געווען אַ פּרוי, בטבע נישט אייפערזיכטיק אויף קיין זאַך נישט, און אויך נישט אויף מענטשן: קוים האָט זי געוווּסט, אַז מ'האָט זי ליב, האָט איר שוין נישט געאַרט, וואָס מ'האָט ליב אַנדערע אויך; און אָנשטאָט נעמען זיך צום האַרצן, איז זי גאָר צופרידן געווען, וואָס קריסטאָף ווייַלט זיך גוט. פון צווייטן עק טיש האָט זי אים געשיקט איינעם פון איר רייצנדיקסטע שמייכלען. קריסטאָף איז געווען אויסער זיך; ער האָט שוין נישט געצווייפלט אין סאַבינעס גלייכגילטיקייט און איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווייגנדיקער אָנגעבלאָזנקייט, וואָס נישט די שטעלווערטלעך פון די שכנים און נישט די אָנגעפּילטע כּוסות האָבן אים נישט געקאָנט אויפמונטערן. לסוף, ווען ער איז געוואָרן שלעפעריק און ביי זיך געפרעגט, וואָס אייגנטלעך טוט ער דאָ צווישן אָט די זולל וסובאניקעס, האָט ער נישט געהערט, ווי דער מילנער לעגט פאָר אַ שפּאַציר איבערן וואַסער, כּדי צו באַגלייטן די געסט יעדערן אין זיין גוט. קריסטאָף האָט אפילו נישט געזען, ווי סאַבינע מאַכט צו אים צייכנס, ער זאָל צו איר צוגיין און זעצן זיך אינם זעלבן שיפל. ווען ס'איז אים איינגעפאַלן דאָס צו טון, איז שוין פאַר אים נישט געווען קיין אָרט, און ער האָט געמוזט אַריין אין אַן אַנדער שיפל. אָט דער נייער דורכפאַל וואָלט אים נאָך מער פאַרדראָסן, ווען ער דערוויסט זיך נישט, אַז אויפן וועג וועלן זיי פּטור ווערן פון אַלע מיטפאָרער. דעמאָלט איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, און זיין פּנים איז ליכטיק געוואָרן. אגב האָט דער שיינער נאָכמיטאָג אויפן וואַסער, די הנאה צו אַרבעטן מיט די רודערס און די פרייַלעכקייט פון די מוטיקע לייט, סוף-כּל-סוף אַוועקגענומען זיין שלעכטע שטימונג. סאַבינע איז דאָ נישט געווען, ער האָט זיך שוין אויף איר נישט אומגעקוקט, ס'איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן און ער האָט זיך זאָרגלאָז געווילט, ווי די איבעריקע.

זיי זענען געזעסן אין די דריי שיפלעך. זיי זענען געפאָרן איינס נאָכן צווייטן און געוואָלט זיך איבעריאָגן. זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט שפּאַסיקע זידלערייען. ווען די שיפלעך האָבן זיך אויסגעגליַיכט, האָט קריסטאָף דערזען סאַבינעס שמייכלענדיקן בליק, און ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן אויך אַ שמייכל צו טון: זיי האָבן געפילט, אַז זיי זענען ווידער חבר געוואָרן. איצט האָט ער געוווּסט,

אַז באַלד וועלן זיי ווידער זיין צוזאַמען.

מ'האָט געגומען זינגען לידער אויף פיר שטימען. יעדע גרופּע האָט זיך געזונגען אַן אַנדער ליד; דער רעפרײן איז געוואָרן אונטער־געכאַפּט פונם כאָר. די צווייטע שיפלעך האָבן אָפּגעענטפערט, ווי אַן עכאָ. די טענער האָבן געשוועבט איבערן וואַסער, ווי פייגל. פון צייט צו צייט האָט זיך אַ שיפל אָפּגעשטעלט ביים ברעג: איינער אָדער צוויי פּױערן זענען אַרויסגעשטיגן, געבליבן אויפן ברעג און געמאַכט צייכנס צו די שיפלעך, וואָס האָבן זיך דערווייטערט. די קליינע גע־זעלשאַפט האָט זיך צעזייט און צעשפּרייט. איינע נאָך דער אַנדערער, האָבן זיך די שטימען אויפגעבונדן פונם קאָנצערט. לסוף זענען זיי געבליבן אַליין, קריסטאָף, סאַבינע און דער מילנער.

זיי זענען געפאָרן צוריק אין איין שיפל, אַראָפּ־וואַסער. קריסטאָף און בערטאָלד האָבן געהאַלטן די רודערס, אָבער נישט גערודערט. סאַ־בינע איז געזעסן הינטן, אַנטקעגן קריסטאָפן און געשמועסט מיט איר ברודער און געקוקט אויף קריסטאָפן. דער שמועס האָט זיי געלאָזט קוקן איינער אויפן אַנדערן אומגעשטערט. זיי וואָלטן עס קיינמאָל נישט געקאָנט טון, ווען די ליגנערישע ווערטער וואָלטן אַנטשוויגן געוואָרן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די ווערטער רעדן: „איך קוק נישט אויף דיר״. אָבער די בליקן האָבן גערעדט: „ווער ביסטו? ווער ביסטו, וואָס איך האָב דיך ליב?... איך האָב דיך ליב, ווער דו זאָלסט נישט זיין!...״

דער הימל איז טונקל געוואָרן, אַ נעפּל האָט זיך אויפגעהויבן פון די לאָנקעס, דער טייך האָט גערויכערט, די זון איז אויסגעגאַנגען צווישן די וואָלקנס. ציטערנדיק האָט זיך סאַבינע אַרומגעהילט די אַק־סלען און דעם קאָפּ מיט איר קליינעם שוואַרצן טוך. זי האָט אויסגע־זען פאַרמאַטערט. בעת דאָס שיפל, שווימענדיק לענג־אויס דעם ברעג, האָט זיך דורכגעגליטשט אונטער די אַראָפּהענגענדיקע ווערבע־צווייגן, האָט זי פאַרמאַכט די אויגן; איר פּנימל איז געוואָרן בלאַס; אירע ליפּן האָבן זיך ווייטאָקלעך אויסגעקרימט; זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, זי האָט אויסגעזען ליידנדיק, — מסתמא זייער פיל געליטן,— זי האָט אויסגעזען טויט. קריסטאָפן האָט אַ שטאָך געטון אין האַרצן. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר. זי האָט ווידער אויפגעעפנט די אויגן, דערזען קריסטאָפס אומרויקן, פרעגנדיקן בליק און אַ שמייכל געטון. ס'איז געווען פאַר אים, ווי אַ זון־שטראַל. ער האָט זי שטיל געפרעגט:

— איר זענט קראַנק?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און געענטפערט:
— ס׳איז מיר קאַלט.

ביידע מענער האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף איר זייערע מאַנטלען; זיי האָבן איר איינגעדעקט די פיס, די טריט און די קני, ווי אַ קינד, וואָס מ׳טוליעט איין אין בעט. זי האָט זיך נישט געווערט און זיי געדאַנקט מיטן בליק. אַ דריבנער, קאַלטער רעגן האָט גענומען טריפן. זיי האָבן אָנגענומען די רודערס און זיך געאיילט צו קומען אַהיים. שווערע וואָלקנס האָבן פאַרלאָשן דעם הימל. דער טייך האָט זיך געצויגן אין אַ טינט-שטראָם. דאָ און דאָרט, אין די פעלדער, האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך אין די פענסטער פון די הייזער. ווען זיי זענען אָנגעקומען צו דער מיל, האָט אַ גאָס געטון אַ שלאַקס-רעגן, און סאַבינע איז געוואָרן דורכגעווייקט.

מ׳האָט אָנגעצונדן אַ גרויס פייער אין קיך און געוואַרט. דער מבול זאָל אויפהערן. אָבער ער איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, און דער ווינט האָט גענומען בלאָזן. זיי האָבן געדאַרפט דורכמאַכן ביז דער שטאָט דריי מייל אויפן וואָגן. דער מילנער האָט דערקלערט, אַז ער וועט בשום אופן נישט אַרויסלאָזן סאַבינען אין אַזאַ צייט, און ער האָט זיי ביידן פאָרגעלעגט איבערצונעכטיקן ביי אים. קריסטאָף האָט זיך געקווענקלט, צי זאָל ער מסכים זיין; ער האָט געזוכט אַן עצה אין סאַבינעס אויגן; אָבער אירע אויגן האָבן עקשנותדיק געקוקט אויף די פייער-פלאַמען, מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז זיי האָבן מורא געהאַט צו ווירקן אויף קריסטאָפס באַשלוס. אָבער ווען קריסטאָף האָט געענטפערט, אַז יאָ, האָט זי אויסגעדרייט צו אים איר פאַררויטלט פנים — ר׳איז עס געווען דער רעפלעקס פונם פייער? — און ער האָט געזען, אַז זי איז צופרידן.

אַ טייערער אָוונט... דער רעגן האָט געבושעוועט אין דרויסן. דאָס פייער האָט געשפּריצט אין שוואַרצן קוימען סנאָפּעס גאָלדענע פונקען. זיי זענען געזעסן אַרום אין אַ קרייז. זייערע פאַנטאַסטישע סילועטן האָבן זיך באַוועגט אויף דער וואַנט. דער מילנער האָט געוויזן סאַבינעס מיידעלע, ווי מ׳מאַכט שאָטנס מיט די הענט. דאָס קינד האָט געלאַכט און דאָך נישט געקאָנט זיך באַרויקן. סאַבינע, איינגעבויגן צום פייער, האָט מעכאַניש גענישטערט אין אים מיט אַ שווערער צוואַנג; זי איז געווען אַ ביסל מיד און שמייכלענדיק געטרוימט, און בשעת מעשה, נישט הערנדיק קיין וואָרט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

צו דער פֿלוידעריי פון איר שוועגערין, וואָס האָט איר דערציילט וועגן דער באַלעבאַטישקייט. קריסטאָף, וואָס איז געזעסן אין שאָטן, ביים מילנערס זייט, האָט לייכט געגלעט דעם קינדס הערעלעך און געקוקט אויף סאַבינעס שמייכל. זי האָט געוווסט, אַז ער קוקט אויף איר. ער האָט געוווסט, אַז זי שמייכלט צו אים. זיי האָבן דעם גאַנצן אָוונט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו רעדן און זיך אָנצוקוקן: זיי האָבן עס, אגב, נישט געזוכט.

זיי האָבן זיך גאַנץ פרי צעשיידט. זייערע צימערן זענען געווען בשכנות. צווישן זיי איז געווען אַ טיר. קריסטאָף איז געווען זיכער, אַז דער שלאָס געפינט זיך אויף סאַבינעס זייט: ער האָט זיך געלעגט און געפרווט שלאָפן. דער רעגן האָט געשמיסן אין די פענסטער. דער ווינט האָט געהוליעט אין קוימען. אַ טיר האָט זיך פאַרקלאַפּט אויפן אונטערשטן שטאָק. אַ הימלבוים, געשלאָגן פון שטורעם, האָט געקרעכצט הינטערן פענסטער. קריסטאָף האָט נישט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן. ער האָט געטראַכט, אַז ער געפינט זיך מיט איר אונטער איין דאַך. אַ וואַנט האָט זיי נאָר אָפּגעטיילט. ער האָט נישט געהערט קיין שום גערויש פון סאַבינעס צימער. נאָר אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט זי. אויפגעהויבן אויפן בעט, האָט ער זי גערופן מיט אַ שטילער שטים דורך דער וואַנט און גערעדט צו איר צערטלעכע, ליידנשאַפטלעכע ווערטער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט איר ליבע שטים, וואָס ענטפערט אים, וואָס רעדט צו אים און רופט אים אין דער שטיל; ער האָט נישט געוווסט, צי האָט ער אַליין געפרעגט ביי זיך און אַליין געענטפערט, אָדער זי האָט עס באמת גערעדט. נאָך אַ שטאַרקערן רוף, האָט ער נישט געקאָנט ביישטיין; ער האָט זיך אַ וואָרף געטון פון בעט; טאַפּנדיק אין דער פינסטערניש, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר; ער האָט זי נישט געוואָלט עפענען, ער האָט זיך געפילט זיכערער, וואָס זי איז פאַרמאַכט. און ווען ער האָט ווידער געפרווט דאָס הענטל פון דער טיר, האָט ער געזען, אַז די טיר עפנט זיך...

ער איז פאַרגליווערט געוואָרן... ער האָט זי לייכט פאַרמאַכט,

ווידער געעפנט און ווידער פאַרמאַכט. איז זי דען נישט געווען פאַר־מאַכט אַ ווײַלע פריער? יאָ, ער איז געווען זיכער. ווער־זשע האָט זי געעפנט? דאָס האַרץ האָט אים האַסטיק געקלאַפּט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן בעט, ער האָט זיך געזעצט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די ליידנשאַפט האָט אים אָפּגענומען הענט און פיס. זי האָט אים געשטערט צו זען, צו הערן, זיך אַ ריר צו טון: זיין גאַנצן קערפּער האָט דורכגענומען אַ ציטער. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער אומבאַקאַנטער פרייד, וואָס ער האָט גערופן זינט לאַנגע חדשים און וואָס איז געווען דאָ, נאָענט, נישט אָפּגעטיילט פון אים. אָט דער האַסטיקער, אין ליבע געפּענטעטער יינגל האָט פּלוצלינג דערפילט אַ שרעק, און אַ חרפה האָט אים באַגאָסן פאַר די פאַרלאַנגען, וואָס האָבן געהאַלטן ביים פאַרווירקלעכט ווערן. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיי, געשעמט דערפון, וואָז ער גייט טון. ער האָט צו שטאַרק ליב געהאַט צו האָבן די העזה זיך צו שפּילן מיט דער, וואָס ער האָט ליב געהאַט; ער האָט מורא געהאַט; ער וואָלט איצט אַלץ אין דער וועלט געטון, אַבי אויסצומיידן דאָס גליק. ליבן, ליבן, — איז עס דען מעגלעך אָן מבזה זיין די געליבטע?...

ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער טיר, און ציטערנדיק פון ליבע און מורא, מיט זיין האַנט אויפן טיר־שלאָס, האָט ער זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן צו עפענען.

און אויף דער צווייטער זייט טיר, מיט באָרוועסע פיס אויף דר'ערד, ציטערנדיק פון קעלט, איז געשטאַנען סאַבינע.

אָט אַזוי האָבן זיי זיך געוואַקלט... ווי לאַנג? מינוטן? שעהן?... זיי האָבן נישט געוווסט איינער פונם צווייטן, און דאָך האָבן זיי עס יאָ געוווסט. זיי האָבן צו זיך אויסגעצויגן די אָרעמס, — ער, צעבראָכן פון צו־שטאַרקער ליבע, וואָס האָט אים אָפּגענומען דעם מוט אַריינצוגיין, — זי, רופנדיק, וואַרטנדיק אויף אים און ציטערנדיק פאַר זיין אַריינקומען... און ווען ער האָט זיך אַנטשלאָסן לסוף אַריינצוגיין, האָט זי זיך אַנטשלאָסן איבערצודרייען דעם שלאָס.

ער האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ משוגענעם. ער האָט זיך צוגעפּרעסט צו דער טיר מיט אַלע כוחות. זיין מויל האָט ער צוגעדריקט צום שלאָס־לעכל און געבעטן זיך:

— עפן!

ער האָט שטיל גערופן סאַבינען; זי האָט געקאָנט הערן זיין

גליענדיקן אָטעם. זי איז געבליבן שטיין נאָענט צו דער טיר, אומבאַ־וועגלעך, פאַרגליווערט, קלאַפּנדיק אַ צאָן אין אַ צאָן, אָן כוח צו עפע־נען, נישט צו לעגן זיך ווידער...

דער שטורעם־ווינט האָט געטרייסלט די בוימער און געקלאַפּט אין די טירן פון די הייזער... זיי זענען צוריקגעגאַנגען, יעדערער אויף זיין גלעגער, מיט אַ צעבראָכענעם גוף, מיט אַ טרויערפולן האַרצן. די הענער האָבן געקרייט מיט אַ הייזעריקער שטים. די ערשטע שטראַלן פון באַגינען האָבן זיך באַוויזן דורך די פאַרנעפּלטע שויבן. אַ פאַרווייַנטער, אויסגעבלייכטער, אין עקשנותדיקן רעגן דערטרונקענער באַגינען...

קריסטאָף האָט זיך אויפגעהויבן, ווי נאָר ס'איז מעגלעך געווען; ער איז אַראָפּ אין קיך און געשמועסט מיט די מענטשן. ער האָט זיך געאיילט אַוועקצוגיין און האָט מורא געהאַט, נישט צו טרעפן זיך אַליין מיט סאַבינען. ווען דעם פערמערס ווייב איז אַרייַנגעקומען און געזאָגט, אַז סאַבינע איז קראַנק, אַז זי האָט זיך פאַרקילט בעתן נעכ־טיקן שפּאַציר און אַז זי וועט היינט נישט פאָרן אַהיים, האָט קריסטאָף כמעט דערפילט אַ דערלייכטערונג.

דער צוריק־וועג איז געווען אומעטיק. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן מיטן וואָגן און געגאַנגען אַהיים צופוס דורך די דורכגעווייק־טע פעלדער, אינעם געלבלעכן נעפּל, וואָס האָט אַרומגעהילט די ערד, די בוימער און הייזער, ווי מיט תּכריכים. דאָס לעבן האָט אויסגעזען פונקט אַזוי פאַרלאָשן, ווי דאָס ליכט פון טאָג. אַלץ אַרום האָט אויס־געזען ווי געשפּענסטער. ער איז אַליין געווען ווי אַ געשפּענסט.

אין שטוב האָט ער געטראָפן בייזע פּנימער. אַלע זענען אויפּ־גערעגט געווען, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט סאַבינען, גאָט ווייסט ווו, אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט זיך פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער און זיך גענומען צו דער אַרבעט. סאַבינע איז געקומען צומאָרגנס און זיך אויך פאַרשפּאַרט ביי זיך. זיי האָבן זיך געהיט נישט צו טרעפן זיך. אגב, איז די צייט געווען אַ רעגנדיקע און קאַלטע, און קיינער פון זיי איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. זיי האָבן זיך געזען דורך די

פֿאַרמאַכטע פֿענסטער. סאַבינע איז געזעסן איינגעטוליעט ביים פֿייער און געטרוימט. קריסטאָף איז געווען פֿאַרטיפֿט אין זיינע פּאַפּירן. זיי האָבן זיך באַגריסט דורכן פֿענסטער מיט אַ ביסל קאַלטער צוריקגעהאַלטנקייט און געמאַכט זיך ווידער, ווי זיי וואָלטן געווען פֿאַרנומען. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן גענוי קיין חשבון פֿון זייערע געפֿילן: זיי זענען בייז געווען איינער אויפֿן אַנדערן, זיי זענען בייז געווען אויף זיך אַליין, בייז אויף דער גאַנצער וועלט. זייער געדאַנק האָט אויסגעמיטן צו טראַכטן וועגן דער נאַכט אין דער פֿערמע: זיי האָבן זיך גערויטלט און אַליין נישט געוווּסט, צי רויטלען זיי זיך צוליב דער תּאווה, אָדער צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך איר נישט אונטערגעגעבן. ס'איז זיי געווען שווער צו טרעפֿן זיך, ווייל די באַגעגעניש וואָלט זיי דערמאָנט אָן דעם, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט געדענקען; און ווי דורך אַ קעגנזייטיקער הסכּמה, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן טיף אין זייערע צימערן, כּדי אַלץ צו פֿאַרגעסן. אָבער ס'איז געווען אוממעגלעך, און זיי האָבן געליטן פֿונם פֿאַרבאָרגענעם האַס, וואָס זיי האָבן צו זיך געפֿילט. קריסטאָפֿן האָט פֿאַרפֿאָלגט דער אויסדרוק פֿונם באַהאַלטענעם צאָרן, וואָס ער האָט איינמאָל איבערגעלייענט אויף סאַבינעס פֿאַרגליווערטן פּנים, זי האָט אויך נישט ווייניקער געליטן פֿון אירע געדאַנקען; זי האָט זיך געוואָלט מיט זיי ראַנגלען, געפּרוּווט אַפֿילו פֿאַרלייקענען זיי אינגאַנצן, — ס'האָט אָבער גאָרנישט נישט געהאָלפֿן, דערצו איז צוגעקומען די חרפּה, וואָס קריסטאָף איז געווען דער עדות פֿון דעם, וואָס מיט איר איז פֿאָרגעקומען, און די חרפּה פֿון וועלן זיך אָפּגעבן... פֿון גרייט זיין זיך אָפּצוגעבן און דאָך נישט אָפּגעבן זיך...

קריסטאָף האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט אַרויסצופֿאָרן אויף עטלעכע קאָנצערטן אין קעלן און דיסעלדאָרף. ער איז געווען צופֿרידן צו פֿאַרברענגען אַ צוויי־דריי וואָכן ווייט פֿון דער היים. די הכנות צו די קאָנצערטן און די קאָמפּאָזיציע פֿון אַ ניי ווערק, וואָס ער האָט געוואָלט דאָרטן שפּילן, האָבן אים אינגאַנצן פֿאַרשלונגען, און ער האָט לסוף פֿאַרגעסן די אומדערטרעגלעכע זכרונות. זיי זענען פֿאַרגעסן געוואָרן אויך פֿון סאַבינען, וואָס איז ווידער פֿאַרזונקען געוואָרן אין דער פֿאַרגליווערטקייט פֿון איר טאָג־טעגלעכן לעבן. זיי האָבן גענומען טראַכטן איינער וועגן אַנדערן גאַנץ גלייכגילטיק. צי האָבן זיי זיך באמת ווען־עס־איז ליב געהאַט? זיי האָבן געצווייפֿלט. קריסטאָף

איז אפילו גרייט געווען אַרויסצופֿאָרן קיין קעלן און נישט זאָגן סאַ־בינען קיין „זיי־געזונט".

ערב זיין אָפּפֿאָר האָט זיי עפּעס אַן אומבאַשטימטע זאַך ווידער דערנענטערט. ס'איז געווען איינער פֿון יענע זונטיק־נאָכמיטאָגס, בעת אַלע זענען געווען אין קירך. קריסטאָף איז געגאַנגען, כּדי צו פֿאַר־ענדיקן די הכנות צו דער רייזע. סאַבינע איז גראָד געזעסן אין איר גערטנדל און געוואַרעמט זיך אויף די לעצטע זון־שטראַלן. קריסטאָף איז געגאַנגען צוריק אַהיים: ער איז געווען פֿאַרנומען און דערזעענ־דיק זי האָט ער זי באַגריסט און געוואָלט גיין ווייטער. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען, האָט אים עפּעס פֿאַר־האַלטן: איז עס געווען סאַבינעס בלייכקייט, אָדער אַ געפֿיל, וואָס מ'קאָן נישט אָנרופֿן ביים נאָמען — חרטה, שרעק, צערטלעכקייט?... ער איז געבליבן שטיין, זיך אויסגעדרייט צו סאַבינען, און אָנגעשפּאַרט אַן פּלויט פֿון גאָרטן, האָט ער איר געזאָגט: „גוט־אָוונט". אָן אַן ענט־פֿער האָט זי אויסגעצויגן צו אים די האַנט. איר שמייכל איז געווען פֿול מיט גוטסקייט, — אַ גוטסקייט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. איר באַוועגונג האָט ווי געזאָגט: „לאָז זיין שלום צווישן אונז"... ער האָט אויסגעצויגן איר האַנט איבער דעם פּלויט, זיך איינגעבויגן און אַ קוש געטון. זי האָט נישט געפּרוווט צוריקציען די האַנט. ער האָט חשק געהאַט זיך אַ וואַרף צו טון אויף די קני און זאָגן איר: „כ'האָב דיך ליב"... זיי האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט. נאָר קיין שום דער־קלערונגען האָבן זיי זיך נישט געגעבן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אַרויסגעצויגן איר האַנט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט זיך אויך אויסגעדרייט, צו באַהאַלטן זיין צעמישטקייט. דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער אָנגעקוקט מיט הייטערדיקע אויגן. די זון איז אונטערגעגאַנגען. צאַרטע פֿאַרבן־טענער: פֿיאָלעט, אָראַנזש און לילע האָבן זיך געטוישט אויפֿן קאַלטן, קלאָרן הימל. ציטערנדיק האָט זי אַרויפֿגעצויגן דעם שאַל אויף אירע אַקסלען מיט אַ באַוועגונג, וואָס ער האָט גוט גע־קאָנט. ער האָט געפֿרעגט:

— וואָס מאַכט איר?

זי האָט זיך פֿאַרקרימט, ווי ס'וואָלט נישט געלוינט זיך מטריח צו זיין אין ענטפֿערן. זיי האָבן זיך ווידער גליקלעך אָנגעקוקט. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרלוירן און איצט צוריק געפֿונען.

ער האָט לסוף איבערגעריסן די שטילקייט און געזאָגט:

— איך פאָר מאָרגן אַוועק.

סאַבינעס פּנים האָט אויסגעדריקט שרעק:

— איר פאָרט אַוועק? — האָט זי איבערגעחזרט.

ער האָט גיך צוגעגעבן:

— אָ, נאָר אויף אַ צוויי־דריי וואָכן.

— צוויי־דריי וואָכן! — האָט זי געזאָגט שטאַרק צעטראָגן.

ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳האָט אים איינגעלאַדן אויף קאָנצערטן, אָבער נאָר ווען ער וועט קומען צוריק וועט ער בלייבן שוין אַ גאַנצן ווינטער.

— ווינטער, — האָט זי געזאָגט — ס׳איז נאָך ווייט...

— אָבער ניין, — האָט ער געענטפערט, — ס׳וועט גיך אַריבער.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויף אים.

— ווען וועלן מיר זיך ווידער זען? — האָט זי אין אַ ווײַלע אַ־ום געזאָגט.

ער האָט נישט גוט פאַרשטאַנען די פראַגע: ער האָט דאָך איר שוין געענטפערט.

— באַלד ווי איך וועל צוריקקומען, העכסטנס אין אַ פופצן אָדער צוואַנציק טעג אַרום.

זי האָט נאָך אַלץ אויסגעזען אומעטיק. ער האָט געפּרוווט זיך ווערטלען:

— די צייט וועט זיך אייך לאַנג נישט ציען, — האָט ער געזאָגט — איר וועט שלאָפן.

— יאָ, — האָט סאַבינע געזאָגט.

זי האָט געקוקט צו דר׳ערד און געפּרוווט אַ שמייכל טון; אָבער איר ליפּ האָט געציטערט.

— קריסטאָף!... — האָט זי פּלוצלינג געזאָגט, צורוקנדיק זיך צו אים.

אין איר שטים איז געווען אַ טאָן פון פאַרצווייפלונג. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי זאָגט:

— בלייב! פאָר נישט אַוועק!...

ער האָט זי גענומען פאַר דער האַנט און זי אָנגעקוקט; ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָט זיין רייזע אויף פופצן טעג אַזאַ באַדייטונג אין אירע אויגן; און דאָך האָט ער נאָר געוואַרט אויף אַ וואָרט, כּדי איר צו זאָגן:

— איך בלייב...

אין דעם אויגנבליק, ווען זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון גאַס, און ס׳האָט זיך באַוויזן ראָזע. סאַבינע האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פֿון קריסטאָפֿס און אַרײַנגעגאַנגען גיך אין שטוב. אויף דער שוועל האָט זי זיך נאָך אַמאָל אומגעקוקט, — און פֿאַרשוווּנדן.

אין אָוונט האָט קריסטאָף בדעה געהאַט זיך ווידער צו זען מיט איר, אָבער נאָכגעקוקט אויף טריט און שריט פֿון מאַדאַם פֿאָגעל און באַגלייט פֿון זײַן מוטער — (אגב, האָבן די הכּנות צו אַ רייזע שטענדיק געדויערט ביי אים אַ לאַנגע צייט) — האָט ער נישט געקאָנט געפֿינען קיין רגע אַרויסצוגנבֿענען זיך פֿון שטוב.

ער איז אַרויסגעפֿאָרן צומאָרגנס גאַנץ פֿרי. פֿאַרבײַגייענדיק פֿאַר סאַבינעס טיר, האָט ער חשק געהאַט אַרײַנצוגיין, אָנצוקלאַפּן אין פֿענסטער: ס׳איז אים שווער געווען צו פֿאַרלאָזן זי אָן אַ „זײַ־געזונט“, — ווייל ראָזע האָט זיי איבערגעריסן אין מיטן, איידער ער האָט באַוויזן מיט איר זיך צו געזעגענען. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז זי שלאָפֿט און אַז זי וועט עס נעמען פֿאַר אומגוט, אויב ער וועט זי אויפֿוועקן. אויסערדעם, וואָס וואָלט ער איר איצט געזאָגט? איצט איז שוין געווען צו שפּעט אָפּצורופֿן די רייזע; און אויב זי וועט עס פֿאַרלאַנגען?... לסוף — ער האָט זיך נישט מודה געווען, אַז ס׳טוט אים הנאה אויסצופּרוּוון זײַן מאַכט איבער איר, צוליבן פֿאַרלאַנג צו פֿאַרשאַפֿן איר אַ ביסל צער... דעם טרויער, וואָס זײַן אָפּפֿאָר רופֿט אַרויס ביי סאַבינען, האָט ער נישט גענומען אַזוי שטאַרק ערנסט; און ער האָט געטראַכט, אַז די קורצע צעשיידונג וועט נאָך שטאַרקער מאַכן איר צערטלעכקייט, וועלכע זי פֿילט אפֿשר צו אים.

ער איז אַוועקגעלאָפֿן צום וואָקזאַל. נישט געקוקט אויף אַלץ, האָט ער דאָך חרטה געהאַט. אָבער באַלד ווי דער צוג האָט זיך גערירט פֿון אָרט, האָט ער פֿאַרגעסן אָן אַלץ. ער האָט געפֿילט, ווי זײַן האַרץ קוועלט מיט יוגנט. ער האָט פֿריילעך באַגריסט די אַלטע שטאָט, וואָס די זון האָט גערויטלט אירע דעכער און טורעם־שפּיצן; און מיט

דער זאָרגלאָזיקייט פון די, וואָס פאָרן אַוועק, האָט ער זיך געזעגנט מיט די, וואָס זענען געבליבן, — און מער גאָרנישט נישט געטראַכט.

אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דיסעלדאָרף און קעלן, איז אים סאַבינע קיין איין מאָל נישט געקומען אויפן זינען. פאַרנומען פון פרי ביז נאַכט אויף פּראָבן און קאָנצערטן, אויף מיטאָגן און שמועסן, באַשעפטיקט מיט טויזנטער נייע זאַכן און מיט דער גאווהדיקער צופרידנקייט פון דעם אייגענעם דערפאָלג, — האָט ער נישט געהאַט קיין צייט צו דערמאָנען זיך אָן איר. איין איינציק מאָל נאָר, אין דער פינפטער נאַכט נאָך זיין אָפּפאָר, בעת ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פון אַ קאָשמאַר, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אין שלאָף האָט ער געטראַכט פון איר און אַז אָט דער געדאַנק טאַקע האָט אים אויפגעוועקט; ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען, ווי אַזוי ער האָט וועגן איר געטראַכט. ס'האָט אים געקרענקט און אויפגערעגט. קיין חידוש איז עס נישט געווען: ער האָט געשפּילט אין אָוונט אַ קאָנצערט און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל, האָט ער זיך געלאָזט מיטשלעפּן אויף אַ סעודה, וווּ ער האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלאָז שאַמפּאַניער. נישט קאָנענדיק שלאָפן, איז ער אויפגעשטאַנען. ס'האָט אים באַהערשט אַ מוזיקאַלישער איינפאַל. ער האָט געזאָגט צו זיך, אַז אָט דער איינפאַל האָט עס אים געשטערט אין שלאָף, און ער האָט אים פאַרשריבן. איבערלייענענדיק אים נאָכאַמאָל, האָט ער זיך דערשראָקן אַזש, ווי טרויעריק דער ניגון איז. בעתן שרייבן האָט ער נישט געפילט קיין שום טרויער: אַזוי האָט זיך אים לפּחות אויסגעוויזן. נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין אַנדערע פאַלן, בעת ער איז באמת אומעטיק, שרייבט ער דווקא פריילעכע מוזיק, וווּ די פריילעכקייט טוט אים פּשוט ווייי. ער האָט זיך לאַנג דערויף נישט אָפּגעשטעלט, געוויינט צו איבעראַשונגען אין זיין אינעווייניקסטער וועלט, אָן אַ שום לאָגישער סיבה. באַלד נאָכדעם איז ער ווידער איינגעשלאָפן און צומאָרגנס אין דער פרי האָט ער גאָרנישט נישט געדענקט.

ער איז ווייטער אַרומגעפאָרן אַ דריי-פיר טעג. ס'האָט אים געווילט, וואָס ער פאַרלענגערט די רייזע, ער האָט געוווּסט, אַז קוים וויל ער, קאָן ער באַלד פאָרן צוריק: קיינער האָט אים נישט געהייסן צוריקפאָרן. ערשט אין וואַגאָן, אויפן צוריק-וועג, איז אים אַרויף אויפן זינען סאַבינע. ער האָט איר נישט געהאַט געשריבן די גאַנצע צייט.

ער איז געווען אַזוי זאָרגלאָז, אַז אפילו זיך נאָכצופרעגן אין פּאָסט נאָך בריוו, וואָס מ'האָט אים געקאָנט שרייבן, האָט ער זיך אויך נישט מטריח געווען. ער האָט געפונען אַ פאַרבאָרגענע פרייד אין דעם שווייגן; ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט וואַרט מען אויף אים און מ'האָט אים ליב... מ'האָט אים ליב? זי האָט עס אים קיינמאָל נישט געזאָגט, און אויך ער האָט עס קיינמאָל איר נישט געזאָגט. זיי האָבן עס, בלי ספק, געוווּסט, און ס'איז געווען איבעריק צו רעדן. פונדעסטוועגן האָט קיין זאַך נישט אַזאַ ווערט, ווי די זיכערקייט פון אָט דער דערקלערונג. פאַרוואָס האָבן זיי געוואַרט דערמיט אַזוי לאַנג? ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים רעדן, האָט זיי שטענדיק עפּעס אַ מניעה צופעליק געשטערט. פאַרוואָס? פאַרוואָס? וויפל צייט האָבן זיי געפּטרט!... ער האָט געבענקט צו הערן די טייערע ווערטער פון איר ליבן מויל. ער האָט געבענקט צו רעדן צו איר, — און ער האָט עס הויך גערעדט אין זיין פוסטער וואַגאָן-אָפּטיילונג. וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צו זיין היים, אַלץ מער איז געוואַקסן זיין אומגעדולד, כמעט ווי אַ מין אַנגסט... גיכער! גיכער! אוי, געוואַלד, אין אַ שעה אַרום וועט ער זי ווידער זען!...

ס'איז געווען האַלב זיבן אין דערפרי, ווען קריסטאָף איז אַריין אין שטוב. קיינער האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויפגעהויבן. סאַבינעס פענסטער זענען געווען פאַרמאַכט. ער איז דורכגעגאַנגען דורכן הויף אויף די שפּיץ-פינגער, זי זאָל נישט הערן. ער האָט געלאַכט, וואָס ער וועט זי איבערראַשן. ער איז אַרויף צו זיך. זיין מאַמע איז געשלאָפן. ער האָט זיך אָן גערויש איבערגעטון. ער איז געווען הונגעריק, נאָר מורא געהאַט אויפצוּוועקן לואיזען. בעת ער האָט גענישטערט אין שאַנק האָט ער דערהערט אין הויף טריט; לייכט האָט ער געעפנט דאָס פענסטער און דערזען ראָזען, וואָס האָט זיך ווי שטענדיק אויפגעהויבן די ערשטע און גענומען אַרומדרייען זיך איבערן הויף. ער האָט זי שטיל אַ רוף געטון. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי געמאַכט אַ באַוועגונג פון פריילעכער איבערראַשונג; באַלד איז זי געוואָרן ערנסט. ער האָט געטראַכט, אַז מסתמא איז זי נאָך אַלץ אויף אים בייז; אָבער ער איז

געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג. ער איז צו איר אַראָפּגעגאַנגען.
— ראָזע, ראָזע, — האָט ער מיט אַ פרייליכער שטים געזאָגט — גיב מיר עפּעס עסן אָדער איך עס דיך אויף! איך גיי אויס פון הונגער!

ראָזע האָט אַ שמייכל געטון און אַריינגעפירט אים אין קיך. אָנגיסנדיק אים אַ טעפּעלע מילך, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געשטעלט אים אַ ריי פראַגן וועגן זיין רייזע און זיינע קאָנצערטן. נאָר הגם ער איז געווען זייער אויפגעלייגט צו ענטפערן — (פון גרויס פרייד, וואָס ער איז צוריקגעקומען, איז ער געווען ממש גליקלעך ווידער צו הערן ראָזעס פלוידעריי) — איז ראָזע פּלוצלינג, אין מיטן די פראַגן, געבליבן שטיין, איר פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און האָט אויסגעזען פאַרדאגהט. דערנאָך האָט זי ווידער גענומען פלוידערן; ס'האָט אָבער אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך געמאַכט פאָרוווּרפן, און זי איז ווידער געבליבן שטיין. ער האָט עס לסוף באַמערקט און געזאָגט:
— אָבער וואָס איז מיט דיר געשען, ראָזע? ביסט נאָך אַלץ בייז אויף מיר?

זי האָט ענערגיש געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און אויסדרייענדיק זיך צו אים מיט איר געוויינלעכער האַסטיקייט, האָט זי אים אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן אָרעם:
— אוי, קריסטאָף! — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זיך דערשראָקן. ס'איז אים אַרויסגעפאַלן דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.
— וואָס? וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט איבערגעחזרט:
— אוי, קריסטאָף!... אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפן!...

ער האָט אַ שטויס געטון דעם טיש און געשטאַמלט.
— דאָ!

זי האָט אָנגעוויזן דאָס הויז אויף דער אַנדערער זייט הויף.

ער האָט אַ געשריי געטון:
— סאַבינע!

זי האָט געוויינט:
— זי איז טויט.

קריסטאָף האָט מער גאָרנישט נישט געזען. ער האָט זיך אויפגע

הויבן, געפילט, אַז אָט פאַלט ער, אָנגעשפאַרט זיך אָן טיש, איבערגע-קערט אַלץ, וואָס אויף אים איז געשטאַנען; ער האָט געוואָלט שרייען, ער האָט געליטן מוראדיקע יסורים. ער האָט גענומען ברעכן.

אַ דערשראָקענע האָט ראָזע געאײַלט צו אים; זי האָט אים צו-געהאַלטן דעם קאָפּ און געוויינט.

ווי-נאָר ער האָט געקאָנט רעדן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— ס'איז נישט אמת!

ער האָט געוווּסט, אַז ס'איז יאָ אמת. נאָר ער האָט עס געוואָלט לייקענען; ער האָט געוואָלט, אַז דאָס, וואָס איז געשען, זאָל נישט האָבן געשען. ווען ער האָט געזען ראָזעס פּנים, ווי ס'איז דורכגעווייקט פון טרערן, האָט ער שוין מער נישט געצווייפלט און זיך צעכליפּעט.

— ראָזע האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— קריסטאָף! — האָט זי זיך אָנגערופן.

אָנגעשפּאַרט אָן טיש, האָט ער באַהאַלטן דאָס פּנים. זי האָט זיך איינגעבויגן צו אים.

— קריסטאָף!... דיין מאַמע גייט!...

קריסטאָף האָט זיך אַ הויב געטון:

— ניין, ניין, — האָט ער געזאָגט — איך וויל נישט, זי זאָל מיך זען.

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט אים, אַ וואַקלענדיקן און בלינדן פון טרערן, ביז אַ קליינעם האָלץ-שפּייכלער אין הויף. זי האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, אַרום זיי איז געווען שטאָק-פינסטער. ער האָט זיך געזעצט, בלינדערהייט, אויף אַ קלאָץ, וואָס האָט געדינט צו האַקן האָלץ אויף אים. זי — אויף אַ בינטל שפּענער. דער טומל פון דרויסן איז דערגאַנגען שוואַך און דערווייטערט. דאָ האָט ער געקאָנט וויינען אָן מורא, מ'זאָל אים דערהערן. ער האָט זיך מיט פאַרביטערונג איבערגעגעבן דעם געוויין. ראָזע האָט אים קיינמאָל נישט געזען שרייען; ס'איז איר אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער קאָן וויינען; זי האָט געקאָנט נאָר די טרערן פון אַ קליין מיידל, און די פאַרצווייפלונג פון אַ מאַן האָט זי אָנגעפילט מיט שרעק און מיט רחמנות. זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ ליידנשאַפטלעכער ליבע צו קריסטאָפן. אָט די ליבע האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין שום איינגנליבע; ס'איז געווען אַ ריזיקער פאַרלאַנג זיך מקריב צו זיין, אַ מוטערלעכע זעלבסטפאַרלייקענונג, אַ באַגער צו ליידן פאַר אים, צו

נעמען אויף זיך אַל דאָס שלעכטס. זי האָט אים מוטערלעך געגומען אין די אָרעמס.

— טייערער קריסטאָף! — האָט זי געזאָגט — וויין נישט!

קריסטאָף האָט זיך אָפּגעקערט:

— איך וויל שטאַרבן!

ראָזע האָט פאַרבראָכן די הענט:

— זאָג עס נישט, קריסטאָף!

— איך וויל שטאַרבן. איך וויל נישט מער... איך וויל נישט מער לעבן... צו וואָס דאַרף איך דאָס לעבן?

— קריסטאָף, מיין קליינער קריסטאָף! דו ביסט נישט אַליין. מ׳האָט דיך ליב...

— וואָס גייט עס מיך אָן? איך האָב מער נישט ליב קיין שום זאַך. אַל דאָס איבעריקע מעג זיך לעבן אָדער שטאַרבן. איך האָב מער קיין זאַך נישט ליב. נאָר זי האָב איך ליב געהאַט, נאָר זי האָב איך ליב געהאַט!

ער האָט זיך שטאַרקער צעכליפּעט, לעגנדיק דעם קאָפּ אויף די הענט. ראָזע האָט נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט. די אייגנליבע פון קריסטאָפס ווייטיק האָט איר געשטאָכן אין האַרצן. אין דער רגע, ווען איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז נאָענט צו אים, האָט זי זיך דערפילט נאָך איינזאַמער און עלנטער ווי שטענדיק. די יסורים האָבן זיי, אָנשטאָט צו דערנעענטערן, נאָך מער דערווייטערט. זי האָט ביטער געוויינט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט קריסטאָף אויפגעהערט צו וויינען און אַ פרעג געטון:

— אָבער ווי? ווי? ווי?...

ראָזע האָט פאַרשטאַנען:

— ס׳האָט זי אָנגעכאַפּט די אינפלוענץ דעם זעלבן אָוונט, ווען דו ביסט אַוועקגעפאָרן. דערנאָך האָט עס זי אַוועקגעריסן...

ער האָט געקרעכצט:

— גאָט מיינער!... פאַרוואָס האָט מען מיר נישט געשריבן?

זי האָט געענטפערט:

— איך האָב געשריבן. כ׳האָב נישט געוווּסט דיין אַדרעס — דו האָסט אים קיינעם נישט געזאָגט — כ׳האָב געפרעגט אין טעאַטער. קיינער האָט נישט געוווּסט.

ער האָט געוווּסט, אַז זי איז אַ שעמעוודיקע און אַז דער גאַנג אין טעאַטער איז געווען פאַר איר אַ קרבן. ער האָט געפרעגט:
— צי האָט זי... צי האָט זי עס דיר געהייסן טון?
זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:
— ניין. נאָר כ'האָב געטראַכט...
ער האָט איר געדאַנקט מיטן בליק. ראָזעס האַרץ איז צעגאַנגען.
— מיין אָרעמער... אָרעמער קריסטאָף! — האָט זי געזאָגט.
זי האָט זיך אים וויינענדיק געוואָרפן אויפן האַלז. קריסטאָף האָט געפילט דעם ווערט פון אָט דעם ריינעם מיטלייד. ער האָט אַזוי שטאַרק זיך געגוויטיקט אין טרייסט! ער האָט זי אַ קוש געטון:
— ביסט אַ גוטע, — האָט ער געזאָגט — האָסט זי טאַקע ליב געהאַט?
זי האָט זיך פון אים אָפּגערוקט, געוואָרפן אַ ליידנשאַפטלעכן בליק, נישט געענטפערט און גענומען וויינען.
אָט דער בליק האָט אים געעפנט די אויגן. דער בליק האָט ווי געוואָלט זאָגן:
— נישט זי האָב איך ליב געהאַט, נאָר...
איצט האָט קריסטאָף דערזען דאָס, וואָס ער האָט נישט געוווּסט, — וואָס ער האָט נישט געוואָלט זען אין משך פון חדשים. ער האָט דערזען, אַז זי האָט אים ליב.
— שאַ! — האָט זי געזאָגט — מ'רופט מיך.
ס'האָט זיך דערהערט אַמאַליעס שטים.
ראָזע האָט געפרעגט:
— ווילסט אַרויפגיין צו זיך?
ער האָט געענטפערט:
— ניין, איך קאָן נאָך נישט, איך קאָן נאָך נישט רעדן מיט מיין מאַמע... שפּעטער!
זי האָט געזאָגט:
— בלייב, איך קום באַלד צוריק.
ער איז געבליבן זיצן אין דעם פינסטערן האַלץ-שפּייכלער, וווּ דאָס ליכט פונם טאָג איז אַריינגעפאַלן דורך אַ שמאָלן שפּאַלט, וואָס איז פאַרוועבט געווען מיט שפּינוועבס. ס'האָט זיך געהערט דאָס געשריי פון אַ גאַסן-הענדלערין; אין אַ שכנותדיקער שטאַל האָט אַ פערד געהירזשעט און געקלאַפּט מיט די פיס. אָט דאָס נייע, וואָס קריסטאָף

איז דערגאַנגען, האָט אים נישט פאַרשאַפט קיין הנאה, נאָר אויף אַ ווײַלע פאַרנומען. איצט זענען אים קלאָר געוואָרן זייער פיל זאַכן, וואָס ער האָט פריער נישט פאַרשטאַנען. אַ בינטל קליינע פרטים, וואָס ער האָט אויף זיי פריער קיין אַכט נישט געלעגט, זענען אים איצט געקומען אויפן זינען און קלאָר געוואָרן. ער האָט זיך געחידושט, וואָס ער טראַכט דערפון; ער איז געווען בייז אויף זיך, וואָס ער לאָזט זיך אָפרייסן אויף איין רגע פון זיין אומגליק. אָבער דאָס אומגליק איז געווען אַזוי אכזריותדיק, אַזוי שטאַרק האָט עס פאַרהאַקט דעם אָטעם, אַז דער חוש פון זעלבסטדערהאַלטונג, וואָס איז שטאַרקער געווען פון זיין ווילן, פון זיין מוט און ליבע, האָט אים געצוווּנגען אָפצוווענדן די אויגן; ער האָט זיך געוואָרפן אויפן נייעם געדאַנק, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך און ער כאַפּט זיך אָן קעגן זיין ווילן אָן דער ערשטער בעסטער זאַך, וואָס קאָן אים נישט ראַטעווען, נאָר דערהאַלטן נאָך אַ רגע אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער. אגב, אַליין ליידנדיק, האָט ער איצט געפילט אויך דעם צווייטנס ליידן — די ליידן, וואָס ער איז געווען זייער סיבה. ער האָט איצט פאַרשטאַנען די טרערן, וואָס ער האָט ביי איר פריער אַרויסגערופן. ער האָט איצט רחמנות געהאַט אויף ראָזען. ער האָט געטראַכט, ווי אכזריותדיק ער איז צו איר געווען. — ווי אכזריותדיק ער וועט נאָך צו איר זיין. ווייל ער האָט זי נישט ליב געהאַט. צו וואָס טויג אים איר ליבע? אָרעם מיידל!... אומזיסט האָט ער זיך איינגערעדט, אַז זי איז אַ גוטע (זי האָט עס באַוויזן מיט מעשים). וואָס גייט אים אָן איר לעבן?...

ער האָט געטראַכט:

— פאַרוואָס איז זי נישט טויט און די צווייטע — לעבעדיק?

ער האָט געטראַכט:

— זי לעבט, זי האָט מיך ליב, זי קאָן עס מיר זאָגן יעדן טאָג, היינט, מאָרגן, אַ גאַנץ לעבן; — און די צווייטע, די איינציקע, וואָס כ'האָב ליב געהאַט, איז טויט, איידער זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט מיך ליב, איידער כ'האָב איר געזאָגט, אַז כ'האָב זי ליב; איך וועל עס שוין קיינמאָל נישט הערן פון איר, זי וועט עס שוין קיינמאָל נישט וויסן...

און פלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם לעצטן אָוונט: זיי האָבן געהאַלטן ביים זאָגן איינער דעם צווייטן אַלץ, און ראָזעס אַריינקומען האָט זיי געשטערט. און ער האָט דערפילט צו ראָזען אַ האַס.

די טיר פון האָלץ-שפּײַכלער האָט זיך ווידער געעפנט. ראָזע האָט שטיל אַ רוף געטון קריסטאָפן און טאַפּנדיק אין דער פינסטער האָט זי אים געזוכט. זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט. ער האָט געפילט אַן עקל, וואָס זי געפינט זיך נעבן אים: אומזיסט האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן, עס איז געווען שטאַרקער פון אים.

ראָזע האָט געשוויגן: די טיפע מיטלייד האָט זי אויסגעלערנט צו שווייגן. קריסטאָף איז איר דאַנקבאַר געווען, וואָס זי שטערט אים נישט צו טרוימען מיט אירע איבעריקע רייד. פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט וויסן... זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט אים געקאָנט עפּעס דערציילן וועגן איר. ער האָט שטיל געפרעגט:

— ווען איז זי...?

(ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו זאָגן: „געשטאָרבן.")

זי האָט געענטפערט:

— שבת איז געוואָרן אַכט טאָג.

ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. ער האָט געזאָגט:

— ביינאַכט.

ראָזע האָט אַ קוק געטון אויף אים פאַרחידושט און געזאָגט:

— יאָ, ביינאַכט, צווישן צוויי און דריי אַ זייגער.

ס'איז אים אַרויף אויפן זינען דער טרויעריקער ניגון.

ער האָט ציטערנדיק געפרעגט:

— האָט זי אַ סך געליטן?

— ניין, ניין, געלויבט צו גאָט, טייערער קריסטאָף, זי האָט כמעט נישט געליטן. זי איז געווען אַזוי שוואַך! זי האָט נישט געקעמפט מיט איר קרענק. מ'האָט באַלד געזען, אַז זי איז אַ פאַרפאַלענע.

— און זי, זי האָט עס אויך געוווּסט?

— כ'ווייס נישט, איך רעכן...

— זי האָט עפּעס געזאָגט?

— ניין, גאָרנישט. זי האָט זיך געקלאָגט, ווי אַ קליין קינד.

— דו ביסט דאָרט געווען?

— יאָ, די ערשטע צוויי טעג; איך בין געווען דאָרט איינע אַליין, איידער ס'איז געקומען איר ברודער.

ער האָט איר געדריקט די האַנט, געריירט פון דאַנקבאַרקייט.

— איך דאַנק דיר.

זי האָט געפילט, ווי דאָס בלוט שטראָמט איר אין האַרצן.

נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער זיך אָנגערופן; ער האָט אויסגעשטאַמלט אַ פראַגע, וואָס האָט אים געשטיקט:

— האָט זי גאָרנישט נישט געזאָגט... פאַר מיר?

ראָזע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי וואָלט אָפּגעגעבן זייער פיל, זי זאָל אים קאָנען זאָגן דאָס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט; זי האָט זיך כּמעט געמאַכט פאַרוווּרפן, וואָס זי קאָן נישט זאָגן קיין ליגן. זי האָט זיך באַמיט אים צו טרייסטן:

— זי איז נישט געווען ביים באַוווסטזיין.

— זי האָט גערעדט?

— מ׳האָט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט גערעדט גאַנץ שטיל.

— וווּ איז איר מיידעלע?

— דער ברודער האָט דאָס מיידעלע אַוועקגעפירט צו זיך אין דאָרף.

— און זי?

— אויך דאָרט. מאָנטיק, די פאָריקע וואָך, האָט מען זי פון דאַנעט אַוועקגעפירט.

זיי האָבן זיך ווידער צעוויינט.

מאַראַם פאָגעלס שטים האָט ווידער גערופן ראָזען. קריסטאָף איז געבליבן אַליין און נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די טעג פון טויט. אַכט טאָג, שוין אַריבער אַכט טאָג... אוי, גאָט! וואָס איז פון איר געוואָרן? ס׳האָט אַ גאַנצע וואָך גערעגנט אויף דער ערד!... און ער האָט אין משך פון דער צייט זיך געפרייט, געווען גליקלעך!

ער האָט דערפילט אין טאַש אַ פּעקעלע, איינגעוויקלט אין זייד-פּאַפּיר: דאָס זענען די זילבערנע שנאַלן, וואָס ער האָט איר געבראַכט צו די שיך. ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם אָוונט, ווען זיין האַנט איז געלעגן אויף איר קליינעם באָרוועסן פוס. אירע קליינע פיסלעך, וווּ זענען זיי איצט? ווי קאַלט ס׳מוז זיי זיין!... ער האָט געטראַכט, אַז אָט די וואַרעמע באַרירונג איז דער איינציקער זכר פון דעם טייערן קערפּער. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מוט זי אָנצורירן, צו נעמען זי אין די אָרעמס. זי איז אַוועק אויף דער אמתער וועלט, אינערלעך אינגאַנצן פאַר אים אומבאַקאַנט. ער האָט וועגן איר גאָרנישט געוווּסט, נישט וועגן איר נשמה, נישט וועגן איר לייב. ס׳איז נישט געבליבן אין אים קיין שום זכרון פון איר געשטאַלט, פון איר לעבן,

פון איר ליבע? — וואָס פאַר אַ באַווייז האָט ער?... ער האָט נישט געהאַט קיין שום ברייה, קיין שום אָנדענק, — גאָרנישט. ווו וועט ער זי געפינען, ווו זאָל ער זי זוכן, — אין זיך אַליין, צי אויסער זיך?... אָ, דער גאָרנישט! ס׳איז אים קיין זאַך נישט געבליבן, אויסער זיין ליבע צו איר, אויסער ער אַליין... — און דאָך, נישט געקוקט אויף אַלץ, האָט דער עקשנותדיקער פאַרלאַנג צו ראַטעווען זי פון אונטערגאַנג, דער שטאַרקער באַגער צו לייקענען אין טויט אים געטריבן — אין אַ צושטאַנד פון שטייגנדיקן גלויבן — זיך אָנצוקלאַמערן אָן דעם לעצטן שפּליטער:

„...Ne son gia morto, e ben c'albergo cangi,
resto in te vivo, c'or mi vedi e piangi,
se l'un nell altro amante si transforma".

„...כ׳בין נישט טויט, כ׳האָב נאָר געביטן מיין דירה,
געבליבן לעבן אין דיר, דו זעסט מיך און באַוויינסט;
דער געליבטערס נשמה איז מגולגל געוואָרן אין דער נשמה
פון געליבטן".

ער האָט קיינמאָל נישט געלייענט די דאָזיקע דערהויבענע רייד; אָבער זיי זענען געווען אין אים. יעדער מענטש מאַכט דורך די שבעה־מדורי־גהינום פון דור־דורות. יעדן טרעפן די זעלבע צרות, יעדן טרעפט דער פאַרצווייפלטער בטחון און וואַנזין פון דורות. יעדערער גייט אין די פוס־טריט פון די, וואָס זענען געווען, וואָס האָבן זיך פריער, ווי ער, געראַנגלט מיטן טויט, פאַרלייקנט דעם טויט און — געשטאָרבן.

ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אין שטוב. די פאָרהאַנגען זענען גאַנצע טעג געווען אַראָפּגעלאָזן, ער זאָל נישט זען די פענסטער פונם קעגנאיבערדיקן הויז. ער האָט אויסגעמיטן צו טרעפן די פּאָגעלס; ער האָט געפילט צו זיי אַן עקל. אייגנטלעך האָט ער צו זיי קיין טענות

נישט געהאַט: זיי זענען געווען צו מוטיקע און פֿרומע מענטשן, אַז זייערע געפֿילן צו סאַבינען זאָלן נישט געענדערט ווערן ביים באַגע־געניש מיטן טויט. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען קריסטאָפֿס ליידן און געהאַט צו זיי דרך־ארץ, וואָס זיי זאָלן בעת־מעשה נישט טראַכטן וועגן אים גופֿא; זיי האָבן זיך געהיט נישט צו דערמאָנען אין קריסטאָפֿס ביי־זיין סאַבינעס נאָמען. כּל־זמן זי האָט געלעבט, זענען זיי געווען אירע שונאים: ס'איז געווען אַ גענוג־וויכטיקע סיבה, ער זאָל ווערן זייער שונא איצט, ווען זי איז שוין געווען טויט.

אגב, האָבן זיי נישט געענדערט זייער לעבנס־שטייגער; און נישט געקוקט אויף דער אויפֿריכטיקער, נאָר־פֿאַרבייגייענדיקער מיטלייד, וואָס זיי האָבן געפֿילט, — איז דאָך געווען קלאָר, אַז זיי זענען צום אומ־גליק געווען גאַנץ גלייכגילטיק — (ס'איז געווען גאַנץ נאַטירלעך — גאַנץ מעגלעך, אַז זיי האָבן דערפֿילט נאָך איר טויט אַ פֿאַרבאָרגענע דערלייכטערונג. לפּחות אַזוי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט קריסטאָף. איצט, ווען די כּוונות פֿון די פֿאָגלערס בנוגע אים זענען געוואָרן קלאָר, האָט ער זיי נאָך מער מגזם געווען. אין דער אמתן האָבן זיי פֿון אים גאַנץ ווייניק געהאַלטן, זיין באַדייטונג אין זייערע אויגן האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט שטאַרק איבערגעטריבן. ער האָט אָבער נישט געצווייפֿלט, אַז לויט זייער מיינונג האָט סאַבינעס טויט, וואָס האָט מבטל געמאַכט די וויכטיקסטע מניעה פֿאַר זייערע פּלענער, האָט געלאָזט אַ פֿריי אָרט פֿאַר ראָזען. דעריבער האָט ער זי פֿיינט געהאַט. דאָס, וואָס זיי — (די פֿאָגעלס, לואיזע און אפֿילו ראָזע) — האָבן אין דער שטיל געזאָגט איבער אים דעות און ביי אים נישט געפֿרעגט, דאָס האָט שוין גע־קלעקט, סיי אין דעם פֿאַל, סיי אין יעדן אַנדערן, אָפּצוּווענדן די ביי־גונג פֿון דער, וואָס זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל זיי ליב האָבן. ער האָט זיך געוועהרט יעדעס מאָל, ווען ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז מ'לויערט אויף זיין אייפֿערזיכטיקער פֿרייהייט. אָבער דאָ האָט עס אָנ־געריירט נישט נאָר אים אַליין. די רעכט, וואָס זיי האָבן זיך גענומען איבער אים, האָבן זיך באַצויגן נישט נאָר אויף זיין אייגענער פֿריי־הייט, נאָר אויך אויף די רעכט פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער, וואָס זיין האַרץ איז געווען איר איבערגעגעבן. דעריבער האָט ער די רעכט מיט פֿאַרביטערטער עקשנות פֿאַרטיידיקט, הגם קיינער האָט זיי נישט גע־וואָלט באַרויבן. ער האָט חושד געווען ראָזעס גוטסקייט, בעת זי, ראָ־זע, האָט געליטן, זעענדיק זיינע ליידן, און אָפֿט געקומען אָנקלאַפּן

אין זיין טיר, כּדי אים צו טרייסטן און צו דערציילן וועגן יענער. ער האָט זי נישט אָפּגעשטויסן: ער האָט אַזוי געוואָלט רעדן וועגן סאַבינען מיט עמעצן, וואָס האָט זי געקענט; ער האָט געוואָלט וויסן די קלענסטע פּרטים וועגן דעם, וואָס איז מיט איר פּאָרגעקומען בעת דער קראַנקהייט. נאָר דאַנקבאַר איז ער ראָזען נישט געווען? ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי טראָגט אין איר האַרצן אייגענע פאַרלאַנגען. צי האָט ער דען נישט געזען, ווי די גאַנצע פאַמיליע, און אפילו אַמאַליע אַליין, דערלויבט די באַזוכן און די לאַנגע שמועסן, וואָס זי וואָלט איר קיינמאָל נישט דערלויבט, ווען דאָ זאָל נישט זיין עפּעס אַ באַזונדערע כּוונה? צי איז ראָזע נישט אין איין דעה מיט אירע בני-בית? ער האָט נישט געקאָנט גלויבן, אַז איר מיטלייד איז אינגאַנצן אויפריכטיק, אָן שום פּערזענלעכע הינטערגעדאַנקען.

און געוויס, איר מיטלייד איז טאַקע אַזוי נישט געווען. ראָזע האָט מיטגעפילט קריסטאָפן מיטן גאַנצן האַרצן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זען סאַבינען מיט קריסטאָפס אויגן, כּדי דורך אים זי ליב צו האָבן; זי האָט זיך פאָרגעוואָרפן די שלעכטע געפילן צו איר, און אין אָוונט, ביי די תּפילות, געבעטן ביי איר פאַרגעבונג. נאָר האָט זי דען געקענט פאַרגעסן, אַז זי אַליין לעבט, אַז זי זעט קריסטאָפן צען מאָל אַ טאָג, אַז זי האָט אים ליב און האָט איצט נישט מוראַ פאַר קיין צווייטער, אַז די צווייטע איז נישטאָ, אַז אַפילו איר זכר וועט אויסגעמעקט ווערן, אַז זי איז איצט געבליבן די איינציקע, אַז אפשר אין אַ געוויסן טאָג...? האָט זי זיך דען געקענט באַפרייען, אין סאַמע גרעסטן ווייטאָק אירן, אין סאַמע גרעסטן ווייטאָק פון איר געליבטן, וואָס איז געווען מער אירער, ווי איר אייגענער, — האָט זי זיך דען געקענט באַפרייען פון דער אומגעריכטער פריידיקער באַוועגונג, פונם זינלאָזן בטחון? זי האָט זיך עס פאָרגעוואָרפן. ס'איז געווען נאָר אַ בליץ. ס'איז געווען אָבער גענוג. ער האָט עס באַמערקט. ער האָט איר אַ וואָרף געטון אַ בליק, וואָס האָט פאַרקילט איר דאָס האַרץ: זי האָט אין אים אַרויסגעלייענט שנאָה; ער איז געווען אויף איר בייז, וואָס זי לעבט, בעת יענע איז טויט.

דער מילנער איז געקומען מיט זיין וואָגן אָפּנעמען סאַבינעס ביסל מעבל. גייענדיק אַהיים פון אַ לעקציע, האָט קריסטאָף דערזען, ווי עס שטייען פאַר דער טיר, אויף דער גאַס, איר בעט, די שאַנק, די מאַטראַצן, די וועש און אַלץ, וואָס האָט געהערט צו איר, אַלץ,

וואָס נאָך איר איז פאַרבליבן. ס'איז געווען פאַר אים אַ שרעקלעך בילד. ער איז גיך אַדורכגעגאַנגען. אין טויער האָט ער זיך אָנגע־שטויסן אָן בערטאָלדן, וואָס האָט אים אָפּגעשטעלט:

— אַ, מיין טייערער האַר, — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק אים האַרציק די האַנט, — אוי! ווער וואָלט זיך דערויף געריכט, בעת מיר זענען געווען צוזאַמען? ווי צופרידן מיר זענען אַלע געווען! אָט פון יענעם טאָג אָן, זינט דעם פאַרשאָלטענעם שפּאַציר אויפן וואַסער, האָט זי אָנגעהויבן צו קרענקען. נו, דאָס קלאָגן וועט גאָרנישט העלפן! זי איז טויט. עס וועט קומען די צייט אויך אויף אונז. אָט אַזוי איז דאָס לעבן... און איר, ווי גייט עס אייך? מיר — גאַנץ גוט, דאַנקען גאָט!

ער איז געווען רויט, פאַרשוויצט, און ס'האָט געשמעקט פון אים מיט ווייַן. דער געדאַנק, אַז דאָס איז איר ברודער, וואָס האָט געהאַט רעכט איבער איר זכר, האָט קריסטאָפן ווײ געטון. ער האָט געליטן, הערנדיק, ווי דער מענטש רעדט פון דער, וואָס ער האָט ליב געהאַט. דער מילנער, להיפוך, איז געווען גליקלעך, וואָס ער געפינט אַ פריינד, מיט וועמען ער קאָן רעדן וועגן סאַבינען: ער האָט נישט פאַרשטאַנען קריסטאָפס קאַלטקייט. ס'איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז זיין קעגנוואַרט, דאָס אומגעריכטע דערמאַנען דעם טאָג אין דער פערמע, די גליקלעכע זכרונות, וואָס ער האָט פלוצלינג אַרויסגערופן, די אָרעמע זאַכן, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך סאַבינען, געוואַלגערט זיך אויף דער ערד און וואָס ער האָט, בעתן רעדן, אַ שטויס געטון מיטן פוס, — אַז דאָס אַלץ פאַרשאַפט קריסטאָפן שטאַרקע יסורים. בלויז סאַבינעס נאָמען, ווען ער איז אַרויס פון זיין מויל, האָט אים אַ שטאָך געטון אין האַרצן. ער האָט געזוכט אַן אויס־רייד ווי צו מאַכן, אַז בערטאָלד זאָל שווייגן. ער איז אַרויף אויף די טרעפּ: אָבער יענער האָט אים נישט אָפּגעלאָזן, ער האָט אים פאַר־האַלטן אויף די שטיגן און נישט אויפגעהערט צו דערציילן. לסוף, ווען דער מילנער האָט גענומען דערציילן פון סאַבינעס קרענק מיט יענער משונהדיקער הנאה פון באַשטימטע מענטשן, דער עיקר פון המון, וואָס האָבן ליב צו רעדן וועגן קראַנקהייטן מיט אָן אַ שיעור פיינלעכע פּרטים, — האָט קריסטאָף מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן: (ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט, נישט אויסצושרייען פון ווייטיק). ער האָט אים פלוצלינג איבערגעריסן:

— זייט מוחל. — האָט ער געזאָגט מיט אַ קאַלטער טרוקנקייט — איך מוז אַוועקגיין.

ער איז אַוועק אָן אַ „גוטן־טאָג״.

אָט די קאַלטקייט האָט דעם מילנער שטאַרק אויפגעבראַכט. ער האָט עפּעס יאָ געוווּסט וועגן דער פֿאַרבאָרגענער ליבע פֿון זיין שוועסטער מיט קריסטאָפֿן. ס'האָט ביי אים אויסגעזען שרעקלעך, וואָס יענער האָט זיך באַצויגן מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט: ער האָט באַשלאָסן, אַז קריסטאָף איז אַ מענטש אָן אַ האַרץ.

קריסטאָף איז אַנטלאָפֿן צו זיך אין צימער: ס'האָט אים געשטיקט. ווי לאַנג ס'האָט געדויערט דאָס אַרויספֿירן דאָס מעבל, איז ער נישט אַרויס פֿון שטוב. ער האָט זיך געשוווירן נישט צו קוקן דורכן פֿענסטער, נאָר נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן; און באַהאַלטן אין אַ ווינקל, הינטער די פֿאָרהאַנגען, האָט ער געקוקט מיט אַ פּיינלעכער אויפֿמערקזאַמקייט, ווי מען פֿירט אַוועק די געליבטע זאַכן. בעת ער האָט צוגעזען, ווי זיי ווערן פֿאַרשווונדן אויף אייביק, האָט ער געוואָלט אַרויסלויפֿן אין גאַס און שרייען: „ניין! ניין! לאָזט עס מיר איבער! נעמט עס פֿון מיר נישט צו!״ ער האָט געוואָלט בעטן רחמים, מ'זאָל אים געבן לפּחות איין זאַך, איין איינציקע זאַך, מ'זאָל פֿון אים נישט אַוועקנעמען אַלץ. אָבער ווי וועט ער האָבן די העזה צו בעטן עס ביים מילנער? ער האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלעגט. אַפֿילו זי האָט נישט געוווּסט פֿון זיין ליבע — ווי־זשע וועט ער האָבן מוט צו דערציילן עס אַ צווייטן? אויסערדעם, ווען ער וואָלט געפּרוּווט אויסצורעדן אַ וואָרט, וואָלט ער זיך זיכער צעוויינט... ניין, ניין, מען מוז שווייגן, מ'דאַרף זיך צוקוקן צום פֿולשטענדיקן חורבן — און דערביי נישט קאָנען, נישט האָבן קיין מוט עפּעס צו טון, כּדי צו ראַטעווען אַ שפּליטער כאָטש פֿונם אונטערגאַנג.

און ווען אַלץ איז פֿאַרביי, ווען די שטוב איז געוואָרן פּוסט, ווען די טיר פֿונם טויער האָט זיך פֿאַרהאַקט נאָכן מילנערס אַוועקפֿאָרן, ווען די רעדער פֿונם וואָגן האָבן זיך דערווייטערט טרייסלענדיק די שויבן, ווען זייער טומל איז פֿאַרשווונדן געוואָרן, האָט ער זיך אַוואָרף געטון אויף דר'ערד, אָן אַ טרער, אָן אַ שום געדאַנק צו ליידן אָדער זיך צו ראַנגלען, און אַזוי פֿאַרגליווערט געוואָרן, ווי ער וואָלט שוין אַליין געווען טויט.

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער איז געבליבן ליגן אומבאַוועג-

לעך. מ׳האָט ווידער אָנגעקלאַפּט. ער האָט פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טיר אויפן שליסל. ס׳איז אַרײַנגעקומען ראָזע. זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ געשריי, זעענדיק, ווי ער ליגט אויסגעצויגן אויף דר׳ערד, אַ דערשראָקענע איז זי געבליבן שטיין. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט כּעס:

— וואָס? וואָס ווילסטו? לאָז מיך צו רו!

זי איז נישט אַרויסגעגאַנגען; וואַקלענדיק זיך, איז זי געבליבן און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר; זי האָט געזאָגט:

— קריסטאָף...

ער האָט זיך ווידער שטיל אויפגעהויבן; ער האָט זיך געשעמט, וואָס זי האָט אים אין אַזאַ צושטאַנד געזען. ער האָט אָפּגעווישט דעם שטויב מיט דער האַנט און שטרענג אַ פרעג געטון:

— נו, וואָס ווילסטו?

ראָזע האָט דערשראָקן געענטפערט:

— זיי מוחל... קריסטאָף... כ׳בין אַרײַן... כ׳האָב דיר געבראַכט...

ער האָט געזען, אַז זי האַלט אין האַנט עפּעס אַ זאַך.

— אָט איז, — האָט זי געזאָגט, און עס אים דערלאַנגט — כ׳האָב געבעטן בערטאָלדן, ער זאָל מיר געבן עפּעס אַ זכר נאָך איר. כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳וועט דיר פאַרשאַפן פרייד...

ס׳איז געווען אַ קליין זילבערן שפּיגעלע, אַ האַנט-שפּיגעלע, ווו זי פלעגט זיך איבערקוקן שעהנווייז, נישט אַזוי צוליב קאָקעטישקייט, ווי צוליב פוילקייט. קריסטאָף האָט עס גענומען און אָנגענומען די האַנט, וואָס זי האָט אים אויסגעשטרעקט:

— אוי, ראָזע!... — האָט ער געזאָגט.

ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט איר גוטסקייט און מיטן געפיל פון אייגענער אומגערעכטיקייט. מיט אַ ליידנשאַפטלעכער באַוועגונג האָט ער זיך אַ וואָרף געטון פאַר איר אויף די קני און געקושט איר האַנט:

— זיי מוחל... זיי מוחל... — האָט ער געזאָגט.

ראָזע האָט תּחילת נישט פאַרשטאַנען; דערנאָך אָבער האָט זי עס צו גוט פאַרשטאַנען; זי איז רויט געוואָרן, זי האָט געציטערט און געהאַלטןביים וויינען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל איר זאָגן:

„— זיי מוחל, אויב איך בין אומגערעכט... זיי מוחל, אויב כ׳האָב דיך נישט ליב... זיי מוחל, וואָס איך קאָן נישט... וואָס איך קאָן דיך

נישט ליב האָבן, וואָס איך וועל דיך קיינמאָל נישט ליב האָבן!...

זי האָט נישט אַרויסגעצויגן די האַנט, זי האָט געוווּסט, אַז נישט זי האָט ער געקושט. און ער, מיט דער באַק אָנגעשפּאַרט אָן ראָזעס האַנט, האָט זיך באַגאָסן מיט וואַרעמע טרערן, וויסנדיק, אַז זי לייענט זיינע געדאַנקען, — ער האָט געפילט אַ ביטערן טרויער, וואָס ער קאָן זי נישט ליב האָבן, וואָס ער פאַרשאַפט איר יסורים.

זיי זענען ביידע אַזוי געבליבן פאַרוויינטערהייט אינם בין-השמשות פונם צימער.

לסוף האָט זי אַרויסגעצויגן איר האַנט. ער האָט נאָך אַלץ גע-מורמלט:

— זיי מוחל!...

זי האָט אים לייכט געלעגט די האַנט אויפן קאָפּ. ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן. זיי האָבן זיך שטיל צעקושט; זיי האָבן געפילט אויף די ליפּן דעם געזאַלצענעם טעם פון זייערע טרערן.

— מיר וועלן אייביק זיין פריינד — האָט ער שטיל געזאָגט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַרויסגעגאַנגען, צו-טרויעריק צו קאָנען עפּעס זאָגן.

זיי האָבן געטראַכט, אַז די וועלט איז שלעכט איינגעאָרדנט. ווער ס'האָט ליב, איז נישט געליבט, ווער ס'איז געליבט, האָט נישט ליב. און ווער ס'האָט ליב און איז געליבט, ווערט אַ געוויסן טאָג, פריער אָדער שפּעטער, צעשיידט פון זיין געליבטער... יעדער איינער ליידט. יעדערער איז גורם ליידן דעם אַנדערן. און נישט שטענדיק איז אומגליקלעכער דער, וואָס ליידט.

קריסטאָף האָט ווידער גענומען אַוועקגיין פון שטוב. ער האָט דאָרט נישט געקאָנט זיין. ער האָט נישט געקאָנט אָנקוקן די קעגנאַי-בערדיקע פענסטער אָן די פאָרהאַנגען און די פוסטע שטוב.

ער האָט איבערגעלעבט נאָך גרעסערע יסורים. דער אַלטער איילער האָט זיך געאיילט צו פאַרדינגען די דירה אַ צווייטן. איינמאָל האָט קריסטאָף דערזען אין סאַבינעס צימער פרעמדע פנימער. נייע לעבנס האָבן אָפּגעמעקט די לעצטע שפּורן פונם פאַרשווונדענעם לעבן.

ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט בלייבן אין דער דירה. גאַנצע טעג האָט ער פאַרבראַכט אין דרויסן; ער פלעגט אַהיימקומען נאָר ביינאַכט, ווען מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט זען. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּאַצירן איבער די פעלדער. קעגן זיין ווילן, האָט אים שטענדיק געצויגן צו בערטאָלדס הויף. אָבער ער פלעגט אַהין נישט אַריינגיין, — נישט געהאַט דערצו קיין מוט; ער פלעגט אָנלעגן וועג און גיין אַרום־און־אַרום. ער האָט זיך געפונען אַ פונקט אויף אַ בערגל, פון וואַנען מ׳האָט פריי געקאָנט זען די פערמע, דעם פליין און דעם טייך: דאָס איז געווען דער ציל פון זיינע שפּאַצירן. פון דאַנען האָט ער אַרומגענומען מיט די אויגן דאָס וואַסער־שלענגלען ביז די ווערבע־ווענדלען, וואָס אונטער זיי האָט ער געזען פאַרביישוועבן דעם שאָטן פון טויט איבער סאַבינעס פנים. פון דאַנען האָט ער געקאָנט אונטערשיידן די צוויי פענסטער פון די צימערן, ווו זיי זענען געווען אַמאָל איינער נעבן אַנדערן, אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט, אָפּגעטיילט קוים מיט אַ טיר, — מיט דער טיר פון דער אייביקייט. פון דאַנען האָט ער באַטראַכט דעם בית־עלמין אונטן. ער האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַריינצוגיין אַהין: פון זיינע קינדער־יאָרן אָן האָט ער מורא געהאַט פאַר די מתים־פעלדער און נישט געוואָלט פאַרבינדן מיט זיי דאָס בילד פון די, וואָס ער האָט ליב געהאַט. נאָר פון דער הויך און פון וויטן האָט דער קליינער בית־עלמין לחלוטין נישט אויסגעזען פאַראומערט; עס איז געווען רויק און געשלאָפן אויף דער זון... שלאָפן!... זי האָט ליב געהאַט צו שלאָפן! דאָרט וועט איר קיינער נישט שטערן.

דאָס קרייען פון די הענער האָט זיך איבערגעצעמפּערט איבערן פליין. פון דער פאַרם איז אַרויפגעשטיגן דער גערויש פון מיל, דער געפּילדער פון די עופות, די געשרייען פון די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט. ער האָט באַמערקט סאַבינעס טעכטערל; ער האָט זי געזען ווי זי לויפט און דערקענט איר געלעכטער. איינמאָל האָט ער זי אָפּגעוואַרט, ביי דער טיר פון דער פאַרם, ביי אַן אויסבויג פונם קרומען וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט אַרום דער מויער; ווען זי איז פאַרבייגעלאָפן, האָט ער זי אָנגעכאַפּט און האַסטיק אַ קוש געטון. די קליינע האָט זיך דערשראָקן און גענומען וויינען. זי האָט אים שוין כמעט געהאַט פאַרגעסן. ער האָט זי געפרעגט:

— ביסט צופרידן דאָ?

— יאָ, איך שפּיל זיך...

— דו ווילסט נישט גיין צוריק אַהין?

— ניין!

ער האָט זי אָפּגעלאָזן. דעם קינדס גלייכגילטיקייט האָט אים ווײ געטון. אָרעמע סאַבינע!... און עס איז דאָך פּאָרט געווען זי, אַ טייל פון איר... אַזאַ קליינער טייל! דאָס קינד איז נישט געווען גע־ראָטן אין דער מוטער: ס'איז קוים אַריבער צו איר בירושה פון דער מאַמע אַ לייכטער ריח פונם פאַרשווונדענעם וועזן: דאָס שטים־וויברירן, אַ קליינע ליפּן־באַוועגונג, דער שטייגער פון בויגן דעם קאָפּ. דאָס איבעריקע אין איר איז געווען פון אַן אַנדערן מענטשן; און אָט דער אַנדערער מענטש, צונויפגעמישט מיט סאַבינעס ווען, האָט דערוועקט אין אים עקל, הגם ער האָט זיך אין דעם נישט מודה געווען.

נאָר אין זיך אַליין האָט קריסטאָף ווידער געפונען סאַבינעס בילד. אומעטום האָט עס אים פאַרפאָלגט, אָבער נאָר בעת ער איז געווען אַליין האָט ער מיטן פולן האַרצן געפילט, אַז ער איז מיט איר. אין קיין שום אָרט איז זי נישט געווען אַזוי נאָענט צו אים, ווי אין דעם דאָזיקן ווינקל אויפן בערגל, ווייט פון מענטשלעכע בליקן, אין מיטן פון דער געגנט, וואָס איז פול געווען מיט די זכרונות פון איר. ער האָט דורכגעמאַכט גאַנצע מיילן אָנצוקומען אַהער, צו דעם אָרט; ער איז געלאָפן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ווי צו אַ ליבע־באַגעג־עניש: און באמת איז עס אַזוי געווען. ווי נאָר ער פלעגט אַהין קומען האָט ער זיך געלעגט אויף דר'ערד, — אויף דער זעלבער ערד, וווּ איר קערפּער איז געלעגן; — ער האָט צוגעמאַכט די אויגן — און זי האָט אים אַרומגעהילט. ער האָט נישט געזען מער אירע שטריכן, נישט געהערט מער איר שטים: ס'איז געווען איבעריק; זי איז אַריין אין אים, זי האָט אים דורכגענומען, באַהערשט. אין דעם מצב פון ליידנשאַפטלעכע דמיונות האָט ער נישט געוווּסט, וואָס מיט אים קומט פאָר; ער האָט געוווּסט נאָר דאָס, אַז ער איז מיט איר.

דער צושטאַנד האָט לאַנג נישט געדויערט. — דעם אמת זאָגנ־דיק, האָט ער עס געפילט אויפריכטיק נאָר צום ערשטן מאָל. באַלד אויף צומאָרגנס האָט זיך זיין ווילן אַריינגעמישט אין דעם. און זינט דעמאָלט האָט קריסטאָף אומזיסט געפּרווּוט זי ווידער אויפלעבן אין זיך. איצט האָט ער נאָר געטראַכט פון דעם, ווי אַזוי אַרויסצורופן אין זיך איר געשטאַלט און איר צאַרט פּנים: ביז יענער צייט האָט ער קיינ־

מאָל וועגן דעם נישט געטראַכט. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן; אויך אַן אויגנבליק האָט עס אים באַלויכטן. אָבער ער פלעגט עס דערגרייכן נאָר נאָך פיל דערוואַרטונגען און נאַכט-שעהן.

„אָרעמע סאַבינע! — האָט ער געטראַכט — זיי האָבן דיך אַלע פאַרגעסן, נאָר איך איינער האָב דיך ליב היט דיך שטענדיק אָ מיין טייערער אוצר! איך האָב דיך, איך האַלט דיך צו, איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן!...״

אָט אַזוי האָט ער גערעדט, ווייל ער האָט זי שוין געהאַט פאַרלאָזן: זי איז אַנטרונען געוואָרן פון זיין געדאַנק, ווי וואַסער פון צווישן די פינגער. ער פלעגט אויך ווייטער קומען פינקטלעך צו די באַגעגענישן. ער האָט געוואָלט טראַכטן פון איר און ער פלעגט צוּשליסן די אויגן. אָבער נאָך אַ האַלבער שעה, נאָך אַ שעה אָדער אפילו צוויי, פלעגט ער זיך טיילמאָל אַרומזען, אַז ער האָט גאָר וועגן קיין שום זאַך נישט געטראַכט. דער גערויש פונם טאָל, דאָס שפּרודלען פון די טייכלעך, די גלעקלעך פון צוויי ציגן, וואָס האָבן זיך געפּיטערט אויפן בערגל, דער שאָרך פונם ווינט אין די צאַרטע בוימעלעך, וואָס ער איז געלעגן ביי זיי צופוסנס, — האָבן אָנגעטרונקען זיין אָפּענעם, ווייכן געדאַנק, ווי אַ שוואָם. ער האָט זיך קעגן זיין געדאַנק געראַנגלט: ער האָט אים געצווונגען זיך אונטערצוגעבן, צו האַלטן פעסט דאָס פאַרשווינדנדיקע בילד, אין וועלכן ער האָט געוואָלט אָנבינדן זיין לעבן; אָבער זיין געדאַנק פלעגט אַראָפּזינקען, מיד און פאַרשלאָפן, און ווידער האָט ער זיך איבערגעגעבן, מיט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג, דעם פוילן שטראָם פון איינדרוקן

ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער באַטויבונג. ער איז דורכגעלאָפן דאָס פעלד אין דער לענג און אין דער ברייט, און געזוכט סאַבינען. ער האָט זי געזוכט אינם שפּיגל, ווו עס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן איר שמייכל. ער האָט זי געזוכט אויפן ברעג פונם טייך, ווו אירע הענט האָבן זיך געטובלט. אָבער דער שפּיגל און דאָס וואַסער האָבן אים צוריקגעשיקט בלויז זיין אייגן בילד. די באַוועגלעכקייט פון זיין גאַנג, די פרישע לופט, זיין האַסטיק, פולסירנדיק בלוט, האָבן דערוועקט אין אים מוזיקאַלישע איינפאַלן. ער האָט שוין געבענקט נאָך עפּעס נייעס:

— אָ, סאַבינע!... — האָט ער געקרעכצט.

ער האָט איר געווידמעט די געזאַנגען און אָפּגעמאַכט בײַ זיך אויפֿצולעבן אין דער מוזיק זײַן ליבע און זײַנע יסורים... נאָר אומזיסט: די ליבע און יסורים האָט ער טאַקע אויפֿגעלעבט, אָבער געפֿעלט האָט לחלוטין די אָרעמע סאַבינע. די ליבע און ליידן האָבן געקוקט צו דער צוקונפֿט, נישט צו דער פֿאַרגאַנגענהייט. קריסטאָף האָט נישט געקענט גובר זײַן זײַן יוגנט. דער לעבנס־זאַפֿט האָט גענומען קוועלן אין אים מיט אַ נײַעם אימפּעט. זײַן טרויער, זײַן חרטה, זײַן צניעות־דיקע, צעגליטע ליבע, זײַנע געצווימטע פֿאַרלאַנגען האָבן צעפֿלאַקערט אין אים אַ פֿיבער. אויף צו להכעיס זײַן טרויער, האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט מיט אַ פֿריילעכן, האַסטיקן ריטם; ווילדע לידער האָבן געטאַנצט אין אַ שיכּורן טאַקט: אַלץ האָט געלויבט דאָס לעבן, אַפֿילו דער אומעט האָט באַקומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ יום־טוב. קריסטאָף איז געווען צו־אויפֿריכטיק, ער זאָל זיך לאַנג אײַנעקשנען און לאָזן זיך נאַרן; ער האָט געפֿילט צו זיך אַ פֿאַראַכטונג. אָבער דאָס לעבן האָט אים מיטגעריסן. און אומעטיק, מיט אַ נשמה, וואָס איז פֿול מיטן טויט און אַ גוף — פֿול מיט לעבן, האָט קריסטאָף זיך אָפּגעגעבן דער באַנײַענדיקער קראַפֿט, דער פֿאַרשיכּורנדיקער, זינלאָזער פֿרייד פֿון לעבן, וואָס סײַ דער ווייטיק, מיטלייד און פֿאַרצווייפֿלונג, סײַ די האַרצרײַסנדיקע ווּנד פֿון אַן אויף־אייביק־פֿאַרפֿאַלענע אַבֿדה און די יסורים פֿון טויט — אַלץ צוזאַמען האָט זי נאָך מער פֿאַרשטאַרקט און נאָך שטאַרקער זי אויפֿגעלעבט אינם געזונטן מענטשן, פּונקט ווי אַ געפֿערלעכער שפּרונג רעגט לוסטיק אויף דאָס פֿערד.

קריסטאָף האָט, אַגבֿ, געוווּסט, אַז אין די אונטערערדישע קעלערן פֿון דער נשמה באַהאַלט ער אַ נישט־צוגענגלעכן, אומבאַרירלעכן מקלט, ווו סאַבינעס שאָטן איז פֿאַרזיגלט. דער שטראָם פֿון לעבן קאָן אים נישט מיטרײַסן. יעדער איינער טראָגט טיף אין זיך אַ מין קליינעם בית־עולם פֿון די, וואָס ער האָט ליב געהאַט. זיי שלאָפֿן דאָרט יאָרנלאַנג און קיין זאַך שטערט נישט זייער רו. נאָר עס קומט אַ טאָג, — אַלע ווייסן עס — ווען דער אָרון עפֿנט זיך אויף. די מתים גייען אַרויס פֿון זייערע קבֿרים און שמייכלען מיט זייערע אויסגעצויגענע — און ווי שטענדיק, ליבנדיקע — ליפּן צום געליבטן, וואָס אין זײַן ברוסט דרימלט זייער זכר ווי אַ קינד, וואָס שלאָפֿט אין די מאַמעס געדערים.

III

אדא

נאָכן רעגנדיקן זומער האָט אויפגעשטראַלט דער האַרבסט. אין די אויבסט־סעדער זענען די פּרוכטן שווער אַראָפּגעהאָנגען פון די צווייגן. די רויטע עפּל האָבן געגלאַנצט ווי באַלן פון עלפנביין. די איבעריקע ביימער האָבן שוין געאײַלט זיך אָנצוטון אין זייער לייכטנדיקער, שפּעט־האַרבסטיקער קליידונג: אין פייער־קאָליר, אין הויבסט־קאָליר, אין קאָליר פון צייטיקן מעלאָן, פון פּאָמעראַנץ, פון ציטרין, פון געשמאַקע קיך־ריחות, פון געבראָטענעם פלייש. אַ טעמפּער שימער האָט זיך צעפלאַקערט אין אַלע זייטן פון די וועלדער; און פון די לאָנקעס האָבן זיך אויפגעהויבן קליינע ראָזע פלאַמען פון דורכזיכטיקע בלימעלעך.

ער איז אַראָפּ פון אַ בערגל. ס'איז געווען אַ זונטיקדיקער נאָכמיטאָג. ער איז געגאַנגען מיט גרויסע טריט, כמעט געלאָפן, מיטגעשלעפּט פון דער שיפּוע. ער האָט געזונגען אַ ליד, וואָס דער ריטם האָט אים באַהערשט באַלד אין אָנהויב פונם שפּאַציר. ער איז געגאַנגען אַ רויטער, מיט צעקנוידערטע קליידער, געמאַכט מיט די הענט און געגלאָצט מיט די אויגן, ווי אַ חסר־דעה — און פּלוצלינג האָט ער, אינם אָרט, ווו דער וועג דרייט זיך אַוועק אין אַ זייט, דערזען אַ גרויס, בלאָנד מיידל, וואָס איז געזעסן אויף אַ מויער־פּלויט און געצויגן מיט אַלע כוחות אַ דיקן צווייג פון בוים צו זיך און געשלונגען מיט אַפּעטיט קליינע, פּיאָלעטע פלאָמען. ביידע זענען זיי אין דער זעלבער מאָס געווען פאַרחידושט. מיט אַ פולן מויל האָט זי אים אָנגעקוקט; דערנאָך האָט זי אויסגעשריען און זיך צעלאַכט. ער האָט געטון דאָס נעמלעכע. ס'איז געווען אַ מחיה אָנצוקוקן זי, מיט איר רונדן פּנים, וואָס איז געווען ווי מיט אַ זון־שטויב אַרומגעזוימט מיט העלע, גע-

גרייזלטע האָר; מיט אירע פולע, ראָזע באַקן; ברייטע, בלויע אויגן; מיט איר אַ ביסל-דיקלעכער, חוצפּהדיק-פאַרריסענער נאָז; מיט איר קליינעם, שטאַרק-רויטן מויל, וואָס האָט געוויזן ווייסע ציין מיט שטאַרקע, בולטע באַק-ציין; מיט איר תּאוהדיקער גאָמבע און מיט איר גאַנצער גרויסער, דיקער, פעסט-געבויטער, אויסגעגאָסענער פיגור. ער האָט אַ געשריי געטון:

— אַ גוטן אַפּעטיט!

און געוואָלט גיין זיין וועג. אָבער זי האָט אים גערופן:

— וואַרט! וואַרט נאָר! איר ווילט זיין אַזוי פריינדלעך? העלפט מיר אַראָפּשפּרינגען. איך קאָן נישט אַליין...

ער איז צוריקגעגאַנגען און געפרעגט זי, ווי איז זי אַליין אַרויף.

— מיט די נעגל... אַרויפצוקריכן איז שטענדיק לייכטער...

— בפרט ווען געשמאַקע פּרוכטן הענגען אַראָפּ איבערן קאָפּ...

— יאָ... נאָר ווען מ׳עסט זיך אָן, פאַרלירט מען דעם מוט. מ׳קאָן נישט געפינען צוריק דעם וועג.

ער האָט זי אָנגעקוקט, ווי זי הענגט אויבן, און געזאָגט:

— אַזוי זעט איר אויס זייער פיין. בלייבט דאָרט שטיל זיצן. איך וועל קומען מאָרגן אַ קוק טון. אַ גוטע נאַכט!

אָבער צוגעשמידט אונטן, האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט.

זי האָט זיך געמאַכט דערשראָקן און מיט קליינע האוואַיעס געבעטן אים, ער זאָל זי נישט פאַרלאָזן. זיי האָבן זיך ווייטער, לאַכנדיק, אָנגעקוקט. זי האָט אים געפרעגט, אָנווייזנדיק די צווייג, אויף וועלכער זי איז געהאָנגען:

— איר ווילט?

זינט די שפּאַצירן מיט אָטאָן, האָט קריסטאָף נישט געהאַט קיין גרויסן דרך-ארץ פאַר פּריוואַט-אייגנטום; ער האָט צוגעשטימט אָן וואַקלעניש. זי האָט מיט הנאה אַראָפּגעשאָקלט אויף אים פלאָמען. ווען ער האָט זיך אָנגעגעסן, האָט זי געזאָגט:

— און איצט!...

ער האָט זי מיט אַ בייזער הנאה געלאָזט וואַרטן. זי איז געוואָרן אומגעדולדיק אויפן פּלויט. לסוף האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר גיין!

און אויסגעצויגן די אָרעמס.

אָבער אין דער רגע, ווען זי האָט געוואָלט אַראָפּשפּרינגען, האָט זי זיך געכאַפּט:

— וואַרט! מ׳דאַרף פריער מיטנעמען אויפן וועג!

זי האָט אָפּגעפּליקט די שענסטע פלאָמען, וואָס זי האָט געהאַט אונטער דער האַנט, און אָנגעפּילט איר האַלב-אָפּענעם בוזעם:

— פּאָרזיכטיק! צעטרעט זיי נישט!

ער האָט כמעט חשק געהאַט עס צו טון.

זי האָט זיך איבערגעבויגן צום פּלויט און אַראָפּגעשפּרונגען אין זיינע אָרעמס. הגם ער איז געווען אַ פעסטער, האָט ער זיך אַ וואַקל-געטון אויף די פיס און כמעט אומגעפאַלן מיט איר צוזאַמען. זיי זע-נען געווען אייך הויך. זייערע פּנימער האָבן זיך אָנגעררירט. ער האָט זי אַ קוש געטון אין די פייכטע ליפּן, וואָס זענען געווען זיס פון פלאָמען-זאַפט; און זי האָט אים אָן שום קונצן אָפּגעגעבן אַ קוש צוריק.

— ווּהין גייט איר? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס נישט.

— איר האָט שפּאַצירט אַליין?

— ניין. איך בין דאָ מיט חברים. נאָר כ׳האָב זיי אָנגעווירן...

הו-הו! — האָט זי פּלוצלינג אַ געשריי געטון, רופנדיק מיט אַלע כוחות.

קיינער האָט נישט געענטפערט.

זי האָט זיך עס נישט גענומען צום האַרצן. זיי האָבן זיך גע-לאָזט גיין, גלייך, ווו די אויגן האָבן געטראָגן.

— און איר, ווו גייט איר? — האָט זי זיך אָנגערופן.

— איך ווייס אויך נישט.

— גאַנץ גוט. לאָמיר גיין צוזאַמען.

זי האָט אַרויסגענומען פון איר האַלב-אָפענעם בוזעם עטלעכע פלאָמען און גענומען זיי שפּאַלטן מיט די ציין.

— איר קאָנט נאָך קראַנק ווערן! — האָט ער געזאָגט.

— קיינמאָל אין לעבן נישט! איך עס זיי אַ גאַנצן טאָג.

דורך דער אָפענער בלוזע האָט ער געזען דאָס העמד.

— איצט זענען זיי אַלע וואַרעם געוואָרן, — האָט זי געזאָגט.

— לאָמיר זען!

זי האָט אים לאַכנדיק דערלאַנגט אַ פלאָם. ער האָט זי אויפ-

געגעסן. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט איין אויג-ווינקל און בשעת-מעשה געזויגן די פלאָם, ווי אַ קינד. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, ווי עס וועט זיך ענדיקן. לפחות, זי האָט שטאַרק געצווייפלט. זי האָט געוואַרט.

— הו-הו! — האָט מען געשריען פון וואַלד.

— הו-הו! — האָט זי געענטפערט — אַך, אָט זענען זיי! — האָט זי געזאָגט צו קריסטאָפן. — ס'איז נישט קיין גרויסער שאָד.

זי האָט געטראַכט פאַרקערט, אַז ס'איז דווקא אַ גרויסער שאָד. אָבער דאָס וואָרט איז נישט געגעבן געוואָרן דער פרוי, זי זאָל זאָגן דאָס, וואָס זי טראַכט... גאָט צו דאַנקען! ווען נישט דאָס, וואָלט אומ-מעגלעך געווען צו געפינען אויף דער ערד מאָראַל.

די קולות האָבן זיך דערנענטערט. אירע פריינד זענען אַרויס אויפן וועג. זי איז אַריבערגעשפרונגען דעם ראָוו, אַרויפגעקראָכן נישט ווייט אויף אַ בערגל און באַהאַלטן זיך הינטער די ביימער. פאַרחידושט האָט ער זי אָנגעקוקט. זי האָט באַפעלעריש געגעבן צייכנס, ער זאָל צוגיין. ער האָט זי געפאָלגט. זי האָט זיך באַהאַלטן טיף אין וואַלד.

— הו-הו! — האָט זי ווידער אויסגעשריען, ווען זיי זענען שוין געווען גאַנץ ווייט.. — איך וויל, זיי זאָלן מיך זוכן! — האָט זי גע-געבן קריסטאָפן צו פאַרשטיין.

יענע זענען דערווייל געבליבן שטיין אויפן וועג און זיך צוגע-הערט, פון וואַנען די שטים קומט אָן. זיי האָבן אָפגעענטפערט און זענען אויך אַריין אין וואַלד. נאָר זי האָט אויף זיי נישט געוואַרט. זי האָט מיט הנאה געמאַכט זיגזאַגן אויף רעכטס און אויף לינקס. זיי זענען הייזעריק געוואָרן פון רופן. זי האָט זיי געלאָזט שרייען און דערנאָך גענומען רופן פון גאָר אַן אַנדערער זייט. לסוף זענען זיי מיד געוואָרן, און זיכער, אַז דאָס בעסטע מיטל, זי זאָל צוריקקומען, איז אויפצוהערן בכלל זי צו זוכן, האָבן זיי אַ געשריי געטון:

— אַ גליקלעכע רייזע!

און זינגענדיק אַוועקגעגאַנגען.

זי איז געוואָרן זייער בייז, וואָס זיי זאָרגן זיך אַזוי ווייניק וועגן איר. זי האָט אמת, אַליין געוואָלט פון זיי פטור ווערן; נאָר איר איז נישט איינגעפאַלן, אַז זיי וועלן אַזוי לייכט מסכים זיין אַוועקצו-גיין אָן איר. קריסטאָף האָט געמאַכט אַ נאַרישע מינע: אָט דאָס שפּיל אין באַהעלטעניש מיט אַ מיידל, וואָס ער האָט נישט געקענט, איז

אים אויסגעקומען מאָדנע; און ער האָט לחלוטין נישט געקלערט צו באַנוצן זיך דערמיט, וואָס זיי זענען אַליין. זי האָט עס אויך נישט געקלערט: פון גרויס כעס האָט זי פאַרגעסן אָן קריסטאָפן.

— אָ, ס'איז צו פיל, — האָט זי געזאָגט, פּאַטשנדיק אין די הענט, — אָט האָבן זיי מיך איבערגעלאָזן.

— אָבער, — האָט זיך קריסטאָף אָנגערופן — איר האָט דאָך עס אַליין געוואָלט.

— ס'הויבט זיך נישט אָן!

— איר זענט אַנטלאָפן.

— אויב איך בין אַנטלאָפן, איז עס מיין עסק, נישט זייערע. זיי האָבן מיך געדאַרפט זוכן. און אויב איך וואָלט פאַרבלאָנדזעט?...

זי האָט זיך שוין גענומען קלאָגן אויף די צרות, וואָס זי וואָלט אויסגעשטאַנען, ווען... ווען ס'וואָלט געשען פאַרקערט, ווי אין אמתן.

— אָ, איך וועל זיך מיט זיי אָפּרעכנען, — האָט זי געזאָגט.

זי איז געגאַנגען צוריק מיט גרויסע טריט.

אויפן וועג האָט זי זיך דערמאָנט אָן קריסטאָפן און ווידער אויף אים אַ קוק געטון. — נאָר ס'איז געווען צו שפּעט. זי האָט זיך צעלאַכט. דער קליינער שד, וואָס איז אין איר געווען פריער, איז איצט נעלם געוואָרן. וואַרטנדיק, ס'זאָל אָנקומען אַ צווייטער שד, האָט זי דערווייל געקוקט אויף קריסטאָפן מיט גלייכגילטיקע אויגן. אויסערדעם איז זי געווען הונגעריק. איר מאָגן האָט איר דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט צו עסן אָוונטברויט; זי האָט זיך געאיילט צו טרעפן די חברים אין רעסטאָראַן. זי האָט אָנגענומען קריסטאָפן פאַרן אָרעם און זיך אָנגעהאָנגען מיט אַלס כוחות; זי האָט געקרעכצט און געזאָגט, אַז די כוחות גייען איר אויס. דאָס האָט איר אָבער נישט געשטערט מיטצושלעפּן קריסטאָפן באַרג־אַראָפּ, ווען זי איז שרייענדיק און לאַכנדיק, ווי אַ משוגענע, אַראָפּגעלאָפן פונם בערגל.

זיי האָבן געשמועסט. זי האָט זיך דערוווּסט, ווער ער איז; זי האָט זיין נאָמען נישט געקענט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי לייגט נישט קיין גרויס אַכט אויף זיין מוזיקער־טיטל. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ מאַגאַזין־פאַרקויפערין ביי אַ מאָדיסטין אויף דער קייזער־גאַס (די שענסטע גאַס אין דער שטאָט); זי האָט געהייסן אַדעלהאַד,— פאַר אירע פריינד — אַדאַ. אירע שפּאַציר־חברים זענען געווען: אירע אַ חברטע, וואָס האָט געאַרבעט אינם זעלבן געשעפט, ווו זי, און

צווי זייער פיינע יונגעלייט, איינער אַ באַאַמטער אין ווילערס באַנק און דער צווייטער אַ סוחר, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ גרויסן געשעפט. זיי האָבן אויסגענוצט די פרייע צייט פון זונטיק, באַשלאָסן צו עסן מיטאָג אין בראָשעטס רעסטאָראַן, פון וואַנען מ׳האָט געקאָנט זען אַ שיין בילד פון רהיין, און אויך צופאָרן צוריק מיטן דאַמפּער.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין רעסטאָראַן, איז שוין די געזעלשאַפט געזעסן ביים טיש. אַדאַ האָט באַלד געמאַכט אירע פריינד אַ סצענע; זי האָט זיך באַקלאָגט אויף זייער מיאוסן אַנטלויפן, און פאָרגעשטעלט פאַר זיי קריסטאָפן, זאָגנדיק, אַז ער האָט זי ממש געראַטעוועט. זיי האָבן אויף אירע טענות קיין שום אַכט נישט געלעגט; אָבער קריסטאָפן האָבן זיי געקענט, — דער באַאַמטער האָט געהערט וועגן אים און דער סוחר — האָט געהערט זיינע עטלעכע מוזיקאַלישע זאַכן, — (ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק איין ניגון באַלד אויפן אָרט אונטערצוברומען) — און דער דרך-ארץ, וואָס זיי האָבן אים אַרויסגעוויזן, האָט געמאַכט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אַדאַן, בפרט, ווען מירא, דאָס צווייטע מיידל, — (אייגנטלעך האָט זיך געהייסן האַנזי אָדער יאָהאַננאַ) — האָט אָן אויפהער גענומען אַרומטאַנצן אַרום דעם „הער הויף-מוזיקער". מירא איז געווען אַ ברונעט מיידל מיט אַרומלויפנדיקע אויגן, קנאָכיקן שטערן, גלאַטע האָר, מיט אַ ביסל אַ פאַרקרימט פּנים, ווי ביי אַ כינעזערין, אָבער אַ גייסטרייכע און נישט אָן רייץ, מיט איר ציגן-קין און אייל-גאָלדענער הויט. זיי האָבן אים געבעטן אָנצוטון זיי דעם כבוד און זעצן זיך מיט זיי צום טיש.

ער האָט קיינמאָל נישט בייגעוווינט אַזאַ יום-טוב; ווייל יעדער איינער האָט איבערגעיאָגט דעם אַנדערן אין העפלעכקייט, און די ביידע פרויען, ווי גוטע פריינדינס, האָבן אים כסדר איינע ביי דער אַנדערער אַרויסגעריסן. זיי האָבן אים ביידע געוואָלט אַריינכאַפּן: מירא, מיט צערעמאָניאַלע באַוועגונגען און כיטרע אויגן, דריקנדיק אים די פיס אונטערן טיש; — און אַדאַ, שפּילנדיק חוצפּהדיק מיט אירע שיינע אויגן, מיט איר שיין מויל און מיט דער גאַנצער קונסט פון איר געשטאַלט צו פאַרפירן. אָט די, אַ ביסל גראָבלעכע קאָקעטישקייט האָט קריסטאָפן פאַרשעמט און צעטומלט. אָבער די ביידע כאַרשייטע מיידלעך זענען געווען אינגאַנצן אַנדערש, ווי די טונקעלע געזיכטער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט ביי אים אין שטוב. מירא האָט אים אינטערעסירט, ער האָט געפונען, אַז זי איז קליגער פון אַדאַן; נאָר אירע

וזנופהדיקע געגג און צוויידייטיקער שמייכל האָבן זיך צונויפגעמישט ביי אים אין אַ געפיל, וואָס האָט אים אי געצויגן, אי אָפּגעשטויסן. זי האָט נישט געקאָנט בייקומען דעם גלאַנץ פון לעבן און הנאה, וואָס האָט געשטראַלט פון אַדאַן: און זי האָט עס גאַנץ גוט געוווּסט. ווען זי האָט איינגעזען, אַז די פּאַרטיע איז פאַרשפּילט, האָט זי זיך נישט איינגעקשנט; נאָר פאַרשלאָסן אין זיך, האָט זי ווייטער געשמייכלט און געדולדיק געוואַרט, ביז ס'וועט קומען איר צייט. ווען אַדאַ האָט געזען, אַז דאָס שלאַכט-פעלד איז אין איר רשות, האָט זי קיין ווייטערדיקע דערגרייכונגען נישט געזוכט; דאָס, וואָס זי האָט זיך געמיט, איז דער עיקר געווען צו דערגיין די חברטע די יאָרן: ס'האָט זיך איר איינגעגעבן, זי איז געווען צופרידן. אָבער שפּילנדיק זיך, איז זי אַליין אַריינגעפאַלן אין נעץ. זי האָט געפילט אין קריסטאָפס אויגן די ליידנשאַפט, וואָס זי האָט אָנגעצונדן; און אָט די ליידנשאַפט האָט זיך אין איר אויך צעפלאַקערט. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, איבערגעריסן די וואולגאַרע שטעכווערטלעך: זיי האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט; זיי האָבן געפילט אויף די ליפּן דעם טעם פון זייער קוש. פון צייט צו צייט, מיט הפסקות, האָבן זיי זיך ווידער באַטייליקט מיט אַ טומל אין דער פאַרווײַלונג פון זייערע שכנים: דערנאָך זענען זיי ווידער שטיל געוואָרן און באַהאַלטענערהייט געקוקט איינער אויפן אַנדערן. לסוף האָבן זיי זיך אויפגעהערט אָנצוקוקן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך צו פאַרראַטן. פאַרזונקען אין זיך אַליין, האָבן זיי צעגליט אין זיך דעם באַגער.

ווען דער מיטאָג האָט זיך געענדיקט, האָבן זיי זיך געגרייט אַרויסצוגיין. זיי האָבן באַדאַרפט דורכצומאַכן צוויי קילאָמעטער דורכן וואַלד, כדי אָנצוקומען צו דער דאַמפּפער-סטאַציע. אַדאַ האָט זיך אויפגעהויבן די ערשטע, און קריסטאָף איז איר נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געוואַרט פאַר דער טיר, ביז יענע וועלן פאַרטיק ווערן; — שווייגנדיק, זייט ביי זייט, זענען זיי געשטאַנען אינם געדיכטן נעפל, וואָס איין איינציקער לאַמטערן, אויפגעהאָנגען אויף דער טיר פון רעסטאָראַן, האָט אים קוים דורכגעדרונגען. — מירא האָט זיך פאַרזאַמט פאַרן שפּיגל.

אַדאַ האָט אָנגענומען קריסטאָפן פאַר דער האַנט און אים אַוועקגעשלעפּט, לענג-אויס דער שטוב, אין שאָטן פונם גאָרטן, אונטער אַ באַלקאָן, פון וועלכן ס'איז אַראָפּגעהאָנגען אַ פאָרהאַנג פון ווילדע ווײַנ-

טרויבן, האָבן זיי זיך ביידע באַהאַלטן, אַרומגערינגלט פונם שווערן חושך. זיי האָבן איינער דעם צווייטן נישט געזען. דער ווינט האָט געררוישט אין די בוימער־שפּיצן. ער האָט געפילט, אַז אַדאַס פינגער האָבן זיך איינגעפּלאָנטן אין זיינע, און דער ריח פון אַ העליאָטראָפּ־בלום, וואָס זי האָט געטראָגן אויף דער ברוסט.

פּלוצלינג האָט זי אים אַ צו געטון צו זיך; קריסטאָפס מויל האָט אָנגערירט אַדאַס האָר, וואָס זענען געווען נאָס פונם נעפּל; ער האָט געקושט אירע אויגן, אירע ברעמען, אירע נאָזלעכער און אירע פעסטע באַקן און דעם ווינקל פון איר מויל, ער האָט געזוכט און געפונען אירע ליפּן און געבליבן אָן זיי הענגען.

די חברים זענען אַרויסגעגאַנגען. מ׳האָט גערופן:

— אַדאַ!...

זיי זענען אומבאַוועגלעך געשטאַנען, קוים געאָטעמט און צוגע־דריקט איינער צום אַנדערן די ליפּן און דעם גאַנצן קערפּער.

זיי האָבן געהערט, ווי מיראַ זאָגט:

— זיי זענען אַוועק פאָרויס.

די טריט פון זייערע חברים האָבן זיך דערווייטערט אין דער נאַכט. זיי האָבן זיך נאָך שטאַרקער צוגעדריקט אין דער שטיל, שטיקנדיק אויף זייערע ליפּן אַ ליידנשאַפטלעכן געפּליסטער.

אַ שטאָט־זייגער האָט אויסגעקלונגען אין דער ווייטן. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן. מ׳האָט געדאַרפט גיך לויפן צו דער סטאַציע. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָבן זיי גענומען גיין געאָרעמט, מיט אַ גלייכמעסיקן טריט, — אַ קליינעם, האַסטיקן און פעסטן, ווי זי אַליין. דער וועג איז געווען פּוסט, דאָס פעלד אָן מענטשן, זיי האָבן קוים געזען צען טריט פאָרויס; זיי זענען געגאַנגען הייטער און זיכער אין דער ליבער נאַכט. זיי זענען קיינמאָל נישט געשטרויכלט געוואָרן אָן די קיזל־שטיינער פון וועג. אַזוי־ווי ס׳איז געווען זייער שפּעט, זענען זיי געגאַנגען מיט אַ קירצערן וועג. דער שטעג, וואָס איז אַ געוויסע צייט געגאַנגען באַרג־אַראָפּ דורך ווײַן־בערג, האָט זיך ווידער גענומען באַרג־אַרויף און פּאַמעלעך געשלענגלט זיך ביי דער זייט פונם בערגל. דורכן נעפּל האָבן זיי פאַרנומען דעם גערויש פון טייך און דאָס קלינגענדיקע פּאַטשעריי פונם אָנקומענדיקן דאַמפער. זיי זענען אַראָפּ פון וועג און גענומען לויפן דורך די פעלדער. לסוף זענען זיי אָנגעקומען צום ברעג פונם רהיין, אָבער נאָך גאַנץ ווייט פון דער סטאַ־

ציע. זיי האָבן זיך עס ווייניק גענומען צום האַרצן. אַדאַ האָט פֿאַר־געסן איר מידקייט פֿון אָוונט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואָלטן געקאָנט אַ גאַנצע נאַכט גיין אָט אַזוי, איבערן שווייגנדיקן גראָז, דורכן שוועבנדיקן נעפּל, וואָס איז נאָך פֿייכטער און געדיכטער לענג־אויס דעם טייך, וואָס איז אַרומגעהילט אין לבֿנה־שיין. די סירענע פֿונם דאַמפּער האָט אַ פֿייף־געטון, די טונקעלע פֿאַרזעעניש האָט זיך שווער דערוויטערט. זיי האָבן געזאָגט, לאַכנדיק:

— מיר וועלן פֿאָרן מיטן צווייטן.

אַ מילדע וואַסער־כוואַליע האָט אַ שפּריץ געטון אויפֿן ברעג פֿון טייך און צעברעקלט זיך ביי זייערע פֿיס.

אין דער דאַמפּער־סטאַנציע האָט מען זיי געזאָגט:

— ס'איז אָפּגעפֿאָרן דער לעצטער.

קריסטאָפֿן האָט האַסטיק געקלאַפּט דאָס האַרץ. אַדאַס האַנט האָט שטאַרקער געדריקט דעם אָרעם פֿון איר באַגלייטער:

— מילא! — האָט זי געזאָגט — וועלן מיר מאָרגן קריגן אַן אַנדערן.

עטלעכע טריט פֿון זיי, אויפֿן ברעג פֿון טייך, האָט זיך באַוויזן דורכן נעפּל אַ שיין פֿון אַ לאַמטערן, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ סלופּ איינגיטן אַ טעראַסע. אַ ביסל ווייטער, עטלעכע ליכטיקע שויבן — אַ גאַסט הויז.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין גערטנדל. דער זאַמד האָט גע־סקריפּעט אונטער זייערע טריט. טאַפּנדיק אין דער פֿינסטער, האָבן זיי געפֿונען די שטיגן. ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין שטוב, האָט מען דאָרט אָנגעהויבן אויסצולעשן די לאָמפּן. אַדאַ, אָנגעהאָנגען אָן קריסטאָפֿס אָרעם, האָט געבעטן אַ צימער. דאָס צימער, וווּ מ'האָט זיי אַריינגעפֿירט, האָט געהאַט אַ פֿענסטער צום גאָרטן. איינגעבויגן איבערן פֿענסטער, האָט קריסטאָף געזען די פֿאָספֿאָרישע שיין פֿונם טייך און דאָס אויג פֿון דעם לאַמטערן, וואָס אויף זיין שויב האָבן געווימלט פֿליגן מיט לאַנגע פֿליגל. די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט. אַדאַ איז געבליבן שטיין ביים בעט און געשמייכלט. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אַ קוק צו טון אויף איר. זי האָט אים אויך נישט אָנגעקוקט, נאָר דורך די ברעמען האָט זי נאָכגעקוקט קריסטאָפֿס באַוועגונגען. דער דיל האָט געקרעכצט אונטער יעדן טריט. מ'האָט געהערט דעם מינדסטן גערויש

פון שטוב. זיי האָבן זיך געזעצט אויפן בעט און זיך שווייגנדיק אַרומגענומען.

דאָס פינקלענדיקע ליכט פונם גאָרטן איז פּאַראָשן געוואָרן. אַלץ איז אויסגעגאַנגען...

נאַכט... תּהום... אָן ליכט, אָן באַוווסטזיין... דאָס זיין. די טונקעלע, פאַרשלינגענדיקע קראַפט פון זיין. די אַלמעכטיקע פרייד. די האַרצרייסנדיקע פרייד די פרייד, וואָס שלינגט איין די עקסיסטענץ, ווי דער חלל — אַ שטיין. דער קוואַל פון באַגער, וואָס זויגט אויס דעם געדאַנק, דאָס זינלאָזע און פעסטע געזעץ פון בלינדע און שיכורע וועלטן, וואָס קייקלען זיך אַראָפּ אין דער נאַכט...

נאַכט... זייער אָטעם מישט זיך צונויף, די וואַרעמקייט פון צוויי קערפּער, וואָס זענען צוזאַמענגעשמאָלצן... די תּהומות פון באַטויבונג, ווו זיי זינקען צוזאַמען אַראָפּ... די נאַכט, וואָס באַשטייט פון נעכט, די שעהן, וואָס זענען ווי דורות, די רגעס, וואָס זענען פול דעם טויט... די שותּפותדיקע חלומות, די ווערטער אונטער געשלאָסענע אויגן, די זיסע, דערשראָקענע באַרירונג פון די נאַקעטע פיס, וואָס זוכן זיך אַרום האַלב-שלאָפנדיק, די טרערן און געלעכטערס, וואָס גליק פון ליבן זיך אינם חלל פון דער וועלט, פון טיילן צוזאַמען די פאַרגעסנקייט פונם שלאָף, די טומלדיקע בילדער, וואָס שוועבן אַרום אינם מוח, די דמיונות פון דער רוישנדיקער נאַכט... דער רהיין קלאַפּט זיך אָפּ אָן ברעג, צופוסנס דער שטוב; אין דער ווייטן ווערט פון זיינע ברויזנדיקע כוואַליעס אַ קליין רעגנדל, וואָס פאַלט אויפן זאַמד. די בריק פונם דאַמפּער קרעכצט אונטער דער וואַסער-משא. די קייט, אָן וועלכער ער איז אָנגעבונדן, ציט זיך אויס און ציט זיך איין מיט אַ קריצעריי פון אַלטן אייזן. די שטים פונם טייך שטייגט אויף, זי פילט אָן דאָס צימער. דאָס בעט זעט אויס, ווי אַ שיפל. זיי ווערן מיטגעשלעפּט, זייט ביי זייט, מיטן שווינדלענדיקן שטראָם, — הענגענדיק אינם חלל, ווי אַ פויגל אינם פליען. די נאַכט ווערט נאָך שוואַרצער, דער חלל — נאָך פּוסטער. זיי דריקן זיך ענגער צו איינע צום צווייטן. אַדאַ וויינט, קריסטאָף פאַרלירט דעם באַוווסטזיין, זיי ווערן ביידע

פאַרשווונדן אין די כוואַליעס פון דער נאַכט.

נאַכט... טויט... — צו וואָס ווידער דערוואַכן?...

דער שימער פון באַגינען גלאַנצט אין די פייכטע שויבן. דער שימער פונם לעבן צינדט זיך ווידער אָן אין די פאַרחלשטע קערפּער. ער כאַפּט זיך אויף. אַדאַס אויגן קוקן אים אָן. זייערע קעפּ ליגן אויף דעם זעלבן קישן. זייערע אָרעמס זענען געפלאָכטן. זייערע ליפּן רירן זיך אָן. אַ גאַנץ לעבן ציט זיך דורך אין משך פון עטלעכע רגעס, טעג פון זון, פון גרויסקייט און פרידן...

„ווו בין איך? צי בין איך — צוויי? עקסיסטיר איך נאָך? איך פיל נישט מער מיין וועזן. די אומענדלעכקייט רינגלט מיך אַרום. כ'האָב די נשמה פון אַ סטאַטוע, מיט ברייטע, שטילע אויגן, פול מיט אָלימפּישער שלוה".

זיי ווערן פאַרזונקען אין יאָרהונדערטער פון שלאָף. און די היימישע קולות פון באַגינען, די ווייטע גלאָקן, אַ פאַרביישווימענדיק שיפל, צוויי רודערס, וואָס שפּריצן מיט וואַסער, די טריט אויפן וועג — גלעטן זייער דרימלענדיק גליק, אָן שום שטערונג, און לאָזן זיי נאָר פילן, אַז זיי לעבן...

דער דאַמפּער, וואָס האָט געסאָפּעט הינטערן פענסטער, האָט אויפגעוועקט קריסטאָפן פון זיין פאַרגליווערונג. זיי האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט אַרויסצוגיין פון שטוב זיבן אַ זייגער, כדי צו קומען אין שטאָט, און גיין צו דער אַרבעט צו דער צייט. ער האָט געשעפּטשעט:

— דו שלאָפסט?

זי האָט נישט געעפנט די אויגן, נאָר געשמייכלט, אויסגעצויגן די ליפּן און זיך אָנגעשטרענגט אים אַ קוש צו טון; דערנאָך איז איר קאָפּ ווידער אַראָפּגעפאַלן אויף קריסטאָפס אַקסל... דורך די פענסטער-שויבן האָט ער געזען אויפן ווייסן הימל דעם קוימען פונם דאַמפּער, די פוסטע בריק און די רויך-זיילן. ער איז ווידער אַנטדרימלט גע-וואָרן...

ס'איז אַריבער אַ שעה און ער האָט עס נישט באַמערקט. הערנדיק דעם זייגער קלינגען, איז ער אויפגעשפּרונגען פאַרחידושט:

— אַדאַ! — האָט ער ווייך אַריינגערוימט דער געליבטער אין אויער אַריין. — העדי! — האָט ער איבערגעחזרט. — ס'איז שוין אַכט דער זייגער.

מיט אַלץ-פאַרמאַכטע אויגן, האָט זי צונויפגעצויגן די ברעמען און דאָס מויל אין אַן אומצופרידענער מינע:

— אַי, לאָז מיך שלאָפן, — האָט זי געזאָגט.

און זיפצנדיק פון מידקייט, האָט זי זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס, זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און אויף דער אַנדערער זייט ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

ער איז געבליבן ליגן אויסגעצויגן ביי איר זייט. די זעלב... וואַרעמקייט האָט געשטראָמט אין זייערע ביידנס גופים. ער האָט גע־נומען טרוימען. זיין בלוט איז געפלאָסן אין ברייטע, רויקע שטראָמען. זיינע קלאָרע חושים האָבן אויפגעכאַפּט די מינדסטע איינדרוקן מיט אַ פרייער פרישקייט. ער האָט זיך געפרייט מיט זיין כּוח און יוגנט. קעגן זיין ווילן, האָט ער זיך געפילט שטאָלץ, וואָס ער איז אַ מענטש. ער האָט געשמייכלט צו זיין גליק און געפּלט זיך אַליין: אַליין, ווי ער איז געווען שטענדיק, נאָך אפשר מער, ווי שטענדיק, אָבער אָן טרויער, מיט אַ געטלעכער איינזאַמקייט. נישטאָ מער קיין פיבער. נישטאָ קיין שאָטנס. די נאַטור האָט זיך פריי געקאָנט שפּיגלען אין זיין קלאָרער נשמה. אויסגעצויגן אויפן רוקן, מיטן פּנים צום פענסטער, די אויגן פאַרזונקען אין דער בלאַנקער ווייסקייט פונם בלענדנדיקן ליכט, האָט ער געשמייכלט״

— ווי גוט עס איז צו לעבן!...

לעבן!... אַ שיפל שווימט פאַרביי... ער האָט פּלוצלינג אַ טראַכט געטון וועגן די, וואָס לעבן שוין נישט, אין אַ שווימענדיק שיפל, ווו ...יי זענען געווען צוזאַמען: ער — זי — ...זי?... נישט אָט די, וואָס שלאָפט ביי זיין זייט. — זי, די איינציקע, די געליבטע, די אָרעמע קליינע געשטאָרבענע. — אָבער וואָס טוט זי דאָ? ווי נעמט זי זיך אַהער? פון וואַנען נעמען זיי זיך אין דעם דאָזיקן צימער, אין דעם בעט? ער קוקט זי אָן, ער דערקענט זי נישט: זי איז אַ פרעמדע; נעכטן אין דערפרי האָט זי נאָך פאַר אים נישט עקסיסטירט. וואָס ווייסט ער וועגן איר? — ער ווייסט, אַז זי איז נישט קלוג. ער ווייסט, אַז זי איז אפילו נישט שיין אין דער רגע, מיט איר בלאָטלאָזן, פון שלאָפן אָנגעשוואָלענעם פּנים, מיטן נידעריקן שטערן, מיט איר אָפן

מויל, וואָס אָטעמט, מיט אירע אָנגעלאָפּענע און אָנגעצויגענע ליפּן, וואָס זענען פאַרקרימט ווי ביי אַ פיש. ער ווייס, אַז ער האָט זי נישט ליב. און אַ שאַרפער ווייטיק שניידט אים איין, ווען ער טוט אַ טראַכט, אַז ער האָט געקושט אָט די פרעמדע ליפּן אין דער ערשטער מינוט פון זייער באַקאַנטשאַפט, אַז ער האָט גענומען אָט דאָס שיינע גלייכגילטיקע לייב אין דער ערשטער נאַכט, — און די, וואָס ער האָט ליב געהאַט, האָט ער געזען ביי איר לעבן און ביי איר טויט, און האָט קיינמאָל קיין העזה נישט געהאַט אָנצורירן אירע האָר, און ער וועט שוין קיינמאָל נישט דערקענען דעם ריח פון איר לייב. אויס. אַלץ איז פאַרשווונדן. די ערד האָט אַלץ ביי אים אַוועקגענומען. ער האָט זי נישט פאַרטיידיקט...

און בעת ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער דאָס אומבאַקאַנטע, שלאָפנדיקע מיידל און באַטראַכט אירע שטריכן און געקוקט אויף איר מיט בייזע אויגן, — האָט זי דערפילט זיין בליק. באַאומרויקט, וואָס מ׳באַטראַכט זי, האָט זי זיך פּשוט אָנגעטון אַ כוח אויפצוהויבן די שווערע וויעס און אַ שמייכל צו טון; מיט אַ שווערן, אומזיכערן לשון, ווי אַ קינד, וואָס כאַפּט זיך אויף, האָט זי געזאָגט:

— קוק נישט אויף מיר, איך בין מיאוס...

זי איז ווידער צוריקגעפאַלן, מיד פון שלאָף, געשמייכלט נאָך און געשטאַמלט:

— אוי, איך בין אַזוי... אַזוי שלעפעריק!...

און פאַרזונקען געוואָרן אין אירע חלומות.

ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער; ער האָט צערטלעך געקושט איר קינדערש מויל און נעזל. דערנאָך האָט ער אַ ווײַלע אָנגעקוקט דאָס גרויסע, שלאָפנדיקע מיידל, אַריבערגעשפרונגען איבער איר קערפּער און שטיל גענומען זיך אָנטון. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג, ווען ער איז אַרויס, און אויסגעצויגן זיך אין דער גאַנצער לענג און אין דער גאַנצער ברייט פון בעט. אָנטוענדיק זיך, האָט ער זיך געהיט נישט אויפצוּוועקן זי, הגם ס׳איז נישט געווען קיין שום סכּנה; און ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך געזעצט ביים פענסטער אויף אַ שטול און געקוקט אויפן פאַרנעפּלטן, רויכערנדיקן טייך, וואָס אויף אים האָבן, דאַכט זיך, זיך געקוילערט אייז-קריעס; ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טרוימעריי,

אין וועלכן ס'האָט אַרומגעשוועבט אַ ניגון פון אַ מעלאַנכאָליש פּאַס-טוך-ליד

פון צייט צו צייט האָט זי אַ ביסל געעפנט די אויגן, געקוקט מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק, עטלעכע מינוט נישט געקאָנט קיין זאַך דערקענען, נעשמייכלט צו אים און אַריבער פון איין שלאָף אין אַ צווייטן. זי האָט אים געפרעגט, ווי שפּעט עס איז.

— דריי פערטל אויף ניין.

זי האָט נאָכגעטראַכט און געזאָגט, שלאָפנדיק:

— וואָס הייסט עס דריי פערטל אויף ניין?

האַלב צען אַ זייגער האָט זי זיך אויסגעצויגן, אָפּגעזיפצט און געזאָגט, אַז זי הויבט זיך אויף.

ס'האָט געקלונגען צען, איידער זי האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט. זי האָט זיך געבייזערט:

— נאָר ער קלינגט!... עס ווערט אַלץ שפּעטער!...

ער האָט געלאַכט, איז צוגעגאַנגען און געזעצט זיך אויפן בעט, נעבן איר. זי האָט אים פאַרוואָרפן די הענט אַרום האַלז און דערציילט אירע חלומות. ער האָט נישט געהערט מיט קאָפּ און איבערגעריסן אַלע ווײַלע מיט עטלעכע צאַרטע ווערטער. נאָר זי האָט אים געהייסן שווייגן און אָנגעהויבן פונדאָסניי מיט גרויס ערנסט, גלייך ווי די מעשות וואָלטן געווען זייער וויכטיק:

— זי איז געזעסן ביים מיטאָג: עס איז דאָרט געווען דער גרויספירשט; מיראַ איז געווען אַ הונט אַ „טער-נעוו"... ניין, אַ גע-קרייזלטע שאָף, וואָס האָט סערווירט ביים טיש... אַדאַ האָט אויסגעפּו-נען דעם מיטל זיך אויפצוהויבן איבער דער ערד, צו גיין, טאַנצן און לעגן זיך אין דער לופטן: אָט: ס'איז גאַנץ פּשוט; מ'דאַרף נאָר טון אַזוי... אָט אַזוי... און פּאַרטיק.

קריסטאָף האָט פון איר חוזק געמאַכט. זי האָט אויך געלאַכט, אַ ביסל בייז פון זיין געלעכטער. זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

— עט, דו פאַרשטייסט גאָרנישט!...

זיי האָבן געפרישטיקט אין בעט, אויפן זעלבן טעלער, מיט דעם זעלבן לעפל.

לסוף האָט זי זיך אויפגעהויבן; זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די דעק, אָפּגעדעקט אירע שיינע, גרויסע, ווייסע פיס און זיך אַראָפּגעקייקלט ביזן ראַנד פון בעט. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט צו כאַפּן דעם

אָטעם און באַטראַכט אירע פּיס. לסוף האָט זי אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און געהייסן אים אַרויסגיין; און אַזוי ווי ער האָט זיך נישט געאיילט, האָט זי אים אָנגענומען פאַר די אַקסלען און אַרויסגעשטופּט דורך דער טיר, וואָס זי האָט פאַרמאַכט אויפן שליסל.

זי האָט זיך אַרומגעדרייט, באַטראַכט און אויסגעצויגן יעדן אייבעם פון אירע שיינע גלידער, און גענומען זיך אָנטון, זינגענדיק בעת־מעשה אַ סענטימענטאַל ליד אין פערצן קופּלעטן. זי האָט באַשפּריצט מיט וואַסער קריסטאָפן, וואָס האָט געקלאַפּט מיט די פינגער אין פענסטער. אַרויסגייענדיק, האָט זי אָפּגעריסן די לעצטע רויז פון גאָרטן — און אַוועק מיט אים צום דאַמפער. דער נעפּל איז נאָך נישט צעגאַנגען, אָבער די זון האָט דורכגעברענט דורכן נעפּל: זיי זענען געשווומען אין אַ מילך־שיין. אַדאַ איז געזעסן מיט קריסטאָפן אין עק דאַמפער, מיט אַ שלעפעריקער, אָנגעבלאָזענער מינע און געברומט, אַז די שיין רייסט איר די אויגן און אַז אַ גאַנצן טאָג וועט איר ווײ טון דער קאָפּ. און אַזוי־ווי קריסטאָף האָט נישט געלעגט קיין גרויס אַכט אויף אירע טענות, האָט זי זיך אָנגעבלאָזן און אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט קוים געהאַלטן אָפן די אויגן, מיט דער ווילער געלאַסנקייט פון קינדער, וואָס שטייען נאָר־וואָס אויף פון שלאָף. נאָר ווען אַן עלעגאַנטע דאַמע האָט זיך, אויף דער נאָענטער סטאַנציע, צוגעזעצט נישט ווייט פון איר, איז זי ווידער לעבעדיק געוואָרן און באַמיט זיך צו רעדן מיט קריסטאָפן וועגן סענטימענטאַלע און דערהויבענע זאַכן. זי האָט אים צערעמאָניאַל ווידער גענומען „אירצן".

קריסטאָפן האָט שטאַרק אינטערעסירט, וואָס זי וועט זאָגן איר ברויט־געבערין, ווי זי וועט פאַרענטפערן, וואָס זי האָט פאַרשפּעטיקט. זי האָט אָבער געהאַט אַ קנאַפּע דאגה.

— מילא! ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל.

— וואָס הייסט?...

— אַז איך פאַרשפּעטיק זיך, — האָט זי געענטפערט בייז אויף זיין פראַגע.

ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו פרעגן די סיבה פון אירע פאַרשפּעטיקונגען.

— וואָס וועסטו איר זאָגן?

— אַז מיין מאַמע איז קראַנק, אַז זי איז געשטאָרבן... איך ווייס?

ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זי רעדט דערפון אַזוי לייכטזיניק.

— איך וויל נישט, דו זאָלסט זאָגן אַ ליגן

זי האָט זיך באַליידיקט.

— ראשית, זאָג איך קיינמאָל קיין ליגן נישט... און אויסער דעם קאָן איך דאָך איר נישט זאָגן, אַז...

ער האָט האַלב-שפּאַסנדיק, האַלב-ערנסט געפרעגט:

— פאַרוואָס נישט?

זי האָט געלאַכט, געהויבן מיט די אַקסלען און געזאָגט, אַז ער איז גראָב און נישט דערצויגן און אַז זי בעט אים, אגב, ער זאָל איר נישט דוצן.

— צי האָב איך דערצו קיין רעכט נישט.

— אַבסאָלוט נישט.

— נאָך דעם, וואָס ס׳איז געשען?

— ס׳איז גאָרנישט נישט געשען.

זי האָט געלאַכט און העזהדיק אים אָנגעקוקט; און, הגם זי האָט געשפּאַסט, איז צום שענסטן געווען דאָס, וואָס ס׳האָט קיין סך נישט געפעלט — (ער האָט עס געפילט) — זי זאָל עס מיינען גאַנץ ערנסט און כמעט גלויבן אין דעם, נאָר זי האָט זיך געוויס אָן עפּעס דערמאָנט מיט הנאה: ווייל זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, קוקנדיק אויף קריסטאָפן, און אים מיט אַ טומל געקושט, נישט זאָרגנדיק בשעת-מעשה, וואָס דערביי זיצן שכנים; און ס׳האָט זיך געדאַכט אגב, אַז זיי, די שכנים, זענען לחלוטין נישט פאַרחידושט.

פון איצט אָן איז ער, בעת אַלע זיינע שפּאַצירן, געווען אין דער געזעלשאַפט פון די צוויי מאַגאַזין-מיידלעך און פונם האַנדלס-אָנגעשטעלטן, וואָס זייער גראָבקייט האָט אים קנאַפּ-וואָס פאַרגעניגן פאַרשאַפן; ער האָט זיך באַמיט פּטור צו ווערן פון די איבעריקע אין מיטן וועג; אָבער אַדאַ האָט אויף צו להכעיס נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגונג אַרומצובלאָנדזען אין די וועלדער. ווען ס׳איז געפאַלן אַ רעגן אָדער ווען מ׳האָט, צוליב אַן אַנדער סיבה, נישט געקאָנט אַרויסגיין הינטער דער שטאָט, האָט ער זי געפירט אין טעאַטער, אין מוזיי

אָדער אין זאָאָלאָגישן גאָרטן; ווייל זי האָט דווקא געוואָלט ווייזן זיך מיט אים פאַר מענטשן. זי האָט אפילו פאַרלאַנגט, ער זאָל זי באַגלייטן צו די תפילות; אָבער ער איז געווען אַזוי נאַריש אויפריכטיק, אַז זינט ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן, האָט ער מער נישט געוואָלט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער קירך — (ער האָט זיך אפילו, אונטער עפעס אַן אויסרייד, אָפגעזאָגט פון זיין אָרגאַניסטן-שטעלע); און אין דער אייגענער צייט איז ער, אַליין נישט וויסנדיק עס, געבליבן שטאַרק רעליגיעז, ער זאָל אין אַדאַס פאָרשלאַג נישט זען קיין חילול-הקודש.

אין אָוונט פלעגט ער גיין צו איר, דאָרט פלעגט ער טרעפן מיראַן, וואָס האָט געוווינט אינם זעלבן הויז. מירא האָט נישט געטראָגן אויף אים קיין כעס, זי פלעגט אים דערלאַנגען אַ גלעטנדיקע, ווייכע האַנט, געשמועסט וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, אָדער גערעדט נבול-פה און פלעגט זיך דיסקרעט אַרויסגליטשן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די צוויי פרויען זענען קיינמאָל נישט געווען קיין בעסערע פריינד, ווי איצט, ווען ס'זענען געווען ווינציקער סיבות דערצו, ווי ווען-עס-איז; זיי זענען שטענדיק געווען צוזאַמען. אַדאַ האָט נישט געהאַט פאַר מיראַן קיין שום סודות, זי פלעגט איר אַלץ דערציילן; מירא פלעגט אַלץ אויסהערן: מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי האָבן באמת הנאה איינע פון דער צווייטער.

קריסטאָף האָט זיך געפילט שלעכט אין דער געזעלשאַפט פון די צוויי פרויען. זייער פריינדשאַפט, זייערע מאָדנע שמועסן, זייער פרייע באַנעמונג, מיראַס אויסגעלאַסענער קוק אויף פאַרשידענע זאַכן, אירע רייד, — (אין זיין קעגנוואַרט ווייניקער, ווי בעת ער איז נישט געווען; אָבער אַדאַ פלעגט אים איבערדערציילן), — זייער אומדיסקרעטע בייגיריקייט און פלוידעריי, וואָס האָט זיך שטענדיק אַרומגעדרייט אַרום נאַרישע זאַכן אָדער תאַוות פון אַ גאַנץ נידעריקן מין, אָט די גאַנצע צווידייטיקע און אַ ביסל חיהשע אַטמאָספער — האָט אים שרעקלעך דערדריקט, און פונדעסטוועגן אינטערעסירט; ווייל ס'איז געווען פאַר אים לחלוטין ניי, ער פלעגט זיך פאַרלירן אינם שמועס פון די צוויי קליינע חיהלעך, וואָס פלעגן פלוידערן נאַרישקייטן, לאַכן אָן אַ סיבה און געשמאַקלאָז, וואָס זייערע אויגן פלעגן גלאַנצן פון הנאה, בעת זיי זענען געווען אויפן שפור פון אַ פיקאַנטער געשיכטע. ערשט נאָך מיראַס אַוועקגיין פלעגט ער פילן אַ דערלייכטערונג.ביידע

פרויען צוזאַמען זענען געווען פאַר אים ווי אַ פרעמד לאַנד, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען זיין שפּראַך. אוממעגלעך זיך צו פאַרשטענדיקן: זיי האָבן אים אַפילו נישט געהערט, זיי האָבן מיטן פרעמדן געטריבן קאַטאָוועס.

ווען ער פלעגט בלייבן אַליין מיט אַדאַן, פלעגן זיי ווייטער רעדן אויף צוויי פאַרשידענע שפּראַכן; נאָר לפּחות האָבן זיי זיך אָנגעשטרענגט, איינער דעם אַנדערן צו פאַרשטיין. דעם אמת זאָגנדיק, וואָס מער ער האָט זי דערקענט, אַלץ ווינציקער האָט ער זי פאַרשטאַנען. זי איז געווען די ערשטע פרוי, וואָס ער האָט געקענט. ווייל אויב די אָרעמע סאַבינע איז געווען די ערשטע געליבטע, האָט ער אָבער וועגן איר גאָרנישט נישט געוווּסט: זי איז געבליבן פאַר אים אַ פאַרזיגלטער חלום. אַדאַ האָט זיך ווי אונטערגענומען צו באַפרידיקן אים פאַר דער פאַרלוירענער צייט. ער האָט זיך באַמיט, פון זיין זייט, צו לעזן די רעטעניש פון דער פרוי: — אַ רעטעניש אפשר נאָר פאַר די, וואָס זוכן אין דעם אַ געוויסן זין.

אַדאַ האָט נישט פאַרמאָגט קיין אינטעליגענץ: ס'איז געווען איר קלענסטער חסרון. קריסטאָף וואָלט איר עס מוחל געווען, ווען זי אַליין וואָלט דערמיט שלום געמאַכט. אָבער הגם זי איז געווען פאַרנומען מיט סאַמע נאַרישקייטן, האָט זי דאָך געהאַט טענות, אַז זי פאַרשטייט אויך גייסטיקע ענינים, און זי האָט אַרויסגעזאָגט מיינונגען מיט דער גאַנצער זיכערקייט. זי האָט גערעדט וועגן מוזיק, געגעבן קריסטאָפן צו פאַרשטיין דאָס, וואָס ער האָט צום בעסטן געוווּסט, זי האָט געפּסקנט און געשפּאַרט זיך. אומזיסט האָט מען געפּרוווט איר געבן צו פאַרשטיין: זי האט געהאַט טענות און תּביעות צו אַלץ אין דער וועלט; זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מבין, געווען איבערגעשפּיצט און איינגעשפּאַרט; זי האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פאַרשטיין. הלואַי וואָלט זי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זי פאַרשטייט נישט! ווי וואָלט ער זי שטאַרקער ליב געהאַט, ווען זי וואָלט איינגעשטימט צו זיין אַזוי, ווי זי איז, איינפאַך, מיט אירע מעלות און חסרונות!

באמת האָט זי קנאַפּ-וואָס ליב געהאַט צו טראַכטן. זי האָט ליב געהאַט צו עסן, טרינקען, זינגען, טאַנצן, שרייען, לאַכן, שלאָפן; זי האָט געוואָלט זיין גליקלעך, און אויב ס'איז איר געלונגען, איז עס געווען פאַר איר גענוג. נאָר הגם זי איז ווי געבוירן געוואָרן דערצו, זי איז געווען אַ נאַשערן, דערצו פויל, זינלעך, מיט אַ תּמימותדיקן עגאָיזם, וואָס קריסטאָף האָט זיך קעגן אים געראַנגלט און וואָס האָט

אים גלייכצייטיק געווײַלט, — מיט איין וואָרט, הגם זי האָט פֿאַרמאָגט אַלע חסרונות, וואָס זענען ביכולת זיס צו מאַכן דאָס לעבן פון זייער גליקלעכן באַזיצער און אפילו פון זיינע פריינד — (און דערצו טיילט זיך אָפּ די פרייד פונם גליקלעכן פנים, לפּחות ווען דאָס פנים איז שיין, אויך אויף די געזיכטער פון די אַרומיקע) — נישט געקוקט אויף אַזוי פיל סיבות, וואָס האָבן געדאַרפט ברענגען אַ צופרידנקייט פון לעבן און פון זיך אַליין, — האָט אַדאַ פונדעסטוועגן נישט פֿאַרמאָגט די לעבנס-קלוגשאַפט. אָט דאָס שיינע, שמאַרקע, פרישע און פריילעכע מיידל, מיטן געזונטן אויסזען, מיט דער שטראָמענדיקער פריילעכקייט און ווילדן אַפּעטיט, האָט זיך כסדר באַאומרויקט וועגן איר געזונט. עסנדיק פֿאַר פיר, האָט זי זיך באַקלאָגט, אַז זי איז שוואַך: קוים וואָס זי שלעפּט זיך אויף די פיס, קוים וואָס זי אָטעמט, ס'טוט איר ווי דער קאָפּ, ס'טוען איר ווי די פיס, די אויגן, דער מאָגן, די נשמה. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר אַלץ, זי איז געווען משוגע אַבערגלויבעריש און אין יעדער זאַך געזען באַזונדערע סימנים: אין גאָפּל און מעסער, וואָס זענען געלעגן געקרייצט אויפן טיש, אין דער צאָל עסנדיקע, אין אַן איבערגעקערטן זעלצערל, — ס'האָט געהאָלפן נאָר אַ ריי סגולות, וואָס מ'האָט געדאַרפט אָפּשפּרעכן, כדי אָפּצווענדן דעם אומגליק. בעת די שפּאַצירן פלעגט זי ציילן די קראָען און פלעגט שטענדיק געניי נאָכקוקן, פון וועלכער זייט זיי קומען צו פליען; זי פלעגט זיך קוקן אויפן וועג אַרום די פיס און זיך קלאָגן, ווען זי האָט געזען פֿאַר מיטאָג, ווי ס'קריכט פֿאַרביי אַ שפּין; זי פלעגט וועלן גיין צוריק, און כדי צו קאָנען שפּאַצירן ווייטער, איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר צו געבן איר צו פֿאַרשטיין, אַז ס'איז שוין נאָך צוועלף און דערפֿאַר איז דער סימן נישט צום שלעכטן, נאָר צום גוטן. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר אירע חלומות: זי פלעגט זיי באַריכות דערציילן קריסטאָפן. און שעהנווייז זיך געוואָלט דערמאָנען עפּעס אַ פּרט, וואָס זי האָט פֿאַרגעסן; זי האָט קיין איין חלום נישט דורכגעלאָזן: ס'זענען אַלץ געווען נאַרישקייטן, ווו ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן משונהדיקע חתונות, וועגן טויטע, וועגן נייטאָרינס, פּרינצן, משונה-ווילדע און טייל-מאָל נישט-אָנשטענדיקע זאַכן. ער האָט געמוזט אויסהערן און אַרויס-זאָגן זיין מיינונג. אָפּט פלעגט זי בלייבן גאַנצע טעג אונטערן איינ-דרוק פון די נאַרישע דמיונות. זי פלעגט געפינען, אַז דאָס לעבן איז שלעכט איינגעאָרדנט, געקוקט בייז אויף זאַכן און מענטשן און מיט

אירע ווי־קלאָגענישן אַרויסגעבראַכֿט קריסטאָפֿן פֿון די כּלים; ס׳איז נישט כּדאַי געווען צו פֿאַרלאָזן די קליינבירגערלעכֿע, טרויעריקע סבֿיבֿה, כּדי צו טרעפֿן דאָ ווידער דעם אייביקן שונא: דעם „טרויעריקן, נישט גריכֿישן מרה־שחורהניק”.

פֿלוצלינג, אין מיטן די קינות, פֿלעגט זי אָנכאַפּן ווידער די טומלענדיקע און איבערגעטריבענע לוסטיקייט; נאָר פּונקט ווי איר טרויער איז געווען אָן אַ שיר, אַזוי האָט מען אויך נישט געקאָנט צוימען איר פֿרייד: אָן אַ שום סיבה פֿלעגט זי שרייען פֿון געלעכֿטער און ס׳האָט זיך געדאַכֿט, אַז ס׳איז גאָר אָן אַ סוף; אַ לויפֿעניש איבער די פֿעלדער, אַ משוגעת, אַ קינדער־שפּיל, אַ הנאה אָנצוטון נאַרישקייטן, אָנצורירן די ערד, שמוציקע זאַכֿן, חיות, שפּינען, מוראַשקעס, שלענגעלעך, צו פּייניקן זיי, אָנצוטון זיי יסורים, צו געבן זיי איי.ס דעם אַנדערן אויפֿצופֿרעסן, די פֿויגל פֿאַר די קעץ, די ווערים פֿאַר די הינער, די שפּינען פֿאַר די מוראַשקעס, אגבֿ, אָן שום בושות אָדער מיט דער נאַטירלעכֿער, נישט באַוווסטזיניקער נטיה שלעכֿטס צו טון צוליבֿ ביי־גיריקייט, צוליבֿ פּוסט־און־פּאַסעווען. זי האָט געפֿילט אַ שטאַרקן פֿאַרלאַנג צו רעדן נאַרישקייטן, איבערצוקייען פּופּציק מאָל ווערטער אָן אַ שום זין, אַרייַנצוברענגען אין כּעס, צו דערגיין די יאָרן, אויפֿצורעגן, אַרויסצוברענגען פֿון די כּלים. און איר קאָקעטישקייט, בעת עמעצער — נישט וויכֿטיק ווער — פֿלעגט זיך באַווייזן אויפֿן וועג, דעמאָלט פֿלעגט זי נעמען רעדן מיט באַגייסטערונג, געלאַכֿט, געמאַכֿט אַ טומל, האַוואַיעס, געצויגן אויף זיך יענעמס בליקן, גענומען גיין קינסטלעך און אָנגעשטרענגט. קריסטאָף פֿלעגט מיט פּחד פֿאָרפֿילן, אַז אָט־אָט נעמט זי רעדן וועגן ערנסטע זאַכֿן. — און באמת: זי האָט נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. זי פֿלעגט ווערן סענטימענטאַל — אָן אַ צוים, ווי שטענדיק, אין אַלע אַנדערע פֿאַלן; זי פֿלעגט מיט אַ טומל אויסגיסן איר האַרץ. קריסטאָף האָט געליטן, ער האָט חשק געהאַט זי צו שלאָגן. ער האָט איר נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס זי איז נישט אויפֿריכֿטיק. ער האָט נאָך נישט געוווסט, אַז אויפֿריכֿטיקייט איז פּונקט אַזאַ זעלטענע מתּנה, ווי חכמה און שיינקייט, און אַז ס׳איז אומגערעכֿט צו פֿאָדערן עס פֿון אַלעמען. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן קיין ליגן, און אַדאַ האָט עס אים געגעבן אין אַ פֿולער מאָס. זי האָט שטענדיק געזאָגט ליגנס, אַפֿילו בעת די קעגן־באַווייזן זענען געשטאַנען פֿאַר אירע אויגן. זי האָט פֿאַרמאָגט די דערשטוינענדיקע לייכֿטקייט צו

פאַרגעסן דאָס, וואָס געפעלט איר נישט, — אָדער אפילו דאָס, וואָס געפעלט איר יאָ — די לייכטקייט פון יענע פרויען, וואָס לעבן מיט חיי-שעה.

און דאָך, נישט געקוקט אויף אַלץ, האָבן זיי זיך ליב געהאַט פון טיפן האַרצן. אין דער ליבע איז אַדאַ געווען אַזוי אויפריכטיק, ווי קריסטאָף. אמת, זייער ליבע האָט זיך נישט געשטיצט אויף דער סימפּאַטיע פון גייסט, — און דאָך איז זי געווען אַן אמתע; זי האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער גראָבער לייַדנשאַפט. ס'איז געווען אַ שיינע יוגנט-ליבע און ווי זינלעך זי זאָל נישט האָבן געווען, איז זי דאָך נישט געווען גראָב, ווייל אַלץ אין איר איז געווען יונג. ער איז געווען נאַיוו, כמעט צניעותדיק, און די באַפרידיקונג פונם ברענענדיקן תענוג האָט אים ריין געוואַשן. יאָ, אַדאַ איז נישט געווען אַזוי תמימותדיק, ווי קריסטאָף, — זי האָט אָבער פאַרמאָגט די געטלע-כע פּריווילעגיע צו באַזיצן אַ יונג האַרץ און אַ יונגן גוף; די פרישקייט פון די חושים, קלאָר און לעבעדיק ווי אַ וואַסער-שטראָם, אָט די פרישקייט איז געווען כמעט אַן אילוזיע פון ריינקייט, וואָס קיין זאַך האָט זי נישט געקאָנט פאַרטרעטן. אַן עגאָיסטין, אַ דורכשניטלעכע, אין טאָג-טעגלעכן לעבן נישט קיין אויפריכטיקע, — די ליבע האָט געמאַכט פון איר אַן איינפאַכע, אמתע, כמעט גוטע פרוי: ס'איז דער-גאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט געגומען פאַרשטיין די פרייד, וואָס מ'קאָן געפינען אינם פאַרגעסן זיך צוליב אַ צווייטן. קריסטאָף האָט עס צוגעזען מיט פרייד; ער וואָלט געשטאָרבן פאַר איר. ווער וואָלט גע-קאָנט זאָגן, ס'אַראַ לעכערלעכע, רירנדיקע אילוזיעס אַ פאַרליבטע נשמה טראָגט אין זיך! די נאַטירלעכע אילוזיע פונם פאַרליבטן איז ביי קרי-סטאָפן געווען הונדערטפאַכיק שטאַרקער צוליב דער איינבילדונגס-קראַפט, וואָס איז איינגעבוירן ביי יעדן קינסטלער. אַדאַס אַ שמייכל האָט פאַרמאָגט פאַר אים פאַרבאָרגענע סימנים; אירס אַ ליבע-וואָרט איז געווען פאַר אים דער באַווייז פון איר האַרץ-גוטסקייט. ער האָט ליב געהאַט אין איר אַל דאָס גוטע און שיינע, וואָס די וועלט האָט פאַרמאָגט. ער האָט זי גערופן: „מיין איך”, „מיין נשמה”, „מיין וועזן”. זיי האָבן צוזאַמען געוויינט פון ליבע.

נישט נאָר דער תענוג האָט זיי געקניפּט און געבונדן, נאָר עפּעס אַ פּאָעזיע פון זכרונות און חלומות, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן, — פון זייערע חלומות? אָדער פון די נשמות, וואָס האָבן געלעבט פאַר

זיי, וואָס האָבן ליב געהאַט פריער, ווי זיי... וואָס זענען אין זיי געווען?... זיי האָבן געהיט אין זיך, נישט רעדנדיק דערפון און אפשר אפילו נישט וויסנדיק, דעם צויבער פון די ערשטע מינוטן, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אין וואַלד, פון די ערשטע טעג, פון די ערשטע צוזאַמען-פאַרבראַכטע נעכט, פון דעם שלאָף, איינער אין דעם צווייטנס אָרעמס, אומבאַוועגלעך, אָן אַ שום געדאַנק, פאַרטרונקען אינם שטראָם פון ליבע און שווייגנדיקער פרייד. אומגעריכט פלעגן אַרויסשווימען זכרונות, בילדער, שווערע מחשבות, וואָס זייער שאָרף האָט ביי זיי ביידן פאַרבלייכט די געזיכטער און דערוועקט אַ טיפע ליידנשאַפט, און וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט ווי אַ בינען-זשומעריי. פלאַקערנדיק, צאַרט ליכט... דאָס האַרץ חלשט און ווערט אַנטשוויגן, דערדריקט פון צו-גרויסן תענוג. שטילקייט, פיבערדיקע בענקשאַפט, מיסטעריעזער, מידער שמייכל פון דער ערד, וואָס צאַפּלט אונטער די ערשטע פרילינג-זונען... אַ פרישע ליבע פון צוויי יוגנטלעכע קערפּער איז אַן אַפּריל-פרימאָרגן. ער גייט פאַרביי, ווי אַן אַפּריל-מאָרגן. די יוגנט פון האַרץ איז א פרישטיק פון לויטער זון.

קיין זאַך האָט נישט געקאָנט שטאַרקער באַפעסטיקן קריסטאָפס ליבע צו אַדאַן, ווי דער אופן, ווי אַזוי די וועלט האָט אויפגענומען זייערע באַציונגען.

צומאָרגנס נאָך זייער ערשטער באַגעגעניש איז די גאַנצע געגנט געווען וועגן דעם אינפאָרמירט. אַדאַ האָט זיך כלל נישט באַמיט צו באַהאַלטן דאָס געשעענע, זי האָט געהאַלטן פאַר פיל בכבודער צו באַווייזן זיך מיט איר נצחון פאַר דער וועלט. קריסטאָף איז געווען גיכער גענויגט צו צוריקגעהאַלטנקייט, ער האָט אָבער געפילט, ווי דער מענטשלעכער נייגיר פאַרפאָלגט אים, און אַזוי-ווי ער האָט נישט געוואָלט אויסזען ווי אַן אַנטלאָפענער, האָט ער זיך מיט אַדאַן באַוויזן פאַר מענטשן. דאָס שטעטל איז פול געווען מיט לשון-הרע. קריסטאָפס אָרקעסטער-קאָלעגן האָבן אים כלומרשט אין שפּאַס געמאַכט קאָמפּלימענטן, אויף וועלכע ער האָט נישט געענטפערט, ווייל ער האָט נישט ערלויבט קיינעם אַריינצומישן זיך אין זיינע עסקים. אין שלאָס האָט

מען געטענהט, אַז ער ווייסט נישט, ווי צו האַלטן זיך. די קליינבירגערלעכע סביבה האָט געמשפט זיין אויפפירונג זייער שטרענג. ביי עטלעכע פֿאַמיליעס האָט ער פֿאַרלוירן די מוזיק־לעקציעס. ביי אַנדערע ווידער האָבן די מאַמעס געהאַלטן פֿאַר זייער חוב בייצוזיין די לעקציעס פון זייערע טעכטער און צוקוקן זיך מיט אַ חשד, גלייך ווי קריסטאָף וואָלט בדעה געהאַט צו פֿאַרפירן די דאָזיקע טייערע אַנטיקן. די פריילינס האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי ווייסן פון גאָרנישט; און אַרויסווייזנדיק אַ קאַלטקייט צו קריסטאָפס געשמאַקלאָזיקייט, זענען זיי ממש אויסגעגאַנגען פונם חשק צו דערוויסן זיך וואָס־מער פּרטים פונם רכילותל. נאָר צווישן די סוחרים און האַנדלס־אָנגעשטעלטע איז קריסטאָף געווען פּאָפּולער; אָבער נישט אויף לאַנג: ס'האָט אים אויפגעבראַכט די הסכּמה פון איין צד, און די באַליידיקונג פונם אַנדערן צד; און אַזוי־ווי קעגן די רכילות האָט ער גאָרנישט געקאָנט טון, האָט ער אויך אויף די שבחים קיין אַכט נישט געלעגט: ס'איז גראָד געווען נישט שווער עס אויסצופירן. ער איז געווען אויפגעבראַכט אויף דער אַלגעמיינער גראָבקייט.

צום שטאַרקסטן איז געווען קעגן אים אויפגערעגט יוסטוס איילער און די פאַמיליע פאָגעל. קריסטאָפס פירונג האָט ביי זיי אויסגעזען ווי אַ פערזענלעכע באַליידיקונג. זיי האָבן זיך מער נישט אַרומגעטראָגן מיט קיין ערנסטע פּלענער: זיי האָבן מורא געהאַט, — דער עיקר מאַדאַם פאָגעל — פאַרן כאַראַקטער פון אַ קינסטלער. נאָר אַזוי ווי זיי זענען בטבע געווען מרה־שחורהניקעס און שטענדיק גענויגט צו גלויבן, אַז זיי ווערן פאַרפאָלגט פונם גורל, — איז ווי נאָר זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז פונם שידוך מיט קריסטאָפן וועט גאָרנישט אַרויסקומען, האָבן זיי זיך איינגערעדט, אַז זיי האַלטן דווקא זייער שטאַרק פון דעם דאָזיקן שידוך, און זיי האָבן געזען אין קריסטאָפס נייער באַקאַנטשאַפט אַ סימן פון זייער פינסטערן מזל, נעבעך. די לאָגיק האָט געטענהט, אַז אויב די אחריות פאַר זייער שלימזל טראָגט דער גורל, איז שוין קריסטאָף במילא פריי פון אחריות; אָבער די לאָגיק פון די פאָגעלס איז געווען פון דעם מין, וואָס האָט זיי שטענדיק געלאָזט אויסגעפינען כלערליי סיבות, אַבי צו קאָנען זיך באַקלאָגן. זיי האָבן, הייסט עס, געפסקנט, אַז אויב קריסטאָף פירט זיך אויף שלעכט, טוט ער עס נישט נאָר פאַר זיין אייגענער הנאה וועגן, נאָר אויך כדי צו דערגיין זיי די יאָרן. זיי זענען, אגב, בכלל געווען

שטאַרק אויפגעבראַכט. ווי זייער פרומע, מאָ־אַלישע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן פיל פאַמיליען־צניעות, האָבן זיי געהערט צו די, וואָס האַלטן די לייב־זינד פאַר דער גרעסטער, שווערסטער עבירה, כמעט פאַ־ן איינציקן חטא, ווייל עס איז געווען דאָס איינציקע געפערלעכע פאַרברעכן, — (ס'איז געגוג קלאָר, אַז פיינע לייט ווערן קיינמאָל נישט נכשל אין גנבה אָדער אין רציחה) — אויך קריסטאָף האָט ביי זיי אויסגעזען ווי אַן אויסוואורף, און זיי האָבן געענדערט צו אים די באַציונג. זיי האָבן אים געוויזן אַן אייז־קאַלט פנים און זיך אָפּגעקערט פון אים, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען. קריסטאָף, וואָס האָט נישט ליב געהאַט מיט זיי צו שמועסן, האָט אויף אַלע זייערע קונצן געהויבן מיט די אַקסלען. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער באַמערקט נישט אַמאָל־יאַס אומפאַרשעמטקייט. — לפנים האָט זי מיט פאַראַכטונג אים אויסגעמיטן, אָבער גלייכצייטיק געטון אַלץ אין דער וועלט, אַבי אים צו טרעפן און אויסצולאָזן צו זיין קאָפּ איר ביטער האַרץ.

נאָר ראָזעס פירונג האָט קריסטאָפן גערירט. די קליינע האָט אים געאורטיילט נאָך האַרבער, ווי איר פאַמיליע. נישט דערפאַר, ווייל קריסטאָפס נייע ליבע האָט, לויט איר איינזען, חרוב געמאַכט אירע לעצטע אויסזיכטן, אַז קריסטאָף זאָל זי ליב קריגן: זי האָט געוווסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום האָפנונג — (הגם זי האָט ווייטער געהאָפט... זי האָט שטענדיק געהאַט בטחון!) — נאָר קריסטאָף איז ביי איר געווען אַן אָפּגאָט, און אָט דער אָפּגאָט איז צעשמעטערט געוואָרן. ס'איז געווען דער שטאַרקסטער ווייטיק... נאָך מער אכזריותדיק פאַר איר תמימותדיק האַרץ איז געווען דער געדאַנק, אַז זי איז אים נמאס געוואָרן, אַז ער האָט זי פאַרגעסן. זי איז דערצויגן געוואָרן אויף אַ פוריטאַנישן אופן, אין שטרענגער מאָראַל, אין וועלכער זי האָט טיף געגלויבט, און דאָס, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט וועגן קריסטאָפן, איז איר געווען נישט נאָר טרויעריק, נאָר אויך עקלדיק. זי האָט שוין פריער געליטן, בעת ער האָט ליב געהאַט סאַבינען; שוין דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן פאַרלירן געוויסע אילוזיעס בנוגע איר העלד. אַז קריסטאָף זאָל קענען ליב האָבן אַזאַ דורכשניטלעך נפש, איז ביי איר אויסגעקומען נישט פאַרשטענדלעך און נישט פיין. אָבער יענע ליבע איז געווען לפחות ריין, און סאַבינע איז נישט געווען אומווירדיק. לסוף איז געקומען דער טויט, און האָט אַלץ געהייליקט... נאָר אַז נאָך אַלעמען זאָל קריסטאָף ליב קריגן אַן אַנדערע—און וואָס פאַר אַן

אַנדערע!—דאָס איז געווען געמיין, דאָס איז געווען עקלדיק! זי האָט גענומען פֿאַרטיידיקן די פֿאַרשטאָרבענע. זי האָט אים נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט זי פֿאַרגעסן... אוי! ער אַליין האָט געטראַכט דערפֿון מער, ווי זי; נאָר איר איז גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַז אין אַ ליידנשאַפֿטלעך האַרץ איז דאָ גענוג אָרט פֿאַר צוויי געפֿילן צוזאַמען; זי האָט געמיינט, אַז מ׳קאָן נישט בלייבן טריי דעם עבר אָן אַ קרבן פֿון דער קעגנוואַרט. אַ ריינע און אַ קאַלטע, האָט זי קיין באַגריף נישט געהאַט נישט פֿונם לעבן, נישט פֿון קריסטאָפֿן; ביי איר איז אויסגעקומען, אַז אַלץ דאַרף זיין ריין, ענג און אונטערגעוואָרפֿן דער פֿליכט, פּונקט ווי זי. באַשיידן אין האַרצן און אין איר גאַנצן וועזן, איז זי געווען שטאָלץ נאָר מיט איין זאַך, וואָס זי איז ריין; זי האָט עס געפֿאָדערט פֿון זיך אַליין און פֿון אַנדערע. וואָס קריסטאָף איז אַזוי נידעריק געפֿאַלן, האָט זי אים נישט געקענט מוחל זיין, זי וואָלט עס אים קיינמאָל נישט מוחל געווען.

קריסטאָף האָט געפּרוּווט צו איר רעדן, און אפֿילו פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר איר.—(וואָס קען ער זאָגן דעם פּוריטאַנישן, נאַיוון מיידל?)—ער האָט איר געוואָלט פֿאַרזיכערן, אַז ער איז אירער אַ פֿריינד, אַז ער וויל, זי זאָל אים אַכטן, און אַז ער האָט דערצו רעכט. ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, זי זאָל זיך אָן קיין שום זין דערווייטערן פֿון אים.—נאָר ראָזע איז אַנטלאָפֿן פֿון אים און שטרענג געשוויגן; ער האָט געשפּירט, אַז זי איז אים אין האַרצן מבזה.

ער האָט געפֿילט אַ צער און צאָרן. ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט אַזאַ פֿאַראַכטונג נישט פֿאַרדינט, און דאָך איז ער געווען זייער צעטומלט. ער האָט זיך אַליין באַשולדיקט. די ביטערסטע טענות האָט ער געהאַט צו זיך, בעת ער האָט געטראַכט פֿון סאַבינען. ער האָט זיך געפּייניקט:

— גאָט מיינער! ווי איז עס מעגלעך? וואָס-זשע בין איך?

נאָר ער האָט זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן דעם שטראָם, וואָס האָט אים מיטגעריסן. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס לעבן איז פֿאַרברעכעריש; און ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, כּדי נישט צו זען עס—און כּדי צו לעבן. ער האָט געפֿילט אַזאַ פֿאַרלאַנג צו לעבן, צו זיין גליקלעך, ליב צו האָבן, צו גלויבן!... ניין, ער געפֿינט נישט אין זיין ליבע קיין שום זאַך, וואָס זאָל פֿאַרדינען פֿאַראַכטונג! ער האָט געוווּסט, אַז אין זיין ליבע צו אַדאַן איז ער אפֿשר נישט קלוג, נישט

קיין בר-דעת און אפילו נישט גליקלעך; אָבער וואָס פאַר אַ בזיון אי
אין דעם פאַראַן? לאָמיר אָננעמען,—(ער האָט זיך באַמיט צו צווייפ-
לען אין דעם)—אַז אַדאַ באַזיצט נישט קיין גרויסן מאָראַלישן ווערט,—
למאי זאָל די ליבע, וואָס ער האָט צו איר געפילט, זיין ווייניקער
ריין? די ליבע געהערט צו דעם, וואָס האָט ליב, נישט צו דעם,
וואָס ווערט געליבט. וויפל ס׳באַטייט דער, וואָס האָט ליב, אַזוי
פיל איז ווערט די ליבע. ביי ריינע מענטשן איז אַלץ ריין. די ל
בע, וואָס באַפוצט באַשטימטע פייגל מיט זייערע שענסטע קאָלירן,
פירט אַרויס פון אָרנטלעכע נשמות אַלץ, וואָס איז אין זיי צום איי-
דלסטן. דער פאַרלאַנג נישט אַרויסצווייזן פאַר דער געליבטער קיין
שום זאַך, וואָס איז נישט ווערט איר ליבע, ווירקט, אַז ער אַליין גע-
פינט הנאָה נאָר אין די געדאַנקען און מעשים, וואָס בלייבן אין אַ
האַרמאָנישער גאַנצקייט מיטן שיינעם בילד, וואָס די ליבע האָט גע-
שאַפן. און דער קוואַל פון דער יוגנט, ווו די נשמה טובלט זיך, די
הייליקע צעשטראַלונג פון דער קראַפט און פון דער פרייד, — זענען
שיין און דערהויבן און מאַכן וואַקסן דאָס האַרץ פאַר פרייד.

דאָס, וואָס זיינע פריינד פאַרשטייען אים נישט, האָט אים אָנגע-
פולט מיט פאַרביטערונג. נאָר צום שווערסטן איז אים געווען, וואָס
זיין מאַמע גופאָ האָט אָנגעהויבן צוליב אים זיך פייניקן.

די גוטע פרוי איז געווען ווייט פון די ענגע פרינציפן פון די
פאָגעלס. זי האָט געהאַט צופיל אמתע צרות, זי זאָל זיי זוכן און
אויסטראַכטן ביי אַנדערע. דערשלאָגן, צעבראָכן פונם לעבן, האָט זי
גענומען פון אים ווייניק פרייד און ער האָט מער נישט פאַרלאַנגט,
זי האָט אָנגענומען פאַר ליב אַלץ, וואָס איז מיט איר געשען, און
נישט געפרווט צומאָל פאַרשטיין די צרות און דערפאַר זיך געהי
צו אורטיילן און צענזורירן דעם אַנדערן: זי האָט געגלויבט. אַז זי
האָט דערצו קיין רעכט נישט. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר צו-נאַריש,
צו טענהן, אַז יענע האָבן אַ טעות געהאַט, וואָס זיי האָבן געטראַכט
אַנדערש, ווי זי: ס׳איז איר אויסגעקומען לעכערלעך צו ווען אָנוואַרפן
אַנדערע מענטשן די פעסטע געזעצן פון איר מאָראַל און פון איר
גלויבן. אויסערדעם איז איר מאָראַל און איר גלויבן געווען אינסטינ-
קטיוו: אַליין גאָטספאָרכטיק און ריין, האָט זי פאַרמאַכט די אויגן אויף
דער אויפפירונג פון די אַנדערע, מיט דער טבע פונם פאָלק, וואָס
איז מוותר אויף באַשטימטע שוואַכקייטן. צוליב דעם פלעגט אַמאָל איר
שווער, זשאַן-מישעל, זיך בייזערן אויף איר: זי האָט דעריבער נישט

געמאַכט קיין גרויסן חילוק צווישן מענטשן אָרנטלעכע און נישט־אָרנטלעכע; זי האָט נישט מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלן אינמיטן גאַס אָדער בעתן שפּאַציר, כּדי צו דריקן די האַנט און פריינדלעך צו שמו־עסן מיט אויסגעלאַסענע מיידלעך, וואָס די גאַנצע געגנט האָט גע־טייטלט אויף זיי מיט די פינגער און וואָס די לייטישע פרויען האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי באַמערקן זיי נישט. זי האָט איבערגעלאָזט פאַר גאָט אונטערצושיידן צווישן שלעכטס און גוטס און צו שטראָפן אָדער מוחל צו זיין. זי האָט פאַרלאַנגט פון אַנדערע נאָר אַ ביסעלע וואַרע־מען מיטלייד, וואָס איז געווען אַזוי נויטיק, כּדי קעגנזייטיק צו פאַר־לייכטערן זיך דאָס לעבן. אַבי מ׳זאָל זיין גוט, דאָס איז ביי איר גע־ווען דער עיקר.

נאָר זינט זי האָט געוווינט ביי די פּאָגעלס, האָט זי זיך גע־האַלטן אין איין בייטן. די טרויעריקע נאַטור פון אָט דער משפּחה האָט זי לייכט באַהערשט, ווייל זי איז געווען דערשלאָגן און נישט געהאַט קיין כּוח זיך קעגנצושטעלן. אַמאַליאַ האָט איבערגענומען איבער איר די שליטה; און פון אינדערפרי ביז אָוונט, בעת די ביידע פרויען זע־נען געזעסן צוזאַמען און געאַרבעט, האָט אַמאַליאַ גערעדט, און די פּאַסיווע, דערשלאָגענע לואיזע האָט קעגן איר ווילן באַקומען די רגילות וועגן אַלץ צו זאָגן אַ מיינונג און אַלץ צו קריטיקירן. מאַדאַם פּאָגעל האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און דערציילט איר, וואָס זי טראַכט וועגן קריסטאָפס אויפפירונג. לואיזעס רויקייט האָט זי אויפ־געבעגט. זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין, אַלמאַי לואיזע אינטערעסירט זיך אַזוי ווייניק מיט דעם, וואָס האָט זיי אַלעמען אַרויסגעבראַכט פון די כּלים; זי האָט זיך נישט באַרויקט, ביז ס׳האָט זיך איר נישט איינגעגעבן אויפצורעגן לואיזען. קריסטאָף האָט עס באַמערקט. לואיזע האָט נישט געהאַט קיין מוט צו מוסרן אים; אָבער יעדן טאָג פלעגט זי מאַכן עטלעכע דערשראָקענע באַמערקונגען, אומרויקע און דערעסנ־דיקע; און ווען ער האָט אומגעדולדיק האַרב אָפּגעענטפערט, האָט זי מער נישט גערעדט; נאָר ער האָט נישט אויפגעהערט צו לייענען דעם צער אין אירע אויגן; און ווען ער פלעגט קומען אַהיים, האָט ער אָפטמאָל געזען, אַז זי האָט געוויינט. ער האָט געקענט צו גוט זיין מאַמע, ער זאָל נישט וויסן, אַז דער דאָזיקער אומרו שטאַמט נישט פון איר גופא. — ער האָט געוווּסט, פון וואַנעז ס׳איז צו איר דער־נאַנגען.

ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן דערפון אַ סוף. איינמאָל אין אָוונט האָט לואיזע נישט געקענט מער איינהאַלטן די טרערן און זי איז אויפגעשטאַנען פון טיש אינמיטן עסן, איידער קריסטאָף האָט זיך געכאַפּט, וואָס עס דריקט זי אויפן האַרצן; ער איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון די פּאָגעלס. ער האָט געפּלאַקערט פון צאָרן. ער איז נישט נאָר געווען אויפגעבראַכט מיטן אופן, ווי אַזוי מאַדאַם פּאָגעל האָט זיך באַנומען קעגן זיין מוטער; ער האָט זיך געוואָלט אין איר נוקם זיין פאַר דעם לשון-הרע, וואָס זי האָט אָנגערעדט אויף אים פאַר ראָזען, פאַר דער רכילות קעגן סאַבינען, פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געמוזט פון איר אויסשטיין אין משך פון חדשים. זינט אַ צייט האָט ער געטראָגן אין זיך די לאַסט פונם אָנגעזאַמלטן כעס, וואָס ער האָט איצט געוואָלט אויסלאָדן.

ער האָט זיך אַריינגעריסן צו מאַדאַם פּאָגעל אין שטוב און מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך באַמיט צו זיין רויק, וועלכע האָט אָבער געציטערט פון כעס, האָט ער זי געפרעגט, וואָס-אַזוינס האָט זי דערציילט זיין מוטער, וואָס עס האָט זי געבראַכט אין אַזאַ צושטאַנד.

אַמאַליאַ האָט אים זייער שלעכט אויפגענומען: זי האָט געענטפערט, אַז זי רעדט דאָס, וואָס איר געפעלט, אַז זי גיט קיינעם נישט אָפּ קיין חשבון פון אירע רייד—און אים אוודאי און אוודאי נישט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט אַוועקצולייגן דעם גאַנצן מענה-לשון, וואָס זי האָט זיך פריער צוגעגרייט, און זי האָט צוגעגעבן, אַז אויב לואיזע איז אומגליקלעך, דאַרף מען זוכן די סיבה נאָר אין זיין אויפפירונג, וואָס איז אַ חרפה פאַר אים אַליין און אַ סקאַנדאַל פאַר אַלעמען.

קריסטאָף האָט נאָר געוואַרט אויף אַן אָנגריף, כדי אַליין אָנצוגרייפן. ער האָט ליידנשאַפטלעך געשריען, אַז זיין אויפפירונג איז גוגע נאָר אים אַליין, אַז ער האָט אַ קנאַפּע דאגה, צי געפעלט עס דער מאַדאַם פּאָגעל, צי נישט, אַז אויב זי וויל זיך קלאָגן, זאָל זי זיך קלאָגן אויף אים און אַז זי קען אים זאָגן, וואָס איר האַרץ גלוסט: נאָר אים גייט עס אָן, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי — און ער פאַרווערט איר — (זי הערט?) — ער פאַרווערט איר צו זאָגן וואָס-עס-איז זיין מאַמען, און ס'איז אַ געמיינהייט צו מאַטערן אַן אָרעמע, אַלטע, קראַנקע פרוי

מאַדאַם פּאָגעל האָט זיך צעשריען אויפן גאַנצן קול. קיינער

האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין העזה צו רעדן צו איר אין אַזאַ טאָן. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך נישט לאָזן מוסרן פון אַ גאַסן־יונג—דערצו נאָך — ביי איר אין שטוב! און זי האָט אים באַליידיקט מיט איר האַלטונג.

אויפן טומל זענען געקומען צולויפן אַנדערע מענטשן, — חוץ פּאָגעל, וואָס האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט אים דער טומל, חלילה, שאַטן צום געזונט. דער אַלטער איילער, וועלכן די באַליידיקטע אַמאַליאַ האָט געברענגט פאַר אַן עדות, האָט שטרענג געבעטן קריסטאָפן, ער זאָל זיי אין דער צוקונפט באַפרייען פון זיינע מיינונגען און פון זיינע וויזיטן. ער האָט געזאָגט, אַז זיי געפינען נישט פאַר נויטיק אויסצוהערן קיין מוסר, וואָס זיי דאַרפן טון און אַז זיי טוען זייער פליכט און זיי וועלן שטענדיק די פליכט דערפילן.

קריסטאָף האָט דערקלערט, אַז ער גייט אַוועק און אַז מער וועט זיין פוס נישט איבערטרעטן זייער שוועל. פונדעסטוועגן איז ער נישט אַוועקגעגאַנגען, איידער ער האָט נישט אויסגעגאָסן אויף זיי זיין האַרץ; ער האָט געטענהט, אַז ער האָט זיי נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן אויפן חשבון פון אָט דער באַרימטער פליכט, וואָס איז געוואָרן פאַר אים אַ פערזענלעכער שונא. ער האָט געזאָגט, אַז אָט אַזאַ פליכט איז מסוגל אַראָפּצופירן פון גוטן וועג און מיאוס צו מאַכן דאָס לעבן. זיי זענען אַליין די סיבה דערפון, וואָס מ׳געפינט מער רייץ ביי מענטשן, וואָס זענען נישט אַזוי אָרנטלעך, דערפאַר אָבער ליבנסווירדיק און פריילעך. מ׳פאַרשוועכט די הייליקייט פון דער פליכט, ווען מ׳באַניצט זי אויף אַלערליי נאַרישקייטן, אויף גלייכגילטיקע זאַכן מיט אַן אָנגעבלאָזענער שטרענגקייט, וואָס פאַרפינסטערט און פאַרסמט, סוף־כל־סוף, דאָס לעבן. די פליכט איז אַן אויסנאַם־זאַך: מ׳דאַרף זי היטן ביז מאָמענטן פון אמתער מסירת־נפש—און נישט פאַרדעקן מיט איר נאָמען די אייגענע שלעכטע שטימונג און דעם חשק יענעם דעם טויט צו מאַכן. אויב מ׳איז טרויעריק,—צוליב נאַרישקייט אָדער אומגליק — איז נאָך נישט פאַראַן קיין שום סיבה צו פאַרלאַנגען, אַז אַנדערע זאָלן אויך זיין פאַרטרויערט, אָדער אָנצוואַרפן עמעצן די מרה־שחורה. די ערשטע צניעות איז די פרייד. די פרייד דאַרף זיין אַ גליקלעכע, אַ פרייע, אָן שרעק. דער, וואָס טוט גוטס, דאַרף אַליין דערפון הנאה האָבן. אָבער די פליכט, וואָס זיי פאָדערן, אָט די טיראַנישקייט פון אַ שול־לערער, דער שרייענדיקער טאָן, די לאַנגווייליקע וויכוחים, די

געשמאַקלאָזע, יינגלשע פּלוידעריי, דער טומל, אָן אַ שום חן, דאָס לעבן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שום רייץ, קיין שום שיינקייט, קיין רויקייט, דער נעבעכדיקער פּעסימיזם, וואָס שלעפּט אָן אויף זיך אַלץ, וואָס קען מאַכן דאָס לעבן אָרעמער; זייער גאוודיקע טפשות, וואָס וויל בעסער פאַראַכטן יענעם, איידער אים צו פאַרשטיין, — אָט די גאַנצע קליינבירגערלעכע מאָראַל, אָן דערהויבנקייט, אָן גליק, אָן שיינקייט, — זענען עקלדיק און שעדלעך: זיי זענען אוממענטשלעכע, ווי אַ פאַרברעכן.

אָט אַזוי האָט קריסטאָף געטראַכט; און אין זיין פאַרלאַנג אָנצוטון יסורים די, וועלכע האָבן עס אים שלעכטס געטון, האָט ער נישט באַמערקט, אַז ער איז פּונקט אַזוי אומגערעכט, ווי זיי.

בלי ספק, די אָרעמע מענטשן זענען כמעט געווען אַזעלכע, ווי ער האָט זיי געזען, נאָר ס'איז נישט געווען זייער שולד: שולדיק איז געווען דאָס פינסטערע לעבן, וואָס האָט פאַרחושכט זייערע פּנימער, זייערע באַוועגונגען און געדאַנקען. ס'האָט זיי מיאוס געמאַכט די נויט, — נישט די גרויסע נויט, וואָס קומט מיטאַמאָל און דערהרגעט אָדער פאַרהאַרטעוועט דעם מענטשן, — נאָר דער שלימזל, וואָס חזרט זיך אָן אויפהער איבער, די קליינע נויט, וואָס טריפט כסדר אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, פונם ערשטן טאָג ביזן לעצטן... ס'אַראַ גרויסער שאָד! ווייל אונטער דעם פינסטערן שלייער איז באַהאַלטן וויפיל אוצרות פון יושר, פון גוטסקייט, פון שטילער העלדישקייט!... די גאַנצע קראַפט פון אַ פאָלק, דער גאַנצער קערן פון דער צוקונפט.

קריסטאָף האָט קיין טעות נישט געהאַט, ווען ער האָט געגלויבט, אַז די פליכט איז אַן אויסנאַם-זאַך. אָבער די ליבע איז אויך אַן אויסנאַם-זאַך. אַלץ איז אַן אויסנאַם. דאָס, וואָס פאַרמאָגט אַ געוויסן ווערט, האָט נישט קיין גרעסערן שונא, ווי די דורכשניטלעכקייט, וואָס איז נאָך ערגער פון אַ חטא (חטאים האָבן אויך אַ ווערט). דער גאַנג פון די געוויינלעכע טעג איז דער געפערלעכסטער שונא פאַר דער נשמה.

אַדאַ האָט אָנגעהויבן מיד צו ווערן. זי איז נישט געווען גענוג אינטעליגענט, צו באַניייען איר ליבע אין אַזאַ רייכער נאַטור, ווי קרי-

סטאָפּס. אירע חושים און איר פּוסטע גאווה האָבן אויסגעשעפּט פון דער ליבע די גאַנצע הנאָה, וואָס זי האָט געקאָנט אין איר געפינען. איצט איז איר געבליבן נאָר חרוב צו מאַכן. זי האָט פאַרמאָגט יענעם פאַרבאָרגענעם אינסטינקט, וואָס מ'טרעפט סיי ביי פרויען, אַפילו ביי גוטע, סיי ביי מענער, אַפילו ביי אינטעליגענטע, וועלכע קענען נישט בטבע שאַפן קיין ווערק, קיין קינדער, קיין שום מעשים, — מיט איין וואָרט, קיין שום לעבעדיקע זאַך, — און וועלכע פאַרמאָגן פונדעסט־וועגן גענוג לעבן שלום צו מאַכן, צוליב אַפּאַטיע און פאַרצווייפלונג, מיט זייער אומפּרודוקטיבקייט. זיי ווילן, אַז אַלע אַנדערע זאָלן ווערן אַזוי אומנוצלעך, ווי זיי, און זיי שטרעבן דערצו מיט אַלע כוחות. טייל־מאָל איז עס קעגן זייער ווילן, און ווען זיי כאַפּן זיך, אַז דער פאַר־לאַנג איז פאַרברעכעריש, שטויסן זיי אים פון זיך אָפּ מיט אָפּשײַ. אָבער אָפט גיבן זיי זיך אונטער און זיי מאַכן חרוב, לויט דער מאָס פון זייערע כוחות — (אַנדערע באַשיידן, אין זייער ענגן, אינטימען, קרייז; אַנדערע ווידער — אין אַ גרויסער מאָס, עפנטלעך) — אַלץ וואָס לעבט, אַלץ, וואָס האָט ליב דאָס לעבן און וואָס האָט די זכיה צו לעבן. די קריטיק, וואָס שטרעבט צו דערנידעריקן די גרויסע מענטשן און די גרויסע אידעען ביז צו דער אייגענער הויך, — און דאָס מיידל וואָס ווילט זיך אין פאַראַט פון אירע געליבטע — זענען ביידע שעדלעכע חיות פונם זעלבן מין — נאָר דאָס צווייטע איז ליבנס־ווירדיקער

אַדאַ האָט דעריבער געוואָלט קאַליע מאַכן אַביסל קריסטאָפן, כדי אים צו דערנידעריקן. אין דער אמתן זענען אירע כוחות געווען דער־צו צו שוואַך. אַפילו כדי עפּעס חרוב צו מאַכן, האָט זי באַדאַרפט האָבן מער אינטעליגענץ, ווי זי האָט פאַרמאָגט. זי האָט עס געפילט, און דאָס איז נישט געווען די איינציקע סיבה פון איר כעס אויף קריסטאָפן, וואָס איר ליבע האָט אים קיין שום בייז נישט געקאָנט טון. זי האָט זיך פאַר נישט מודה געווען, אַז זי האָט אַ פאַרלאַנג צו טון אים שלעכטס; ווען זי וואָלט געקאָנט אַפילו, וואָלט זי עס אפשר אויך ניט געטון. נאָר זי האָט געפונען, אַז ס'איז חוצפהדיק פון זיין זייט, וואָס זי קאָן אים גאָרנישט טון. ווען דער מאַן נעמט־צו ביי דער פרוי די אילוזיע פון איר מאַכט איבער אים — אַלץ איינס, צי די מאַכט איז אַ שעדלעכע אָדער נישט — הייסט עס, אַז זיין ליבע צו איר איז געטראָפן; דאָס צווינגט זי עקשנותדיק אויסצופּרוון איר

מאַכט. קריסטאָף האָט דערויף קיין אַכט נישט געלעגט. ווען אַדאַ פֿלעגט אים פֿרעגן אין שפּאַס:

— וואָלסטו פֿאַרלאָזן די מוזיק צוליב מיר?

(הגם זי האָט דערצו קיין שום חשק נישט געהאַט) פֿלעגט ער ענטפֿערן גאַנץ אָפֿנהאַרציק:

— אָ, דאָ קאָן קיינער, מיין טייערע, גאָרנישט פּועלן; נישט דו נישט קיין שום אַנדערער. איך וועל די מוזיק קיינמאָל נישט פֿאַר-לאָזן.

— און דו טענהסט נאָך, אַז דו האָסט מיך ליב? — פֿלעגט זי זאָגן ברוגז.

זי האָט פֿיינט געהאַט די דאָזיקע מוזיק, — בפֿרט ווייל זי האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען און ווייל זי האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט געפֿינען קיין אַנדער געווער קעגן דעם פֿאַרבאָרגענעם שונא און פֿאַר-ווונדן קריסטאָפֿן אין זיינע געפֿילן. ווען זי האָט געפּרוווט רעדן וועגן מוזיק מיט פֿאַראַכטונג אָדער זי האָט האַרב געמשפּט קריסטאָפֿס קאָמ-פּאָזיציעס, פֿלעגט ער לאַכן אויפֿן גאַנצן קול; און נישט געקוקט אויף איר ברוגז, האָט אַדאַ באַשלאָסן צו שווייגן, ווייל זי האָט זיך אָפּגע-געבן אַ חשבון, אַז זי איז לעכערלעך.

נאָר אויב זי האָט גאָרנישט געקאָנט אויפֿטון פֿון דער זייט, האָט זי אַנטדעקט אין קריסטאָפֿן אַן אַנדערן שוואַכן פּונקט, ווו מ׳האָט אים געקאָנט לייכט אָנגרייפֿן: ס׳איז געווען זיין מאָראַלישער גלויבן. כאָטש ער האָט געהאַט שאַרפֿע סכסוכים מיט די פּאַגעלס און נישט געקוקט אויף זיין יוגנט-שיכרות, האָט דאָך קריסטאָף אויפֿגעהאַלטן אין זיך אַן אינסטינקטיווע שעמעוודיקייט, אַ באַגער צו ריינקייט, וואָס ער האָט אומבאַוווסטערהייט געפֿילט, וואָס האָט אָבער אַזאַ פֿרוי, ווי אַדאַ, געמוזט פֿריער אָנרירן, צוציען און געווינען, דערנאָך ווילן, שפּעטער לאַנגווייליקן, לסוף אויפֿרעגן אַזש ביז שנאה. זי האָט אים נישט אָנגע-גריפֿן אויפֿן גלייכן וועג. זי האָט כיטרע געפֿרעגט:

— האָסטו מיך ליב?

— אַוודאי!

— וויפֿיל האָסטו מיך ליב?

— וויפֿיל מ׳קאָן נאָר ליב האָבן.

— ס׳איז נישט קיין סך... אַ סוף!... וואָס וואָלסטו פֿאַר מיר געטון?

— אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט.
— וואָלסט געטון צוליב מיר נישט קיין אָרנטלעכע זאַך?
— אַ משונהדיקער אופן פון ליבע!
— נישט וועגן דעם האַנדלט זיך. וואָלסט עס געטון?
— דאָס קאָן קיינמאָל נישט אויסקומען צו טון.
— אָבער אויב איך זאָל עס פאַרלאַנגען?
— וואָלט עס געווען אַן עוולה פון דיר.
— אפשר... וואָלסט עס געטון?

ער האָט זי געוואָלט אַ קוש טון. נאָר זי האָט אים אָפּגעשטויסן.

— וואָלסט עס געטון צי ניין?
— ניין, מיין טייערע.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, זייער בייז.

— האָסט מיך נישט ליב, דו ווייסט נישט, וואָס ליבע איז.
— גאַנץ מעגלעך, — האָט ער איינפאַך געענטפערט.

ער האָט געוווסט, אַז אין אַ מאָמענט פון ליידנשאַפט וואָלט ער געווען מסוגל, פונקט ווי יעדער אַנדערער, אָפּצוטון די גרעסטע נאַרישקייטן, אפשר אפילו אַ מיאוסע זאַך און — ווער ווייסט? — אפשר נאָכמער; אָבער ער האָט זיך געשעמט צו באַרימען זיך דערמיט אַזוי גלייכגילטיק, און האָט עס געהאַלטן פאַר געפערלעך זיך מודה צו זיין אין דעם פאַר אַדאַן. אַן אינסטינקט האָט אים מתרה געווען, אַז זיין טייערער שונא לויערט און היט אָפּ יעדעס וואָרט זיינס: ער האָט נישט געוואָלט געבן איר קיין געווער קעגן זיך.

אַן אַנדערש מאָל האָט זי אים ווידער אָנגעגריפן; זי האָט אים געפרעגט:

— האָסטו מיך ליב, ווייל דו האָסט מיך ליב, צי ווייל איך האָב דיך ליב?
— ווייל איך האָב דיך ליב.
— הייסט עס, ווען איך זאָל דיך נישט ליב האָבן, וואָלסטו מיך אויך ליב געהאַט?
— יאָ.
— און ווען איך האָב ליב אַ צווייטן, וואָלסטו מיך אַלץ ליב געהאַט?

— אָ, דאָס ווייס איך נישט... איך גלויב נישט... אַלנפאַלס, וואָלט איך עס דיר קיינמאָל נישט געזאָגט.
— ווארום וואָס איז דער אונטערשייד?
ס'איז אַן אונטערשייד אין אַ סך זאַכן. אפשר אין מיר. אין דיר—זיכער.
— וואָס אַרט עס דיך, אַז איך וואָלט זיך געענדערט?
— דאָס איז אַלץ. איך האָב דיך ליב אַזוי ווי דו ביסט. ווען דו זאָלסט ווערן אַנדערש, בין איך שוין נישט ערב, אַז איך וואָלט דיך ליב געהאַט.
— האָסט מיך נישט ליב, האָסט מיך נישט ליב! וואָס שפּאַרסטו זיך? מ'האָט ליב אָדער מ'האָט נישט ליב. אויב דו האָסט מיך ליב, דאַרפסטו מיך ליב האָבן אַזוי ווי איך בין, וואָס איך זאָל נישט טון — אייביק.
— דאָס וואָלט געווען אַ ליבע פון אַ חיה.
— אָט אַזוי וויל איך, זאָלסט מיך ליב האָבן.
— נו, האָסטו אַ טעות געהאַט,—האָט ער געזאָגט אין שפּאַס — איך בין נישט דער, וועמען דו זוכסט. ווען איך וואָלט עס געוואָלט, קאָן איך עס אויך נישט. אגב, וויל איך עס גאָרנישט.
— דו ביסט זייער שטאָלץ מיט דיין אינטעליגענץ. דו האָסט מער ליב דיין אינטעליגענץ, ווי מיך.
— אָבער דיך האָב איך דאָך ליב, אומדאַנקבאַרע, מער, ווי דו האָסט זיך ליב אַליין. און וואָס שענער און בעסער דו וואָלסט געווען, אַלץ מער וואָלט איך דיך ליב געהאַט.
— דו ביסט אַ שול-לערער, — האָט זי מיט שפּאָט געענטפערט.
— וואָס ווילסטו? כ'האָב ליב דאָס, וואָס ס'איז שיין, וואָס ס'איז מיאוס, דערוועקט אין מיר עקל.
— אפילו דאָס, וואָס איז מיאוס אין מיר?
— בפרט אין דיר.
זי האָט צאָרנדיק געטופּעט מיט די פיס.
— איך וויל נישט, מ'זאָל מיך משפטן.
— נו, טאָ קלאָג זיך אויף דעם, וואָס איך משפט דיך און וואָס כ'האָב דיך ליב, — האָט ער צערטלעך געענטפערט, זי צו באַרויקן.
זי האָט זיך געלאָזט אַרומנעמען און באַוויליקט אפילו צו שמייכלען און צו דערלויבן, ער זאָל זי אַ קוש טון. נאָר אין אַ ווייל

אַרום, ווען ער איז געווען זיכער, אַז זי האָט שוין פאַרגעסן אָן דעם, האָט זי ווידער אומרויק געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ מיאוסע זאַך געפינסטו אין מיר?

ער האָט זיך געהיט צו זאָגן איר דעם אמת און געענטפערט פּחדנותדיק:

— איך געפין נישט אין דיר קיין שום מיאוסע זאַך.

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— הער אויס, קריסטאָף. דו זאָגסט, אַז דו האָסט נישט ליב קיין ליגן?

— כ'האָב עס פײַנט.

— ביסט גערעכט, — האָט זי געזאָגט — איך האָב עס אויך פײַנט. אגב, בין איך רויק, איך זאָג קיינמאָל נישט קיין ליגן.

ער האָט זי אָנגעקוקט: זי איז געווען אויפריכטיק. אָט די תמימות האָט בײַ אים אָפּגענומען דאָס געווער.

— נו, — האָט זי ווײַטער גערעדט, אַרומגענעמענדיק מיט די אָרעמס זײַן האַלז — פאַרוואָס־זשע וואָלסטו געווען בייז, ווען איך קריג ליב אַן אַנדערן און איך זאָג עס דיר?

— הער מיך אויף צו פּײַניקן!

— איך פּײַניק דיך נישט: איך זאָג דאָך דיר נישט, אַז כ'האָב ליב אַן אַנדערן, איך זאָג אפילו, אַז נישט... אָבער שפּעטער, אויב איך וועל ליב האָבן?...

— גוט, לאָמיר דערפון נישט טראַכטן.

— און איך וועל דערפון יאָ טראַכטן... דו וועסט זײַן בייז אויף מיר? דו וועסט קענען זײַן בייז אויף מיר?

—איך וועל נישט זײַן בייז אויף דיר. כ'וועל דיך פאַרלאָזן, אָט־וואָס.

— פאַרלאָזן? פאַרוואָס? אויב איך האָב דיך נאָך אַלץ ליב?...

— ווען דו האָסט ליב אַ צווייטן?

— געוויס. עס טרעפט.

— גוט, בײַ אונז וועט עס נישט טרעפן.

— פאַרוואָס?

— ווײַל דעם זעלבן טאָג, ווען דו וועסט ליב קריגן אַ צווייטן, וועל איך דיך שוין מער נישט ליב האָבן, מײַן טײַערע, לחלוטין נישט.

— נאָר-וואָס האָסטו דאָך געזאָגט, אפשר... אָ! דו זעסט, האָסט מיך נישט ליב!

— לאָז זיין. אָט אַזוי איז בעסער פאַר דיר.

— ווייל?...

— ווייל ווען איך האָב דיך נאָך אויך ליב דעמאָלט, בעת דו וועסט ליב האָבן אַ צווייטן, קאָן זיך עס שלעכט אויסלאָזן פאַר דיר, פאַר מיר און פאַרן צווייטן.

— אָט האָסטו דיר!... ביסט דאָך איצט פון זינען אַראָפּ. בין איך, הייסט עס, פאַרמשפּט צו בלייבן מיין גאַנץ לעבן נאָר מיט דיר?

— באַרויק זיך. ביסט פריי. וועסט מיך פאַרלאָזן, ווען דו וועסט וועלן. נאָר דאָס וועט נישט זיין קיין „צום ווידערזען", נאָר אַ „זיי-געזונט".

— נאָר אויב איך וועל דיך נאָך ווייטער ליב האָבן?

— ווען מ'האָט ליב, איז מען זיך מקריב איינער פאַרן אַנדערן.

— גוט, טאָ זיי זיך מקריב.

ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער איבער איר עגאָיזם, און זי האָט אויך מיטגעלאַכט.

— דער קרבן פון איינעם איז פונקט ווי זיין ליבע.

— ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן. דאָ איז פאַראַן די ליבע פון צוויי. איך וועל דיך נאָך שטאַרקער ליב האָבן, ווען דו וועסט זיך מקריב זיין פאַר מיר. און טו נאָר איצט אַ טראַכט, קריסטאָפל, ווי שטאַרק דו וועסט מיך, פון דיין זייט, ליב האָבן, נאָכדעם ווי דו וועסט זיך מוסר-נפש זיין פאַר מיר. דו וועסט זיין גליקלעך.

זיי האָבן געלאַכט, צופרידן, וואָס ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן צו מאַכן פון זייער סכסוך אַ שפּאַס.

ער האָט געלאַכט און זי אָנגעקוקט. טיף אין האַרצן האָט זי גאָר בדיעה נישט געהאַט צו פאַרלאָזן איצט קריסטאָפן, ווי זי האָט עס אים געזאָגט; אויב ער האָט זי אָפּטמאָל אויפגערעגט אָדער גע-לאַנגווייליקט, האָט זי אָבער געוווּסט דעם ווערט פון אַזאַ מין צוגע-בונדנקייט, ווי זיינע! אגב, האָט זי קיין אַנדערן נישט ליב געהאַט. זי האָט גערעדט אַזוי נאָר אין שפּאַס, טיילווייז דערפאַר, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז ס'איז אים נישט אַנגענעם. און טיילווייז, ווייל ס'האָט איר הנאה געטון צו פאַרווילן זיך מיט פאַרדעכטיקע און אומריינע געדאַנקען, פונקט ווי אַ קינד, וואָס פּליעסקעט זיך מיט פאַרגעניגן אין

ברודיק וואַסער. ער האָט עס געוווּסט. ער איז נישט געווען בייז אויף איר. אָבער ער איז שוין מיד געוואָרן פון די נישט־כשרע ווייכּוחים, פון דעם איינגעהאַלטענעם קאַמף קעגן אַט דער אומזיכערער, צעטומלטער נאַטור, וואָס ער האָט ליב געהאַט און וואָס האָט אים אפשר אויך ליב געהאַט; ער איז געווען מיד פון דער אָנשטרענגונג, מיט וועלכער ער האָט זיך טיילמאָל איינגערעדט און געגלייבט, טראַכטנ־דיק וועגן איר, — מיד ביז צום וויינען. ער האָט געטראַכט: „פאַר־וואָס, פאַרוואָס איז זי אַזוי? פאַרוואָס איז עס בכּלל אַזוי? ווי דאָס לעבן איז שפל!...״ און אין דער זעלבער צייט האָט ער געשמייכלט, געקוקט אויף דעם שיינעם פּנים, וואָס האָט זיך צו אים געבויגן, אויף אירע בלויע אויגן, אויף איר צאַרטער הויט, אויף איר לאַכנדיקן, פלוידערנדיקן און אַ ביסל־נאַריש מויל, וואָס איז האַלב אויפגעעפנט און וואָס פון אים בלאַנקט אַרויס דער פרישער גלאַנץ פון איר צונג און אירע פייכטע ציין. זייערע ליפּן האָבן זיך כּמעט אָנגערירט, און ער האָט אויף איר געקוקט ווי פון ווייטן, ווי פון זייער ווייט, פון אַן אַנדערער וועלט; ער האָט געזען, ווי זי דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער, ווי זי ווערט פאַרלוירן אין אַ נעפּל... און דערנאָך האָט ער זי מער נישט געזען. ער האָט מער נישט געהערט. ער איז פאַר־זונקען געוואָרן אין אַ מין שמייכלענדיקער פאַרגעסנקייט און געטראַכט פון מוזיק, פון זיינע חלומות, פון טויזנטער זאַכן, וואָס זענען פאַר אַדאַן פרעמד געווען. ער האָט געהערט עפּעס אַ ניגון. ער האָט שטיל געשאַפן... אַך! די שיינע מוזיק!... אַזוי טרויעריק, שטערבלעך־טרויעריק! און דאָך גוט, ליב... אַך, ווי גוט... יאָ, יאָ... נאָר דאָס... אָט דאָס אי־בעריקע איז נישט געווען אמת...

מ׳האָט אים געטרייסלט פאַרן אָרעם, אַ שטים האָט צו אים געשריען:

— וואָס איז מיט דיך געשען? ביסט לחלוטין משוגע געוואָרן? פאַרוואָס קוקסטו מיך אָן אַזוי? פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

ער האָט ווידער געזען די אויגן, וואָס האָבן אים אָנגעקוקט. ווער איז עס!... — אַהאַ! יאָ... — ער האָט אָפּגעזיפצט.

זי האָט אים אויסגעפאָרשט. זי האָט געוואָלט דערגיין, פון וואָס ער האָט געטראַכט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, נאָר זי האָט געפילט, אַז ס׳איז אומזיסט איר מי: ער איז נישט אינגאַנצן אירער — ס׳איז שטענדיק פאַראַן אַ טיר, דורך וועלכער ער קאָן זיך אַרויסגליטשן. זי איז אין האַרצן געווען אויפגערעגט.

— פאַרוואָס וויינסטו? — האָט זי אים איינמאָל געפרעגט, ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער פרעמדער רייזע אין אַן אַנדער לעבן.

ער האָט אַדורכגעפירט די האַנט איבער די אויגן. ער האָט געפילט, אַז זיי זענען פייכט.

— איך ווייס נישט, — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט? כ'האָב דיך שוין דריי מאָל געפרעגט די אייגענע זאַך.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער זי ווייך געפרעגט.

זי האָט אויף איר אופן גענומען שפּאַסן.

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון מידקייט.

—יאָ, — האָט זי געזאָגט — איך ענדיק שוין. נאָך איין וואָרט: און זי האָט גענומען רעדן נאָך שאַרפער.

קריסטאָף האָט זיך אַ טרייסל געטון פון כעס.

— אפשר וועסטו מיך צורו לאָזן מיט דיינע גראָבע רייד!

— איך שפּאַס דאָך.

— זוך־אויס פיינערע זאַכן.

— שפּאַר זיך וויניקסטנס. זאָג, פאַרוואָס עס געפעלט דיר נישט.

— ס'הויבט זיך נישט אָן! נישטאָ וואָס צו שפּאַרן זיך, פאַרוואָס מיסט שטינקט? עס שטינקט — און אַ סוף! איך פאַרשטאָפּ זיך די נאָז און גיי ווייטער.

ער איז אַוועק זייער בייז; ער האָט געשפּרייזט מיט גרויסע טריט, אָטעמענדיק די אייז־קאַלטע לופט.

נאָר זי האָט ווידער אָנגעהויבן איין מאָל, צוויי מאָל, צען מאָל. זי פלעגט אַרויסלעגן אויפן טיש אַלצדינג, וואָס האָט אים געקאָנט שאָקירן און וויי טון.

ער האָט געטראַכט, אַז ס'איז אַ קרענקלעך שפּיל פון אַ נעווראַסטעניש מיידל, וואָס ווילט זיך דערמיט, וואָס זי פייניקט אים. ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען אָדער געמאַכט, ווי ער הערט נישט: ער האָט זיך צו איר נישט באַצויגן ערנסט. דאָך האָט ער נישט איינמאָל חשק געהאַט אַרויסצוואַרפן זי דורכן פענסטער; ווייל די נעוואַסטעניע און די נעוראַסטעניקער זענען אים געווען שטאַרק נישט צום האַרצן.

נאָר ס'איז גענוג געווען, ער זאָל זיך דערווייטערן פון איר אויף

צען מינוט, און ער זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן דאָס, וואָס ס׳האָט אים אָפּגעשטויסן. ער פלעגט גיין צוריק צו אַדאַן, פול מיט האָפנונגען און נייע אילוזיעס. ער האָט זי ליב געהאַט. די ליבע איז אַן אַקט פון שטענדיק זיך־באַנייענדיקן גלויבן. צי גאָט עקזיסטירט יאָ, צי נישט — דאָס איז נישט וויכטיק: מען גלויבט, ווייל מען גלויבט. מ׳האָט ליב, ווייל מ׳האָט ליב; מ׳דאַרף דערצו נישט האָבן קיין שום באַווייזן!...

נאָך דער סצענע, וואָס קריסטאָף האָט געמאַכט די פּאָגעלס, איז געוואָרן אוממעגלעך צו בלייבן ווייטער אין זייער הויז, און לואיזע האָט געמוזט זוכן אַ נייע דירה פאַר איר זון און פאַר זיך.

אַ געוויסן טאָג איז אַראָפּגעפאַלן פלוצלינג צו זיי אין שטוב ערנעכט, קריסטאָפס יינגסטער ברודער, פון וועלכן זיי האָבן שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין שום ידיעה. נאָכדעם, ווי ער האָט געפּרוווט פאַרשידענע מלאכות און איז פון אומעטום אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, איז ער געבליבן אָן אַ אָרט; זיין בייטל איז געווען פוסט און זיין געזונט — שטאַרק אָנגעגריפן; דערפאַר האָט ער געפונען פאַר גוטיק קומען זיך אָפּרוען אין דער מאַמעס הויז.

ערנעסט איז נישט געווען אין קיין שלעכטע באַציונגען מיט זיינע צוויי ברידער; זיי האָבן, אמת, געהאַט פאַר אים אַ קנאַפּן דרך־ארץ, און ער האָט עס געוווסט; נאָר ער האָט אויף זיי נישט געהאַט קיין פאַרדרוס, ווייל ס׳איז אים געווען גאַנץ גלייכגילטיק, זיי ווידער האָבן אויך אויף אים קיין פאַרדרוס נישט געהאַט. ס׳וואָלט געווען אומזיסט די טרחה. אַלץ, וואָס מ׳פלעגט אים זאָגן, פלעגט ער זיך אַראָפּשלונגען אָן קיין שום שפור. ער האָט געשמייכלט מיט זיינע כיטרע אויגן, באַמיט זיך אויסצוזען טרויעריק, געטראַכט בשעת־מעשה פון עפּעס אַנדערש, ער האָט מסכים געווען מיט זיי, געדאַנקט און לסוף שטענדיק אַרויסגעצויגן געלט פון איינעם פון זיינע ברידער. קריסטאָף האָט קעגן זיין ווילן געפילט אַ סימפּאַטיע צום ליבן לץ, וואָס איז לויט זיינע שטריכן געווען צו אים ענלעך און נאָך מער ענלעך צו זייער פאָטער מעלכיאָר. הויך און שטאַרק, ווי קריסטאָף,

האָט ער געהאַט אַ גלײַכֿע פיגור, אַ פריש אויסזען, קלאָרע אויגן, אַ גלײַכֿע נאָז, אַ לאַכֿנדיק מויל, שיינע ציין און האַסטיקע באַוועגונגען. ווען קריסטאָף פֿלעגט אים זען, פֿלעגט ער ווערן אַנטוואָפֿנט און נישט אַרויסגעזאָגט אפילו קיין העלפֿט טענות, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט: אין האַרצן האָט ער געפֿילט אַ מין מוטערלעכֿע צערטלעכֿקייט צום דאָזיקן שיינעם ייִנגל, וואָס איז געווען פֿון זיין בלוט און וואָס האָט, לפּחות, פיזיש, פֿאַרשאַפֿט כבוד. ער האָט געגלויבט, אַז ערנעסט איז נישט קיין שלעכֿטער, און ערנעסט איז קיין נאַר נישט געווען. ער איז געווען אָן קולטור, אָבער נישט אָן שכל; ער איז אפילו נישט געווען אומפֿעיִק צו אינטערעסירן זיך מיט גייסטיקע ענינים. ער האָט הנאה געהאַט צו הערן מוזיק, און נישט פֿאַרשטייענדיק זיין ברודערס שפּילן, האָט ער דאָך געהערט בייגיריק. קריסטאָף, וואָס האָט קיינמאָל נישט געפֿילט צו זיך די סימפּאַטיע פֿון זיינע אייגענע, האָט מיט פֿאַרגעניגן באַמערקט זיין ברודער אויף זיינע קאָנצערטן.

נאָר ערנעסטס עיקר-טאַלענט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעצייכֿנט געקענט די כֿאַראַקטערן פֿון זיינע ברידער און געוווּסט, ווי זיי אויסצונוצן. אומזיסט האָט זיך קריסטאָף אָפּגעגעבן אַ חשבון פֿון זיין עגאָיִזם און גלייכֿגילטיקייט, אומזיסט האָט ער צוגעזען, אַז ערנעסט טראַכֿט פֿון דער מאַמען און פֿון אים נאָר אין אַ עת-צרה: ער האָט זיך שטענדיק געלאָזט איינגעמען פֿון זיינע ליבנס-ווירדיקע מאַנירן און ער פֿלעגט אים זעלטן-ווען אָפּזאָגן. ער האָט אים געהאַלטן העכֿער פֿון זיין צווייטן ברודער, רודאָלף, וואָס איז געווען סאָליד און פּינקטלעך, איבערגעגעבן זיינע עסקים, זייער מאָראַליש, פֿלעגט קיינמאָל קיין געלט נישט בעטן, אָבער אויך קיינמאָל קיינעם נישט געגעבן; ער פֿלעגט קומען יעדן זונטיק אויף אַ שעה-צייט זיך זען מיט דער מאַמע, געשמועסט נאָר וועגן זיך, באַרימט זיך, געריימט זיין געשעפֿט און אַלץ, וואָס איז אים נוגע געווען, זיך אויף קיינעם נישט נאָכֿגעפֿרעגט, מיט קיינעם זיך נישט אינטערעסירט און פֿלעגט אַוועקגיין, ווי נאָר ס'האָט אויסגעקלונגען די שעה, צופֿרידן, וואָס ער האָט דערפֿילט זיין פֿליכֿט. קריסטאָף האָט אים נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן. ער פֿלעגט פּשוט אַוועקגיין פֿון שטוב אויף דער שעה, ווען רודאָלף פֿלעגט קומען. רודאָלף האָט אים מקנא געווען; ער האָט געפֿילט אַ פֿאַראַכֿטונג צו קינסטלער, און קריסטאָפֿס ערפֿאָלג האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן. פֿונדעסטוועגן האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן צו

באַנוצן זיך מיט קריסטאָפס באַרימטקייט אין שטאָט, צווישן די סוחרים, וואָס ער פלעגט באַזוכן: נאָר ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט דער־פון קיין וואָרט, נישט מיט דער מאַמע, נישט מיט קריסטאָפן: ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער באַמערקט עס גאָרנישט. אדרבה ער פלעגט באַמערקן די מינדסטע נישט־אָנגענעמע פּאַסירונג, וואָס איז קריסטאָפן געשען. קריסטאָף האָט פיינט געהאַט אָט די קליינלעכקייט און גע־מאַכט זיך, אַז ער באַמערקט עס נישט; נאָר ס'איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, — און דערפאַר האָט עס אים שטאַרק ווי געטון, — אַז ס'רוב בייזוויליקע רכילות, וואָס רודאָלף דערציילט וועגן אים, שטאַמט פון ערנעסטן. דער קליינער תכשיט האָט גוט געוווּסט דעם חילוק צווישן קריסטאָפן און רודאָלפן: ער האָט בלי ספק געוווּסט, אַז קרי־סטאָף שטייט העכער, און ער האָט אפילו געפילט אפשר אַ סימפּאַטיע— אַ ביסל אַן איראָנישע — צו קריסטאָפס תמימות. אָבער ער האָט גע־ווּוסט, ווי זיך דערמיט צו באַנוצן, פּונקט ווי ער האָט אומפאַרשעמט אויסגענוצט רודאָלפס שלעכטע געפילן, הגם ער האָט זיי אין האַרצן פיינט געהאַט. ער האָט געחנפנט רודאָלפס פּוסטער גאווה און זיין קנאה, צוגענומען הכנעהדיק אַלע זיינע טענות, דערציילט אים דאָס גאַנצע ביסל לשון־הרע פון שטעטל, בפרט דאָס, וואָס איז נוגע קרי־סטאָפן, וועגן וואָס ער איז שטענדיק געווען אויסגעצייכנט און געזונט אינפאָרמירט. ער פלעגט דערגרייכן אויף אַזאַ אופן זיין ציל: און רו־דאָלף, וואָס איז געווען קאַרג, האָט געלאָזט אַרויספרעסן פון זיך געלט, פּונקט ווי קריסטאָף.

אָט אַזוי האָט ערנעסט יעדן איינעם אויף זיין אופן אויסגענוצט און פון ביידן גלייך חוזק געמאַכט. און ביידע האָבן זיי אים ליב געהאַט.

נישט געקוקט אויף די אַלע ליטרע שפּיצלעך, האָט ערנעסט דאָך געהאַט אַ קלאָגעדיק אויסזען, ווען ער איז געקומען אַהיים. גע־קומען איז ער פון מינכן, ווו ער האָט געפונען און — אויף זיין שטייגער — תיכף פאַרלוירן זיין לעצטע שטעלע. ער האָט געמוזט דורכמאַכן דעם גרעסטן טייל וועג צופוס, אין שלאַקס־רעגנס, און גע־בעטיקט גאָט ווייסט ווו. ער איז געווען אויסגעשמירט מיט בלאָטע,

אָפּגעריסן, ענלעך צו אַ בעטלער, און ער האָט שרעקלעך געהוסט; אין וועג איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערן בראָנכיט. לואיזע האָט זיך גענומען צום האַרצן, און קריסטאָף איז צו אים זייער גערירט צוגעלאָפן, בעת ער איז אַריינגעקומען. ערנעסט, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג צו וויינען, האָט זיך נישט געזאַמט און טאַקע באַלד געוויזן, וואָס ער קאָן: זיי האָבן זיך אַלע דריי צעוויינט, איינער אין דעם אַנדערנס אָרעמס.

קריסטאָף האָט אים אָפּגעטרעטן זיין צימער; מ'האָט אויסגעווערעמט דאָס בעט, מ'האָט אַריינגעלעגט דעם קראַנקן, וואָס האָט געהאַט אַ צורה פון אַ גוסס. לואיזע און קריסטאָף זענען געזעסן נעבן אים און זיך געביטן מיט דער וואַך, מ'האָט גענאַרפט אַ דאָקטאָר, רפואות, וואַרעמקייט אין צימער, אַ באַזונדערע דערנערונג.

מ'האָט אים געמוזט דערצו באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס: וועש, שיך, אַ בגד, מ'האָט אַלץ געמוזט קויפן נייע. ערנעסט האָט געלאָזט מיט זיך טון אַלץ. לואיזע און קריסטאָף האָבן געמוזט האָרעווען מיט אַלע כּוחות צו דעקן די הוצאות. גראָד זענען זיי אין דער צייט געווען געאיינגט אין געלט: דאָס אַרויסציען זיך, די טייערע דירה, וואָס איז, אגב, געווען אומבאַקוועמער, ווי די פריערדיקע, דערצו האָט קריסטאָף איצט געהאַט ווייניקער לעקציעס און גרעסערע אויסגאַבן. זיי זענען אויסגעקומען מיט מאַטערניש. זיי האָבן געמוזט זוכן אַנדערע מיטלען. קריסטאָף וואָלט געקענט, בלי ספק, ווענדן זיך צו רודאָלפן, וואָס איז געווען גיכער בכּוח, ווי קריסטאָף, אַרויסצוהעלפן ערנעסטן; נאָר ער האָט נישט געוואָלט: ער זאָל אַליין נישט אַרויסהעלפן דעם ברודער—דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת-הכּבוד. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אַלס בכור איז ער מחויב צו טון, — אגב, אויך דערפאַר, ווייל ער איז געווען קריסטאָף. רויט פון חרפּה, האָט ער געמוזט מסכּים זיין אויפן פאָרשלאַג, וואָס ער האָט אין פּופּצנטעג אַרום אָפּגעוואָרפן מיט כּעס, — דעם פאָרשלאַג פון אַ געוויסן פאַרמיטלער, וואָס האָט אין נאָמען פון אומבאַקאַנטן רייכן מוזיק-דילעטאַנט געוואָלט אָפּקויפן ביי אים אַ מוזיקאַליש ווערק, כּדי עס אַרויסצוגעבן אונטערן אייגענעם נאָמען. לואיזע האָט זיך פאַרדונגען צו נייען וועש. זיי האָבן איינער פאַרן אַנדערן אויסבאַהאַלטן זייערע קרבנות; זיי האָבן זיך גענאַרט וועגן דעם געלט, וואָס זיי פלעגן ברענגען אַהיים.

ערנעסט איז ביסלעכווײַז געקומען צו זיך און איינמאָל, איינ־געקאָרטשעט אין אַ ווינקל ביים פייער, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער איז שולדיק עטלעכע חובות. מ׳זאָגט זיי באַצאָלט. קיינער האָט צו אים קיין טענות נישט געהאַט. ס׳איז נישט געווען גרויסמוטיק בנוגע אַ קראַנקן, וואָס איז דערצו אַ פאַרוואָגלטער זון און אַ בעל־תשובה. ווייל ערנעסט האָט אויסגעזען שטאַרק געענדערט דורך די דערפאַרונגען. מיט אַ וויינענדיקער שטים פלעגט ער רעדן וועגן זיי־נע אַמאָליקע פעלערן; און לואיזע האָט אים געקושט און געבעטן, ער זאָל דערפון נישט טראַכטן. ער איז געווען מילד: ער האָט שטענדיק געחנפנט דער מאַמען מיט זיין צערטלעכקייט, וואָס ער פלעגט איר אַרויסווייזן; אַמאָל איז קריסטאָף געווען אַ ביסל אייפער־זיכטיק. איצט האָט ער עס געפונען פאַר נאַטירלעך, וואָס דער ייִנג־סטער, און דערצו שוואַכסטער זון איז מער געליבט, ווי אַלע. הגם צווישן זיינע יאָרן און ערנעסטס איז געווען אַ קליינער אונטער־שיד, האָט ער דאָך געקוקט אויף ערנעסטן נישט ווי אויף אַ ברו־דער, נאָר ווי אויף אַ זון. ערנעסט האָט געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ; ער האָט נישט איינמאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז קריסטאָף האָט גענומען אויף זיך אַזאַ משא, אַזעלכע געלט־קרבנות... אָבער קרי־סטאָף האָט אים נישט געלאָזט רעדן ווייטער, און ערנעסט האָט אים געדאַנקט מיט אַ הכנעהדיקן, ליבנסווירדיקן בליק. ער פלעגט מסכּים זיין מיט די עצות, וואָס קריסטאָף האָט אים געגעבן; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז געגייגט, ווי נאָר ער וועט געזונט ווערן, צו ענדערן זיין לעבן, צו אַרבעטן ערנסט.

ער איז געזונט געוואָרן; נאָר די היילונג האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. דער דאָקטאָר האָט דערקלערט, אַז זיין געזונט, וואָס איז שטאַרק אָנגעגריפן, נויטיקט זיך אין פאָרזיכטיקער באַהאַנדלונג. ער איז דעריבער ווייטער געבליבן ביי דער מאַמען, געשלאָפן מיט קריסטאָפן אין בעט, געגעסן מיט אַ גוטן אַפּעטיט דאָס ברויט, וואָס דער ברודער האָט פאַרדינט, און די געשמאַקע מאַכלים, וואָס לואיזע האָט זיך געקלוגט צו מאַכן צוליב אים. ער האָט מער נישט גערעדט וועגן אָפּפאָרן. לואיזע און קריסטאָף האָבן אויך דערפון נישט גע־רעדט. זיי זענען געווען איבערגליקלעך, וואָס זיי האָבן אָפּגעפונען דעם זון און ברודער, וועלכן זיי האָבן ליב געהאַט.

אין די לאַנגע אָוונטן, וואָס קריסטאָף האָט פאַרבראַכט מיט ער־

נעסטן, האָט ער ביסלעכווייז גענומען רעדן מיט אים אינטימער. ער האָט געפילט אַ נויטווענדיקייט זיך עמעצן צו פאַרטרויען. ערנעסט איז געווען אינטעליגענט; ער האָט פאַרמאָגט אַ לייכטע תפיסה און האָט פאַרשטאַנען — אָדער געמאַכט זיך פאַרשטיין — אויפן ווונק. ס'איז געווען אַ מחיה צו שמועסן מיט אים. דאָך האָט קריסטאָף נישט געהאַט קיין מוט צו דערציילן, וואָס ס'איז אים געלעגן אויפן האַרצן: וועגן זיין ליבע. ס'האָט אים אָפּגעהאַלטן עפּעס אַ מין שעמעוודיקייט. ערנעסט, וועלכער האָט באמת אַלץ געוווסט, האָט זיך געמאַכט, ווי ער ווייסט וועגן דעם גאָרנישט.

איינמאָל האָט ערנעסט, שוין אַ געזונטער, אויסגענוצט אַ זוניקן נאָכמיטאָג און געלאָזט זיך שפּאַצירן לענג־אויס דעם רהיין. הינטער דער שטאָט, פאַרבייגייענדיק נעבן אַ טומלדיקער קרעטשמע, וווּ מ'פלעגט יעדן זונטיק קומען טאַנצן און טרינקען, האָט ער באַמערקט קריסטאָפן ביים טיש צוזאַמען מיט אַדאַן און מיראַן, וואָס האָבן שטאַרק געטומלט. קריסטאָף האָט אים אויך דערזען און ער איז רויט געוואָרן. ערנעסט איז געווען דיסקרעט און איז געגאַנגען ווייטער, נישט בלייבנדיק שטיין.

קריסטאָף האָט זיך געפילט שטאַרק פאַרשעמט פון דער דאָזיקער באַגעגעניש. ער האָט דערפילט זייער שטאַרק, אין וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט ער האָט פאַרבראַכט; און ס'האָט אים פיינלעך וויי געטון וואָס זיין ברודער האָט אים דאָרטן געזען: נישט בלויז דערפאַר, ווייל איצט האָט ער פאַרלוירן דאָס רעכט צו משפטן ערנעסטס אויפפירונג, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ צו־הויכן, נאַיוון, אַביסל אַ־פאַרעלטערטן באַגריף וועגן די פליכטן פון אַן עלטערן ברודער, — אַ באַגריף, וואָס האָט פיל מענטשן אויסגעזען לעכערלעך: ער האָט געמיינט, אַז אויב ער זאָל נישט דערפילן די דאָזיקע פליכטן, ווי ער האָט עס געטון, וואָלט ער קליין געוואָרן אין די אייגענע אויגן.

אין אָוונט, ווען זיי האָבן זיך ווידער געפונען אינם שותפותדיקן צימער, האָט ער געוואַרט, ערנעסט זאָל מאַכן אַן אָנצוהערעניש וועגן יענער פּאַסירונג. אָבער ערנעסט האָט פאָרזיכטיק געשוויגן און אויך געוואַרט. נאָר בעת זיי האָבן זיך אויסגעטון, האָט זיך קריסטאָף אָנגעטון אַ כוח צו דערציילן וועגן זיין ליבע. ער איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו קוקן ערנעסטן אין די אויגן אַריין; און צוליב פּחדנות האָט ער דערציילט

וועגן זיין ליבע אויף אַ גראָבן אופן. ערנעסט האָט אים נישט מיט־געהאָלפן, ער איז געבליבן שטום, נישט געקוקט אויף אים און דאָך האָט ער אַלץ געזען; ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין קאָמישע באַוועגונג אָדער אומגעשיקט וואָרט. קריסטאָף האָט קוים מיט צרות אָנגערופן אַדאַס נאָמען; און דאָס בילד, וואָס ער האָט פון איר אי־בערגעגעבן, האָט זיך געקאָנט אין דער זעלבער מאָס באַציען אויף יעדער אַנדערער געליבטער פרוי. נאָר ער האָט גערעדט פון זיין לי־בע; און מיטגעריסן ביסלעכווייז מיטן שטראָם פון צערטלעכקייט, וואָס האָט אָנגעפילט זיין האַרץ, האָט ער געזאָגט, ס׳אַראַ גליק עס איז ליב צו האָבן, ווי אומגליקלעך מ׳איז, איידער מ׳טרעפט דאָס ליכט אין דער פינסטערער נאַכט, און אַז דאָס לעבן איז גאָרנישט ווערט אָן דער טייערער, טיפער ליבע. יענער האָט זיך ערנסט צוגעהערט, גע־ענטפערט מיט טאַקט און נישט געשטעלט קיין שום פראַגן; נאָר אַ גערירטער האַנט־דרוק האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט געפילט דאָס, וואָס קריסטאָף. זיי האָבן זיך איבערגעטוישט צווישן זיך מיט זייערע מיינונגען וועגן ליבע און לעבן. קריסטאָף איז געווען גליק־לעך, וואָס מ׳פאַרשטייט אים אַזוי גוט. זיי האָבן זיך ברידערלעך צע־קושט פאַרן שלאָף.

קריסטאָף האָט זיך איינגעוויינט, הגם מיט גרויס שעמעוודיקייט און צוריקגעהאַלטנקייט, צו פאַרטרויען ערנעסטן זיין ליבע, ווייל ער־נעסטס דיסקרעציע האָט אים באַרויקט. ער האָט אים אפילו געלאָזט אַריינקוקן אין זיין אומרו בנוגע אַדאַן; אָבער קיינמאָל האָט ער זי נישט באַשולדיקט: ער האָט באַשולדיקט זיך אַליין און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט עס נישט איבער־טראָגן, אויב ער וועט זי ווען־עס־איז פאַרלירן.

ער האָט נישט פאַרגעסן צו דערציילן אַדאַן וועגן ערנעסטן — ער האָט געלויבט זיין שכל און זיין שיינקייט.

ערנעסט איז נישט צוגעשטאַנען צו קריסטאָפן, ער זאָל אים באַ־קענען מיט אַדאַן; נאָר ער פלעגט זיך פאַרשפאַרן מעלאַנכאָליש אין צימער און נישט געוואָלט אַרויסגיין, זאָגנדיק, אַז ער קען נישט קיי־נעם. קריסטאָף האָט געהאַט צו זיך יעדן זונטיק טענות, פאַרוואָס ער גייט אַוועק שפאַצירן מיט אַדאַן, בעת זיין ברודער בלייבט אין שטוב. פונדעסטוועגן איז אים געווען צו שווער דורכצולאָזן די איינזאַמע

שפּאַצירן מיט זיין געליבטער; ער פּלעגט זיך באַשולדיקן אין עגאָ-יזם און ער האָט פאַרגעלייגט ערנעסטן מיטצוגיין מיט זיי.

די באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען פאַר דער טיר פון אַדאַס שטוב, אויף די טרעפּ. ערנעסט און אַדאַ האָבן זיך אויף אַ צערעמאָניאַלן אופן באַגריסט. אַדאַ איז אַרויסגעגאַנגען און נאָך איר מיראַ, וואָס האָט זיך מיט איר קיינמאָל נישט געשיידט; ווען מיראַ האָט דערזען ערנעסטן, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ קליינעם געשריי פון איבערראַשונג. ערנעסט האָט אַ שמייכל געטון, זיך דערנענטערט און אַ קוש געטון מיראַן, וועלכע האָט עס, אַפּנים, געפונען פאַר גאַנץ נאַטירלעך.

— וואָס הייסט! איר קענט זיך? — האָט קריסטאָף געפרעגט דערשטוינט.

— אוודאי! — האָט מיראַ לאַכנדיק געענטפערט.

— זינט ווען?

— שוין אַ לאַנגע צייט!

— און דו האָסט עס געוווסט? — האָט קריסטאָף געפרעגט אַדאַן — פאַרוואָס-זשע האָסטו עס מיר נישט געזאָגט?

— דו רעכנסט, אַז איך קען אַלע מיראַס געליבטע? — האָט אַדאַ געענטפערט, הויבנדיק מיט די אַקסלען.

מיראַ האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די ווערטער און אין אַ שפּאַס גע-מאַכט זיך ברוגז. קריסטאָף האָט מער נישט געקאָנט דערגיין. ער האָט זיך געפילט טרויעריק. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ערנעסט, מיראַ און אַדאַ זענען עפּעס נישט אָפנהאַרציק, הגם דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער זיי נישט געהאַט פאָרצוואַרפן קיין שום ליגן; ס'איז אָבער געווען זיי-ער שווער צו גלויבן, אַז מיראַ, וואָס האָט נישט געהאַט פאַר אַדאַן קיין שום סודות, זאָל איר דערפון נישט דערציילן, און אַז ערנעסט און אַדאַ זאָלן זיך שוין נישט קענען פון פריער. ער האָט זיי אָב-סערווירט. נאָר זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן בלויז מיט עטלעכע באַ-נאַלע ווערטער, און ערנעסט האָט זיך ביזן סוף שפּאַציר פאַרנומען נאָר מיט מיראַן. אַדאַ, פון איר זייט, האָט גערעדט נאָר צו קריסטאָפן; זי איז געווען צו אים ליבנסווירדיקער, ווי שטענדיק.

זינט דעמאָלט פלעגט זיך ערנעסט באַטייליקן אין אַלע שפּאַ-צירן, הגם קריסטאָף האָט געוואָלט פון אים פטור ווערן; נאָר ער האָט קיין מוט נישט געהאַט צו זאָגן עס. די איינציקע סיבה, פאַר-וואָס ער האָט געוואָלט דערווייטערן דעם ברודער, איז געווען די

חרפה, וואָס ער איז געוואָרן אַ חבר צו זיינע לוסטיקע פאַרווייַלונגען. קיין חשד האָט ער אָבער אויף אים נישט געהאַט. ערנעסט האָט אים דערצו קיין שום סיבה נישט געגעבן: ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער איז פאַרנומען מיט מיראַן און ער באַציט זיך צו אַדאַן מיט אַ צוריקגע־האַלטענער העפלעכקייט, אפילו מיט אַ געוויסער איבערגעטריבנקייט, פונקט ווי ער וואָלט דערמיט אונטערגעשטראָכן, אַז צו זיין ברודערס געליבטער פילט ער אַזאַ יראת הכבוד כּמעט, ווי צו אים אַליין. אַדאַ האָט זיך נישט געוווּנדערט און זי האָט זיך באַהערשט נישט ווייניקער, ווי ערנעסט.

זיי פלעגן צוזאַמען דורכמאַכן לאַנגע שפּאַצירן. ביידע ברידער זענען געגאַנגען פאָרויס; אַדאַ און מיראַ, לאַכנדיק און שעפּטשענדיק, עט־לעכע טריט נאָך זיי. זיי פלעגן בלייבן שטיין לאַנג אויף איין אָרט און שמועסן, צוגעשמידט אין מיטן וועג. קריסטאָף און ערנעסט זענען אויך געבליבן שטיין און געוואַרט. לסוף האָט קריסטאָף אָנגעוווירן די געדולד און געוואָרן גיין אַליין ווייטער; נאָר באַלד זיך אויס־געדרייט מיט פאַרדרוס, ווייל ער האָט געהערט, ווי ערנעסט לאַכט און שמועסט מיט די צוויי פלאַפּלערינס. ער האָט געוואָלט וויסן, וועגן וואָס זיי רעדן; נאָר ווען זיי זענען געבליבן שטיין נעבן אים, האָבן זיי זייער שמועס איבערגעריסן.

— וואָס האָט איר שטענדיק צו רעדן צוזאַמען הינטער מיינע פּלייצעס? — פלעגט ער פרעגן.

זיי פלעגן ענטפערן מיט אַ שפּאַס. זיי האָבן זיך אַלע דריי פאַרשטאַנען, ווי יאַריד־גנבים.

ס׳איז געקומען צו אַ שאַרפן סכסוך צווישן קריסטאָפן און אַדאַן. זיי זענען געווען אָנגעבלאָזן פון אינדערפרי אָן. דאָסמאָל האָט אַדאַ נישט אַרויפגעצויגן קיין וויכטיקע, באַליידיקטע מינע, ווי שטענדיק אין אַזעלכע מיני פאַלן, כּדי זיך נוקם צו זיין; שטענדיק פלעגט זי ווערן נישט צום איבערטראָגן לאַנגווייליק. דאָסמאָל האָט זי זיך פּשוט גע־מאַכט נישט באַמערקן קריסטאָפס בייזיין, און די איבעריקע צוויי

חברים האָט זי אַרויסגעוויזן אַ גלענצנדיקע שטימונג. מ׳האָט געקענט זאָגן, אַז בדיעבד איז זי גאָר צופרידן פונם סך־הכּל.

קריסטאָף, פאַרקערט, האָט שטאַרק חשק געהאַט זיך איבערצובעטן, ער האָט זי איצט מער ליב געהאַט, ווי שטענדיק. צו זײַן צערטלעכקייט איז איצט צוגעקומען דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם אַלץ, פאַר דעם גאַנצן גליק, וואָס די ליבע האָט זיי געגעבן, אַ מין חרטה, וואָס אַזויפיל שעהן האָבן זיי געפּטרט אויף נאַרישע וויכּוחים — און אַ אומפאַרשטענדלעכע מורא, אַ פאַרבאָרגענער פאָרגעפיל, אַז די ליבע ענדיקט זיך שוין. מעלאַנכאָליש האָט ער געקוקט אויף אַדאַס שיין געזיכט, וואָס האָט זיך געמאַכט, אַז עס זעט אים נישט און געלאַכט צוזאַמען מיט די איבעריקע; אָט דאָס פּנים האָט דערוועקט אין אים אַזויפיל טייערע זכרונות פון טיפער ליבע, פון אויפריכטיקער אינטימקייט, — אָט דאָס רייצנדיקע פּנים האָט אפילו פאַרמאָגט צייטנווייז — (און טאַקע איצט אויך) — אַזוי פיל גוטסקייט און אַזאַ ריינעם שמייכל, אַז קריסטאָף האָט בײַ זיך געפרעגט, פאַר־וואָס מאַכן זיי נישט שלום צווישן זיך, פאַרוואָס צעשטערן זיי זיך דאָס גליק, פאַריוואָס באַמיט זי זיך צו פאַרגעסן די ליכטיקע שעהן, אָפּצו־לייקענען אָדער צו דערשטיקן אַלץ, וואָס איז אין איר מוטיק און אָרנטלעך, — וואָס פאַר אַ משונהדיקע הנאה זי קען געפינען אין צע־שטערן און פאַרשמוצן, אפילו אין געדאַנק, די ריינקייט פון זייער ליבע. ער האָט געפילט אַ ריזיקן פאַרלאַנג צו גלויבן אין דער, וואָס ער האָט ליב געהאַט, און ער האָט געפרוווט, צום טויזנטסטן מאָל, זיך איינצורעדן. ער האָט געהאַט צו זיך טענות, אַז ער איז אומגע־רעכט, ער האָט חרטה געהאַט אויף די געדאַנקען, וואָס ער האָט וועגן איר געטראַכט, און פאַרוואָס ער קאָן נישט אַזוי לייכט מוותּר זײַן.

ער האָט זיך צו איר דערנענטערט און געפרוווט צו איר רעדן, זי האָט אים געענטפערט עטלעכע טרוקענע ווערטער; זי האָט נישט געהאַט קיין שום חשק זיך איבערצובעטן מיט אים. ער איז צוגעשטאַנען צו איר און געבעטן זי, שעפּטשענדיק איר אין אויער אַרײַן, זי זאָל אים אויסהערן עטלעכע מינוט אין אַ זײַט, אָן עדות. זי איז אים נאָכגעגאַנגען אָן חשק. ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט עטלעכע טריט, און נישט מיראַ, נישט ערנעסט, האָבן זיי נישט געקאָנט זען, האָט ער זי האַסטיק אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, און געבעטן, זי זאָל אים מוחל זײַן, געשטעלט זיך פאַר איר אויף די קני אינמיטן וואַלד, צווישן די

פאַרוועלקטע בלעטער. ער האָט איר געזאָגט, אַז אַזוי ווייטער צעקריגט מיט איר קאָן ער נישט לעבן; ער האָט נישט הנאה נישט פונם שפּאַציר, נישט פונם שיינעם טאָג, ער האָט נישט קיין פאַרגעניגן פון קיין זאַך, ס'איז אים ממש שווער צו אָטעמען, ווייל ער ווייסט, אַז זי האָט אים פיינט: ער נויטיקט זיך אַזוי אין ליבע. יאָ, ער איז אָפּט אומגערעכט, האַסטיק, נישט אָנגענעם; ער בעט זי, זי זאָל אים מוחל זיין: די שולד שטעקט אין זיין ליבע גופא; ער קאָן נישט פאַרטראָגן אין איר קיין דורכשניטלעכע זאַך, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט צו איר און נישט צו די זכרונות פון זייער טייערער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט עס איר דערמאָנט; ער האָט איר דערמאָנט זייער ערשטע באַגעגעניש, זייערע ערשטע צוזאַמען-פאַרבראַכטע טעג; ער האָט געזאָגט, אַז דאָך האָט ער זי שטענדיק ליב און וועט זי שטענדיק ליב האָבן. זאָל זי זיך נישט דערווייטערן פון אים! זי איז פאַר אים אַלץ...

אַדאַ האָט אים אויסגעהערט, שמייכלענדיק און צעטומלט, כמעט גערירט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט גוטע אויגן, מיט אויגן, וואָס זאָגן, אַז זיי האָבן ליב און אַז זיי בעטן זיך איבער. זיי האָבן זיך צעקושט און זענען ווייטער געגאַנגען געאָרעמט אינם אויסגעטועטעם וואַלד. זי האָט געפונען, אַז קריסטאָף איז איידל און זי איז אים דאַנקבאַר געווען פאַר די וואַרעמע ווערטער; אָבער די קאַפּריזן, וואָס זענען איר אַלע ווילע געקומען אין קאָפּ אַריין, האָט זי נישט אויפגעגעבן. זי האָט זיך געוואַקלט און נישט געווען אַזוי עקשנותדיק. און דאָך האָט זי געטון, וואָס זי האָט געוואָלט. פאַרוואָס? ווער קאָן עס וויסן?... ווייל זי האָט פריער געטון אַ נדר, אַז זי וועט עס טון?... ווער ווייסט? אפשר האָט זיך איר געדאַכט, אַז ס'איז פּיקאַנט אָפּצונאַרן יענעם טאָג דעם געליבטן, כדי אים צו ווייזן, כדי זיך אַליין צו ווייזן איר פרייהייט. זי האָט נישט גערעכנט, אַז זי וועט אים פאַרלירן: זי האָט עס נישט געוואָלט. זי איז געווען אין אים זיכערער ווי ווען-עס-איז.

זיי זענען צוגעקומען ביז צו אַ פּליין אין וואַלד. צוויי וועגלעך, זענען זיך דאָ צעגאַנגען. קריסטאָף האָט זיך גענומען מיט איין וועג. ערנעסט האָט געטענהט, אַז דער צווייטער וועג פירט גיכער צום שפּיץ פון בערגל, ווו זיי האָבן געוואָלט אַרויפגיין. אַדאַ האָט מיט אים מסכים געווען. קריסטאָף האָט גוט געקענט דעם וועג, ער איז דאָרט אָפּט געגאַנגען; ער האָט זיך איינגעעקשנט, אַז זיי האָבן אַ טעות.

זיי האָבן נישט געוואָלט מודה זיין. דעמאָלט האָבן זיי באַשלאָסן צו פּרובירן, און זיך געוועט, ווער ס'וועט קומען פריער. אַדאַ איז אַוועק מיט ערנעסטן, מיראַ האָט באַגלייט קריסטאָפן; זי האָט אים כּלומרשט מודה געווען, אַז ער איז געראָכט; זי האָט צוגעגעבן: „ווי שטענדיק". קריסטאָף האָט גענומען דעם שפּיל זייער ערנסט, און אַזוי-ווי ער האָט נישט ליב געהאַט צו פאַרשפּילן, איז ער געגאַנגען גיך, צו גיך פאַר מיראַן, וואָס האָט זיך דווקא נישט געאיילט אַזוי שטאַרק:

— איך זיך נישט אַזוי, מיין פריינד, — האָט זי געזאָגט מיט אַן איראָנישן, שטילן טאָן, — מיר וועלן סיי-ווי-סיי קומען פריער, ווי זיי.

ער האָט איינגעהאַלטן דעם טריט:

— אמת, האָט ער געזאָגט, — איך גלויב, אַז איך גיי טאַקע אַביסל צו גיך: מיר האָבן אַזוי נישט אָפּגערעדט.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעכער.

— אָבער איך קען זיי, — האָט ער ווייטער גערעדט — איך בין זיכער, אַז זיי לויפן, כּדי צו קומען פאַר אונז.

מיראַ האָט זיך צעלאַכט.

— אָבער ניין, ניין, קענסט זיין רויק.

זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אָן זיין אָרעם און ענג צוגעדריקט זיך צו אים. אַביסל נידעריקער פון קריסטאָפן, האָט זי, גייענדיק, אויפגעהויבן צו אים אירע קלוגע, גלעטנדיקע אויגן. זי איז געווען באמת שיין און רייצנד. ער האָט זי קוים דערקענט, אַזוי האָט זי זיך געביטן. אין טאָג-טעגלעכן לעבן האָט זי געהאַט אַ בלייך, אָנגעבלאָזן פּנים; און דערנאָך איז גענוג געווען די מינדסטע אויפרעגונג, אַ פריילעכער געדאַנק, אַ פאַרלאַנג געפעלן צו ווערן, אַז דער סימן פון אַלטקייט זאָל פאַרשווונדן ווערן, אירע באַקן זאָלן זיך פאַררויטלען, די קנייטשן אַרום און אונטער אירע אויגן זאָלן אָפּגעווישט ווערן, דער בליק זאָל זיך אָנצינדן, און איר גאַנץ אויסזען זאָל באַקומען פרישקייט, לעבן, גייסט, — שטריכן, וואָס אַדאַ האָט נישט פאַרמאָגט. קריסטאָף איז געווען פאַרחידושט פון דער ענדערונג, ער האָט אָפּגעקערט פון איר די אויגן: ער איז געווען אַביסל צעטומלט, וואָס זיי זענען אַליין. ער האָט זיך געפילט עפּעס נישט באַקוועם; נישט געהערט וואָס זי רעדט, כּלל נישט געענטפערט, אָדער געענטפערט נישט צו דער זאַך; ער האָט געטראַכט — געוואָלט טראַכטן — נאָר וועגן אַדאַן. ער האָט גע-

טראַכט פון אירע גוטע אויגן, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געהאַט, פ איר שמייכל, פון איר קושן; און זיין האַרץ איז פול געווען מיט ליבע. מירא האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער שיינקייט פון די בוימער מיט זייערע קליינע, פיינע צווייגן און אויפן קלאָרן הימל... יאָ, אַלץ איז געווען שיין: דער וואָלקן איז צעגאַנגען, אַדאַ האָט זיך צו אים אומגעקערט, ס'איז אים געלונגען צו צעברעכן דעם אייז צווישן זיי; זיי האָבן זיך ווידער ליב באַקומען; צי נאָענט, צי ווייט איינער פון אַנדערן, האָבן זיי זיך שטענדיק געפילט איינס. ער האָט אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטערונג: ווי לייכט ס'איז די לופט! אַדאַ האָט זיך צו אים אומגעקערט... אַלץ האָט אים דערמאָנט אָן איר... ס'איז געוואָרן פייכטלעך: צי וועט זי זיך נישט פאַרקילן?... די שיינע בוימער זענען געוואָרן באַדעקט מיט פראָסט-טוי: ס'אַראַ שאָד, וואָס זי זעט עס נישט.... נאָר ער האָט זיך דערמאָנט זייער געוועט און זיך צוגעאײלט; ער האָט זיך געדאגהט, טאָמער גייען זיי נישט גוט. ווען זיי זענען צוגעקומען צום ציל, האָט ער טריומפירט:

— מיר זענען די ערשטע!

ער האָט געפאָכעט פריילעך מיטן הוט. מיר אַהאָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל.

דער פּלאַץ, וווּ זיי האָבן זיך געפינען, איז געווען אַ לאַנגער, משופּעדיקער פעלז צווישן די בוימער. דער פליין אויפן שפּיץ פון בערגל איז געווען אַרומגעפּאַסט מיט קוסטעס פון ניסביימער און מיט קליינע, איינגעקאָרטשעטע דעמבעס; פון דאַנען האָט מען געזען די וואַלדיקע בערגלעך, די שפּיצן פון די נאָדל-ביימער, וואָס זענען געווען איינגעהילט אין אַ פּיאָלעטן נעפּל, און די לאַנגע סטענגע פונם רהיין אינם בלוילעכן טאָל. מ'האָט נישט געהערט קיין פויגל-געשריי. קיין שטים קיין אָטעם. אַן אומבאַוועגלעכער, פון ווינטער געפאַנגענער טאָג, וואָס דערפרוירן האָט ער זיך געוואָרעמט אין די בלייכע שטראַלן פון דער דרימלענדיקער זון. פון צייט צו צייט האָט אין דער ווייטן, אין טאָל, אַ צוג אַ קורצן פייף געטון. קריסטאָף איז געשטאַנען ביים פעלז-ראַנד, פאַרטיפט אין דער לאַנדשאַפט. מירא האָט באַטראַכט קריסטאָפן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט אַ פריילעך פנים.

— גוט אַזוי! די פוילע, כ'האָב זיי באַלד געזאָגט!... גוט, מ'מוז אויף זיי צוואַרטן...

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער נישט-גלאַטער ערד, אויף דער זון.

— נו, לאָמיר וואַרטן... — האָט געזאָגט מיראַ און אויסגעטון דעם הוט.

ס׳איז געווען אין איר טאָן אַזוי פיל חוזק, אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן און זי אָנגעקוקט.

— וואָס איז? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— כ׳האָב געזאָגט: לאָמיר וואַרטן. דו האָסט אומזיסט מיך גע־יאָגט.

— ס׳איז אמת.

זיי האָבן געוואַרט, ביידע אויסגעצויגן אויף דער פאַרפרוירענער ערד. מיראַ האָט געזונגען אַ ניגון. קריסטאָף האָט געפייפט עטלעכע שטעלן פון אַ מעלאָדיע. נאָר פּלוצלינג האָט ער איבערגעריסן און אָנ־געשטעלט דאָס אויער.

— מיר דאַכט זיך, אַז איך הער זיי.

מיראַ האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען.

— בלייב שטיל אַ ווײַלע, גוט?

מיראַ האָט איבערגעריסן.

— ניין, ס׳איז גאָרנישט.

זי האָט ווידער אָנגעהויבן איר ניגון.

קריסטאָף האָט נישט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט.

— זיי האָבן אפשר פאַרבלאָנדזעט?

— פאַרבלאָנדזעט? מ׳קאָן דאָ נישט פאַרבלאָנדזען. ערנעסט קען אַלע וועגן.

אַ משונהדיקער איינפאַל איז אים געקומען אויפן רעיון:

— אפשר זענען זיי געקומען די ערשטע און אָפּגעטראָגן זיך פון דאַנען, איידער מיר זענען געקומען!

אויסגעצויגן אויפן רוקן און קוקנדיק אויפן הימל, האָט מיראַ זיך פּלוצלינג ווילד צעלאַכט אינמיטן זינגען; ס׳האָט זי געשטיקט. קריסטאָף האָט זיך איינגעעקשנט. ער האָט געוואָלט אַראָפּלויפן צו דער סטאַציע, ווו די פריינד האָבן, לויט זיין מיינונג, געדאַרפט זיין. מיראַ האָט באַשלאָסן אַרויסצוקריכן פון איר פאַרגליווערטקייט.

— ס׳איז דאָס בעסטע מיטל זיי אָנצווערן!... מיר האָבן נישט

וועגן דער סטאַציע גאָרנישט געשמועסט. דאָ דאַרפֿן מיר זיך טרעפֿן.

ער האָט זיך געזעצט נעבן איר. זי האָט זיך געווײַלט מיט זײַן וואַרטן. ער האָט געפֿילט, אַז איר איראָנישער בליק דרינגט אים אַדורך. ער האָט אָנגעהויבן ערנסט צו ווערן אומרויִק צוליב זיי: חושד געווען זיי האָט ער נישט. ער האָט זיך ווידער אויפֿגעהויבן. ער האָט געוואָלט גיין צוריק אין וואַלד, זוכן זיי, רופֿן זיי. מיראַ האָט לײַכט געשמייכלט; זי האָט אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ נאָדל, אַ שערעלע און פֿאָדים און גענומען רויִק נייען און פֿאַרריכטן די פֿעדערן פֿון איר הוט: ס'האָט אויסגעזען, ווי זי איז דאָ געקומען אַהער אויף אַ גאַנצן טאָג.

— אָבער ניין, ניין, שוטה, — האָט זי געזאָגט — ווען זיי זאָלן וועלן קומען, גלויבסטו, זיי וואָלטן נישט געטראָפֿן אַליין?

ס'האָט אים אַ שטאָך געטון אין האַרצן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר: פֿאַרנומען מיט איר אַרבעט האָט זי אויף אים נישט געקוקט. ער האָט זיך דערנענטערט.

— מיראַ! — האָט ער געזאָגט.

— האַ? — האָט זי געענטפֿערט און בשעת-מעשה נישט איבערגעריסן די אַרבעט.

ער האָט זיך געשטעלט אויף די קני, כּדי זי בעסער צו זען.

— מיראַ! — האָט ער איבערגעחזרט.

— וואָס איז? — האָט זי געפֿרעגט; זי האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל — וואָס איז געשען?

זי האָט געשמייכלט, אָנקוקנדיק זײַן דערשראָקן פּנים.

— מיראַ! האָט ער געפֿרעגט, און אין האַלז האָט אים געשטיקט, — זאָג מיר, וואָס דו מיינסט...

זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען, געשמייכלט און גענומען זיך ווידער צו דער אַרבעט.

ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר די הענט און צוגענומען דאָס היטל, וואָס זי האָט גענייט:

— לאָז אָפּ, לאָז אָפּ און זאָג מיר...

זי האָט אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן און געוואַרט. זי האָט געזען, אַז קריסטאָפֿס ליפּן ציטערן.

— דו מיינסט, — האָט ער שטיל געזאָגט — אַז ערנעסט און אַדאַ?...

זי האָט געשמייכלט:

— אוודאי!

ער איז אויפגערעגט אויפגעשפרונגען פון אָרט.

— ניין! ניין! ס'איז אוממעגלעך! דו מיינסט עס נישט!... ניין, ניין!

זי האָט אים אַרויפגעלעגט די הענט אויף זיינע אַקסלען און געקייכט פון געלעכטער.

— ווי נאַריש דו ביסט, ווי נאַריש, מיין טייערער!

ער האָט זי האַסטיק אַ טרייסל געטון:

— לאַך נישט! פאַרוואָס לאַכסטו? דו וואָלסט נישט געלאַכט, ווען דאָס איז אמת. דו האָסט ליב ערנעסטן...

זי האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און צוציענדיק אים צו זיך, האָט זי אים אַ קוש געטון. ער האָט איר, קעגן זיין ווילן, אָפּגעגעבן אַ קוש. נאָר ווען ער האָט דערפילט אויף זיינע ליפּן אירע ליפּן, וואָס זענען נאָך הייס געווען פון זיין ברודערס קושן, האָט ער זיך אַ צי געטון אויף צוריק און אָפּגערוקט פון איר זיין קאָפּ; ער האָט געפרעגט:

— דו האָסט עס געוווּסט? ס'איז געווען אָפּגעשמועסט צווישן אייך?

זי האָט געענטפערט מיט אַ געלעכטער:

— יאָ.

קריסטאָף האָט נישט אויסגעשריען, נישט געמאַכט אפילו קיין באַוועגונג פון צאָרן. ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט אָטעמען, צוגעמאַכט די אויגן און צוגעדריקט מיט די הענט די ברוסט: דאָס האַרץ האָט געהאַלטן ביים פּלאַצן. דערנאָך האָט ער זיך געלעגט אויף דר'ערד, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט און געפילט אַן אָנפאַל פון עקל און פאַרצווייפלונג, ווי אין די קינדער-יאָרן.

מירא, וואָס האָט בטבע נישט געהאַט קיין ווייך האַרץ, האָט דאָך רחמנות געקראָגן אויף אים; זי האָט צו אים געפילט, קעגן איר ווילן, אַ מוטערלעכע צערטלעכקייט; זי האָט זיך איינגעבויגן איבער אים, גערעדט צו אים וואַרעמע רייד, געוואָלט געבן אים צו אָטעמען אירע פּאַרפומען. נאָר ער האָט זי אָפּגעשטויסן מיט שרעק און זיך אויפגעהויבן אַזוי האַסטיק, אַז זי האָט זיך דערשראָקן. ער האָט נישט

געהאַט קיין כּוח און נישט קיין חשק זיך נוקם צו זיין. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּנים, וואָס איז געווען פאַרצערט פון ווייטיק.

געמיינע, — האָט ער איר געזאָגט, אַ צעבראָכענער,—דו ווייסט אַליין נישט, וואָס פאַר אַ ווייטיק דו האָסט מיר אָנגעטון...

זי האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן. ער איז אַנטלאָפן דורכן וואַלד, אויסגעשפּיגן מיט עקל אויף דער מיאוסקייט, אויף די בלאָ־טיקע נשמות, אויף דעם העסלעכן שותּפות, אין וועלכן מ'האָט אים געוואָלט אַריינציען. ער האָט געוויינט, געציטערט, געכליפּעט פון עקל, ער האָט מורא געהאַט פאַר איר, פאַר אַלעמען, פאַר זיך אַליין, פאַר זיין גוף און פאַר זיין האַרץ. אַ שטורם פון פאַראַכטונג האָט זיך אין אים אויפגעוועקט: זינט אַ צייט האָט זיך עס אין אים גע־גרייט; פריער אָדער שפּעטער, ס'האָט געמוזט קומען די רעאַקציע קעגן דער געמיינהייט פון די געדאַנקען, קעגן די מנוולדיקע פּשרות, קעגן דער מיאוסער, פאַרסמטער אַטמאָספער, אין וועלכער ער האָט זינט עטלעכע חדשים געלעבט; נאָר דער פאַרלאַנג ליב צו האָבן, דער חשק זיך צו נאַרן בנוגע דער געליבטער, האָבן אָפּגעשלעפּט דעם אויסברוך, ווי לאַנג ס'האָט זיך געלאָזט, עס איז געקומען פּלוצלינג, מיטאַמאָל: און ס'איז בעסער אַזוי. אַ גרויסער ווינט האָט אויסגעריי־ניקט, אַן אייזיקער שטורם האָט אָפּגערוימט דאָס מיסט. דער עקל האָט מיט איין קלאַפּ געטויט אין אים די ליבע צו אַדאַן.

אויב אַדאַ האָט געגלויבט, אַז די דאָזיקע מעשה וועט באַפעסטיקן איר שליטה איבער קריסטאָפן, האָט עס באַוויזן — אַן איבעריק מאָל — אויף איר גראָבער טפּשות. די אייפערזוכט, וואָס בינדט די שמוציקע הערצער, קאָן נאָר צעבונטעווען אַ יונגע, שטאָלצע און ריינע נאַטור, ווי קריסטאָפס. ער האָט איר אָבער נישט מוחל געווען און וואָלט איר קיינמאָל אין לעבן נישט מוחל געווען, וואָס דער דאָ־זיקער פאַרראַט איז נישט געווען ביי אַדאַן קיין ליידנשאַפט, אפילו נישט איינער פון אירע זינלאָזע, נישטיקע קאַפּריזן, וואָס זענען אָצט זייער שטאַרק און וואָס די פרוי קאָן קוים מיט צרות גובר זיין. ניין, — ער האָט עס איצט פאַרשטאַנען — ס'איז געווען ביי איר אַ פאַרבאָרגענער פאַרלאַנג אים צו דערנידעריקן, אַראָפּצושטויסן, צו שטראָפן זיין מאָראַלישע תּמימות, זיין גלויבן וואָס איז איר פרעמד, אַראָפּצושטויסן אים ביזן ניוואָ פון המון, צו וואַרפן אים צו אירע פיס, צו ווייזן פאַר זיך אַליין די בייזוויליקע אייגענע קראַפט. און

מיט שרעק האָט ער געפרעגט ביי זיך: פון וואַנען נעמט זיך אָט דער פאַרלאַנג, וואָס מ׳טרעפט ביי ס׳רוב מענטשן, דער פאַרלאַנג צו פאַרשמוציקן אַלץ, וואָס איז אין זיך אָדער אין יענעם ריין, — פון וואַנען נעמען זיך אָט די חזירישע נשמות, וואָס האָבן הנאה צו וואַלגערן זיך אין מיסט, וואָס זענען גליקלעך, ווען אויף זייער קערפּער בלייבט נישט קיין איין ריינער אָרט!...

אַדאַ האָט געוואַרט צוויי טעג אויף קריסטאָפס קומען. דערנאָך האָט זי גענומען ווערן אומרויק און אַרויסגעשיקט צו אים אַ צערטלענדיק צעטעלע, ווו זי האָט נישט געמיינט קיין שום אָנצוהערעניש וועגן דעם, וואָס איז געשען. קריסטאָף האָט אפילו נישט געענטפערט. ער האָט פיינט געהאַט אַדאַן מיט אַזאַ טיפער שנאה, אַז ער האָט שוין נישט געהאַט קיין ווערטער עס אויסצודריקן. ער האָט זי אויסגעמעקט פון זיין לעבן, זי האָט פאַר אים מער נישט עקסיסטירט.

קריסטאָף האָט זיך באַפרייט פון אַדאַן, אָבער נישט פון זיך אַליין. אומזיסט האָט ער זיך באַמיט אָפּצונאַרן זיך און צוריק צו געווינען זיין פעסטע אַמאָליקע רו. מ׳קערט זיך נישט אום צו דער פאַרגאַנגענהייט. מ׳דאַרף גיין ווייטער דעם וועג; און ס׳העלפט נישט, וואָס מ׳קוקט זיך אַרום הינטער זיך. מ׳זעט נאָר די ערטער, ווו מ׳האָט פאַרבראַכט, די ווייטע קוימענס פונם דאַך, וואָס אונטער אים איז מען געשלאָפן, פאַרשווונדן אינם האָריזאָנט, אין דעם נעפּל פון זכרונות. אָבער קיין זאַך דערווייטערט אונז נישט אַזוי שטאַרק פון אונזערע אַלטע נשמות, ווי עטלעכע חדשים פוןליידנשאַפט. דער וועג בויגט זיך פלוצלינג אויס, די ליידנשאַפט בייט זיך; עס דאַכט זיך, אַז מ׳זאָגט דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז געבליבן הינטער אונז, צום לעצטן מאָל: „אַדיע״.

קריסטאָף האָט נישט געקענט שלום מאַכן דערמיט. ער האָט אויסגעצויגן די אָרעמס צו דער פאַרגאַנגענהייט; ער האָט זיך איינגעעקשנט, אויפצולעבן אין זיך די נשמה פון אַמאָל, די איינזאַמע און הכנעהדיקע. אָבער זי האָט שוין מער נישט עקסיסטירט. די ליידנשאַפט גופא איז ווייניקער געפערלעך, ווי די חורבות, וואָס זי שאַפט

אַרום זיך. אומזיסט האָט קריסטאָף אויפגעהערט ליב צו האָבן, אומ־זיסט האָט ער — אויף אַ ווײַלע — געפֿילט פֿאַראַכטונג צו ליבע: ער איז געווען צעריסן פֿון אירע נעגל; אין האַרצן האָט ער געהאַט אַ חלום, וואָס מ׳האָט געדאַרפֿט אָנפֿולן. אַזוי־ווי ער האָט פֿאַרמאָגט אַ שטאַרקן באַגער צו צערטלעכקייט און תּענוג, אַ באַגער, וואָס פֿאַר־ברענט יעדן מענטשן, וועלכער האָט פֿון אים אַמאָל פֿאַרזוכט, — האָט ער געמוזט האָבן אַן אַנדערע ליידנשאַפֿט, אַ פֿאַרקערטע: די ליידנשאַפֿט פֿון פֿאַראַכטונג, פֿון גאַווהדיקער ריינקייט, פֿון גלויבן אין צניעות. — זיי האָבן נישט געקלעקט, נישט גענוג געווען צו שטילן זײַן הונגער: זיי זענען געווען נאָר אַ שפּייז אויף אַ רגע. זײַן לעבן איז געווען אַ קייט פֿון האַסטיקע רעאַקציעס, — שפּרונגען פֿון איין עקסטרעם צום צווייטן. אָט האָט ער געוואָלט אונטערוואַרפֿן זײַן לעבן די געזעצן פֿון אוממענטשלעכע גזירות; ער האָט נישט געגעסן, געטרונקען נאָר וואַסער, געפּייניקט דעם גוף מיט גיין אַ סך, זיך געמאַטערט מיט שלאָפֿלאָזע נעכט און אָפּגעזאָגט זיך פֿון יעדער הנאה. און אָט האָט ער געזאָגט צו זיך, אַז די קראַפֿט איז די אמתע מאָראַל ביי מענטשן פֿון זײַן מין; און ער האָט זיך איבערגעגעבן די תּענוגים פֿון חיי־שעה. אָבער סיי אין ערשטן, סיי אין צווייטן פֿאַל איז ער גע־ווען אומגליקלעך, ער האָט נישט געקענט מער בלײַבן איינזאַם. ער האָט אָבער אויך נישט געקענט זײַן נישט־איינזאַם.

די איינציקע ישועה פֿאַר אים וואָלט געווען צו געפֿינען אַ פֿריינד, — אפֿשר ראָזען: ער וואָלט ביי איר געפֿונען רו. אָבער דער סכסוך צווישן די צוויי משפּחות איז געווען צו שטאַרק. זיי האָבן זיך מער נישט געטראָפֿן. איין איינציק מאָל האָט קריסטאָף באַגעגנט ראָזען. זי איז אַרויס פֿון דער מעסע־תּפֿילה. ער האָט זיך געוואַקלט, צי זאָל ער צוגיין; און זי, פֿון איר זייט, האָט געמאַכט, דערזעענדיק אים, אַ באַוועגונג צו גיין אים אַנטקעגן; נאָר ווען ער האָט געוואָלט צו איר צוגיין דורכן גרויסן עולם גלויביקע, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון די טרעפּ, האָט זי אָפּגעקערט די אויגן; און ווען ער איז צוגע־קומען נאָענט צו איר, האָט זי אים קאַלט באַגריסט — און איז אַוועק ווײַטער. ער האָט געפֿילט אין האַרצן פֿונם מיידל אַ שטאַרקע, פֿאַר־גליווערטע פֿאַראַכטונג. און ער האָט נישט געפֿילט, אַז זי האָט אים נאָך אַלץ ליב און אַז זי וואָלט עס אים געוואָגט; נאָר זי האָט זיך דערפֿאַר געמאַכט פֿאָרווורפֿן, ווי פֿאַר אַן עבֿרה און נאַרישקייט;

זי האָט געהאַלטן קריסטאָפֿן פֿאַר אַ שלעכטן און פֿאַרבאָרגענעם און געפֿילט, אַז ער איז פֿון איר פֿיל ווייטער, ווי אַמאָל. אָט אַזוי זענען זיי איינער פֿאַרן אַנדערן פֿאַרלוירן געגאַנגען אויף אייביק. נישט געקוקט אויף איר גוטסקייט, איז זי דאָך נישט געווען גענוג לעבעדיק, אים צו פֿאַרשטיין. נישט געקוקט ווידער אויף זיין פֿאַרלאַנג צו ליבע און וואַרעמקייט, וואָלט ער זיך דאָך געשטיקט אין אַ דורכשניטלעך און פֿאַרשלאָסן לעבן, אָן פֿרייד, אָן ליידן און אָן לופֿט. זיי וואָלטן ביידע געליטן. זיי וואָלטן ביידע געליטן, וואָס זיי טוען זיך אָן צרות. דאָס שלעכטע מזל, וואָס האָט זיי צעשיידט, האָט זיי סוף־כּל־סוף געטון אַ טובה, ווי עס טרעפֿט אָפֿט,—ווי עס טרעפֿט שטענדיק — ביי די, וואָס זענען שטאַרק און האַלטן אויס.

נאָר אין דעם אויגנבליק איז עס געווען פֿאַר זיי אַ גרויסער שאָד און אַ גרויס אומגליק. דער עיקר פֿאַר קריסטאָפֿן. די אומטאָלעראַנץ פֿון דער צניעות, די ענגקייט פֿון דער נשמה, וואָס האָט, ווי ס'זעט אויס, נישט איינמאָל צוגעריבן דעם שכל ביי די, וואָס זענען געווען די קליגסטע, און די גוטסקייט ביי די, וואָס זענען געווען די בעסטע,—אָט די ענגקייט האָט אים אויפֿגערעגט, ווייַ געטון און געוואָרפֿן—מיט דער קראַפֿט פֿון ווידערשפּרוכן—אין אַ פֿרייערן לעבן.

אין משך פֿון זיין אַרומלויפֿן מיט אַדאַן איבער פֿאַרדעכטיקע ערטער פֿון דער געגנט, האָט ער זיך באַקענט מיט עטלעכע ווילע יונגעלייט, — באָהעמע־מענטשן, וואָס זייער זאָרגלאָזיקייט און פֿרייער אופֿן פֿון לעבן זענען אים געווען צום האַרצן. איינער פֿון זיי, פֿרידמאַן, אַ מוזיקער ווי ער, אַ דרייסיק־יעריקער אָרגאַניסט, איז געווען גאַנץ קלוג, האָט גוט געקענט זיין פֿאַך, נאָר ער איז געווען אַ פֿוילער, מ'האָט אים דערפֿון נישט געקאָנט אויסהיילן, און אָנשטאָט צו מאַכן די מינדסטע אָנשטרענגונג אַרויסצורייסן זיך פֿון זיין דורכשניטלעכקייט, איז ער גרייט געווען בעסער צו שטאַרבן פֿון הונגער און אפֿשר אַפֿילו פֿון דורשט. ער האָט זיך געטרייסט אין זיין פֿוילקייט דערמיט, וואָס ער פֿלעגט אַלץ אויסרעדן אויף אַלע טעטיקע מענטשן; און זיינע שפּאַסן, אַגב, זייער שווערע, פֿלעגן אַרויסרופֿן אַ געלעכטער. זייענדיק פֿרייער פֿון זיינע פֿאַך־קאָלעגן, האָט ער נישט מורא געהאַט, — הגם מיט אַביסעלע פּחדנות, וווּנקן און אָנצוהערעניש, — אָנצורירן דעם כּבֿוד פֿון די געזעצטע מענטשן; ער איז אַפֿילו געווען מסוגל צו האָבן אין מוזיק־ענינים אַן אַנדערע מיינונג, ווי די סקאַרבאַ־

זוע, און אָנצוגרייפן שאַרף די גרויסע מענטשן און טאָג־באַרימטקייטן; וועלכע האָבן, לויט זיין מיינונג, די גדולה נישט פאַרדינט. פרויען האָבן אויך נישט נושא חן געווען אין זיינע אויגן; רעדנדיק וועגן פרויען האָט ער ליב געהאַט אין שפּאַס צו דערמאָנען אַן אַלט ווערטל פון אַ מאָנאַך, אַ פרויען־קעגנער, וואָס איז קריסטאָפן אין יענער צייט געווען בענטער, ווי וועמען עס איז:

„Femina mors animae"

(די פרוי איז אַ טויט פאַר דער נשמה)

אין זיין פאַרלוירנקייט, האָט קריסטאָף געפונען אַ געוויסע הנאה צו שמועסן מיט פרידמאַנען. ער האָט געוווסט זיינע חסרונות, און לאַנג וואָלט אים נישט געקאָנט געפעלן ווערן זיין פשוטע גראָבקייט: דער חוזק־טאָן און דער שטענדיקער ביטול האָט איינגיכן קריסטאָפן גענומען אויפרעגן, ער האָט געפילט זיין אומבאַהאָלפנקייט; אָבער דאָך האָט ער געפילט אַ געוויסע דערלייכטערונג אין דער געזעלשאַפט פון די פיליסטער. ער האָט געפילט אַ פאַראַכטונג צו זיין חבר און דאָך נישט געקאָנט זיך מיט אים שיידן. מ'פלעגט זיי שטענדיק טרעפן צו־זאַמען. אין אַ געזעלשאַפט פון יורדים און פינסטערע פאַרשוינען פון פרידמאַנס חברה, וואָס האָבן געהאַט נאָך אַ קלענערן ווערט, ווי פרי'ד־מאַן. זיי האָבן געשפילט, געפלוידערט און גאַנצע אָוונטן געשיכורט. קריסטאָף האָט זיך פלוצלינג אויפגעכאַפט אין אַ ריח פון עקלדיקן ווורשט און טאַבאַק; ער האָט אָנגעקוקט די מענטשן אַרום זיך מיט בלאָנדזענדיקע אויגן: ער האָט זיי נישט דערקענט; ער האָט גע־טראַכט מיט שרעק:

— ווו בין איך? ווער זענען די מענטשן? וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך מיט זיי?

זייערע ווערטער און געלעכטערס האָבן דערוועקט אין אים עקל. נאָר ער האָט קיין כּוח נישט געהאַט צו פאַרלאָזן זיי: ער האָט מורא געהאַט צו גיין צוריק אַהיים, צו געפינען זיך ווידער איינזאַם, פּנים אל פּנים מיט זיין נשמה, מיט זיין בענקשאַפט און חרטה. ער איז געזונקען, ער האָט געוווסט, אַז ער זינקט אַראָפּ; ער האָט געזוכט, — אין פרידמאַנען האָט ער געזען, מיט אַן אַכזריותדיקער קלאָרקייט, דאָס בילד פונם יורד, וואָס ער וועט סוף כּל סוף אַליין ווערן; און ער האָט דורכגעמאַכט אַ פּאַזע פון אַזאַ מוטלאָזיקייט, אַז אָנשטאָט זיך אויפ־צוכאַפּן און צו אַנטלויפן פון דער געפאַר, איז ער נאָך טיפער געזונקען.

ער וואָלט באמת פֿאַרדאָרבן געוואָרן, ווען ער וואָלט נאָר גע-
קאָנט. צום גליק, האָט ער פֿאַרמאָגט, ווי אַלע מענטשן פֿון זיין מין,
אַ שטיק-קראַפֿט און אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם חורבן, וואָס אַנדערע
האָבן עס נישט פֿאַרמאָגט: ראשית, זיין כּוח, זיין לעבנס-אינסטינקט,
וואָס האָט אים אָפּגעהיט נישט אונטערצוגיין, וואָס איז געווען קליגער
פֿון זיין חכמה, שטאַרקער פֿון זיין ווילן. ער האָט אויך, אָן זיין איי-
גענעם וויסן, פֿאַרמאָגט אַ משונהדיקן נייגיר פֿון אַ קינסטלער, די
ליידנשאַפֿטלעכע אָביעקטיווקייט, וואָס יעדער באמת-באַגאַבטער שעפֿער
טראָגט אין זיך. הגם ער האָט ליב געהאַט, געליטן, זיך איבערגעגעבן
אינגאַנצן זיינע ליידנשאַפֿטן, — האָט ער זיי דאָך געזען. זיי זענען
געווען אין אים; זיי זענען אָבער נישט געווען—ער. מיליאָנען קליינע
נשמהלעך האָבן אים טונקל געשלעפּט צו אַ פֿאַרבאָרגענעם, אומבאַקאַנ
און דאָך באַשטימטן ציל: פּונקט ווי די וועלט פֿון פּלאַנעטן
ווערט איינגעשלונגען אין רוים פֿון אַ מיסטעריעזן חלל. אָט דער איי-
ביקער צושטאַנד פֿון דאָפּלטקייט, אין וועלכן ער האָט זיך, אָן זיין
וויסן, געפֿונען, פֿלעגט זיך בולט באַווייזן קודם-כּל אין שווינדלענדיקע
מאָמענטן, ווו דאָס געווענלעכע לעבן האָט געדרימלט, אָדער ווו פֿון
די תּהומות פֿון שלאָף האָט אַרויסגעטויכט דער בליק פֿונם ספֿינקס,
דאָס טויזנט-פֿאַכיקע פּנים פֿון דעם זיין. זינט אַ יאָר איז קריסטאָף דער
עיקר באַהערשט געווען פֿון נאַכט-חלומות, ווו, אין דער אייגענער
רגע האָט ער קלאָר געפֿילט, מיט אַן אַבסאָלוטער אילוזיע, אַז ער באַ-
שטייט, אין איין און דער זעלבער צייט, פֿון טויזנטער פֿאַרשידענע
ברואים, אָפֿט ווייטע פֿון זיך, אָפּגעזונדערט מיט גאַנצע וועלטן, מיט
יאָרהונדערטער. אינם צושטאַנד פֿון דערוואַכונג האָט קריסטאָף קוים
געדענקט דעם שווערן איינדרוק פֿון די דמיונות און ער האָט זיך
נישט דערמאָנט די סיבות, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופֿן. ס'איז געווען,
ווי די מידקייט פֿון אַ פֿאַרשווונדענער אידעע-פֿיקס, וואָס איר שפּור
איז קענטיק, אָבער מ'קען זי נישט פֿאַרשטיין. נאָר בעת זיין נשמה
האָט מיט ווייטיק געצאַפּלט אין נעץ פֿון די טעג, איז אַ צווייטע
נשמה געזעסן אין אים, וואָס האָט אויפֿמערקזאַם און ערנסט זיך צו-
געקוקט צו זיינע פֿאַרצווייפֿלטע אָנשטרענגונגען. ער האָט זי נישט גע-
זען; נאָר זי האָט געוואָרפֿן אויף אים אַ גלאַנץ פֿון איר באַהאַלטענער
שיין. אָט די נשמה איז געווען דורשטיק און גליקלעך אַלץ צו זען,
אַלץ צו פֿילן, אַלץ צו ליידן, צו באַטראַכטן און צו פֿאַרשטיין די-

מענטשן, די פרויען, די ערד, די פֿאַרלאַנגען, די ליידנשאַפֿטן, די גע־דאַנקען, אפֿילו די פֿיינלעכע, אפֿילו די דורכשניטלעכע און אפֿילו די נידעריקסטע; — און ס'איז געווען גענוג, די צווייטע נשמה זאָל אָפּ־טיילן פֿון זיך אַ ביסעלע ליכט אויף אים. — קריסטאָף זאָל ווערן גע־ראַטעוועט פֿונם תּהום. זי האָט אים געלאָזט פֿילן, — ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי, — אַז ער איז נישט איינזאַם. אָט די לי־בע, אַלץ צו זיין און אַלץ צו פֿאַרשטיין, האָט אים געגעבן אין האַנט אַ געווער קעגן די צעשטערנדיקע ליידנשאַפֿטן.

אויב זי האָט אים געהאָלפֿן אויפֿצוהאַלטן דעם קאָפּ אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון וואַסער, האָט זי אים אָבער נישט געהאָלפֿן אַרויסצו־ראַטעווען זיך אַליין מיט אייגענע כּוחות. ער האָט נישט געקאָנט אַריינקוקן קלאָר אין זיך, האָבן אויף זיך אַ שליטה און זיך צונויפֿנע־מען. אַרבעטן איז געווען פֿאַר אים אַן אוממעגלעכע זאַך. ער האָט דורכגעמאַכט אַ גייסטיקן קריזיס, דעם פּרוכטבאַרסטן אין זיין לעבן: — זיין גאַנץ צוקונפֿטיק לעבן איז געלעגן אין דעם, ווי אַ קערן; — אָבער די אינערלעכע רייכקייט האָט זיך אויסגעדריקט צייטווייליק אין משוגעדיקע מעשׂים; און די געוויינלעכע רעזולטאַטן פֿון אַזאַ כּוחות־איבערפֿלוס האָט זיך דערווייל נישט אונטערגעשיידט פֿון דער פֿולער אומפּרוכטבאַרקייט. קריסטאָף איז געווען פֿאַרפֿלייצט פֿונם לעבן. זיינע כּוחות זענען געשטיגן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט אַלע צוזאַמען, מיט איין מאָל. נאָר זיין ווילן אַליין איז געוואַקסן זייער פּאַמעלעך. ס'האָט אים געשראָקן די אימה פֿון די נאַכט־דמיונות. די פּערזענלעכ־קייט האָט געהאַלטן ביים צעפֿאַלן זיך פֿון אַלע זייטן. אָט די ערד־ציטערניש, אָט די אינערלעכע איבערקערעניש האָבן די פֿרעמדע מענטשן נישט געזען. אפֿילו קריסטאָף גופֿא האָט געזען בלויז זיין אוממאַכט עפּעס צו ווילן, עפּעס צו שאַפֿן, עפּעס צו זיין. פֿאַרלאַנגען, אינסטינקטן, געדאַנקען זענען אַרויסגעשוווּמען איינער נאָך דעם אַנדע־רן, ווי שוועבל־וואָלקנס פֿון ווולקאַן־שפּאַלטן; און ער האָט ביי זיך שטענדיק געפֿרעגט:

— און איצט, וואָס וועט זיין פֿון מיר? וואָס וועט זיין מיט מיר? צי וועט אייביק זיין אַזוי, אָדער ס'וועט נעמען אַ סוף: צי וועט קיינמאָל פֿון מיר גאָרנישט אַרויסקומען?

און אָט דעמאָלט זענען אַרויסגעשוווּמען די אינסטינקטן, וואָס

ער האָט געירשנט פון טאַטן, די תאווה, וואָס זענען צו אים אַריבער פון די פאַרגאַנגענע דורות.

ער האָט גענומען שיכורן.

אַ דערשלאָגענער פלעגט ער זיך אומקערן אַהיים מיט אַ ווילדן געלעכטער. ס׳האָט זיך געטראָגן פון אים דער ריח פון וויין.

די אָרעמע לואיזע האָט געקוקט אויף אים, געזיפצט, נישט גערעדט קיין וואָרט און נאָר גאָט געבעטן.

נאָר איינמאָל אין אָוונט, ווען ער איז אַרויס פון אַ קאַבאַרעט, ביי די טויערן פון שטאָט, האָט ער באַמערקט אויפן וועג, עטלעכע טריט פאַר זיך, דעם משונהדיקן שאָטן פון פעטער גאָטפריד מיט אַ פעקל אויף די פלייצעס. זינט לאַנגע חדשים איז דאָס קליינע מענטשעלע שוין נישט געווען אין שטאָט, און זיינע באַזוכן זענען געוואָרן וואָס ווייטער, אַלץ זעלטענער. גליקלעך פון דעם באַגעגעניש, האָט אים קריסטאָף אַ רוף געטון. גאָטפריד, געבויגן אונטער זיין משא, האָט זיך אומגעקוקט; ער האָט דערזען קריסטאָפן, וואָס האָט געמאַכט מאָדנע גרימאַסן, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן ביי אַ מייל-שטיין. קריסטאָף האָט זיך דערנענטערט מיט אַ פריילעך פנים, געמאַכט בשעת-מעשה משוגענע האַוואַיעס. ער האָט געדריקט דעם פעטערס האַנט מיט אַן איבערגעטריבענער ליבשאַפט. גאָטפריד האָט אים לאַנג אָנגעקוקט און דערנאָך געזאָגט:

— גוט מאָרגן, מעלכיאָר.

קריסטאָף האָט געמיינט, אַז דער פעטער איז זיך טועה, און ער האָט זיך צעלאַכט.

— דער אָרעמער מענטש איז שוין גאָר אַן עובר-בטל, — האָט ער געטראַכט — ער פאַרלירט דעם זכרון.

גאָטפריד האָט באמת אויסגעזען שטאַרק פאַרעלטערט, איינגעשרומפן, צעקנייטשט, איינגעבויגן; ער האָט געאָטעמט מיט אַ שווערן, קורצן אָטעם. קריסטאָף האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן. גאָטפריד האָט ווידער גענומען דעם פאַק אויף די פלייצעס און שווייגנדיק גענומען גיין ווייטער. זייט ביי זייט זענען זיי געגאַנגען אַהיים. קרי-

ס׳האָט געמאַכט מיט די הענט און גערעדט אויפן גאַנצן קול; גאָטפריד האָט לייכט געהוסט און געשוויגן. און ווען קריסטאָף האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט אים גאָטפריד ווידער גערופן „מעלכיאָר״. דאָסמאָל האָט אים קריסטאָף געפרעגט:

— וואָס הייסט עס? וואָס רופסטו מיך עפּעס מעלכיאָר? איך הייס קריסטאָף, דו ווייסט עס גאַנץ גוט. האָסטו פאַרגעסן מיין נאָמען?

גאָטפריד איז נישט געבליבן שטיין, ער האָט אויפגעהויבן אויף אים די אויגן, אים אָנגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און קאַלט געזאָגט:

— ניין, דו ביסט מעלכיאָר, איך דערקען דיך זייער גוט.

קריסטאָף איז איבערראַשט געבליבן שטיין. גאָטפריד האָט גע־שפּרייזט ווייטער, קריסטאָף איז אים נאָכגעגאַנגען, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. ער איז געוואָרן אויסגעניכטערט. פאַרבייגייענדיק נעבן דער טיר פון אַ קאַפע, האָט ער אַ קוק געטון אינם אומעטיקן שפּיגל, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן די גאַז־לאָמפּן פון אַריינגאַנג און די פוסטע טרעפּ; ער האָט זיך אָנגעקוקט: ער האָט באמת דערזען מעל־כיאָרן. אַ געקרענקטער איז ער געגאַנגען אַהיים.

ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט, — אַ נאַכט פון שרעק — אין אָן אַ שיעור שאלות, אין גריבלעניש אין דער נשמה. איצט האָט ער פאַרשטאַנען. יאָ, ער האָט דערקענט די אינסטינקטן און תאוות, וואָס האָבן זיך אין אים דערוועקט; זיי האָבן אים געשראָקן. ער האָט גע־טראַכט וועגן דער טרויעריקער וואַך, נאָך מעלכיאָרס טויט. וועגן דעם נדר, וואָס ער האָט דעמאָלט געטון, און ער האָט דורכגעפירט פאַר זיינע אויגן דאָס בילד פון זיין לעבן — ער האָט זיינע נדרים פאַרראַטן. וואָס האָט ער געטון אין משך פון אַ גאַנץ יאָר? וואָס האָט ער געטון פאַר זיין גאָט, פאַר זיין קונסט, פאַר זיין נשמה? וואָס האָט ער געטון פאַר זיין אייביקייט? נישט געווען קיין איין טאָג, וואָס זאָל נישט אַוועק לאיבוד, וואָס זאָל נישט ווערן באַשמוצט און פאַרמיאוסט. קיין איין ווערק, קיין איין געדאַנק, קיין איין שטאַרקע אָנשטרענגונג. אַ כאַאָס פון פאַרלאַנגען, וואָס איינער דעם אַנדערן האָבן חרוב געמאַכט.ווינט, שטויב, גאָרנישט... וואָס האָט אים גע־

האָלפֿן זײַן ווילן? ער האָט נישט געטון קיין איין זאַך, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געטון דווקא פאַרקערט, קעגן זײַן ווילן. עד איז געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט ווערן: אָט איז דער סך־הכל פֿון זײַן לעבן.

ער האָט זיך נישט געלעגט שלאָפֿן. אַרום זעקס אַ זייגער פֿאַר־טאָג (ס'איז נאָך געווען פֿינסטער), האָט ער דערהערט, ווי גאָטפֿריד גרייט זיך אַוועקצוגיין. — גאָטפֿריד האָט נישט געוואָלט לענגער בלײַבן. פֿאַרבײַגייענדיק די שטאָט, איז ער געקומען, לויט זײַן שטייגער, אַ קוש טון זײַן שוועסטער און איר זון: נאָר ער האָט גלײַך דערקלערט, אַז צומאָרגנס אינדערפֿרי לאָזט ער זיך ווידער אין וועג.

קריסטאָף איז אַראָפּגעגאַנגען. גאָטפֿריד האָט געזען זײַן בלאַס פּנים, אויסגעמאַטערט פֿון די יסורים און דער נאַכט, האָט ער צו אים געשמייכלט און געפֿרעגט, צי וויל ער אים אַ ביסל באַגלייטן. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען, פֿאַרן באַגינען. זיי האָבן נישט באַ־דאַרפֿט רעדן: זיי האָבן זיך פֿאַרשטאַנען. פֿאַרבײַגייענדיק דעם בית־עולם, האָט זיך גאָטפֿריד אָנגערופֿן:

— לאָמיר אַרײַנגיין. ווילסט?

ווען ער פֿלעגט קומען אין שטאָט, האָט ער קיינמאָל נישט פֿאַר־פֿעלט צו באַזוכן זשאַן־מישעלן און מעלכיאָרן. קריסטאָף איז דאָרט אַ גאַנץ יאָר נישט געווען. גאָטפֿריד האָט געקניט פֿאַר מעלכיאָרס קבר און געזאָגט:

— לאָמיר תּפֿילה טון, זיי זאָלן רויִק שלאָפֿן און אונדז נישט פּייניקן.

זײַן געדאַנק איז געווען אַ געמיש פֿון משונהדיקע פֿאָראורטיילן און קלאָרן שכל: ער האָט קריסטאָפֿן טיילמאָל איבערראַשט; אָבער דאָס מאָל האָט קריסטאָף זייער גוט עס פֿאַרשטאַנען. מער האָבן זיי צווישן זיך נישט גערעדט, ביז זיי זענען אַרויס פֿון בית עולם.

ווען דער קרעכצנדיקער טויער האָט זיך פֿאַרמאַכט הינטער זיי, זענען זיי ווייטער געגאַנגען לענג־אויס דער מויער, צווישן פֿאַרפֿרוי־רענע, דערוואַכנדיקע פֿעלדער, דורך אַ וועגל, וואָס האָט זיך געצויגן אונטער די קברים־ציפּריסן, פֿון וועלכע ס'האָט געטריפֿט דער צעגייענ־דיקער שניי. קריסטאָף האָט זיך פּלוצלינג צעוויינט:

— אוי, פֿעטער! — האָט ער געזאָגט — ווי אומגליקלעך איך בין!

ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו דערציילן זיין ליבע-פּאַסי-רונג, צוליב עפּעס אַ מאָדנער מורא, נישט צו פאַרשעמען אָדער באַ-ליידיקן דעם פעטער; נאָר ער האָט דערציילט פון זיין חרפּה, פון זיין דורכשניטלעכקייט פון זיין קליינלעכקייט און פון די נדרים, וואָס ער האָט עובר געווען.

— פעטער, וואָס זאָל איך טון? כ'האָב געשטרעבט, זיך געראַנגלט; און נאָך אַ גאַנץ יאָר בין איך דער זעלבער, וואָס פריער. ניין! כ'בין געגאַנגען אויף צוריק. איך טויג נישט צו גאָרנישט, איך טויג נישט צו קיין שום זאַך! כ'האָב פאַרלוירן מיין לעבן, כ'האָב זיך אַליין פאַר-ראַטן!...

זיי זענען אַרויף אויף אַ בערגל איבער דער שטאָט. גאָטפריד האָט זיך אָנגערופן מיט גוטסקייט:

— ס'איז נישט דאָס לעצטע מאָל, מיין קינד. מען טוט נישט דאָס, וואָס מ'וויל. ווילן און לעבן — דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. מ'דאַרף זיך טרייסטן. דער עיקר, זעסטו, דאַרף מען נישט מיד ווערן צו ווילן און צו לעבן. דאָס איבעריקע ווענדט זיך נישט אָן אונז.

קריסטאָף האָט איבערגעחזרט מיט פאַרצווייפלונג:

— כ'האָב זיך אַליין פאַרראַטן.

— הערסט? — האָט גאָטפריד געזאָגט.

(די הענער האָבן געקרייט אין די פעלדער)

— אָט אַזוי האָבן זיי אויך געקרייט פאַר אַנדערע, וואָס האָבן זיך פאַרראַטן. זיי זאָגן אָן פאַר יעדן איינעם פון אונז דעם טאָג.

— ס'וועט קומען אַ טאָג, — האָט קריסטאָף מיט פאַרביטערונג געזאָגט — ווען זיי ווילן שוין מער נישט קרייען פאַר מיר... אַ טאָג אָן אַ מאָרגן. וואָס וועט דעמאָלט ווערן פון מיין לעבן?

— ס'איז שטענדיק דאָ אַ מאָרגן, — האָט גאָטפריד געענטפערט.

— אָבער וואָס זאָל מען טון, ווען דער ווילן העלפט נישט?

— זיי וואַך און טו תפילה.

— איך גלויב נישט.

גאָטפריד האָט געשמייכלט:

— דו וואָלסט נישט געלעבט, ווען דו גלויבסט נישט. יעדער מענטש גלויבט. טו תפילה.

— וואָס זאָל איך תפילה טון?

גאָטפריד האָט אים אָנגעוויזן די זון, וואָס איז רויט און פֿרוירן אויפגעגאַנגען אין האָריזאָנט:

— זיי פרום פאַרן טאָג, וואָס קומט אָן. טראַכט נישט, וואָס ס׳וועט זיין אין אַ יאָר אַרום, אין צען יאָר אַרום. טראַכט וועגן היינט. לאָז אָפּ דיינע שיטות. אַלע שיטות, פאַרשטייסטו, אפילו די טעאָריעס פון צניעות, זענען שלעכט, זענען נאַריש און וווירקן צום בייזן. פאַרגוואַלטיק נישט דאָס לעבן. לעב היינט. זיי פרום פאַר יעדן טאָג, האָב אים ליב, האָב פאַר אים דרך-ארץ, צעשטער אים נישט. לאָז אים בליען. האָב אים ליב, אפילו ווען ער איז גרוי און טרויעריק, ווי היינט. באַאומרויק זיך נישט. קוק! איצט איז ווינטער. אַלץ שלאָפט. די גוטע ערד וועט זיך אויפכאַפּן. מ׳דאַרף זיין, ווי די גוטע ערד, און אַזוי געדולדיק, ווי זי. זיי פרום. וואַרט. אויב דו ביסט גוט, וועט אַלץ גיין גוט. אויב דו ביסט עס נישט, אויב דו ביסט שוואַך, אויב עס גיט זיך דיר נישט איין, איז אויך גוט. דאַרף מען גליקלעך זיין דערמיט. ס׳איז אַ סימן, אַז מער ביסטו נישט בכוח. איז צו-וואָס זאָלסטו פאַרלאַנגען מער? צו-וואָס מצער זיין זיך מיט זאַכן, וואָס דו ביסט נישט בכוח צו טון? מ׳דאַרף טון דאָס, וואָס מ׳קאָן... Als ich kann

— ס׳איז אַ ביסל צו ווייניק, — האָט קריסטאָף געענטפערט פאַרקרימט.

גאָטפריד האָט פריינדלעך געלאַכט:

— אפילו דאָס דערפילט קיינער נישט. דו ביסט שטאָלץ. ווילסט ווערן אַ העלד. אָט פאַרוואָס דו טוסט אָפּ נאַרישקייטן... אַ העלד!... איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז; נאָר, זעסטו, איך שטעל זיך פאָר: אַ העלד איז דער, וואָס טוט, וואָס ער קאָן. די אַנדערע טוען עס נישט.

— אַך! — האָט קריסטאָף געזיפצט — צו וואָס-זשע לעבן? עס לוינט נישט די מי. עס זענען פונדעסטוועגן פאַראַן מענטשן, וואָס זאָגן, אַז „וועלן—הייסט קענען”!...

גאָטפריד האָט זיך ווידער מילד צעלאַכט.

— אַזוי?... נו, זענען זיי גרויסע ליגנערס, קינד מיינס. אָבער זיי ווילן נישט פיל...

זיי זענען צוגעקומען ביזן שפּיץ פון בערגל. זיי האָבן זיך מיט ליבשאַפט צעקושט. דער קליינער דאָרפס-גייער איז אַוועק מיט זיין

מידן טריט. קריסטאָף איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט און געקוקט, ווי ער דערווייטערט זיך. ער האָט זיך איינגעחזרט דעם פעטערס ווערטל:

— Als ich kann !

און ער האָט אַ שמייכל געטון, טראַכטדיק:

— יאָ, פונדעסטוועגן איז עס גאַנץ גענוג.

ער איז געגאַנגען צוריק צו דער שטאָט. דער טרוקענער שניי האָט געסקריפּעט אונטער זיינע טריט. דער שאַרפער ווינטערדיקער ווינט האָט אויפגעטרייסלט אויפן בערגל די נאַקעטע צווייגן פון די איינגעקאָרטשעטע ביימער. דער ווינט האָט פאַררויטלט קריסטאָפס באַקן, געברענט זיין הויט, געטריבן זיין בלוט. די רויטע דעכער פון די הייזער, אונטן, האָבן געשמייכלט צו דער שיינענדיקער, קאַלטער זון. די לופט איז געווען שאַרף און שווער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די פאַרפרוירענע ערד יובלט פון שטאַרקער פרייד. קריסטאָפס האַרץ איז געווען גליקלעך, ווי זי. ער האָט געטראַכט:

— איך וועל אויך דערוואַכן.

ער האָט נאָך געהאַט טרערן אין די אויגן. ער האָט זיי אויסגעווישט מיט דער האַנט און געקוקט, לאַכנדיק, אויף דער זון, וואָס איז פאַרזונקען געוואָרן אונטערן פאָרהאַנג פון די נעפלען. שניי-באַשווערטע וואָלקנס האָבן זיך געצויגן איבער דער שטאָט, געטריבן פונם שטורעם. ער האָט געמאַכט צו זיי אַ קינדערשע גרימאַסע. דער אייז-קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן...

— בלאָז, בלאָז !... טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט ! טראָג מיך אַוועק !... איך ווייס, וווהין איך גיי.